This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

סאָוועטיש

11

1970

היימלאַנד

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כודעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר

צענטער יאָרגאַנג

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״

מאָסקווע

נאָיאַבער

11

1970

אינהאַלט

זײַט

אף די שפורן פון געשעענעם. ר. קאָראָטקי, מ. סטאַוונייצער. דער העלד פון סאארעמאא; ס. לאַזאַריס. דער גוואַרדייִשער עקיפּאַזש; כ. גאַרמיזע. העניע די סנײַפּערן שפּילט אפן וויִאָלאָנטשעל; נ. אײַזמאַן. בריוו, וואָס ווערן ניט אַלט; מ. קאָזאַטשענקאָ, וו. פּעטראַשאָווא. דער ערשטער סאָוועטן־צוזאַמענפאָר פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט . . . 3

אַרן ווערגעליס. א געזאַנג צו בירָאָבידזשאַן (לירישער רעפּאָרטאַזש) . . . 15

מאָטל טאַלאַלאַיעווסקי. הייסע הערצער (ראָמאַן) . . . 20

80־טער געבורטסטאָג פון לייב קוויטקאָ. לייב קוויטקאָ. פאַרשיידענע לידער; הערש רעמעניק. דיכטונג פון רעוואָליוציאָנערן אומרו . . . 64

הירש רעלעס. גאָלד צעגאָסן האָט די זון (לידער) . . . 75

יעכיעל פאַליקמאַן. פאַרטאָג. — אַש (דערציילונג) . . . 78

פון דער אויסלענדישער ייִדישער דיכטונג. יאָסל גאָלדבערג (בוענאָס־אײַרעס). זײַ מויכל, פאַרברענט פאָלק; דאָרע טייטלבוים (פּאַריז). לאַכן קען א מענטש דאָך בלויז און אַנד. לידער . . . 98

מאָזי קאָבריאַנסקי. די זאַווערוכעס (דערציילונג. סאָף). צייכענונגען פון ג. פּאַנדאַפּולאָ . . . 101

אַלעקסאַנדער לעס. צוויי דאָקטוירים און אַנד. דערציילונגען . . . 139

פיניע קיריטשאַנסקי. צוויי לידער . . . 144

אַמשײַ ניורענבערג. דער ערשטער פּאָרטרעט . . . 145

ליטעראַטור־קריטיק. ביבליִאָגראַפיע. פראַגן פון קונסט

ייִסראָעל סערעבריאַני. ער האָט געקענט די שווערסטע שאָ פאַרגרינגען (צו אַרן גורשטיינס 75־טן געבורטסטאָג) . . . 152

ליטעראַרישער טאָגבוך. וולאַדימיר אָגניעוו. א שמועס וועגן אַלעקסאַנדער בלאָק . . . 156

אַלעקסאַנדער בלאָק. צוועלף (פראַגמענט פון דער פּאָעמע) . . . 160

הערש בעריאָזקין. די פרייד, וואָס באַהערשט אונדז (צו אײַזיק פּלאַטנערס 75־טן געבורטסטאָג) . . . 161

אונדזערע מיטיילונגען. א. פריבלודע. שאָלעם־אַליכעמס צוויי ניט־פאַרעפנטלעכטע בריוו; ל. וואַרשאַווסקי. אויסשטעלונגען פון די ווערק פון ייִדישע מאָלער . . . 167

נאָטיצן פון א ייִדישן בוקיניסט. ל. פּאָדריאַטשיק. „מעשיות ואיגרות“ . . . 173

קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע . . . 175

ביבליִאָגראַפיע. אַבע פינקעלשטיין. ביכער פון ייִדישע שרײַבער, דערשינענע אין די יאָרן 1965—1969 . . . 177

פאַרשיידנס . . . 184

כראָניק . . . 74, 138, 155, 172, 174, 176

פון אונדזער פאָטאָ־אַרכיוו . . . 186

נאָטיצן אפן קאַלענדאַר . . . 188

לאָמיר זינגען נײַע לידער. די ליד פון א שנײַדער. ווערטער פון אַווראָם גאָנטאַר, מוזיק פון לייב יאַמפּאָלסקי . . . 189

מוישע שאַפּיראַ. שמועסן וועגן ייִדישער שפּראַך . . . 191

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס.

רעדקאָלעגיע:

ה. אָשעראָוויטש,

אי. באָרוכאָוויטש,

א. גאָנטאַר, נאָטע לוריע,

מ. לעוו (פאַראַנטוו. סעקרעטאַר),

ב. מילער, י. פאַליקמאַן,

ס. פרײַ, י. ראַבין, ר. רובין.

אויף די שפּורן פון געשעענעם

דער העלד פון סאַאַרעמאַאַ

אַז דו ביסט אַלט סאַכאַקל עטוואָס מער פון צוואַנציק, וועט די גאַנצע ביִאָגראַפיע דײַנע זיך אויסשטעלן אַף צוויי־דרײַ בייגעלעך פּאַפּיר: איינקורצן וועגן טאַטע־מאַמע, עטוואָס וועגן די שולִיאָרן און וועגן די ערשטע טריט אין לעבן. נאָר ווען דו ביסט טאַקע אַלט עטוואָס מער פון צוואַנציק, נאָר דרײַ פון זיי ביסטו געגאַנגען איבער אַן אָפּגרונט אינעם פאַשיסטישן הינטערלאַנד און האָסט געטאָן דאָס, וואָס ס'האָט דיר באַפוילן דאָס היימלאַנד און דײַן אייגן האַרץ, וועסטו אַפילע אַף הונדערטער געדיכט־פאַרשריבענע זײַטלעך ניט אויסשטעלן אַלץ, וואָס איז אויסגעפאַלן אַף דײַן גוירל.

דער מענטש, וועגן וועלכן מיר ווילן דאָ דערציילן, האָט, נאַטירלעך, קיין טאָגבוך ניט געפירט, און די שורעס פון די אָפּגעזוכטע דאָקומענטן זײַנען קאַרג, זייער קאַרג אַף צו באַקומען אַ פאָרשטעלונג וועגן זײַנע העלדישע אופטוען און וועגן זײַן מאַרטירערישן טויט.

איז געקומען דער געדאַנק, אַז וועגן דעם וווּנדערלעכן באָכער פון אונדזער שטאָט, וועגן איינעם פון די העלדן פון סאַאַרעמאַאַ וואָלט מען געקאָנט דערציילן אַף אַ קאָלעקטיוון אויפן: אַ ביסל מיר, אַ ביסל זײַנע קרוֿיוים, זײַנע פרײַנט און כאַוויירים, און אָט אַזוי וועט אָנגעמאָלט ווערן דאָס הערלעכע געשטאַלט פון הענעך כאָדע.

אין 1925 האָט די מישפּאָכע כאָדע (מאַן און ווײַב זײַנען געווען מעדטוער) זיך באַזעצט אינעם דאָרף זעלצי אונטער אָדעס. דאָס דאָזיקע דאָרף מיט זײַנע פעסט אָוועקגעשטעלטע, אַף דורעס אויסגערעכנטע הײַזער, מיט די אַקוראַטע סעדלעך און גערטענער איז געווען דער צענטער פון דעם דײַטשישן נאַציאָנאַלן ראַיאָן מיט די באַוווּסטע אין יענער צײַט קאָלאָניעס זעלצי, קאַנדעש, סטראַסבורג...

די באַפעלקערונג אין זעלצי איז געווען אַ פאַרשיידנאַרטיקע: אָרעמע פויערים, פויערים פון מיטעלן גראַד, און ס'זײַנען אויך געווען באַלעגופים, וואָס ניט ווייניק פון זיי האָבן גאָרניט אַזוי לאַנג צוריק געשלאָגן זיך מיט געווער אין די הענט קעגן דער סאָוועטנמאַכט.

קימאַט איינצײַטיק מיט דער מישפּאָכע כאָדע איז קיין זעלצי געקומען דער קאָמוניסט טשיכאַנסקי. לעאָניד יאַקאָוולעוויטש טשיכאַנסקי איז באַשטימט געוואָרן אַלס פאָרזיצער פון זעלציר ראַיויספּירקאָם. ביידע מישפּאָכעס האָבן זיך גיך באַפרײַנדעט, באַזונדערס זייערע יִינגלעך — הענעך און יאַקאָוו. עמעס, יאַקאָוו איז יִינגער געווען פון הענעכן אַף אַ פּאָר יאָר, נאָר דאָס איז ניט געווען קיין מעניִע, די כעוורע האָבן זיך פּאָשעט צוגעקלעפּט איינער צום צווייטן.

און איצט איז פונקט די צײַט, אַז די ערשטע שטריכן פון הענעכס געשטאַלט זאָל אָנצייכענען טאַקע זײַן מאַמע אַליין, ווערע איסאַקאָוונע כאָד:

— ער איז געווען אַ גוטהאַרציק יִינגל, נאָר דעמלט, ווען ער האָט געהאַלטן, אַז אין עפּעס איז ער דער גערעכטער, פלעגט ער אַרויסווײַזן אַ כאַראַקטער און באַשטיין אַף זײַנס. ניין, דאָס איז ניט געווען סטאַם קיין קינדערישע אַקשאָנעס. איך געדענק, ווי איינמאָל איז הענעך געקומען פון דער שול און זאָגט צו מיר: „דו ווייסט, מאַמע, אָט דאָס נײַע העמדל מײַנס דאַרף איך אָפּגעבן פראַנצן. ער טראָגט אַ געלאַטעט העמדל, און איינציקע כעוורע לאַכן פון אים“. און ער האָט טאַקע אָפּגעגעבן דאָס העמדל, וואָס איז אים אַזוי שטאַרק געווען געפעלן...

די שול, ווו הענעך האָט זיך געלערנט, איז געווען אַ דײַטשישע, כוץ דעם האָט ער קעסיידער זיך געפונען צווישן די קינדער און דערוואַקסענע, בא וועלכע דײַטש איז געווען די מוטערשפּראַך. האָט ער ניט נאָר גלענצנדיק באַהערשט

די דאָזיקע שפּראַך, נאָר ער האָט, ווי זאָל איך דאָס בעסער זאָגן, זיך צוגעוווינט „דענקען" אָף דײַטש. ביכלאל האָט הענעך פארמאָגט געוויסע שפּראַך־פייִקײַטן. ווען מיר האָבן שוין געלעבט אין אָדעס, זײַנען אין האַפן אָנגעקומען שיפן מיט קינדער פון די שפּאנישע רעפּובליקאנער. הענעך האָט טייקעף זיך באפרײַנדעט מיט אָט די כעוורע און זייער גיך באהערשט די שפּאנישע שפּראַך.

ווען הענעך איז א ביסל אונטערגעוואקסן, האָט לעאָניד יאקאָוולעוויטש טשיכאנסקי אים אָפּט פארטרויט דורכקאָנטראָלירן אייניקע אָנקלאָגעס פון די ארבעטנדיקע. און טאקע דאָס, וואָס ער האָט אזוי גוט געקענט די שפּראַך, ווי אויך זײַן גוטהארציקע באציִונג צו מענטשן און זײַן באדאכטקײַט, האָט אים דערוואָרבן אָפּשײַ בא די לאנדסלײַט, זיי האָבן געזען אין אים א יונגנמאַן, פאר וועמען מע קאָן זיך אויסרעדן דאָס האַרץ...

נאָך עטלעכע שטריכן צו הענעכס געשטאלט וועט צוגעבן זײַן שול־כאווער יאקאָוו טשיכאנסקי:

— ס'זײַנען געקומען די זומערדיקע שול־קאניקולן. און הענעך האָט מיך גערופן גיין כאפּן פיש. ווען מיר זײַנען שוין געווען אינמיטן טײַך, האָט הענעך גאָר אומדערווארט גענומען לייענען אָף אויסווייניק לידער אָף דײַטש.

— ווער איז דער אווטאָר? — האָב איך בא אים געפרעגט.

הענעך האָט א שמייכל געטאָן, ארויסגענומען פון דער בוזעם־קעשענע א העפטל, א צונויפגעוויקלטס אין א טרײַבעלע, און עס מיר דערלאנגט. איך האָב איבערגעלייענט: „הענעך כאָד". ס'איז געווען פאר מיר אַן איבערראשנדיקע נײַס.

הענעך האָט א סאך געלייענט, און די ביכער האָבן געוועקט בא אים שיינע, דערהויבענע טרוימען. ער איז געווען א פאנטאזיאָר אין בעסטן זין פונעם וואָרט, אָט פון די, וואָס אין איינעם א שיינעם טאָג, אומדערווארט פאר די ארומיקע, מאכן זיי איבערראשנדיקע אנטדעקונגען. א כאראקטער האָט ער געהאט א פעסטן, נאָר ווען דאָס איז געווען נייטיק, האָט ער געקענט זיך צוימען. אין שול האָבן די כעוורע אים אויסגעקליבן פארן סעקרעטאר פון דער קאָמיוג־אָרגאניזאציע. דאָס איז שוין געווען אין 1935 יאָר, ווען אונדזערע מישפּאָכעס זײַנען אריבערגעפאָרן קיין אָדעס.

אין דער אָדעסער 38־טער מיטלשול, וווּ מיר האָבן געלערנט, האָט מען אלע קעגנשטאנדן אונטעריכט אָף דײַטש, די לערער האָבן גערעדט מיט די שילער אָף דײַטש, דאָס זעלבע האָבן באדארפט טאָן די שילער צווישן זיך. די ערשטע צײַט האָט מען געקוקט אָף דעם, ווי אָף אַן אינטערעסאנטער שפּיל, נאָר אינגיכן איז עס א סאך פון אונדז נימעס געוואָרן, אָבער ניט הענעכן...

א צווייטער שול־כאווער, אנאטאָלי ראפּ, דערציילט וועגן הענעכן:

— דעם צענטן קלאס האָבן מיר פארענדיקט אין פארשיידענע שולן. איך בין אָנגעקומען זיך לערנען אין מעדיצינישן אינסטיטוט, הענעך — אַפן היסטאָרישן פאקולטעט פונעם מעלוכע־אוניווערסיטעט. נאָר לערנען זיך איז אונדז ביידן באשערט געווען ניט לאנג. סאָף 1939 האָבן מיר זיך ווידער באגעגנט. דאָס מאָל — אין איין עשעלאָן. מע האָט אונדז גערופן אָף מיליטער־דינסט, און מיר זײַנען ביידע אָנגענומען געוואָרן אין איין מיליטער־שול, וועלכע האָט געגרייט אוויִא־ספּעציִאליסטן פארן רויטפּאָניקן באלטישן פלאָט. הענעך איז פארעכנט געוואָרן אין א גרופּע, וואָס שטודירט די עלעקטראָ־אויסשטאטונג אָף די פארניכטלער, און איך — אין א גרופּע, וואָס גרייט מעכאניקער פון דער באוואָפענונג אָף באָמבארדיר־אעראָפּלאנען. מיט הענעכן אין איין גרופּע האָט זיך געלערנט דער אָדעסיט ניקיטא זאדאראָזשני.

ניקיטא זאדאראָזשני האָט אינאיינעם מיט הענעכן פארענדיקט די מיליטערישע שול, און זיי זײַנען אָנגעקומען אין איין עסקאדריליע.

— מיר האָבן ביידע פארענדיקט די מיליטער־שול מיט אַן אויסצייכענונג, און דאָס האָט אונדז געגעבן רעכט אליין אויסקלײַבן פאר זיך אַן אוויִא־טייל פונעם באלטישן פלאָט, וווּ מיר ווילן ווײַטער דינען. מיר האָבן געבעטן, מע זאָל אונדז שיקן אין דער באזונדערער אוויִא־עסקאדריליע פון פארניכטלער, וועגן דער דאָזיקער עסקאדריליע האָבן מיר געהערט א סאך גוטס.

די עסקאדריליע האָט זיך דיסלאָצירט ניט ווײַט פון טאלין. איר קאָמאנדיר איז געווען זייער א דערפארענער פּילאָט, דער קאפּיטאַן גאָרבאטשאָוו. אין א צײַט ארום האָט אונדזער עסקאדריליע זיך פארברייטערט און איז געוואָרן אַן אוויִאפּאָלק.

...22 יון 1941, פיר אזייגער פארטאָג, האָט אונדז אופגעהויבן א שלאכט־אליארעם. עס זײַנען אוועק אומרויִקע מיפּולע טעג און שלאָפלאָזע נעכט. אין יול — אווגוסט 1941 האָבן מיר זיך איבערבאזירט אָף דעם אינדזל עזעל (סאארעמאא). פון דעמלט אָן האָב איך הענעכן פארלוירן פון אויג.

אָף צאָפן־מײַרעוו פון דער עסטאָנישער סאָוועטן־רעפּובליק געפינט זיך דער מאָאנזונדסקער ארכיפּעלאג, וואָס באשטייט פון טויזנט אינדזעלעך. די גרעסטע צווישן זיי זײַנען דאגאָ (בייוּר־מאא), מאאָן (מוכו) און עזעל (איצט — סאארעמאא). צוויי מאָל האָט דער מאָאנזונדסקער ארכיפּעלאג פארצוימט דער דײַטשישער ארמיי

דעם וועג. דאָס ערשטע מאָל — ערעוו דער גרויסער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, ווען א פײַער־וואַנט פון דער רוסישער ארטילעריע האָט ניט דערלאָזט די שיפן פונעם קײַזערלעכן פלאָט קיין פעטראָגראַד, און דאָס צווייטע מאָל — אין 1941, ווען אונדזערע מאַטראָסן, ארטילעריסטן און פּילאָטן פונעם ארכיפּעלאַג האָבן אָפּגעצויגן אַף זיך באַדײַטנדיקע קויכעס פונעם סוינע, וועלכער האָט זיך געריסן קיין לענינגראַד.

אין מעשעך פון פערטהאַלבן כאָדאָשים האָבן די קליינע אין צאָל און צעוואָרפענע אַף באַזונדערע אינדזלעך גאַרניזאָנען זיך געשלאָגן קעגן דרײַ פאַשיסטישע דיוויזיעס, וועלכע זײַנען אונטערגעהאַלטן געוואָרן פון ארטילעריע, אוויאַציע און קריגסשיפן. אין די דאָזיקע שלאַכטן האָט זיך באַטייליקט די עסקאַדריליע, ווו עס האָט געדינט הענעך כאַד.

אין איינעם א טאָג איז הענעך געווען אן אייַדעס פון א העלדנטאַט, וואָס עס איז באַגאַנגען זײַן קאָמאַנדיר קאַפּיטאַן איוואַן אילאַריאָנאָוויטש גאָרבאַטשאָוו. דרײַ פאַרניכטלער, בעראָש מיט גאָרבאַטשאָוון, האָבן האַסטיק אַטאַקירט נײַן פאַשיסטישע באָמבאַרדיר־עראָפּלאַנען „יונקערס־88". גאָרבאַטשאָווס דרײַלינג האָט זיך אַרײַנגעשניטן צווישן די פײַנטלעכע עראָפּלאַנען און געצוווּנגען זיי אראָפּצוּוואַרפן די באָמבעס אין יאַם אַרײַן און פאַרקערעווען אַף צוריק. אייך יונקערס האָבן די גאָרבאַטשאָווצעס אונטערגעצונדן. און אָט אין דעם מאָמענט, ווען ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די שלאַכט איז פאַרענדיקט, זײַנען אַף אונדזער דרײַלינג אומדערוואַרט אָנגעפאַלן זעקס פאַשיסטישע פאַרניכטלער. די שלאַכט איז געווען א שווערע. דער קאַפּיטאַן גאָרבאַטשאָוו האָט באַשלאָסן גיין אַף א טאַראַן. די שפּליטערס פונעם צעשמעטערטן ברענענדיקן „מעסערשמידט" זײַנען אראָפּגעפאַלן אין יאַם. אָבער אויך גאָרבאַטשאָווס מאַשין האָט בייסן טאַראַן זיך אָנגעצונדן. דער קאַפּיטאַן, א פאַרוווּנדעטער, אָן אָפּגעסמאַליעטער, האָט באַוויזן ארויסוואַרפן זיך מיט א פּאַראַשוט. מאַטראָסן האָבן אים געפונען און אָפּגעפירט אין שפּיטאָל.

ס'איז שווער איצט צו זאָגן אַף געוויס, וואָס פאַרא אומשטענדן האָבן געהאַט א באַשליסנדיקע ווירקונג אַף הענעכס ווײַטערדיקן גורל. איינס איז קלאָר — סײַ גאָרבאַטשאָווס טאַראַן, סײַ הענעכס באַגעגעניש מיט די העלדישע פּילאָטן פונעם פּאָלקאָווניק יעווגעני ניקאָלײַעוויטש פּרעאָבראַזשענסקי האָבן געהאַט א דירעקטע ווירקונג אַף דעם אויסערגעוויינלעכן באַשלוס, וואָס הענעך האָט אָנגענומען אין די לעצטע טעג פון די שלאַכטן אַפן מאָאָנזונדסקער ארכיפּעלאַג.

אין א באַפעל פאַרן 12 אויגוסט 1941 האָט די היטלערישע קאָמאַנדשאַפט געפאָדערט: „...מיט געמיינזאַמע קויכעס פון דער פעכאָטע, אוויאַציע און קריגס־פלאָט ליקווידירן די מיליטערישע יאַם־ און לופט־באַזעס אַף די אינדזלען דאַגאָ און עזעל. ס'איז דערבײַ באַזונדערס נייטיק צו פאַרניכטן די פײַנטלעכע עראָדראָמען, וועלכע זײַנען באַזעס פאַר די אָנפאַלן אַף בערלין".

דעם 17 סענטיאַבער זײַנען די פאַשיסטן אריבערגעגאַנגען דעם ניט טיפן דורכגוס ווײַקערוויאַין און פאַרכאַפּט א פלאַצדאַרם אַף סאַארעמאַא. און בלויז דעם 6 אָקטיאַבער האָט דער שעף פונעם גענעראַל־שטאַב פון די דײַטשישע יאַבאָשע־קויכעס גענעראַל־פּאָלקאָווניק גאָלדער געקאָנט פאַרשרײַבן אין זײַן טאָגבוך: „אונדזער מיליטער האָט פאַרנומען דאָס אינדזל עזעל". נאָר פאַקטיש האָבן די שלאַכטן אַף עזעל געדויערט נאָך עטלעכע טעג. באַזונדערע גרופּעס סאָוועטישע יאַמלײַט און פעכאָטינער האָבן דורכגעריסן דעם סוינעס רינג, זײַנען אַף שיפן אוועק אין יאַם און זיך דערקלײַבן צום מאַטעריק. דער יינגערער סערזשאַנט הענעך כאַד איז צווישן זיי ניט געווען. ניט געווען איז ער אויך אינעם צעטל פון די דערהאַרגעטע.

ווערע איסאַקאָוונע האָט געשריבן בריוו צו איר זון, נאָר די בריוו האָבן זיך אומגעקערט צוריק. אייגנטלעך, האָט הענעך טאַקע ניט געקאָנט באַקומען דער מאַמעס בריוו, און איבערהויפּט נאָך — ענטפערן אַף זיי. און דאָ מוזן מיר זיך אומקערן צו די געשעענישן אַף סאַארעמאַא זומער 1941.

בייס די פאַרביטערטע שלאַכטן אַפן אינדזל איז דעמאַסקירט געוואָרן איינער אן עריך גאָלדאַטע,

הענעך כאַד

וואָס האָט געדינט די פאַשיסטן, ער האָט, נאַטירלעך, באַקומען דאָס פאַרדינטע. ווען דער אויעזדנער פאַרטיי־קאָמיטעט, בעראָש מיט אַלעקסאַנדער מיכײַלאָוויטש מוי, האָט איבערגעבן מיטן פּאַליט־אָפּטייל פון דעם מיליטער־טייל, וועלכער האָט פאַרטיידיקט סאַאַרעמאַא, געגומען זיך גרייטן אַריבערצוגיין אין אונטערערד, האָט מען פאַרבעטן העגעך כאָד און אים פאַרגעלייגט, ער זאָל אַף א געוויסער צײַט פאַרגעסן זײַן אייגענעם נאָמען, פון איצט אָן איז ער דער „פאַשיסטישער סאַבאָטאַזשניק" עריך גאָלדאַטע. מע האָט אים באַזאָרגט מיט גאָלדאַטעס דאָקומענטן.

אין פּאָליט־אָפּטייל האָט מען געוווּסט, אז הענעך באַהערשט אויסגעצייכנט די דײַטשישע שפּראַך, אז פאַר דעם יאָר, וואָס ער האָט זיך געפונען אין עסטלאַנד, האָט ער זיך אויך אויסגעלערנט גאַנץ פײַן רעדן אַף עסטיש.

עטלעכע טעג פאַר דעם, ווי אונדזערע טיילן האָבן פאַרלאָזט סאַאַרעמאַא, איז דער יינגערער סערזשאַנט הענעך כאָד נעלעם געוואָרן. אינגיכן האָט ער זיך באַוויזן אין איינעם א כוטאָר, און ווען אַפן צווייטן טאָג זײַנען אין אָט דעם כוטאָר אַרײַן די היטלעראָווצעס, איז „עריך גאָלדאַטע" צוגעגאַנגען צו אַן אָפיצער פונעם ווערמאַכט, באַגריסט אים מיט א „הײַל היטלער" און דערציילט, ווער ער איז. ער האָט געבעטן, מע זאָל אים ווײַטער דערלויבן דינען דעם רײַך. אַלץ, וואָס עריך גאָלדאַטע האָט דערציילט וועגן זיך, האָט, באַם דורכקאָנטראָלירן, זיך באַשטעטיקט, און ער איז אינגיכן געוואָרן א מעכאַניקער אַף דעם דײַטשישן אַעראָדראָם אַף סאַאַרעמאַא.

א צוגעלאָזטער און א לוסטיקער, אַן „עכטער דײַטש", וואָס האָט לײַדנשאַפטלעך ליב די טעכניק און איז שטענדיק גרייט אָפּטאָן פאַר א „קאַמעראַדע" א שווער שטיקל אַרבעט, איז דער נײַער מעכאַניקער אַלעמען געפעלן געוואָרן. ער האָט איבערגעמען מיט אַלעמען שטאַרק גענומען זיך צום האַרצן די מאָדנע פּאַסירונגען, וואָס קומען לעצטנס פאָר אַפן אַעראָדראָם. פּילאָטן־אַסן, וואָס אַליין גערינג האָט זיי אָפּגעמערקט מיט די שענסטע אָרדענס, פלעגן פלוצעם, ניט באַווײַזנדיק נאָך אפילע אַף זייערע פאַרניכטלער אַרײַנצוטרעטן אין א לופט־שלאַכט, זיך אופרײַסן אינדערלופטן און פאַרשווונדן ווערן אין די טיפענישן פונעם באַלטישן יאַם. אַפן אַעראָדראָם האָט זיך אָנגעהויבן א „שטילע" פּאַניק. איבערהויפּט נאָך, אז ס'איז שוין דערגאַנגען צו בערלין, און מע האָט טאָג אַף טאָג געוואַרט, ס'זאָל קומען עפּעס א הויכגעשטעלטער עסעסאָוועץ אויסצופאָרשן, וואָס עס קומט דאָ פאָר.

די אויספאָרשונג איז געפירט געוואָרן לויט אַלע פאַשיסטישע קלאָלים: מיט געשריי, מיט דראָונגען. זי האָט אָבער צו גאָרנישט ניט געבראַכט. די געשיכטע מיט די אומגעקומענע בעסטע פּילאָטן איז פאַרבליבן א סאָד. אַגעוו, צווישן די, וועמען מ'האָט פאַרהערט, איז אויך געווען עריך גאָלדאַטע. נאָר וואָס האָט ער געקאָנט וויסן?..

א דערצאָרנטער, האָט דער עסעסאָוועץ גענומען זיך קלײַבן אין וועג אַרײַן, צוריק קיין בערלין. דער אַעראָפּלאַן האָט זיך אופגעהויבן, און... קיין בערלין איז ער ניט דערפלויגן. דער באַלטישער יאַם האָט אים אײַנגעשלונגען איינעם מיטן עסעסאָוועץ, מיט יענעמס פּערזענלעכן פּילאָט, מיט זײַן פּערזענלעכן סעקרעטאַר און מיט זײַנע פּערזענלעכע טשעמאָדאַנעס.

נאָר עמעצער פון דער אַעראָדראָם־קאָמאַנדע האָט געזען עריך גאָלדאַטען זיך דרייען לעבן דעם בערלינער אַעראָפּלאַן. ווידעראַמאָל א פאַרהער, ווידער דראָונגען. אָבער גאָלדאַטע פאַרבלײַבט אינגאַנצן רויִק: מע באַליידיקט אים אומזיסט. אים — א פרײַוויליקן — פאַרטרויט מען ניט?!

ס'איז שווער איצט צו זאָגן, וויאַזוי האָט זיך הענעך כאָדן — „עריך גאָלדאַטען" — אײַנגעגעבן צו פאַרווירקלעכן די דיווערסיעס. ס'איז פאַראַן א האַשאָרע, אז ער האָט אַליין צוגעטראַכט עפּעס א זיכערן מעטאָד אַף דורכפירן דעם אופרײַס, נאָר מער וואַרשײַנלעכער איז די האַשאָרע וועגן מאַגניט־מינעס. ווו האָט ער זיי אָבער גענומען?

אַף סאַאַרעמאַא איז טעטיק געווען אַן אַקטיווע אונטערערד. עס זײַנען דאָ פאַרבליבן א סאַך פאַרטייִשע, סאָוועטישע טוער און אַקטיוויסטן. אָבער קיין פּינקטלעכע ידיִעס, אז דאָס האָבן זיי באַזאָרגט הענעכן מיט מאַגניט־מינעס, זײַנען ניטאָ. ס'איז נאָר באַוווּסט, אז דער מעכאַניקער האָט זיך באַפרײַנדעט מיט דעם עסטלענדישן פּויער אָכאַקאַסן, בא וועלכן עס פלעגן זיך צונויפקלײַבן קאָמיוגיסטן פּאָדפּאָלשטשיקעס. אין שטוב איז געווען א ראַדיִאָ־אופנעמער, האָט מען געהערט מאָסקווע, פאַרשריבן די לעצטע ידיִעס פון פראָנט און מיטגעטיילט וועגן זיי דער באַפעלקערונג.

אין אָנהייב 1942 איז הענעכן געלונגען אופצורײַסן א דײַטשישן אַעראָפּלאַן, אַף וועלכן ס'זײַנען געפלויגן, זאָגט מען, עפּעס גאָר הויכגעשטעלטע פאַשיסטישע אָפיצערן. דער כשאַד איז געפאַלן אַפן יונגן סערזשאַנט, אָבער קיין מאַמאָשעסדיקע באַווײַזן האָבן די היטלעראָווצעס ניט געהאַט, האָט מען אים ניט אַרעסטירט, נאָר באַזײַטיקט פון דער אַרבעט אַפן אַעראָדראָם און אים פאַרעכנט צווישן די פאַרדעכטיקע.

הענעך האָט געמוזט פאַרלאָזן דעם אַעראָדראָם. אין א שטיקל צײַט אַרום באַקאַנט ער זיך מיט דער קאָמיוגיסטקע אײַנאָ אולם.

— אין א ווינטערדיקער נאַכט פון 1942, — דערציילט אײַנאָ אולם, — האָט עמעצער אָנגעקלאַפּט צו אונדז אין טיר. איך בין שטילינקער־

הייט צוגעגאַנגען צום פֿענצטער, זיך צוגעהערט. דאָס קלאַפּן האָט זיך איבערגעכאַזערט.

— ווער איז דאָרט?

— עריך גאָלדאַטע.

דאָס האַרץ איז בא מיר פֿאַרקילט געוואָרן פֿון שרעק. דער נאָמען גאָלדאַטע איז מיר געווען באַקאַנט. ער האָט געטרײַ געדינט די דײַטשן, בײַס די פֿאַרהערן איז ער אָפֿט געווען בא זיי דער איבערזעצער. אין דעקאַבער 1941 האָבן די היטלעראָוויצעס צעשאָסן מײַן זיידן קוסטי. כ'האָב אַ טראַכט געטאָן: נו, איצט איז מען געקומען נאָך מיר. איך דערהער פֿון הינטער דער טיר: „איר דאַרפֿט פֿאַר מיר ניט מוירע האָבן. איך בין דאָ איינער אַליין, און איך מוז אײַך עפּעס זאָגן". איך האָב זיך געהאַלטן אַן אייצע מיט מײַן באָבען, און מיר האָבן אים אַרײַנגעלאָזט אין שטוב. ער האָט אַלץ גענוי וועגן זיך דערציילט און געזאָגט: „אָט איז מײַן דאָקומענט. אין פֿאַל, אויב מיט מיר וועט עפּעס געשען, ביז אונדזערע וועלן זיך אומקערן אַהער. אַז מע וועט זיך אומקערן — צווייפֿל איך ניט. גיב איבער אָט די דאָקומענטן און דערצייל וועגן מיר אַלץ, וואָס דו ווייסט שוין איצט..."

אינגיכן נאָך אָט דער באַגעגעניש האָט מען הענעכן אוועקגעפֿירט אַפֿן האַלב-אינדזל סירווע. קימאַט אַ יאָר צײַט האָב איך וועגן הענעכן גאָרנישט ניט געוווּסט. אין יאַנוואַר 1943 האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ער געפֿינט זיך אין אַ פֿאַשיסטישן לאַגער. אין יענער צײַט האָט די דײַטשישע מאַכט אַף סאַארעמאַא דערלויבט די אָרטיקע אײַנוווינער אָנדינגען די לאַגערניקעס אַף אַרבעט. האָב איך מיט דער באָבען באַשלאָסן בעטן, מע זאָל אונדז דערלויבן נעמען הענעכן צו זיך אַף אַרבעט. ער האָט געלעבט בא אונדז ביז יאַנוואַר 1944...

עלאַ אַלעקסאַנדראָוונא מוי — די אַלמאָנע פֿונעם סעקרעטאַר פֿונעם אויעזדנעם פּאַרטיי-קאָמיטעט אַף סאַארעמאַא — האָט שוין נאָך דער מילכאָמע געשריבן אין אַ בריוו קיין אָדעס צו הענעכס עלטערן: „איך גופֿע האָב הענעכן ניט געזען, נאָר כ'האָב אַ סאַך געהערט וועגן אים פֿון מײַן מאַמען און פֿון אַנדערע מענטשן, וועלכע האָבן געלעבט אַפֿן אינדזל בײַס דער אָקופּאַציע. הענעך האָט אַ סאַך נוצלעכס געטאָן פֿאַר אונדזער היימלאַנד. אַרבעטנדיק אַפֿן אַעראָדראָם, האָט ער ניט ווייניק געוווּסט וועגן די דײַטשישע פּלענער און מיטגעטיילט וועגן זיי דער אונטערערד, ער האָט געוואָרנט די סאָוועטישע אַקטיוויסטן וועגן „די שוואַרצע צעטלען" און וועגן די שטראָף-אַקציעס, וואָס ווערן געגרייט..."

אין דער צווייטער אויפֿלאַגע פֿונעם בוך „העלדן פֿון דער אונטערערד", וואָס עס האָט אין 1968 אַרויסגעלאָזט דער מאָסקווער פֿאַרלאַג פֿאַר פּאָליטישער ליטעראַטור, געפֿינען מיר אַזעלכע שורעס: „ענערגיש און פֿאַרהעלטנישמעסיק לאַנג (קימאַט דרײַ יאָר) איז טעטיק געווען די גרופּע פּאָדפּאָלשטשיקעס בעראָש מיט הענעך כאַד".

וועגן הענעכס ווײַטערדיקן גורל איז באַוווּסט געוואָרן אַדאַנק די באַמיִונגען פֿונעם מיליטערישן היסטאָריקער, קאַפּיטאַן פֿון צווייטן ראַנג יורי איוואַנאָוויטש טשערנאָוו און פֿון אַ ריי אַנדערע כאַווערים, וועלכע האָבן צונויפֿגעזאַמלט אַ רײַכן מאַטעריאַל וועגן סאַארעמאַא אין יענע אומפֿאַרגעסלעכע טעג.

אין 1944 האָט מען הענעכן צום צווייטן מאָל אַרעסטירט און פֿאַרשפּאַרט אינעם קודיעסאַרסקער שלאָס, און סאָף אויגוסט האָט מען אים אינאיינעם מיט אַנדערע פּאָדפּאָלשטשיקעס צעשאָסן באַם ברעג יאַם, אַכצן קילאָמעטער פֿון דער שטאָט קינגיסעפּ...

דעם 29 אָקטיאַבער 1969 האָט הענעכס מוטער ווערע איסאַקאָוונע באַקומען אַ בריוו פֿון עסטלאַנד: „זומער זײַנען מיר געווען אַף סאַארעמאַא, — שרײַבן צו איר אומבאַקאַנטע מענטשן, — מיר האָבן געזען דעם דענקמאָל, וואָס איז אויסגעהאַקט פֿון אָרטיקן שטיין. אין צענטער — אַ קאָפּ פֿון אַ מאַנצביל, וואָס שפּאַרט זיך אָן מיטן קין אין דער רעכטער האַנט. אַף דעם דענקמאָל זײַנען לויטן אַלפֿאַוויט אויסגעקריצט די נעמען פֿון די העלדיש-אומגעקומענע סאָוועטישע פּאַטריאָטן. אין דער פֿערטער שורע פֿון אויבן איז אויסגעקריצט: „הענעך כאַד". און אינדערמיט פֿונעם שטיין: „לעבעדיקע — געדענקט!"

יאָ, מיר געדענקען און וועלן קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן דעם העלדישן באָכער פֿון אונדזער שטאָט!

ראָבערט קאַראָטקי,
מיכאַיל סטאַוניצער

אָדעס

דער גוואַרדייִשער עקיפּאַזש

מיר ברענגען דאָ א פאָטאָ־פּאָרטרעט פונעם מארשאַל פון סאָוועטנפארבאַנד אי. קאָניעוו מיט זײַנעם אַן אויטאָגראַף: „דעם כאַוו. זוסמאַנאָווסקי ז. א. צום אָנדענק וועגן די העראָישע טעג פון דער גרויסער פּאָטערלענדישער מילכאָמע. אי. קאָניעוו. 28 דעקאַבער 1967“. אין דעם דאָזיקן טאָג איז געפײַערט געוואָרן דער 70־טער געבורטסטאָג פונעם מארשאַל. אויף דער צווייטער פאָטאָ איז באַוויזן דער פּרעזידיום פונעם פײַערלעכן יובילײַ־אָוונט אינעם מאָסקווער צענטראַלן הויז פון דער סאָוועטישער ארמיי. באַנאַנד מיטן מארשאַל, פון רעכטס, זיצט דער זעלבער זינאָווי זוסמאַנאָווסקי, וועמען אי. קאָניעוו האָט געשענקט זײַן פּאָרטרעט.

די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד“, וואָס לייענען רעגולער די „פּראַוודע“, האָבן אין דעם צײַטונגס־נומער פון 15 אַפּרעל ד. י. געוויס באַמערקט די פאַרצייכענונג פון יו. זאַכאַראָוו און א. זווערינצעוו „די מאַנשאַפט פון א שלאַכט־מאַשין“. אין דער דאָזיקער פאַרצייכענונג ווערט דערציילט נאָך וועגן אַן אויפשריפט, וואָס איוואַן סטעפּאַנאָוויטש קאָניעוו האָט געמאַכט אויף א באַגריסונגסקאַרטל צו זוסמאַנאָווסקין: „איך ווינטש אײַך, רומפולער טאַנקיסט, געזונט, גליק און אַלדאָס בעסטע. אי. קאָניעוו“.

מיט וואָס זשע האָט עס זינאָווי זוסמאַנאָווסקי פאַרדינט אַזאַ אויפמערקזאַמקײַט צו זיך מיצאַד דעם וועלט־באַרימטן מארשאַל, איינעם פון אונדזערע אָנגעזעענסטע ארמייענפירער? וועגן דעם ווילן מיר דאָ אײַנקורצן דערציילן.

א באַגעגעניש אין צענטראַלן הויז פון דער סאָוועטישער ארמיי מיטן מארשאַל אי. ס. קאָניעוו אין 1967 אין צוזאַמענהאַנג מיט זײַן 70־טן געבורטסטאָג. דער דריטער פון לינקס — מארשאַל קאָניעוו, לעבן אים — זינאָווי זוסמאַנאָווסקי. עס טרעט אַרויס דער קאָמאַנדיר פון דער 6־טער גוואַרדייִשער דיוויזיע, העלד פון סאָוועטנפארבאַנד גענעראַל־מאַיאָר ג. וו. איוואַנאָוו.

...פרילינג 1944. די היטלער־ארמיי, געטריבן פון די סאָוועטישע מיליטערישע קרעפטן, קײַקלט זיך אָפּ אַלץ ווײַטער און ווײַטער אויף מײַרעוו.

אויף איינער פון די הויפט־ריכטונגען, אויפן סאַנדאָמירער פּלאַצדאַרם, אָפּערירט א מאָטאָ־אַרטילערישע גוואַרדיע־אָפּטיילונג. אין דער דאָזי־

קער אָפּטיילונג איז נאָרוואָס געקומען פֿון אַ מיליטערישער שול דער ייִנגערער לייטענאַנט זינאָווי זוסמאַנאָווסקי, וואָס ווערט באַשטימט אַלס קאָמאַנדיר פֿון אַ מאָטאָ־האַרמאַט.

די מאַנשאַפֿט פֿונעם דאָזיקן האַרמאַט איז געווען ניט נאָר אַ קאָמיוגישע, נאָר אויך אַן אינטערנאַציאָנאַלע: דער אָנלאָדער פּעדיע שאַפּאָוואַלאָוו — אַ רוס, דער אָנצילער אַנדריי נאַליאָטאָוו — אַן אוקראַיִנער, דער שאָפֿער־מעכאַניקער אידלאַט גאַליִולין — אַ טאָטער, דער קאָמאַנדיר זינאָווי זוסמאַנאָווסקי — אַ ייִד.

אין אַפּרעל 1945 איז, ווי באַוווּסט, געפֿײַערט געוואָרן דער 75־טער געבורטסטאָג פֿון וולאַדימיר איליטש לענין. וועגן דעם, וויִאַזוי אָט די קאָמיוגישע מאַנשאַפֿט האָט אָפּגעמערקט די גרויסע דאַטע, ווערט דערציילט זייער דײַטלעך און איבערצײַגנדיק אין אַ דאָקומענט פֿונעם שוץ־מיניסטעריום. מיר ציטירן אים וואָרט אין וואָרט:

„פֿון 20 ביז 23 אַפּרעל 1945 זײַנען אַדאַנק דער פּערזענלעכער איניציִאַטיוו, העלדישקײַט און געוואַגטקײַט פֿון דער מאַנשאַפֿט, מיט וועלכער עס האָט אָנגעפֿירט דער ייִנגערער לייטענאַנט ז. זוסמאַנאָווסקי, פֿאַרשאַפֿט געוואָרן דעם סוינע אין ראַיאָן פֿון דער דײַטשישער שטאָט וו. פֿאָלגנדיקע פֿאַרלוסטן:

פֿאַרברענט 2 טאַנקען פֿונעם טיפּ „טיגער“, צעשעדיקט 4 טאַנקען פֿונעם טיפּ „פּאַנטערא“, צעקלאַפּט אַ קאָלאָנע פֿון 50 אווטאָמאַשינעס מיט שלאַכט־מאַטעריאַלן, ברענשטאָף און אַנדערן קריגס־פֿאַרמעגן, פֿאַרניכטעט 4 קעגנטאַנקען־האַרמאַטן מיט די מאַנשאַפֿטן, פֿאַרניכטעט דעם קעגנערס 200 סאָלדאַטן און אָפֿיצערן, דערשטיקט 24 פֿײַער־פּונקטן, און דאָס אַלץ האָט געזיכערט דעם פֿאָרויסמאַרש פֿון אונדזערע טיילן“.

■

אויבן איז דערמאָנט געוואָרן וועגן דער פֿאַרצייכענונג פֿון יו. זאַכאַראָוו און אַ. זווערינצעוו אין „פּראַוודאַ“. מיר וועלן דאָ ברענגען אַ גרעסערן אויסצוג פֿון דער דאָזיקער פֿאַרצייכענונג.

„...אינמיטן אַפּרעל 1945 האָט אַ היפּשע גרופּירונג פֿון פֿאַשיסטן פֿאָרגענומען אַ קאָנטער־אַטאַקע קעגן אונדזער מיליטער אין ראַיאָן פֿון קאָטבוס.

דעם 20 און 21 אַפּרעל איז די 6־טע גוואַרדייִשע שיסער־דיוויזיע פֿונעם גענעראַל־מאַיאָר ג. וו. איוואַנאָוו, וועלכע האָט באַקומען אין איר רעשוס אַן אַרטילערישן מאָטאָ־פּאָלק, אַרײַנגעטראָטן אין אַ פֿאַרביטערטער שלאַכט קעגן דעם סוינעס איבערוועגנדיקע קרעפֿטן. אין אַ מינוט פֿון שטילשטאַנד, אין אָוונט דעם 21 אַפּרעל, איז אין וואַלד פֿאָרגעקומען אַן אָפֿענע פּאַרטיי־פֿאַרזאַמלונג פֿונעם 372־טן פּאָלק.

— אַ שלאַכט שטייט אונדז פֿאָר אַ שווערע, — האָט אונטערגעפֿירט דעם סאַכאַקל דער פּאַרטאָרג, דערציילנדיק וועגן דער סיטואַציע. — נאָר יעדער איינער פֿון אונדז וועט מאָרגן טאָן אַלץ, וואָס עס איז מעגלעך און אוממעגלעך. זאָל אונדזער דערפֿאָלג זײַן די שלאַכט־מאַטאָנע צו לענינס 75־טן געבורטסטאָג.

ס'איז אָנגעקומען דער 22 אַפּרעל. די קאָמיוגישע מאַנשאַפֿט פֿונעם ייִנגערן לייטענאַנט זוסמאַנאָווסקי האָט באַקומען אַן אויפֿגאַבע צו באַגלייטן אַ שטורעם־גרופּע. קאַיאָר איז דער קאָמאַנדיר אַוועק צו דער מאַשין. פֿון ליוק האָט אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ גאַליִולין און ראַפּאָרטירט: „די מאַשין איז גרייט צו דער שלאַכט“. דער עלטערער סערזשאַנט אַנדריי נאַליאָטאָוו האָט קאָנטראָלירט דעם ציל־מעכאַניזם און דעם אומדריי־אַפּאַראַט פֿונעם האַרמאַט. אומגעריכט האָט פֿון די קוסטן זיך באַוויזן פּעדיע שאַפּאָוואַלאָוו, שלעפּנדיק אויף זיך אַ דײַטשישן קוילנוואַרפֿער. ער האָט ראַפּאָרטירט: „דער אָנלאָדער שאַפּאָוואַלאָוו איז צו דער שלאַכט גרייט!“

דער קאָמאַנדיר האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן האַנטזייגער. שוין צײַט! דער מאָטאָ־האַרמאַט מיט די דעסאַנטניקעס, וואָס האָבן זיך אויסגעזעצט אויף זײַן פּאַנצער, האָט זיך לאַנגזאַם גענומען באַוועגן איבערן וואַלד. פּלוצעם האָט אים איבערגעשניטן דעם וועג אַ טיפֿער ריוו. די מאַשין איז געבליבן שטיין. „אַ גוט ערטל פֿאַר אַ פּאַסטקע“, — האָט אַ טראַכט געטאָן דער ייִנגערער לייטענאַנט און טאַקע באַלד דערזען פֿון רעכטס, אינעם נעפּל, דעם סילועט פֿון אַ ריזיקן טאַנק.

נאַליאָטאָוו האָט אויפֿגעכאַפּט אין זײַן ציל־מעכאַניזם אַ גרויען טאַנקען־ריז פֿונעם טיפּ „טיגער“. עס האָט אָפּגעהילכט די קאָמאַנדע, און ס'האָט אַ בליץ געטאָן אַ פֿײַער — אַ סנאַריאַד האָט אַ זעץ געטאָן אינעם פֿאַשיסטישן טאַנק. צום הימל האָט זיך גענומען ציִען אַ געדיכטער רויט־שוואַרצער רויך און אַ פֿלאַם.

דער מאָטאָ־האַרמאַט האָט זיך אַ ריס געטאָן צום אַנטקעגנדיקן ראַנד פֿונעם ריוו, אַ שרעקלעכער קלאַפּ פֿון לינקס האָט אים אָבער אָפּגעשלײַדערט אויף צוריק: עס האָט געשאָסן אַ „פּאַנטערע“, וואָס איז געשטאַנען פֿאַרמאַסקירט אין די קוסטעס.

די מאָטאָרן זײַנען שטיל געוואָרן. אַ סנאַריאַד האָט געטראָפֿן אין די רויפֿן פֿונעם מאָטאָ־האַרמאַט און זיי צעריסן.

זוסמאַנאָווסקי האָט זיך פֿאַרבונדן דורך דער ראַציע מיטן פּאָלק־קאָמאַנדיר און ראַפּאָרטירט וועגן דער געשאַפֿענער לאַגע. דער ענטפֿער איז געווען: „וואַרט אויף די רעמאָנטניקעס“.

— קאָמאַנדיר, — האָט געזאָגט צו זוסמאַנאָווסקין אידלאַט גאַליִולין, — עפּשער וועלן מיר פּרוּוון מיט די אייגענע קויכעס אָנציִען די רויפֿן?

א מאשין, וואָס איז אָפּגערעמאָנטירט אַף אַזאַ אויפן, וועט זיך קאָנען באַוועגן, אָבער עס וועט זי שטענדיק פאַרשלעפּן אין דער זײַט פון די קירצערע רויפן. די אַרטילעריסטן האָבן דאָס פאַרשטאַנען, זיי האָבן אָבער אויך פאַרשטאַנען נאָך אַ זאַך — דאָס איז דער איינציקער שאַנס אַף צו העלפן דער אינפאַנטעריע.

צעקלאַפּט זיך די הענט ביז בלוט, האָבן זיי פאָרט אָנגעצויגן די רויפן. די ריגגען האָבן זיך פאַרייניקט. איצט איז אַלץ געווען אָפּהענגיק פון דער קונסט, וואָס די מאַנשאַפט וועט אַרויסווײַזן.

זוסמאַנאָווסקי האָט איבערגעגעבן אַפן קאָמאַנדע־פונקט, אַז זײַן מאַנשאַפט גייט אין שלאַכט.

דער מאָטאָ־האַרמאַט האָט אַ ציטער געטאָן, האָט אויפגעלעבט, זיך אַ נעם געטאָן עטוואָס אַף לינקס און אַרויסגעריסן זיך פון ריוו. אין דער פאַרטויבנדיקער גריל־צערײַ פון די מאָטאָרן האָט אָפּגעהילכט אַ דונערנדיקער „הוראַ!“ — די פּעכאָטע איז אַוועק אין אַטאַקע. קונציק אַרבעטנדיק מיט די הייבערס, האָט גאַליִולין געפירט די מאַשין מיטן וואַלד־שטעג. עמעס, איר גאַנג איז שוין ניט געווען אַזאַ פלינקער, ווי פריִער, דאָך האָט די מאַשין אַקשאָנעסדיק זיך באַוועגט פאָרויס, געפירט נאָך זיך די סאָלדאַטן.

אַרויסגעשפּרונגען פון וואַלד אַפן וועג, האָט די מאַנשאַפט זיך אָנגעשטויסן אַף דעם סוינעס אַ קאָלאָנע אויטאָמאָבילן און פאַנצער־טראַנספּאָרטיאָרן. שוין מיט דעם צווייטן זאַלפּ האָבן די אַרטילעריסטן אונטערגעצונדן די פירנדיקע מאַשין און איבערגעטראָגן דאָס פײַער אַף דער לעצטער מאַשין. פאַרפּראָפּקעוועט דעם וועג, האָבן זיי גענומען באַשיסן די קאָלאָנע. דער שאַסיי איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שײַטערהויפן.

באַם ברעג וואַלד האָט דער עקיפּאַזש אָנגעהויבן אַ נײַע שלאַכט און אָנגעצונדן נאָך אַ „טיגער“. און ווען דעם סוינעס אַ סנאַריאַד האָט ווידער געטראָפן אין די רויפן פונעם מאָטאָ־האַרמאַט, איז דאָס שוין געווען ניט שרעקלעך, ווײַל זוסמאַנאָווסקיס עקיפּאַזש האָט שוין געהאַט געוווּנען די שלאַכט. די מידע אַרטילעריסטן, דורכגעזאַפּטע מיט פּולווער־רויך, זײַנען אַרויס פון דער מאַשין. פון גאַליִולינס פּאָנעם האָט גערונען בלוט: ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז פאַרווונדעט געוואָרן נאָך אין אָנהייב פון דער שלאַכט“.

זוסמאַנאָווסקי מיט זײַן מאַנשאַפט האָט פאַרענדיקט די מילכאָמע אַף דער טעריטאָריע פון טשעכאָסלאָוואַקיע. די טשעכאָסלאָוואַקישע פרײַנט פאַרגעסן ניט זייערע באַפרײַער. מיט אַ געוויסער צײַט צוריק איז זינאָווי זוסמאַנאָווסקי געווען אין דער טשעכישער שטאָט מאָסט. פאַר וועלכער ער האָט זיך געשלאָגן אין די לעצטע מילכאָמע־טעג. ער האָט זיך דאָרט באַגעגנט מיט זײַן פראָנטכאַווער — מיטן טשעך וולאַדימיר לוקאַשעק.

זינאָווי זוסמאַנאָווסקי

די קאָמיוגישע מאַנשאַפט פונעם מאָטאָ־האַרמאַט געדענקט מען גוט אויך אין טשעכאָסלאָוואַקישן אַרבעטער־שטעטל קאַושע. אַ דעלעגאַציע אײַנוווינער פון אָט דעם שטעטל איז געווען אין לענינגראַד און געקומען צוגאַסט צו זוסמאַנאָווסקין. זינאָווי זוסמאַנאָווסקי איז אײַנגעלאַדן געוואָרן אַף אַ באַזוך אויך אין דער דײַטשישער דעמאָקראַטישער רעפּובליק און אין פּוילן.

ערעוו דעם 25־טן יאָרטאָג פונעם ניצאָכן איבערן פאַשיסטישן דײַטשלאַנד האָט דער מאַרשאַל פונעם סאָוועטנפאַרבאַנד אי. ס. קאָניעוו פאַרבעטן צו זיך זינאָווי זוסמאַנאָווסקין און געהאַט מיט אים אַ לענגערן שמועס. די אויפשריפט אַפן באַגריסונגס־קאַרטל האָט דער מאַרשאַל געשענקט דעם ייִנגערן גוואַרדיע־לייטענאַנט אַף אָט דער באַגעגעניש.

■

ז. זוסמאַנאָווסקיס מאָטאָ־האַרמאַט איז איצט עקספּאָנירט אינעם לענינגראַדער אַרטילערישן מוזיי. אָנהייב מײַ, ערעוו דער יובילײ־פײַערונג פונעם ניצאָכן איבערן פאַשיסטישן דײַטשלאַנד, זײַנען גאַליִולין און נאַליאָטאָוו געקומען צו זייער געוועזענעם קאָמאַנדיר זוסמאַנאָווסקי, קעדיי צוזאַמען פײַערן דעם גרויסן יאָמטעוו. אַלע דרײַ זײַנען קוידעמקאָל אַוועק אין אַרטילערישן מוזיי. מע קאָן זיך פאָרשטעלן זייער פרייד, ווען זיי האָבן אַרום דעם מאָטאָ־האַרמאַט דערזען אַ היפּשן עולעם, וואָס באַטראַכט אים פון אַלע זײַטן און הערט אויס מיט אינטערעס זײַן געשיכטע. דער דעזשורנער אין זאַל האָט טייקעף באַמערקט, ווי באַם עקספּאָנאַט האָבן זיך באַוויזן די העלדן. דאָס איז פאַר אים געווען אַן אָנגענעמע איבעראַשונג — ציִ טרעפט דען אַ מוזיי־מיטאַרבעטער

אָפּט באַנאַנד מיט די מוזיי־רעליקוויעס לעבעדיקע אָנטיילנעמער פון די געשעענישן? דער דעזשורנער האָט פאָרגעשטעלט פאַר די באַזוכער זוסמאַנאָווסקין מיט זײַנע כאַווייִרים, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ לעבהאַפטיקער שמועס.

פון לענינגראַד איז דער דרײַלינג — זוסמאַנאָווסקי, גאַליוּלין און נאַליאָטאָוו — אַוועקגעפאָרן קיין מאָסקווע, וווּהין זיי זײַנען אײַנגעלאַדן געוואָרן אויף דער פײַערונג פונעם גרויסן יאָמטעוו. אין מאָסקווע האָט די גרופּע באַזוכט די רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד“, ווו דער דרײַלינג איז וואַרעם און גאַסטפרײַנטלעך אויפגענומען געוואָרן דורכן רעדאַקציע־קאָלעקטיוו. עטלעכע שעה האָט געדויערט דער געשפּרעך. די געסט האָבן, צווישן אַנדערס, דערציילט, מיט וואָס זיי באַשעפטיקן זיך איצט, אין דער פרידנסצײַט. דער קאָמאַנדיר פונעם מאָטאָ־האַרמאַט ז. זוסמאַנאָווסקי וווינט איצט אין לענינגראַד, ער איז אַ ציין־דאָקטער, דער מעכאַניקער־שאָפער אידלאַט גאַליוּלין איז נאָך דער מילכאָמע אַ לענגערע צײַט פאַרבליבן אין דער אַרמיי, ווו ער האָט געלערנט יונגע טאַנקיסטן די קונסט פון פירן אַ שלאַכט־מאַשין. איצט וווינט ער אין קאַזאַן און אַרבעט אַלס שטעלפאַרטרעטער פונעם דירעקטאָר פון קאַזאַנער ענערגעטישן טעכניקום. דער אָנצילער פונעם מאָטאָ־האַרמאַט אַנדריי נאַליאָטאָוו אַרבעט אויף דער אײַזנבאַן.

סעמיאָן לאַזאַריס
מאָסקווע

העניע די סנײַפּערן שפּילט אויפן וויאָלאָנטשעל

מיט אַ קורצער צײַט צוריק בין איך בײַגעווען אויף אַ קאָנצערט פון זעלבסטטעטיקער קונסט אין אָדעסער פּאַלאַץ פאַר יאַמלײַט. עס איז אַרויסגעטראָטן די וויאָלאָנטשעליסטקע העניע גאַלאָוואַטאַיאַ.

וועגן העניע גאַלאָוואַטאַיאַ גייען אַרום לעגענדעס. די אָדעסער געגנטלעכע צײַטונג „זנאַמיאַ קאָמוניזמאַ“ האָט אין נאָיאַבער 1968 געשריבן, אַז זײַענדיק מילכאָמע־צײַט אַ סנײַפּערן און אַן אויסשפּירערן, האָט זי פערזענלעך פאַרניכטעט 148 פאַשיסטן.

נאָכן קאָנצערט האָב איך זיך באַקענט מיט אָט דער זייער סימפּאַטישער פרוי און לויט איר אײַנלאַדונג געווען אַ גאַסט בײַ איר אין שטוב.

אויסגעהערט העניעס דערציילונג, האָב איך זיך איבערצײַגט, אַז אין דער מיטיילונג פון דער צײַטונג „זנאַמיאַ קאָמוניזמאַ“ איז ניטאָ קיין שום גוזמע.

...נאָך אין די קינדער־יאָרן האָט העניען געצויגן צו מוזיק און צו שיסערײַ־ספּאָרט. אין 1941, ווען עס איז אויסגעבראָכן די גרויסע פאָטערלענדישע מילכאָמע, איז זי אַלט געווען 18 יאָר. זי איז דעמאָלט געווען אַ סטודענטקע אויפן דריטן קורס פון דער אָדעסער אַרבעטער־קאָנסערוואַטאָריע, ווו זי האָט זיך געלערנט שפּילן אויפן וויאָלאָנטשעל. אײַנצײַטיק האָט זי באַזוכט אַ סנײַפּער־שול.

אין די ערשטע מילכאָמע־טעג איז העניע גאָלאָוואַטאַיאַ אַוועק אין קריגס־קאָמיסאַריאַט און געבעטן, מע זאָל זי שיקן אַלס פרײַוויליקע אויפן פראָנט. איר כעזשבן מיטן סוינע אַלס סנײַפּער אין אַ פאַרניכטלער־באַטאַליאָן האָט זי אָנגעהויבן אין ראַיאָן פון דאַלניק. זי האָט אויסגעשפּירט אַ דײַטשישן אָפיצער. זײַענדיק גוט פאַרמאַסקירט, האָט זי אים צוגעלאָזט נאָענט צו זיך און דערשאָסן. ווען זי האָט זיך אָנגעבויגן צו זײַן פּלאַנשעט, איז זי פאַרוווּנדעט געוואָרן אין דער רעכטער האַנט.

נאָכן אַרויסגיין פון שפּיטאָל האָט העניע ווידער זיך אומגעקערט אויפן פראָנט און אָנטיילגענומען אין די שלאַכטן בײַ ראָסטאָוו. דאָ האָט זי אויסגעשפּירט אַ היטלערישן פּאָלקאָווניק (אָבערסט) און אים פאַרניכטעט.

העניעס סנײַפּערישע דערפאָלגן האָבן זיך אַלץ געמערט און געמערט, ביז די צאָל פאַשיסטישע מיליטערלײַט, וועלכע זי האָט אומגעבראַכט מיט איר סנײַפּער־ביקס, האָט דערגרייכט 148. „זנאַמיאַ קאָמוניזמאַ" האָט געשריבן ריכטיק.

די פראָנט־פּרעסע האָט אָפט אָפּגעמערקט העניעס העלדנטאַטן. די צײַטונג „נאַ ראַזגראָם וראַגאַ" פאַרן 29 יוני 1943 האָט געשריבן: „...עס שיסן די קוילנוואַרפערס, ס'גייט אַ הייסע אַרטילערישע דועל. צוזאַמען מיט אַלעמען וואַרפט זיך אין אַטאַקע נאָך גאָר אַ יונגע פרוי, אַ רויט־אַרמייער. דאָס איז העניע גאַלאָוואַטאַיאַ, וועלכע האָט פון די ערשטע טעג פונעם פאַרביטערטן קאַמף קעגן דעם גרויזאַמען סוינע אַרויסגעוויזן העלדישקײַט און דערוואָרבן רום און אַכטונג צווישן די שלאַכטלײַט".

און אָט ליגט פאַר אונדז די רויטאַרמייִשע צײַטונג „באָיעוואַיאַ פּאָדגאָטאָווקאַ" פאַרן 7 מאַרט 1944. דער עלטערער סערזשאַנט העניע גאַלאָוואַטאַיאַ שרײַבט דאָרט: „...מיט פאַרגעניגן דערמאָן איך זיך מײַן נעקאָמע־כעזשבן. מײַן סנײַפּער־ביקס האָט שוין אָפּגעשיקט אויף יענער־וועלט קימאַט אָנדערהאַלבן הונדערט היטלעראָווצעס..."

העניע גאַלאָוואַטאַיאַ איז באַלוינט מיט די אָרדענס „רום" דריטע מאַדרייגע און „רויטער שטערן" און מיט אַ היפּשער צאָל מעדאַלן.

אויפן פראָנט איז העניע פאַרוווּנדעט געוואָרן אין ביידע הענט. געווען צײַטן, ווען זי האָט געמיינט, אַז זי מוז זיך אויף שטענדיק געזעגענען מיטן וויִאָלאָנטשעל, אָבער די מיליטערישע כירורגן האָבן איר אויסגעהיילט די הענט. אומקערנדיק זיך צוריק קיין אָדעס, האָט זי זיך דערוווּסט וועגן דעם טראַגישן גורל פון איר מישפּאָכע: די מאַמע, צוויי שוועסטער מיט זייערע קינדער, אַלע אירע נאָענטע קרויווים, וועלכע האָבן ניט באַוויזן צו עוואַקויִרן זיך, זײַנען אַרײַנגעפאַלן אין דער דאָמאַניאָווקער געטאָ און אומגעקומען אין שווערער פּײַן. צופעליק געבליבן לעבן איז בלויז איר עלטערע שוועסטער שיינדל.

איצט אַרבעט העניע אויף איינער פון די אָדעסער

דער סנײַפּער העניע גאַלאָוואַטאַיאַ

אונטערנעמונגען אַלס אינסטרוקטאָר־מעטאָדיסט פון פיזקולטור. צוויי זין אירע דינען אין דער סאָוועטישער אַרמיי.

איר גאַנצע פרײַע צײַט שענקט זי דער שפּיל אויפן וויִאָלאָנטשעל. אויף די רעפּובליקאַנישע קאָנקורסן פון אינסטרומענטאַלע אָרקעסטערס פאַרנעמט דער וויִאָלאָנטשעליסטן־אַנסאַמבל, וווּ העניע שפּילט, דאָס ערשטע אָרט.

העניע גאַלאָוואַטאַיאַ איז אַ רעקאָרדסמען אינעם שיסער־ספּאָרט. איר געהערט שוין עטלעכע יאָר דער שיסער־רעקאָרד פון אָדעסער געגנט. אין די פאַרמעסטונגען פון דער ספּאָרט־געזעלשאַפט „ספּאַרטאַק" לעקאָוועד דעם 25־טן יאָרטאָג פון אונדזער ניצאָכן איבער די פאַשיסטישע מערדער האָט העניע ווידער פאַרנומען דאָס ערשטע אָרט.

כאַיִם גאַרמיזע

בריוו, וואָס ווערן ניט אַלט

פאַר מיר ליגט אַ בינטל פאַרגעלטע בריוו, בריוו פון די מילכאָמע־יאָרן. ווי פיל זיי האָבן דעמלט באַטײַט פאַר די סאָלדאַטן אויף דער פאָדערשטער ליניע! וויפל וואַרעמקײַט, ליבע, האָפענונג אין זיי איז געווען פאַר די מאַמעס, פרויען, קאַלעס...

דער סאָלדאַט איז אומגעקומען אין שלאַכט, נאָר עס זײַנען פאַרבליבן זײַנע בריוו, און אין זייערע שורעס האָט ניט אויפגעהערט קלאַפּן זײַן האַרץ, עס לעבט אין זיי זײַן געדאַנק, זײַן צאַרטקײַט.

די פאַרגעלטע בריוו, וואָס ליגן פאַר מיר, הייבן זיך אַלע אָן מיט איינער און דער זעלבער פראַזע: „געגריסט זײַ, טײַערע זשעניטשקע", און ענדיקן זיך מיטן זעלבן אונטערשריפט: „דײַן וואָלאָדיע".

ניט לאַנג פאַר דער מילכאָמע איז געקומען קיין ביראָבידזשאַן אַ יונגער זשורנאַליסט וואָלאָדיע שולמאַן. די אַלטע טוישווים פון שטאָט געדענקען אים. ער האָט געטראָגן טונקעלע האָרן־ברילן, געהאַט טונקעלע געקרויזטע האָר, אַ פאַרטראַכטן אויסזען. ער האָט געשריבן לירישע לידער. ער האָט כאַסענע געהאַט פאַר אַ סטודענטקע פון דער ביראָבידזשאַנער פּעדאַגאָגישער שול — זשעניע. באַ זיי זײַנען געבוירן געוואָרן צוויי זין.

עס האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע. אין יולי 1941 יאָר איז שולמאַן שוין געווען אויפן פראָנט. יעדן טאָג פלעגן פון דאָרט, פון סאַמע פײַער, אָנקומען זײַנע בריוו צו דער יונגער פרוי, צו די קליינינקע זין.

װאָלאָדיע שולמאַן

איך װעל קומען, בלויע װעגן
װעלן זײַן מיט שײַן באַגליקט.
כ׳זע, דו גייסט צו מיר אנטקעגן,
פריידן און פרילינג אין דײַן בליק.

די דאָזיקע שורעס זײַנען געװען אין איינעם פון זײַנע בריװ. דאָרט איז אויך געװען א צושריפט: „האַלט זיך, זשעניטשקע. עס איז ניט לאַנג פאַר־בליבן צו װאַרטן".

בריװ זײַנען געװען א סאַך. איך לייען זיי:

„19 אַפּרעל 1943 יאָר. מיר שלאָגן אַפּ באַם סוינע די ערד פון מײַן באַליבטן פּאָעט טאַראַס שעװטשענקאָ. מע װאַרפט מיך אריבער פון איין אָרט אַפן אַנדערן. קיין באַשטענדיקן אדרעס האָב איך ניט. װאָס מאַכן אַרקאַשע און פימע, מײַנע טײַערע זונעלעך, די גװאַרדײיער? היט זיי, זשע־ניטשקע!"

„29 מײַ 1943 יאָר. די געשעענישן יאָגן שנע־לער פון דער װאַסער אין אַמור. איך האָב שוין א נײַעם אדרעס — פעלד־פּאָסט 57263. דער אַד־רעס איז א נײַער, די ארבעט די זעלבע — מיר שלאָגן די פאַשיסטן".

„2 יוני 1943 יאָר. אינגיכן װעלן מיר באַפרײַען אוקראַינע. א גאַראַנטיע דערצו זײַנען די קוילן און סנאַריאַדן, מיט װעלכע מיר האַגלען אָן אופּ־הער אַף די קעפּ פון די פאַשיסטן. װען דו זאָלסט א קוק טאָן, זשעניטשקע, אַף די ערטער, װוּ עס זײַנען דורכגעגאַנגען די דײַטשן, װאָלסטו געזאָגט, אַז דאָ איז דורכגעגאַנגען דער טויט אַליין. באַ־זונדערס איזדיעקעװען זיך די דאָזיקע כײַעס איבער דער יידישער באַפעלקערונג. אַף מײַן כעזשבן האָב איך שוין 64 דערהאַרגעטע פריצן, נאָר דאָס איז ערשט אָן אָנהייב".

דער גװאַרדיע־לייטענאַנט װאָלאַדימיר שולמאַן פירט אָן מיט אַן אָפּטיילונג פון אַװטאָמאַטלער. טאָג־אײַן, טאָג־אויס איז ער אַף דער פאָדערשטער ליניע פּאָנעם צו פּאָנעם מיטן סוינע. נאָר װי אַן עכטער זשורנאַליסט, גלײַך װי עס שטילט זיך אײַן די שלאַכט, נעמט ער אין האַנט דעם בלײַער.

אין די ביראָבידזשאַנער צײַטונגען פלעגן זיך דאַן פון מאָל צו מאָל באַװײַזן שולמאַנס קאָרעספּאָנ־דענצן. און לויט זיי האָט מען דאָ, אין טיפן הינ־טערלאַנד, זיך דערװוּסט װעגן דער העלדישקײַט פון לאַנדסלײַט. אָט איז זײַן נאָטיץ װעגן דעם בי־ראָבידזשאַנער באָכער װאַלערי רימסקי:

„דער װזװאָד, אין װעלכן רימסקי דינט, איז אַן אינטערנאַציאָנאַלער, דאָ זײַנען פאַראַן סאָלדאַטן פון פופצן נאַציאָנאַליטעטן, אַלע לעבן זיי װי איין פרײַנטלעכע מישפּאָכע. יעדערער פון זיי איז גרייט אָפּגעבן פאַרן אַנדערן דאָס לעבן. װען עס איז געפאַלן אין שלאַכט דער קאָמאַנדיר פון װזװאָד דזשאַמבאַבאַדזע, האָט װאַלערי גענומען די אָנפירונג אַף זיך. אַפן אַנדערן טאָג נאָך דער שלאַכט איז רימסקי געקומען צו מיר.

— כאָװער גװאַרדיע־לייטענאַנט, מע האָט מיר געזאָגט, אַז איר זײַט פון ביראָבידזשאַן?

— יאָ.

— אויב אַזוי, זאָגט מיר ניט אָפּ, װי א לאַנדס־מאַן... — און ער האָט פאַר מיר אַרויסגעלייגט דעם פּלאַן פון א דרייסטער אָפּעראַציע.

איך האָב געגעבן מײַן האַסקאָמע. רימסקי האָט דורכגעפירט די דאָזיקע אָפּעראַציע גלענצנד.

דערנאָך איז געװען נאָך א שלאַכט, אין װעל־כער דער װזװאָד האָט געליטן גרויסע פאַרלוסטן. לעבן געבליבן זײַנען בלויז דרײַען. אַף זיי זײַנען געגאַנגען דײַטשישע טאַנקען, נאָך צװיי שלאַכט־לײַט זײַנען אומגעקומען, און רימסקי איז פאַר־בליבן אַליין. דאַן האָט ער מיט גראַנאַטעס אין ביידע הענט זיך א װאָרף געטאָן אונטער א פײַנט־לעכן טאַנק".

יעװגעניע פּאַליקאַרפּאָװנע שולמאַן האָט אויסגע־כאָװעט צװיי זין. אַרקאַדי און יעפים זײַנען א פּינקטלעכע קאָפּיע פונעם טאַטן — די זעלבע טונקעלע געקרױזטע האָר, דער זעלבער רויִקער פּאַרטראַכטער בליק. אַרקאַדי װאָלאַדימיראָװיטש, דער דאָקטער, װאָס אַרבעט אין קאָמסאָמאָלסק־אַפן־אַמור, איז איצט אַלט 31 יאָר, און דער אינ־זשעניער יעפים װאָלאַדימיראָװיטש שולמאַן — 29. ביידע זײַנען זיי שוין איצט עלטער פון זייער פּאָטער, װעלכער איז אומגעקומען צו 25 יאָר. דער טויט האָט אים אַף אייביק פאַרהיט א יונגן.

יעװגעניע פּאַליקאַרפּאָװנע איז א כאָשעװער מענטש אין שטאָט, זי פירט שוין אָן 25 יאָר מיטן סעק־טאָר פון דיסקאָנט און סטאַטיסטיק אין ביראָביד־זשאַנער ראַיקאָם פון פּאַרטיי.

זאָרגזאַם היט זי אָפּ דעם מאַנס בריוו פון פראָנט. זיי זײַנען שוין פון לאַנג געוואָרן א פאַמיליען־רעליקוויע.

נ. אײַזמאַן, ביראָבידזשאַן

דער ערשטער סאָוועטן־צוזאַמענפאָר פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט

דאָס איז געווען דעם 18 דעקאַבער 1934. קיינמאָל האָט דער צענטער פון דער געגנט — ביראָבידזשאַן — ניט אויסגעזען אזוי יאָמטעוודיקשיין, ווי אין אָט דעם טאָג, ערעוו דער עפענונג פונעם ערשטן סאָוועטן־צוזאַמענפאָר פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט. פון די ארומיקע דערפער און ייִשוּווים זײַנען אהער געקומען דעלעגאַטן פונעם צוזאַמענפאָר, 323 בעסטע מענטשן פון די אונטערנעמונגען און אנשטאַלטן. די הויפּט־גאַס פון דער שטאָט, די אָקטיאַבער־גאַס, וואָס ציט זיך פונעם טײַך בירא ביזן וואָקזאַל, האָט זיי מעקאַבל־פּאָנעם געווען מיט טריִומפאַלע ארקעס: „זײַט אונדז ליבע געסט!“.

7 אזייגער אין אָוונט. דאָרט, ווו הײַנט געפינט זיך דאָס הויז פון די פּיִאָנערן, האָט זיך געעפנט דער צוזאַמענפאָר. דער זאַל, באַפּוצט מיט פאָנען, לאָזונגען, טראַנספּאַראַנטן און פּלאַקאַטן, איז פול מיט אוילעם. צווישן די דעלעגאַטן קאָן מען זען די ערשטע בויער פון דער געגנט און אויך דעלעגאַציעס פון די כאַבאַראָווסקער זאַוואָדן, פון א ריי אונטערנעמונגען פון מאָסקווע און לענינגראַד, פון פאַרשיידענע סאָוועטישע רעפּובליקן.

מיט שטאָלץ האָט דער אוילעם אויסגעהערט דעם באַריכט־פאָרטראָג וועגן דערווירטשאַפטלעכער און קולטור־בויונג פון דער געגנט. פאַר זעקס יאָר עקזיסטענץ פונעם ביראָבידזשאַנער ראַיאָן (פון 1928 ביז 1934) איז זײַן טעריטאָריע, וואָס איז פריִער געווען קימאַט ווילדע טײַגע, באַדעקט געוואָרן מיט א היפּשער צאָל אונטערנעמונגען, וועלכע האָבן געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר דער שפּעטערדיקער בויונג. שוין צו דער דערעפענונג פונעם צוזאַמענפאָר האָבן געאַרבעט דער וואַפּנע־זאַוואָד, עטלעכע ציגל־זאַוואָדן, א פאַבריק פון בוי־דעטאַלן, מעבל־אונטערנעמונגען און אנד. אין 1934 האָט די פּראָדוקציע פון די געגנטלעכע אונטערנעמונגען באַטראָפן 7,5 מיליאָן רובל. צו יענער צײַט האָבן אין דער געגנט שוין פונקציאָנירט 43 קאָלווירטן, 3 סאָווירטן, 4 מאַשין־טראַקטאָר־סטאַנציעס. די גערעטעניש האָט דערגרייכט 9 צענטנער ווייץ און האָבער פון א העקטאַר, 80—100 צענטנער קאַרטאָפל. אין יענעם יאָר זײַנען שוין געגאַנגען די לימודים אין דער ביראָבידזשאַנער פּעדאַגאָגישער שול און אין לאַנדווירטשאַפטלעכן טעכניקום, עס האָבן אין שטאָט רעגולער געאַרבעט 4 קינדער־שולן.

זייער אינטערעסאַנט זײַנען דורכגעגאַנגען די דעבאַטן, אין וועלכע עס האָבן אָנטיילגענומען די דעלעגאַטן און געסט. פון דער דעלעגאַציע פון די לענינגראַדער ארבעטער איז ארויסגעטראָטן די אַלטע ארבעטערן ווישנעווסקאַיא, א מיטגליד פון דער פּאַרטיי פון 1905 יאָר. זי האָט אונטערגעטראָגן דער געגנט אלס מאַטאָנע עגבער־ און טאָקער־ווערקשטעלן, טריקאָטאַזש־מאַשינעס. דער פאָרשטייער פון דער טאָטערישער רעפּובליק צוקאַמאַמעטאָוו האָט איבערגעגעבן דעם צוזאַמענפאָר א קאָמפּלעקט אויסשטאַטונג פאַר א צאָןקאַבינעט.

דער זאַל האָט זיך געוויגט פון געלעכטער און פריילעכע אויסרופן, ווען די ביראָבידזשאַנער פישער האָבן ארײַנגעטראָגן א פיש פון 12 פּוד, וועלכן זיי האָבן ארויסגעפאַנגען פונעם טײַך בירא.

מיט באַגריסונגען זײַנען ארויסגעטראָטן די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער פּערעץ מאַרקיש און איזי כאַריק. כאַריק האָט פאַר דער צײַט, וואָס ער האָט געווײַלט אין דער געגנט, אָנגעשריבן די פּרעכטיקע ליד „א נאַכט אין ביראָבידזשאַן“.

דער צוזאַמענפאָר האָט באַקומען הונדערטער באַגריסונג־בריוו און טעלעגראַמעס. צווישן זיי — פונעם ווײַטמיזרעכדיקן קאַנטקאָם פון דער פּאַרטיי און פונעם קאַנט־אויספּירקאָם, פונעם קריגסראַט פון דער באַזונדערער רויטפאָניקער ווײַטמיזרעכדיקער ארמיי, אונטערגעשריבן פון איר קאָמאַנדאַרם, דעם לעגענדאַרן מאַרשאַל וו. ק. בליוכער, פונעם מאָסקווער סאָוועט אא.

דער זאַל האָט געדונערט פון דויערנדיקע אַפּלאָדיסמענטן, ווען עס איז מיטגעטיילט געוואָרן, אז ס'איז אָנגעקומען א באַגריסונג־טעלעגראַמע פונעם צענטראַלן אויספיר־קאָמיטעט פון פססר.

נאָך דער שלוס־זיצונג פונעם צוזאַמענפאָר זײַנען אלע זײַנע אָנטיילנעמער ארויס אין גאַס און זיך אָנגעשלאָסן אין דער מאַסן־דעמאָנסטראַציע.

מ. קאָזאַטשענקאָ,
פאַרוואַלטער פון געגנטלעכן פּאַרטיי־ארכיוו.

וו. פּעטראַשאָווא,
פאַרוואַלטער פון געגנטלעכן מעלוכע־ארכיוו.

ארן ווערגעליס

א געזאַנג צו ביראָבידזשאַן

(לירישער רעפּאָרטאַזש)

1

צי האָב איך דיך אויסגעטראַכט,
צי דו האָסט אויסגעטראַכט מיך, —
דו — אַזאַ גרויסע פּראַכט,
איך — פון דיר בלויז אַ שטריך.
עס לויפן, לויפן די יאָרן,
ס'גייען יאָרצענדליקער אָפּ.
דו ביסט יינגער געוואָרן,
מיר פאַר דיין קאָפּ.
אַזוי לאַנג, ווי כ'וועל זינגען לידער
באַ טײַכן און בערג אָן אַ שיר,
וועל איך ווידער און ווידער
זיך אומקערן צו דיר.
אַזוי לאַנג, ווי כ'וועל זוכן וועגן,
נישטערן דאָ און דאָרט,
וועל איך פונדײַנעטוועגן
היטן געטרײַ דאָס אָרט.

אָפּט כאַפּ איך זיך, ווי אומיסטן,
אַז ס'קריכט ניט אַרויס פונעם קאָפּ
דאָס קינד פון שטעטלשע מיסטן,
וואָס איז אָף דײַן ערד אַראָפּ;
אַראָפּ פון פערד־און־וואָגן —
אָהאַ, אַ פרישקײַט אַזאַ! —
גענומען נעכטיקן־טאָגן
אין שויס פון דײַן טײַגאַ.
ווען ס'מאַזל וואָלט אים ניט פירן
איבער וועגן הין־און־צוריק,
וואָלט געשטאַנען אַצינד באַ דער בירע
זײַן אייניקלס וויג.

עס לויפן, לויפן די יאָרן,
ס'גייען יאָרצענדליקער אָפּ.
דו ביסט יינגער געוואָרן,
מיר פאַר דײַן קאָפּ.

2

צײַט צו זאָגן, כּלעבן,
דאָס וואָרט, וואָס האָט פאַרפעלט.
עס הייבט זיך אָן מײַן לעבן
פון דײַן ערשטן פעלד;
פון די ערשטע פונקען
אין שײַטער בא א שאַלאַש,
פון דעם ביסעלע טונקלען
שטוביקן ערשטן אש;
פון דײַן פּלויט דעם ערשטן,
אַף וועלכן ס׳הענגט „א באַשלוס״.
...באַצווינגען,
באַהערשן
די ווילדקײַט,
דעם זומפּ,
דעם גנוס;
פון דער ערשטער כוואַיע
(א גרינע בעט),
פון כאַלוימעס בלויע,
געבראַכטע פון „אַזעט״.
נייִן, ניט אַזוי־זיך,
ניט בלויז פון האַלץ און פון ליים
בויט מען א גרויסע
היים — „וואַלד־היים״,
מיט בלוט מיט הייליקס,
ניט נאָר מיט שוויס, —
אַרײַן
דו דאַרפסט, ווי א כייַלעק,
אין וואַלד —
אין זײַן שאָטן און שײַן.
און אין בלוט דײַנעם
דאַרף צעגייִן זיך דער וואַלד —
דער גראַזענער, פּוטערנער,
וואָס פול איז מיט גוטס און געוואַלד.
מיט וואָרצלען גיריקע
אַרומכאַפּן דאַרף ער דײַן שטאַם,
און זינגען שירים דיר
דאַרפן די פייגל ניט סטאַם.
ניט בלויז מיט געזאַנגען
פּלאַסטערן דאַרפסטו א וועג,
דײַן פאָלק איז געגאַנגען
מיט מי צום אַמורער ברעג.
נייִן, ניט אַזוי־זיך,
ניט בלויז פון האַלץ און פון ליים,
בויט מען א גרויסע
היים — „וואַלד־היים״.
...איך בין א קינד נאָך,
און ניַי זײַנען סטעזשקעס אין וואַלד:
פון אָסיען — ביז ווינטער,
ביז יונג — פון אַלט.
זאָג מיר, גורילָ,
וואָס וועל איך נאָכדעם טאָן?

ווי לאנג וועט דער כאַלעם דויערן?
און וואָס וועל איך שטעלן אין קאָן?
אַט די ערשטע ברעטער
פונעם טיכאָנקער טראָטואַר, —
פון זיי וועל איך שפּאַנען שפּעטער
איבער פרייד און צאַר.
א דאַנק דיר, סאַפּקע,
פאַרן אָנשפּאַר, דעם פעלדזיקן שטיין,
כ׳קען ארויף־ און אראָפּ־גיין,
ווײַל דו האָסט געלערנט מיך גיין.

איך וועל לויבן און רימען,
ביראָבידזשאַן, דײַן שוווּנג.
דער טאַם פון דײַן לויטערן הימל
ליגט מיר נאָך אויפן צונג.
צי האָב איך דיך אויסגעטראַכט,
צי דו האָסט אויסגעטראַכט מיך, —
דו — אַזאַ גרויסע פּראַכט,
איך — פון דיר בלויז א שטריך.

3

אָפּט כאַפּ איך זיך, ווי אומיסטן,
אַז ס׳קריכט ניט ארויס פונעם קאָפּ
דאָס קינד פון שטעטלשע מיסטן,
וואָס איז אויף דײַן ערד אראָפּ.
אראָפּ פון פערד־און־וואָגן —
אָהאָ, א פרישקײַט אַזאַ —
גענומען נעכטיקן־טאָגן
אין שויס פון דײַן טײַגאַ.
ווען ס׳מאָזל וואָלט אים ניט פירן
איבער וועגן הין־און־צוריק,
וואָלט געשטאַנען אַצינד בא דער בירע
זײַן אייניקלס וויג.

הײַנט טרעפט, אַז מיר שמועסן זיך דורך
אין א מאָסקווער צעך צי אין גאַס:
„ניט קיין אַנדערער — דער לועך
פלאָנטערט איבער די יאָצרעס", — ער שפּאַסט.
„אין לועך שרײַבט מען: ייסראָעל
איז, גאָט צו דאַנקען, פאַראַן,
נאָר עס מאַכט זיך ניט ווויסנדיק קאָהאָל,
אַז פאַראַן ס׳איז ביראָבידזשאַן.
קאַלזמאַן מע רעדט מיט בייזווונדער:
„די געגנט? וואָס דאַרף מען זי גאָר?" —
איז דורך שוין א האַלבער יאָרהונדערט,
יאָ — באַלד ווערט שוין פופציק יאָר,
זינט ס׳האָט קאַלינין מיט כידעש
די נעמען פון טײַכן צוויי
איבערגעזעצט אויף ייִדיש,
צונויפגעפּאָרט ביידע זיי.
אַזוי, אַז אויף יעדן לאָשן
דערגיין זאָל צום פאַרשטאַנד

און מער שוין ניט ווערן פאַרלאָשן

דער נאָמען ב י ר אָ ב י ד ז ש א ן״...

עס פינקלען די אויגן באַם זיידן,

ווײַזט אויס, ס׳איז אים אומרו באַשערט.

ווען איך נעם וועגן טאַכלעס ריידן,

טוט ער א זאָג פאַרקלערט:

„פרעגסט, וואָס איז דער טאַכלעס?

אויב טײַנען אָף צוריק,

איז פאַראַן אין דער געגנט ראַכוועס

פאַר א רעפּובליק.

און וויסן זײַ: ניט אַזוי־זיך,

ניט בלויז פון האָלץ און פון ליים,

בויט מען א גרויסע שן

היים — „וואַלד־היים״.

פאַראַן, כ׳זאָג, גענוג דאָ ראַכוועס

פאַר א רעפּובליק —

דעם פײַנט אָף לעהאַכעס,

דעם פאָלק — צו גליק״...

אָך, זיידע, זיידע — כאָכעם...

אַמאָל געווען א כאַדאָק...

די צײַט האָט אים ניט צעבראָכן,

ניט פאַרטונקלט זײַן טאָג.

איך בין אים אין גאָרניט ניט כוישעד,

כ׳פרעג ניט: „און איר זײַנט ווו?!״

ס׳איז גוט, וואָס הערצער רוישן

און ווילן ניט קיין רו.

ווען ס׳מאַזל וואָלט אים ניט פירן

איבער וועגן הין־און־צוריק,

וואָלט געשטאַנען אַצינד בא דער בירע

זײַן אייניקלס וויג.

4

געקומען א גאַסט צו פליִען,

אין מאָסקווע זיך אָפּגעשטעלט, —

א גאַסט פון מײַן טאָג דעם פריִען,

פון מײַן ערשטן פעלד;

פון די ערשטע פונקען

אין שײַטער בא א שאַלאַש,

פון דעם ביסעלע טונקלען

שטוביקן ערשטן אַש;

פון דעם פלויט דעם ערשטן,

אָף וועלכן עס הענגט „א באַשלוס״:

...באַצווינגען, באַהערשן

די ווילדקײַט,

דעם זומפּ,

דעם גנוס;

מײַן גאַסט ניט צעשיידט זיך

האָט מיטן בירער ברעג,

און ניט אָף א שיידוועג

ער שטייט —

ניין, ער גייט אף א וועג!
ער פירט קיין וויקועד
(די טעמע פאר אים איז צו שמאָל) —
ניט מיטן לועך,
ניט מיט קאָהאָל...

מײַן גאסט איז א ביסל
פארדײַגעט, ווײַל ביראָבידזשאן
(איך מעג עס וויסן!)
האָט הײַנט א שווערן פלאן.
„פרעגסט, וואָס איז דער טאכלעס?
אויב טײַנען אף צוריק,
איז פאראן גענוג ראכוועס
פאר א רעפובליק...
פאראן שוין מערער,
אײדער „וואלד־היים“,
איך מי אין שווערער
וואקסט א היים —
א שטאָט א ניגן,
יישוּווים — ארויס פון טײַגא,
א פארגעניגן
צו כאָוועך א קאנט אזא...
פאראן דאָ ראכוועס
פאר א רעפובליק —
דעם פײַנט אף לעהאכעס,
דעם פאָלק — צו גליק“...

דעם גאסט מײַנעם כ׳וואָלט אומארמען,
איך הער זײַנע רייד געשפאנט
און טראכט וועגן דיר, מײַן ווארעמער
קאנט ביראָבידזשאן.
אזוי לאנג, ווי כ׳וועל זינגען לידער
בא טײַכן און בערג אָן א שיר,
וועל איך ווידער און ווידער
זיך אומקערן צו דיר.
אזוי לאנג, ווי כ׳וועל זוכן וועגן,
נישטערן דאָ און דאָרט,
וועל איך פונדײַנעטוועגן
היטן געטרײַ דאָס אָרט.

מאָטל טאַלאַלאַיעווסקי

הייסע הערצער

ר אָ מ אַ ן

ויש אָפּ די צופּעליקע שטריכן
און וועסט דערזען: די וועלט איז פּרעכטיק.

א. בלאָק

דאָריק

אויב ס'איז אײַך גוט אפן הארצן און איר קוקט אַף דער וועלט מיט ברייט צעעפנטע אויגן, אויב איר פילט זיך יונג, דער הימל איבער אײַך איז ניט פארכמארעט, די וועלט איז אײַך אזוי ליב, אז איר פארטראכט זיך ניט אפילע וועגן דעם, וואָס עס קאָן פאסירן מיט אײַך מאָרגן, און מיט אײַערע נאָענטע — מאָרגן צי איבערמאָרגן, ווײַל איר אליין זענט פארטיפט אין ארבעט, פארנומען, פארפאָרעט, — מיט איין וואָרט, אויב איר זענט, ווי איך, פארליבט אינעם לעבן, אזוי פארליבט, אז מענטשן זײַנען אײַך מעקאנע אַף אײַער מונטערקײַט, אַף אײַער אימפעט, איז בעט איך אײַך, קומט צוזאמען ארויס אפן הויכן בארג, וואָס האָט זיך ווער ווייסט ווען א הייב געטאָן איבערן דניעפּער און, אַף כידושים, פארפוצט זיך אין א גרינעם קלייד פון יונגיטשקע ווערבעס, אלטע טאָפּאָליעס און גאָר אלטע מעכטיקע דעמבעס.

קומט, איך בעט אײַך, מיט מיר צוזאמען אַף יענעם בארג, צו יענעם צווישטאָקיקן פעסטן מויער, וואָס האָט זיך באהאלטן אינעם רײַכן סאָד, ווו עס וואקסט קאָלערליי אויבס — עפּל און בארן און שאָלקאָוויצעס, וואָס פאלן מאמעש אין מויל אריַין און זײַנען זיס — א מעכײַע!

די עפּל און די באַרן באַווײַזן ניט צײַטיק צו ווערן, ווײַל באַ די צוויי הונדערט סטודענטן, וואָס באַווינען דעם צווישטאָקיקן מויער, סטײַעט ניט קיין געדולד צו וואַרטן, ביז באַ די עפּל וועלן רויט ווערן די בעקלעך און די באַרן וועלן פון גרין ווערן געל.

א ווערטעלע — צוויי הונדערט סטודענטן!

אַמאָל האָט דער מויער געהערט אַ באַוווּסטן גראַף. היינטיקע פּאַרקנס האָבן אים אָפּגעצאַמט פון דער אַרומיקער וועלט. גרויסע הינט האָבן אָפּגעהיט יעדער ווינקעלע פונעם ראַכוועסדיקן גראַפישן הויף. היינט די שטרענגע דינער אין די ליווריעס, די בערדיקע וועכטער, וואָס זײַנען גרייט געווען האַרגענען יעדן איינעם, ווער עס פלעגט ריזיקירן אַריבערקריכן דעם הויכן פּאַרקן, קעדיי פּאַרזוכן אַן עפּל צי אַ באַר...

איצט, פאַרשטייט זיך, זײַנען שוין די פּאַרקנס קיין פּאַרקנס ניט, די מעשאַרסים זײַנען אַנטרונען געוואָרן, געבליבן איז בלויז דער טויער. אָף זײַנע טשוהונענע פּרענטעס זײַנען צוגעשמידט צוויי אָדלערס מיט צעשפּרייטע מעכטיקע פליגל. עס דאַכט, אַז זיי ווילן אוועקפליִען פונדאַנען, נאָר — אַ נעכטיקער טאָג! — דער טויער לאָזט ניט אָפּ! די אָדלערס — דאָס איז דער איינציקער אָנדענק פון דעם, אַז דאָ איז אַמאָל געווען באַלעבאָס איינער פון דער ראַמאַנאָוופאַמיליע.

אַלע מאָל, ערעוו דעם נײַעם לערניאָר, ווערט דער טויער געפאַרבט אין טונקל־גרינעם קאָליר. איצט איז רעכטער זומער — יוני. אָף איינעם פון די אָדלערס מיט די צעשפּרייטע פליגל האָט מען אופגעהאַנגען אַ גרויסן פּלאַקאַט. עמעצער האָט מיט געשמאַק אָנגעמאָלט אַ צעעפנטן בוך און איבער בײדע צעעפנטע בלעטער מיט פּאַרשיידנקאָליריקע בוכשטאַבן אויסגעשטעלט אַ מעלדונג, וואָס האָט געלאָזט צו וויסן:

„הײַנט, דעם זעקס־און־צוואַנציקסטן יוני, וועט פּאַרקומען
אַן אַרויסלאָז־אָוונט. נאָך דעם פײַערלעכן טייל —
אַ קאָנצערט. נאָך דעם קאָנצערט — טענץ".

טענץ! פאַרשיידענע טענץ זײַנען פאַראַן אָף דער וועלט — טענץ אין טעאַטער, טענץ אָף באַסענעס, טענץ, ווען אַ מיליטערישער טייל שטעלט זיך אָפּ אָף אַ פּריוואַל. נאָר קיין איינעם פון זיי קאָן מען ניט פאַרגלײַכן מיט די טענץ פון אַ סטודענטישן אַרויסלאָז־אָוונט. ווער ווייסט, צי עס וועט נאָך אויסקומען וועןס־ניט־איז באַגעגענען זיך ווידער? איז טאַנצט מען, ווי סטודענטן קאָנען!

אין אַ ווינקל פונעם פּלאַקאַט איז טאַקע אויסגעמאָלט אַ פּאָרל, וואָס איז שיקער פון היספײַלעס — מע טאַנצט אַ געזעגענונגס־טאַנץ.

ווער האָט דאָס געמאָלט דעם פּלאַקאַט?

איר פאַרשפּאָרט עס פרעגן — דאַדיק. דאַדיק קאָמאַראָוו!

איר קענט ניט דאַדיקן? אין טעכניקום, ווו עס לערנען זיך צוויי הונדערט סטודענטן, זײַנען פאַראַן אַזעלכע, וואָס ניט קענען זיי איז אומעגלעך. דער איז אַ באַרימטער שאַכמאַטיסט, דער — אַ טשעמפּיאָן פון באַסקעטבאָל, דער — אַ באַגאַבטער דיכטער. און דאַדיק איז אַ מאָלער.

דאַדיק קאָמאַראָוו האָט זיך ניט געגרייט צום אַרויסלאָז־אָוונט. ער האָט געוווּסט, אַז פריִער אָדער שפּעטער וועט אים אויסקומען, ווי דער מערהײַט סטודענטן, צונויפנעמען זײַן האָב־און־גוטס, וואָס באַשטייט דעריקערשט פון עטלעכע אַלטע ביכער און פאַרשריבענע העפטן, באַ אים, באַ דאַדיקן, — אויך פון די מער געלונגענע עטיודן, אײַנפּאַקעווען דאָס אין זײַן היפּשן טשעמאָדאַן — אַ מאַטאָנע פון איינער אַ סטודענטקע, וואָס האָט פּאַראַיאָרן כאַסענע געהאַט מיט אַ סאָלידן וויסנשאַפטלער און האָט אירע מאַלבושים אײַנגעפּאַקעוועט אין אַ לעדערנעם קופער. דעם אָפּגעוואָרפענעם טשעמאָדאַן, וואָס יענע סטודענטקע האָט מיט זיך געבראַכט פון דאָרף, האָט זי ניט געוווּסט וווּ אַהינטאָן.

— נעם אים, דאַדיק, אַלס אַן אָנדענק פון מיר...

— אַ דאַנק, — האָט דאַדיק געענטפערט, — דאָס איז טאַקע דאָס טײַערסטע, וואָס דו קאָנסט לאָזן אַלס אָנדענק וועגן זיך.

דאַדיק ווייסט שוין, וווהין מע שיקט אים, וואָס עס דערוואַרט אים.

אייניקע סטודענטן האָבן געוואָלט, מע זאָל זיי שיקן אַהין, פונוואַנען זיי זײַנען צוריק מיט דרײַ יאָר געפאָרן זיך לערנען, — צו זיך אין ראַיאָן, אין ביבליאָטעק, אַנדערע האָבן גראָדע ניט געשטרעבט אומקערן זיך אַהין, ווו מע איז אויסגעוואַקסן. פאַר דאַדיקן זײַנען אָט די בײדע פּראַגעס ניט געשטאַנען. זײַן היים איז געווען אומעטום, ווײַל ער האָט, אייגנטלעך, ניט געהאַט קיין קרויווים, ניט קיין היים.

דאַדיקס קינדהײַט איז געווען אזוי ווײַט פון אים און פאַרהילט אין אזעלכע נעפּלען, אז ווען עמעצער פלעגט נעמען דערציילן וועגן דעם ווונדערלעכן טײַך, צי וועגן דער גרינער לעוואַדע אין דאָרף, צי אין שטעטל, ווו מע האָט געלעבט אין די גליקלעכע קינדער־יאָרן, פלעגט דאַדיק א טיפן זיפץ טאָן און זאָגן שטיל:

— נו, און אויב א מענטש האָט ניט קיין אייגענעם טײַך, צי קיין אייגענע לעוואָדע, איז וואָס? אָט איך, צום בײַשפּיל... איז וואָס?

דאַדיקס קינדהײַט איז געווען צו שווער און ביטער, ער זאָל זיך באַרימען מיט איר. אין זײַן זיקאָרן פלעגט אָפּט אופשווימען יענער ווײַטער פרימאָרגן, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע. דער טאַטע איז געווען א קאָמאַנדיר פון א גרענעץ־זאַסטאַווע... אַלץ איז געשען פלוצעמדיק, אומ־געריכט.

עס טרעפט, ווען דאַדיק לייענט א בוך, ווו עס ווערט באַשריבן דער ערשטער מילכאָמע־טאָג, טוט ער בלויז א שאָקל מיטן קאָפּ: „ניין, ס'איז געווען א סאַך שרעקלעכער"... און ווען ער גייט אין קינאָ צי אין טעאַטער, ווו מע באַווײַזט יענע צײַט, טראַכט ער: „אַלץ איז געווען א סאַך שווידער־לעכער!"

מער פון אַלץ האָט זיך אים אײַנגעקריצט אין זיקאָרן דער שטויב... ער האָט זיך דעמלט אופ־געהויבן ביז צום הימל, דער שטויב, צוזאַמען מיט דעם האַרצרײַסנדיקן געשריי פון די פרויען און קינדער, וואָס האָבן ניט געוווסט, וווהין זיך אַהינטאָן.

און נאָך האָט זיך דאַדיקן אײַנגעקריצט אין זיקאָרן די ערשטע נאַכט, ווען ער האָט געפונען זײַן מאַמע, וועלכע ער האָט געזוכט א גאַנצן טאָג. ער האָט זי געפונען ליגן אָף דער ערד, צווישן אָנגעוואַלגערטע ציגל, לעבן א צעבראָכענעם בוים. זי האָט פאַנאַנדערגעוואָרפן די הענט און מיט פאַרגליווערטע אָפענע אויגן געקוקט אין הימל. איינער א מיליטערמאַן האָט אים גענומען אָף די הענט און אוועקגעטראָגן צו עפּעס א לאַסטמאַשין, ווו עס זײַנען שוין געווען אזעלכע ווי ער, דער־שראָקענע און אומבאַהאָלפענע קינדער פון זייער זאַסטאַווע.

דערנאָך איז מען ערגעץ געפאָרן — אָף א מאַשין און אָף א טראַסקענדיקן וואָגן, דערנאָך ווידער אָף א מאַשין, ביז מע האָט זיך אַרײַנגעזעצט אין א וואַגאָן מיט גאָר א קליין פענצטערל אין דער הייך, באַם סאַמע דאַך. אײנעם פענצטערל האָט די גאַנצע צײַט אַרײַנגעקוקט די לעוואָנע מיט עטלעכע שטערן, די שטערן האָבן געציטערט, געווימלט, געפינקלט...

דערנאָך האָט מען זיי אַלעמען, די קינדער פון דער זאַסטאַווע, אײַנגעאָרדנט אין א קינדער־היים. מע האָט זיי אויסגעבאָדן, אָנגעטאָן פרישע קליידער, געשפּײַזט, געלערנט...

די ראַדיאָ פלעגט אַלע טאָג ברענגען נײַע ידיעס פונעם פראָנט. דאַדיק האָט געזען, ווי על־טערע מענטשן פלעגן זיך פאַרזאַמלען לעבן א גרויסן הויכריידער, וואָס איז געהאַנגען אפן ראָג פון דער נאָענטער גאַס, און זיך צוגעהערט, וואָס מע גיט איבער פון מאָסקווע. דאַדיק האָט, ווי אַנדערע, געסטאַרעט זיך דערהערן — עפּשער וועט מען עפּעס־וואָס איבערגעבן וועגן זײַן טאַטן, דעם קאָמאַנדיר... כאָטש סײַ־ווי־סײַ וואָלט ער ניט פאַרשטאַנען, ווײַל די פאַמיליע פון זײַן טאַטן האָט ער פאַרגעסן, צי עפּשער סטאַם ניט געוווסט.

אין קינדערהיים איז געווען זייער א גוטער לערער. קאָמאַראָוו. און ווײַל ער האָט שטאַרק ליב באַקומען דעם שוואַרצכיינעוודיקן דאַדיקן, האָט דער לערער אים געגעבן זײַן פאַמיליע — קאָמאַראָוו.

הײַנט ענדיקט שוין קאָמאַראָוו דעם טעכניקום. ס'איז אים אַלציינס, וווהין מע וועט אים שיקן. נאָר אויב דאַדיקן איז קיין נאָפּקעמינע, וועלכער עס וועט זײַן דער מאָרגעדיקער אדרעס זײַנער, איז אָבער וואַליע רובטשיק — זײַן כאַווערטע, מיט וועלכער דאַדיק איז קנאַפּע דרײַ יאָר אָפּגעזעסן באַ איין טיש און אָפּט געליינענט מיט איר פון איין בוך. איר, דער באַשיידענער און ווילער וואַליע רובטשיק, איז ניט אַלציינס, וווהין עס וועט זיך אוועקשלענגלען זייער ווײַטער־דיקער וועג.

נאָך אין אָנהייב מײַ איז וואַליע געקומען צו פעלדבלומען — דעם דירעקטאָר פון טעכני־קום — אין זײַן ליכטיקן קאַבינעט. פינכוס אבראַמאָוויטש איז איר געגאַנגען אַנטקעגן, געבעטן, זי זאָל זיך זעצן לעבן דעם ברייטן שרײַבטיש, וואָס איז פאַרוואַלגערט געווען מיט פאַפּקעס, פאַ־פירן און לערנביכער.

— איר פאַרשטייט, פינכוס אבראַמאָוויטש...

— לאָמיר זיך פאַרשטעלן, אז איך פאַרשטיי. ווײַטער?

— ווײַטער? ווײַטער דאַרפט איר באַם פאַנאַנדערטיילן אונדז אָף אַרבעט ניט פאַרגעסן, פינכוס אבראַמאָוויטש... מיט איין וואָרט — געדענקען... — דאָ האָט באַ וואַליען געפעלט א ביסל לופט, און זי האָט זיך אָפּגעשטעלט איבערכאַפּן דעם אָטעם. און ווען זי האָט מיט איר אויסגע־

נייט טיכעלע ארומגעווישט דעם שוויס, וואָס האָט באַדעקט איר שטערן, האָט זי שעמעוודיק, וואָס דאָס האָט איר לאַכלוטן ניט געפּאַסט, קוים ארויסגעבראַכט:

— איר דאַרפט געדענקען, אַז איך און דאַדיק... נו, איר ווייסט דאָך...

— גוט, — האָט פעלדבלום געענטפערט, — מיר וועלן נעמען אין אכט און מיר וועלן געדענקען...

א גליקלעכע איז וואַליע רובטשיק ארויסגעגאַנגען פונעם קאַבינעט און האָט א שײַנענדיקע א ווונק געטאָן צו דאַדיקן, וואָס האָט געוואַרט אַף איר:

— אין אָרדענונג... ער האָט צוגעזאָגט. אַלץ וועט זײַן אין אָרדענונג!

עליע

אַף איינער פון די צענטראַלע גאַסן פון דער שטאָט, וואָס איז מאַמעש אײַנגעטונקען אין גרינס, שטייט א שיין דרײַשטאָקיק הויז. אַפן צווייטן שטאָק, אין דער וווינונג נומער 5, לעבט א באַשיידענע מישפּאָכע — דעם געוועזענעם שלאָסערס מייער קירשטיינס פרוי מיט איר זון עליע. מייער איז אומגעקומען אַף דער מילכאָמע. אַמאָל פלעגן פון די ברייט צעעפנטע פענצטער פון דער פינפטער וווינונג זיך דערטראָגן פרייליכע לידער, עס פלעגט שפילן מוזיק.

— א גליקלעכע מישפּאָכע, — האָבן געוויינלעך גערעדט די שכיינים, — דער טאָג הייבט זיך בא זיי אָן מיט געזאַנג און פאַרענדיקט זיך מיט געזאַנג.

— פרייליכע קאַפּצאָנים!

— וואָס עפּעס קאַפּצאָנים?! ניט אָרעמער און ניט רײַכער פון אַנדערע!

דער הויכער, עטוואָס סוטולעוואַטער מעכאַניקער פונעם מאַשינבוי־זאַוואָד, מייער קירשטיין, האָט זײַן גאַנץ לעבן אָפּגעלעבט אין דעם מויער. די קינדער־יאָרן זײַנען פאַרבײַ אינעם טונקעלן קעלער...

— ס'א סוואָרע, אַז אין קיוווער איז א סאַך ליכטיקער, ווי בא אונדז אין פּאָדוואַל, — פלעגט זאָגן דער בלייכפּנעמדיקער עליע קירשטיין, מייערס טאַטע, וואָס האָט דאָס גאַנצע לעבן זיך גע־קלאָגט אַף די פיס. — וואָס קומט מיר ארויס, אויב איך ווייס שוין, אַז די קרענק הייסט רעוומאַ־טיזם? דערפון איז מיר ניט גרינגער.

דער קראַנקער עליע האָט שפּעטער־צו באַקומען אויך א יאַדעשליוון הוסט און איז גע־שטאָרבן, ניט דערצײַענדיק צו פופציק.

— באַשערט איז באַשווערט, — האָט געזיפצט די שנור זײַנע, ראַכילקע, וואָס איז פרי גראָוו געוואָרן, — נאָר אַז מע וויל צוריק, איז בעסער ליגן רויִק אין קיוווער, איידער לעבן אין אַזא קעלער.

ראַכילקע איז א מײַסטער אין דער ניי־פאַבריק. יונגערהייט איז זי געווען שיין, אַז מע האָט איר אין פּאָנעם ניט געקאָנט ארײַנקוקן. מייער קירשטיין האָט בא זײַן טאַטן געיאַרשנט דעם רעוו־מאַטיזם — זײַנע פיס זײַנען אויך געווען א מין באַראָמעטער, וואָס פלעגט פאָרויסזאָגן א רעגן און א שניי. בא אים האָבן אויך געטרערט די אויגן און א ביסל האָט ער אונטערגעהוסט, אָבער דאָס האָט אים ניט געשטערט אין 1918 יאָר צוזאַמען מיט די אַרסענאַלצעס גיין אין שלאַכט קעגן די הײַדאַמאַקעס. ווען מע האָט אין א יאָר ארום דורכגעטריבן דעם באַלעבאָס פון דעם שיינעם דרײַשטאָקיקן מויער, האָט דער קאָמבעד באַשטימט אריבערפּעקלען די אַרבעטער־פאַ־מיליע אין דער פינפטער וווינונג.

— זאָלן די קירשטיינס אויך האַנאָע האָבן פונעם לעבן!

פון דעמאָלט אָן האָט זיך טאַקע ארײַנגעקליבן אין דער דאָזיקער וווינונג דאָס געזאַנג, וואָס פלעגט מאַמעש פרייען דאָס האַרץ.

מייער קירשטיין האָט געהאַט א נידעריקע, עטוואָס הייזעריקע שטים. ער פלעגט אַראָפּ־נעמען פון דער ווײַס־אויסגעקאַלכטער וואַנט די אַלטינקע גיטאַרע, וואָס האָט אַמאָל נאָך גע־הערט דעם טאַטן, און מיט האַלב צוגעמאַכטע טרערנדיקע אויגן צעזינגען זיך. ראַכילקע האָט ליב געהאַט זײַן שפילן און זײַן זינגען. אָפטמאָל, קיינער זאָל ניט זען, פלעגט זי לאָזן א טרער,

ווײַל וואָס, אשטייגער, וואָלט גאָט געאַרט, ווען איר מייערקע זאָל געווען פאַרענדיקן דעם אַרבע־פאַק, ווו ער האָט צוויי יאָר געלערנט און געטרוימט צו ווערן דער ערשטער אינזשעניער אין זײַן מישפּאָכע? און, אין ערגסטן פאַל, אויב שוין ניט קיין אינזשעניער, איז אַן אַרטיסט...

די דאָקטוירים האָבן אים אָבער פאַרבאָטן צו לייענען, ער האָט געמוזט פאַרלאָזן דעם אַרבע־פאַק און צעשיידן זיך מיט דעם טרוים צו ווערן אַ מענטש מיט אַ דיפּלאָם, ווי דער טאַטע פלעגט זאָגן — אַ געקאָנטשעטער.

ראַכילקע איז געווען אַ פּאַשעטע נייטערן — אַזוי, יעדנפאַלס, פלעגט מען זאָגן וועגן איר. אַ פּאַשעטע נייטערן און אַ פלאַמיקע קאָמסאָמאָלקע, אַן אַקטיוויסטקע. אין איינעם אַ זומער האָט מען זי געשיקט אין אַן אַפּרו־הויז, וואָס איז געשטאַנען באַם סאַמע ברעג פון אַ בלויער טיפער אָזערע. לעם דעם אַפּרו־הויז פון די שנײַדער איז געווען נאָך אַן אַפּרו־הויז — פון די מעטאַליסטן, ווו עס האָט אין דער צײַט אָפּגערוט מייער קירשטיין.

איינמאָל פאַרנאַכט, ווען די זון האָט זיך געזעצט אין וואַלד פון יענער זײַט אָזערע, האָט מייער דערהערט אַ האַרצרײַסנדיק געשריי. ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אין וואַסער, דערבײַ האָט ער פאַרלוירן די ברילן, און אַן זיי איז ער ווי אַ בלינדער, נאָר ער האָט אַלציינס זיך געלאָזט שווימען אַהין, פונוואַנען עס האָבן זיך דערטראָגן קולעס: ראַטעוועט!

געשריגן האָט טאַקע ראַכילקע די נייטערן, וואָס איז שוין אין בײַדע אַפּרו־הײַזער באַוווּסט געווען אַלס אַ טענצערן און אַ שווימערן. זי האָט זיך פאַרוועט, אַז זי וועט אַהין און צוריק אַריבערשווימען די אָזערע. אָן אַן איבערײַס! אַלץ איז געווען גוט, נאָר אַפּצוריקוועגס איז זי אַרײַן אין אַ קאַלאָוואָראָט, עס האָט זי אָנגעהויבן דרייען און זי איז שיר ניט דערטרונקען געוואָרן.

מייערקע האָט זי באַוויזן אָנכאַפּן פאַר דעם קורץ־געשוירענעם קאָפּ האָר און איז שיר ניט דערטרונקען געוואָרן מיט איר צוזאַמען. לאַנג האָט געדויערט דאָס ראַנגלעניש מיטן וואַסער־געדריי, נאָר מייערקען איז דאָך געלונגען צו ראַטעווען דעם מאַזיק — אַזוי פלעגט מען זי רופן, ראַכילקען.

— אייגנטלעך, האָב איך דיך געראַטעוועט טאַקע צוליב זיך, — פלעגט דערנאָך, ווען מע האָט שוין כאַסענע געהאַט, שפּאַסן מייער, — ווען ניט, וואָלט איך דען זיך געלאָזט דער טײַוול ווייסט וווהין און נאָך אָן די ברילן?

אין אַ יאָר אַרום איז באַ זיי געבוירן געוואָרן אַ מיידעלע. איר איז, ווי־עס אויס, ניט באַ־שערט געווען צו זײַן געראָטן ניט אין ראַכילקען דער שיינער און ניט אין מייערקען דעם זיב־גער, האָט זי גאָר גענומען און איז אויסגעשטאָרבן פון אַ פאַרקילונג. דערפאַר איז אָבער שפּעטער געבוירן געוואָרן אַ זון, וואָס איז, ווי די מאַמע זײַנע, ראַכילקע, געווען שיין און כיי־נעוודיק, און ווי דער טאַטע זײַנער, מייער, שטיל און באַשיידן. די האָר — געקרײַזלטע, ווי באַם טאַטן, די אויגן — בלויע, ווי באַ דער מאַמען. און אָנגערופן האָט מען אים מיטן זיידנס נאָמען — עליע.

— וואָס עפּעס עליע? — האָט זיך געכידעשט ראַכילקע, — קאַרג שיינע נעמען זײַנען פאַראַן?!

— צום בײַשפּיל? — האָט זיך מייער באַליידיקט.

— איך ווייס? נו, אַלעקסאַנדער...

— עליע איז ניט מיִעסער... עליע איז דאָך קימאַט ווי איליאַ. לעבנינס פּאַטער, לעמאַשל, איז אויך געווען — איליאַ...

— איליאַ?.. וועט מען אים, הייסט עס, רופן איליאַ מיראַנאָוויטש...

— אָדער עליע מייעראָוויטש. וואָס פאַר אַ כילעק, אַבי ער זאָל זײַן אין דיר געראָטן, אַזוי שיין ווי דו, און אַזוי קלוג ווי דו...

— און אַזאַ בעריע, ווי דו, נאָר אַ ביסל מאַזלדיקער... — האָט זי מיט אַ זיפץ זיך אָפּגע־קערעוועט.

מאַזלדיקער — האָט געדאַרפט באַטײַטן, ער זאָל קאָנען דערגרייכן דאָס, וואָס מייער האָט ניט באַוויזן צו דערגרייכן צוליב זײַן שלעכטער ריִע, צוליב די ברילן, וואָס ברענגען אים שוין גאָר ווייניק נוץ.

עליע האָט פאַרשאַפן פרייד די עלטערן — קוים זיך געשטעלט אָף די פיס, האָט ער שוין אָנגעהויבן לייענען.

— דער טאַטע מיט די ביינער — נאָר לייענען און לייענען!

עלינקע האָט אָבער געהאַט נאָך אַ גוטע טעווע: ער פלעגט פון גאַנצפרי ביז פאַרנאַכט פאַרפאַלן ווערן אין שלאָסער־וואַרשטאַט, וואָס האָט זיך דאָ געפונען בײַשכיינעס.

דער נידעריקער ברייטפּלייציקער אַלטיטשקער, מיט פאַררייכערטע ברילן, מיט שיטערע וואָנציעס, געלע פון רייכערן מאַכאָרקע, האָט פאַרמאָגט גאָלדענע הענט. וואָס נאָר מע וויל, האָט ער געקענט — עפּשער דאַרפט איר א שלאָס, וואָס קיין איין גאַנעוו וועט אים ניט קאָנען עפענען, עפּשער ווילט איר צורעכט מאַכן דאָס קעפּל פון אַן אַלטן פּרימוס, עפּשער פאַריכטן א פּאַטעפאָן, א ניי־מאַשין, א וועלאָסיפּעד, אַפילע א מאַטאָציקל, אף וועלכן אַלע האָבן שוין א מאַך געטאָן מיט דער האַנט, — אין אַלץ האָט ער געקאָנט אַרײַנשטעלן א נײַע נעשאָמע!

עליע פלעגט שאָענווײַז שטיין בא דער ברייט צעעפנטער טיר פונעם וואַרשטאַט און צו־קוקן, ווי דער אַלטיטשקער פּאַרעט זיך מיט די קלוגע מאַכשירים זײַנע. ווו נעמט ער זיי און פונוואַנען ווייסט ער, מיט וואָס פאַר א געצײַגל מע קאָן אויסהיילן די שווערסטע קרענק פון א מאַשין?

אין איינעם א טאָג האָט דער בערדיקער אַלטיטשקער א רוף געטאָן עליען, וואָס איז גע־שטאַנען אף דער שוועל פונעם וואַרשטאַט:

— קום נאָר אַהער, ייִנגעלע, האָב קיין מוירע ניט, קום אַהער, וועל איך דיר עפּעס ווײַזן! — ער האָט גראָד פאַנאַנדערגעשרויפט אַן אַלטן גראַמאָפאָן און עס האָבן אים ניט גע־סטײַעט בלויז זײַנע צוויי הענט. — האַלט נאָר צו אָט דאָ!.. וווהין קוקסטו?! אָט אָ־דאָ האַלט צו!

עליע איז גליקלעך געווען, וואָס מע פאַרטרויט אים אַזאַ וויכטיקע זאַך. אין א פּאָר שאָ אַרום האָט דער אַלטער א דריי געטאָן די קאָרבע פונעם גראַמאָפאָן, און ער האָט זיך צעשפּילט ווי אף כידושים!

ווען ראַכילקע איז געקומען פון דער אַרבעט, האָט זי געטראָפן עליען בא א שיסל וואַסער מיט א גרויסער שטיק זייף אין די הענט, שוואַרצע פון זשאַווער. דאָס פּאָנעם איז בא אים אויך געווען אויסגעוואַדזגעט און די אויגן האָבן געשײַנט פון פרייד.

— ווו האָסטו זיך עס אַזוי אויסגעשמירט? — האָט די מאַמע זיך פאַרכידעשט.

— פרעג שוין בעסער באַם אַלטן שלאָסער, ער וועט דיר זאָגן, אַז פון מיר קאָן נאָך אַרויס א מײַסטער!

דער אַלטער האָט ליב געהאַט בייס דער אַרבעט פירן א געשפּרעך מיט דער זאַך, וואָס ער פלעגט פאַריכטן, און עליע וואָלט קאָנען שווערן, אַז די זאַך פלעגט אים ענטפערן. און טאַקע מאַכמעס דעם איז גאָר גרינג געווען צו פאַרשטיין, וואָס און צוליב וואָס דער שלאָסער טוט. עליע וואָלט זיכער א סאַך זיך אויסגעלערנט בא יענעם אַלטיטשקן מיט די פאַררייכערטע ברילן, ווען ניט די מילכאָמע.

דער טאַטע איז אוועק אַפן פראָנט, עליע מיט דער מאַמען האָבן זיך מיט גרויס מאַטער־ניש עוואַקוירט צוזאַמען מיט אַפּאַנאַסי שטשוקינען — מייער קירשטיינס כאַווער, וואָס איז טיף אין האַרצן פאַרליבט געווען אין דער טיכטיקער, פלינקער און שאַרפזיניקער ראַכילקע. אַפּאַ־נאַסי שטשוקין איז געווען א קאַדראָווער אַרבעטער פונעם מאַשינבוי־זאַוואָד און דער פּאַרטאָרג פונעם צעך, ווו מייערקע קירשטיין האָט געאַרבעט. מייער פלעגט אים אָפט אײַנלאַדן צו זיך אף א גלעזל טיי מיט מאַלענע־אײַנגעמאַכטס. ראַכילקע פלעגט יעדן זומער פאַרגרייטן ניט איין באַנקע מיט אָט דעם שמעקנדיקן אײַנגעמאַכטס, ווי מע זאָגט: „מע זאָל ניט באַדאַרפן!" און גע־האַט האָט עס דאָס מײַכל א וווּנדערלעכן קאָליר און געשמעקט מיט זומער, מיט סאָד, און, דאַכט זיך, מיט ראַכילקען אַליין אויך...

— ווי איר ווילט זיך, אַפּאַנאַסי אַניסימאָוויטש, נאָר מײַן מייערקע האָט מיר געזאָגט, אַז ער פאַרלאָזט זיך אף אײַך — איר וועט אונדז ניט איבערלאָזן, ווי אַפן וואַסער, — האָט ראַכילקע געזאָגט, ווען מע האָט זיך געלאָזט צוזאַמען אינעם שווערן לאַנגן וועג.

מע האָט זיך דערקליבן אף אוראַל; אַפּאַנאַסי אַניסימאָוויטש האָט געהאָלפן ראַכילקען זיך אײַנאָרדענען אף דער ניי־פאַבריק, און אינגיכן איז אָנגעקומען די וויסטע בסורע, אַז מייער קירשטיין איז דערהאַרגעט געוואָרן אין שלאַכט. ער איז געפאַלן, ווי אַן עמעסער העלד — אַזוי האָט מען געשריבן אינעם בריוו, וואָס איז בײַגעלייגט געווען צו דער יעדיִע וועגן דעם, אַז די קאָמאַנדשאַפט האָט אים שוין נאָכן טויט צוגעשטעלט צו אַן אָרדען.

אייגנטלעך, איז ראַכילקע געווען שטענדיק גרייט צו אַזאַ בסורע... אַלע טאָג פלעגט די פּאָטשט ברענגען אַזעלכע יעדיִעס, און די ראַדיאָ האָט אויך ניט פאַרלייקנט, ווי גרויס עס זײַ־נען די פאַרלוסטן אף די פראָנטן.

ביטער און פינצטער איז ראַכילקען געווען אינדערפרעמד מיטן זון, דעם יאָסעם. נאָך רעכט, וואָס אַפּאַנאַסי אַניסימאָוויטש האָט אים באַלד, ווי דער טאַטע איז אומגעקומען, גענומען צו זיך אַפן זאַוואָד — אין פּאַבזאַוואָטש. א גוטן קאָפּ האָט עליע פאַרמאָגט, און צוויי גוטע הענט אויך — האָט מען אים אין א קורצער צײַט אַרום שוין אײַנגעשטעלט דעם פערטן ראַזריאַד. עס איז

מעקויעם געוואָרן זײַן קינדערשער טרוים, — ער איז געוואָרן אַן אַרבעטער, ווי דער טאַטע און ווי דער זיידע זײַנער.

ווען עס האָט זיך געענדיקט די מילכאָמע, האָבן ביידע קירשטיינס — ראַכילקע און דער זון — זיך אומגעקערט אַהיים, טאַקע אינעם דרײַשטאָקיקן מויער, וואָס איז מיט אַ נעס גאַנץ געבליבן. עליע האָט געפּאָלגט די מאַמע, פֿאַרענדיקט די אָוונטיקע צעניאָריקע שול. ער האָט געטרוימט אָנקומען אין אַ מיליטערישער הויכשול, אָבער געשטערט האָט אים דאָס זעלבע, וואָס אַמאָל דעם טאַטן, ווען ער האָט געוואָלט ווערן אַן אינזשעניער, — די אויגן; ער האָט אַפֿילע אַרבעטן געמוזט אין ברילן. איבער די קראַנקע אויגן האָט מען אים ביכלאַל אין אַרמיי ניט גענומען.

— נישקאָשע, — האָט אים געטרייסט דער מיליטער־דאָקטער, — עמעצער מוז דאָך אויך מיטן צירקול אין דער האַנט ברענגען נוצן.

מיילע, אַרבעט ער שוין עטלעכע יאָר מיט אַפֿאַנאַסי שטשוקינען אין איין צעך. ווי זאָגט מען דאָרט אויף רוסיש: אַ הייליק אָרט שטייט ניט ליידיק: ער אַרבעט איצט, עליע, אויף דעם זעלבן אָרט, ווו עס האָט געאַרבעט זײַן טאַטע.

אָלגע

ס'קאָן הייסן, אַז אַ צופֿעליקע באַגעגעניש אין צוג איז געווען די סיבע דערפֿון, וואָס אָלגע וועליטשקאָ, אָט דאָס שטילע דאָרפֿישע מיידל מיט די ווײַס־בלאָנדע, אַפֿילע ניט קיין בלאָנדע — גאָלדיק־ווײַסע האָר, מיט די בלויע ריינע אויגן, איז מיט דרײַ יאָר צוריק געוואָרן אַ קוואַרטיראַנטקע בײַ די קירשטיינס.

דרײַ יאָר זײַנען אַוועק זינט יענער צײַט.

אָט ענדיקט זי שוין, אָלגע, דעם טעכניקום, וווהין זי איז דעמאָלט אָנגעקומען לערנען זיך, און אויב זי האָט אַמאָל אַפֿילע דערציילט איר באַלעבאָסטע, ראַכילקען, ווי זי קומט צו איר פּאַר אַ קוואַרטיראַנטקע, געוויינלעך דערציילט, געדענקט זי שוין ניט ווען און וויאַזוי, נאָר וועגן איינס, וואָס איז דעמאָלט פֿאָרגעקומען מיט איר, האָט זי אַקוראַט ניט דערציילט.

און גראָדע אָט־אָ יענץ איז פֿאַר איר איצט, פֿאַר אָלגען, זייער וויכטיק...

דרײַ יאָר איז זי געגאַנגען צום ציל, וועלכן זי האָט זיך אויסגעקליבן, נאָך זײַענדיק אין שול. און אָט האָט זי דערגרייכט דאָס, צו וואָס זי האָט געשטרעבט, — זי איז געוואָרן אַ ביבליאָטעקערן. די טעג וועט מען זי שיקן ערגעץ אויף אַרבעט, און אין די געדאַנקען בײַ זיך רעדט זי ווידער, — טאַקע איצט, מיט יענעם מעגושעמדיקן קורצגופּיקן מענטשן, דעם פּעמפּיק, מיט וועלכן זי האָט זיך געהאַט באַגעגנט אין צוג, פֿאָרנדיק אַהער, אין דער הויפּטשטאָט, זיך לערנען.

מיט אים האָט זי זיך באַגעגנט, מיטן פּעמפּיק, און מיט דער אַלטער קאָלווירטניצע, דער דעפּוטאַטקע, וואָס האָט איר טאַקע געגעבן ראַכילקעס אַדרעס.

יאָ, איז וועגן וואָס זשע איז דעמאָלט געגאַנגען אַ רייד מיטן פּעמפּיקוואַטן מענטשל?

ער שטייט איר איצט, אָלגען, פֿאַר די אויגן, אין די טיפֿע קאַלאָשן און אינעם אויסגערייבענעם רעגנמאַנטל, וואָס ער האָט, פֿאָרנדיק אין צוג, ניט אַראָפּגענומען אַפֿילע אויף באַנאַכט. וויאַזוי האָט ער עס אָנגעהויבן דעם געשפּרעך מיט איר? ער האָט לאַנג געקוקט אויף איר מיט די פֿאַרגאָסענע, שמאָלע אייגעלעך, צוגעקעמט מיט אַ בערשטעלע די קורץ־געשוירענע געלע וואָנצעס און די גרויע שלייפֿן פֿון זײַן פּליכעוואַטן קאָפּ, און ענדלעך האָט ער געזאָגט:

— פֿאַרזיכטיק דאַרף מען זײַן אין לעבן, טײַערע מײַנע, געהיט דאַרף מען זײַן ביז גאָר, און איר, אַזאַ יונגס און אַזאַ גרינס, פֿליט ערגעץ אין דער וועלט אַרײַן און פֿאַרטראַכט זיך ניט... טאַקע, ווי אַ וואָראָביטשיק, וואָס טוט זיך אַ ריס דאָס ערשטע מאָל פֿון דער נעסט — פּאַטש, פּאַטש מיט די שוואַכע פֿליגעלעך, און אָט איז עס שוין אויף דער ערד, האָב אויף דעם ראַכמאָנעס!.. פֿאַרזיכטיק, פֿאַרזיכטיק!.. פֿאַרוואָס זאָג איך דאָס? ווײַל דו פֿאָרסט דאָך עפּעס באַקומען אַ פּראָפֿעסיע, — איך האָב געהערט, וואָס מע האָט גערעדט מיט דיר, און ווען דו האָסט זיך געזעצט אין וואַגאָן... מיט ביכלעך ווילסטו האָבן צו טאָן...

— פֿאַרוואָס זשע מיינט איר, אַז זײַן אַ ביבליאָטעקער איז שלעכט? — האָט אָלגע זיך פֿאַרכידעשט.

— ווײַל ס׳איז קיין פאַך ניט. מע קאָן אוועקשטעלן ווּעמען דו ווילסט, און ער וועט ארויסגעבן און צונעמען די ביכלעך. כ׳ווייס, עפשער דאַרף מען אים א האַלבע שאָ דערציילן, וואָס ער האָט דאָ צו טאָן, — דער פּעמפּיק האָט ווידער צעקעמט מיט זײַן בערשטעלע די געלע וואָנציעס און די גראָוועe שלייפן, — איך וואָלט מײַן טאָכטער ניט געלאָזט טאָן אזא נאַרישקײַט... כ׳פאַרשטיי ניט — דו האָסט דאָך אוואַדע א טאַטע, א מאַמע, זאָלן זיי זײַן פּאָשעטע קאָלווירטניקעס, נאָר עפּעס פאַרשטייען זיי דאָך!.. איך וואָלט מײַן טאָכטער בעסער געשטעלט פאַרקויפן ביר, וואָלט זי כאָטש האָבן א פרישע קאָפּעקע... און דו — וואָס? וועסט מעקאַנעע זײַן די מײַז, ווײַל זיי קאָנען כאָטש עסן די ביכער, און דו — ניט!

אָלגע האָט אַן איבעראַשטע געקוקט אַף אים, און דער פּעמפּיק האָט געטײַנעט:

— עס דאַרף דאָך אין אַלץ זײַן לאָגיק! לאָגיק פּליוס לאָגיק, ווײַל אָן דער לאָגיק איז ניט אהער און ניט אהין! ניט אומזיסט האָט מען לאָגיק אײַנגעפּירט אין דער פּראָגראַם פון דער צעניאָריקער שול. ניט אזוי?!

— אין וואָס זשע איז דאָ אײַער לאָגיק?! — איז אָלגע אופגעבראַכט געוואָרן. — פאַרקויפן ביר?

— ביר... דאָס האָב איך סטאַם געזאָגט — ביר!.. ס׳איז דאָ וואָס צו טאָן בא אונדז...

פונעם פּעמפּיק מיט די טיפע קאַלאָשן האָט פאַר א מײַל געטראָגן מיט א מאָדנעם רייעדגעמיש — שטאַרקן סאַמאָסאַד, קנאָבל און ביליקן אָדעקאָלאָן.

— ניט לאָגיש, קינד מײַנס! — האָט ער ווידער מיט א באַזונדערער זעלבסטפאַרליבטקײַט געזאָגט, — ניט לאָגיש, ווײַל אַצינד זײַנען פאַר אַלעמען אַלע טירן אָפן און אַלע וועגן — וווהין דו ווילסט נאָר, גיי און שלײַף דעם שטיין פון וויסנשאַפט, און אזוי ווײַטער און אזוי ווײַטער. אין לעצטן פאַל, נו, א פאַרמאַצעווט — א ריינע מעלאָכע, א שטילע, א רויִקע, אזוי צו זאָגן, לויט א גרייטן רעצעפּט! כ׳ווייס, פאַרשיידענע דאָרט נאַטרי סיציליקום, ריצנייל, נאַשאַטיר אָדער אַספּירין פון קאָפּווייטעק. און דאָס? — ער האָט א טײַט געטאָן מיט די געל־פאַרייכערטע פינגער אַף דעם בינטל ביכער, וואָס אָלגע האָט געהאַלטן לעבן זיך אַף דער פּאָלקע, — דאָס איז נאָר צוליב קאָפּדרייעניש!

— זאָל זײַן קאָפּדרייעניש! — האָט אָלגע ניט געוואָלט דערווידערן. — דאָס אַלץ איז מײַן זאַך. איך ווייס, וואָס איך טו.

— און איך ווייס איינס — פּאַרזיכטיקײַט!.. איך, אַז איך דאַרף, לעמאָשל, א בראָשורקע צי א ביכעלע — קויף איך עס. אַן אַנדער ברירע האָב איך? און קיין שום ביבליִאָטעק דאַרף איך ניט! האָסטו דיר איינס. צווייטנס, דאַרפסטו ניט פאַרגעסן, מײַן קינד, אַז פון אײַער הויכער צי מיטעלער אינסטיטוציע, וואָס גרייט קאַדרען פאַר די ביבליִאָטעקן, איז דער וועג גלײַך אין דאָרף, ווי איינער א שרײַבער האָט געהאַט געזאָגט: „אין דאָרף, צו דער מומינקע, אין טויבן העק, קיין סאַראַטאָוו!” ס׳הייסט, סאַראַטאָוו וואָלט נאָך געווען גוט, געוויינלעך שיקט מען ערגעץ אין א פאַרוואָרפענעם קאָלווירט און נאָך ווײַטער...

— איז וואָס?! — איז שוין אָלגע געוואָרן אויסער־זיך, — איך בין דאָך אַליין פון דאָרף, ווי פאַרשטייט איר דאָס ניט?!

אָט דעמלט האָט זיך אינעם געשפּרעך אַרײַנגעמישט אַן עלטערע פרוי, וואָס איז די גאַנצע צײַט געזעסן און שווײַגנדיק, נאָר מיט עפּעס אַן אויסדרוק פון א מאָדנעם געדולד אויסגעהערט דעם פּעמפּיקוואַטנס רייד:

— הערסט, וואָס איך וועל דיר זאָגן, טאָכטער, — די פּויערטע האָט אויסגעווישט די ווינקלען פון איר מויל מיטן שפּיץ פון איר ווײַסן שאַלעכל, — אין צוג איז טאַקע ניטאָ וואָס צו טאָן און מע רעדט וועגן פאַרשיידנס, נאָר איך מיין, אַז וועגן אזוינס איז אַפילע דאָ ניטאָ וואָס צו רעדן...

— נו, נו! איך וואָלט אײַך געבעטן פּאַרזיכטיקער, בירגערן, פּאַרזיכטיקער!

די פּויערטע האָט אָפּגעמאָסטן דעם פּעמפּיק פון קאָפּ ביז די פּיס און זיך אָפּגעקערעוועט פון אים מיט ביטל.

— אזוינע, ווי אָט דער מענטש, טאָכטער, זײַנען זיכער, אַז זיי ווייסן טאַקע אַלץ. נאָר איך מיין, אַז זיי ווייסן גאָרנישט. ווען אזא קליִענט פאַלט אַרײַן צו אונדז אין קאָלווירט „די פאָן פון אָקטיאַבער”, וואָלטן מיר אים באַוויזן, וואָס א מענטש האָט די ווערט!

דער פּעמפּיקוואַטער האָט זיך שוין טאַקע מער ניט געמישט צו אָלגען, גערייכערט זיך מיט א וואַזשנער מינע זײַן היפּשן ציבעק און געקעמט פון מאָל צו מאָל די פאַרייכערטע געלע וואָנציעס.

— זייער א ריכטיקע פּראָפעסיע האָסטו זיך אויסגעקליבן, טאָכטער! אָט איז בא אונדז אין ראַיאָן פאַראַן אזא פרוי, א ביבליִאָטעקערן — אין מײַנע יאָרן, עפּשער אַביסעלע עלטער, נאָר זי

איז אויך אזא ווי איך — זי לאָזט זיך ניט, אגעווו, שפּאַצן אין דער קאַשע, אָפּט איז זי אפילע א בײַסיקע, א מאַזיק, וועל איך דיר זאָגן. דערלאָזט ניט קיין מינדסטע אוולע. זאָלסטו עס זען, ווי מע האָט זי ליב, ווי כאַשעווו זי איז בײַ לײַטן. ווי זשע דען?! דער אַנגעלייענטסטער מענטש אפֿן גאַנצן ראַיאָן. און נעם, צום בײַשפּיל, אונדזער דאָרף, אונדזער ביבליאָטעק — העכער פיר טויזנט ביכער — דאָס ווייס איך ליטן באַריכט, עפּעס בין איך דאָך א דעפּוטאַט פון אונדזער דאָרפסראַט, און קיין אָרדענונג איז אין דער ביבליאָטעק ניטאָ. איינע א שילערן פונעם נײַנטן קלאַס פּאַרוואַלטעט. אָט טאַקע, ווי דער דאָזיקער זאָגט: פּאַר א האַלבער שאָ זיך אויסגעלערנט... מיר האָבן געבעטן, מע זאָל אונדז צושיקן א מענטשן, וואָס קען די אַרבעט. „ניטאָ, — זאָגט מען אונדז, — עס סטײַעט ניט קיין ביבליאָטעקערס". איז האָסטו גוט געטאָן, וואָס דו פֿאָרסט זיך לערנען, וועסט ווערן א מענטש, זאָל איך אזוי לעבן — וועסט ווערן. און אָט נעם פאַרשרײַב מײַן אַדרעס און שרײַב מיר אָן, ווי דו האָסט זיך אײַנגעאָרדנט, און ווי דו באַהערשסט די וויסנשאַפֿט.

אויף איינער א נאָענטער סטאַנציע, ווו די אַלטיטשקע האָט געדאַרפט אַראָפּגיין, האָט זי זיך געזעגנט צו אַלגען:

— דו פֿאָרסט אין אַן אומבאַקאַנטער שטאָט, דו האָסט כאָטש ווו און בײַ וועמען זיך אָפּ־שטעלן?

— צום באַדויערן, ניט.

— איז וואָס זשע טראַכסטו זיך?

— איך ווייס? ווי אַנדערע טוען, וועל איך אויך טאָן! אין א גרויסער שטאָט, זאָגט מען, ווערט מען אויך ניט פאַרפאַלן.

— גערעכט. זאָל איך אזוי לעבן, ווי דו ביסט גערעכט. נאָר פונדעסטוועגן איז בעסער, אז מע האָט כאָטש א טיר, אין וועלכער מע קאָן אָנקלאַפּן. פאַרשרײַב, טאָכטער, דעם אַדרעס פון מײַנער א באַקאַנטער, מײַן מאַן און איר מאַן זײַנען אויך געווען גוטעפרײַנט. רופן רופט מען זי, די באַקאַנטע מײַנע, ראַכילקע. א שוואַרצכיינעוודיקע, א צוגעלאָזטע אזא. זי אַרבעט אויף דער נײַ־פאַבריק און איז דאָרט גאָר א כאַשעווער מענטש. האָט א ווילע דירע, טאַקע ניט ווײַט פונעם וואָקזאַל — וועסט זיך אָפּשטעלן בײַ איר.

— זי קען דאָך מיך ניט, אײַער באַקאַנטע.

— ס'מאַכט ניט, אבי איך שיק דיך, איז שוין גוט, וועסט איר איבערגעבן, יענער ראַכילקע קירשטיין, אָט די מאַטאַנע, — די אַלטיטשקע האָט אַרויסגענומען פון איר וואַליזע א טעפּעלע מיט פרישן האָניק. — געמיינט עס אוועקפירן מײַן טאָכטער, נאָר מיילע, זי וועט זיך יאַקאָס באַגיין, און פאַר ראַכילקען וועט עס טאַקע זײַן א לעבעדיקער גרוס פון מיר, פון מאַרינע שעווטשוק. פּאַר געזונט און זײַ געזונט און הער זיך ניט צו צו די קאָלערליי פוסטע רייד.

אָט אזא שמועס איז דעמאָלט פֿאָרגעקומען אין צוג. אַלגע האָט עס גוט פאַרגעדענקט. דרײַ יאָר זײַנען אַריבער. און איצט, ווען אַלגע טראַכט וועגן דעם, אז זי דאַרף אוועקפֿאָרן, איז בײַ איר אזא געפיל, ווי זי זאָל ווידער, שוין דאָס צווייטע מאָל פאַר איר יונג לעבן, געזעגענען זיך מיט דער היים.

■

גלײַך ווי אַלגע האָט זיך באַזעצט בײַ ראַכילקע קירשטיין, האָט איר זון עליע באַמערקט, אז בײַ דער קוואַרטיראַנטקע זײַנען די האָר פון ריינעם גינגאָלד. באַזונדערס גאַנצפרי, ווען זי פּאַרקעמט און פאַרפלעכט זיי אין א גרויסן צאָפּ. און ווען זי לאָזט פאַנאַנדער די האָר, ווערט זי ענלעך אויף א רוסאַלקע. ער האָט דאָס באַמערקט, עליע, און אַלעמאָל הינטערווײַלעכס שוין געקוקט אויפן מיידל. און וואָס עס באַטײַט אזא קוקן, פאַרשטייט מען.

פונעם ערשטן קורס, פון דער ערשטער לעקציע, נייך, נאָך פאַר די עקזאַמענעס אויף אַרײַנ־טרעטן אין טעכניקום, האָט אַלגע וועליטשקאַ באַפרײַנדעט זיך מיט נאַדיע אַלפערין, וואָס איז אויך געקומען פון א ווײַט דאָרף זיך לערנען און „ווערן א מענטש" צו לײַטן גלײַך... אַלגע האָט פון שטענדיק אָן ליב געהאַט צו כאַווערן זיך מיט אזעלכע, וואָס ווייסן מער פון איר. נאַדיע איז געווען א פאַרטרוימטע, צומאָל אויך א פאַרדײַגעטע, ווי די מאַמע אירע, די לערערן פון מו־זיק, און געמאַכט האָט זי אַן אײַנדרוק פון א מיידל, וואָס סטאַרעט זיך ניט צו געפעלן ווערן, זי איז אַפילע גלײַכגילטיק צו דעם, וואָס עמעצער וועט טראַכטן וועגן איר. זי האָט ניט געזוכט קיין כאַווערטע, קעדיי אַנטפּלעקן פאַר איר דאָס האַרץ, און עפּשער דערמיט טאַקע האָט זי נויסע־כיין געווען בײַ אַלגע וועליטשקאַ. אויך אַלגע איז באַלד, ווי מע האָט זיך דערזען, געפעלן געוואָרן נאַדיען, געפעלן געוואָרן אָט אזא, א פּאַשעטע, א באַשיידענע, אַן אופריכטיקע.

נאַדיע האָט גערן אנטליִען אַלגען די קאָנספּעקטן, וואָס זי האָט געפירט נאָך אין שול, מער אפילע — זי האָט דער נייַער כאַווערטע זייער געדולדיק און אויספירלעך דערקלערט יענע ערטער אין די קאָנספּעקטן, וואָס זייַנען מאכמעס די שפּאַרעוודיקע נאָטירונגען ניט פאַרשטענדלעך געווען.

מיט גאָרנישט ניט ענלעך איינע אָף דער צווייטער, פאַרקערט, גאַנץ פאַרשיידענע לויט די כאַראַקטערס, זייַנען ביידע מיידלעך געוואָרן ווי אייגענע שוועסטער. מע האָט פאַרטרויט איינע דער אַנדערער די טיפסטע געפילן און סודעס, וואָס קאָנען נאָר זייַן בא מיידלעך אין זייער עלטער. נאַדיע האָט געלעבט אין א סטודענטישער צוזאַמענוווינונג, אַלגע ווע־ליטשקאַ — בא ראַכילקע קירשטיין, אַזוי איז איר געווען באַקוועמער: וויַיניקער טומל, און די באַלעבאָסטע איז טאַקע א צוגעלאָזטע, א האַרציקע.

נאָך אָפן צווייטן קורס האָבן נאַדיע אַלפערינס כאַווערטעס, אייגנטלעך אַלע מיידלעך, מיט וועלכע זי האָט זיך געלערנט, באַשטימט אָפּמערקן איר געבורטסטאָג. מע האָט געפּראַוועט א וועטשערע און אונטערגעטראָגן איר א מאַטאַנע — א פלעשל טייַערע פּאַרפומען. נאַדיען האָט אי געריִרט, אי דערפרייט, וואָס די מיידלעך האַלטן פון איר, וואָס מע איז אופמערקזאַם צו איר. זי האָט געטראַכט, אַז עפשער איז עס אויך דערפאַר, וואָס זי איז מיט א פּאָר יאָר עלטער פון זיי אַלע, און וואָס זי האָט, דערפאַר טאַקע, גרינגער געלערנט זיך. אַזוי צי אַזוי, נאָר דער גרעסטער אווטאָריטעט אָפן קורס איז געווען נאַדיע. און בא קיינעם האָט עס ניט אַרויסגערופן קיין קינע.

אָף נאַדיעס קליינינטשקן יאָמטעוו איז געקומען אויך דער שלאַנקער און זייער באַשיידענער באָכער עליע קירשטיין — אַלגע ווע־ליטשקאַס באַלעבאָסטעס זון.

— זייער א סימפּאַטישער, — האָט נאַדיע בא א געלעגנהייַט א שעפּטשע געטאָן אַלגען, — גאָר ניט אַזאַ, ווי אונדזערע ייִנגלעך.

— ער געפעלט דיר? — האָט אַלגע ערנסט געפרעגט איר קלוגע כאַווערטע.

— איך האָב וועגן דעם ניט געטראַכט.

דעם גאַנצן אָוונט האָט עליע געהאַלטן אין איין קוקן אָף אַלגען. און אַלגע האָט עס, קלוימערשט, ניט באַמערקט. קלוימערשט, ווייַל זי האָט שוין גוט געוווּסט, אַז זי געפעלט דער באַלעבאָסטעס זון. און ער האָט ניט גאָר אויסגעבאַהאַלטן זייַנע געפילן אויך, ווייַל וואָס איז דאָ אויסצובאַהאַלטן? ס'איז דען אַזוי שלעכט, אויב אַזאַ מיידל נעמט צו דעם שלאָף און די רו?..

אַלגע איז אים באַזונדערס ליב געוואָרן, עליען, נאָך יענעם אָוונט, ווען זי האָט אים דערציילט די געשיכטע פון איר לעבן.

עליע האָט זי אייַנגעלאַדן אין קינאָ. אומקערנדיק זיך אַהיים, האָט ער זי גענומען אונטער דער האַנט און פאָרגעלייגט, מע זאָל ניט פאָרן מיטן טראַמווייַ, מע זאָל בעסער זיך דורכגיין.

— זאָג, אַלגע, — האָט ער א בעט געטאָן, — אויב דאָס איז ניט קיין סאָד, וואָס האָסטו געוויינט? איך האָב געזען — דייַנע אויגן זייַנען פול געווען מיט טרערן. דער פילם איז דאָרט א געמיינער, א שוואַכער, איך וואָלט אפילע געזאָגט — א פאַלשער. אין לעבן קומט אַזוינס ניט פאָר, אין לעבן איז אַלץ פאַרקערט!

אַלגע האָט א זיפץ געטאָן, און, קוקנדיק אים גלייַך אין די אויגן, שטיל געזאָגט:

— עס טרעפט נאָך ערגער... אויב דו ווילסט, וועל איך דיר דערציילן, ווי עס טרעפט אָפּאַנעמעסן.

אַלגע האָט גענומען דערציילן וועגן דעם גורל פון איינער א פאַמיליע.

עליע האָט ערשט שפּעטער פאַרשטאַנען, אַז דאָס דערציילט זי וועגן איר מישפּאָכע, וועגן זיך אַליין.

— איך האָב געקענט א מיידל, — האָט זי אָנגעהויבן, — גוט געקענט. געהייסן האָט דאָס מיידל, לאָמיר זאָגן, לענע. איר טאַטע איז געווען א ווויִלער מענטש, אַן אָנגעזעענער און א כאָשעווער מענטש אין ראַיאָן. ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע, האָט מען אים איבערגעלאָזט אין דאָרף צוליב גאָר א וויכטיקן איניען. וואָס ער דאַרף טאָן און ווי לאַנג ער וועט זיך פאַרהאַלטן אין דאָרף, איז ניט באַוווּסט געווען ניט לענען, ניט דער מאַמען אירער. ביידע זייַנען זיי עוואַקויִרט געוואָרן צוזאַמען מיטן גאַנצן ראַיאָנישן אַקטיוו קיין קאַזאַכסטאַן. ווי דער טאַטע האָט געלעבט אָף דער אָקופּירטער טעריטאָריע, האָט לענע ניט געוווּסט. נאָר ווי עס האָט זיך אופגעפירט די מאַמע, האָט זי זייער גוט געזען.

עפשער דערפאַר, וואָס די מאַמע האָט א לאַנגע צייַט ניט באַקומען קיינע גרוסן פונעם טאַטן, און עפשער ווייַל זי האָט אים אויך פריִער ניט גאָר ליב געהאַט, נאָר עס זייַנען דורכגעגאַנגען סאַכאַקל עטלעכע כאָדאָשים נאָך דער צעשיידונג, און עס האָבן זיך גענומען יאָווען אין שטוב אַלץ אָפטער עפּעס זייער פאַרדעכטיקע לייַט. די מאַמע האָט געזאָגט, אַז דאָס זייַנען אירע נאָענ־

טע באקאנטע, אלטע פֿרײַנט. אלעמאָל האָט זי ביז שפּעט אין דער נאכט פֿארהאלטן זיך אין ארטעל, ווּ אײנער פֿון אָט די „נאָענטע“ באקאנטע האָט זי אײַנגעאָרדנט.

די מאמע איז געווען א שײנע, א שטאלטנע, האָט געקאָנט מאכן אן אײַנדרוק, געקאָנט רײדן וועגן א נײַעם בוך, קאטעגאָריש ארויסזאָגן איר מײנונג וועגן ספּעקטאקלען, פֿילמען. באזונדערס פֿלעגט זי אויסנעמען מיט איר זינגען. ווי נאָר עפּעס א נײַע ליד, האָט זי גלײַך אויסגעלערנט די ווערטער אָף אויסווייניק. הײַנט אלטע לידער — זי פֿלעגט זײ זינגען בעפּיירעש מיט הארץ. אָנטאָן פֿלעגט זי זיך מיט געשמאק — בונט, נאָר אײדל. ניט נאָר מאנצבלען, אפֿילע פֿרויען פֿלעגן זיך פֿארקוקן אָף איר.

די קלײנע לענקע פֿלעגט ביז שפּעט אין דער נאכט זיצן און ווארטן אָף דער מאמען, און קעדײ עס זאָל איר ניט לאנגווײַליק זײַן, פֿלעגט זי שרײַבן בריוו צום טאטן. געשריבן און צעריסן, ווײַל קײן אדרעס איז דאָך ניט געווען.

דערנאָך האָט צו זײ אינעם קלײנעם צימערל אינעם הינטערגעסל אָנגעהויבן ארײַנקומען עפּעס אן אומבאקאנטער אין א רײַכן פֿוטער, מיט א פֿול מויל גאָלדענע צײן. די מאמע האָט געזאָגט, אז דאָס איז איר פֿעטער. דער פֿעטער איז מעכאבעד געווען דאָס מײדעלע מיט זײער געשמאקע צוקערקעס. ס'פֿלעגט אויך טרעפֿן, אז דער פֿעטער פֿלעגט בלײַבן נעכטיקן דאָ, אינעם קלײנעם צימערל — וווּהין וועט ער גײן אזוי שפּעט? אין א צײַט ארום האָט ער זיך ביכלאל איבערגעקליבן אהערצו. אײנמאָל האָט ער זי, לענקען, גענומען אָף די קני און געזאָגט:

— ווי וואָלסטו, אשטײגער, שײנהײַט מײַנע, געקוקט אָף דעם, ווען דײַן מאמע וואָלט פּלוצעם גענומען און זיך פֿארליבט אין איר פֿעטער?

— איך ווײס ניט, — האָט זיך בא לענען ארויסגעריסן, — איך וואָלט אוועק פֿונדאנען!

— ווער האָט עס דיך געלערנט אזוי אָפּענטפֿערן? — האָט זיך צעבײזערט די מאמע.

לענע האָט אויסגעבראָכן מיט א געוויין און איז ארויסגעלאָפֿן פֿון דער שטוב — גלײַך אין דער נאכט ארײַן, אין פֿראָסטיקן דרויסן.

די מיליציע האָט זי פֿארהאלטן א האלב־דערפֿרוירענע און א פֿארווײנטע. וויפֿל מע האָט ניט געוואָלט דערגײן בא איר, ווער זי איז און ווּ זי וווינט — האָט גאָרנישט ניט געהאָלפֿן, אָף קײן אײן פֿראגע האָט זי ניט געענטפֿערט. דער קאפּיטאן — זײער א הארציקער מענטש — האָט א מאך געטאָן מיט דער האנט:

— מע וועט דיך מוזן שיקן אין א קינדער־קאָלאָניע.

— גוט.

— וואָס גוט?

— אלץ איז גוט, אלץ איז בעסער פֿון דעם, וואָס איך האָב שוין געזען.

מע האָט זי אָפּגעפֿירט קײן דזשאמבול און אײַנגעאָרדנט אין א קינדערהײם. מע קאָן ניט זאָגן, אז זי האָט פֿארגעסן איר מאמע, — א מאמע איז פֿאָרט א מאמע! זי האָט געבענקט, אָפּט אינדערשטיל, אז קײנער זאָל ניט זען, געווײנט, נאָר צוביסלעך זיך צוגעוווינט און קײן כאראָטע ניט געהאט, וואָס זי איז אוועק פֿון דער הײם, וואָס איז שוין קײן הײם ניט געווען.

אזוי האָט זי אָפּגעלעבט א פּאָר יאָר. די דערציִערן, אויך אן עוואקויִרטע, וואָס האָט, בײס מע האָט באָמבירט דעם עשעלאָן, פֿארלוירן אירע צוויי קינדער, האָט דאָס גאנצע לעבן אָפּגעגעבן די יעסוימים און מיט א באזונדער ליבע זיך באצויגן צו לענען, וואָס האָט דאפֿקע געהאט א מאמע, נאָר קענען זי ניט געוואָלט. קײנער, כוץ דער דערציִערן, האָט ניט געוווּסט לענעס ביטערע געשיכטע.

ווען עס האָט זיך געענדיקט די מילכאָמע און די עוואקויִרטע האָבן זיך אוועקגעלאָזט אהײם, האָט די דערציִערן גענומען דאָס מײדעלע מיט זיך.

— מיר וועלן פּרוּוון זוכן דײַן טאטן, — האָט זי געזאָגט, — און אויב וואָס, וועסטו וווינען בא מיר, וועסט ווערן מײַנע.

דער טאטע האָט זיך אָפּגעזוכט. ס'איז אים שווער געווען צו דערקענען — די האָר אפֿן קאָפּ זײַנען געוואָרן שיטער און גראָוו, ער האָט געטראָגן א געל בערדל מיט לאנגע וואָנציעס. א מידקײַט האָט זיך באזעצט אין זײַנע אויגן, אמאָל אזעלכע ביסטרע און קלאָרע. ער האָט א סאך דערצײלט וועגן זײַן פּארטיזאניש לעבן.

ער האָט זיך ניט געסטארעט מיטאמאָל דערוויסן זיך וועגן אלץ. ער האָט געווארט, די טאָכטער זאָל אלײן דערצײלן, ווי קומט זי אין קינדערהײם, ווי קומט זי צו אָט דער פֿרעמדער גוטער פֿרוי, און פֿארוואָס די מאמע, — אז די מאמע לעבט, האָט ער געוווּסט, — האָט זי אָפּגעלאָזט, די קלײנע, פֿון שטוב.

לענע האָט געזאָגט אײנס: אין קינדערהײם איז איר בעסער געווען, ווי אין דער הײם, און דער

מאמען איז אויך בעסער געווען, וואָס זי איז אוועק פון דער היים. מער האָט זי דעם טאַטן גאָרניט געקאָנט זאָגן.

אין איינעם א טאָג האָט אויך די מאמע זיך אומגעקערט. זי האָט זייער פײַן אויסגעזען, די מאמע. זי האָט געבראַכט מיט זיך עטלעכע שווערע טשעמאָדאנעס. ווי זי איז נאָר אריבערגעטראָטן די שוועל, האָט זי זיך גלײַך א וואָרף געטאָן צום מאן אפן האלדז, געקושט אים און געוויינט, פונקט ווי גאָרניט וואָלט מיט איר ניט געשען. זי האָט זיך געטוליעט צום מאנס ברוסט, געקושט אים און געהאלדזט, און אזויפיל בענקשאפט איז געווען אין איר יעדער באוועגונג, אזויפיל ליבע, אז עס האָט זיך געקאָנט דאכטן: קיין געטרײַערע פרוי קאָן גאָר ניט זײַן.

לענע האָט צוגעקוקט די דאָזיקע באגעגעניש, שטייענדיק א פארציטערטע אין צווייטן צימער.

— ווו זשע איז אונדזער טעכטערל? — האָט זי לעסאָף דערהערט דער מאמעס שטים.

דער טאַטע האָט זיך אויך געכאַפּט:

— ווו איז זי טאָקע? קום אהער!

די מאמע האָט זיך צו איר א לאָז געטאָן, ווי אן עכטע שוישפּילערן, מיט אויסגעשטרעקטע הענט. לענע האָט צוערשט אפילע קיין טראָט ניט געמאַכט אנטקעגן, זי איז געשטאַנען בא דעם פענצטער מיט אראָפּגעלאָזטע אויגן.

אָבער ס'זײַנען אוועק בלויז עטלעכע רעגעס, עפּשער איז דאָס געווען אן אויסדרוק פון לענעס בענקשאפט נאָך א מאמע, — דאָס מיידל האָט מיטאמאָל, ווי זי וואָלט מויכל געווען אלע זינד, געלאָזט זיך ארומנעמען, קושן.

פונקט ווי דער טאַטע מיט דער מאמען זאָלן זיך האָבן צונויפגערעדט — פון יענעם טאָג אָן האָבן זיי אין דער טאָכטערס אָנוועזנהײַט קיינמאָל ניט פארפירט קיין געשפּרעך וועגן פארגאַנגענעם.

עס זײַנען אוועק נאָך עטלעכע יאָר. דאָס מיידל איז אויסגעוואַקסן. א סאַך פון דעם, וואָס זי האָט פריִער ניט פארשטאַנען, איז איר איצט קלאָר געוואָרן. ליגנדיק אין איר קליין צימערל און בלעטערנדיק אין זיקאָרן יענע ווײַטע טעג, האָט זי מיט איר פארביטערט הארץ פארורטיילט דער מאמעס גענג, אָבער געסטאַרעט זיך פארגעסן אין אלץ, ווי אין א בייזן, שווערן כאָלעם.

מעגלעך, אז זי וואָלט אפילע אין כאָלעם זיך ניט אומגעקערט צו דעם אלעמען, דאַרף אָבער פּאַסירן אזוי, אז אין א פּאָר יאָר ארום זאָל זיך ארײַנשטעלן צו זיי אין שטוב יענער מיט די גאָלדענע ציין. די מאמע האָט אים באַקאַנט מיטן טאַטן, מע האָט אויסגעטרונקען א פלעשל ווײַן, געשפּילט אין קאָרטן, דערנאָך איז די מאמע ערגעץ אוועק, און דער אומגעריכטער גאַסט האָט זיך געזעצט שפּילן א שאָך מיטן טאַטן, וואָס האָט גראַדע געשפּילט ניט וואָזשנע. דער גאַסט האָט זיך געסטאַרעט פארשפּילן די פּאַרטיע.

דער טאַטע האָט זיך פארכידעשט:

— צוליב וואָס טוט איר דאָס?

— ווײַל איר קאָנט ניט שפּילן, מײַן ליבער!

דער טאַטע האָט אָפּגערוקט די שאָך־ברעט. די פיגורן זײַנען זיך צעפאַלן.

— קיין קינד בין איך ניט! — האָט ער געזאָגט און איז ארויס אין צווייטן צימער.

די מאמע איז ערשט געקומען מיט נאָך צוויי פלעשער ווײַן און מיט צובײַסעכץ, נאָר דער טאַטע איז שוין געגאַנגען צום טיש און קלאָר געגעבן צו פארשטיין דעם גאַסט, אז ער מעג זיך פארנעמען. די מאמע איז אוועק באַגלייטן איר באַקאַנטן.

— ער קען די מאמע פון קאַזאַכסטאַן, — האָט דער טאַטע געזאָגט צו לענען. — דו האָסט אים דאָרטן געזען?

— בעסער וואָלט איך אים קיינמאָל ניט געזען! — האָט געענטפערט דאָס מיידל. — ער פלעגט אָפּט ארײַנקומען צו דער מאמען... דערנאָך... מיט איין וואָרט, דערפאַר בין איך טאַקע אנטלאָפן פון שטוב.

— פארוואָס זשע האָסטו מיר גאָרנישט ניט דערציילט?

— און דו האָסט דען גאָרנישט ניט געוווּסט, טאַטע, גאָרנישט ניט פארשטאַנען?

— געוווּסט, — האָט ער געענטפערט פארלוירן, — נאָר פארשטייסט, כ'האָב געגלייבט — זי האָט געמיינט, איך בין טויט, איך בין ניטאָ.. און נאָך האָב איך געמיינט — ס'איז איר שווער געווען, אזוי שווער, אז דו האָסט געמוזט זײַן אין קינדערהיים. און ביכלאַל, איך האָב געמיינט, עפּשער וועט זיך דאָס אלץ פארגעסן... עס פארגעסט זיך ניט... איך ווייס גאָרניט, ווי עס וועט ווײַטער זײַן...

אינגיכן איז דאָס מיידל אוועקגעפאָרן אין דער גרויסער שטאָט. איר איז שוין אוועק דאָס זיבעצנטע יאָר. מע האָט זי אָנגענומען אין א טעכניקום...

עליע האָט מיט אַ פאַרטײַטן אָטעם אויסגעהערט די דאָזיקע געשיכטע, און אויב פריִער, ווען אַלגע האָט נאָך אָנגעהויבן דערציילן, האָט ער בלויז אַ טראַכט געטאָן, אַז לענע איז גאָר עפּשער זי אַליין, האָט ער איצט שוין גוט פאַרשטאַנען — ס'איז טאַקע זי, אַלגע, אַליין. ער האָט דערפילט אַ טיפן ראַכמאָנעס צו דעם מיידל, נאָר מיט וואָס קאָן ער איר קומען צוהילף?

יעדער פרײַע מינוט האָט עליע געפלײַסט זיך פאַרברענגען מיט אַלגען, אײַנגעלאַדן זי אין זאַוואָדישן קלוב, אין קינאָ, אין טעאַטער, נאָר זי איז עפּעס מערער אַפילע ווי פריִער געווען קאַלט צו אים. גאַנץ אָפט האָט זי זיך אָפּגעזאָגט צו גיין מיט אים. און אויב זי איז שוין יאָ געגאַנגען — האָט זי צומייניסטן אַ פאַרכמורעטע געשוויגן.

עליע פלעגט טראַכטן: אויב זי האָט ניט געוואָלט אַרויסרופן בא מיר קיין מיטלייד, קיין פרײַנטשאַפט, צוליב וואָס זשע האָט זי דאַן אַ גאַנצן אָוונט דערציילט ביז די מינדסטע קליינײַקײַטן אַלץ, וואָס איז געשען מיט איר? אַזוינס דערציילט מען נאָר אַ נאָענטן מענטשן. נאָר גיי פאַרשטיי אַ מיידלש האַרץ!

אַלגעס פאַרשלאָסנקײַט, איר צוריקגעהאַלטנקײַט האָט נאָך מער אונטערגעוואָרעמט עליעס אינטערעס צו איר. אים האָט, קאָנטיק, פאַרדראָסן:

„וואָס בין איך עס ניט ווערט, אַז זי זאָל אַ קוק טאָן אין מײַן זײַט? פאַרברענגען מיט מיר אַ פאַרנאַכט?"

נאָך רעדן וועגן דעם מיט אַלגען האָט ער זיך ניט דערוועגט. און דערציילן וועגן דעם האָט עליע אויך ניט געוואָלט. און וועמען דערציילן? פאַר וועמען אויסגיסן זײַן ביטער האַרץ? ער פלעגט זיך ביז שפּעט אין דער נאַכט פאַרהאַלטן אַפן זאַוואָד, אויסגעזוכט זיך פאַרשיידענע אַרבעטן אינעם קאָמיוגישן קאָמיטעט, און דאָך איז די צײַט געגאַנגען אַזוי לאַנגווײַליק — עס האָט אים געצויגן, ווי מיט שטריק, אַהיים, צום גרויסן טיש, בא וועלכן אַלגע פלעגט זיך גרייטן צו די לעקציעס.

איינמאָל האָט אַלגע אוועקגעלייגט אַף נאַדיעס טיש אַ בריוו.

— אויב צו מיר, פאַרוואָס זשע איז ער אופגעעפנט? — האָט זיך פאַרכידעשט די כאַווערטע.

— לייען, וועסטו אַלץ פאַרשטיין.

נאַדיע האָט גענומען לייענען.

„זאָל אײַך ניט כידעשן דער בריוו. איך האָב לאַנג געטראַכט, צי זאָל איך אײַך שרײַבן און צי דאַרף איך אײַך שרײַבן. איך האָב אָבער באַשטימט, אַז אויב איך וועל ניט אַרויסזאָגן אַלץ, וואָס איך טראַכט וועגן אײַך און וועגן זיך, וועל איך ניט קאָנען לעבן. צי דען זעט איר ניט, אַז איך גיי אײַך נאָך פּוסטריט, ווי אַ שאָטן? אַליעטשקע, טײַערע, אָט איז שוין דורך מער ווי צוויי יאָר, זינט איר לעבט אין אונדזער שטוב. מיר זײַנען טײַער די געציילטע מינוטן, ווען איך זע אײַך בא אונדזער טיש, נאָר איר סטאַרעט זיך אויסמײַדן מיך, פּונקט ווי איר וואָלט מיך ניט זען. איך טראַכט וועגן אײַך קעסיידער, און איר ווערט אַלץ ווײַטער און ווײַטער פון מיר. מיט וואָס האָב איך דאָס פאַרדינט? עפּשער שטעקט די סיבע אין דעם, וואָס איך בין אַ פּאָשעטער אַרבעטער און איר זענט אַן אינטעליגענטקע? אַ פּאָשעטער אַרבעטער? איז וואָס?! איך בעט בא אײַך ניט קיין ליבע — אַזוינס קאָן מען ניט אויסבעטן! איך וויל נאָר, אַז איר אַליין זאָלט זיך גוט פאַנאַנדערקלײַבן אין אײַערע און אין מײַנע געפילן. ענטפערט מיר, נאָר אַזוי, אַז די מאַמע מײַנע זאָל גאָרנישט ניט וויסן, — איך וויל ניט, זי זאָל קוקן אַף מיר מיט ראַכמאָנעס, עס וואָלט זי דערנידעריקט. יעדער מאַמע איז זיכער, אַז איר קינד איז ווערט, מע זאָל עס ליב האָבן. צי דען ווייסט איר דאָס ניט, אַלגע! איז וואַרט איך... אײַער עליע".

נאַדיע האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן און אָפּגעגעבן דעם בריוו.

— איך האָב עס שוין לאַנג באַמערקט, אַלינקע. וואָס זאָל איך דיר זאָגן, ער האָט דיך ליב מיטן גאַנצן האַרצן, און דו טו, ווי דו אַליין פאַרשטייסט...

זינט יענעם טאָג איז שוין אַדורך אַ יאָר, אויב ניט מער.

אַנומלטן האָט ראַכילקע, ווי דערעכאַגעוו, אַ פרעג געטאָן איר זון:

— פאַרוואָס זאָלסטו, זינו, ניט גיין אַפן אַרויסלאָז־אָוונט צו אַלגען?

עליע האָט אַן כיישעק געענטפערט:

— דאָס האַרץ, מאַמע, איז בא מיר ניט דערבײַ.

— וואָס הייסט — ניט דערבײַ?

— ניט דערבײַ הייסט, אַז ס'איז מיר היינט גאָר ניט פריילעך...

מער האָט ראַכילקע זיך ניט דערפרעגט בא עליען. זי איז געווען גענוג באַהאַוונט און האָט גוט געזען, אַז אַלגע געפעלט אים, געזען אויך, אַז דאָס מיידל פאַרהאַלט זיך קאַלט מיט אים. זי האָט געהערט, ווי אַלגע פלעגט געפינען טערוצים, קעדיי ניט גיין ערגעץ מיט עליען, און עס האָט זי פאַרדראָסן, די מאַמע. זי האָט געוווּסט, אַז עליע איז אַן אויסגעשפּילטער באָכער, גליק־

לעך וועט זײַן יענץ מיידל, וואָס וועט בויסע־כיין זײַן באַ אים אין די אויגן. איז טאַקע פאַרוואָס אַזאַ שפּײַ אין פּאָנעם?!

אַלגען שיקט מען אַף אַרבעט קיין דאָנבאַס, און מאָרגן פאָרט זי אַוועק. זי האָט שוין צונויפ־געלייגט אירע זאַכן. אָט שטייט ער אין אַ ווינקל, איר טשעמאָדאַן, לעבן אים ליגט אַן אַלטיטש־קער רוקזאַק. ראַכילקע האָט שוין צוגעגרייט דעם פאַרש פאַר די קאָטלעטן — אין אָוונט וועט זי זיי אָפּרעגלען, זיי זאָלן זײַן פרישער. ראַכילקען איז ליב צו זאָרגן וועגן אַלגען — דרײַ יאָר האָט מען געוווינט אין איין דירע, מע איז געוואָרן נאָענטע מענטשן, און דעריבער איז אַ ווייטעק אין האַרצן — עס פאָרט אַוועק אַלגע ווי אַ פרעמדע, טאַקע ווי אַ פרעמדע, און עליע? צי וועט ער זי פאַרגעסן... און ניט נאָר דאָס — פאַרגעסן קאָן מען — די פײַן זײַנע, דאָס טראַכטן?...

ראַכילקע האָט געפּרוווט ריידן מיטן זון — פאַרזיכטיק, ווי אַ מאַמע קען:

— ווען וועט שוין נעמען אַן עק, עליע, וואָס מוטשעסטו זיך?

— עס ווײַזט זיך דיר אויס, — האָט ער געפּרוווט באַרויִקן די מאַמע.

— אַ מאַמע איז שטענדיק אַ מאַמע און פילט. ווען איר קינד טוט ווי. דײַן טאַטע, דיר צו לענגערע יאָר, איז געווען אַף אַ סאַך דרייסטער פון דיר...

— צוליב וואָס, מאַמע, דערציילסטו עס מיר?

— ווײַל מיר איז ניט אַלצײנס, מיט וועמען דו וועסט דורכלעבן אַ לעבן.

עליע האָט אַרומגענומען די מאַמע און, ווי אַמאָל, אין דער קינדהײַט, אַרײַנגעקוקט איר אין די וואַרעמע אומרויִקע אויגן:

— לאָמיר וועגן דעם ניט רעדן, ווײַל ס'איז שוין שפּעט...

— פאַרוואָס עפּעס שפּעט?

— איך געפעל איר ניט, — האָט ער שטיל געזאָגט. — דו זעסט דען ניט?

— וואָס זשע טוט מען? — האָט ראַכילקע געפרעגט.

עס האָט זי נאָך מער, ווי עליען, באַליידיקט אַלגעס באַציִונג. זי האָט דאָך אויך געזען, ראַכילקע, ווי אַלגע איז קאַלט און גלײַכגילטיק צו איר זון.

— אַזעלכע כעוורע, ווי אײַער אַליושע, אַזעלכע אויסגעשפּילטע און לײַטישע, — האָט מען ראַכילקען געהאַלטן אין איין אויסרעכענען אַלע זײַנע מײַלעס, — אַזעלכע כאַשעווע און געטרײַע באַכערים וואַלגערן זיך ניט אין גאַס!

ראַכילקע האָט געוווּסט, ווי שווער עס איז איר עליען, און צומאָל האָט זי געטראַכט: „עפּ־שער בין איך שולדיק דערין? עפּשער האָב איך אים אַזוי דערצויגן, אַזוי אויסגעכאָוועט?“

זינט עס איז געקומען די וויסטע „פּאָכאָראָנע“, זינט זי האָט זיך דערוווּסט, אַז זי איז אַן אַלמאָנע, האָט זי דאָך איר עליען פאַרביטן דעם טאַטן. עס זײַנען גראַדע געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געוואָלט פאַרבײַטן איר מייערקען, צווישן זיי אויך — דער האַרציקער פרײַנט זייערער אַפאַנאַסי אַניסימאָוויטש. און ראַכילקע קירשטיין האָט ניט געוואָלט שטילן איר ווײי, לינדערן איר איינזאַמקייט. זי פלעגט אַלעמאָל ענטפערן:

— אַליין איז די נעשאָמע ריין. קיינער וועט מיר ניט פאַרבײַטן מײַן מייערקען, און עליען — זײַן טאַטן.

צו צאָרעס, זאָגט מען, ווערט מען געוווינט, צו כאָרפּע און צו ביזאָיען — ניט. איז וואָס זשע איז עס, אויב ניט קיין כאָרפּע, ווען אַ מיידל שטויסט אָפּ פון זיך אַזאַ יונגן, ווי עליע?

אַ האַסטיקער קלונג אין דער פאָדערטיר האָט פּלוצעם איבערגעריסן ראַכילקעס מאַכשאָוועס. זי האָט גיך אָפּגעוואַשן דאָס פאַרוויינטע פּאָנעם, — טרערן האָבן עס פאַרגאָסן! — און מיטן האַנטעך אַפן אַקסל זיך אַ לאָז געטאָן עפענען די טיר.

אַלגע איז געקומען מיט איר כאַווערטע נאַדיע אַלפערין. זי האָט געקויפט אַ נײַ קלייד און אַנגעמאָסטן עס קעגן שפּיגל.

— וואָס וועט איר זאָגן, ראַכיל גריגאָריעוונע, — האָט נאַדיע אַ דריי געטאָן איר כאַווערטע קעגן שפּיגל. — ליוקס? און דעריקער — שיין און ביליק!

— וואָס זאָל איך זאָגן? דאָס נייט דאָך אונדזער צעך. דאָס איז דאָך מײַן אַרבעט. טראָג עס, אַליעטשקע, געזונטערהייט.

— ווי מיינט איר — עס פּאַסט איר, ראַכיל גריגאָריעוונע?

— אויסערגעוויינלעך! באַזונדערס, מיין איך, וועט דאָס קלייד געפעלן עליען, דאָס איז זײַן באַליבטער קאָליר — ליכטיק־גרין. באַ דיר איז אַמאָל, אַלינקע, געווען אַ גרין היטעלע, עס האָט דיר אויך געפּאַסט.

אַלגע האָט צונויפגעלייגט אירע זאַכן און אַ שמייכל געטאָן:

— נו, דאַכט זיך, אַלץ: דער בילעט איז אין קעשענע...

— שוין? אײַנגאַנצן פאַרטיק? — האָט זיך אָנגערופן ראַכילקע.

— פּאַרטיק! און הערט אַ מאַזל — מיר פֿאָרן דאָך מיט נאַדיען אין איין וואַגאָן! איינס נאָר: זי וועט קומען צו פֿאָרן אָפּן אַרט גאַנצפֿרי, און איך — באַנאַכט.

— מײַן וועג איז אַ ביסל לענגער, — האָט נאַדיע באַמערקט. — נאָר וועד ווייסט, וואָס פֿאַר אַ וועג איז מאַזלדיקער.

— אייגנטלעך, וועלן מיר זײַן ניט ווײַט איינע פֿון דער צווייטער — אין איין קאַנט.

ראַכילקע האָט קוים אײַנגעהאַלטן די טרערן, וואָס האָבן זי אַ גאַנצן טאָג געוואָרגן. ווי אַף צולאָכעס איז עליע הײַנט אַף דער צווייטער וואַכטע און וועט זיך אומקערן אהיים שפּעט באַנאַכט. ער האָט זיך קלוימערשט באַצויגן גלײַכגילטיק צו אַלגעס אָפּפֿאָרן, נאָר די מאַמע האָט גוט פֿאַרשטאַנען, ווי שווער עס איז אים אָפּן הארצן און ווי שווער עס וועט אים ערשט זײַן.

— עפּשער כאַטש אַ גלעזל טיי אָפּן וועג? — האָט ראַכילקע געפֿרעגט.

— מע קאָן. מיר האָבן נאָך אַ גאַנצע שאָ צײַט.

— און די קאָטלעטן? ווײ איז מיר! איך האָב זיי דאָך געוואָלט מיטגעבן אָפּן וועג.

— מע דאַרף ניט, אַ דאַנק. איך האָב אַלץ אײַנגעקויפֿט.

ראַכילקע האָט פֿאַרשפּרייט דעם טיש מיטן ווײַסן טישטעך, ווי זי טוט געוויינלעך בלויז בייס אַ יאָמטעוו. פֿונעם קאָמאָד האָט זי דערלאַנגט געשיר, אין אַ מינוט אַרום איז אָפּן טיש אויסגע־וואַקסן אַ שיסל מיט הייסע לאַטקעס — יענע, וואָס אַלגע האָט שטאַרק ליב געהאַט.

— זיי שטייען באַ מיר אינעם אייוועלע, עליע האָט זיי אויך ליב.

זיצנדיק באַם טיש, האָט ראַכילקע זיך דערמאָנט, ווי עליע האָט איר דערציילט, אַז אַלגען איז צום הארצן איר קאָכן און באַקן.

אַ טרער האָט זיך אַראָפּגעגליטשט איבער איר פֿאַרוויטלט פּאָנעם — אַ ביזאַיען־טרער, אַ ווייטעק־טרער, נאָך גוט, וואָס די מיידלעך האָבן דאָס ניט באַמערקט.

דער צוג קיין דאָנבאַס גייט אָפּ פֿיר אַזייגער באַטאָג; אָפּן פּעראָן זײַנען זיך שוין צונויפֿגע־קומען די פּאַסאַזשירן מיט די טשעמאָדאַנעס, פּעק און רענצלעך — מע וואַרט מיט אומגעדולד, ווען וועט מען שוין דערלאַנגען די וואַגאָנען. ווי אַלעמאָל, האָט זיי באַגלייט אַ געזאַנג, וואָס האָט זיך געטראָגן פֿונעם רעפּראָדוקטאָר:

שוואַרציינקע ברעמען, טונקעלע אויגן,
שוואַרץ, ווי די נאַכט, און העל, ווי דער טאָג...

אַלגען געפֿעלט אָט די ליד. נאָר פּלוצעם ווערט דאָס געזאַנג איבערגעריסן, און דער דיקטאָר רופֿט אויס:

— בירגערן סיראָטקינא, יעוודאָקיִא אַנדרייעוונא! באַם צענטראַלן אַרײַנגאַנג וואַרט אַף אײַך אײַער זון, דער לייטענאַנט סיראָטקין...

אַן אַלטיטשקע פֿרוי, וואָס איז געשטאַנען לעם די מיידלעך, האָט אַ פֿליִעסקע געטאָן מיט די הענט:

— גאָט מײַנער! דאָס מיינט ער דאָך מיך אוואַדע, האַ? לייטענאַנט סיראָטקין, דאָס איז דאָך מײַן זון! — זי האָט אַ צאַפּלענדיקע געווענדט זיך צו די מיידלעך:

— איך בעט אײַך, טײַערינקע, טוט אַ קוק אַף מײַנע זאַכן! — און איז אוועק.

ווידער האָט געהילכט דער הויכריידער:

— בירגער מאַזעפּע, לעם דער צווייטער קאַסע וואַרט אַף אײַך אײַער פּלעמעניצע...

— און אונדז, אַלינקע, באַגלייט קיינער ניט...

— און קיינער רופֿט אונדז ניט אַרויס, — האָט נאַדיע אַ זיפֿץ געטאָן.

אַ גאַנצן טאָג איז באַ נאַדיען געווען שווער אָפּן הארצן. אין טעכניקום פֿלעגט זי פֿאַרגעסן אין אירע דײַגעס. דאָס לערנען און די געזעלשאַפֿטלעכע איניִאַנים פֿלעגן ניט לאָזן קיין פֿרײַע מינוט אַף אַ טראַכט צו טאָן וועגן זיך. זי האָט ליב געהאַט טאָן אַ טויווע אַ צווייטן, און דערפֿאַר איז זי נאָך מער פֿאַרנומען געווען. און אָט דאָ, אָפּן פּעראָן, איז איר פּלוצעם געוואָרן אומעטיק, פּוסט אָפּן הארצן: פּונקט ווי זי איז מיט דרײַ יאָר צוריק געקומען צו פֿאָרן אין שטאָט אַן איינ־זאַמע, פּונקט אַזאַ פֿאָרט זי איצט אוועק, ווי גאַרניט וואָלט זיך ניט געענדערט אין איר לעבן. עמעס, אַלגע וועליטשקאָ, איר געטרײַע און איבערגעגעבענע כאַווערטע, שטייט לעבן איר, נאָר נאַדיען האָט זיך געוואָלט עפּעס אַנדערש. נאַדיע איז שוין ניט קיין קינד, זי וואָלט שוין מעגן וויסן פֿון עכטער ליבע, ווײַל אויב ניט איצט, איז ווען זשע?

אַ צוג האָט אַזאַ טעוו: ער שטייט און שטייט, און אַז עס קומט די מינוט, טוט ער אַ ציטער און הייבט אָן פּאַוואָלינקע זײַן וועג. דער צוג האָט, ווי געוויינלעך, טיף אָן אָטעם געטאָן און האָט גענומען פֿאַרגיכערן זײַן גאַנג. די פּילשטאָקיקע געבײַדעס זײַנען אוועקגעשווומען אַף צוריק, און

אױפֿן האַרצן איז געװאָרן נאָך שװערער און נאָגנדיקער. די װעלט זאָגט, אַז אַ צוג איז אַ גוט מיטל פֿון פֿאַרבינדונג. ס'אַ סװאָרע — פֿאַרקערט: אַ מיטל פֿון צעשײדונג.

קימאַט אין דער זעלבער רגע, װען דער צוג האָט געריִרט פֿון אָרט, האָט אָלגע דערזען, אַז אױפֿן פּעראָן האָט זיך באַװיזן עליע מיט אַ גרױסן בוקעט אין דער האַנט. עליע לױפֿט, ער פּרוּװט זיך דעריאָגן דעם דרײַצנטן װאַגאָן. אָט האָט ער דערזען אָלגען, װאָס האָט אים אַ פּאָך געטאָן מיט איר טיכעלע. ער האָט אָנגעשטרענגט אַלע זײַנע קױכעס, גענומען לױפֿן נאָך שנעלער. עס האָט זיך שױן געענדיקט דאָס אַספֿאַלט־שטעגעלע. װײַטער לױפֿן איז אָן אומזין. טוט ער אַ װאָרף אַרײַן אינעם אָפֿענעם פֿענצטער פֿונעם דרײַצנטן װאַגאָן די בלומען.

אָלגע האָט געכאַפּט דעם בוקעט און האָט נאָר באַװיזן אױסשרײַען:

— אַ דאַנק!

אַ מינוט צװײ איז זי נאָך געשטאַנען באַם פֿענצטער, דערנאָך, אַ שװײַגנדיקע, אַרױפֿגעקלע־טערט אױף דער צװײטער פּאָלקע, און ערשט, װען זי האָט פֿאַרניורעט איר פּנים אינעם בוקעט, האָט זי צװישן די רױטע רױזן באַמערקט אַ בריװעלע.

„אָלגע! צום באַדױערן, איז מיר ניט געלונגען זיך געזעגענען מיט אײַך. נאָר דאָס, װאָס איך האָב ניט דערװעגט זיך זאָגן אײַך פֿריִער, װעל איך עס זאָגן באַלד: פֿון מײַן ליבע װעט איר זיך אין ערגעץ ניט אױסבאַהאַלטן, אין ערגעץ ניט אַנטרינען! עס איז באַװוּסט, אַז פֿאַרליבטע זעען אָפֿטמאָל אױס נאַרישער, װי זײ זײַנען אָפּדערעמעסן. איך האָב אײַך זײער ליב, אָלגע! װי דאָס לעבן, אָלגע. זײַט גליקלעך און פֿאַרגעסט ניט אין מיר. פֿאַרגעסט ניט, איך בעט אײַך! אײַער עליע".

„אײַער עליע... מײַן עליע... פֿאַרװאָס עפּעס — מײַנער?.. מײַן עליע..."

אָלגע ליגט אױף דער צװײטער פּאָלקע און טראַכט: „און װי װעל איך זיך צעשײדן מיט נאַ־דיען?" פֿריִער האָט זיך ניט געװאָלט טראַכטן װעגן דעם, אַזױ גוט איז איר געװען מיט נאַדיען, מיט אָט דער געטרײַער, צוגעלאָזטער און ערנסטער כאַװערטע. נאַדיע! סאַראַ שײנע זי איז, מיט אירע צװײ שװאַרצע צעפּ, װאָס זײַנען קונציק אױסגעפֿלאָכטן און צונױפֿגעדרײט אױפֿן שפּיץ קאָפּ. פֿון אונטער די שװאַרצע ברעמען, װאָס זײַנען װי צעשפּרײטע פֿליגלען פֿון אַ שװאַלב, קוקן אַרױס צװײ טיפֿע פֿאַרטראַכטע אױגן. דאָס גריבעלע אױף דער לינקער באַק מאַכט זי נאָך כײנעװדיקער, נאַדיען. די גאַנצע צײַט איז זי געװען דער סטאַראָסטע פֿונעם קורס... עמעס, עס האָט זיך געפֿור־נעט אײנער אַ פּאַרשױן, טאַקע פֿון זײער קורס, באָריס סוטשקאָװ, װאָס פֿלעגט איר דערגײן די יאָר. עפּעס האָט ער זיך געטשעפּעט צו איר, און זי האָט אױף אים קוקן ניט געװאָלט. אַ מיִעסער נעפּעש איז אָט דער סוטשקאָװ, און אַז אַ שלעכטער מענטש האָט דיך פֿײַנט, איז דאָס גראַדע אַ סימען, אַז דו ביסט אַ לײַט. נאַדיע האָט אַפֿילע אַנומלטן געזאָגט: זי האָט באַ אײנעם אַ פּאָעט געלײענט, אַז געבענטשט איז דער, װער עס קאָן זיך פֿאַרגינען אַזױפֿיל פֿײַנט... יאָ, סײַ נאַדיע, סײַ זי, אָלגע, װײסן, פֿאַרװאָס אָט דער סוטשקאָװ קאָן זײ ניט אָנקוקן. יאָ, טאַקע זײ בײדע, פֿאַר־װאָס ער איז זײ אַ דאַם־סױנע.

די איבעריקע סטודענטן האָבן זיך, אײגנטלעך, אױך אָנגעשטױסן, אין װאָס די סיבע איז, נאָר מע האָט געװוּסט, אַז רײדן מיט סוטשקאָװן איז אַן איבעריקע זאַך.

אַזױפֿיל צײַט האָבן זײ געװױנט באַזונדער — זי, אָלגע, אױף אַ קװאַרטיר באַ עליעס מאַמען, און נאַדיע — אין צוזאַמענװױנונג. מע װאָלט דאָך געקענט די גאַנצע צײַט זײַן צוזאַמען. אַלעמאָל איז איר אַזױ אָנגענעם געװען, אָלגען, אָנשפּאַרן זיך אױף נאַדיעס האַנט, און נאַדיע האָט געדאַרפֿט האָבן לעבן זיך אָלגען. און ערשט ניט לאַנג האָט אָלגע געהאַט באַשטימט אַריבערצוגײן אין דער סטודענטישער צוזאַמענװױנונג. באַשטימט, אָבער ניט אַריבערגעגאַנגען.

— טו ניט קײן נאַרישקײַט! — האָט נאַדיע קאַטעגאָריש דערװידערט. — װוּ װעט דיר נאָך אַזױ גוט זײַן, װי באַ דײַן באַלעבאָסטע?

אָלגע האָט טאַקע געהאַט זײער אַ גוטע קװאַרטיר; די באַלעבאָסטע אירע, ראַכילקע, איז גאַנצענע טעג אױף דער פֿאַבריק. עליע, איר זון, — אױפֿן זאַװאָד. אַלעמאָל, װען נאַדיע פֿלעגט קומען צו אָלגען, צומײנסטן איז דאָס געװען פֿאַר די סעסיעס, פֿלעגט זי איר פּאָשעט מעקאַנע זײַן:

— װען איך פֿאַרמאָג אַזאַ דירע נאָכן פֿאַרענדיקן דעם טעכניקום, װאָלט איך...

— װאָס, אַשטײגער?

— ערשטנס, װאָלט איך כאַסענע געהאַט. װאָס לאַכסטו, נאַרעלע? ס'איז דאָך אַ פּרעכטיקער צימער! אָט אָ־דאָ װאָלט באַ מיר געשטאַנען דאָס קינדער־בעטל, אָט אָ־דאָ — דער שפּיגל, אָט אָ־דאָ — דער ביכער־שראַנק... אין װינקל, אָט אָ־דאָ, — האָט נאַדיע װײַטער געפּלאַנעװעט, — װאָלט באַ מיר געװען אַ קלײן טישעלע מיט אַ גרױסן טיש־לאָמפּ...

— טרױמען, מײַנע טרױמען, — האָט אָלגע זיך צעשמײכלט, — זיסע מײַנע טרױמען... און איך בין צו אָט דעם אַלעמען אַבסאָליוט גלײַכגילטיק.

אין ראכילקע קירשטיינס דירע איז ווירקלעך געווען ציכטיק און געמיטלעך: ווייניק מעבל, קיינע איבעריקע באצירונגען.

עליעס צימער, אין וועלכן אַלגע פלעגט זעלטן אַרײַנקומען, איז אויסגעשטאַט געווען נאָך באשיידענער. איבער זײַן ארבעטס־טיש איז געהאנגען דעם טאטנס א גרויסער פּאָרטרעט, אף דער וואנט פון לינקס — א היפּשע געאָגראַפישע מאַפּע, אף דער קעגנײבערדיקער זײַט — א קאַלענדאר און א גרויסער בלאָקנאָט אף א גרינעם קאַרטאָן מיט אן אופשריפט: פארגעס ניט! פארגעס ניט, אז דו דארפסט טאָן אזעלכס און אזעלכס...

אינעם גרויסן צימער בא די קירשטיינס, אף א הויכער עטאזשערקע, איז געשטאַנען דער ראַדיאָ־אופנעמער. אויבנאָן אפן סערוואַנט — קווייטן. וועגן דעם האָט געזאָרגט ראכילקע.

— מײַן מײַערקע האָט זייער ליב געהאַט קווייטן...

האָט אַלגע זיך געזעגנט מיט אַט דער שטילער און ווארעמער נעסט. מיט יעדן קלאַפּ פון די רעדער ווערט די דירע אלץ ווײַטער און ווײַטער און דאָס איבערגעלעבטע, פארקערט, אלץ נעענטער און נעענטער...

זי האָט פארזיכטיק זיך אראָפּגעלאָזט פון דער צווייטער פּאָלקע, צוגעדעקט מיט איר שאַלעכל דער כאַוערטעס פּלייצע — אזוי פלעגט אויך טאָן ראכילקע, ווען זי, אַלגע, פלעגט זיך צושפארן אף דער קאַנאַפּע און אנשלאָפן ווערן.

די זון האָט אראָפּגענידערט צום ווײַטן הימל־ראַנד און זעט איצט אויס, ווי א פײַער־אָזערע. עס מאַכט אן אײַנדרוק, אז דער צוג פליט גלײַך אין אַט דעם רויטן צעגאָס. פּלוצעם איז דער צוג שטיין געבליבן בא איינער פון די פּילצאָליקע סטאַנציעס, וואָס האָבן א טעווע באַגעגענען אַלע צוגן מיט א הילכיקן געזאַנג, פּונקט ווי די הויפּטשטאָט באגלייט זיי ארויס. דאָס מאָל איז עס געווען די ליד:

דרײַ ווערבעס האָבן זיך פארנייגט
פארדײַגעט און באַצאַרנט...

סארא טרויעריקע ליד!.. און צוליב וואָס דארפן זיי גאָר שטעלן אזעלכע פּלאָסטינקעס?! א מאַרש! א מאַרש זאָל קלינגען מיט א טיפן גלויבן אינעם מאָרגעדיקן טאָג.

■

אז אַלגע האָט זיך דערפרייט מיט זײַנע בלומען, האָט עליע באוויזן צו באמערקן, נאָר וואָס וועט זי זאָגן אף זײַן צעטעלע? איצט האָט זיך אים שוין אויסגעוויזן, אז דאָס בריוול איז ביז גאָר א נארישס. נו, פארוואָס האָט ער געדארפט שרײַבן דאָס, וועגן וואָס ער האָט אזא גרויסע צײַט געשוויגן? און נאָך האָט ער געטראַכט — און ניט געוווּסט, ער וויל דאָס צי ניט, — עפּשער איז דאָס צעטעלע ארויסגעפאַלן גאָר, ווען ער האָט געוואָרפן דעם בוקעט? אף דעם אספאַלט איז עס ניט געווען צו זען, דאָס פאַפּירל, נאָר ס'האָט דאָך געקאָנט ארויספאַלן אין וואַגאָן און אַלגע זאָל עס אפילע ניט זען. איז וועט זי וועגן גאָרנישט ניט וויסן?..

מיט אַט די דאָזיקע געדאנקען האָט עליע, א פארטראַכטער, שיר ניט צונויפגעשטויסן זיך מיט א יונגן ליטענאַנט, וואָס האָט מיט היספּײַלעס אויסגערופן:

— גלענצנד! גלייבט מיר — וווּנדערבאר! איך וואָלט אזוי ניט געקאָנט!

— וואָס וואָלט איר ניט געקאָנט? — האָט עליע זיך פארכידעשט.

— צוליב ווּמען, באַכער, האָט איר עס אזוי ריזיקירט?

— צוליב א מיידל! — עליע האָט שווער אָפּגעאָטעמט, און ווידער האָט פאַר אים דורכגעשוועבט אַלגעס באגײַסטערט און פארכידעשט פּאָנעם.

— מיט לאַנגע צעפּ, א שווארצכיינעוודיקע אזא?

— ניין, דאַפקע א בלאָנדע, אפילע א גאָלדענע.

— אהא, אַלגע. איך האָב זי געזען, איך האָב געהערט, ווי די כאַוערטעס רופן זי. אזא איז ווערט, מע זאָל נאָך איר ניט נאָר לויפן — שפּרינגען, פליען, אפילע דערהארגעט ווערן...

— אזוי געפעלט זי אײַך?

— אייגנטלעך, זײַנען זיי אלע דרײַ כיינעוודיק, נאָר אַלגע — זי איז באזונדערס פײַן! איר קורץ נעזל, הײַנט דאָס כיינפּינטל אף דער רעכטער באַק! איר האָט באמערקט דאָס כיינפּינטל?

צי עליע האָט באמערקט! קנאַפּע דרײַ יאָר איז איר פּאָנעם געשטאַנען פאר זײַנע אויגן סײַ ווען זי פלעגט זיצן באַם גרויסן טיש, אינעם עסצימער, סײַ אפן זאַוואָד, לעבן זײַן ווארשטאַט, כאָטש זי איז אין דער צײַט געווען אין טעכניקום. ווען זײַן ארבעט פלעגט אָפּגעשאַצט ווערן אף „גוט” און „אויסגעצייכנט”, פלעגט זיך אים דאכטן, אז דערין האָט זי אויך א כיילעק, אז זי שמייכלט צו אים און דאָס כיינפּינטעלע אף איר באַק באהאַלט זיך אינעם כיינגריבעלע.

— וואָס זשע, א קאַלע איַערע?
— ווידער ניט געטראָפן.
— הייסט עס, נאָך ערגער — א וויַב? — האָט זיך געכאָכמעט דער אומבאַקאַנטער.
— ניין, קיין וויַב אויך ניט, צום באַדויערן, — עליע האָט פארלוירן, טרויעריקלעך א שמייכל געטאָן, — נאָר פארוואָס מיינט איר, אז א וויַב איז נאָך ערגער?
— ווייַל אין אונדזער עלטער איז דאָס א קייט אָף די פיס, א שלאָס אָפן מויל און א הויקער אָף די פּלייצעס, — האָט געשאָטן, ווי פון א זאַק, דער לעץ אין די פּאַגאָנעס.
— איר מיינט דאָס טאַקע ערנסט? — האָט זיך עליע געכידעשט.
— ניין, דאָס שפּאַס איך, — דער אומבאַקאַנטער לייטענאַנט האָט אים גענומען אונטער דער האַנט. — איך זע, א באָכער גייט ארום א פארצאָרנטער, טראַכט איך מיר: לאָמיך אים א ביסל פריילעך מאַכן. נו, איר גייט, צי איר פאָרט? איך פארקערעווע צום טראַמווײַ.
עליע איז אוועק צופוס.

שיידונג

גאַנצפרי איז נאַדיע מיט איר גאַנץ שווערלעכן טשעמאָדאַן און מיטן פּעקל ביכער אראָפּ פון צוג און מיטן בערגלדיקן סטעפּ זיך געלאָזט צום אומבאַקאַנטן יישעוו, וווהין מע האָט זי געשיקט ארבעטן. איבער די איינשטאָקיקע היַיזער האָבן זיך געזען די קאָנטורן פון די שאַכטע־טורעמס און א ברייטער טעריקאָן — דאָ האָבן געוווינט קוילנגרעבער.
אין א פּאָר טעג ארום האָט נאַדיע באַקומען אָלגעס ערשטן בריוו.
„הארציק־טיַיערע כאַווערטע און שוועסטער מיַינע, נאַדיענקע!
ווי דו זעסט, האַלט איך וואָרט און איך שריַיב דיר טייקעף, ווי מיר האָבן אָפּגערעדט. ליבע נאַדיושע! פון וואָס זאָל איך אָנהייבן? באַנאַכט, ווען איך בין געשטאַנען באַם וואַגאָן־פענצטערל, געקוקט אין דער פינצטערניש, אין וועלכער עס האָבן זיך אַלעמאָל דורכגעטראָגן טראַסקענדיקע, איַילנדיקע צוגן, האָט זיך מיר געדאַכט, אז ווען איך האָב קויעך, וואָלט איך ארויסגעשפּרונגען פונעם וואַגאָן און איך וואָלט זיך אוועקגעלאָזט צופוס צוריק אין שטאָט, פון וועלכער מיר האָבן געדענקסט, וואָס גיכער געוואָלט אוועקפאָרן. די באַלעבאָסטע מיַינע, ראַכילקע, האָט דאָך אזוי געסטאַרעט זיך מיך פארהאַלטן, צוגעזאָגט, אז זי וועט מיך איַינאָרדענען אין דער ביבליאָטעק פון דער נײַ־פאַבריק... דערנאָך איז מיר אזוי גרינג געוואָרן אָפן הארצן, אז עס האָט זיך פארגלוסט ארומנעמען דיך, דו זאָלסט דערהערן, ווי עס קלאַפּט מיַין הארץ, דערפילן דאָס, וואָס איך פיל, פארשטיין, וועגן וואָס איך טראַכט. און געטראַכט האָב איך וועגן דעם בריוו, וואָס עליע האָט מיר אריַינגעוואָרפן צוזאַמען מיטן בוקעט קוויטן. איצט טוט מיר שוין באַנק, וואָס איך האָב דיר דעם בריוו ניט באַוויזן. מיט איין וואָרט: ל י ב ע! פיַיערדיקע ליבע! שטעלסט זיך פאָר?
געקומען בין איך אינעם ראַיצענטער ווטשעראַשניע, זיך געפּרוווט איַינאָרדענען אין האָטעל. אונדזער צוזאַמענוווינונג אין פארגליַיך מיט דעם ווטשעראַשניער האָטעל איז א גרויסאַרטיקער פּאַלאַץ! דאָ זיַינען דריַי צימערן און אין יעדן צו אַכט — צוועלף בעטן, גוטע בעטן מיט פיַין בעטגעוואַנט, נאָר אַלע זיַינען פארנומען. עס האָט זיך מיר ניט איַינגעגעבן באַקומען אן אָרט — ס׳איז פונקט געגאַנגען א ראַיאָנישע קאָנפערענץ. נאָר ווי פּלעגט עס זאָגן מיַין באַלעבאָסטע ראַכילקע קירשטיין: צום שלימאַזל דאַרף מען אויך האָבן מאַזל! איינער א פּאָטאַ־קאָרעספּאָנדענט, וואָס איז געקומען צוזאַמען מיט מיר, האָט מיך גאַנץ פריַינטלעך אָפּגעפירט אין דער היגער רע־דאַקציע. אין אן ענג צימערל זיַינען דאָרט געזעסן עטלעכע מענטשן, צווישן זיי א פרוי — א מאַשיניסטקע. דער רעדאַקטאָר איז מיך מעכאַבעד געווען מיט א שטאַרקער גלאָז טיי און האָט געבעטן די מאַשיניסטקע, זי זאָל מיך איַינאָרדענען בא זיך אָף דער קוואַרטיר. דאָ האָב איך מיט־אַמאָל דערפילט, ווי ווילד־פרעמדע מענטשן קענען ווערן נאָענטע, און ווי טיַיער ס׳איז זייער גרייטקיַיט קומען צוהילף...“
ניט וועגן אַלץ, פארשטייט זיך, האָט אָלגע אָנגעשריבן אינעם ערשטן בריוו. זי וואָלט גע־קאָנט געניי באַשריַיבן, ווי הארציק עס האָבן זיך באַגעגנט צוויי פראָנט־כאַווײרים — יעפים ספּעקטאָר און דער רעדאַקטאָר פון דער ציַיטונג איוואַן סטעפּאַניוק.

יעפּים איז אַ פּאַטאָ־קאָרעספּאָנדענט פון דער געגנטלעכער צײַטונג, און בײדע זײַנען זײ שיר ניט אומגעקומען הינטער סטאַלינגראַד, בײדע פּאַרווונדעט געווען, בײדע אײנצײַטיק באַלוינט געוואָרן מיט אָרדענס.

ווי אַלגע איז ניט מיד געווען פון וועג, דאָך האָט זי מיט פאַרגעניגן זיך צוגעהערט, ווי דער רעדאַקטאָר האָט געוואָרטלט זיך מיטן סעקרעטאַר, ווי ער האָט דערציילט דעם ליבן גאַסט, יעפּים ספּעקטאָרן, וועגן די וויכטיקסטע נײַס פון זײַן ראַיאָן, באַזונדערס וועגן דער קאָנפערענץ, וואָס איז געווידמעט דער קולטור־אַרבעט אין ראַיאָן. דעריקער האָט ער געלויבט אין טאָג אַרײַן איינעם אַ רעדנער, אַ געניטן און שאַרפזיניקן, וואָס זאָגט דעם עמעס אין די אויגן.

— ווער זשע איז ער, דער שמײַסער, וואָס איז אַרויסגעטראָטן קעגן דעם פּאַרזיצער פון אויספּירקאָם? — האָט געפרעגט דער פאָטאָ־קאָרעספּאָנדענט.

— שטעל זיך פּאָר — ראַיסע סאַלאָמאָנאָוונע!

— די פּאַרוואַלטערן פון ביבליאָטעק?!

— שטעל זיך פּאָר! „איך וועל אײַך, זאָגט זי, ניט לאָזן צורו! אײַך איז עפּשער אַלצײנס, וויפל און וואָס פאַר אַ ביכער מיר פאַרמאָגן...“

דער רעדאַקטאָר האָט, ווי אַן עמעסער אַרטיסט, איבערגעגעבן אירע רייד:

— „...און מיר גייט דאָס עפּשער אין לעבן! — האָט די אַלטע אַ קוק געטאָן אויפן פּאַרזיצער דורך די בלוילעכע ברילן, — וויפל, אַשטייגער, ביכער האָט איר איבערגעלייענט פאַר די לעצטע פינף יאָר? צוויי, דרײַ, צי עפּשער נאָך ווייניקער... ס'איז דאָך אַ ביזאָיען, אַ וויסטער ביזאָיען!“

סטעפּאַניוק האָט באַמערקט דעם קאָמיוגישן צייכן אויפן לאַץ פון אַלגעס זשאַקעט און האָט זיך שוין געווענדט צו איר:

— איך דאַרף אײַך זאָגן, כאָווערטע וועליטשקאַ, אַז אָט די אַלטע קאָמסאָמאָלקע האָט נאָך אין פינף־און־פערציקסטן, גלײַך נאָך דער מילכאָמע, אָפּגעמערקט איר פופציקיאָריקן יובילײ. יאָ, ראַיטשקע איז אַ ברען! „גיט מיר, זאָגט זי, אַן עמעסן געהילף, און ניט סטאַם אַ מענטש, וואָס זאָל נאָר באַקומען כוידעש־געלט! איך דאַרף אַ מענטשן מיט אַ הייסער נעשאָמע, ער זאָל, ווי איך, ליב האָבן דעם בוך, ווי איך, און ניט ווי איר, הויכגעשעצטער פּאַרזיצער...“ נו, וואָס וועסטו זאָגן וועגן אַזאַ אַרויסטרעטונג?

— נײַע צײַטן — נײַע לידער! — האָט שטיל אַ זאָג געטאָן דער גאַסט — יעפּים ספּעקטאָר. — וועגן אַזאַ פּרוי דאַרף מען שרײַבן און שרײַבן!

בראָניע, די מאַשיניסטקע, וואָס איז ניט איין מאָל געקומען צוהילף אַזעלכע, ווי אַלגע, איבערקומען עטלעכע טעג, ביז מע וועט זיך קענען אײַנאָרדענען, האָט אָפּגעטראָטן דער נײַער ביבליאָטעקערן איר קורצן אַלטמאָדישן דיוואַן.

אויף אַ נײַ געלעגער שלאָפט מען קײנמאָל ניט געשמאַק. און אויף דעם דאָזיקן קורצינקן האַרבאַטן דיוואַנדל איז ביכלאַל שווער געווען צומאַכן אַן אויג. נאָר וועגן דעם איז אויך קיין וואָרט ניט געווען אין אַלגעס בריוו.

ווען אַלגע האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, איז שוין אויפן טיש געשטאַנען אַ שיסל געבראָטענע קאַרטאָפליעס. דער מאַשיניסטקעס מיידעלע האָט געזאָגט צום גאַסט:

— ס'איז נאָך פרי. מיר וועלן באַלד עסן קאַרטאָפליעס מיט אוגערקעס און פרישע פּאָמידאָרן. דאָס האָט אונדז די באָבע צוגעשיקט אַ מאַטאָנע...

אָך, ווי געשמאַק עס האָט זיך אַלגען אויסגעוויזן דער ערשטער פרישטיק אין דעם ייִשעוו, וואָס טראָגט אַזאַ מאָדנעם נאָמען — ו ט ש ע ר אַ ש נ י ע. וואָס עפּעס וועטשעראַשניע? ווען אַלץ אַרום איז דאָ בעפּירעש ה יי נ ט י ק ס, אפילע מאָרגעדיקס!

אין קולטור־אָפּטײלונג פונעם ראַיויספּירקאָם האָט אַלגע קײנעם ניט געטראָפן — אַלע זײַנען אַוועק אויף דער קאָנפערענץ. נאָך ראַיסע סאַלאָמאָנאָוונעס נעכטיקער רעדע האָט מען געוואָרט: וואָס וועט ענטפערן אין זײַן אַרויסטרעטונג דער פּאַרוואַלטער פון ראַיאָנאָ[1], צי עפּשער וועט מיט עטלעכע רעפּליקעס רעאַגירן דער פּאַרזיצער פון אויספּירקאָם. נאָר דער פאַרוואַלטער פון ראַיאָנאָ האָט זיך ניט דערוועגט צו ענטפערן דער אַלטער קאָמוניסטקע. ער האָט בלויז געמאָלדן, אַז די נאָענטסטע טעג וועט קומען אַ נײַער ביבליאָטעקער, און אַז דעם לײדיקגייער, איר געהילף, נעמט מען אַראָפּ פון דער שטעלע.

— וואָס הייסט — מע נעמט אַראָפּ?! — האָט זיך דערהערט אַ באַסאָווע שטים. — פאַר־וואָס? פאַר וועלכע זינד?

— ווײַל ער איז אַ טיפּעש! — האָט געענטפערט אַ גרײַז־גרויער מיטגליד פון פּרעזידיום.

---

1 ראַיאָנישע בילדונג־אָפּטײלונג (רוס.)

— פאַרוואָס באַליידיקט איר אַ מענטשן? — האָט זיך ווידער דערהערט די זעלבע שטים.

— ס'איז ניט קיין באַליידיקונג, ס'איז אַן אָפּשאַצונג! — האָט זיך אופגעהויבן דער ברייט־פּלייציקער מענטש מיט דער גראָוער און גלאַט צעקעמטער באָרד. — עס רעדט זיך וועגן מיין פּלעמעניק. קלאָר? אַלס אַן אייגענער פעטער האָב איך די פולע רעכט אים געבן אַ געניוע, אַזוי צו זאָגן, כאַראַקטעריסטיק...

בייסן איבערייַס איז אַלגע צוגעגאַנגען צו דעם פאַרוואַלטער פון ראַיאָנאָ, באַוויזן אים איר צייַגעניש און דעם דיפּלאָם. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט מען זי גלייַך באַקענט מיט ראַי־סאָלאַמאָנאָוונע. די אַלטע ביבליאָטעקערן האָט זי באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס און האָט אַ זאָג געטאָן:

— איך וואַרט שוין אויף אייַך ווער ווייסט וויפיל!

■

עליע קירשטיינען איז גוט באַקענט געווען דאָס געפיל פון אַ לויפער, וואָס מאַכט דעם לעצטן קרייַז, וואָס איז שוין נאָענט צום פיניש. איצט איז בא אים אויפן האַרצן געווען פונקט אַזוי: ער איז שוין בייַגעקומען די לעצטע דיסטאַנץ, ער האָט שוין געמאַכט די לעצטע אָנשטרענגונג און איז גליקלעך געווען, וואָס אים האָט זיך אייַנגעגעבן דעריאָגן דעם צוג און אַרייַנוואַרפן דעם בוקעט מיטן בריוועלע. צי האָט זי עס שוין איבערגעלייענט? און וואָס, אויב זי האָט עס צופעליק ניט באַמערקט?

אין דער היים האָט זיך עליע פאַרשפּאַרט אינעם קליינעם צימערל און גענומען זיך צו זייַן טאָגבוך — אים פלעגט ער פאַרטרויען אַלע זייַנע סודעס.

ער האָט אופגעמישט דעם גראָבן העפט, ווו ער האָט ניט לאַנג פאַרשריבן איינעם אַ געדאַנק: „אַ מענטש קאָן זיך אייַנריידן, אַז אים גליקט ניט אינעם לעבן און אַז גאָרניט באַקומט זיך ניט בא אים. נאָר דאָס מאַזל וועט אים סייַוויסייַ אַ שפּיל טאָן!.. איז עפּשער וועט מיר אויך אַזוי אומגעריכט אָפּגליקן?“

און אָט איז אַ צווייטע נאָטיץ אין זייַן טאָגבוך:

„17 מייַ. מאַזלטאָוו דיר, עליע! דייַן נאָמען שייַנט אינעם שאַנד־צעטל פון די בראַקמאַכער. האָסט פאַרשניטן עטלעכע דעטאַלן... הייַנט האָט מיך געשליפן און געפּאָלירט גריגאָרי אַנטאָניוק און איז נעבעך גערעכט. איך האָב אַפילע ניט געוווסט, וויאַזוי זיך צו פאַרענטפערן. ווער קאָן זאָגן, אַז איך בין ניט קיין פּלייַסיקער? צי אַז איך בין אַ טויגעניכץ? פאַרקערט! נאָר אַז די הענט לאָזן זיך בא מיר אַראָפּ, מיטאַמאָל ווער איך פאַרכאַלעמט. און שולדיק אין דעם איז בעפּיירעש זי, אַלגע, וואָס זשע טוט מען?!“

דאָ ווערן איבערגעריסן די האַיאָריקע נאָטיצן אינעם טאָגבוך. גאַנצע צוויי כאַדאָשים זייַנען שוין אַדורך. עליע האָט מוירע געהאַט נעמען דעם טאָגבוך אין די הענט. וואָס טויג עס אים — פאַרשרייַבן די טרויעריקע מאַכשאָווֹעס זייַנע? ער האָט אַ סאַך געלייענט, פיל געטראַכט, נאָר וואָס ער זאָל ניט טאָן — אומעטום איז אַלגע געשטאַנען פאַר זייַנע אויגן.

אַנטאָניוק איז גערעכט: „גייסט אַרום, ווי אַ פריטשמעליעטער, אַליושע, און אַלץ, צו וואָס דו טוסט זיך נאָר אַ ריר, גייט עס בא דיר מיט דער פּוטער אַראָפּ!“

איצט איז זי אַוועקגעפאָרן. ווי זשע וועט ווייַטער זייַן?

עס לעשט זיך אויס דער טאָג. די זון, וואָס פלעגט שטענדיק אַזוי צאַרט באַלויכטן אַלגע וועליטשקאַס סטאָסעלע ביכער און העפטן, האָט זיך אומבאַמערקט אַריבערגעקליבן אויף עליעס טאָגבוך, וואָס ליגט אַן אופגעמישטער און וואַרט אויף זייַנע נאָטיצן. עליע קאָן ניט געפינען דאָס פינקטלעכע, דאָס פּאַסיקע וואָרט אויף אויסצודריקן זייַנע געדאַנקען. איין וואָרט, איין אויסגעשריי רייַסט זיך אַרויס פון אונטער זייַן פּען — אַ ל ג ע!.. וואָס זשע וועט זייַן, אַלגע!

און עפּשער האָט ער געטאָן אַ נאַרישקייַט, וואָס ער האָט איר אָנגעשריבן דעם בריוו? ערשט ניט לאַנג איז אים אויסגעקומען צו הערן אַזאַ אויסדרוק:

> וואָס ווייניקער מע ליבט אַ פרוי,
> אַלץ מער געפעלט מען איר אַוואַדע!

נאָר ווו זשע לערנט מען זיך אויס געפינען די מאָס פון ליבע? און צי איז גאָר מעגלעך אַזאַ מאָס?.. צי קאָן מען ליב האָבן מער אָדער ווייניקער?! מע האָט ליב ביז מעשוגע צו ווערן, און דאָס איז, זעט אויס, דאָס שענסטע און דאָס טייַערסטע געפיל אין לעבן!

ניין, עליע האָט קיין כאַראָטע ניט אויף יענעם בריוו — אָנגעשריבן, און זאָל זי וויסן, ווי מיר איז שווער זי אַרויסרייַסן פונעם האַרצן.

װיפֿל מאָל איז נאַדיען פֿאַר איר קורץ לעבן שוין אױסגעקומען צו פֿאַרטראַכטן זיך װעגן גורל פֿון אַ פֿרױ, און טאַקע װעגן איר אײגענעם גורל אױך? דאַכט זיך, אַלץ איז פּראָסט, אײנ־פֿאַך, און דאָך — אַזױ קאָמפּליצירט!

אַ שטיל באַנאַכטיק װינטל האָט דערטראָגן צו דער סטאַנציע אָפּגעריסענע שטיקער געזאַנג. װער זינגט עס דאָרטן, אין אַזאַ שפּעטער צײַט? עפּשער האָט עמעצנס אַן אָנגעװײטיקט האַרץ פֿאַרטרױט דעם באַנאַכטיקן סטעפּ מיטן כױשעכדיקן האָרבאַטן טעריקאָן דעם שװערן און אױס־גאַנגסלאָזן ליבע־װײ...

נאַדיע אַלפֿעריִן האָט ניט געקאָנט אַנשלאָפֿן װערן. זי האָט זיך פֿאַרטראַכט װעגן איר צוקונפֿט.

— כ׳װעל ניט פֿאַרפֿאַלן װערן! — פֿלעגט זי געװײנלעך זאָגן אירע כאַװערטעס. — װאָס נאָך ברענגט אַזױפֿיל פֿרײד און פֿאַרגעניגן, װי דאָס געפֿיל פֿון גױװער זײַן עפּעס זײער שװערס... צי עפּשער מײנט איר, אַז קומען אױף אַלעם גרײטן איז אָנגענעמער?

פֿאַר אירע צװאַנציק יאָר האָט נאַדיע באַװיזן איבערלײענען אַ סאַך ביכער, זי האָט אָבער ניט געקענט, װי אַנדערע, פֿאַרגעדענקען און גענױ איבערדערצײלן דעם אינהאַלט פֿון אַן איבער־געלײענטן בוך, אַרײַנשטעלן צום אָרט אַ פֿײַנע ציטאַטע, אַ געלונגענע שורע פֿון אַ ליד. איר זײַנען געװען דערװידער די אַלע, װאָס האָבן ליב געהאַט פֿאַרופֿן זיך אױף שרײַבער און װערק, װאָס זײַנען אין דער מאָדע. און אױב זי האָט שױן גערעדט פֿון אַ נײַעם װערק, האָט זי אַלעמאָל אױסגעדריקט בלױז אירע אײגענע געפֿילן און אָפּשאַצונג.

יעדער בוך, װאָס נאַדיע אַלפֿעריִן האָט געלײענט, האָט איבערגעלאָזט עפּעס אַ שפּור אין איר האַרצן. ניט אַלע, פֿאַרשטײט זיך, האָבן זי גערירט. צומײנסטנס זײַנען דאָס געװען אַזעלכע ביכער, װעגן װעלכע מע זאָגט: עס לײענט זיך גרינג. מע פֿאַרשפּאָרט זיך אָנשטרענגען — אַלץ איז קלאָר פֿון דער ערשטער שורע.

יאָ, אין ביכער האָט זי זיך פֿאַנאַנדערגעקליבן. נו, און אין מענטשן? זיך אַלײן מעג זי זיך מודה זײַן: אין מענטשן אױך. עפּשער דערפֿאַר, װאָס זי איז אױף צװײ יאָר עלטער געװען פֿון אַלע אירע כאַװערטעס אױפֿן קורס, פֿלעגן זײ זיך ציִען צו איר, קומען אָפֿט פֿרעגן אַן אײצע װעגן אַזױנס, װאָס יענעם איז עס עפּשער גרינג צו אײַצענען, נאָר אַלײן ברעכט מען זיך דעם מױעך — װאָס טאָן, װוּ געפֿינען אַן אױסװעג.

נאָר פֿאַרװאָס טראַכט זי דאָס אַלץ איצט, װען עס נעמט זי קײן שלאָף ניט? טאַקע איבער דעם, װײַל אי קײן רעכטע אײצע קאָן זי זיך אַלײן ניט געבן, אי אַלע איבערגעלײענטע ביכער זײַנען איצט קײן סגולע ניט צו דעם, װאָס עס שקראַבעט איר האַרץ.

דעם ערשטן טאָג אינעם קלײנעם דאָנבאַסער שטעטל האָט נאַדיע פֿאַרעכנט צו די אומזיסט פֿאַרלױרענע אין איר לעבן. עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז דאָ װאַרט מען מיט אומגעדולד אױף מיטאַרבעטער אין די שולן, קלובן, ביבליאָטעקן, נאָר אירע האָפֿענונגען האָבן זיך ניט באַרעכ־טיקט. דער טאַטע און באַזונדערס די מאַמע האָבן זי צוגעװױנט צו אַרבעט. „אַ מענטש, װאָס האָט ניט ליב צו אַרבעטן, — פֿלעגט זאָגן די מאַמע, — איז ניט װערט קײן גוט װאָרט! דעריבער, טאָכטערקע, זיץ ניט מיט קײן צונױפֿגעלײגטע הענט, װעט דיר דאָס לעבן קײנמאָל ניט װערן נימעס!“

נו, אָט, איז זי דעם ערשטן טאָג אַרומגעגאַן, נאַדיע, פֿון אײן קאַבינעט אינעם צװײטן... אינעם קולטור־אָפּטײל פֿונעם שטאָטראַט האָט זי אױפֿגענומען דער אינספּעקטאָר, װאָס פֿירט אָן מיט די קלובן און ביבליאָטעקן.

— זענט איר, הײסט עס, געקומען אַהער, כאַװערטע, אױפֿהײבן די קולטור?..

נאַדיע האָט אים גאַנץ העפֿלעך געענטפֿערט:

— אױפֿהײבן? גיכער — מיטהעלפֿן.

— אַ, איר זענט מיר געפֿעלן!.. הײסט עס — מיטהעלפֿן.

דער אינספּעקטאָר האָט איר געשטעלט עטלעכע ספּעציפֿישע פֿראַגעס, װעלכע ער האָט מיסטאָמע געהאַלטן פֿאַר זײער קאָמפּליצירטע, נאָר אױף װעלכע עס װאָלט אים געקאָנט ענטפֿערן אַ ליאַדע סטודענט פֿונעם ערשטן קורס.

דאָס װאָלט נאָך נאַדיע אַראָפּגעשלונגען. דער אינספּעקטאָר האָט איר אָבער געגעבן אָנ־צוהערן, אַז ער װעט טראָגן די אַכרײַעס פֿאַר איר גוטער אױפֿירונג דאָ, אינעם יישעװ, — אַזױנס האָט נאַדיע שױן ניט געקאָנט פֿאַרלײַדן.

— פֿון װאָס רעכנט איר אָנהײבן אײַער אַרבעט? — האָט ער ענדלעך אַ פֿרעג געטאָן.

— קודעמקאָל דערפֿון, — האָט נאַדיע, װי מעגלעך רויִק, געענטפֿערט, — װאָס איך װעל

אײַך מוזן זאָגן, אַז איר פּערזענלעך האָט ניט קיין געגעבענע און קיין רעכט צו אַרבעטן אין אַזאַ אַנשטאַלט און אויף אַזאַ שטעלע...

זי האָט זיך אויסגעקערעוועט און האַסטיק געלאָזט זיך גיין צו דער טיר פון אָט דעם גרויסן צימער, וואָס איז פול געווען מיט אַ געדיכטן ציגאַרן־רויך און ווו עס זײַנען כּוץ דעם אינספּעקטאָר געזעסן נאָך עטלעכע מיטאַרבעטער פונעם שטאַטראַט. אויף דער שוועל האָט איר אָבער פאַרשטעלט דעם וועג אַ באַיאָרטע פרוי, וואָס איז שוין דאָ, קענטיק, געשטאַנען אַ ביסעלע לענגער.

— וואָס איז מיט אײַך? — האָט די פרוי געפרעגט. — וואָס איז דאָ מיט אײַך געשען? קומט, איך בעט אײַך, אַרײַן צו מיר! — און זי האָט נאַדיען אַרײַנגעפירט אין אַ צווייטן צימער, ווײַטער אַ ביסל אין קאָרידאָר.

נאַדיע האָט זיך קוים באַרויִקט און דערציילט וועגן איר ערשטער באַגעגעניש מיטן אינספּעקטאָר, וואָס האָט אויף איר געמאַכט אַן אײַנדרוק פון אַ גראָבן יונג.

— האָט איר אים פּראָסט און פּאָשעט, הייסט עס, געזאָגט, ווער און וואָס ער איז?

— געזאָגט און איך האָב קיין כאַראָטע ניט!

— זענט איר דאָך אַ מאָלאָדיעץ! די נאָענטסטע טעג וועלן מיר זיך פון אים באַפרײַען. דאָס איז שוין אַ געלייזטע זאַך. עפּשער וואָלט איר גאָר געוואָרן בײַ אונדז אַן אינספּעקטאָר? ביבליאָטעקן האָבן מיר אַ סאַך, נאָר אין מענטשן מיט ספּעציִעלע קענטעניש איז אַ מאַנגל...

נאַדיע האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט:

— גיט מיר די מעגלעכקײַט צו אַרבעטן אין אַ קליינער ביבליאָטעק — ערגעץ אויף אַ שאַכטע צי ווו?

— וועלן מיר אײַך שיקן אויף דער שאַכטע „ניצאָכן“. עס איז דאָ בײַ אונדז אַזאַ יִשעוו — אַ פינף קילאָמעטער פון דער שטאָט און אַ דרײַ־פיר פון דער שאַכטע. ערשט נעכטן אויף דער ביוראָ פון דעם שטאָטישן פּאַרטיי־קאָמיטעט האָט מען אונדז גוט אַרײַנגעלייגט אין די ביינער דערפאַר, וואָס מיר גיבן אָפּ ווייניק אויפמערקזאַמקײַט דעם נײַעם יִשעוו. קיין ביבליאָטעקער איז דאָרט ניט פאַראַן. פאַר אַ האַלבן געהאַלט פאַרנעמט זיך דערמיט איינער אַ דערציִער — נאָר דאָס איז ניט קיין אַרבעט! מיר וועלן אײַך געבן די פולסטע איניציִאַטיוו. קומט וואָס אָפּטער אַרײַן צו אונדז!

די פרוי האָט דערלאַנגט נאַדיען אַ קרעפטיקע האַנט. ס'איז קענטיק געווען — אַזאַ האַנט האָט גענוג אָפּגעהאָרעוועט פאַרן לעבן. ערשט אַרויסגייענדיק פון דעם צימער אין עק פון קאָרידאָר, האָט נאַדיע איבערגעלייענט אויפן שילדל: „פאַרטרעטער פון פאָרזיצער פון שטאָטראַט“.

באַקומט זיך, אַז דער טאָג איז ניט אינגאַנצן קיין פאַרפאַלענער? און דאָך נאָגט עפּעס דאָס האַרץ און עס לאָזט ניט צורו. נו, האָט זי אַ פּיק געטאָן דעם אינספּעקטאָר, האָט זי נויסע־כיין געווען בײַ אַ באַיאָרטער פרוי, אָבער צי הייבט זי ניט אָן איר אַרבעט דאָ, איר לעבן דאָ צו היציק, מיט האַזע? אַ זײַטיקער יִשעוו, אַ פּוסט אָרט, אַלץ אָנהייבן פונדאָסנײַ... צי וועט זי קענען עפּעס אויפטאָן רעכטס? אָט איז זי דערנאָך, ווען זי איז שוין אַוועק פון שטאָטראַט, אַרײַנגעגאַנגען אין היגן ביכער־מאַגאַזין אַ קוק טאָן, וואָס פאַראַ נײַע ביכער וועט זי דאָ קאָנען אײַנשאַפן. און ביכער איז דאָ אין די קלייטן גאַנץ ווייניק, באַזונדערס נײַע. אַ ווײַטער, אַ טויבלעכער העק איז דאָ, און דאָך וואָרעמט עפּעס איר די נעשאָמע. און עפּשער גאָר איבער דעם קומט דער שלאָף ניט — טאַקע ווײַל אַזאַ פּוסט אָרט, אַ טויבער העק, ווו מע דאַרף אַלץ אָנהייבן פונדאָסנײַ. נו איז וואָס?! איז וואָס?..

דער נײַער סעקרעטאַר

דער פּאָטאָ־קאָרעספּאָנדענט יעפּים ספּעקטאָר, וואָס איז געקומען קיין וווטשעראַשני לויט אַ ספּעציִעלער פאַרגעבונג פון אַ רעפּובליקאַנישער צײַטונג, האָט בײַס דער מילכאָמע געאַרבעט אין אַ פראָנט־צײַטונג. מע האָט אים ליב געהאַט אויפן פראָנט פאַר זײַן שרעקלאָזיקײַט און דערפאַר, וואָס ער האָט קיינמאָל ניט געהאַלטן פאַר קיין גרויסער טירכע צו מאַכן אַן איבעריקן עקזעמפּליאַר און אים אַרויסשיקן אַלס אָנדענק דעם מענטשן, וועלכן ער האָט פאָטאָגראַפירט אין שלאַכט צי נאָך דער שלאַכט.

אויך איצט, אין צען יאָר אַרום, האָט פּימע ספּעקטאָר אומעטום באַגעגנט גוטעפֿרײַנט נאָך פון פראָנט. אַזאַ איז געווען אויך די באַגעגעניש מיט סטעפּאַניוקן — דעם רעדאַקטאָר פון דער וואָשעראַשניער ראַיאָנישער צײַטונג.

דאָס, וואָס סטעפּאַניוק האָט דערציילט וועגן דער אַלֿטער ביבלֿיִאָטעקערן, האָט פּימען באַזונדערס פאַראינטערעסירט — ער האָט געוווּסט, אַז פריִער אָדער שפּעטער וועט די צײַטונג ברייט באַהאַנדלען די אַרבעט פון די ביבלֿיִאָטעקן. איז ער אַוועק צו ראַיִסע סאַלֿאָמאָנאָוונען אין ביבלֿיִאָטעק, נאָר ניט געטראָפן די אַלֿטיטשקע.

— זי איז אין ראַיויספּירקאָם, — האָט מען אים געזאָגט.

אין אויספּירקאָם איז געווען אַ היפּשער אוילעם.

— זי זיצט שוין דאָרט העכער אַ האַלבע שאָ! — האָט זיך באַקלאָגט די סעקרעטאַרשע. — פּרוּווט גייט אַרײַן, אויב איר האָט ניט מוירע פאַר קיין פּסאַק...

ספּעקטאָר איז געווען ניט פון די, וואָס שרעקן זיך פאַר אַ „פּסאַק“. ער איז אַרײַנגעקומען צו דעם פאָרזיצער פון אויספּירקאָם גראַדע אין דער מינוט, ווען יענער האָט געלֿייענט ראַיִסע סאַלֿאָמאָנאָוונען אַ נאָטאַציע פאַר איר נעכטיקער רעפּליקע...

אַמאָלֿ האָט דער פאָרזיצער געשפּילֿט אין אַ דראַמקרײַז, דעריבער האָט ער בײַ יעדער געלֿעגנהײַט ליב געהאַט לאָזן אין גאַנג טערמינען פון סצענישער קונסט, באַזונדערס האָט ער געהאַלטן פון די ווערטער „רעמאַרקע“ און „רעפּליקע“. נאָר אויב „רעפּליקע“ האָט באַטײַט אַן אַרויסטרעטונג קעגן אים פערזענלֿעך צי סתּם קריטיק, איז דער באַטײַט פונעם וואָרט „רעמאַרקע“ געווען שוין גאָר אַ נעפּלֿדיקער...

— לֿויט וועמעס רעמאַרקע האָט איר עס מיך נעכטן אַזוי געזידלֿט?

— כ׳פאַרשטיי אײַך ניט, — האָט ראַיִסע סאַלֿאָמאָנאָוונע אַ שמייכלֿ געטאָן, — קיינער שטעלֿט מיר ניט אײַן קיין שום רעמאַרקעס. איך רעד דאָס, וואָס איך האַלט פאַר נייטיק!

— אַלֿע אײַערע שפּיצלֿעך און אַלֿע אײַערע רעפּליקעס קאָנען האָבן אַ ביטערן פינאַלֿ! — האָט דער פאָרזיצער שטרענג געוואָרנט. — טוט גוט אַ טראַכט, ווײַלֿ בײַם סאַמע פאָרהאַנג, איר פאַרשטייט? בײַ דער פינישטאַ לֿיאַ קאָמעדיִאַ קאָנט איר שלֿעכט אָפּשנײַדן!

דערזעענדיק ספּעקטאָרן מיט זײַנע פּאָטאָ־מאַכשירים, האָט דער פאָרזיצער זיך אופגעהויבן, אויסגעשטרעקט אים זײַן האַנט און נאָך מער כווישעכדיק־וואַזשנע געזאָגט צו דער אַלֿטיטשקער:

— ווער האָט אײַך דערלֿויבט אונטערצוריַיסן מײַן אויטאָריטעט?

— און ווער האָט אײַך געגעבן דאָס רעכט צו שרײַען אַף מיר? — האָט זיך אופגעהויבן ראַיִסע סאַלֿאָמאָנאָוונע. — ווי קומט עס צו אײַך אָט אַזאַ „רעמאַרקע“?!

— איך דײַגע פאַרן גאַנצן ראַיאָן. מיר האָט דאָס די מעלֿוכע פאַרטרויט — מיר און ניט אײַך.

ראַיִסע סאַלֿאָמאָנאָוונע האָט שוין, ווי מע האָט געקענט זען, ניט איין מאָלֿ געשמועסט מיטן פאָרזיצער, ווײַלֿ זי האָט רויִק מיט ווירדע געזאָגט:

— איז אָט וואָס, אָסטאַפּ ספּירידאָנאָוויטש. איך האָב זייער ווייניק צײַט. לֿערנען אײַך און איבערדערציִען איז שוין שפּעט. נאָר דאָס, וואָס אונדזער ביבלֿיִאָטעק דאַרף, וועלֿ איך באַקומען, ווי איר זאָלֿט זיך ניט אַמפּערן און קעגנשטעלֿן. איר זענט דאָ טאַקע דער באַלֿעבאָס, נאָר ניט דער איינציקער באַלֿעבאָס. האָט איר אײַך איינס. און צווייטנס, זײַט וויסן, אַז אונדזער דיִאַלֿאָג, — זי האָט בעקיוון באַנוצט דאָס וואָרט, — אונדזער דיִאַלֿאָג וועלֿן מיר פאָרזעצן אין ראַיקאָם פון פּאַרטיי. — זי איז אַוועק און האָט פאָרזיכטיק צוגעמאַכט נאָך זיך די שווערע טיר, וואָס איז באַקלֿאַפּט געווען מיט בלֿויער צעראַטע.

— וואָס זאָגסטו אַף דעם פּערסאָנאַזש, האַ? — האָט אָסטאַפּ ספּירידאָנאָוויטש אַ ביסלֿ אַן אָפּהענטיקער געזאָגט צו ספּעקטאָרן.

— אינטערעסאַנט! זייער אינטערעסאַנט און אָריגינעלֿ! — ספּעקטאָר האָט מיט אַ שמייכלֿ אַראָפּגענומען דעם אַפּאַראַט פונעם האַלדז און אַוועקגעלֿייגט אים אַפן טיש.

אָסטאַפּ ספּירידאָנאָוויטש האָט אַף זײַן אויפן פאַרשטאַנען דעם קאָרעספּאָנדענטס שמייכלֿ.

— אַזאַ כוצפּע, אַזאַ אַזעס! — האָט ער זיך שטאַרקער צעקאָכט, צוגעגאַנגען צום טישלֿ, אַף וועלֿכן עס שטייט שטענדיק אַ קופּערנער סיפאָן, אויסגעטרונקען צוויי גלעזער וואַסער. — נייך, ניט אומזיסט רופט מען זי בײַ אונדז „די אַלֿטע מאַכשייפע“!

דער פאָרזיצער האָט זיך אומגעקערט צו זײַן גרויסן און סאָלֿידן טיש, אַרטיסטיש אַראָפּגענומען דאָס טרײַבלֿ און באַפוילן:

— סטעפּאַניוקן!.. סטעפּאַניוק? כאַפּ זיך צו מיר אַרײַן. דאָ איז, אַגעוו, דײַן קאָלֿעגע פון קיִעוו. נו־נו!

סטעפּאַניוק איז געקומען אין אַ פּאָר מינוט אַרום. ער האָט זייער מיטפֿילנדיק אויסגעהערט דעם צעקאָכטן פּאַרזיצער פֿון ראַיוויספּירקאָם, נאָר אָפּדרוקן אַן אַרטיקל, אַז די ביבליאָטעק אַרבעט שלעכט, האָט ער זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט. אינעם קומענדיקן נומער גייט אַ שאַרפֿע קריטישע נאָטיץ, נאָר עס רעדט זיך אין איר גראָד אָן ערעך דאָס, וועגן וואָס די אַלטע ביבליאָטעקערן האָט גערעדט אויף דער קאָנפֿערענץ.

— ביסטו, הייסט עס, אויך קעגן מיר? — אָסטאַפּ ספּירידאָנאָוויטש האָט ווידער גענומען דאָס טרײַבל. — גיט מיר דעם ראַיקאָם!.. וואַסילי פּיאָדראָוויטש?.. איך וויל צו דיר אַרײַן אויף עטלעכע מינוט... יאָ, יאָ, אַ נײַס!.. דו ווייסט שוין? אַ קאָמעדיע!.. בײַ דיר? אָן עמעסע קאָמעדיע! איז וועל איך זיך באַלד אַרײַנכאַפּן.

און אָסטאַפּ ספּירידאָנאָוויטש איז אַוועק צום ערשטן סעקרעטאַר.

יעפֿים ספּעקטאָר האָט שוין אַליין אויך געהאַט בעדייע אַרײַנכאַפּן זיך אין ביבליאָטעק, נאָר סטעפּאַניוק האָט דאָס אים זייער געראַטן טאָן.

ספּעקטאָר האָט פֿון דרויסן פֿאָטאָגראַפֿירט די געבײַדע מיט די אָפּגעפֿאַלענע ווענט, דעם אײַנגעוואַלגערטן פּאַרקן, די ביכער, וואָס זײַנען צונויפֿגעוואַלגערט אין אַ קליין ענג צימערל. גראָד אין דעם מאָמענט איז ראַיִסע סאָלאָמאָנאָוונע געקומען מיט איר נײַעם געהילף — אָלגע וועליטשקאַ.

— איך וויל בײַ אײַך אַ טויווע, — האָט ספּעקטאָר באַגעגנט די אַלטע מיט אַ שמייכל.

— און איך טו קיין טויווס ניט! — האָט אַן אויפֿגערודערטע געענטפֿערט די פֿאַרוואַלטערן פֿון ביבליאָטעק.

— איר האָט מיך ניט פֿאַרשטאַנען. איך בעט אײַך שטיין אַ רעגעלע, איך וועל אײַך אַראָפּכאַפּן.

— וואָס עפּעס פֿאַר אַן אַראָפּכאַפּעניש? — האָט זיך פֿאַרכידעשט די אַלטע.

— איר האָט מיך ווידער ניט פֿאַרשטאַנען. איך מיין מאַכן אײַער פּאָרטרעט, און אײַערן אויך, — האָט ספּעקטאָר אַ קוק געטאָן אויף אָלגען. — אַזוי צו זאָגן, צוויי דויערס...

— ס׳הייסט, אַן אַלטער קאָרטש און אַ יונגער בוים... מײַלע, פֿאָטאָגראַפֿירט!

ראַיִסע סאָלאָמאָנאָוונע האָט אַרומגענומען אָלגע וועליטשקאַ.

— איין מינוטקעלע. רויִק. אַ דאַנק. פּאַרטיק!

ווען דער פֿאָטאָ־קאָרעספּאָנדענט איז אַוועק, האָט ראַיִסע סאָלאָמאָנאָוונע אײַנגעלאַדן אָלגען צום שמאָלן טישל, אויף וועלכן עס זײַנען אין אַ שטרענגער אָרדענונג געלעגן פּאַפּירן.

— איך וויל גלייבן, טײַערע, אַז ניט אומזיסט האָט מען אײַך דרײַ יאָר געלערנט... — אין דער אַלטערס אויגן, רויטע, טרערנדיקע, האָט זיך באַוויזן אַ מאָדנער גלאַנץ; געווען איז עס אי אַנציקונג, אי אַ ביסעלע קינאה, אי טרויער. זי האָט פֿאַרקלערט אַ טרייסל געטאָן מיטן גרײַזן קאָפּ, — נו, אין אַ גוטער שאָ זאָל דאָס זײַן. איך וועל אײַך גערן איבערגעבן מײַן דערפֿאַרונג, טײַערע, און אַז מע וועט דאַרפֿן, וועל איך זיך בײַ אײַך אויך עפּעס־וואָס לערנען.

— וואָס רעדט איר, בײַ מיר זיך עפּעס לערנען? — האָט אָלגע זיך פֿאַרכידעשט.

— אַזאַ איז אונדזער פֿאַך — ביזן לעצטן אָטעם לערנען זיך, לערנען זיך און ניט באַרויִקן זיך! שטעלסטו זיך אָפּ, טוסטו נאָר אַ טראַכט, אַז דו ווייסט שוין אַלץ — ביסטו פֿאַרפֿאַלן! און איצט — צו דער אַרבעט! איך מוז זיך דיר מודיע זײַן: אַלץ איז דאָ ניט אויפֿן אָרט, אַלץ איז אַ ביסל פֿאַרנאַכלעסיקט. עטלעכע כאָדאָשים בין איך געלעגן אין שפּיטאָל, אין מײַן עלטער איז דאָס ניט קיין זעלטנהײַט. און מײַן געהילף איז, ניט פֿאַר אײַך געדאַכט, אַ פּוילִיאַק. נאָר לאָמיר וועגן דעם פֿאַרגעסן!

— איך מיין אויך אַזוי, — איז אָלגע מאַסקים געווען, — גיט מיר דרײַ טעג אויף צו באַקענען זיך מיט אײַערע פֿאָנדן. פֿון הײַנט אָן וועל איך דאָך שוין זײַן דאָ ניט קיין גאַסט.

■

די פֿאָטאָגראַפֿיעס, וואָס יעפֿים ספּעקטאָר האָט געבראַכט מיט זיך, האָבן אויפֿן בעסטן אופֿן אילוסטרירט די דריטע זײַט פֿונעם נומער, וואָס די רעדאַקציע האָט געווידמעט דעם ביבליאָטעק־וועזן.

די צײַטונג איז אַרויס זונטיק, און מיטוואָך האָט אָלגע מיטאַמאָל באַקומען פֿיר בריוו: פֿון פֿעלדבלומען — דעם דירעקטאָר פֿון טעכניקום, פֿון נאַדיע אַלפֿערין, פֿון ספּעקטאָרן, וואָס האָט געהאַלטן וואָרט און בײַגעלייגט צו דעם בריוו עטלעכע פֿאָטאָגראַפֿיעס, און פֿון ראַכילקע קירשטיין — איר געוועזענער שטוב־באַלעבאָסטע.

„בײַ אַזאַ פּאַכמאַן, ווי ראַיִסע סאָלאָמאָנאָוונע, וועסטו גיך ווערן אַ מענטש, — האָט געשריבן פּינכוס אַבראַמאָוויטש. — גיב איר איבער אַ פֿלאַמיקן גרוס. איך האָב זי פֿאַרגעדענקט

אפן גאַנצן לעבן. בעשאַס דער מילכאָמע פלעגט זי קומען צו אונדז אין שפּיטאָל און לייענען אין די פּאַלאַטעס פאַר די פאַרווּנדעטע דערציילונגען, לידער. גיב איר איבער, אַז מיר לאַדן זי אײַן צוגאַסט אָף דער באַגעגעניש מיט די כאַשעווּסטע ביבליאָטעקערס פון דער רעפּובליק".

טיף גערירט האָט אָלגען ראַכילקעס בריוו.

„טײַערע טאָכטער! זאָל דיך ניט כידעשן, וואָס איך רוף דיך אַזוי. זינט דו ביסט אַוועקגעפאָרן, איז בא אונדז אין שטוב געוואָרן מיטאָמאָל אַזוי פּוסט, אַז איך קען דיר עס גאָר ניט באַשרײַבן. עליע ווערט איצט גאַנצענע טעג פאַרפאַלן אָפן זאַוואָד. ער האָט צוגעטראַכט עפּעס גאָר אַ וויכטיקע צופּאַסונג צו זײַן וואַרשטאַט, זייער אַ פּאָשעטע, זאָגט ער, נאָר ביז גאָר אַ וויכטיקע צופּאַסונג. צוזאַמען מיט אַפאַנאַסי אַניסימאָוויטשן האָבן זיי דאָס פאַנאַנדערגעאַרבעט. מע זאָגט זיי צו אַ פּרעמיע. דעריקער איז, פאַרשטייט זיך, ניט דאָס געלט, נאָר אַ מאַמע איז גליקלעך, ווען איר איין־און־איינציקער זון האָט אַ פּאָר גאָלדענע הענט און טאַקע אַ לויטערן קאָפּ. איך אַרבעט, ווי קעסיידער, אַלס מײַסטער. אַרבעט איז פאַראַן גענוג — מיר באַקומען איצט אַזויפיל זײַד און סאַמעט, און אַזויפיל נײַע פאַסאָנען, אַז — פרעג ניט! די פאָדערונגען זײַנען זייער אויסגעוואַקסן. האָב איך אַן אַרבעט: איך לויף פון איין צעך אין צווייטן. אָפדערנאַכט ברעכן שוין טאַקע גוט די פיס, נאָר צוריקגערעדט, בין איך צופרידן, איך האָב ליב, ווען עס קאָכט, ווען עס זידט די אַרבעט. איך האָב ליב, ווען עס קומט אויס אַלעמאָל צוטראַכטן עפּעס נײַס, קעדיי די קליידער, וואָס מיר נייען, זאָלן מער געפעלן ווערן. יאָ, נאָר דאָס איקערדיקע, צוליב וואָס איך שרײַב דעם בריוו, איז דאָך אָט וואָס. עלינקע האָט הײַנט געבראַכט די צײַטונג און זאָגט: „אַנו, טו נאָר אַ לייען, מאַמע, און טו נאָר אַ קוק — דערקענסט?" האָב איך אַ קוק געטאָן, ווי דו שטייסט דאָרט מיט אַן עלטערער פרוי, קענטיק, זייער אַן ערנסטער, און עס האָט זיך מיר אַזוי פאַרגלוסט מיט דיר כאָטש אַ פּאָר מינוט ריידן. געדענקסט, ווי מיר פלעגן מיט דיר אָפּט שמועסן אין די אָפדערנאַכטן?.. דײַן בילד פון דער צײַטונג האָט עליע אויסגעשניטן און צוגעפעסטיקט אין ווינקל פונעם שפּיגל, נאָר איך וואָלט ליבער וועלן, זאָלסט אונדז שיקן אַן עמעסע פאָטאָגראַפיע דײַנע. איך בעט דיך, טײַערע, זאָלסט אונדז שרײַבן וואָס אָפטער. קיין קוואַרטיראַנטן לאָז איך איצט ניט אַרײַן. אויב עס וועט דיר אויסקומען זײַן בא אונדז אין שטאָט, איז קום גלײַך צו מיר".

■

די רעפּובליקאַנישע צײַטונג איז געלעגן באַם ערשטן סעקרעטאַר פון ווּטשעראַשניער ראַיקאָם אָפן טיש. אינעם גרויסן צימער איז געווען גאַנץ פײַן אָנגערייכערט, כאָטש אָף דער וואַנט איז געהאַנגען אַ פּלאַקאַט „מע בעט ניט רייכערן!".

דער פּלוצעמדיקער שלאַקסרעגן האָט געצווּנגען צומאַכן די פענצטער, און דאָ איז געגאַנגען אַ זיצונג, עס האָבן זיך פאַרזאַמלט אַ סאַך מענטשן.

דער ערשטער סעקרעטאַר האָט ניט לאַנג צוריק פאַרענדיקט אַ פּאַרטיי־שול און איז קאָמאַנדירט געוואָרן אינעם סאַמע אָפּגעשטאַנענעם ראַיאָן פון דער געגנט.

אַ געוועזענער אַרבעטער, אַ הויכקוואַליפיצירטער שלאָסער, אַ פראָנטאָוויק, האָט ער פאַרהיט אין זיך די פּאַשטעס און באַשיידנקײַט פון איינעם, וואָס איז גוט דערפאַרן אין לעבן, ווייסט, ווי קאָכיק און ווידערשפּרעכלעך עס איז, און ווייסט אויך, אַז קערן עס, דאָס לעבן, אָף אַ דערעך קאָן מען בלויז, קוקנדיק אין דער ווײַט, נאָר ניט פאַרזעענדיק גאָרניט אין דער נאָענט...

דער פאָרזיצער פונעם ראַיויספּירקאָם האָט טיף אין האַרצן געהאַלטן, אַז וואַסיל פּיאַדאָראָוויטש, אָדער „וואַסקע" — אַזוי האָט ער אים גערופן בא זיך אין שטוב — איז ניט מער, ווי אַ ווילער באָכער, און האָט זיך ניט געקענט פאָרשטעלן, אַז אָט דער וואַסקע וועט אים לערנען, ווי מע דאַרף אָנפירן מיט אַ ראַיאָן. אַמאָל איז דער באַיאָרטער פאָרזיצער אויך געווען אַ פּאַרטיי־טוער אין שטאַרק אָנגעשטרענגטער צײַט, און, נישקאָשע, ער פלעגט זיך ספּראַווען. דערנאָך האָט מען אים אַריבערגעפירט אָף אַרבעט אין ראַיויספּירקאָם, ווײַל ער איז מער פון אַנדערע געווען באַהאַווּנט אין די לאַנדווירטשאַפטלעכע איניאָנים, און עפּשער ניט אינגאַנצן דערפאַר, נאָר עס ווילט זיך וועגן דעם ניט קלערן. ער האָט אין יענער צײַט געהערט ניט ווייניק גוטס, געלייענט וועגן זיך אין דער פּרעסע און געגלייבט, אַז אויב ער איז זיך אין עפּעס טויע, איז ניט שרעקלעך — ער האָט די רעכט דערויף. און פּלוצעם גאָר אַזוינס — אים רופט מען אַרויס אָף אַ זיצונג פון ביוראָ. און ניט אָף קיין פאַרמאַכטער זיצונג, נאָר אָף אַן אָפענער, אַ פאַרברייטערטער. און וועגן וואָס איז דאָס ריידן? וועגן ביכער! און ווער האָט דאָס אַלץ פאַרקאָכט? די אַלטע, וועמען ס'איז שוין לאַנג צײַט, זי זאָל זיך זיצן אין אַ סקווער מיט אַ קנײַלעכל בײַוואָל...

דער סעקרעטאַר פֿונעם װטשעראַשניער ראַיקאָם װאַסילי פּיאָדאָראָװיטש האָט פֿײַנט געהאַט אַרײַנשטעלן אַ רעפּליק, װען עמעצער טרעט אַרױס. זײַנע בלױע אױגן פֿלעגן קוקן אױפֿן רעדנער, װי זײ װאָלטן אים שטיצן. ער איז געזעסן בײַ זײַן טיש, אױסערלעך אַ רויִקער, כאָטש אים האָט מער פֿון אַלעמען אױפֿגעבראַכט דער פֿאַקט אַלײן, װאָס די ראַיאָנישע ביבליאָטעק װאַרגט זיך מאָמעש אין די צװײ צימערלעך, און בישכײנעס מיט איר, אין אַ באַקװעמען ברײטן און ליכטיקן זאַל, מיט עטלעכע בײַצימערלעך, געפֿינט זיך אַ „זאַקוסאָטשנע", װוּ מע פֿאַרקױפֿט ביר און בראַנפֿן ביז שפּעט אין דער נאַכט. אים האָט פֿאַרדראָסן די אױפֿפֿירונג פֿון אָסטאַפּ ספּירידאָנאָװיטשן, דעם געניטן פּאַרטײ־טוער, װאָס האָט זיך אָבער היפּשלעך פֿאַריסן.

ראַיִסע סאָלאָמאָנאָװנע, אין איר אַלטמאָדיש טונקל־בלױען קלײד, מיטן געשטריקטן װײַסן קעלנערל, איז געזעסן בײַם טיש פֿונקט קעגנאיבער דעם פּאָרזיצער פֿון ראַיױספּירקאָם. זי האָט קײן כאַראָטע ניט געהאַט, װאָס גראַדע איבער איר איז צונױפֿגערופֿן געװאָרן אָט די אױסער־אָרדנטלעכע זיצונג. זי האָט געקוקט אױף אָסטאַפּ ספּירידאָנאָװיטשן שיִר ניט מיט מיטלײַד און ראַכמאָנעס. װײַל פֿון װאָס, אײגנטלעך, האָט זיך דאָס אַלץ אָנגעהױבן? זי האָט געװאָלט, ער זאָל, װי זי, פֿאַרשטײן די באַדערפֿעניש פֿון דער ביבליאָטעק. װאָס זשע איז ער אַזױ בײז אױף איר, װאָס קערעװעט ער אָפּ פֿון איר זײַן קודלאַטן קאָפּ?

— אַ װאָרט באַקומט ראַיִסע סאָלאָמאָנאָװנע, ביטע!

דער פּאָרזיצער האָט פֿאַרײכערט זײַן ציבעק און אַ קוק געטאָן אױף איר מיט פֿאַראַכטונג, װי אײנער רעדט: „נו־נו, לאָמיר הערן! מיט װאָס װעסטו מיר באַצאָלן פֿאַר אַלץ, װאָס איך האָב געטאָן פֿאַר דיר? דאָס האָב איך דאָך אָרגאַניזירט דײַן יובילײ אין נײַן־און־פֿערציקסטן יאָר, דאָס האָב איך דאָך באַזאָרגט דײַן לײענזאַל מיט דרײַ מאַשינעס האָלץ, אַז דײַנע אַלטע בײנער זאָלן ניט פֿאַרפֿרױרן װערן! און װער האָט דיר געגעבן דאָס צימערל טאַקע לעם דער ביבליאָטעק, דו זאָלסט פֿאַרשפּאָרן גײן װײַט אױף דער אַרבעט? װער?"

— צו דעם, װאָס עס האָט געזאָגט דער פֿאָרטרעגער, קאָן איך צוגעבן בלױז אײנס, — האָט ראַיִסע סאָלאָמאָנאָװנע געזאָגט, אױפֿהײבנדיק זיך פֿון איר אָרט, — צום ערשטן מאָל, זינט איך אַרבעט אינעם ראַיאָן, שטײט די דאָזיקע פֿראַגע אױף דער טאָג־אָרדענונג. דאָס ערשטע מאָל, צו אונדזער אַלעמענס באַדױערונג! אײניקע מײנען, אַז פֿאַרנעמען זיך מיט דער ביבליאָטעק מעג מען, װען עס איז שױן ניטאָ קײן בילכערע פֿראַגן... אָסטאַפּ ספּירידאָנאָװיטש האָט זיכער פֿאַרגעסן, װאָס װלאַדימיר איליטש לענין האָט געזאָגט װעגן ביבליאָטעקן. איר האָט פֿאַרגעסן, אָסטאַפּ ספּירידאָנאָװיטש, אַז אַ פּאַרטײ־טוער, אױב ער לײענט ניט, װערט ער פֿאַרװאַנדלט אין אַ געמײנעם פּלאַפּלער, אין אַ דיעליאַגע... איר אַלײן לײענט ניט שױן עטלעכע יאָר קײן ביכער — איך װײס, איך װײס! — דעריבער איז אײַך שװער צו פֿאַרשטײן מײַנע זאָרגן װעגן דעם לײענער.

— צי איך לײען יאָ, צי איך לײען ניט — דאָס איז ניט אײַער אײסעק! — איז אױפֿגעבראַכט געװאָרן אָסטאַפּ ספּירידאָנאָװיטש און אַ שלײַדער געטאָן דעם ציבעק אױפֿן טיש. — עפּשער װעט איר מיר נאָך באַפֿױלן, איך זאָל אײַך ברענגען די קאָנספּעקטן פֿון די איבערגעלײענטע ביכער און איר װעט מיר שטעלן אַן אָפּשאַצונג — אַ דרײַ אָדער אַ פֿינף?

דער סעקרעטאַר פֿון ראַיקאָם האָט רויִק, מיט זײַן געװײנלעכער װײכקײַט געזאָגט:

— לאָמיר קודעמקאָל עפֿענען די פֿענצטער, כאַװײרים, װײַל מע קאָן דאָ דערשטיקט װערן. און איצט — צו דער זאַך!

די זיצונג האָט אָנגענומען דעם געהעריקן באַשלוס, װאָס האָט געקאָנט אָנגענומען װערן: די ביבליאָטעק האָט באַקומען אַלץ, אין װאָס זי האָט זיך געניטיקט.

— אַ גרױסן דאַנק אײַך, כאַװײרים, — האָט צולעצט געזאָגט ראַיִסע סאָלאָמאָנאָװנע.

װאַסילי פּיאָדאָראָװיטש האָט געהאַט נאָך אײן פֿאָרשלאָג:

— איך מײן, אַז דער רעדאַקציע װעט ענטפֿערן אָסטאַפּ ספּירידאָנאָװיטש אַלײן; צװײ װאָכן איז ניט װײניק, אַז עס זאָל שױן זײַן װעגן װאָס צו ענטפֿערן...

אַנפּיסע

צװישן די, װאָס האָבן פֿאַרענדיקט דעם טעכניקום און זײַנען, װי אָלגע און נאַדיע, געשיקט געװאָרן אױף דאָנבאַס, איז געװען דאָס יונגע פּאָרפֿאָלק װאַליע און דאָדיק. עס האָט זיך פֿאַרװירקלעכט זײער טרױם — מע האָט זײ ניט צעשײדט.

— אַך, װי גוט איז, װאָס איר זענט שױן געקומען, — האָט זײ באַגריסט דער אינספּעקטאָר

פון שטאָטראַט, — נאָר וווהין שיקט מען אײַך, איר זאָלט זײַן צוזאַמען? אף דער שאַכטע „סוועט־לאַנאַ" וואַרט מען שוין לאַנג אף א מענטשן, אָבער בלויז אף איינעם, איר פאַרשטייט — אײַ־נעם! אויך אף דער שאַכטע אפן נאָמען פונעם זיבעצנטן פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר דאַרף מען א מענטשן, און ווידער — איינעם. ס'איז ניט זייער ווײַט — א צען־צוועלף קילאָמעטער. אהין פאָדערט זיך גאָר א גענייטער טוער. די ביבליאָטעק איז א גרויסע, א סאָלידע. זענט איר מאַס־קים? — דאָס האָט ער געווענדט זיך צו דאָדיקן.

— מאַסקים, פאַרשטייט זיך, — האָט ניט זיכער געענטפערט דאָדיק. — אָבער איך וואָלט וועלן אַרבעטן אין אזא אָרט, ווו איך וואָלט געקענט פאַרזעצן מײַן באַליבטע אַרבעט... ס'הייסט, מײַן מאָלערײַ.

דער אינספּעקטאָר האָט א קוק געטאָן אף קאָמאַראָוון מיט פאַרווּנדערונג.

— איר זענט דאָך א ביבליאָטעקער?

— איך בין א מאָלער... מײַן פרוי איז ווירקלעך א ביבליאָטעקער, איר פאַרשטייט, לויטן באַרוף. און איך, אָט, זײַט אזוי גוט און טוט א קוק...

דאָדיק קאָמאַראָוו האָט פאַנאַנדערגעוויקלט די פּאַפּקע, וואָס ער האָט ניט צופעליק גענומען מיט זיך. דאָרט זײַנען געווען אייניקע פון זײַנע געמעלן — פּאָרטרעטן און קאַריקאַטורן. דער אינספּעקטאָר האָט א פאַרגאַפטער אויסגעשריגן:

— גלענצנד!

— איך מיין אויך אזוי, — האָט שטיל זיך אָנגערופן וואַליע.

— דאָס זײַנען מײַנע פרוון דערווײַל... אין די באַדינגונגען פון טעכניקום.

— מיר וועלן אײַך שאַפן די נייטיקע באַדינגונגען. קומט! — און דער אינספּעקטאָר האָט אוועקגעפירט דאָדיקן און וואַליען גלײַך צום פּאָרטרעטער פונעם פאַרזיצער פון שטאָטראַט, וועלכער האָט ערשט ווידער געגנוי פאַנאַנדערגעפרעגט דעם יונגן קינסטלער.

— איר פאַרשטייט, ס'איז דאָך עפּעס — דאַנבאַס! — האָט געזאָגט דער פּאָרטרעטער פון פאַרזיצער. — דאָ באַ אונדז לעבן און אַרבעטן מענטשן פון א באַזונדערן שניט! אײַנגיכן וועט איר זיך אליין איבערצײַגן אין דעם. שאַכטיאָרן! קוילנגרעבער! אַלץ איז באַ אונדז דאָ, אַלץ, נאָר אייגענע קינסטלער, איר פאַרשטייט — קינסטלער, צום באַדויערן, האָבן מיר ווינציק. אַן אייגענעם שאַכטיאָרישן פּאָעט — ביטע, פּאַוולאָ בעזפּאַשטשאַדנע. איר האָט אוודאי געהערט וועגן אים?

— וואָס פאַר א פראַגע? — האָט זיך וואַליע ווידער אַרויסגעכאַפּט.

— דאָס איז מײַן פרײַנט! צוזאַמען מיט מיר האָט ער אמאָל געפּויזעט אין שאַכטע. א קאָ־נאָהאָן, א פערד־טרײַבער געווען, ווי איך... און באַריס גאָרבאַטאָוו? אויך אן אונדזעריקער! עפּ־שער ווילט איר קאָמפּאָזיטאָרס אייגענע, דאָנבאַסער? פאַראַן, פאַראַן! זיי איז גוט באַקענט די מוזיק פון שטיינער־פּלאַסט. איר שמייכלט? — האָט דער באַגײַסטערטער פּאָרטרעטער א קאָ־פּעלע ווי א באַליידיקטער געווענדט זיך צו דער בלאָנדער וואַליע. — לאָזט זיך אראָפּ אין שאַכטע, וועט איר הערן, ווי דער פּלאַסט זינגט. יאָ־יאָ! און אייגענע קינסטלער, מאָלער זײַנען דערווײַל ניטאָ. קימאַט ניטאָ. און דאַרפן דאַרף מען זיי, ווי דאָס לעבן, אזעלכע, וואָס זאָלן ליב האָבן אונדזער קאַנט, אונדזערע מענטשן, אונדזער מי.

דער ווילער מענטש, דער אַלטער שאַכטיאָר, א פאַרליבטער אין זײַן קאַנט, האָט באַשטימט שיקן דאָדיק קאָמאַראָוון אַלס קינסטלער אף דער אַלטער שאַכטע, וואָס פאַרמאָגט אן אייגענעם גרויסן קולטור־פּאַלאַץ.

— און איר, כאַווערטע, — האָט ער אופגעהויבן זײַנע גוטע ליכטיקע אויגן אף וואַליען, — אײַך וועלן מיר אײַנאָרדענען פאַר א ביבליאָטעקערן טאַקע אינעם זעלבן פּאַלאַץ. אויב איר דער־ווידערט ניט, פאַרשטייט זיך, — האָט ער זיך גוטמוטיק א ווייצל געטאָן.

— אוי, א דאַנק, א גרויסן דאַנק אײַך! — האָט וואַליע זיך שיר ניט צעוויינט.

אזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער גליקלעכער וועג באַביידע קאָמאַראָווס.

דער דירעקטאָר פונעם קולטור־פּאַלאַץ האָט זיי מיטגעהאָלפן געפינען א קליין צימערל. דערבײַ האָט ער געוואָרנט:

— די מישפּאָכע, ווו איר וועט וווינען, האָט זייער א סאַך איבערגעלעבט. מענטשן זײַנען דאָס גוטע. האקלאַל, וואָס זאָל איך אײַך זאָגן — פרעגט גאָרנישט, אויב מע וועט וועלן, וועט מען אײַך אַליין דערציילן, און אויב ניט — איז אויך נישקאָשע.

וואַליע און דאָדיק האָבן געווײנלעך מיט גאָרנישט ניט געגעבן אָנצוהערן ניט דער באַלע־באָסטע אַנפּיסען, ניט איר מאַן, א באַיאָרטן אַרבעטער, אז זיי ווייסן עפּעס, מ'האָט בלויז באַמיט זיך, דאָס יונגע פּאָרפאָלק, ניט אַרויסשטעלן איבעריקס דאָס אייגענע גליק זייערס.

וואליע האָט געמוזט אויסמייַדן אויגן-קאָנטאַקט. אָבער ווען זיי האָבן פּונקט אָנגעהויבן רעדן וועגן דער אויסשטעלונג „ערע און רום די כּאַשעוועוע לײַט פֿון מי", האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָדיק האָט אַ גאַנצן פּלאַן, ווי צו פֿאַרפּוצן דער דירעקטאָר פֿונעם קולטור-פּאַלאַץ אַ גאַנצן פּלאַן, ווי צו פאַרפּוצן די געבײַדע, די אַפּרו-צימערן מיט נײַע געמעלן.

— אין די פֿראַגן פֿאַרלאָז איך זיך אויף אײַך! — האָט געזאָגט דער דירעקטאָר. — איך מיין, אַז איר וועט באַרעכטיקן די גרויסע רעקאָמענדאַציעס.

— וועלכע רעקאָמענדאַציעס? — האָט דאָדיק ניט פֿאַרשטאַנען.

— אַזוי זענט איר באַשיידן? — האָט אַ שמייכל געטאָן דער דירעקטאָר און אויפֿגעמישט דעם זשורנאַל, אין וועלכן עס איז געווען אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל פֿון איינעם אַ באַוווּסטן קינסטלער. — נאַט, לייענט!

דאָדיק האָט ניט געגלייבט זײַנע אייגענע אויגן. דער פֿאָלקס-קינסטלער גאַרבונאָוו האָט געשריבן וועגן דעם יונגן דאָדיק קאָמאַראָוו און אַזוינע ווי ער: „מאָלערײַ איז פֿאַר ד. קאָמאַראָוו אַ קוואַל פֿון פֿרייד. מיר זײַנען באַקאַנט איינציקע זײַנע אַרבעטן — פֿרישע, אָריגינעלע לויט דער פֿאָרם, דערבײַ זייער טיפֿע לויטן פּאָרטראַכט, לויט זייער סאָציאַלן אינהאַלט. דערווײַל ליגן זײַנע געמעלן אין אַ פּאַפּקע... דער יונגער קינסטלער גרייט זיך ווערן אַ ביבליאָטעקער. דאָס איז אויך אַ וויכטיקער געביט, נאָר ניט בלויז דערמיט דאַרף זיך באַשעפֿטיקן דער יונגער פּילצוזאָגנדיקער קינסטלער! איך פֿאַרזענלעך לייג אויף אים גרויסע האָפֿענונגען".

ווען דאָדיק פֿלעגט באַזוכן דעם פֿאָלקס-קינסטלער גאַרבונאָוו, איז אים דער אַלטער מײַסטער מעכאַבעד געווען מיט שטאַרקער טיי און טרוקענע בייגעלעך, אָבער דערנאָך, ווען מע האָט זיך גענומען דורכקוקן די נײַע עטיודן דאָדיקס, האָט דער קינסטלער אָפּט געהאַט טײַנעס צו אים פֿאַר יעדער קלײניקייט, פֿאַר דער מינדסטער ניט אויסגעפֿורעמטער דעטאַל.

— איר זענט אַ פּויליאַק! — האָט ער אים גוטמוטיק געמוסערט. — אײַך קומט שמיץ!

און איצט לויבט ער אים — אַ יונגער טאַלאַנט!

פֿאַרנאַכט, ווען וואַליע האָט זיך אומגעקערט אַהיים, האָט זי געטראָפֿן איר דאָדיקן באַם טיש, אין עס-צימער — ער האָט געצייכנט אַ סקולפּטור-גרופּע. מיט דער אַרבעט האָט ער געוואָלט אָפּמערקן דעם שאַכטיאָרן-טאָג.

— האָסט שוין געלייענט? — האָט זי אים דערלאַנגט דעם זשורנאַל.

— אָך, וואַליושע, — האָט דאָדיק אומעטיק אַ שמייכל געטאָן, — דאָס איז דאָך אַ וועקסל. בלויז פּייִקײַטן פֿאַרמאָגן איז ווייניק. ווען איך קום אָן אין אַן אינסטיטוט...

— וואָס זשע איז די מעניע?

— אַ מעניע איז דאָ און ניט קיין קליינע...

— נו?

— אויף וועמען וועל איך דיך איבערלאָזן?

— איר הערט, איר הערט, באַלעבאָסטע-לעבן, — האָט וואַליע אין אַ שפּאַס אים גענומען פּאַטשן איבער די הענט, מיט וועלכע ער האָט זיך געפּרוּווט באַשיצן. — וואָס וועט איר זאָגן?!

— נאַרישקײַטן! דו ביסט בא מיר דאָס גרעסטע געווינס!

— אויב אַזוי, איז לאָמיר טרינקען טיי! לעקאָוועד אַזאַ אַרטיקל איז קעדײַ!

אינעם אָפֿענעם פֿענצטער פֿון דער געמיטלעכער דירע האָט זיך אַרײַנגעריסן דאָס באַנאַכטיקע קילע ווינטעלע — דער ערשטער גרוס פֿונעם דאָנעצקער האַרבסט. אָפֿן פֿענצטער זײַנען געשטאַנען צעבליטע וואַזאָנעס — געאָרגינען. דאָס ווינטל האָט אַראָפּגעריסן פֿונעם קרומלעכן שטאַם צוויי אונטערשטע פֿאַרגעלטע בלעטער. אַנפּיסע, די באַלעבאָסטע, שוין ווײַט ניט קיין יונגע פֿרוי, האָט זיך אָנגעבויגן זיי אופֿצוהייבן און איז אַ פֿאַרווײנטע אַרויסגעלאָפֿן אין קיך.

— וואָס איז געשען? — האָט דאָדיק, אַן אומרויִקער, זיך פֿאַרכידעשט. — גיי, וואַליע, טו אַ קוק — וואָס איז מיט איר?

אין אַ פֿאַר מינוט אַרום האָבן ביידע, וואַליע און אַנפּיסע, בלאַסע, נאָר שוין באַרויִקטע, אַרײַנגעבראַכט אין עס-צימער דעם טשײַניק מיט טעלעכע טעלער.

דאָדיק איז אַוועק קויפֿן אַ פֿלאַש ווײַן, נאָר דער לאַריאָק איז שוין געווען פֿאַרמאַכט, איז אים אויסגעקומען גיין אין אַ ווײַטער קלייט, וואָס לעבן דער שאַכטע.

ווען דאָדיק איז אַרויס פֿון שטוב, האָט אַנפּיסע ערשט אָפּסנײַ זיך צעוויינט און גענומען דערציילן:

— מע האָט אונדז דאָ געהאַלטן פֿאַר די סאַמע גליקלעכסטע אינעם יישעוו — מיך און אַנטאָן מאַרטינאָוויטשן. געלעבט האָבן מיר ניט רײַך און ניט אָרעם. ווי אַלע. ער איז געווען דער סעקרעטאַר פֿון פּאַרטיי-קאָמיטעט אויף דער שאַכטע. אַ סאַך יאָרן אין פּאַרטיי, נאָך פֿון די באַוווּסטע לעניןטעג אינעם 1924 יאָר. ווען ס'האָט אויסגעבראָכן די מילכאָמע און מע האָט זיך גענומען עוואַקויִרן, בין איך מיט מײַן עלטערער טאָכטער — איר קענט זי ניט, — מיט מײַן ניורען אוועקגע-

פאָרן, און אנטאָן איז געבליבן דאָ. „מע דארף אזוי", — האָט ער מיר דערקלערט. איך ווייס, ער איז געווען אן אונטערערדלער, א פארטיזאַן. און אָט האָבן זיך אומגעקערט אונדזערע. ער האָט זיך געשטעלט צו דער ארבעט. איך האָב זיך אומגעקערט פון דער עוואקואציע, און ווידער איז ער דאָ געווען כּאָשעוו בא אלעמען. איך האָב געבוירן א צווייט קינד — וואָווּטשקען... און טאקע דעמלט איז געשען דער אומגליק: מע האָט אף מײַן אנטאָשען אויסגעטראכט א בילבל, אז ער האָט בעשאס דער אָקופּאציע זיך אופגעפירט ניט ערלעך. און ווער האָט דאָס געטאָן, ווער האָט געמאכט דעם בילבל? א פארקויפטע בריִע, וואָס האָט אליין געדינט די פאשיסטן...

אנפיסע האָט אויסגעווישט די טרערן און ווײַטער דערציילט אן אומעטיקע, א טיף באַ־טריבטע:

— אלץ האָט זיך אויסגעקלאָרט, אנטאָן איז אינגיכן געקומען צוריק אהיים. אָבער איך, וואָס האָב איך אָפּגעטאָן? — די באלעבאָסטע האָט מיט ווייטעק ארײַנגעקוקט וואליען אין די אויגן. — ביסט יונג, איז ווייס, ווייס, ווי ווײַט מע דארף געטרײַ זײַן דעם מאַן, דײַן פרײַנט אין לעבן... איך האָב דאָס ניט געוווּסט. און דערפאר ברענט עס מיך ביז הײַנטיקן טאָג. די מאמע מײַנע האָט זיך צו מיר גענומען, די אייגענע מאמע, פארשטייסט? וואָס דארף איך אים, הייסט עס, אָט אזא, אנ־טאָנען, און אז די קינדער דארפן אים ניט אָט אזא. האקלאל, וואָס איז לאנג צו דערציילן? עמעצן וואָלט איך אָנגעשפּיגן אין פּאָנעם, — נאָר דער מאמען?! זי האָט מיר לאנג אײַנגערעדט, און איך האָב טאקע אָנגעשריבן א מעלדונג וועגן א געט מיט אנטאָנען. באלד נאָך דעם, ווי די מעלדונג איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דער צײַטונג, איז ער געקומען אליין — א בארעכטיקטער, א ריינער, א פרײַער! הא, פארשטייסט? אָט איז מײַן לעבן, מײַן פּײַן...

וואליע האָט מיטפילנדיק, טיף א זיפץ געטאָן.

אנפיסע האָט פארנייגט דעם קאָפּ און איז אויך אנשוויגן געוואָרן. זי האָט ניט דערוואַרט פון וואליען ניט קיין מיטלײַד, ניט קיין בארעכטיקונג.

— איך בין אים געפאלן צו די פיס און ניט געקענט אויסריידן קיין וואָרט, — האָט שטיל פאָר־געזעצט אנפיסע, — ער האָט מיך, ווי געוויינלעך, ארומגענומען, א קוש געטאָן און געפרעגט: „ווער זשע האָט דאָס דיך אויסגעלערנט באגיין אזא אוולע?" לאָזט זיך אויס, אז ווי נאָר ער איז ארויס אף דער פרײַ, האָט מען אים באלד מודיִע געווען, באוויזן די צײַטונג מיט מײַן מעלדונג... וואָס האָב איך אים געקאָנט זאָגן, מײַן אנטאָשען?.. אריבערלייגן די שולד אף דער מאמען? נאַ־רישקײַטן! דאָס האָב איך ניט געוואָלט און ניט געקאָנט טאָן. איך האָב געשוויגן.

— און ער, אנטאָן מארטינאָוויטש?

— ער? — אנפיסע האָט א שמייכל געטאָן. — ער איז מיר מויכל געווען... מויכל געווען! זעסט, ער איז אי קליגער, אי בעסער פון מיר, דעריקער — בעסער...

דאָדיק האָט זיך אומגעקערט מיטן ווײַן. וואליע האָט אָנגעגאָסן דרײַ בעכער.

— פאר וואָס זשע טרינקען מיר?

— פאר דעם, אז אין אָט דער שטוב זאָלן מער קיינמאָל ניט זײַן קיין צאָרעס!

— און פאר אײַערע גוטע בילדער, — האָט אופגעהויבן איר בעכער אנפיסע.

— איך וועל דיר געבן א טעמע פאר א בילד, דאָדיק, — האָט וואליע געזאָגט און לײַכט ארומגענומען דעם מאנס פּלייצע, — איך וועל דיר שפּעטער זאָגן, וואָס פאר א בילד דאָס דארף זײַן. א זעלטענער סוזשעט, אָט וועסטו זען!

וואליע האָט ווידער גענומען אָנגיסן די בעכער.

יעגאָר דובאָוו

נאדיע אלפּערין האָט לאנג געטראכט וועגן קאטיען, איר געהילף — דעם יונגינקן מיידל מיט די גאָלדענע זון־שפּרענקעלעך אפן לענגלעכן פּאָנעם. קאטיע איז אזוי געטרײַ און איבערגעגעבן געווען איר, דער נײַער ביבליִאָטעקערן, אז נאדיע האָט זיך מאָמענטנווײַז געפילט אומאָנגענעם: מיט וואָס וועט זי איר אָפּדאנקען, אָט דעם יונגן פרײַנט אירן?

נאדיע האָט זיך באזעצט בא דער זעלבער פענסיִאָנערקע, בא וועלכער עס האָט געוווינט קאטיע. און ביידע האָבן זיי, יונגע, ענערגישע, מיט לײַב און לעבן ארײַנגעטאָן זיך אין דער ארבעט. אָנגעהויבן האָט מען אלץ פונדאָסנײַ — טאקע פון שאפן די ביבליִאָטעק אינעם קליינעם שאכטיאָרישן יִישעוו.

— ווי זשע וועט איר זי שאַפֿן, כּאַוורטע אַלפֿעריך? — האָט זיך געכידעשט דער פּאַרזיצער פֿונעם אַרטיקן ראַט.

— ערגעץ דאָ אינעם יִשעוו. איר וועט אָן אייצע געבן.

— דאָס געפֿעלט מיר, — האָט זיך צעלאַכט דער פּאַרזיצער. — איך זאָג אײַך דעם עמעס — ס'געפֿעלט מיר!

— בין איך צופֿרידן.

— נאָר עפּשער וועט איר אַזוי גוט זײַן און כאָטש זאָגן מיר, ווו וואָלט איר וועלן די ביבליאָטעק זאָל זײַן? אין וואָס פֿאַר אַ ווינקל פֿון אונדזער כוטאָר?

— אין סאַמע צענטער פֿונעם יִשעוו, ניט ווײַט פֿון דער וואַסער־קאָלאָנקע, צווישן דעם מאַגאַזין און דער שפּאַרקאַסע.

— ווו־ווו? צווישן דעם מאַגאַזין און דער שפּאַרקאַסע? — האָט דער פּאַרזיצער אַ קוק געטאָן דורכן פֿענצטער אויף דעם ווינקל, ווו עס האָבן זיך געגריבלט אַ פּאָר צענדליק הינער.

— אָט דאָ, — איז נאַדיע אַלץ ניט ניספּאָעל געוואָרן פֿונעם פּאַרזיצערס כאַכמענען זיך, — מיר וועלן פּאַשעט און פּראָסט אויסבויען זי, די ביבליאָטעק.

— ווער איז דאָס דער „מיר“?

— „מיר“ דאָס זײַנען איר, און איך, און אַנדערע. אָט ער! — נאַדיע האָט אָנגעוויזן אויף אַ באָכער, וואָס איז גראָד אַרײַנגעקומען אין קאַבינעט, — אַ שלאַנקער, אַ כּייִנעוודיקער, מיט אַ פֿוטבאָל־מיאַטש אין דער האַנט. — איך מיין, קאָסטיע, אַז איר וועט אונדז מיטהעלפֿן?

— איר האָט דען אין דעם געצווייפֿלט?! — האָט זיך דער באָכער צעשמייכלט. — נאָר זאָגט מיר, טײַערינקע, ווער זענט איר און פֿונוואַנען ווייסט איר, אַז איך בין קאָסטיע?

— וואָס זשע, איך האָב ניט געזען, ווען איך בין געגאַנגען אַהער, ווי איר האָט באַשיצט די טויערן? כּעוורע האָט געשריגן: „קאָסטיאַ, האַלט!“ — איז וואָס דאַרף איך מער?

— אַלץ איז פּינקטלעך!

— און מיסטאָמע זענט איר אַ מיטגליד פֿונעם קאָמיוגישן קאָמיטעט?

— שטעלט אײַך פֿאָר.

— איז לאָמיר זײַן באַקאַנט: נאַדיע אַלפֿעריק.

— זייער אָנגענעם! — קאָסטיע האָט אין די ספּאָרטיווע הויזן אויסגעווישט די דלאָניע פֿון דער רעכטער האַנט, וואָס איז שוואַרץ געוואָרן פֿון ערד, און אויסגעשטרעקט זי נאַדיען. — וועגן וואָס גייט דאָ אַ רייד?

— וועגן דער ביבליאָטעק פֿון אונדזער יִשעוו.

— באַ אונדז איז דען אַ ביבליאָטעק?! אַ לײַטיש געלעכטער, אַ כאַלאַבודע פֿון ברעטער, אַ קוריק!

— נו־נו־נו! — האָט שוין ניט איין שפּאַס אופֿגעהויבן אַ פֿינגער דער פּאַרזיצער.

— עפּשער ניט? אַ קוריק! און ס'איז דאָרט ניטאָ וואָס צו לייענען! אויב איך, צום בײַשפּיל, דאַרף אַ גוטן בוך, גיי איך אויף דער שאַכטע אָדער אין דער שטאָטישער ביבליאָטעק. און דאָ, באַ אונדז?

— באַ אונדז קאָן מען שאַפֿן אָן אייגענעם ביכער־פּאַלאַץ! — נאַדיע האָט שוין געגרעדט בלויז צו קאָסטיען. — מע גיט אונדז געלט — ביטע! סאַרא ביכער מע האָט געקאָנט אײַנקויפֿן פֿאַר אָט דעם געלט! פֿרעגט זיך אָבער: וווּ טוט מען זיך אַהין מיט זיי?

— טאַקע, וווּהין? — קאָסטיע האָט שוין פֿאַרשטאַנען, אַז דאָ איז מער ערנסט, ווי שפּאַס. — ווייסט איר גאָר וואָס, — האָט ער זיך געווענדט צו נאַדיען, — קומט צום שעף פֿון דער שאַכטע! אָט וועט איר זען — ער וועט ניט אָפּזאָגן, ער וועט געבן מאַטעריאַלן, און בויען קאָנען מיר, די יוגנט פֿון יִשעוו, אין די רו־טעג, אין די פֿאַרנאַכטן... דער פּאַרזיצער, זע איך, איז אויך מאַסקים.

פֿונעם יִשעוו־ראַט זײַנען זיי אַרויסגעגאַנגען צוזאַמען — נאַדיע און קאָסטיע. קאָסטיע האָט שוין אַפֿילע פֿאַרגעסן, צוליב וואָס ער איז אַהער אַרײַנגעקומען.

גאַנצפֿרי האָט נאַדיע אײַליק געשפּאַנט צו דער שאַכטע, קעדיי ניט פֿאַרשפּעטיקן אויף דער אויסעראָרדנטלעכער זיצונג פֿון דער קאָמיוגישער ביוראָ, וועגן וועלכער זי האָט זיך צונויפֿגערעדט מיט קאָסטיען. באַם סאַמע טויער האָט זי דערזען: דער באָכער וואַרט אויף איר אין זײַן שאַכטיאָרישן העלם, וואָס האָט אים זייער געפּאַסט. איצט איז ער ענלעך געוועזן אויף די שאַכטיאָרן, וואָס מע מאָלט אויף די פּלאַקאַטן.

— נאַדיעזשדאַ! — האָט קאָסטיע אויסגערופֿן. — אַ גרוס!

— כ'האָב ניט פֿאַרשפּעטיקט?

— צו דער מינוט! — ער האָט איר געדריקט די האַנט. — נאָר איך מוז אײַך אַנטפּלעקן אַ סאָד: איך האָב געמיינט, אַז איר וועט ניט קומען.

די זיצונג פון דער ביוראָ איז געווען אַ קורצע. מע האָט באַשטימט, אַז ניט נאָר די פוטבאָל־קאָמאַנדע, נאָר אויך די יוגנט פון דער גאַנצער שאַכטע זאָל אינעם רו־טאָג אַרויסגיין אויף אַ שאַ־בעסניק צו פאַרלייגן דעם פונדאַמענט פון אַ ביבליאָטעק, און זאָל דער ישעיו זען, אַז וואָס די יוגנט איז פּייִק.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער אַרבעטסטאָג.

דער באַגער מיט דער ווייצענער קוטשמע און די הימל־בלויע אויגן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט מיט זײַן בריגאַדע אין שאַכטע, נאָר נאַדיען האָט זיך גערעכנט, אַז ער גייט איר נאָך, אַז ער קוקט אויף איר פון יעדער ווינקל... פאַר אירע אויגן האָט די גאַנצע צײַט געשוועבט זײַן שמייכל, איר האָט געדאַכט, אַז זי הערט זײַן שטים. איר האָט זיך געוואָלט אַ דריק טאָן זײַן ברייטע האַנט, וואָס איז פּונקט ווי באַ קאַטיען באַשאָטן געווען מיט גערייכטע זון־שפּרענקלעך. עס האָט זיך איר דער־מאָנט קאַטיוס ליד:

מיר דאַכט, זיי פּאַסן מיר
און כ'נעם זיך איבער
מיט אָט דעם העלן זונען־צוויט!

— אַך, סאַראַ נאַרישע איך בין! — האָט נאַדיע אַ לאַך געטאָן צו זיך אַליין און אוועקגעלאָזט זיך צום שעף פון דער שאַכטע.

דער שעף, יעגאָר דובאָוו, איז אַלט געווען עפּעס ניט מער ווי דרײַסיק יאָר, נאָר דער קאָפּ איז שוין באַ אים גראָוו געוואָרן. דובאָווס קלײנע אייגעלעך זײַנען געווען שאַרפע, און ס'האָט געדאַכט, אַז זיי זײַנען אַנגעצילט גלײַך אין דער נעשאָמע יעדן, וואָס קומט אַרײַן צו אים אין קאַ־בינעט. אויפגעהויבן זיך פונעם אָרט, האָט ער אָנגעוויזן נאַדיען אויף אַ שטול לעבן טישעלע באַם פענצטער. אויפן טישעלע — אַ פלאַש מינעראַלע וואַסער. יעגאָר סעמיאָנאָוויטש האָט אָנגעגאָסן אַ האַלבע גלאָז און זיך ווי אַנטשולדיקט:

— אַזאַ קרענק, פאַרברענט זאָל זי ווערן!

ער האָט דערלאַנגט אַ קליין פלעשעלע מיט עפּעס אַ מיקסטור, אָפּגעציילט עטלעכע טראָפּנס און אויסגעטרונקען.

— נו, איזוואָס זשע ווילט איר פון מיר? — האָט ער ענדלעך געפרעגט און אַרויסגעבראַכט די פראַגע ניט אַזוי העפלעך, ווי נאַדיען וואָלט זיך וועלן.

קאַסטיע האָט, עמעס, געוואָרנט, אַז דובאָוו איז אַ גרויסער פרויען־פײַנט, אַז בייס ער רעדט מיט פרויען, הייבט ער ניט אויף קיין אויג אויף זיי. אָבער באַגעגנט האָט ער נאַדיען פּאַשעט, מענטשלעך, איז צוליב וואָס זשע אָט די אָנגעצויגנקײַט?

— מיט וואָס זײַט איר געקומען צו מיר?

— מיט זייער אַ וויכטיקן אינינען!

— ווער זענט איר, אייגנטלעך?

— נאַדיע אַלפּעריק, פונעם דאָרעמדיקן ישעוו.

— אַלפּעריק? דאָס ערשטע מאָל הער איך אַזאַ פאַמיליע!

— איך בין דאָ סאַכאַקל עטלעכע טעג.

דובאָווס קליינע אייגעלעך האָבן מיט מער ציקאַווערסט אַ קוק געטאָן אין איר זײַט.

— נו איז וואָס זענט איר, אייגנטלעך, געקומען?

— ערשטנס, וויל איך זיך מיט אײַך באַקאַנען.

נאַדיע האָט זיך באַמיט וואָס קירצער דערקלערן די סיבע פון איר באַזוך.

— מיר וועלן אײַך אומבאַדינגט קומען צוהילף! — דובאָוו האָט עפּעס פאַרשריבן אין זײַן בלאָקנאָט. — מיט מײַן אייגענעם סייכל, זעט איר, בין איך ניט דערגאַנגען דערצו, אַז אינעם דאָרעמ־דיקן ישעוו מוז זײַן אַ גוטע ביבליאָטעק! איך האָב אַלץ געקלערט — מײַן זאָרג איז די שאַכטע... פאַרבינדט זיך עפּעטער מיטן קאָמיוג — די כוורע וועלן אײַך העלפן.

— אין דעם פראַט ווערט שוין עפּעס־וואָס געטאָן. אָבער ניט מער, ווי עפּעס־וואָס! — האָט נאַדיע באַמערקט אָפּנהאַרציק. — שפּעטער וועט מען טאַקע אין דער נײַער געבײַדע קענען אָרגאַ־ניזירן אַן אָוונט, אַ לעקציע...

קיינער, כוץ זיי צווייען, נאַדיען און יעגאָר דובאָוון, איז ניט בײַגעווען בייס אָט דעם שמועס, וואָס געדויערט האָט ער גאָר ניט לאַנג, און אין קאָנטאָר פון דער שאַכטע האָט מען זיך דערנאָך געכידעשט:

— זע, אַרויסגעבאַגלייט זי, די שוואַרצינקע, אַזש אין קאָרידאָר. גאָר ניט זײַן טעווע. ווער איז זי עס?! אַ מערקווירדיקע זאַך!

אפאנאסי אניסימאָוויטש

דער זאוואָד, ווו ס'האָט געארבעט עליע קירשטיין, האָט געהאט א גוטן שעם אין לאנד. אָבער דער דירעקטאָר פונעם זאוואָד — איוואן איוואנאָוויטש סיניצא איז ניט אלעמאָל געווען זיכער, אז דער כוידעש־פּלאן וועט אויסגעפילט ווערן צו דער צײַט. באזונדערס פלעגט אים פארשאפן יעסורים דער צעך, ווו עס ווערן אויסגעארבעט די נײַע, נאָך ווייניק דערלערנטע מאכשירים פון העכסטער פינקטלעכקײַט. פריִער פלעגט מען די מאכשירים ארײַנפירן פון אויסלאנד, איצט פירט מען זיי ארויס אין פארשיידענע לענדער. דער זאוואָד שטאָלצירט דערמיט. און ניט נאָר דער זאוואָד! אָבער געזונט קאָסט עס געננוג דעם דירעקטאָר און אלעמען, ווער עס איז באשעפטיקט בא די קאָמפּליצירטע מעכאניזמען, ביז מע דערזעט די לעצטע שורע: די פאר־געבונג איז אויסגעפילט, מיטן פּלאן איז אלץ אין אָרדענונג, מע איז אפילע אריבערגעשפּרונגען א פּראָצענט צי צווײ...

דער זאוואָד האָט שטאָלצירט אויך דערמיט, וואָס די איידלסטע און פינקטלעכסטע מאכשירים ווערן אלעמאָל פארבעסערט. איבער איינער אזא ראציאָנאליזאציע האָט געארבעט טאקע עליע קירשטיין צוזאמען מיט זײַן פרײַנט אפאנאסי אניסימאָוויטשן.

אפאנאסי שטשוקין האָט געוווּסט, אז עליע לעבט שטארק איבער דערפאר, וואָס אָלגע איז אוועקגעפאָרן, ער בענקט נאָך איר. און ניט דאָס איז אפילע דער איקער — ער ווייסט ביכלאל ניט, עליע, ווי האלט ער מיטן מיידל... און אָט איז אפאנאסי אניסימאָוויטש אוועק צום דירעקטאָר, קעדיי א שמועס טאָן וועגן עליען.

— א שיינעם און א פײַנעם גרוס, אפאנאסי אניסימאָוויטש! קום ארײַן, קום ארײַן! האָסט מיר פארשפּאָרט א גאנג! — האָט זיך אופגעהויבן פון אָרט דער דירעקטאָר.

— האָסט זיך געקליבן צוגאסט?

— ניט אזוי צוגאסט, ווי געבן אײַך א פּאָר שמיץ, דיר און דײַן מיטהעלפער...

— גאָר אזוי?!

— וויפל איז דער שיר, אפאנאסי אניסימאָוויטש, און וויפל קאָן מען ציִען דעם קליי פון מײַנע ביינער?! איך האָב גאָר ניט געוווּסט, אז אפן וויכטיקסטן באצירק שטייען בא מיר אזעל־

כע... — דער דירעקטאָר האָט געוואָלט צוזוכן מער א פּאַסיק וואָרט, — אַזעלכע פּאַרשלעפּטע קרענק! אָט איז בא מיר פאַרשריבן אין קאַלענדאַר, זעסט? „א שמועס טאָן מיט אַפּאַנאַסיען".

— הער, איוואַן איוואַנאָוויטש! דו זאָלסט ניט מיטפילן, ניט וועלן פאַרשטיין אונדז, האָ?!

— הערסט א נײַס! הערסט! און דו מיט דײַן געהילף, דער רוען זאָל אײַך נעמען! וויפל קלערט איר זיך עס וואָזגען מיט דער דערפינדונג?!

— אָט דאָס בין איך דאָך געקומען זיך האַלטן אָן אײַצע.

— וואָס פאַר אָן אײַצע קאָן איך אײַך געבן? איר זענט דאָך די כאַכאָמים!

— מיט איליושען האָט פּאַסירט אַן אומגליק, איוואַן איוואַנאָוויטש.

— וואָס זשע?

— ער האָט זיך פאַרליבט.

— איז דאָך גוט! ליבע, זאָגט מען, איז דער בעסטער סטימול.

— טעאָרעטיש! אָף דער פּראַקטיק באַקומט זיך אַמאָל פּונקט קאַפּויר. די געליבטע האָט פאַרענדיקט דאָס לערנען און איז אַוועקגעפאָרן.

— אויך א נאָרמאַלע זאַך! צו וואָס דען האָט מען זי געלערנט?!

— טעאָרעטיש, איוואַן איוואַנאָוויטש, טעאָרעטיש!

— מײַן איין־און־איינציקע טאָכטער, פאַרשטייסטו, איז אויך אַוועקגעפאָרן אַזש אָף אַלטײַ. עמעצער דאַרף דאָך פאָרן! א נאָרמאַלע זאַך!

— מאַסקים. נאָר איליושעס שיינהייט האָט מיט זיך מיטגענומען ניט נאָר זײַן האַרץ און זײַן קאָפּ. זי האָט אים די פּאַמאַראַקעס פאַרקלאַפּט!

— מיט וואָס זשע קאָן איך דאָ העלפן? באַפוילן, מע זאָל זי אומקערן צוריק אין דער הויפּטשטאָט?

— איך וויל, דו זאָלסט אים געבן אורלויב אָף צוויי וואָכן.

— דו ווייסט, וואָס דו רעדסט?! דער פּלאַן ברענט!

אָף מאָרגן איז אַפּאַנאַסי ווידער געקומען צום דירעקטאָר. איוואַן איוואַנאָוויטש האָט אים דאָך געבעטן, ער זאָל זיך דערוויסן, וווּהין מע האָט זי געשיקט.

— זי איז אַוועקגעפאָרן אין א פאַרוואָרפן ווינקל, עפּעס א שטעטל מיט א מאָדנע נאָמען — ווטשעראַשניע.

— אין ווטשעראַשניע?! — האָט שיר ניט אויסגעשריִען איוואַן איוואַנאָוויטש. — דאָרט אַרבעט דאָך איצט מײַן אייגענער ברודער! פאַראַיאָרן האָט מען אים אַהין רעקאָמענדירט פאַר א סעקרעטאַר פון ראַיקאָם. דו דאַרפסט אים אויך געדענקען, אַפּאַנאַסי! די טעג האָב איך פון אים באַקומען א בריוו. ער שרײַבט, אַז זיי האָבן דאָרט אויסגעבויט א זאַקן־פאַבריק, און שטעל זיך פאָר — די מערהײַט מאַשינען זײַנען פון אונדזער זאַוואָד! אַלץ, שרײַבט ער, איז אין אָרדענונג, נאָר מיטן מאַנטאַזש האַלט עס שמאָל. עס פעלן גענימע פאַכלײַט. איז וועט עפּשער זײַן א פּלאַן, איך זאָל אײַךביידן שיקן צו מײַן ברודער אָף א פּאָר וואָכן... איר וועט אים דאָרט מיטהעלפן, און אין א פרײַער מינוט גוט א טראַכט טאָן אויך וועגן אײַער דערפינדונג.

■

וואַסילי איוואַנאָוויטש סיניצא האָט ניט געוווסט, ווי צו דאַנקען דעם עלטערן ברודער פאַר די צוויי מײַסטערס. כאָטש ער אַליין איז אַמאָל געווען א גוטער שלאָסער פון סאַמע העכסטן ראַזריאַד, האָט ער אָבער מיט קיין זאַקן־פאַבריק און נאָך מיט א קאָנווייער קיינמאָל ניט געהאַט צו טאָן. פון צענטער פרעגט מען, וויפל טויזנטער פּאָר זאַקן האָסטו שוין געמאַכט. נאָר וואָס קאָן ער ענטפערן, אַז דער קאָנווייער שנײַדט אים אָן א מעסער! ער האָט גענומען די צייכענונגען צו זיך אַהיים, איין נאַכט און א צווייטע געפּרווט זיך פאַנאַנדערקלײַבן אין זיי. נאָר א נעכטיקער טאָג! אַלץ איז, דאַכט זיך, ריכטיק, און דער קאָנווייער שטייט!

הײַנט האָט ער דערפרייט דעם הויפּט־אינזשעניער:

— מע פאָרט צו אונדז!

— ווער?

— א בריגאַדע פון מײַן זאַוואָד!

מער ווי צען יאָר איז שוין אַדורך, זינט וואַסילי איוואַנאָוויטש האָט דאָרט געאַרבעט, אָפּן גרעסטן זאַוואָד פון דער הויפּטשטאָט, און דאָך האָט ער זיך ניט געקאָנט אָפּזאָגן פון דעם פאַר־גענײגן א שטאָלציר טאָן בײַס א געלעגנהײַט: מײַן זאַוואָד!

באַנאַכט זײַנען געקומען אַפאַנאַסי אַניסימאָוויטש און עליע קירשטיין. וואַסילי איוואַנאָוויטש האָט גוט געדענקט דעם אַלטן מײַסטער, וועלכן מע פלעגט שוין דעמאָלט רופן „פאַקיר“.

— נו, אַ דאַנק, וואָס איר זענט געקומען. אַ נומער אין האָטעל האָבן מיר אײַך באַשטעלט... גאַנצפרי וועלן מיר זיך מיט אײַך באַגעגענען.

דער סעקרעטאַר האָט אָף זײַן פּערזענלעכער מאַשין אָפּגעפירט די געסט אין האָטעל. אַפאַנאַסי אַניסימאָוויטש האָט לאַנג ניט געקאָנט אַנשלאָפן ווערן. אים האָט געריירט די באַנאַכטיקע באַגעגעניש — אַ פריידיקע און אַ רעגעוודיקע ביז גאָר.

און עליע האָט געטראַכט וועגן גאָר עפּעס אַנדערש. ער האָט זיך געפּרוּווט פאָרשטעלן, ווי וועט פאָרקומען זײַן באַגעגעניש מיט אָלגען... זאָל ער זיך לאָזן צו איר פאַרטאָג, גלײַך ווי ער וועט זיך אויפכאַפּן, צי עפּשער קוידעמקאָל פאַרנעמען זיך דערמיט, צוליב וואָס דער דירעקטאָר האָט אים אַהער קאָמאַנדירט? יאָ, ער וועט פריִער פאַר אַלץ טאַקע אַוועק אָף דער פאַבריק.

— שלאָפסט, עליע? — האָט שטשוקין שטיל אַ פרעג געטאָן.

עליע האָט זיך ניט אָפּגערופן, און אַפאַנאַסי אַניסימאָוויטש, כאָטש ער האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז דער באָכער שלאָפט ניט, האָט אים מער ניט געטשעפּעט.

זיס און ביטער זײַנען געווען עליעס דערינערונגען... צום ערשטן מאָל האָט ער דערזען אָלגען בא זיך אין דער היים באַם פענצטער. זי איז געשטאַנען און געקעמט אירע בלאָנדע, קימאַט גאָלדענע, לאַנגע האָר, ווי דאָס וואָלט געווען אין אַ מײַסעלע. און אָט זיצט ער מיט איר אין קינאָ — זיי שפּירן נאָך עמעצנס אַ ליבע: טרערן, באַגעגענישן, שיידונג, אײַפערזוכט... עליע דערמאָנט זיך, ווי ער האָט געהאַלטן איר האַנט און האָט געטראַכט און געוווּסט, אַז זײַן ליבע אָף דער וואָר איז שענער. מע איז אַרויס פון קינאָ. אַ פײַכטער האַרבסטיקער ווינט האָט אַ פּאַטש געטאָן אין פּנים. גרויסע געהיימניספולע שטערן האָבן געווונקען פונעם טיפן הימל.

פּונקט ווי נעכטן וואָלט דאָס געווען. ער האָט שוין פאַרגעסן, וועגן וואָס עס איז געגאַנגען אַ רייד אין יענעם פילם, נאָר ער געדענקט גענוי, ווי אָלגע האָט טיף איבערגעלעבט די דראַמע. צי וועט זי זיך אָנשטויסן, צוליב וואָס ער איז געקומען קיין ווטשעראַשניע?

אויפן בענקל, באַם צוקאָפּנס, ליגט עליעס קליינינקער טשעמאָדאַן, אויפן טשעמאָדאַן — אַ גרויס פּעקל מיט עסנוואַרג. עס שמעקט דאָס געבעקס, וואָס די מאַמע האָט מיטגעגעבן פאַר אָלגען. די מאַמע — זי קען איצט מיסטאַמע אויך ניט שלאָפן אין זייער פּוסטער שטוב, — זי ווייסט אַלץ, זי פילט אים מיט.

„אָך, מאַמע, מאַמע! ווען דו ווייסט ווייניקער, וואָלסטו עפּשער ווייניקער געליטן צוליב מיר! איך וויל, דיר זאָל גוט זײַן, אַז דו זאָלסט פאַרשפּאָרן טראָגן אָף זיך אויך מײַן לאַסט פון אײַנזאַמקײַט. וואָלסטו כאָטש געווען בעטעווע אָן אַנדערע. אָלגע וועט זיכער אויך זײַן אַזאַ ווי דו, אַ געטרײַע, אַ האַרציקע“.

אַזוי איז עליע אײַנגעשלאָפן, און געשלאָפן עפּשער איין מינוט — אַזוי האָט זיך אים געדאַכט, ווען אַפאַנאַסי אַניסימאָוויטש האָט אים אײַנדערפרי אַ טאָרע געטאָן אין הוילן אַקסל.

אַ טאָג האָט מען זיך אָפּגעפּאָרעט אָף דער פאַבריק, גוט אָנגעמוטשעט די קעפּ און די הענט. ביז ס'האָט ערשט פאַרנאַכט־צו זיך גענומען אָנמערקן, אַז מע וועט טאַקע בײַקומען די פאַראַקשנטע מעכאַניזמען, זיי וועלן אויפהערן רײַסן און פּלאָנטערן די פעדעם.

— איך מיין, אַפאַנאַסי אַניסימאָוויטש, אַז אָף הײַנט וועט זײַן גענוג! — האָט עליע לײַכט אָפּגעטאָטעמט, אַרומווישנדיק די פאַרנאַפּטיקטע הענט.

— רעכט! אָן איבעררײַס! איך וועל דאָ נאָך טאָן אַ קוק, און דו כאַפּ זיך דערווײַל אַרײַן אין ביבליִאָטעק, ס'איז דאָ ניט ווײַט — איך האָב זיך שוין אינטערעסירט.

עליע איז אַרויסגעגאַן פון דער פאַבריק. עס האָט אָף אים שאַרף אַ ווייע געטאָן דער האַרבסטיקער ווינט. טרוקענע בלעטער, וואָס זײַנען געפאַלן פון די הויכע קליאָנען, האָבן געשורשעט אונטער די פיס. די ביבליִאָטעק איז טאַקע געווען ניט ווײַט — דער וועכטער פון דער פאַבריק האָט אָנגעוויזן אָף איר, שטייענדיק באַם טויער.

און אָט איז אָלגע בא איר טישל, אין ביבליִאָטעק. אַזאַ האָט זי עליע נאָך קיינמאָל ניט געזען. עפּעס אַזאַ פּאָשעטע אין איר גרויען סוויטער, וואָס ציט אײַן איר שלאַנקן גוף ביזן האַלדז, און אַזאַ פײַערלעכע, אַ שטרענגע און אַ צאַרטע... עמעצן דערלאַנגט זי אַ בוך פון דעם סטאָסעלע, וואָס ליגט אויפן טישל. אַ מין גליקלעכער ער דאַרף זײַן, אָט דער באַיאָרטער, פליכעוואַטער מענטש, וואָס באַקומט פון אירע הענט דאָס ביכל, וואָס הערט בוילעט איר שטים, זעט נאָענט, נאָענט אירע אויגן. עליע איז געשטאַנען אַ ווײַלע אָף דער שוועל. זי האָט אים ניט געזען, אָלגע. נאָר אָט האָט דער צוג־לופט, וואָס קומט פון דער ניט אײַנגאַנצן צוגעמאַכטער טיר, אַ באַוועג

געטאָן אירן א גאָלדן לאָקנדל אפן שטערן, א ריר געטאָן די האָר אף דער באַק, לעבן אויער, און זי האָט אויסגעקערעוועט די אויגן — אנציקטע, שטראַלנדיקע:

— עליע!

זי האָט אויסגעשטרעקט צו אים איר האַנט:

— ווי קומט איר אהער?

זי איז ארויס פון הינטער איר טישל, צוגעפירט אים צו עפּעס אן אלטיטשקער בא א צווייטן, א ווײַטערן טישל:

— באַקענט זיך, ראַיִסע סאָלאָמאָנאָוונע. דאָס איז עליע... עליע, וועגן וועלכן איך האָב אײַך דערציילט.

— אַ־א, איך פאַרשטיי.

— ווי קומט איר אהער? — האָט אָלגע איבערגעפרעגט.

— א געוויינלעכע קאָמאַנדירונג אף דער היגער זאָקן־פאַבריק.

— וואָס זשע האָט איר כאָטש ניט געגעבן צו וויסן?

— וועגן וואָס? — האָט ער זיך געמאַכט טאַמעוואַטע. — אז מיר קומען העלפן לאָזן די זאָקן־פאַבריק?

זיי זײַנען אף א ווײַלע אנשוויגן געוואָרן. ראַיִסע סאָלאָמאָנאָוונע האָט א זיפּץ געטאָן. ווי לאַנג איז דאָס געווען, ווען אויך צו איר איז אַמאָל אַראָפּגעקומען א באָכער א סטודענט? זי איז דאַן געווען א דאָרפישע לערערן. ער איז געקומען אָנזאָגן איר, אז עס הייבט זיך אָן די מילכאָמע און אז מע נעמט אים אין ארמיי. דאָס איז געווען זייער לעצטע באַגעגעניש.

— אָט וואָס, אָלגע, איך דאַרף אײַך דאָ ניט האָבן. איך וועל זיך אליין ספּראַווען.

— ראַיִסע סאָלאָמאָנאָוונע, — האָט אָלגע געפּרוּווט איר דערווידערן, — איך מוז דאָך... איך דאַרף דאָך...

— פריִער פון אַלץ דאַרפט איר ווי געהעריק אופנעמען אײַער גאַסט. גייט אהיים, שטעלט דעם סאַמאָוואַר.

די גרעסטע צירונג בא ראַיִסע סאָלאָמאָנאָוונען איז געווען דער סאַמאָוואַר, אף אירע קליי־נינקע, ניט גאָר אָפטע סימכעס פלעגט ער שטיין אויבנאָן אפן טיש און אויסזינגען זײַן געמיטלעכן ניגן.

— גייט, איך וועל אויך גיך קומען! — האָט זי געמאָלדן קאַטעגאָריש.

עליע האָט גענומען אָלגען אונטער דער האַנט. מיטן וועג איז מען אף א ווײַלע ארײַן אין האָטעל, גענומען ראַכילקעס מאַטאָנע — דאָס געבעקס. פונעם טשעמאָדאַן האָט עליע דערלאַנגט א קליין פּעקעלע, וואָס איז געווען איבערגעבונדן מיט א ווײַסער שמאָלער סטענגע.

— דאָס האָט די מאַמע געשיקט.

אָלגע האָט צעוויקלט דאָס פּעקעלע. דאָרט זײַנען צונויפגעפּרעסט געווען בינטעלעך „מור־לינע“ און עס זײַנען געלעגן צוויי געמעלן פאַר קישעלעך — פונקט אזעלכע, ווי בא די קיר־שטיינס אף דער טאַכטאַ.

— און איצט, עליע, דעם ריינעם עמעס: צוליב וואָס זענט איר אהער געקומען? — האָט דאָס מיידל געפרעגט.

— קעדיי זאָגן דיר, אז איך האָב דיך זייער ליב, אָלגע! — האָט ער אויסגעשאָסן אזוי, ווי ער וואָלט זיך צו דעם ענטפער געגרייט דאָס גאַנצע לעבן.

באָריס סוטשקאָוו

ווען מע האָט פאַנאַנדערגעטיילט די סטודענטן פונעם טעכניקום אף ארבעט, איז באָריס סוטשקאָוו פלוצעם געוואָרן קראַנק. אף דער קאָמיסיע איז ער ניט געקומען, און שפּעטער מיט א פּאָר טעג האָט זיך אים אײַנגעגעבן אײַנאָרדענען זיך אין געגנטלעכן ראַט פון די פּראָפאַריינען — ער איז באַשטימט געוואָרן אלס אינספּעקטאָר פאַר ביבליִאָטעק־איניאָנים. אז סוטשקאָוון האָט מיטגעהאָלפן פאַרנעמען דעם דאָזיקן פּאָסטן זײַנס א פרײַנטל, איז געבליבן א האַלבער סאָד — איינעקע מיטאַרבעטער פונעם טעכניקום האָבן עס געוווּסט.

ווי נאָר עס האָט זיך באוויזן די צײַטונג, אין וועלכער מע האָט געלויבט די באַרימטע ביבליאָטעק־פאַרוואַלטערן ראַיסע סאָלאָמאָנאָוונע, האָט דער געגנטפּראָקוראָר באַשטימט גענוי באַשרײַבן איר דערפאַרונג. טאַקע צוליב דעם האָט מען קאָמאַנדירט סוטשקאָוון אין וואַטשעראַשניע און אין נאָך אַ ריי ביבליאָטעקן פונעם דאָניעצער קאַנט.

באַקענען זיך מיט דער ראַיאָנישער ביבליאָטעק האָט באַריס סוטשקאָוו אָנגעהויבן בײַ אָסטאַפּ ספּירידאָנאָוויטשן אין קאַבינעט.

דער פאַרשטייער פון צענטער וועט זיכער פאַרצייכענען, ווי גוט עס האָט אים אויפגענומען דער פאַרזיצער פון ראַיוספּירקאָם, אַ מין ברייטן אינטערעס יענער ווײַזט אַרויס צו פראַגן פון קולטור־לעבן.

— וואָס איז דאָ צו ריידן, — האָט אָסטאַפּ ספּירידאָנאָוויטש געזאָגט, זיצנדיק אין זײַן באַקוועמען ברייטן שטול, — די ביבליאָטעק איז בײַ אונדז אַ באַדײַטנדיקער צענטער פון קולטור! ס'איז בײַ אונדז טאַקע אַזוי ווי דעקאַרט האָט געלערנט: „לייענען אַ גוטן בוך איז דאָס זעלבע, ווי פירן אַ געשפּרעך מיט די בעסטע מענטשן, דערבײַ איז דער געשפּרעך אַזאַ, אין וועלכן די קליגסטע מענטשן זאָגן אַרויס זייערע טיפסטע געדאַנקען".

די אַרויסזאָגונג האָט אָסטאַפּ ספּירידאָנאָוויטש אַראָפּגעשריבן אויף אַ באַזונדער בייגעלע פּאַפּיר און האָט זי שוין אַ מאָל צוואַנציק איבערגעכאַזערט יעדן, וואָס פלעגט קומען צו אים אין קאַבינעט. אויפן טיש בײַ אים זײַנען געלעגן אַ סך נײַע ביכער, אַפילו צופיל נײַע, ער האָט זיי, קענטיק, אַפילו נאָך ניט צעעפנט...

— פאַרשטייט זיך, ניט שטענדיק איז זי געווען אַזאַ, אונדזער ביבליאָטעק! איך האָב זיך פּײַנט באַרימען — מיט עפּעס־וואָס האָב איך איר זיכער געהאָלפן, נאָר איר וועט אַליין האָבן די מעגלעכקײַט זען, וואָס מען קאָן דערגרייכן, אַז מע נעמט זיך מיט קאָפּ צו דער זאַך.

— פאַרשטייט זיך, פאַרשטייט זיך, — האָט אונטערגעבאָמקעט דער יונגער אינספּעקטאָר סוטשקאָוו.

די ביבליאָטעק האָט ווירקלעך געמאַכט אַ גוטן אײַנדרוק.

— נו, איז ווי לעבסטו דאָ? — האָט באָריס אַ פרעג געטאָן בײַ אָלגען מיט אַזאַ טאָן, ווי ער וואָלט איר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער איז דאָ ניט איר גלײַכן, אַז ער איז געקומען אַלס פאַרשטייער פונעם צענטער, אַן אָנפירער, אַ רעוויזאָר.

ווער־ווער, נאָר אָלגע האָט גוט געוווּסט, אַז אין ביבליאָטעק־אינינאַנים פאַרשטייט סוטשקאָוו ווייניקער פון איר. מע האָט אים אַפילו אויפן צווייטן קורס פאַרגעלייגט איבערגיין אויפן קלובאָפּטייל, — אַהין פלעגט מען איבערפּעקלען די, וואָס האָבן ניט אַרויסגעוויזן קיין באַזונדערן אינטערעס צו ביכער. ער האָט קוים דערצויגן ביזן אַרויסלאָז, און אָט איז ער אַן אינספּעקטאָר.

— פאַרוואָס ביסטו מיט מיר אַזוי אָפיציעל, וועליטשקאָ? — האָט ער געפרעגט.

— נו, דו ביסט דאָך אַן אָפיציעלע פּערזאָן!

— ווער האָט צונויפגעשטעלט אָט די צעטלען? — האָט ער ווײַטער געפרעגט.

— מיר ביידע — איך און ראַיסע סאָלאָמאָנאָווגע.

— און פאַרוואָס איז דאָ אין אָנהייב ניט אָנגעוויזן דער אויטאָר?

— ווײַל דאָס זײַנען באַשטימונגען פונעם פּלענום... דער אויטאָר איז דער צענטראַלער קאָמיטעט פון פּאַרטיי.

— נו, און פאַרוואָס גראָד פון דעם הייבט איר אָן דאָס צעטל?

— ווײַל ס'איז איצט דאָס וויכטיקסטע, כאָוער סוטשקאָוו! די באַשטימונגען פונעם פּלענום זײַנען וועגן דער לאַנדווירטשאַפט, און מיר האָבן דאָ אויך קאָלווירטן ניט ווײַט. קלאָר?

— קלאָר. אָ, וועליטשקאָ, הייבסט מיר אָן ווידער געפעלן!

אָלגע האָט אַראָפּגענומען פון זיך איר וואַרעם קאָפּטעלע און איז געבליבן אינעם אויסגעניצטן העמדל. באַריס האָט פאַרגעדענקט דאָס העמדל נאָך פון אַמאָל, פון טעכניקום. אַזוי האָט זי אויסגעזען נאָך מער היימלעכער, און בײַ באַריסן האָט אַ נאָג געטאָן אונטערן האַרצן.

— ווי זשע לעבסטו, פונדעסטוועגן, אָלגע? — האָט ער ווידער שוין אַזוי ווי מיט זאָרג געפרעגט. — צי קלײַבסטו זיך ניט כאַסענע האָבן?

אָלגע האָט אַ שמייכל געטאָן:

— דאָס גייט אויך אַרײַן אין דײַן אינספּעקציע?

— ניין. איך מיין, צי וואָלט איך דיר ניט געקאָנט מיטהעלפן איבערפאָרן אין שטאָט?

— און אויב מײַן כאָסן וואָלט אַהער איבערגעפאָרן?

— דאָס איז שוין געווענדט אין דעם, וואָס פאַר אַ כאָסן עס איז...

— נו, דו, צום בײַשפּיל?

— ווען דעם האָב איך טאַקע געוואָלט מיט דיר ריידן. מיר וואָלטן צוגעזוכט אַף דײַן אָרט א מענטשן, און דיך וואָלט איך צוגענומען צו זיך. איך האָב איצט א צימער. די באָבע מײַנע האָט מיר געשענקט איר ביבליאָטעק.

— דו האָסט דאָך ניט ליב צו לייענען, באָריס.

אָלגע האָט געמיינט, אז אירע ווערטער וועלן אים באַליידיקן, אז ער וועט איר אָנהייבן דער־ווידערן, נאָר ער האָט פאַרוואָרפן א פוס איבער א פוס, זיך א צי געטאָן און פילדײַטיק געזאָגט:

האָסט מיך קיינמאָל ניט פאַרשטאַנען, אָלגע!

— האָסט א טאָעס, באָריס, ווי אַלעמאָל.

— דו ביסט, פאַרשטייט זיך, א ריינע, ווי א פעלד־בלימעלע... דערפאַר טאַקע האָט מיך אָקאָרשט א צי געטאָן צו דיר. — ער איז געווען אפילו א ביסעלע כמורנע, ערנסט. — דו טראַכסט אוודאי, אז באָריס איז א פאַרפאַלענער מענטש.

נאָר סוטשקאָוו האָט ניט באַוויזן ענדיקן די רייד. אין זײַטיקן צימער פון דער ביבליאָטעק, ווו דער שמועס איז פאָרגעקומען, איז האַסטיק ארײַנגעגאַנגען עליע. ער האָט אַף איין ווײַלע זיך פאַרלוירן, נאָר דערזען אָלגעס שײַנענדיקן בליק, איר פרײַנטלעכן צופרידענעם שמייכל — א צופרידענעם טאַקע, ווײַל ער האָט זיך ארײַנגעשטעלט צו דער צײַט, דערפילט דאָס אַלץ מיט עפּעס א פאַרבאָרגענעם כוש, האָט עליע געזאָגט:

— אַנטשולדיקט... מעגסט מיך באַגריסן, אָלינקע!

— ביטע, ביטע! — באָריס האָט זיך אופגעהויבן פונעם שטול.

נאָר עליע האָט שוין אַף אים ניט געקוקט — פאַרשטאַנען, ניטאָ אַף וועמען צו קוקן, בע־קיוון ניט געקוקט און בעקיוון פאַרגעזעצט דערציילן אָלגען:

— פאַרשטייסט, א קליניקײַט, אָט אזא־אָ! נאָר מע האָט זי דאָך גענדאַרפט געפינען.

— ווער זשע האָט געפונען?

— נו, איך, צום בײַשפּיל. פאַרשטייסט, אָלגע, און אז איך וויל, האָסטו דאָס געפונען — דו!

— וואָס האָב איך צו דעם פאַר א שײַכעס?

— אַנומלטן האָסטו געזאָגט, אז אָפּטמאָל באַמערקן מיר ניט קיין קליניקײַטן. און גראָד דעמלט, ווען אין זיי שטעקט דאָס וויכטיקסטע!

סוטשקאָוו האָט געדרייט אין די הענט א ביכל און פון דער זײַט, סקעפּטיש געקוקט אַף זיי ביידן, אַף אָלגען און עליען. אָלגע האָט גוט פאַרשטאַנען סוטשקאָווס בליק, דערפאַר האָט זי מיט ניט גאָר קיין פאַרבאָרגענעם שטאָלץ און מיט א שטילן, נאָר קלאָרן ארויסרוף, געזאָגט:

— און וואָס זשע איז עס דאָרט געגאַנגען, עליע? טאַקע אינטערעסאַנט.

— ווען מע האָט אײַנגעשטעלט די ווערקשטעלן, האָט מען זיך פאַרלאָזט אַף איינעם א יונג, וואָס האָט אַלץ געטאָן אפּדערגיך. די צייכענונגען זײַנען געווען עלעמענטאַר קלאָר, נאָר מע האָט געדאַרפט באַצײַטנס טראַכטן וועגן דעם פונדאַמענט. מע זאָגט אמאָל: „דער איקער איז דער אָנהייב!” נו, האָב איך פאָרגעלייגט אפאַנאַסי אַניסימאָוויטשן באַטראַכטן דעם פונדאַמענט... די מאַשינעס זײַנען פאַשעט געשטאַנען ניט גאָר גלײַך.

ס'האָט זיך אָן עפן געטאָן די טיר, און עס איז ארײַנגעקומען ראַיִסע סאַלאָמאָנאָוונע. אין ראַי־קאָם האָט מען איר געזאָגט, אז עס איז געקומען א פאַרשטייער פונעם צענטער — אָט דאָס איז ער, מינהאַסטאַם. זי האָט דערלאַנגט סוטשקאָוון איר קלײניטשקע האַנט:

— ראַיִסאַ סאַלאָמאָנאָוונאַ.

אָלגע האָט גענומען עליען אונטער דער האַנט, און זיי זײַנען ארויס אין גאַס, ווו ס'האָט, ווי מיט בלײַענע ריטער, געשמיסן א קאַלטער האַרבסטיקער רעגן. דער רעגן האָט געשמיסן, נאָר ס'האָט ביידן ניט געאַרט, זיי האָבן עס אפילו עפּשער ניט באַמערקט — אין דרויסן איז א סאַך בעסער געווען, איידער דאָרט, אינעם ענגן צימערל, ווו ס'איז געבליבן סוטשקאָוו מיט זײַן האָנער און מיט זײַן פאַרדראָס.

א פאַר שאָ האָט געדויערט דער געשפּרעך צווישן ראַיִסע סאַלאָמאָנאָוונע מיטן אינספּעקטאָר. איר איז דערווידער געווען אַלץ: זײַן כניפע, זײַן אפּלאָמב, זײַן אמעראַצעס; א קלוגע, א דערפאַ־רענע, האָט זי זייער שנעל דערזען, מיט וועמען זי האָט צו טאָן. סוטשקאָוו האָט אפילו געפּרווּט איר געבן אייצעס און רעקאָמענדאַציעס, ווי צו איבערבויען די ביבליאָטעק.

— יונגערמאַן, — האָט זי אים איבערגעשלאָגן, — ווי מיר דאַכט, און איך האָב זעלטן א טאָעס, זענט איר, ווי זאָל איך עס בעסער אײַך זאָגן, א נײַער טוער, א נײַער און ווייס נאָך ניט קיין באַהאַוונטער.

— איך פאַרשטיי אײַך ניט... — באַ סוטשקאָוון האָבן זיך צעפינטלט די געלבלעך־בלויע אויגן.

— איך זע, אז איר פאַרשטייט ניט!

— איר פֿאַרייִנפּאַקט, טײַערע ראָזאַ סאַלאָמאָנאָווונאַ, איר פֿאַרייִנפּאַקט!

— פֿאַרקערט, כאַווער אינספּעקטאָר, פֿאַרקערט!

סוטשקאָוו האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ס'איז גלײַכער פֿאַרענדיקן דעם שמועס פֿרידלעך.

— האָט ניט קיין פּאַריבל, — איז ער אופֿגעשטאַנען, — בײַ מיר איז צו אַ גרויסע פּראָגראַם. איך מוז נאָך באַזוכן עטלעכע שאַכטעס. דאָרט אַרבעטן אונדזערע יונגע קאַדרען, אַזוי אַז... צום ווידערזען!

באָריס איז דאָך צופֿרידן געווען פֿון זײַן רײַזע קיין ווטשעראַשניע. ווען ער וועט זיך אומקערן אַהיים, וועט ער האָבן די מעגלעכקייט אָנשרײַבן אַן אַרטיקל פֿאַר דער צענטראַלער צײַטונג. צוויי „קעפּלעך“ פֿאַר דעם אַרטיקל זײַנען שוין בײַ אים גרייט: „דאָס נײַע קלאַפּט אין טיר“ און „ענטוזיאַסטן“.

נאָכן וואַרמעס האָט סוטשקאָוו באַזוכט דעם קינאָ־טעאַטער (אין אָוונט האָט אים צוגעזאָגט אופֿנעמען דער סעקרעטאַר פֿון ראַיקאָם). אַפֿן ערשטן סעאַנס איז געווען ווייניק צושויער, ביז אָנהייב איז געבליבן אַ מינוט פֿערציק. גײַן אין האָטעל האָט זיך אים ניט געוואָלט, האָט ער גענומען לייענען די אַנאָנסן וועגן קינאָ־פֿילמען, וואָס וועלן אינגיכן דעמאָנסטרירט ווערן.

פּלוצעם האָט זיך צעפּראַלט די דרויסנטיר און אַ גאַנצע כאַפּטע יינגלעך און מיידלעך האָבן פֿאַרנומען די פֿאָדערשטע בענקלעך אינעם פֿאָיע — פּונקט אַנטקעגן דעם טיש, וואָס איז פֿאַרשפּרייט געווען מיט אַ רויטן סערוועט.

פֿונעם קליינעם קאַבינעטל מיטן זילבערנעם אויפֿשריפֿט „דירעקטאָר“ איז אַרויסגעגאַנגען אַלגע.

— זעצט זיך, זעצט זיך, כאַווערים!

אין אַלגעס בלאָנדע, עטוואָס צעשויבערטע האָר האָבן זיך פֿאַרהאַלטן טראָפּנס רעגן, בײַ דער שײַן פֿון די גרויסע עלעקטראָ־לעמפּ האָבן זיי אויסגעזען ווי פּערל פֿון אַ דיאַדעמע. צוגעגלעט אַ קאַפּעלע מיט ביידע הענט די האָר אַפֿן נאַקן, האָט זי געזאָגט:

— איך וועל אײַך באַקענען, כאַווערים, מיט די נײַע ביכער, וואָס אונדזער ביבליאָטעק האָט לעצטנס באַקומען.

זי האָט קורץ, נאָר פֿאַרכאַפּנדיק דערציילט וועגן יעדן בוך באַזונדער און פֿאַרענדיקט:

— מיר וואַרטן אויף אײַך. קומט וואָס מער און וואָס אָפֿטער צו אונדז אין ביבליאָטעק!

ווען סוטשקאָוו האָט זיך באַגעגנט מיטן סעקרעטאַר פֿון ראַיפּאַרטקאָם, האָט ער מיט אַ זויערער מינע באַמערקט:

— דאָס איז ביכלאַל אַ ווילדע איניציאַטיוו — קורצע איבערזיכטן וועגן די נײַע ביכער. נאָר שוין זשע איז בײַ אײַך ניט פֿאַראַנען קיין מער סאָלידער לעקטאָר, וואָס זאָל עס טאָן, לאָמיר זאָגן איין מאָל אין אַ כוידעש, אויף אַ ספּעציעלער לעקציע, און ניט אין קינאָ, ווּהין מענטשן קומען אָפּרוען, פֿאַרווײַלן זיך.

— איז וואָס זשע שלעכט, אויב מע רעדט דאָרט וועגן ביכער?

— ס'איז עפּעס ניט צום אָרט, ווי אָנגעבונדן.

— און מיר קלערן אַנדערש, און דער עולם אויך! איר האָט דאָך געזען — מע הערט! און שפּעטער קומט מען טאַקע נאָך די נײַע ביכער. ניין, טוט אַ קלער! און אַלגע וועליטשקאָ — איך ווייס ניט, וואָס זעט איר אין איר ניט קיין סאָלידס?

וואַסילי איוואַנאָוויטש האָט גאָר ערנסט זיך אײַנגעקוקט אין דעם גאַסט — באָריס סוטשקאָוון, און דעם ווײַטערדיקן שמועס געפֿירט שוין אַזוי, ווי ער זאָל ניט קאָנען פֿאַרטײַען אין זיך עפּעס אַ פֿאַרדראָס.

■

אויף מאָרגן איז סוטשקאָוו אוועקגעפֿאָרן אין אַ צווייטן ראַיאָן.

די דרײַצנטע ביבליאָטעק, וועלכע ער האָט געדאַרפֿט אינספּעקטירן, איז געווען נאָדיע אַלפֿערינס ביבליאָטעק. צונויפֿשטעלנדיק דעם מאַרשרוט, האָט דער פֿאַרשטייער פֿון שטאָטראַט צווישן אַנדערן באַמערקט:

— דאָס וועט פֿאַר אײַך זײַן אַ מין דעסערט — זייער אַן אינטערעסאַנטער אָביעקט. איר וועט זיך איבערצײַגן, וואָס אַ מענטש קאָן אויפֿטאָן, ווען ער וויל אַרבעטן!

און סוטשקאָוו האָט זיך געלאָזט צו דעם דאָרעמדיקן יישעוו, געפֿונען די געפֿאַרבטע הילצערנע געבײַדע פֿון דער ביבליאָטעק, וואָס האָט זיך אויסגעטיילט צווישן די אַלטע שטיבער, גרויע פֿון קוילנשטויב.

נאַדיע האָט סוטשקאָוו באַגעגנט צוריקגעהאַלטן. פאַר איר איז ער געווען דער סאַמע אָפּ־געשטאַנענער סטודענט און אַ דזעערטיר.

— נו, באַרים זיך, ווי דו בושוועסט דאָ, אַפן נײַעם אָרט, — האָט באַריס גלײַך אָנגעהויבן מיט אַ וויץ.

— איך האָב פֿײַנט זיך באַרימען — ווייסט דאָך!

— מיט וואָס פֿאַרנעמסטו זיך דאָ?

— איך זיץ און טראַכט.

— טראַכטן דאַרף מען אין דער היים. דאָ אַרבעט מען!

— און אויב דאָ איז מײַן היים? — האָט זי אופגעהויבן אַף אים אירע שוואַרצע דורכגע־טריבענע אויגן. — דאָ לעב איך, דאָ טראַכט איך, דאָ טרוים איך. כוץ דעם, בין איך איבערצײַגט, אַז טראַכטן איז זייער וויכטיק פֿאַר אַ מענטשן, וואָס פֿאַרנעמט זיך מיט ביכער.

און פונקט ווי ער וואָלט פֿאַרגעסן, סוטשקאָוו, אַז ער איז דאָ דער אינספּעקטאָר, האָט ער גאַנץ כאַוועריש אַ פֿרעג געטאָן:

— וועגן וואָס זשע איז דײַן טראַכטן?

— מיר גרייטן אַ לייענער־קאָנפֿערענץ וועגן דעם בוך „דאָנבאַס". האָסט געלייענט? דער בוך איז געדרוקט אין אַ זשורנאַל. מיר האָבן דערווײַל בלויז איין עקזעמפּליאַר.

— וואָס זשע וועט עס זײַן פֿאַר אַ קאָנפֿערענץ? אַ פּאַראַדיע?

— מיר וועלן אָרגאַניזירן עטלעכע אָפֿענע פֿאַרלעזונגען, פֿאַר אַ וואָך קאָן מען איבער־לייענען. מע קאָן! באַטאָג לייענען די, וואָס אַרבעטן באַנאַכט, אין אָוונט — די, וואָס אַרבעטן באַטאָג. איך מיין — דער אַקטיוו אונדזערער.

— נו־נו, זאָל אײַך גאָט העלפֿן. מיך אינטערעסירט דער דיסקאָנט פֿונעם באַווך און, פֿאַר־שטייט זיך, ווי די ביכער גייען זיך פֿאַנאַנדער. דו פֿירסט דאָך אַ קאַטאַלאָג?

נאַדיען האָט זיך געגלוסט אים אָרײַנזאָגן אַזוי, ווי זי קען און ווי ער האָט די ווערט, נאָר זי האָט זיך אײַנגעהאַלטן.

— יאָ, איצט איז אַזאַ צײַט, נאַדינקע, אַזאַ צײַט, נאַדיושע...

— ערשטנס, בין איך אײַך ניט קיין נאַדינקע!

— נו־נו־נו! צו וואָס אַזאַ טאָן?!

— איז אָט, כאַווער אינספּעקטאָר, אַלע מײַנע באַריכטן האָב איך שוין אָפּגעשיקט אין שטאָטראַט. קלאָר? און פֿירן אַ פּוסטן געשפּרעך מיט אײַך גלוסט זיך מיר ניט — איך האָב גע־נוג אַרבעט און מער וויכטיקע...

סוטשקאָוו האָט זיך ניט אַף קיין קאַטאָוועס באַליידיקט. ער האָט זיך מיט איר ניט געזעגנט און איז אַן אופגעבראַכטער אַרויס אינעם רעגנדיקן דרויסן. ער האָט געטראַכט: ווי ענלעך זיי זײַנען — אַלגע און נאַדיע, — זײַנע געוועזענע כאַווערטעס. און ער האָט זיך אַמאָל יעדערער פֿון זיי אין זײַנערצײַט דערקלערט אין ליבע...

נײַ־יאָר

אומקערנדיק זיך פֿונעם קוראָרט, איז אַנטאָן מאַרטינאָוויטש דאַווידענקאָ פֿאַרפֿאָרן צו זײַן טאָכטער ניורע. ער האָט געבעטן, זי זאָל קומען אַהיים באַגעגענען דאָס נײַע יאָר.

— כ'וועל ניט קומען, טאַטע! — האָט ניורע געענטפֿערט.

— וואָס ביסטו עס געוואָרן אַזאַ ביטערע, ניורעלע־נאַרעלע?!

זי נעמט אים אַרום און קושט אים און שעמט זיך ניט, וואָס אירע הייסע טרערן מאַכן פֿײַכט זײַן פּאָנעם.

— הער שוין אוף, ניורעלע־נאַרעלע!

דער אָנהייב פֿונעם לעצטן טאָג פֿונעם יאָר איז בעעמעס געווען אַ פֿריידיקער. ניורע האָט זיך באַטראַכט און איז מיט איר כאָסן, מיט אַנאַסטאַסן, געקומען צוגאַסט אַהיים. דאַווידענקאָ

האָט זיך ניט געקאָנט לאַנג פאַרהאַלטן אין שטוב — היינט איז דאָך די נייַיאַריקע וואַכטע און דער שעף פון דער שאַכטע, יעגאָר דובאָוו, איז אין מאָסקווע, און ער, אַנטאָן מאַרטינאָוויטש, איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלץ.

דאַווידענקאָ האָט איינגעלאַדן די געסט אַף דער שאַכטע — זאָלן זיי זען, ווי דאָס לעבן קאָכט בא די קוילנגרעבער!

גאַנץ דעקאַבער זיינען אַף דאָנבאַס געשטאַנען טרוקענע פרעסט, און דעם 31־טן האָט פּלוצעם געגומען שיטן א ווייכער שניי. די שפּיציקע טעריקאָנען, וואָס האָבן געהויכט זיך דאָ און דאָרט, ניט ווייט פון די אַרומיקע שאַכטעס, זיינען מיטאַמאָל ענלעך געוואָרן אַף די היטלען פון די באַרימטע שניי־בערג קאַזבעק און עלברוס. דער וועג, וואָס פירט צו דעם דאָר־רעמדיקן ייִשעוו און צו דער שאַכטע „ניצאָכן", איז נאָך געווען גלאַט און ציכטיק, ווי א קאַלע־קלייד.

וואַליע און דאַדיק האָבן געיילט אַף דער אַרבעט. מע האָט געשפּאַנט שווינגנדיק. יעדערער האָט זיך געטראַכט וועגן זיינס. פּלוצעם האָט דאַדיק פעסטער צוגעדריקט וואַליעס עלנבויגן און א זאָג געטאָן:

— זע נאָר, ווי דער האַריזאָנט
האָט זיך היינט צעבליט...
רויטע יאַמטעוו־פייערלעך,
פונקט ווי ווייַנשל־צוויט...
ס'פּאַלט א פרישער שניי אַף די טעריקאָנען,
און נאָך רויטער, און נאָך ליבער
ווערן היינט די פּאָנען!

— האָסט דאָס אַליין צוגעטראַכט, דאַדיק?

— פע, וואַליע? מעגסט זיך שעמען!

— פאַרוואָס?

— ווייל אַזא ביבליאָטעקערן, ווי דו, וואָלט געמעגט וויסן, וועמעס שורעס דאָס זיינען!

— אפילע ווען איך וואָלט וויסן, וואָלט איך פאַרגעסן... אין מיין צושטאַנד איז דאָס ניט קיין כידעש... איך פאַרגעס אין אַלץ און טראַכט נאָר וועגן איינס.

— צום ביישפּיל?

— ווי וועט עס אויסזען, דאָס קינד, און צי וועסטו דאָס ליב האָבן.

— נאַרעלע, איך האָב עס שוין ליב.

וואַליע האָט זיך צוגעטוליעט צו זיין הויכן אַקסל.

אין קולטור־פּאַלאַץ האָבן אַף וואַליען און דאַדיקן געוואַרט עטלעכע יאַטן פון דעם דאָרעמ־דיקן ייִשעוו, צווישן זיי — קאַסטיק רודענקאָ און נאַדיע אַלפּערין.

— נאַדינקע! דו ביסט ערגעץ דאָ ניט ווייט? — האָט זיך וואַליע דערפרייט.

— ווי דו זעסט!

— זיינען מיר, הייסט עס, ווידער צוזאַמען און דו וועסט מיר ווידער העלפן, ווען ס'וועט אויסקומען?

— איצט בין איך גראַדע געקומען נאָך דאַדיקס הילף.

— מיין הילף דאַרפסטו? — דאַדיק האָט צעשפּרייט די הענט. קעדיי אַרומנעמען נאַדיען, נאָר זי האָט אים אָפּגעשטעלט מיט א צוריקגעהאַלטענעם זשעסט און שמייכלענדיק דער־קלערט:

— מיר האָבן אויסגעבויט א ביבליאָטעק, זייער א ווויליע געביידע. וואָלטן מיר וועלן, דאַ־דיק, זאָלסט אונדז העלפן זי צופוצן — ביסט דאָך א מאָלער!

— מע דאַרף, מע דאַרף! — האָט זיך אָנגערופן קאָסטיע. — לאָמיר זיין באַקאַנט, מיר אַרבעטן אין איין טרעסט, קימאַט ווי אַף איין שאַכטע, און זיינען ניט באַקאַנט.

— פאַרוואָס מיינסטו אַזוי? — האָט דאַדיק ערנסט געפרעגט. — קום, וועל איך דיר וויזן דיין פּאָרטרעט.

— וואָס פאַר א פּאָרטרעט?

— קום, וועסטו זען! איך האָב דיך געמאָלט פון א קליינער פאָטאָגראַפיע, נאָר דערקענען קאָן מען דיך!..

דאָדיק האָט אַרײַנגעפֿירט די כעוורע, וואָס זײַנען געקומען מיט נאַדיען, אין א גרויסן זאַל, ווו עס זײַנען אף די ווענט געהאנגען פּאָרטרעטן פון די כאָשעווע שאכטיאָרן. פון איין פּאָרט־רעט האָט מיט א פארשײַטן שמייכל אראָפּגעקוקט קאָסטיע.

ביז דאָדיק האָט אומגעפירט די געסט, באוויזן זיי די אויסשטעלונג מיט די פארשיידענע דיאגראמעס, האָט וואַליע זיך א ביסל אָנגערעדט מיט נאַדיען.

— ווען? — האָט פארטרויליך־שטיל געפרעגט די כאַווערטע.

— אין מארט, אויב כ׳האָב קיין טאָעס ניט...

— ביסט גליקלעך?

— ווי קיינער ניט!

■

דרײַ מאָל א טאָג, און אפילע אָפטער, דערציילט די בארײדעוודיקע דאָמנע וואַסיליעוונע אירע כאַלוימעס דער כיינעוודיקער וואַליעטשקען און איבערצײַגט זי, אז יעדער כאַלעם האָט א באשטימטן באטײַט. עפּעס מוז געשען, עפּעס מוז טרעפן!

וואַליע האָט אף איר ראכמאָנעס — וואָס קאָן מען טאָן, ווען זי דאַך ניט איבערמאכן. וואַליע סטארעט זיך, ווי נאָר זי קען, אויסלייגן דאָמנע וואַסיליעוונעס כאַלוימעס צום בעסטן.

— אַלץ וועט זײַן גוט, אָט וועט איר זען! א סימען האָט איר — ניורע האָט זיך מיט אײַך איבערגעבעטן, דער איידעם איז אײַך מויכל געווען...

— עס רעדט זיך — מויכל געווען, — האָט די אַלטע א מאך געטאָן מיט דער האנט און געלאָזט א טרער. — מויכל געווען! ער רעדט דאָך אַלציינס ניט מיט מיר! ער שווײַגט. בעסער וואָלט ער א געשריי געטאָן ציי אויסגעזידלט זיך, ווי עס טרעפט בא אנדערע. און ער באמערקט מיך ניט, ווי איך וואָלט שוין זײַן א געשטאָרבענע. און איך לעב! אז אָך און וויי איז צו מײַן לעבן! בא מיר איז דאָך א הארץ פון א האָז, האָסט אמאָל געזען א הארץ פון א האָז? נו, איז ווי קאָנסטו מיך פארשטיין? איך שלאָף, דאכט זיך, האַ? און די כאַלוימעס וואָרגן מיך אָט אזוי־אָ! — דאָמנע כאַפּט זיך אָן מיט אירע פולע רויטלעכע הענט באם האַלדז. — מײַן וויטעק איז ווי א יאם — ביטער ווי סאם, ניט אריבערשווימען אים און ניט אויסטרינקען. וואָס האָב איך דען געוואָלט? איך האָב געוואָלט, אז מײַן טאָכטער זאָל זײַן ווײַטער פונעם אומגליק!

דאָמנע וואַסיליעוונע האָט זיך אומגעדרייט אין קיך, שוין דאָס וויפלטע מאָל זיך גענומען אויסווישן דעם שטויב אין די צימערן — עס וועלן דאָך קומען געסט, ס׳איז דאָך נײַ־יאָר! זאָל כאָטש עמעצער איר אָפּגעבן דעם גערעכט... אפילע דאָס אייניקל, וואָווקע, האָט איר נעכטן געזאָגט:

— דו ביסט בא אונדז, באָבעניו, אן אַלטע מאקע.

ווו האָט ער עס געהערט אזא וואָרט?

— וואָס הייסט אן אַלטע מאקע?

ענטפערט ער גאנץ ערנסט:

— איך ווייס ניט. נאָר אז דער טאטע זאָגט, ווייסט ער דאָך געוויס, מײַן טאטע.

נו, איז ווי לעבט מען אף דער וועלט?!

דער נײַיאָריקער טיש איז שוין גרייט, אינעם גרויסן צימער צעגיסט זיך א בלוילעכע ביינהאשמאָשעסדיקע שײַן. אין ווינקל — א פארפוצטע יאָלקע, אף איר שפּיץ — א רויטער שטערן. די קליינע לעמפּעלעך ארום דער יאָלקע ווימלען ציטעריק און סוידעספּול.

אנטאָן דאווידענקאָ האָט זיך טאקע ניט אף קאָטאָוועסן פארהאַלטן אף דער שאכטע. אנ־פּיסע איז שוין געווינט צו דעם, וואָס ער איז שטענדיק פארנומען. אין טאָך, גרויסט זי זיך אפילע דערמיט, — אָן אים קאָן מען זיך דאָרט ניט באגיין. צוזאמען מיט ניורען, מיט איר כאָסן אנאסטאַסן און מיטן יונגן פּאָרפּאָלק, מיט וואַליען און דאָדיקן, איז זי אוועק אינעם קולטור־פּאלאץ אפן נײַיאָריקן קאָנצערט.

ווען דער קאָנפעראנסיע האָט געמאָלדן, אז נאַדיע אלפערין און קאָסטיע רודענקאָ וועלן זינגען דעם דועט „ווען ס׳ווערן צעשיידט צוויי געליבטע“, האָט וואַליע שעפּטשענדיק געוואָרנט:

— אָט דאָס איז זי, נאַדיע, מײַן נאַדיע!

עס האָט זיך צעעפנט דער פאָרהאנג און א קלינגענדיק קאָל — נאַדיעס קאָל — האָט זיך צונויפגעגאָסן מיט קאָסטיעס לירישן טענאָר.

„ווען ס׳ווערן צעשיידט צוויי געליבטע —

איז נעמט מען זיך אָן בא די הענט...“

סאַרא וווּנדערלעכע נאַכט דאָס איז געווען! העלע שטערן האָבן באַלויכטן דעם פּאַרשנייטן יִישעוו. אַ שיטער שנייעלע, ווי מע וואָלט עס באַשטעלט צום יאָמטעוו, האָט זיך געדרייט אַרום די פּילקאָליריקע לעמפּעלעך, וואָס האָבן מיט אַ לאַנגער קייט אַרומגענומען דעם קולטור־פּאַלאַץ — דעם דאַך און דעם קאַרניז. אַ לײַכט ווינטל האָט צעטראָגן די מונטערע מוזיק, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פונעם ליכטיקן פּאַלאַץ. עפּשער דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן האָט נאַדיע אַזוי דערפילט דעם סאַפּדעקאַבערדיקן פראָסט און דעם שניי, וואָס איז קרעפטיק און צאַרט, ווי דער קוש פון אַ געליבטן.

ווען דער קאָנצערט האָט זיך געענדיקט, האָט אַנפיסע אײַנגעלאַדן נאַדיען צו זיך אויפן נײַ־יאָר, אויף דער גאַנצער נאַכט. קאָסטיק האָט זיך דאַפּקע אויך אַ דריי געטאָן אַרום נאַדיען, נאָר אַנפיסען איז אויפן זינען ניט געקומען — רופן אים, און נאַדיע אַליין אויך ניט געוווּסט, צי זאָל זי ווי־עס־איז מאַכן, מע זאָל אים אײַנלאַדן. זי האָט נאָך אַפילו ניט געוווּסט — צי וויל זי דאָס. ס'איז איר גוט, און דאָך עפּעס טרויעריקלעך געווען אויפן האַרצן, און אָט אַזוי, בײַ פרעמדע מענטשן אין שטוב, באַנאַנד מיט דאַדיקן און וואַליען, וואָס האָבן זיך זייער אייגן גליק, האָט זי געוואָלט באַגעגענען דאָס נײַ־יאָר. אָבער נאָך איינס האָט איר געלייגט זיך מיט טרויער אויפן האַרצן, איר געגעבן זי, איר אַרויסגערופן אַ וואַרעם געפיל: דאָס, וואָס די מישפּאָכע דאַווידענקאָ האָט איבערגעלעבט און לעבט נאָך איבער. זי האָט געוווּסט, וואַליע האָט איר באַוויזן דערציילן וועגן דעם, וואָס ס'איז אין דער דאַזיקער מישפּאָכע געשען. איז אָט, האָט זי געטראַכט, נאַדיע, שפּאַנען זיי באַנאַנד מיט אַלעמען אין דער פאַרשנייטער גאַס: שוין זשע מוז יעדער מענטש מיט מאַטערניש און פּײַן זיך דורכרײַסן צום גליק? שוין זשע מוז מען אויספּאַקן, אויסמאָזלען, אויס־קרענקען דאָס ביסעלע מאַזל, וואָס שטייט ערגעץ אין אַ זײַט און וואַרט אויף דער מינוט, ווען עס וועט קאָנען אַ בליק טאָן, אַ שפּיל טאָן פאַר דיר?

געציילטע מינוטן זײַנען געבליבן ביז צוועלף, האָט מען זיך גלײַך פון פראָסט געזעצט צום טיש. דער וואַנטזייגער האָט גענומען שלאָגן צוועלף. וואָווקע האָט געוואַרט אויפן סיגנאַל — ער האָט אַ גאַנצן טאָג געבעטן, מע זאָל אים פאַרטרויען אײַנשליסן די לעמפּעלעך פון דער פאַרפּוצ־טער יאָלקע נאָך דעם צוועלפטן קלונג פון זייגער.

מע האָט אָנגעגאָסן די בעכערס — ווער מיט בראָנפן, ווער מיט ווײַן, און דאָ האָט זיך אויפגעהויבן אַנאַסטאַס — ניורעס כאָסן. מיט די לאַנגע טונקעלע פינגער האָט ער פאַרשאַרט די שוואַרצע האָר, וואָס האָבן פאַרדעקט זײַן קײַלעכדיקן שטערן, און האָט געבעטן אַ דערלויבעניש זאָגן עטלעכע ווערטער.

— ביטע, — האָט דערלויבט דער באַלעבאָס.

— ס'איז שוין פאַר קיינעם קיין סאָד ניט, אַז איך וועל זײַן אין דער דאָזיקער מישפּאָכע ניט קיין גאַסט און ניט קיין פרעמדער. איז אָט וויל איך זאָגן: איך בין גליקלעך, וואָס ניורע איז אַזאַ, אַ שטאָלצע און אַן אופריכטיקע. זי האָט זיך ניט אָפּגעזאָגט בייס אַ צאַרע פון דעם, וואָס איז איר בלוטיק־אייגן, פון דעם, וועמען זי גליבט, ווי זיך אַליין. איך בין גליקלעך, וואָס איך קען אײַך, וואָס כ'וועל זײַן אײַער זון, אַנטאָן מאַרטינאָוויטש. איך בין גליקלעך, וואָס איך זע אײַך, אַנפיסע, מיט אַ פולן קאָס אין האַנט און ניט קיין גאַל איז דאָרט, נאָר ווײַן, איך בין גליק־לעך, וואָס דער עמעס בלײַבט עמעס, און אָט אַזוי — דעם גרויסן עמעס אַנטקעגן — זאָלן מיר שטענדיק גיין.

— איז לאָמיר אויסטרינקען פאַרן עמעס! — האָט אויסגעשריגן דאַדיק.

ס'האָט זיך דערהערט אַ קלונג אין טיר. דאַמנע וואַסיליעוונע, וואָס איז געזעסן אין סאַמע עק פון טיש, האָט אַרײַנגעלאָזט אַ פאַרשפּעטיקטן גאַסט. דאָס איז געווען יעגאָר דובאָוו. גלײַך פון צוג האָט ער פאַרקערעוועט צום פאַרטאָרג.

— גיין אין קולטור־פּאַלאַץ, — טראַכט איך מיר, — איז שוין שפּעט, און דער היים באַ מיר איז ניט איבעריק היימלעך, ווי עס פּאַסט פאַר אַן אַלטן באָכער... וווּהין זשע גייט מען?

— צו אונדז! — האָט ווי אויסגעצויגן אַנפיסע און געמאַכט אַ בעקאָוועדיק אָרט באַם טיש.

דובאָוו, כאָטש פון פראָסט האָבן זיך אים געשטעלט טרערן אין די אויגן, האָט גלײַך באַ־מערקט באַם טיש נאַדיען — אַ פרייַלעכע, אַ פאַרוויטלטע, גאָר ניט אַזאַ, ווי ער האָט זי פאַרגעס־דענקט. און אַנפיסע, ווי זי זאָל עפּעס האָבן באַמערקט, האָט באַזעצט דעם גאַסט טאַקע לעבן נאַדיען. מ'האָט אים אָנגעגאָסן אַ קעלישעקל, ער האָט עס גאַנץ דרייסט, ווי אַ גוטער טרינקער, אַ נעם געטאָן אין דער האַנט, אופגעהויבן, נאָר בלויז קוים צוגערירט זיך מיט די ליפּן צום סאַמע ראַנד.

— כאַוער נאַטשאַלניק! — האָט אַנפיסע אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. — דאָס טויג ניט. וואַליע האָט זי אונטערגעהאַלטן:

— יאָ־יאָ, מיר וועלן זיך באַליידיקן!

— כאַווירים, — האָט נאַדיע זיך אַרײַנגעמישט, — לאָזט אים צורו! יעגאָר סעמיאָנאָוויטש וועט ניט טרינקען.

דובאָוו האָט א קוק געטאָן אַף נאַדיען מיט דאנקבארקײַט.

— האָט איר, הייסט עס, פארגעדענקט? די דאָקטוירים האָבן מיר קאַטעגאָריש פארווערט טרינקען.

— קאַטעגאָריש? — האָט זיך פארכידעשט אנפיסע.

— ווײַן איז פאר מיר ווי סאַם.

נאַדיע האָט אין זײַן טעלער אוועקגעלייגט א ווארעמע קארטאָפליע, א שטיקל אָף — ווײַסן ביילעך, אָן פעטס.

— דאָס האָב איך, אוואדע, אויך געטראָפן — וואָס איר מעגט און וואָס איר טאָרט ניט?

— געטראָפן, געטראָפן!

דאָמנע וואסיליעוונע האָט ארײַנגעטראָגן א גרויסן פאָלומעסעק, אַף וועלכן ס'איז געלעגן א געפּרעגלטע קאטשקע, ארומגעלייגט מיט געבראָטענע עפּל.

— דעם לעצטן גאסט — דעם גרעסטן קאָוועד! — האָט זי זיך פארנייגט פאר דובאָוון. — אײַך דערלויב איך אָנהייבן די קאטשקע און אויסקלײַבן זיך דעם בעסטן ביילעך!

יעגאָר האָט אָפּגעטראָטן דעם קאָוועד נאַדיען, וועלכע קען, לויט זײַן טיפער איבערצײַגונג, קוילען אָן א מעסער ניט נאָר א קאטשקע.

— ווען און ווען האָב איך עס געקוילעט אָן א מעסער?

— מיך! איך בין דאָך צוליב אײַך געוואָרן א קאָרבן.

און דובאָוו האָט דערציילט, ווי מע האָט אים אין טרעסט געוואָלט געבן אַן אויסרייד דער־פאר, וואָס ער האָט אויסגעטיילט בוי־מאטעריאַלן פאר דער ביבליאָטעק.

— און ווער, מיינט איר, האָט עס מיר אונטערגעשטעלט א פיסל? אײַער אינספעקטאָר!

— סוטשקאָוו? — נאַדיע האָט א פּליעסקע געטאָן מיט די הענט.

— אָט אזא־אָ באריכט האָט ער אָנגעשריבן! די ביבליאָטעק אין קיין ביבליאָטעק ניט, אלץ ווערט בא אײַך געטאָן קאַפּויר... נו, מיילע, איך האָב געהאט וואָס צו ענטפערן און געוווּסט וואָס צו ענטפערן — איר מעגט זײַן רויִק.

נאַדיע האָט געקוקט אַף דובאָוון מיט עטוואָס פארנעפּלטע אויגן. זײַן גראָוער קאָפּ איז איצט געווען באזונדערס שיין, דאָס פּאָנעם, ניט לויט די יאָרן א מידס, א קרענקלעכס, איז געווען קלוג, באגײַסטערט, און דאָס האָט באוויזן, אז דער מענטש פארמאָגט אין זיך גאָר אַן אנדער גווּרע.

אנטאָן מארטינאָוויטש האָט באמערקט, ווי אופגעלעבט און פריילעכער עס איז געוואָרן יעגאָר, וואָס פאר א ווארעמקײַט עס שײַנט אין נאַדיעס אויגן. דאַווידענקאָ האָט עפּעס־וואָס גע־ווּסט פון זײַן פּרײַנטס לעבן. שוין וויפל יאָר זײַנען זיי באפרײַנדעט — דאַווידענקאָ און דובאָוו. יעגאָר איז אמאָל שטארק פארליבט געווען אין איינער, וואָס האָט אים מיִעס פאראַטן. צי דער־וואָרט אים ניט קיין אנטוישונג און א שווערער קלאַפּ אויך איצט?

נאַדיע איז זיכער א וווּל און ערנסט מיידל. דאַווידענקאָ האָט אָבער געוווּסט, אז קאָסטיע רודענקאָ איז צו אַן אָפטער גאסט בא איר אין דער ביבליאָטעק. און ניט נאָר אין ביבליאָטעק — מע זעט זיי אלץ אָפטער צוזאמען. נאָר וואָס איז דאָס קלערן און איבערקלערן, ווען ארום איז אזוי פריילעך? און אנטאָן מארטינאָוויטש האָט באשלאָסן בא זיך: זאָל אלץ גיין אזוי, ווי דאָס לעבן וועט פירן. זיי זײַנען שוין ביידע ניט קיין קליינינקע — יעגאָר און נאַדיע.

וואָוקע איז אנשלאָפן געוואָרן אפן דיוואן לעבן פענצטער, ניורע און אנאסטאס שטייען אין קאָרידאָר און שמועסן שטיל, ווי פארליבטע קאָנען. אין צימער איז הייס, דאָמנע וואסי־ליעוונע זשאלעוועט ניט קיין קוילן. א מײַסע! באם פארטאָרג פון אזא שאכטע זאָל זײַן קאלט אין שטוב?! זי וואשט, די אלטע, דאָס געפעס אַף דער קיך, דאכט זיך, אז זי האָט א ביסל לײַכ־טער אָפּגעאָטעמט — הײַנטיקן אָפּדערנאכט דערפילט זיך מער מענטש. אנפיסע שײַנט, אלע זײַנען גליקלעך, און ער, אנטאָן מארטינאָוויטש, אויך. הא, עפּעס רופט דאָדיק אלעמען צו זיך אין צימער? ער וויל באווײַזן זײַנס א נײַ בילד, דער קינסטלער. עפּעס האָט ער שוין עטלעכע מאָל געזאָגט, אז ער האָט צו באווײַזן נײַס, נאָר די צײַט איז נאָך ניט געקומען. איז איצט, הייסט עס, די צײַט.

אלע גייען צו די קאָמאראָווס אין צימערל, גייט ער אויך, אנטאָן מארטינאָוויטש. און אָט איז דאָס בילד. עס שטייט אַף א מאָלבערט אינמיטן צימערל, און די שײַן פונעם טיש־לאָמפּ פאלט אפן לײַוונט... קימאַט אפן פאָדערפלאַן, נאָר אין ווינקל איז אָנגעמאָלט אַן אלטע דיקע פרוי מיט

א טעלער און א ווײַסן האנטעך אין די הענט. מע וואָלט מעגן שווערן, אז דאָס איז די שוויגער, דאָמנע וואסיליעוונע. פאר דער אַלטערס געפאַלדעטן קליידל האלט זיך א ייִנגעלע. דאָס יאַטל איז דערשראָקן צי איבעראשט: דער טאטע איז געקומען! און דאָס איז דאָך וואָוקע... אין צענטער — א מאנצבל אין די מיטעלע יאָרן מיט א רענצל אין דער האנט, אפן האלדז האָט זיך אים א וואָרף געטאָן א מיידל מיט א פארוויינט פּאָנעם... אויך קלאָר, ווער די צוויי זײַנען. און ווײַטער, אין צווייטן ווינקל פון דעם בילד, שטייט א פרוי, וואָס זעט אויס פארלוירן און צעמישט, מיט אויסגעשטרעקטע הענט. און דאָס איז אויך קלאָר, פולשטענדיק קלאָר...

דאָדיק האָט עטוואָס העכער אופגעהויבן דעם ברייטן אבאזשור, און די שײַן האָט נאָך בעסער באַלויכטן דעם לײַוונט. די פיגורן, ווי זיי וואָלטן זיך געטאָן א לאָז פאָרויס, האָבן אופגעלעבט. אָט וועלן זיי אראָפּ אף דער ערד און זיך אויסמישן מיט די, וואָס שטייען אין צימער.

אַלע האָבן לאנג געשוויגן. ענדלעך האָט דורבאָוו, א פארקלערטער, געזאָגט:

— לעבן... איך וואָלט אזוי אָנגערופן דאָס דאָזיקע בילד.

— אזוי הייסט דאָס טאקע, — האָט וואַליע א שעפּטשע געטאָן, — ל ע ב ן.

(סאָף קומט)

80-טער געבורטסטאָג פֿון לייב קוויטקאָ

איך בין צוגעבונדן צו מײַן גרויסן הײַנט,
דער דעמב, מײַן פֿרײַנט,
האָט מיר פֿאַרשמעקט מיט זײַנע וואָרצלען.

איך בין צוגעבונדן צו מײַן גרויסן הײַנט,
דער גראָב־אײַזן, מײַן פֿרײַנט,
איז שאַרף, און ערד איז פֿײַכט און זאַפּטיק.

■

לייב קוויטקאָ

פֿאַרשײדענע לידער

דאָס פֿידעלע

א זײַטל פֿון א קעסטעלע
און פֿעדעמער פֿון שטריק —
מאַך איך מיר א פֿידעלע,
מאַך איך אַן אַנטיק.

א צווײַגל פֿון א ביימעלע,
לאַנגע האָר פֿון פֿערד —
צי איך אָן א סמיטשיקל
און צעשפּיל זיך, הערט!..

די בין בלײַבט שטיין און זשומעט ניט,
די קאַץ פֿאַרדרײַסט דעם קאָפּ,
סע לאָזן זיך די לאָשעקלעך
אַוועק אין א גאַלאָפּ.

די הון פֿאַרגעסט די הינדעלעך
און הערט זיך צו מיר אײַן.
— פֿאַרגעס ניט, הון, די הינדעלעך,
זיי וועלן אין טאָפּ אַרײַן!

סע שפּילט, סע שפּילט, מײַן פֿידעלע:
טרײַ־לי, טרײַ־לי, טרײַ־לײַ!
דרײַ פֿיקערס אויפֿן קאַרשנבוים
טשיריקען צו דערבײַ.

דרײַ פֿיקערס אויפֿן קאַרשנבוים
מיט העלדזעלעך ווי אַש.
סע טוט א פּאַך א ווײדעלע,
פֿאַלט אַראָפּ א קאַרש.

נאָר קיינער דאַרף קיין קאַרשן ניט, —
מע הערט דאָך מײַן מוזיק,
יעדער וויל דאָס פֿידעלע
א צי טאָן מיטן סמיק!

טרײַ־לי, טרײַ־לי, מײַן פֿידעלע,
טרײַ־לי — און שוין, אַן עק.
סע רופֿט די הון די הינדעלעך,
די פֿיקערס — אויך אַוועק!

1928

■

דער בער אום ווינטער

לויפט ארום א בער אין וואלד,
אַט־אָ איז שוין ווינטער באלד.
ווינטער,
ווינטער,
ווינטער גייט!
און דער וואלד איז אָן א קלייד,
אָן א פויגל, אָן א נעסט,
גאָר א נאַקעטער פאר פרעסט.

אין אזא מין גרויסן,
גרויסן,
קאַלטן, ווינטיקן
אינדרויסן —
הוילערהייט,
אָן א קלייד!

שטעלט זיך בער באַם ברעג אוועק,
ביידע לאַפּעס אויסגעשטרעקט:
„פעטער שנייער!
כ׳בעט דיך זייער, כ׳בעט דיך זייער,
ס׳איז דעם וואלד שרעקלעך קאַלט,
שיק א צודעק אראָפּ באלד!"

פליט דער פעטער שנייער, פליט ער:
שיט ער, שיט ער, שיט ער, שיט ער
פוך און פוך,
אָן א ברעג,
באלד דעם וואלד שוין צוגעדעקט.
לויפט צוריק אין וואלד דער בער,
פריילעך־דריילעך הין־און־הער —
ס׳פאַלט דעם וואלד א קלייד אַף ווינטער!
לויפט דער בער, און באלד פארשווינדט
ער.

— ווּהין איז ער אנטלאָפן?
— געגאַנגען זיך לייגן שלאָפן!

1928

וואסיליסע

כ׳וועל צוּוואַרטן באַם פּלויט און זי באַגריסן,
די בראָנזענע באַלגאַרקע וואסיליסע,
איך וועל זי וועגן בונטע ציכלעך פרעגן,
וויאַזוי זי פאַרבט זיי, ווי זי זוימט די ברעגן,
זי פרעגן, וועלכן ווייַנטרויב ליבט זי בעסער,
זי פרעגן, ווי די טשערעדע ווערט גרעסער,
זי פרעגן וועגן פּרעכטיקן קאַלווירט,
ווּ זי דעם הויף פון שאָף און קעלבלעך פירט.
— וואסיליסע, אויב איר׳ט ניט פארגעסן —
פירט צו מיר דאָס הינטל ביינער עסן...

כ׳וועל עסן ווייַנטרויב נאָר בא וואסיליסען —
דאָס איז פון אלע ווייַנטרויבן דער זיסטער.
כ׳וועל ריידן וועגן פּולקייַט פון די שטענגלעך
און ווי געדיכט די פולע טרויבן הענגען.
איך וועל זי פרעגן, צי סע פּאַסט איר קרעלן,
איר זאָגן, וועלכע אויגן מיר געפעלן,
און פרעגן, אין די בערג צי קאָן זי לויפן,
צי וועט מען ווייַנטרויבן ביז שפּעט פארקויפן.
— וואסיליסע, אויב איר׳ט ניט פארגעסן —
ברענגט צו מיר דאָס הינטל ביינער עסן!

צו ווייַזן וועט זי מיך אין שטיבל פירן
די וואָל, מיט וואָס מ׳האָט זי געטאָן
פּרעמירן,
די וואָל פון ווייַסע שאָף מיט קרייַזלעך.
די שיינע ציין צעשייַנען באַם באווייַזן
דעם שיין געשטריקטן טעפּיך, וואָס מיט
פארבן
איז אָנגעלאָדן, ווי דער יאַם מיט קאַרבן.
און אָט איז אויבס געטריקנטע, אָט פּאָמידאָרן...
און וואסיליסעס בראָנזע־ברוסט איז הויך
געוואָרן.
— וואסיליסע, אַף אַן עמעס, ניט פארגעסן —
ברענגט צו מיר דאָס הינטל ביינער עסן!

הייַנט טינקעוועט איר שטיבל וואסיליסע,
און נאָר אין רוקן קאָן איך זי באַגריסן.
אייך האַנט סע קלעפּט, די צווייטע האַלט דעם
לייטער,
איין קלוב איז נידעריקער פון דער צווייטער,
איך רעד צום הונט: „אַך, דו..." און קוק צו איר—
נאָר זי אין וואַנט פארטאָן, די וואַנט
זי שמירט.
— אַך, וואסיליסע, איר וועט נאָך אים ניט
בענקען?
איך נעם דעם הונט. איך אָוונט כ׳וועל אים
ברענגען.

1939

כאַזערלעך

— אַנאַ־וואַנאַ, בריגאַדיר,
עפֿן אויף פֿון שטאַל די טיר!
ווײַז די נײַע, שיינע
כאַזערלעך די קליינע!

— שפּעטער, קינדער, כעוורעלײַט,
איצטער דאָ ניט ראַשן,
כ׳האַלט דאָך איצט די כאַזערלעך
גראָד אינמיטן וואַשן.

— אַנאַ־וואַנאַ, בריגאַדיר,
עפֿן אויף פֿון שטאַל די טיר,
לאָז זיי דאָך אַ גלעט טאָן —
מאָגערע צי פֿעטע?

— שפּעטער, קינדער, כעוורעלײַט,
האָט איר דען פֿאַרגעסן?
סע דאַרפֿן דאָך די כאַזערלעך
גראַדע איצטער עסן.

— אַנאַ־וואַנאַ, בריגאַדיר,
עפֿן אויף פֿון שטאַל די טיר!
גיכער שוין באַווײַז זיי —
ראָזעווע צי ווײַסע?

— שפּעטער, קינדער, כעוורעלײַט,
שטילער, ניט געלאָפֿן,
כ׳לייג אַוועק די כאַזערלעך
גראַדע איצטער שלאָפֿן.

— אַנאַ־וואַנאַ, בריגאַדיר,
קינדער בעטן זיך בײַ דיר!

— שאַ, שאַ, כאַוויירימלעך,
סע שלאָפֿן די כאַזיירימלעך!
אָט־אָ רוען זיי זיך אויס —
לאָז איך זיי צו אײַך אַרויס!

1939

וועגן פֿלוימען

וועגן די פֿלוימען, זייער „הויכגעבאָרן",
איז נאָך דאָס וואָרט ניט געזאָגט געוואָרן.
ס׳וועט אַמאָל ליכטיק אַ קלונג טאָן אין רוים
וועגן וווּנדער פֿון שעפֿונג, דער אונגערשער פֿלוים,
וועגן אָדערלעך דינע אין לײַביקן שוואַם,
וועגן בלויקײַט פֿון הויט און פֿײַנקײַט פֿון טאַם,
וועגן קילקײַט, וואָס לעבט אַרום קערל,
וועגן דעם, ווי דער אָונט באַהויכט זיי מיט פּערל,
וועגן דעם, ווי באַזונדערס סע קושט זיי די זון.
דאָס ליבגעזאַנג זיי — אַ קלונג וועט ערשט טון.

אַזוי איז די מיינונג פֿון ווערעמל ווײַס,
וואָס זיצט אינעם האַרץ פֿון דער פֿלוים און פֿאַרבײַסט,
פֿאַרברענגט דאָרט און פֿילט דאָרט דעם עמעסן טאַם,
און זאָגט עס דער וואָרעם — איז ווייסט ער מיסטאַם!

1940

פֿון בעמבע קיין דרעמבע

איינמאָל האָט לעמל
געלאָזט זיך אין וועג,
פֿון בעמבע קיין דרעמבע
אין לענג מיטן ברעג.

די באַבע פֿון דרעמבע
האָט קנישעס געגרייט.
דער רייעך פֿון זיי
אַזש קיין בעמבע דערגייט.

האָט לעמל געלאָזט זיך
קיין דרעמבע פֿאַרנאַכט.
געגאַן און געגאַן
און פֿון קנישעס געטראַכט.

און מיד שוין געוואָרן —
האָט ער זיך געלייגט,
אָף איבערצושלאָפֿן
די נאַכט אָפֿן וועג.

נאָר לעמל האָט מוירע
פֿאַרפּלאָנטען דאָס אָרט,
אָ דאָ־אָ איז בעמבע,
און דרעמבע איז דאָרט!

נו, שטעל איך א סימען
באם קוסטיקל בעז:
די שיכלעך קיין דרעמבע
איך שטעל מיט די נעז...

ער טוט אויס די שיכלעך
און שטעלט זיי אוועק.
און לייגט זיך, דעם קאָפּ
מיטן רעקל פאַרדעקט.

פאַרטאָג גייט א ביקל
אף פּאַשע אַרויס...
און טוט מיטן שטערן
די שיך א דריי אויס.

און גייט זיך זײַן וועג דאָרט,
און לעמל דערוואַכט.
„אָ, גוט, וואָס דעם סימען
האָב איך מיר געמאַכט!

די שיכלעך מיר ווײַזן
דעם וועג מיט די נעז!
באַלד קום איך קיין דרעמבע
און קנישעס איך עס..."

לאָזט לעמל אין וועג זיך
און גייט זיך און גייט.
און זעט, אז איך דרעמבע
דאָס בעמבע גאָר שטייט!

די בעמבענער שטיבלעך,
דער ברונעם, די הינט!
ס'איז דרעמבע? צי בעמבע?
ווו בין איך אצינד!

ער קוקט אף די שטיבלעך,
ער קוקט אף די שיך:
ס'איז דרעמבע? צי בעמבע?
ס'איז איך צי ניט איך?

1945

ג ע צ ײַ ג

אך, איז דאָ א האק באם שאַכן מײַנעם בעני שענקער,
נאָך אזא מין האק איך טו דאָך שטענדיק בענקען.
נאָך אזא מין גרינגער שווערקײַט, נאָך אזא מין שאַרף,
מיט אזא מין טיפן אײַנבײַס — פונקט ווי איך באַדאַרף.

סאָסנע בראַקט זי ווי די לאָקשן, יאָדלעס שניצט זי גרינג,
ווי דער כאַלעף בא דער באָרד איז זי אײדל, פלינק,
ווי מע שנײַדט א קאַרנלעקעך, שנײַדט זי פרישן דעמב,
גלײַכסט א טיש מיט איר אָרום, ווי מיט דער שער א העמד.

כ'האָב געהאַלטן אין די הענט זי, האָט זי מיר געשפּילט.
אפן האַלץ די ווונטשן מײַנע אַלע אויסגעפּילט.
אויסגעפּילט און אויסגעשפּילט און אויסגעטאַנצט און שטראַלט.
ווער סע האָט אזא מין האק — איז יענעמס דאָך דער וואַלד!
טוט מען אזא הייב מיט איר, א פּאַכע, ווען מע דאַרף,
אוי, בין איך דעם פרײַנט מעקאַנע, וואָס זײַן האק איז שאַרף!

ס'האָט זיך זייער ניט געוואָלט מיר מיט דער האק צעשיידן,
נאָר צעשיידן פאַרט געמוזט זיך — לײַט זאָלן ניט ריידן:
„פאַר א האק אַן אייגענער דאַרף א מענטש זיך זאָרגן!"
א געמוטשעטע לעבן איז א האק בא יענעם באָרגן.

1946

הערש רעמעניק

דיכטונג פון רעוואָלוציאָנערן אומרו

לייב קוויטקאָ איז געקומען אין דער ליטעראטור ווי א דיכטער, וועלכער האָט מיט זײַן ליד אויסגעזונגען דעם אומקום פון אן אַלטער וועלט און דעם אופקום פון א נײַער. די דאָזיקע וועלט־היסטאָרישע געשעעניש פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָט קוויטקאָ פאַרקערפּערט אף אזא אָריגינעלן אויפן, אז ביז הײַנטיקן טאָג איז זײַן דיכטונג עמאָציאָנעל־ווירקנדיק, ווי עס קאָן נאָר זײַן עכטע קונסט־שאפונג.

די אָריגינעלקײַט און אייגנארטיקײַט פון קוויטקאָס ליד, די נײַקײַט פון זײַן סטיל ווערן רעאַליזירט דורך פאָלקסטימלעכקײַט. זעלבסטפאַרשטענדלעך, פאָלקסטימלעך זײַנען אויך אָשער שווארצמאַן, דאָוויד האָפשטיין, פּערעץ מאַרקיש — די דיכטער פון דער „קיִעווער גרופּע", וואָס מיט זיי צוזאמען האָט קוויטקאָ אָנגעהויבן צו שאפן די נײַע יִדישע סאָוועטישע ליטעראטור. בא קוויטקאָן אָבער איז פאָלקסטימלעכקײַט — זײַן אויפן פון אופנעמען און אופאסן די וועלט, זײַן וועלט־שפּירונג און וועלט־אָנשויונג; דאָס איז די פאָרם און דער אינהאלט פון זײַן ליד, די געשטאַלטן־וועלט אירע און דער שפּראַך־נוסעך. לויט דער נאטירלעכער אומיטלבארקײַט און פּראָסטקײַט קאָן קוויטקאָ געגליכן ווערן בלויז צו שאָלעם־אַלייכעמען. שאָלעם־אַלייכעם האָט דערהויבן די פאָלקס־שאפונג צו קונסט, דעם פאָלקלאָר — צו קינסטלערישער ליטעראטור. לייב קוויטקאָ זעצט פאָר אָט די טראדיציע.

די פּלעבעיִש־דעמאָקראטישע פאָלקס־שפּראַך, וואָס אין איר געוויינלעכער וואָכעדיקער ריידסטיכיע האָט זי ביז דער רעוואָליוציע אויסגעדריקט מערסטנטייל בלויז אינערלעכע אינסטינקטיווע כאַאָטישע אומצופרידנקײַט און בונטאַרישע שטרעבונג צו א נײַ לעבן, האָט אין דער קינסטלערישער אטמאָספער פון קוויטקאָס שאפונג, אין איר עמאָציאָנעלער סטיכיע, באַקומען א נײַעם אידייִשן אויסדרוק פון באַוווּסטזיניקן קאמף און רעוואָליוציאָנערן פּאַטאָס. דער פאָלקסטימלעכער סטיל איז דער איקער אין קוויטקאָס שאפן. אָן דעם איז אומעגלעך צו פאַרשטיין דעם „נעס" פון קוויטקאָס קומען אין דער ליטעראטור.

דאָס וואָרט און דאָס ווערטל, דער פּראַזעאָלאָ־

גישער אויסדרוק און די קלוגע רעדנסארטן האָבן באַקומען אין קוויטקאָס דיכטונג א נײַע פונקציע פון רעוואָליוציאָנערער צילגעווענדטקײַט. די מוזיקאַלישע ריטמען פון דער פאָלקסליד ווערן אין קוויטקאָס דיכטונג אָנגעזעטיקט און דורכגעדרונגען מיט די קוילעס־אָוווראָקים פון רעוואָליוציאָנערע אופטרייסלונגען. די פאָלקלאָרישע מײַסעדיקײַט און אַלעגאָרישע באַדינגלעכקײַט ווערט טראַנספאָרמירט און קאָנקרעטיזירט אין שארפע קאָנטראַסטן, טראגישע סאָציאַלע אנטאגאָניזמען און קאָנפליקטן.

פאַר קוויטקאָס פאָלקסטימלעכקײַט, פאַר זײַן האמוינישן גאנג איז כאראקטעריסטיש פריִער פאַר אַלץ די ברייטע ארענע. פון די אינדיווידואַליסטישע דאַלעדאמעס, פונעם ענגן צימער, ווו עס קומט געוויינלעך פאָר די לירישע הישטאַפּכעס־האנעפעש פון דעם העלד אין סעגאַלאָוויטשעס אָדער איינהאָרנס דיכטונג, ווערט די האנדלונג אין קוויטקאָס ליד אריבערגעטראָגן אף די גאסן, ווו עס וויקלען זיך פאַנאַנדער צוזאמענשטויסן און קאמפן. די הילכיקע אופרײַסערישע קלאַנגען פון „גליווערנדיקע גאסן", דאָס אומרויִקע טויבע הודען פון „טעלעגראַפן־סלופּ" דערטראָגן זיך צו דעם העלד פון קוויטקאָס ליד און רופן אים אויך אף דער גאס. איך צימער צו אים „איז ארײַן דער דרויסן, אף א בלעכל זיך באַזעצט, שפּילט בלוי־זילבערדיק אין צימערס פּירעק, — היי, ערוואַכט! — איך בין איך, און דו ביסט דו, און ער איז ער". דער דרויסן — דאָס זײַנען די האמוינישע טריט, וואָס טופּען און טופּען, און די קלאַנגען זייערע דערגייען צום דיכטער. און וועגן אָט די האמוינישע טריט האָט קוויטקאָ געשאפן זײַן ערשט ביכל לידער „טריט":

> לאָמיר שטאָלצע שפּאנען איבער גאסן,
> יאָמטעוודיקע פּלעצער...

דאָס איז די קארנאוואלישע פרייד פון די מאסן, וועלכע זײַנען געוואָרן די באַלעבאטים פון דער גאס און פון די פּלעצער:

> אַלע דרייען צו אונדז אויס די קעפּ און העלדזער,
> מיט די אויערן, ווי מיט פעסטע הויפּנס,
> האַלט מען ציטעריק די ווערטער אונדזערע,
> און עס פיבערן אַקסלען, אז מיר זאָגן: פיבערן!

און אַז מיר זאָגן: זון! באַצירט מען זיך אין ווײַסן,
און שעמעוודיק שפּאַצירט מען זיך
באַם זוים פון רויטע גאַסן
אין לעבלעך בלוט פון זון,
אין בלויען שמאַכט פון אָוונט,
אין פײַנגעפּורעמטע שיכעלעך
אַף יאַמטעוודיקע פּלעצער.

דאָס זײַנען די „יאָמטעוודיקע פּלעצער" און די „רויטע גאַסן" פון דער רעוואָליוציע, דאָס איז דער רעוואָליוציאָנערער קאַרנאַוואַלישער טריומף פונעם פאָלק.

עס וואָלט אָבער געווען ניט ריכטיק צו מאָלן דעם דיכטער גראָדליניק, אָן אינערלעכע ווידערשפּרוכן און ספּייקעס. קוויטקאָ האָט געזען דעם גאַנג פון האַמוינים, זייערע טריט אַף די „רויטע גאַסן" און „יאָמטעוודיקע פּלעצער", ער האָט אָבער אויך געזען די מאַרקן אַף די „וועגן און געסלעך מיט מאָכיקע טריט". ער האָט געזען דעם, וואָס „אַ גאַנצן טאָג דרייט ער אַ ראָד אין יאַריד", געזען, ווי „הונדערט טויזנטער געמיטער טאַפּן בלינד. טאַפּן וועלט פון אַלע זײַטן, שריט און טריט, זוכן דער וועלטס אָפּן פּאָנעם, טרעפן ניט".

די איינזאַמקײַט האָט עפּשער געשראָקן קוויטקאָס העלד, און עפּשער איז זי אים געווען דערווידער, און ער האָט אומרויִק געגאַרט און געוואַרט אַף אַ שטורעם, וואָס זאָל צעשטערן דעם אומעט, —

זאָל גיין אַ רעגן...
זאָל ווינט מיטן שטויב זיך באַהעפטן
און שמײַסן די גאַסן אין פּאָנעם,
און זאָגן דעם שעפער: מיר האָבן שוין קרעפטן,
מיר קאָנען באַגיין זיך שוין אָן אים.

. . . .

זאָל גיין אַ רעגן —
סײַ הימל, סײַ ערד זאָלן ברומען,
מײַן גליק וועט ניט האָבן קיין ברעגן...

קוויטקאָ האָט געזען און האָט אויסגעדריקט די קראַפט פון האַמוין און איינצײַטיק דערמיט — אויך די שוואַכקײַט פון די מאַסן און די סטיכיִישע רויע קראַפט זייערע, וואָס איז נאָך געפּענטעט און וואָס בלאָנדזשעט אַרום, ניט זעענדיק פאַר זיך קיין קלאָרע וועגן. דאָס האָט אַ שײַכעס ניט בלויז צו קוויטקאָן, נאָר אויך צו דער שאַפונג פון דער גאַנצער „קיִעווער גרופּע", אַפּילע צו שוואַרצמאַנען. בא שוואַרצמאַנען טרעפן מיר דאָך די שורע:

אַף פעלדזן־שטעגן כ'בלאָנדזשע בלינד.

די בלינדע בלאָנדזשענישן, דאָס זוכן נײַע וועגן, די פאַרגעפילן פון אָנקומענדיקע שטורעמס, די טויבע אומרוען — אָט דאָס אַלץ איז דאָך כאַראַקטעריסטיש פאַר די שווערע טריט פונעם האַמוין, ווען ער פילט אין זיך אַ גרויסע קראַפט, אַ אומקלאָרקײַט באַם אויסוויילן דעם וועג. און ניט צופעליק טרעפט זיך אין קוויטקאָס ערשט ביכל לידער, אין דער פּאָעטישער שפּראַך פון זײַנע ערשטע שאַפונגען דאָס וואָרט „בלינד" — „אין בלינד פאַרגייענדיקן הויל"; „בלאָנדזשען בלינדע יאָרן"; „רײַטן בלינדע"; „פון אַ פוסטער שטוב אַ בלינדער"; „שוואַרץ און בלינד"; „אין בלינדער הייל"; „אין בלינדער קעלט"; „שטאַרקע גלידער, בלינדער ווילן" — דאָס איז עפּשער דאָס סאַמע טרעפלעכע וואָרט, וואָס כאַראַקטעריזירט דעם דיכטערס טיפן באַנעמען די קראַפט און די שוואַכקײַט פונעם האַמוין, פון זײַנע שווערע טריט אין דער רעוואָליוציע.

די קריטיק איז געווען גערעכט, ווען זי האָט באַטראַכט קוויטקאָס לידער־זאַמלונג „טריט" ווי אַ מאַניפעסט פון אַ פאָלקס־דיכטער, וועלכער האָט פאַרויסגעפילט דעם אָנקום פון דער רעוואָליוציע; טאַקע אָט די „צעצווייטקײַט", וואָס זעט און פילט, ווי קוויטקאָ האָט געשריבן אין איינער זײַנער אַ ליד, „אַ הײַפעלע פרייד און אַ הײַפעלע לייד", איז געווען דער בעסטער באַווײַז, אַז דעם דיכטערס עסטעטישע דעקלאַראַציע „איך בין צוגעבונדן צו מײַן גרויסן הײַנט" איז ניט קיין ווערטערשפּיל, נאָר אידייִשע איבערצײַגונג.

■

קוויטקאָס פּאָעמע „אין רויטן שטורעם" איז דאָס ערשטע אויסגעשפּראָכן עפּיש־רעוואָליוציאָנערע ווערק פון אונדזער ליטעראַטור אין דעם ערשטן יאָר פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע.

איך מיין ניט, ס'זאָל זײַן ריכטיק די פאַרשפּרייטע מיינונג, אַז קוויטקאָ האָט געשאַפן זײַן פּאָעמע אונטער דער ווירקונג פון אַלעקסאַנדער בלאָקס „צוועלף". דאָס אַלגעמיינע צווישן אָט די צוויי ווערק איז בלויז די טעמע וועגן דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע. בלאָק און קוויטקאָ זײַנען געווען דיכטער פון דער רעוואָליוציע, דעריבער האָבן זיי זי באַזונגען, אומאָפּהענגיק איינער פונעם צווייטן.

קוויטקאָס „אין רויטן שטורעם" איז געשאַפן געוואָרן אין דעם זעלבן 1918, וואָס בלאָקס „צוועלף". און אויב קוויטקאָ האָט אַפילע געשריבן זײַן פּאָעמע נאָך דעם, ווי עס איז דערשינען בלאָקס „צוועלף", איז סײַוויי שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז בלאָקס פּאָעמע איז דערגאַנגען קיין קיִעוו, ווו עס האָט דאַן געוווינט קוויטקאָ, ווײַל אוקראַיִנע איז געווען אונטער דער דײַטשישער אָקופּאַציע, און די פאַרבינדונגען מיט סאָוועטן־רוסלאַנד זײַנען געווען גאַנץ צופעליקע, עפּיזאָדישע. קוויטקאָ האָט זיכער דעמלט ניט געוווּסט וועגן בלאָקס פּאָעמע. עס קאָן גיין אַ רייד ניט וועגן ווירקונגען, נאָר וועגן אַ באַשטימטן איבערוף און וועגן דעם, אַז די ווערק פון ביידע

דיכטער זײַנען פּאַקטיש געװען די ערשטע װיכ־
טיק שאַפונגען פון צװײ ליטעראַטורן — דער
רוסישער און ייִדישער — װעגן דער אָקטיאַבער־
רעװאָליוציע.

„אין רויטן שטורעם" איז געשריבן מאַמעש
„אפן צװײטן טאָג" נאָך דער רעװאָליוציע. אין
יעדער שורע פון דער פּאָעמע פילט זיך די אינ־
טאָנאַציע און דער ריטם, דער טעמפּ און דער
אָטעם פון דער רעװאָליוציע. דער אידייִש־קינ־
סטלערישער פּאַטאָס פונעם דיכטער איז דורכגע־
דרונגען מיט דער רעװאָליוציאָנערער אידיי פון
צעשטערן דאָס אַלטע און שעפעריש אופבויען א
נײַע װעלט. דער לירישער העלד, װאָס איז די
פּאַרקערפּערונג פון פּאָלק, פון פרײַע קינדער,
פון רעװאָליוציאָנערער יוגנט, צערײַסט מיטן
טאַטן, װאָס „האָט אין װאָגן אונדז געשפּאַנט,
שלעפּן אים זײַן יאָכיק לאַנד". „מיר, צעקריגטע
שװיך מיט טאַטעס, מיר פאַרברענען אַלטע שמאָ־
טעס און פאַרניכטן װילדע גראָז". די װעלט „איז
צעטײלט געװאָרן: האַלב װעלט מײַז — און האַלב
װעלט צאָרן".

די אידיי פון פאַרברידערטקײַט צװישן פעלקער
גיט צו א באַזונדערן כײן קװיטקאָס װערק װעגן
דער רעװאָליוציע. אזא װערק װעגן פעלקער־
פרײַנטשאַפט האָט די ייִדישע ליטעראַטור ביז
קװיטקאָן נאָך ניט געשאַפן. „ייִד" און „גוי" זײַ־
נען פאַרברידערט אין קאַמף: „אופגעװאַקסט פון
מי און מאַנגל, מיט דערװאַרטן, לאַנג געגאַרטן
ברודער — „גוי", טראָגן מיר מיט דרײסט מיט
האַרטן אונדזער װאַכט! פון מײַן ברודער שמעקט
מיט שטרוי, פון אונדז ביידע שמעקט מיט
שלאַכט!"

„אין רויטן שטורעם" איז א װערק ניט װעגן
יאָמטעװודיקע טריומפן, ניט װעגן באַראַבאַנענ־
קלאַפּערײַ, ניט װעגן מאַרשן און פּאַראַדן, נאָר
װעגן אינערלעכע װײטעקדיקע װידערשפּרוכן
אינעם פּאָלק גופא, װעגן „אַלע לײדן, אַלע
שװאַרצן פון די טויזנטער גילגולים". עס גיט א
שאַרפן שנײַד דער מאָטיװ פון געראַנגל צװישן
אַלט און נײַ אין דער נעשאָמע, „װען סע שלו־
קערצט אין מײַן בויך א װאָרעם, רופט צוריק,
נאָגט צוריק". די רעװאָליוציאָנערע קעמפער,
װאָס זײַנען אװעק אין שלאַכט אף טויט און אף
לעבן, פילן זיך אײַנגעשפּאַנט אין „גרויסן כאַ־
רעװ"; דער העלד פון דעם „רויטן שטורעם"
זעט, „װי מאַמעס שלעפּן טויטע זין". נאָר די יונ־
גע אופגעברויזטע רעװאָליוציאָנערע יוגנט װײסט,
אז צום אַלטן איז ניטאָ קײן אומקער: „מאַמזער,
ס'איז ניטאָ צוריק! טויט צוריק!" אין געמײנזאַ־
מען רעװאָליוציאָנערן קאַמף װערן פאַרהאַרטע־
װעט די פּאָלקסמאַסן, עס אנטפּלעקן זיך זײערע
ברידערלעכע סאָלידאַרישע אינטערעסן: „אקסל
דײַנער, אקסל מײַנער, ביידע רירן זײ זיך אָן,
אונדזער מיזרעך איז צעפּלאַקערט, גלײ־צעאַקערט,
פלאַם־צעפלאַקערט, און מיר גײען אינעם פלאַ־
קער, און עס פײַערט אונדזער פאָן". און פול מיט
זיכערקײַט איז זיג קלינגען מוטיק די שורעס:
„איך דאַרף זײַן, איך דאַרף געהערן צו דעם
שטורעם פון צעשטערן, צו די האַמערן די פילע
אף צו בויען נײַ. איך װער ייִנגער, איך װער ייִנ־
גער, איך װער פרײַ".

„אין רויטן שטורעם" איז א פולשטענדיק נאָ־
װאַטאָריש װערק ניט בלויז לויטן רעװאָליוציאָ־
נערן אינהאַלט, נאָר אויך לויטן שפּראַך־סטיל,
לויט אַלע קינסטלערישע מיטלען, לויט דער
רײַכקײַט פון מוזיקאַלישע ריטמען. עס פילט זיך
אין איר דער אופברויז פון די מאַסן אין מאָמענט
פון דער רעװאָליוציע, זײער לאַשן און רײד־מאַ־
ניר. עס פלעכטן זיך אין איר איבער רעאַלי־
סטישע קאָנקרעטקײַט, מעטאַפאָרישע סימבאָליק,
ראָמאַנטישע טרויִמערישקײַט, פאָלקלאָרישע
שפּילעװדיקײַט און מײַסעדיקײַט, סאַטירע און
אַלעגאָריע, ליריק און עפּאָס.

די פּאָעמע איז געװען אן אָנזאָג, אז עס איז
געקומען א גרויסער דיכטער אין דער ייִדישער
ליטעראַטור.

■

אין דער לידער־זאַמלונג „טריט", װאָס איז
דאָך אן אויסדרוק פון געמישטע שטימונגען אין
אן אופגעברויזטער צײַט — שטימונגען און פאַר־
געפילן און פאַרװירקלעכטע פרײד־אימפּולסן, —
הערשן די צװײ גרונט־מאָטיװן: צעשײדונג מיטן
אַלטן און באַגײַסטערונג מיטן נײַעם. דאָס זײַנען
געװען די שטימונגען פון די ברייטסטע פּאָלקס־
מאַסן אין די ערשטע יאָרן פון דער רעװאָליוציע,
װען דאָס פּאָלק האָט זיך דערזען באַם קװאַל פון
נײַעם זײַן.

אין „טריט" זײַנען פאַראַן בילדער און גע־
שטאַלטן גאַנץ באַדינגלעכע און סימבאָלישע. „מײַן
באַלאַנדע", „קנופּיעס אַלטע, אָפּגעבליאַקעװעטע
פּרעש", „רױלאַנד", „שיקער־פלאַץ", „שפּינען־,
„באַהאַלטענע קאַץ", „דער מאַן מיטן זײגער", „דו
עמעצער מענטש און דו עמעצער ברודער!",
„דער דולער", „א יונגער פּאַרעש" — דאָס אַלץ
איז דער רעקװיזיט און די אַקסעסואַרן פונעם
סימבאָליסטישן סטיל, װעלכער איז צו קװיטקאָן,
און ניט בלויז צו אים, נאָר אויך צו אַנדערע אַלע
אָנגעזעענע ייִדישע דיכטער פון די ערשטע רע־
װאָליוציע־יאָרן, געקומען פון דעם רוסישן סימ־
באָליזם. די סימבאָליסטישע בילדערישקײַט און
די באַדינגלעכע געשטאַלטן אין קװיטקאָס בוך
„טריט" האָבן טאַקע א שײַכעס הויפּטזאַכלעך צו
דעם מאָטיװ פון אַלטן, פון צעשײדן זיך מיט
שװערע דערמאָנונגען. דאָרטן אָבער, װו דער
דיכטער באַזינגט דאָס נײַע לעבן, די גרויסקײַט
פון דער רעװאָליוציע, קומט אן אַנדער בילדע־
רישקײַט, אן אַנדער געשטאַלטיקײַט, אן אַנ־

דער פּאָעטישע שפּראַך און אַן אַנדער עמאָציאָ־נעלע אַטמאָספער. עס פאַרשווינדט די אַבסטראַק־ציע, די באַדינגלעכקייט. אַנשטאָט דעם קומט די קלאָרקייט פון בילד און וואָרט, די דערהויבענע ליוטערקייט און די דורכזיכטיקע פאָלקס־שפּראַך פון רעוואָלוציאָנער־ראָמאַנטישע זעונגען, וואָס זײַנען פאַרבונדן מיט רעאַלע לעבנס־דערשײַנונ־גען און פּראָצעסן. א פאָלקסטימלעכע מוזיקאַלי־שע אינטאָנאַציע הערט זיך, לעמאָשל, אין דער ליד „יונגע פרייד":

כ'דאַרף אַליין, אַליין נישט בלײַבן,
קיין כעזשבוינעס כ'האָב מיט זיך,
כ'דאַרף קיין פריידן ניט פאַרשרײַבן,
כ'דאַרף קיין רוכעס נישט פאַרטרײַבן,
אין מײַן טיפּניש לעבט נאָר איך.

די זאַמלונג „טריט" קוויטקאָס איז געווען אַזא אָנהייב, וואָס האָט שוין באַטײַט ניט קיין ערשטע, נאָר זיכערע טריט. דאָס זײַנען געווען אַזעלכע פעסטע טריט, וואָס האָבן זיך געלאָזט הערן אין דער ליטעראַטור און זײַנען פאַרבליבן ווי אַן אָפּקלאַנג פון דעם פאָלקס טריט אין דער רעוואָ־ליוציע.

אָבער פּונקט ווי די רעוואָליוציע אַליין, אַזוי האָט אויך די ליטעראַטור פון דער רעוואָליוציע אירע שאַרפע ווענדונגען און איבערברעכן. לייב קוויטקאָ, ווי א דיכטער פון דער רעוואָליוציע, האָט ניט פאַרמאַכט די אויגן אויף אַף דעם בלוּ־טיקן מאַרטירלאָג פון דער יידישער באַפעלקע־רונג, אַף אירע ליידן פון דער צעיושעטער קאָנטררעוואָליוציע, און האָט זיך אָפּגערופן אַף די פּאָגראָמען מיטן צאָרנדיק־פּײַנלעכן בוך לידער „1919" — א דיכטערישע כראָניק וועגן טראַ־גישע געשעענישן אין לעבן פון דער יידישער באַפעלקערונג אין דער צײַט פון בירגערקריג אַף אוקראַינע. דאָס איז אי נאַציאָנאַלער טרויער, אי סאָציאַלער און רעוואָליוציאָנערער פּראָטעסט קעגן נאַציאָנאַלער סינע, וואָס קאָן ברענגען נוצן ניט די פעלקער, נאָר זייערע באַדריקער.

די לידער־זאַמלונג „1919" באַשטייט פון צוויי טיילן. אין ערשטן טייל איז גאָר גערדיכט קאָנדענ־סירט די אַטמאָספער פון פּאָגראָם. די געדריקטע שטימונג און די שוואַרצע פאַרבן אַנטפּלעקן זיך בוילעט אין דער שפּראַך, אין דעם פּאָעטישן וואָרט: „קאַלעמוטנער אָוונט", „שאָטן־שטאָט", „בלאָנקען אום", „וווּנדיק ווײַ", „מעשוגע", „שטיקער שטיינערדיקע קלאָלעס", „אײַנגע־שרומפּן", „מאַרעשכוירעדיקער", „שרײַען יאָמערדיק", „שעלטן אונדז, פאַרשעלטן", „אַנגע־שראָקן", „פּאַכעד שלעפּט אונדז צו דער ערד", „מיסע־מעשונע", „כאַפּטעס בלאָטיקע פון בלוט, פאַרביסענע פון קינדער־טויטן". און אַזוי זײַנען אַלע לידער פונעם ערשטן טייל אינעם בוך קי־מאַט דורכויס פאַרפולט מיט אַזעלכע דערשיי־טערנדיקע בילדער. זיי שאַפן די שטימונג פון

פּאָגראָם, האַריגע, רעציכע און גוואַלדטאַט, די אַטמאָספער פון פּײַן און אומגליק.

אין אַזא צושטאַנד ווערן באַזונדערס פאַר־שאַרפט די געפילן, וועלכע זײַנען געווען אויסגע־דריקט נאָך אין „טריט". דער „טויבער אומרו", וואָס האָט אין „טריט" באַטײַט די אומקלאָרע פאַרגעפילן פון אַן אָנקומענדיקער פאָלקס־רע־וואָליוציע, די בלינדע בלאָנדזשעניש, וועלכע זײַ־נען אין „טריט" באַלויכטן געוואָרן דורך געפונענע העל־באַשײַנטע ברייטע שליאַכן פון רעוואָליוצי־אָנערע ניצכוינעס און טריומפן, — אָט די דאָזיקע עמפּינדונגען פון בלינד און טויב זײַנען אין „1919" פאַרשפּיצט ביזן העכסטן גראַד: „ביז טויב צו ווערן כ'האָב פאַרברייטערט מײַן געהער, ביז בלינד צו ווערן כ'האָב פאַרשפּיצט מײַן ריִע, — מיט קראַנקער אײַנגעשפּיצטקײַט אָפּגעמאָסטן יעדן שאָרך"...

באַנאַנד מיט שטימונגען פון שוידער איז אין „1919" פאַראַן א דײַטלעכער שטראָם פון אַנ־דערע געפילן און איבערלעבונגען — געפילן פון צאָרן, פּראָטעסט און קאַמף קעגן דעם בלוטיקן סינע. אפילע אינעם ערשטן טייל פונעם בוך זײַ־נען פאַראַן לידער, וואָס קלינגען ווי א רוף צום קאַמף. אין דער ליד „ליב־געבענטשטער קאָפּ" באַפרײַט זיך דער העלד פון די פּענטעס פון שרעק און אונטערטעניקײַט, ער רײַסט זיך צום קאַמף קעגן די פּאָגראָמשטשיקעס:

ליב־געבענטשטער קאָפּ,
איידל־ציטעריקע האַנט —
לאָז מיך אָפּ!

. . . .

לאָז מיך אָפּ!
כ'וועל מײַן גאַנצע גאַל,
מיט הינטישן
מיט פּײַנענדיקן צאָרן, —
כראַקען אַפן פּײַנט!

אין צווייטן טייל פון „1919" ווערן צעזייט די שווערע שטימונגען פון שרעק און שוידער. די לידער זײַנען אָנגעזעטיקט מיט זוניקן אופשײַן, וואָס פאַרטרײַבט די פינצטערניש און די גע־שפּענסטער פון בייז. די ערשטע ליד פונעם צווייטן טייל טראָגט דעם באַדײַטפולן נאָמען „אָפּגעטרייסלט זיך", וואָס באַטײַט לויטן דיכטערס אופקלערונג: „אָפּגעטרייסלט זיך פון שאָטנס ווייען און פון שטויבן". די דאָזיקע ליד איז שוין א נײַ געזאַנג פון יוגנט, וואָס בא קוויטקאָן איז זי דאָך שטענדיק „דער בעסטער אויצער". עס פאַר־שווינדן די שוואַרצע פאַרבן, מיט וועלכע עס זײַ־נען אָנגעזעטיקט די שפּראַך און דאָס בילד אינעם ערשטן טייל פונעם בוך. אַנשטאָט דעם קומען אַנדערע בילדער, פול מיט ליוטערקײַט און זונען־שײַן. „טראָג איך אײַך אַף א יונגן אַקסל, זאַנ־גען, א לאַגל אויסגעקלעטערטע געזאַנגען, א גוטן

יונגן כאַלעם אינעם אופגיין פון מײַן הארץ". און ווײַטער, אין דער זעלבער ליד: „א פרוכטיקער קום איך אצינדער מיט זריִע, מיט טוי און מיט ווינט, איך טראָג אײַך די בסורע די גרויסע פון ערשטן, פון ליכטיקן קינד! כ'ברענג אײַך קאַמייעלעך־גרוסן פון ליכטיקן קינד. סע רופט אײַך שוין „טאטע" און „מאמע" און קושט אײַער פײַן דאָס ערשטע דאָס ליכטיקע קינד איצטער ווי שטענדיק — און אײַערס וועט זײַן". אין דער ליד „און פעלקער מיט קלומעקלעך" טרעפן זיך שורעס, וועלכע וואָלטן עפשער לויט דער שטימונג, לויט די בילדער און אסאָציִאציעס, זיך גיכער אײַנגעפאסט אין דיכטערס ערשטן לידער־בוך „טריט": „מיר וועלן אופשטיין מיט שטורעם איבער גאָרע, גאָרע וועלטן! א ווונדער שווערן אופשטאנד אף קליין און גרויס, וואָס האָט געוועקט דעם שעם אף וועלט, דעם שעם פון מענטש".

איך וויל דערמיט ניט זאָגן, אז אין צווייטן טייל פון „1919" איז שוין ניטאָ קיין לידער פון ווי און פײַן און אומקום. אזוינס איז ניט מעגלעך אין א בוך, ווו די הויפט־טעמע איז פאָגראָם. אָבער אפילע אין אזעלכע לידער קלינגט שוין איצט העכער און דײַטלעכער דאָס קאָל און דער רוף צו ווידערשטאנד און שלאכט. כאראקטעריסטיש איז אין דעם זין די ליד „זיי שטופן מיך, שטופן מיך"; דאָ פלעכטן זיך איבער מאָטיוון פון קינדערשער נאיִווקײַט און פון קעמפערישן צאָרן: „נאָר זאָלן די היצלס, די פײַנט און די סאָנים, ניט וויסן, ניט וויסן, אז הארץ מײַנס — א קינד איז. דערמאָן איך זיך ווען נאָר אָן זיי, מײַנע היצלס, שפרינגט אוף מײַן הארץ — א לאָהעטע כײַע, א הונט א צעקאָכטער, זיך רײַסן און בײַסן, באהאווקען, באקלאָלען די הינטישע טעג!" דער דיכטער דערקלערט איצט, אז ער וויל זיך לערנען פײַנט האָבן: „אוי, איר אלטע בערג, צעשאָקלטע, צעטרייסלטע פוראָניִעסן, איר אלטע, אלטע אָפגרונטן פון אונדזער ווייטעק, לערנט מיך און גיט מיר קויעך פײַנט האָבן, פײַנט האָבן ביז גרונט".

אָבער סינע און צאָרן זײַנען א מוז בלויז צוליב דערגרייכן דעם הויכן אידעאל פון ליבע צו מענטשן, צו דער מענטשהײַט. דער דיכטער איז איבערצײַגט, אז ליבע צו מענטשן קאָן און מוז קומען, כאָטש אפילע דורך גרויסע קאמפן און דורך לייד, דורך שטרײַטן און מילכאָמעס. דער הומאניסטישער אידעאל פונעם דיכטער ווערט באשטעטיקט ניט מיט איליוזאָרישע טרוימען, נאָר מיט דער געשיכטלעכער דערפארונג פון דער מענטשהײַט. די ליד „אויסגעפאנצערט א געשיכטע" איז א בולעטער אויסדרוק פון באנעמען דעם טאָך פון דער היסטאָרישער אנטוויקלונג: „אויסגעפאנצערט א געשיכטע פון מילכאָמע און פון ליבע אף דער וואנדערדיקער ערד. אָ, מײַן איינציקס! קום, מיר זײַנען אלטע שמידער, קום, מיר זײַנען די געשיכטע פון מילכאָמע און פון ליבע, און מיר לעבן נאָך פון ברײשיס און מיט יעדן דאָר... איך און דו אף וואנדערדיקער ערד, קריג און ליבע טראָגן מיר". דער מאָטיוו „קריג און ליבע" ווערט דער צענטראלער און באקומט דעם באטײַט פונעם דיכטערס באנעמען דעם גאנג פון דער געשיכטע, וועלכע איז ניט קיין לײַכטער גראָדער וועג, נאָר א דאָרנדיקער און אויסגעשפרייטער מיט שטרויכלונגען. מע האָט געדארפט האָבן ניט ווייניק מוט און גלויבן אין ניצאָכן פונעם גוטן איבער דעם בייזן, פון דער רעוואָליוציע איבער דער קאָנטררעוואָליוציע אָף אָנצושרײַבן אזעלכע שורעס אין א בוך וועגן פאָגראָמען: „מירן שמייכלען: ליבע טראָגן מיר... מיר זעען, זעען דאָך: שטילע כאפט עס אוף פון אײַנגעזעסענע ערטער, — אין יעדן דאָר אלץ מערער, אלץ מערער, אלץ שטארקער שטופט עס זיי: — ליבע טראָגן קעגן גרויסן טאָג!"

לייב קוויטקאָ איז אין „1919" דער גרויסער דיכטער פון צאָרן, פון קריג און פון ליבע. פון ליבע, אָבער ניט פון אונטערטעניקן קניִען פארן סוינע. מיט סארקאסטישן שפאָט פארשטעמפלט דער דיכטער אין דער ליד „קאטשען מיר זיך פאר געלעכטער" דעם אומאנער ראבינער, וועלכער „לויפט מיט אויגן קאלאמוטנע צו די קריסטן גרויסע לײַט, — בעט און קליאנטשעט הינטעוואטע". „קאטשען מיר זיך פאר געלעכטער, אז ער איינער אין צילינדער, מיט דעם פאָרל גוטע קריסטן, — ער אליין איין ייִד אין גאס. אז ער פירט זיי צו דער באנדע אויסצוקליאנטשען אונדז דעם טאָג הײַנט, שוינען אונדז דאָס לײַב און לעבן!" ניט קיין געבעט, נאָר אומראכמאָנעסדיקער קאמף קעגן די באנדעס, וועמען דער דיכטער רופט אָן „יאטקע־הינט, די גוטע יאטקע־הינט". אָט די הינט ווערן באקעמפט דורך דער רויטער ארמיי, דורך דער רעוואָליוציִאָנערער יוגנט, וואָס אין אירע רייען קעמפן אויך די ייִדישע פאָלקסמאסן: „סע קומט איר באסיעכידקעס כאָסן, דער רויטארמייער מיט זײַן טייל שטעטל — ביז זיי צערײַבן זיך די הענט: — „אנו, כעוורײַע!" און מע טוט א שפאן א הייסן צו די יאטקע־הינט, און מע טוט א נעם זיי בא די אויערן די פעלצענע פאטלאטע".

אזא פאָלקס־דיכטער, ווי לייב קוויטקאָ, האָט געקאָנט גויזוער זײַן אין זיך דעם נאציִאָנאלן ווייטעק, וואָס איז אָנגעווייעט פון פאָגראָמען, און דערהויבן זיך צום גלויבן אינעם ענדגילטיקן טריִומף פונעם פאָלק:

אונדז איז שוין באשערט
קוואל פון נײַער פרייד,
קוואל פון טיפן פרי
עפ'נען זאָל זיך אונדז,
פאלן אונדז אין הענט.

לײַב קוויטקאָס ווײַטערדיקע אנטוויקלונג איז גענוג באוווסט און נייטיקט זיך ניט אין קיין באזונדערע דערקלערונגען. זײַן בוך „געראנגל" (1929), וואָס האָט ארויסגערופן א שטורעם אין דער קריטיק, איז א וויכטיקסטע דערשײַנונג אין דער יידישער סאָוועטישער דיכטונג. קוויטקאָס שאפונג אין די יאָרן פון גרויסער בויונג איז געווען אן עמעסער שפיגל פונעם לעבן — מיט אלע ווידערשפרוכן און שוועריקײַטן פון יענע יאָרן. דעם דיכטערס אלטער לאָזונג „איך בין צוגעבונדן צו מײַן גרויסן הײַנט" האָט באלויכטן זײַן שעפערישן וועג אין מעשעך פון זײַן גאנץ לעבן. פון אָט דער קינסטלערישער פראָגראם איז ער קיינמאָל ניט אָפגעטראָטן. דאָס לעבן פונעם פאָלק, זײַן פרייד און לייד — דאָס איז געווען קוויטקאָס שטענדיקע טעמע. לייב קוויטקאָ האָט אף זײַן אויפן געהערט די הילכיקע טריט פונעם לאנד אין די פינפיאָרן, דאָס קנאלן פון הארמאטן אין דער גרויסער פאטערלענדישער מילכאָמע, און ער האָט אף אלע קלאנגען אין לעבן געענטפערט מיט אָפקלאנגען פון זײַן ליד. ער איז שטענדיק געווען אין „געראנגל" פון שלאכטן, אין „טראקטער־צעך" און אף די בויונגען פון נײַע וועגן איבער די ברייטן און לענגען פונעם גרויסן לאנד. ער האָט געזונגען וועגן דעם ארבעטסמענטש, דעם שעפער פון א נײַ לעבן, און האָט מיט זײַן דיכטעריש וואָרט באקעמפט דעם סוינע, דעם אינערלעכן — „די שוואָגערלעך", און דעם אויסערלעכן — דעם פאשיסט. אין זײַן ליד האָט ער זיך אינגאנצן צונויפגעגאָסן מיטן לעבן פונעם פאָלק. זײַן דיכטונג איז סײַ זײַן אייגענע לעבנסביאָגראפיע און סײַ די ביאָגראפיע פון דעם פאָלק פאר די יאָרן פון דער ראטנמאכט. ניט צופעליק האָט ער דאָך אָנגערופן זײַנע לידער־ציקלען „קינדער־יאָרן", „לאמטערנדלעך בלויע (יוגנט)", און האָט, לעסאָף, געשאפן זײַן ברייט פאָעטיש לײַוונט, דאָס סאכאקלדיקע און פאראלגעמיינערנדיקע ווערק פון זײַן לעבן, די פאָעמע „יונגע יאָרן", וואָס איז, צום באדויערן, לאנגע יאָרן געווען ניט באוווסט אין אונדזער ליטעראטור. ערשט איצט איז דאָס דאָזיקע ווערק דערשינען אף יידיש אין פארלאג „סאָוועטסקי פיסאטעל".

לייב קוויטקאָס גרויסער שעפערישער אופטו האָט זיך באזונדערס ראשיק און רײַך אנטפלעקט אין זײַנע קינדער־לידער. דאָ האָט ער צו זיך קיין גלײַכן ניט אין אונדזער ליטעראטור. דער דאָזיקער אופטו איז אויך פארבונדן מיט זײַן פאָלקסטימלעכקײַט, וואָס ציט זיך טאקע ווידעראמאָל צו דער טראדיציע פון שאָלעם־אלייכעמען. שאָלעם־אלייכעם, דער גרויסער פאָלקס־דיכטער, איז אויך געווען דער גרויסער קינדער־דיכטער. דאָס געוווּנטשענע איז דאָ פאר שאָלעם־אלייכעמען געווען די אויסגעטרוימטע אידעאלע וועלט פון פארפולקומטן מענטשלעכן לעבן, אָן אוולעס, אָן סאָציאלער אומרעכט, אָן נאציאָנאלער אונטערדריקונג, אָן פאָרורטיילן און פארקריפלטע זיטן.

די וועלט פונעם פאָלקסמענטש איז מיט עפעס וועזנטלעכס פארבונדן מיט דער וועלט פונעם קינד. די קינדער זײַנען די צוקונפט פונעם פאָלק. דאָס קינד איז אזוי אומיטלבאר אין זײַן נאיווער קלוגשאפט, פונקט ווי אומיטלבאר ס'איז דאָס פאָלק אין זײַן קלוגער נאיווקײַט. שאָלעם־אלייכעמס אינטערעס צו קינדער־פסיכאָלאָגיע, צום לעבן פונעם קינד איז אן אויסדרוק פון זײַן ליבע צום פאָלק און צום מענטשן, דאָס איז זײַן פאָלקסטימלעכער הומאניזם. אין דעם איז אויך באשטאנען דער טאָך און דער אינהאלט פון לייב קוויטקאָס קינדער־לידער.

די קינדער־וועלט אין קוויטקאָס לידער איז א ברייטע, א ליכטיקע, א פריידפולע און א זאָרגלאָז־פרײַע. און ער, דער פאָלקס־דיכטער, ווייסט דעם גלײַכן וועג צו דער דאָזיקער וועלט. די נעשאָמע פונעם קינד, ווי די נעשאָמע פונעם פאָלק, איז געווען אָפן פאר אונדזער דיכטער, און ער האָט אין איר געלייענט, ווי אין זײַן אייגענער נעשאָמע, ניט נאָר די פסיכאָלאָגיע, נאָר די ריידמאניר, די האנדלונג. אלץ איז נאטירלעך, רעאליסטיש אין קוויטקאָס קינדער־לידער. „אנא־וואנא בריגאדיר", „קעצעלע", „באבעצי בליומצי", „די מאלפע" און נאָך צענדליקער און צענדליקער לידער זײַנען אזוי געווינלעך, אזוי שטייגערדיק, אזוי מענטשלעך פראָסט און אומיטלבאר, אז זיי זעען אויס ווי ארויסגעכאפט פונעם ארומיקן לעבן. און אין דער זעלבער צײַט זײַנען קוויטקאָס לידער קינדעריש־נאיוו, פול מיט כיינעוודיקן הומאָר און מיט עכט קינדערשער שטיפערישער כאָכמע.

קוויטקאָס ליבע צום קינד איז, ווי בא שאָלעם־אלייכעמען, אן אויסדרוק און אנטפלעקונג פון זײַן ליבע צום פאָלק, צום מענטשן, פון זײַן אָפטימיסטישן וועלט־באנעם, פון זײַן ליבע צום לעבן, צום סאָוועטישן לאנד. קאָרניי איוואנאָוויטש טשוקאָווסקי, קוויטקאָס פרײַנט און פארערער, שרײַבט: „די באצויבערטקײַט מיט דער ארומיקער וועלט האָט אים (קוויטקאָן. — ה. ר.) געמאכט פאר א קינדער־שרײַבער: אין נאָמען פונעם קינד, מיט די ליפן פון זעקסיאָריקע, זיבניאָריקע קינדער איז אים גרינגער אויסצודריקן זײַן אייגענע פולע ליבע צום לעבן, זײַן אייגענעם פאָשעטן גלויבן אין דעם, אז דאָס לעבן איז באשאפן צוליב אומענדלעכער פרייד".

אין דער הײַנטצײַטיקער סאָוועטישער קינדערדיכטונג פאַרנעמט קוויטקאָ, צוזאַמען מיט טשוקאָווסקין, מאַרשאַקן, אַגניִא באַרטאָ, דאָס אָנגעזעענסטע אָרט. זײַנע ווערק ווערן אַרויסגעגעבן אין מיליאָנען עקזעמפּליאַרן. עס איז ניטאָ אין סאָוועטנפאַרבאַנד קיין שול, קיין קינדערגאָרטן, קיין קינדער־אַנשטאַלט, קיין קולטורעלע פאַמיליע, וווּ עס זאָלן ניט זײַן קוויטקאָס ווערק.

אַלס קינדער־שרײַבער האָט קוויטקאָ געשאַפן אַן אייגענע שעפערישע שול. קיין איין ייִדישן קינדער־שרײַבער האָט ניט אויסגעמיטן קוויטקאָס ווירקונג.

און נאָך אַ זשאַנער פון לייב קוויטקאָס שאַפן, וועגן וועלכן עס איז אויך ווייניק געשריבן געוואָרן: זײַן פּראָזע. לייב קוויטקאָ איז דער אוטאָר פון „ריִאָגראַנדער פעל" (1928) און „ליאַם און פּעטריק" (1930). ביידע ווערק זײַנען ביז גאָר כאַראַקטעריסטיש פאַרן שרײַבער. „ריִאָגראַנדער פעל" איז אַ זאַמלונג דערציילונגען פונעם אַרבעטער־לעבן אין דײַטשלאַנד; „ליאַם און פּעטריק" — אַ ראָמאַן וועגן קינדער און וועגן פאָלקס־לעבן. אין זײַן פּראָזע, ווי אין זײַן דיכטונג, איז קוויטקאָ דער קינסטלער, וואָס זעט און מאָלט שטענדיק דאָס לעבן פונעם אַרבעטס־פאָלק און די וועלט פונעם קינד.

„דער נעס פון דער ייִדישער ליטעראַטור" — האָט מען אַמאָל אָנגערופן לייב קוויטקאָן. אַזאַ פאַרבלײַבט ער אויך ביז הײַנט.

כראָניק

40 יאָר „ביראָבידזשאַנער שטערן"

דעם 1 נאָיאַבער איז דער „ביראָבידזשאַנער שטערן" אַלט געוואָרן פערציק יאָר. די אַלטע טוישווים פונעם טײַגע־קאַנט געדענקען נאָך יענעם טאָג, ווען דער ערשטער רעדאַקטאָר פון דער צײַטונג שלוימע קאַרלינסקי, הײַנט אַ פּערסאָנעלער פּענסיִאָנער, האָט אינעם הילצערנעם רעדאַקציע־שטיבל אונטערגעשריבן צום דרוק דעם ערשטן נומער פונעם אָרגאַן פונעם ראַיקאָם פון דער פּאַרטיי און ראַיויספּירקאָם פון ביראָבידזשאַנער נאַציִאָנאַלן ראַיאָן.

אָנהייבנדיק פונעם 7 מײַ 1934 איז דער „ביראָבידזשאַנער שטערן" אַ געגנטלעכע צײַטונג, עס רעדאַגירט זי דער אָנגעזעענער ייִדישער סאָוועטישער זשורנאַליסט און קולטור־טוער הענעך קאַזאַקעוויטש.

דער „ביראָבידזשאַנער שטערן" איז פון די ערשטע טעג פון זײַן עקזיסטענץ באַליבט בײַ די אײַנוווינער פון דער געגנט. אין צענטער פון אַלע מאַטעריאַלן, וועלכע דרוקן זיך דאָ, שטייט די זאָרג פאַר אַנטוויקלען די עקאָנאָמיק און קולטור פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט, דאָס דערציִען די לייענער אין גײַסט פון סאָוועטישן פּאַטריִאָטיזם און ליבע צום אייגענעם קאַנט.

אין זײַן פינפטן יאָרצענדליק טרעט אַרײַן דער „ביראָבידזשאַנער שטערן" מיט נײַע מעגלעכקײַטן און פּערספּעקטיוון. זינט דעם 1 אָקטיאַבער ד. י. דערשײַנט ער אין אַ דאָפּלטן פאָרמאַט, אין פאַרגלײַך מיטן פריִערדיקן, — אויף פיר זײַטן, און פונעם נײַעם 1971 יאָר וועט זיך אויך זײַן פעריאָדישקײַט פאַרגרעסערן פון 3 ביז 5 מאָל אין וואָך.

דער „ביראָבידזשאַנער שטערן" איז אײַנגעשלאָסן אין אַלפאַרבאַנדישן פּרעסע־קאַטאַלאָג — דאָס הייסט, אַז אַבאָנירן זיך אויף אים קאָן מען אומעטום אין לאַנד.

מיר האָפן, אַז אויף ווײַטער וועט דער „ביראָבידזשאַנער שטערן" מיט ווירדע באַפרידיקן די אויסגעוואַקסענע פאָדערונגען פון די לייענער.

נ. קאָרטשמינסקי,
רעדאַקטאָר פון „ביראָבידזשאַנער שטערן"

די רעדאַקציע און רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" באַגריסן היים די לייענער און מיטאַרבעטער פונעם „ביראָבידזשאַנער שטערן" און ווינטשן דער צײַטונג פון דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט אַ ווײַטערדיקן גליקלעכן וועג צו די הערצער פון די ברייטע מאַסן לייענער.

הירש רעלעס

גאָלד צעגאָסן האָט די זון

מיטן שטראָם

אין העלן זומער פאַזע ברעג
מיט דער ריטשקע כ׳בין אוועק.
עפּעס פּלאַפּלט זי און רעדט —
צי צו מיר, צי צום טשערעט.

אָט פאַרהאַלט זי גאָר א שטייך
און די טראַפּנס ציילט געהיים.

ווײַטער אינעם ברייטן טאָל
בײַט זי זילבער אויס אף גאָלד.

צו דער זון זי ווינקט און ווינקט,
און פון מיר אַנטלויפט זי פלינק.

און זי פליסט אין טײַך אַרײַן
אויסגעמישט מיט העלער שײַן.

דאָ צעשיידט זיך אונדזער וועג,
שטיי איך מיר אַליין באַם ברעג.

פונעם גרויסן מענטשן־פלוס,
שיק איך איר מײַן לעצטן גרוס.

צו א טראָפּן בין איך גלײַך...
זי — א שוטעף מיטן טײַך.

עס קלינגט דער וואַלד

דוכט זיך, כ׳בין געוועזן דאָ ערשט ניט לאַנג,
און איצט איז שוין די אָזערע מיט פראָסט פאַרשפּונען,
און ס׳איז מיר גוט אַזוי, נאָר עפּעס טוט מיר באַנק,
ווי כ׳וואָלט פאַרלוירן עפּעס און צוריק געפונען.

דאָ האָט דער הארבסט באַגאַנוועט און באַרויבט
ניט מיך, דעם בערעזניאַק —
פאַרסאַרפּעט, אָנגעצונדן.
אים אויסגעטאָן, געלאָזט אים נאַקעט־הויל
און איז אַליין, דער רו׳ך ווייסט ווו, פאַרשוווּנדן.

נאָר ס׳האָבן אַלעביימער מיטאַמאָל,
ווי פון א קישעף אָנגעהויבן קלינגען,
דער פראָסט האָט אָנגעטאָן די ביימער מיט קרישטאָל —
קאַרעלן אף די העלדזער, אף די צווײַגן — רינגען.

און ס׳שרעקט זיי ניט דער הוליענדיקער ווינט,
זיי בייגן זיך און פײַפן גאָר מיט אים צוזאַמען,
און יעדער צווײַגל קלינגט, און קלינגט, און קלינגט —
פאַר זיי דער פראָסט איז, ווי א גוטע מאַמע.

עס זינגט דער סאָלאָוויי

זײַן שטים איז צויבערדיק,
נאָר שוואַך
פאַר שטאָטישן געלאָף,
ווען לײַנערס פליִען איבער דאַך,
ווען אויטאָס יאָגן אָן א סאָף.
איבער דער גאַס אַהין־אַהער
מע אײַלט, מע פאָרט, מע גייט,

און קיינער הערט ניט,
ווי אין סקווער
דער זינגער זיך פאַרגייט.
פון זײַנע טענער איבעראַשט
אונטערן בוים איך שטיי.
מיר ווילט זיך אויסשרײַען דער גאַס:
— זײַט שטיל!
עס זינגט דער סאָלאָוויי.

דער צווילינג

בא מאַניע דעם מוליער, ווי לייבן, צווי באָנים,
איינער הייסט מוישע, דער צווייטער הייסט ליאָניע.

יונגען — געזונטע, הויכע און שטאַלטנע,
מיט באַקן מיט רויטע, מיט אויגן צעשטראַלטע.

איינער אָן צווייטן — אין ערגעץ קיין טראָט ניט,
געדינגט האָבן ביידע אין טאַנקעווער ראָטע.

און יעדערער שטוינט, ווען מע טרעפט זיי צוזאַמען,
ווי שיידט זיי עס אונטער די אייגענע מאַמע?

די מאַמע ווערט גראָווער פון דײַגענען, קלערן —
עס ווילן די באָנים פון טאַכלעס ניט הערן.

וואָס זאָרגסטו זיך, מאַמע, דער שכיינעס צווי מיידן —
דײַן צווילינג דײַן ליבן זיי ווען צעשיידן.

אף א נײַעם אויפן

עס רוישט א טראַקטאָר בא דעם וועלדל,
איבערן דאַך א לײַנער פליט.
דעם טראַקטאָר פירט מײַן ברודער וועלוול,
דאָס קאָרן האָט שוין אָפּגעבליט.

די בלויקײַט האָט די וועלט פאַרקישעפט,
איר גאָלד צעגאָסן האָט די זון,
און א געזאַנג זיך שפּרייט אין יישעוו
פון פענצטער אָפענע אַרום.

א ציג א ווײַסע אף א שטריק
גייט אום אין שכיינעסדיקן הויף.

פונוויײַטנס האָט א מאָטאָציקל
צערעוועט זיך, כאַטש נעם אנטלויף.
און פלוצלינג ווערט דער רויש אנשוויגן,
און ס'הערט זיך דײַטלעך קלאָר און ריין
א הארציק־נאָגנדיקער ניגן,
וואָס רירן קאָן א שטיין.

ס'האָט אפן בוידעם זיך באַהאַלטן
די אָפּגענוצטע אַלטע צײַט,
און ס'הערט זיך אײַן מײַן היים מײַן אַלטע
אין דעם געזאַנג, וואָס קומט פון ווײַט.

באַם טײַך

א טונקעלע, א שטאַלטנע און א יונגע,
געקירצט לויט דער מאָדע דאָס קלייד,
קוקט פאַרקלערט אף די גילדענע רונגען,
וואָס מײַן ווענטקע אין טײַך האָט פאַרשפּרייט.

א צײַט שוין איך שטיי, ווי פאַרקישעפט,
און גיב זיך פון אָרט ניט קיין ריר,

כ'האָב ניט מוירע דערשרעקן דאָס פּישל,
נאָר אָט די, וועלכע זיצט לעבן מיר.

פונקט ווי פון יוגנט א צייכן,
אין כוואַליעס די שקיִע זיך וויגט.
איך זע, ווי א גאָלדענער שמייכל
טוט א בלענד אין איר טונקעלן בליק.

ארום ווערט אַלץ שענער, געענדערט,
ס'האָט זינגען זיך פּלוצעם פארגלוסט...
שפּאַן איך מונטער אהיים מיט דער ווענטקע,
כאָטש אין עמער איז ליידיק און פּוסט.

אין בלעטערפאל

אונטער דעכער פון הײַזער און שטאַלן
די שוואַלבן זיך פילן ניט היימלעך,
און בלעטער פאַלן און פאַלן,
אזוי ווי אין הארבסט, געוויינלעך.

אף די בלעטער, וואָס פליִען פארוויסטע,
איז קיין שפּור פונעם זומער פארבליבן.
עס האָבן קיין ליגאַטעפּיסטן
קיין ווערטער אף זיי ניט פארשריבן.

נאָר עס קלעקן בא מיר ניט קיין ווערטער
אף צו דערציילן, דערקלערן,
ווי טרויעריק, ווי פארדרייסלעך
פון הארבסטיקע בלעטער קאָן ווערן.

מײַן שלימאזל

ס'איז מײַן שטורעם און מײַן מאַבל שוין אריבער,
און ווי פערד זיך ציִען מידע טעג.
מײַן שלימאזל יאָגט מיך גרינג שוין איבער,
אומעטום פארלויפט ער מיר דעם וועג.

ס'איז אומזיסט מײַן טראכטן און מײַן זאָרגן,
כ'ווייס ניט, וועלכע איז מײַן גוטע שאָ.
עפן איך א טיר נאָר — א גוטמאָרגן!
מײַן שלימאזל איז שוין אויכעט דאָ.

שטעלט ער פלינק מיר אונטער גלײַך א פיסל,
אַלץ קאַפּויר ווערט — בעסער שוין ניט פרעג.
וווּנדערט מיך, פונוואַנען קאָן ער וויסן,
ווו מע דאַרף פארלויפן מיר דעם וועג?

נו, פארשטייט זיך, אז ס'איז גאָר ניט פריילעך,
ווען מע שלעפּט דיך שטענדיק אף צוריק,
נאָר ווען אַלץ זאָל אָנקומען געוויינלעך,
וואָלט איך דאָך ניט וויסן פון קיין גליק.

יעכיעל פאליקמאן

פארטאָג

פון די קינדער־יאָרן האָב איך פארגעדענקט: יוינע בערבעסעס, מיכעלע אָך, שימען קאפייקע, יאשע פון דער באָד־גאס. זיי זיינען אלע שולדיק אין מיין טאטנס טויט.

ווען דער טאטע איז געשטאָרבן, בין איך אלט געווען ניין יאָר. נאָר כ׳האָב עפעס ניט פארשטאנען, וואָס הייסט — דער טאטע איז געשטאָרבן. און עפשער בין איך געווען צעטומלט פון דעם אויפן, וויאזוי דער טאטע איז געשטאָרבן. אלעמען, ועמען מע האָט מיך געשיקט אָנזאָגן וועגן דעם טאטנס טויט, האָב איך דאָס אָנגעזאָגט אזוי, ווי כ׳זאָל פּאָשעט ברענגען אן אומדערווארטע נייעס און ניט פארשטיין, ווי שרעקלעך זי איז. דער פעטער מאָטל, ווען כ׳האָב אים געזאָגט, אז דער טאטע איז געשטאָרבן, האָט פון אומגעריכטקייט א געשריי געטאָן אף מיר: „מעשוגענער!"

ס׳איז געווען פארטאָג. אפן שליאך, אף די גאנעקעס פון די היַיזער און אף אלץ איז געלעגן א געדיכטער טוי, די זון איז ערשט אופגעגאנגען צווישן די לינדנביימער, וואָס שטייען באם טייך, לעבן פאלאץ, און איך בין געלאָפן איינער אליין איבער דער גאס, א צעטומלטער, ניט קיין אויסגעשלאָפענער, א פארכידעשטער, מיט א מאָדנע קלאפנדיק הארץ. כ׳בין דערלאָפן צום פעטער מאָטלס שטיבל, אין פייַכטן געסל, לעבן דער קרופּאָדיאָרגיע, און אָנגעקלאפּט שטיל אינעם צוגעמאכטן לאָדן, איין מאָל אָנגעקלאפּט און נאָכאמאָל. דער פעטער האָט זיך אָנגערופן פונעם אלקער: „וואָסי, ווער קלאפּט דאָס?" האָב איך געענטפערט: „ס׳איז איך... פעטער, דער טאטע איז געשטאָרבן!" די אייַזערנע פרענטע האָט פלוצעם געגעבן א שפרונג אָפּ, דער לאָדן האָט זיך צעעפנט איניינעם מיטן פענצטער אינעם פייַכטלעכן געסל ארייַן, און עס האָט זיך באוויזן דער פעטער מאָטל אין איין העמד, א באוואקסענער, מיט צונויפגעקלעפטע וויִעס. „וואָס?! וואָס האָסטו געזאָגט?" — האָט ער איבערגעפרעגט. איך בין געשטאנען א באָרוועסער, ס׳איז מיר קאלט געווען, און עפשער דערפאר האָב איך, ענטפערנדיק, אונטערגעטאנצט לעבן פענצטער: „דער טאטע איז געשטאָרבן!". „מעשוגענער! — האָט דער פעטער זיך צעשריגן. — וואָס רעדסטו?!" — ער האָט אפילע א צי געטאָן זיין דארע לענגלעכע האנט, קעדיי אָפּצושטעקן מיר א פאטש, — ער פלעגט דאָס דאפקע אמאָל קאָנען טאָן. כ׳וואָלט געמעגט שווערן, אז ער האָט מיר געוואָלט דערלאנגען א פאטש, נאָר איך בין אָפּגעטראָטן אף א שפּאן און געזאָגט: „זאָל איך אזוי געזונט זיין... ער איז געשטאָרבן!" דער פעטער מאָטל איז געשטאנען א רעגע א פארגלייווערטער לעבן פענצטער, דערנאָך זיך אויסגעקערעוועט און א געשריי געטאָן צום טונקעלן אלקער: „העניע, העניע... שמוליק אונדזערער איז..." — און ער איז זיך אוועק אָנטאָן.

נו יאָ, ווי זאָל ער טאקע גלייבן אין דעם, דער פעטער מאָטל, אז ער איז ערשט נעכטן אפדערנאכט געווען בא אונדז אין שטוב און לאנג געשמועסט מיטן טאטן, געטרונקען טיי און פארביסן מיט הרעטשענע לאטקעס, וואָס די מאמע האָט פונקט אָפּגעבאקן. ערשט נעכטן אפדערנאכט האָט דער טאטע דאָך געקלאָגט זיך פאר אים אף יוינע בערבעסעס, אף מיכעלע אָך, אף יאשען פון דער באָד־גאס, אף קאָפּייקען מיט זייער גאנצער כאווריַיע. און איצט...

דער פעטער מאָטל איז ארויס אין דרויסן און שוין אין גאס ארופגעצויגן דעם ארבל פונעם פידזשאקל. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט לעבן מיר, צעטראָגן מיך באטראכט, און אין זיינע טיף־

פּאַרגראָבענע אויגן, ווי ס׳זאָל אַ ביטערקייט אַרײַן אין זיי, האָבן זיך באַוויזן טרערן. זאָרגעוודיק אַזוי, מיט אַ ציטערדיקער האַנט, האָט ער מיר פֿאַריכט דאָס היטל אויפֿן קאָפּ און געפֿרעגט:

— און די מומע, די מומע מאַכליע ווייסט שוין?

— ניין, איך בין דאָרט נאָך ניט געווען.

— איז גיי, גיי צו מאַכליען, — האָט ער מיר געזאָגט, און אַליין, מיט ברייטע טריט, אַוועקגעלאָזט זיך צום צווייטן עק פֿונעם שאָטנדיקן געסל — אַהין, פֿונוואַנען כ׳בין געקומען.

זייער מאָדנע איז מיר געווען, וואָס מײַן טאַטע איז גאָר מיטאַמאָל טויט, וואָס די מומע מאַכליע לויפֿט מיט אַ געשריי און מיט אַ צוויייטער שאַל איבער דער גאַס. איך בין איר אויך נאָכגעלאָפֿן און געפֿילט, אַז טרערן פֿאַרנעפּלען מיר די אויגן און אַז כ׳וועל זיך באַלד צעוויינען אויף אַ קול. די מומע איז געלאָפֿן, און אירע טריט אויפֿן הילצערנעם טראָטואַר האָבן אָפּגעהילכט אינעם שטילן פֿאַרטאָג. הינטערטירן האָבן זיך געעפֿנט, ווו־ניט־ווו האָט עמעצער אַרויסגע־שטופּט אַ צעפּאַטלטן קאָפּ און געפֿרעגט:

— וואָס איז, ווער איז דאָס אַוועקגעלאָפֿן, ייִנגעלע?

מע האָט מיך צוגערופֿן מיט אַ פֿינגער, און איך בין צוגעגאַנגען און געזאָגט, אַז דאָס לויפֿט מײַן מומע מאַכליע, און לויפֿן לויפֿט זי עס דערפֿאַר, ווײַל מײַן טאַטע איז געשטאָרבן.

— ווער, שמוליק, דער־אָ, דער קרומער אויף איין פֿוס, וואָס וווינט בײַ דער טאַראַהאָוויצע? אַהאַ, שמוליק... אַ לײַטישער ייִד און נאָך גאָר אַ יונגער... איז פֿון וואָס איז ער געשטאָרבן?

און איך בין געגאַנגען ווײַטער, באַגלייט פֿון מיטלײַד־בליקן, און מע האָט שוין הינטער מײַנע פּלייצעס זיך איבערגעשריגן:

— שמוליק? נו? איז וואָס זשע דער דאָזיקער שמוליק? געשטאָרבן? ווען? הײַנטיקע נאַכט? נאָך גאָר אַ יונגער מענטש...

באַגראָבן האָט מען דעם טאַטן טאַקע דעם זעלבן טאָג, אין אײַלעניש. ס׳איז געווען פֿרײַ־טיק, און מע האָט ניט געטאָרט אַרײַנציִען אין שאַבעס. די מאַמע מיט מײַן שוועסטערל האָב איך דעם גאַנצן טאָג קימאַט ניט געזען, זיי זײַנען געווען אין שטוב, דאָרט, ווו עס האָבן זיך געהאַלטן אין איין אומדרייען פֿרעמדע ייִדן און ייִדענעס. די מאַנצבלען האָבן מיך געשראָקן מיט זייער צעטומלטן האַווען, מיט זייערע טויבלעכע שטימען, מיטן ריידן מער מיט די אויגן און מיט די הענט, ווי מיטן מויל, און די פֿרויען — מיט דעם, וואָס זיי זײַנען פּלוצעם אינדער־וואָכן אַלע געקומען אין שוואַרצע שאַבעסדיקע שאַרפֿעס אויפֿן קאָפּ, מיט בלאַסע אָפּגעצויגענע געזיכטער. גייט אַזוי עפּעס אַ פֿרעמדע פֿרוי צו אונדזער שטוב, בײַ דער שטוב מאַכט זי עטלעכע אײַליקערע טריט, קוקט זיך אַ ביסל פֿאַרלוירן אַרום מיט אויסגעגלאָצטע, דערשראָקענע אויגן, און פֿאַר דער שוועל טוט זי שוין אַ פּליעסקע מיט די הענט, לאָזט אַרויס אַ געיאָמער, פֿאַר־שטעלט מיט די הענט דאָס פּנים און פֿאַרשווינדט אין שטוב.

איך האָב זיך אַרומגעדרייט אין דרויסן עפּעס ווי אַ בלינדער, ווי אַ פֿאַרבלאָנדזשעטער. כ׳האָב גאָרנישט, קימאַט גאָרנישט ניט פֿאַרשטאַנען, וואָס עס קומט פֿאָר אַרום מיר. ס׳הייסט, געוווסט האָב איך איינס — כ׳וועל מער ניט האָבן קיין טאַטן, נאָר ווי לעבט מען עס אָן אַ טאַטן, און וואָס וועט זײַן מיט אים, מיטן טאַטן, אַליין, האָב איך ניט געקאָנט באַנעמען, און ס׳איז שרעקלעך געווען צו טראַכטן וועגן דעם. זייער נעפּלדיק געדענק איך, וואָס יענעם טאָג איז פֿאָרגעקומען. כ׳געדענק נאָר, אַז פֿאַרנאַכטלעך, ווען די זון האָט זיך געשטעלט צווישן די צוויי ווינטמילן אויפֿן בערגל, פֿון יענער זײַט שטעטל, האָט דער פֿעטער מאָטל מיך גענומען פֿאַר אַ האַנט און איז אַוועק מיט מיר צום בעסוילעם. כ׳האָב געקוקט מיט גלעזערנע אויגן, ווי די ערשטע לאָפּעטעס ערד האָבן מיט אַ טויבן קלאַנג גענומען פֿאַלן אין דער גרוב. ערשט דאָ האָב איך דערפֿילט, אַז איך פֿאַרליר עפּעס אומגעהייער טײַערס, דעם טאַטן פֿאַרליר איך. כ׳האָב זיך אַ ריס געטאָן צו דער גרוב: „טאַטע!" — נאָר צוויי פֿרעמדע ייִדן האָבן מיך געהאַלטן פֿאַר די הענט, דער פֿעטער מאָטל האָט אַ ציטערנדיקער אָנגעבויגן זיך צו מיר מיט דער ביטערקייט אין זײַנע טיפֿע אויגן, אַרומגענומען מיך אַזוי, אַז ער האָט מיר פֿאַרשטעלט דאָס פּנים, און ווען כ׳האָב עס מיט קויעך אָפּגעטוליעט, האָט דאָרט, ווו די גרוב איז געווען, זיך שוין געהויכט אַ געל בערגל.

איך האָב דערנאָך אַ לאַנגע צײַט ניט אַריבערגעטראָטן די שוועל פֿון אונדזער שטוב. כ׳האָב זיך אופֿגעהאַלטן באַם פֿעטער מאָטל, און ניט נאָר אופֿגעהאַלטן — געשלאָפֿן אַפֿילע מיט אים, אַזוי בין איך געווען אָנגעשראָקן. אויף אונדזער שטוב האָב איך מוירע געהאַט אַ קוק טאָן אַפֿילע פֿונדערווײַטנס, איך פֿלעג ניט דורכגיין די דריטע גאַס פֿון אונדזער שטוב. און פֿלעגט נאָר קומען די נאַכט, איז אויף מיר אָן איימע אָנגעפֿאַלן — איך ציטער, אַ צאָן אויף אַ צאָן טרעפֿט ניט.

אַזוי האָט געדויערט אַ כאַדאָשים דרײַ. שפּעטער איז אַ ביסל דורכגעגאַנגען דער דער־שרעק. די מאַמע איז געקומען און האָט מיך געבעטן, כ׳זאָל זיך אומקערן אהיים. כ׳בין אַ פֿאַר־

ציטערטער, מיט א פֿאַרשטאָרבן האַרץ אוועק מיט איר. אין דער היים איז אַלץ געווען פֿרעמד און מאָדנע אומעטיק, עלנט, און פֿלעג איך א קוק טאָן אַף עפּעס א זאַך, אַף דער קושעטקע, אַף דער שאַפֿע, אַף די בענקלעך, פֿלעגט זיך מיר דוכטן, אַז אָט איז דער טאַטע, אָט נעמט ער א בענקל און זעצט זיך צו צום טיש, צי — אָט באַלד וועט א סקריפּע טאָן די קיך־טיר און ער וועט אַריַינקומען...

מיַין טאַטע האָט אַלע זיַינע יאָרן געאַרבעט בא צוקער־זאַוואָדן; זומער — אַף די בורעקעס־פּלאַנטאַציעס, און ווינטער — אין זאַוואָד. געשטאַמט האָט ער פֿון א דאָרף, פֿון כיזשניק, זייער פּרי געבליבן א יאָסעם, און א קלייגינקער, עפּשער אין מיַינע יאָרן, אוועק צום פּאָרעץ אַף די בורעקעס־פּלאַנטאַציעס. אַזוי פֿלעגט ער שטענדיק דערציילן. געוויינלעך, האָבן מיר א גאַנצע וואָך דעם טאַטן ניט געזען, ער פֿלעגט אוועקפֿאָרן זונטיק קאַיאָר, אוועקפֿאָרן אָדער אוועקגיין צופֿוס, ווי עס האָט זיך אים געמאַכט, און אומקערן זיך פֿריַיטיק פֿאַרנאַכט, אויך אַף א פֿור אָדער צופֿוס. אָט אַזוי פֿלעג איך אים זען בלויז איין מעסלעס אין דער וואָך. און וואָס זעלטענער איך האָב אים געזען, אַלץ שטאַרקער האָב איך זיך צוגעבונדן צו אים. די מאַמע איז בא מיר געווען א וואָכעדיקער גאַנג, דער טאַטע אָבער — א יאָמטעוו. כ׳האָב אים שטאַרק ליב געהאַט, און ער איז טאַקע געווען אַזאַ, אַז ניט ליב האָבן אים האָט מען ניט געקענט. ניט קיין הויכער, עט־וואָס א קרומער אַף איין פֿוס, — נאָר דער ליבער שמייכל אַף זיַין פּאָנעם, די לויטערקיַיט זיַינע, דער שיינער שטערן מיט די טיפֿע קלאָרע ווינקלען, דער אויפֿן, ווי ער איז געגאַנגען אָנגעטאָן, ווי ס׳האָט אַלץ אַף אים געזונגען, זיַין אָרט רעדן, זיַין מילדקיַיט און גוטסקיַיט האָבן פֿאַרדעקט אָט דעם מום זיַינעם, און ס׳האָט מיך קיינמאָל ניט געאַרט, וואָס מיַין טאַטע איז א קרומער און אַלעמענס טאַטעס זיַינען גליַיכע. צו מיַין טאַטן איז קיין גליַיכן ניט געווען. ער האָט מיך קיינ־מאָל ניט געשלאָגן, קיינמאָל קיין שלעכט וואָרט מיר ניט געזאָגט. ער פֿלעגט מיך און דאָס שוועסטערל מיַינס, דווירעלען, אומטראָגן אַף די פּלייצעס, דרייען זיך מיט אונדז און טאַנצן, אָדער אוועקזעצן אונדז ביידע אַף די קני און נעמען דערציילן עפּעס א מיַיסע, צי פֿאַרציִען א ניגן, און מיט די אויגן, מיטן שמייכל הייסן אונדז אונטערציִען. אין אַזעלכע מינוטן פֿלעג איך זיצן א פֿאַרגליווערטער, א פֿאַרקישעפֿטער, גאָרנישט אין דער וועלט איז מיר ניט אָנגעגאַנגען.

איך בין געווען א קלייגינקער און האָב ניט פֿאַרשטאַנען מיַין טאַטנס לעבן. ס׳פֿלעגט מיך נאָר אַרן, וואָס ער פֿאָרט אַף א גאַנצער וואָך אוועק אין פֿעלד אָדער אַפֿן זאַוואָד. וואָס ער טוט דאָרטן, האָב איך זיך ניט פֿאָרגעשטעלט. דער טאַטע פֿלעגט קומען א פֿאַרהאָרעוועטער, אין פֿאַרשמאָלצעוועטע, צעריסענע קליידער, נאָר איך האָב אים געזען אַזאַ בלויז, ווען ער פֿלעגט זיך אומקערן אַהיים. בא דער טיר פֿלעגט שוין שטיין פֿאַר אים אָנגעגרייט א שיסל וואַסער, האָט ער זיך גליַיך אויסגעטאָן, אַרומגעוואַשן זיך, אָנגעטאָן א זויבער־ריין העמד, דעם שוואַרצן קאַמזויל מיט די גלאַנציקע קנעפּלעך, די אויסגעפּרעסטע געוואַנטענע הויזן, די שטיוולעטן, און איז געוואָרן גאָר אַן אַנדערער. און ווען ער פֿלעגט זונטיק קאַיאָר אוועקפֿאָרן, האָב איך ניט געהערט, כ׳פֿלעג נאָך שלאָפֿן...

אַזוי איז געווען לאַנג. דערנאָך האָט דער טאַטע מיטאַמאָל אָנגעהויבן בליַיבן אין דער היים. ער איז געווען שטאַרק פֿאַרזאָרגט, ניט געטראָגן זיַינע שאַבעסדיקע קליידער, זיך ערגעץ אויס־געזוכט א פּאָר אַלטע פֿאַרלאַטעטע הויזן, א ליַיוונטן פּידזשאַקל, און דאָס האָט ער די גאַנצע ציַיט געטראָגן. ער פֿלעגט זיך דאַפּקע שפּילן מיט אונדז, קלייגוואַרג, נאָר ניט אַזוי פֿריילעך, ווי פֿריִער, ער פֿלעגט אָפֿט בליַיבן זיצן א פֿאַרקלערטער, צופּן זיך מיט די פֿינגער זיַין קורץ קאָמעץ־בערדל און אַלץ זיך פֿליַיסן צוציִען א בינטל האָר צו די ציין, קעדיי עס א ביס טאָן...

עפּעס האָב איך א ביסל יאָ פֿאַרשטאַנען, וואָס עס קומט פֿאָר. דער זאַוואָד, אַף וועלכן דער טאַטע האָט געאַרבעט, שטייט; דער פּאָרעץ, וועלכן דער זאַוואָד האָט געהערט, האָט אים אונ־טערגעצונדן און אַנטלאָפֿן. אַרבעט מען ניט, און דער טאַטע פֿאַרשפּאָרט אוועקפֿאָרן אַלעמאָל אַף א גאַנצער וואָך. ער מאַכט מיר שווערדן פֿון ברעטעלעך, שניצט מיר אויס פֿערדלעך, קלאַפּט מיר צונויף וועגעלעך — גאָלע גאָלד. ער דרייט זיך א גאַנצן טאָג אום אין שטוב, און דאָס, וואָס ער איז פֿאַרזאָרגט, — איז מיילע. אין דרויסן איז פֿריילעך, אַלע קינדער שפּילן זיך מיט שווערדן און מיט ביקסלעך, און מיַינע זיַינען די בעסטע. אײַ, ס׳איז אין שטוב ניט שטענדיק דאָ וואָס צו עסן — איז זוכט די מאַמע פֿאָרט עפּעס אויס פֿאַר אונדז.

די אַרבעטער פֿונעם זאַוואָד, ווו דער טאַטע האָט געאַרבעט, האָבן אונדז געבראַכט א זעקל צוקער, א ביסל פּאַטעקע און געלט. דאָס איז דעם טאַטנס טייל פֿון דעם, וואָס מע האָט באַוויזן אָפּראַטעווען, בייס דער זאַוואָד האָט געברענט. האָבן מיר צוקער, און עס איז דאָ פּאַטעקע, איז שוין א ביסל פֿריילעכער אין שטוב. זיי האָבן אויך געזאָגט, די אַרבעטער, אַז מע וועט זיך גיך נעמען אופֿשטעלן דעם זאַוואָד, זאָל נאָר ווערן עטוואָס רויִקער. ווו און וואָס דאַרף ווערן רויִקער,

און וואָס הייסט עס — „די נײַע מאכט“, האָב איך ניט געקענט פארשטיין. נאָר איינס איז מיר
קלאָר געווען: עפעס דארף מען דאָרט אופבויען א הויכן קוימען, אפן זאוואָד, אײַנשטעלן קעסלען
און ארופציִען עטלעכע נײַע דעכער... מיילע, וועט מען עס שוין אָפטאָן. דער טאטע גייט ארום
א צופרידענער, די מאמע אויך, אירע אויגן טרערן אזש. מע לעבט מיט דער איינציקער האָפע־
גונג. דער טאטע נעמט אפילע אָפט דאָס שטעקל און גייט ארויס אין מארק, עפשער וועט זיך אים
טרעפן א פור, א פויער פון יענעם דאָרף, ווו דער זאוואָד איז, וועט ער זיך דערוויסן, צי עס טוט
זיך שוין דאָרט עפעס. נאָר ווען מע האָט אפן זאוואָד געפרווט עפעס אָנהייבן טאָן, איז אָנ־
געלאָפן הוליײַקאָס באנדע און אלץ צעוואָרפן אפסנײַ, דערנאָך זײַנען די פעטליוראָווצעס אָנגע־
קומען, און נאָך שלעק. אָט, ווען די רויטע זאָלן שוין קומען אין שטעטל, דעמלט... דער טאטע
האלט אין איין ארויסקוקן אף זיי, און איך קוק אויך ארויס. באזונדערס ווארט איך אפן פעטער
שאמע, דעם טאטנס ייִנגסטן ברודער, וועלכער האָט אויך אמאָל געארבעט אפן זעלבן זאוואָד און
איז דערנאָך אוועק אף דער מילכאָמע. אומגעקערט האָט ער זיך ניט אף לאנג, געבראכט מיר
צוקערקעס, און גאָר אינגיכן איז ער אוועק מיט די רויטע אף א פערד, וואָס ער האָט ארויסגע־
פירט פון דעם פּאָרעצעס שטאל...

— ע, — זאָגט ניט איין מאָל דער טאטע און שאָקלט מיטן קאָפּ, קוקנדיק דורכן פענצטער
צו דער ווײַט, ווו ס'הייבן זיך אָן די פעלדער, — ע, ווען אונדזערע קומען שוין, וואָלט אלץ
געווען אנדערש... — און שטענדיק גיט ער צו דערבײַ: — און שאמע, ווער ווייסט, צי ער לעבט,
ווען שאמע שטעלט זיך אראָפּ...

נאָר די רויטע זײַנען דערווײַל געווען ווײַט. עפעס א פאָר מאָל זײַנען זיי שוין יאָ ארײַן אין
שטעטל, אָבער בלויז אף עטלעכע טעג און באלד צוריק אוועק. און איצט זײַנען זיי ווײַט.

דער זאוואָד ארבעט אלץ ניט, און דער טאטע איז אלץ אין דער היים א פארזאָרגטער, אן
אומעטיקער. און די מאמע — זי איז גאָר ניט צו דערקענען, א בלאסע, אן אויסגעטריקנטע,
רעדט ווייניק, האלט אין איין ארומלויפן — דאָרט וואשט זי בא עמעצן גרעט, דאָרט שמירט
זי אויס א שטוב, באקט עמעצן ברויט, אין די אפדערנאכטן פליקט זי פאר עמעצן פעדערן. מיר
זעצן זיך אויס אלע בא דער הרובע איבער א פול זיפל פעדערן און מיר נעמען פליקן. דער
טאטע נעמט, קלוימערשט אף קאטאָוועס, אויך א הויפן פעדערן און פליקט זיי. זײַנע גראָבע
פינגער באוועגן זיך ניט אזוי פלינק, די הענט ציטערן, נאָר ער איז שטארק ערנסט און פליקט.
ס'איז שטיל, אומעטיק אין שטוב, מע רעדט קיין וואָרט ניט. דער טאטע און די מאמע שיקן
אונדז שלאָפן, מיך מיטן שוועסטערל, און אליין בלײַבט מען נאָך אלץ זיצן באם זיפל פעדערן
און מע פליקט: ווער ווייסט, ווי שפעט אין דער נאכט זיי זיצן אזוי...

ס'איז שלעכט. דער טאטע שפילט זיך שוין קימאט מיט אונדז ניט, ער גייט ארום גאנצע
טעג איבער דער שטוב א כמורנער, אן אויסגעבלייכטער. די טיפע ווינקלען אף זײַן שטערן
זײַנען שוין אזוי ווײַס, אז זיי גלאנצן אזש. ער הינקט גאָר, דאכט זיך, מער ווי פריִער, די הענט
האלט ער פארלייגט אף הינטן און שווײַגט. עס טרעפט, אז ער גייט אמאָל ערגעץ אוועק. איך
זע — ס'איז אים שווער, ער ייִשעווט זיך לאנג מיט דער מאמען, נאָר ער גייט אוועק. דאָס
האָט ער געהאקט בא עמעצן האָלץ, אויסגעראמט בא עמעצן אן אײַנגעפאלענעם אויוון, געגראָבן
ערגעץ ליים... נאָר אָפטער פון אלץ איז ער אין דער היים. אז מע קאָן גאָר דעם קאָפּ ניט ארויס־
רוקן פון שטוב, מע שיסט אין דרויסן, פארשיידענע באנדעס גייען ארײַן אין שטעטל, גייען
ארויס, און מע האלט נאָר אין איין רעדן פון געהארגעטע און געשטאָרבענע. איך אליין זיץ
שוין אויך די גאנצע צײַט אין שטוב, אפילע לערנען גיי איך ניט אין דער שול, וועלכע מע האָט
געהאט געעפנט, ווען די רויטע זײַנען בא אונדז געווען א גאנצן זומער. עס טרעפט גאָר, אז מע
טאָר אין שטוב ניט בלײַבן אף באטאָג, און אמאָל אויך אף באנאכט — מיר באהאלטן זיך אין
קעלער, איך, די מאמע און דווירעלע, אָדער מיר פארוקן זיך צווישן די קוסטעס, אין עק פון
אונדזער גאָרטן, און האלטן אין איין ציטערן און ווארטן אפן טאטן, וועלכער איז אין „אָבכאָד“:
מע האָט אים פארעכנט אין דער היגער זעלבשוץ. געוויינלעך היט ער דעם שליאך ניט ווײַט
פון אונדזער שטוב, לעבן דער טאָרהאָוויצע, ער שטייט דאָרט צוזאמען מיט אונדזער שאָכן,
מיט פעדאָר קיאשקאָ — זיי בײדע האָבן איין ביקס...

און קיין עסן איז בא אונדז אין שטוב שוין ניטאָ, נו, טאקע אינגאנצן גאָרנישט ניטאָ. עס
טרעפט, אז מיר וויינען אפילע אמאָל מיטן שוועסטערל, מע זאָל אונדז עפעס געבן עסן, און מע
גיט ניט. דער טאטע פארקלײַבט זיך אין אלקער און שטייט דאָרט א בלאסער, די מאמע גלעט
אונדז און רעדט אײַן, מיר זאָלן ניט וויינען. מיר לייגן זיך מיט אײַנגעפאלענע בײַכלעך אין די
בעטן און שלאָפן לאנג ניט אײַן. אן אנדערשמאָל זוכט דער טאטע לאנג אין די שופלאָדן, אפן
אויוון, אפילע אונטער די בעטן, און עס געלינגט אים געפינען עפעס א פארשטויבטע, פארצווי־
טעטע שקאָרינקע, בלאָזט ער זי פאָרזיכטיק ארום און גיט זי אף דער מאמען. די מאמע קוקט

אַף איר מיט פאַרוויינטע אויגן, ווישט זי אָפּ מיטן פאַרטעך, וויקט זי אײַן אין א טשאַשקע וואַסער, צעברעכט זי אפּצווייען און גיט זי מיר מיטן שוועסטערל... פון וואָס עס לעבט דער טאַטע און די מאַמע, ווייס איך ניט. איך וואָלט בעסער ניט געוואָלט עסן און ניט געוואָלט דאָס אַלץ צוזען, נאָר אַז עס קלעמט מיר אַזוי שטאַרק אונטערן לעפעלע, עס ציט מיך אַזש צונויף, און דער קאָפּ דרייט זיך, איז וואָס זשע קאָן איך טאָן?

מיר האָבן געוווינט אין איין הויף מיטן נאַטאַריוס, אין א קליין שטיבל, וואָס טאַקע דער נאַטאַריוס האָט עס אונדז פאַרדונגען. באַ יענעם נאַטאַריוס האָט געדינט אַן אוקראַאינישע פרוי, זייער א גוטע, אַניסקע האָט זי געהייסן. האָט אַניסקע, קאָן מען זאָגן, אונדז דעמלט געראַטעוועט פון א הונגעריקן טויט. דער פעטער מאָטל מיט דער מומע מאַכליע האָבן אויך געטאָן, וואָס זיי האָבן געקאָנט, נאָר זיי האָבן אַליין ווייניק־וואָס געהאַט. דער פעטער מאָטל האָט געאַרבעט אין דער קרופּעדיאַרניע, איז זי איצט אָבער אָפּטער פון אַלץ געשטאַנען, און דער מומע מאַכליעס מאַן, זינע, האָט געהאַט צו טאָן מיט פעל, נאָר ווי איז דאָס גערעדט געוואָרן — ווען די שוסטערס זאָלן אַרבעטן, ווען ס׳זאָל זײַן פאַר וואָס צו קויפן שטיוול. און כוץ דעם, זײַנען דאָס געווען אַזעלכע צײַטן, אַז מע האָט ניט שטענדיק, אַמאָל אפילע א גאַנצע וואָך, געקאָנט דערקלײַבן זיך צו אונדז, צו דער טאַרהאָוויצע, פונעם מיטן שטעטל. נאָר אַניסקע האָט אונדז טאַקע גוט געהאָלפן. זי איז געווען א הויכע, א ברייטביינערדיקע, מיט ניט קיין שיין, טונקל, גראָבלעך פּאָנעם. זי האָט געהאַט א צעצויגן מויל, א קירפּאַטע נאָז מיט גרויסע נאָזלעכער. אָבער אַף איר פּאָנעם איז געווען אויסגעגאָסן אַזאַ גוטסקײַט, אַז דאָס האָט איר צוגעגעבן אַן א שיר כיין און שיינקײַט. העגט האָט זי געהאַט גרויסע, פאַרהאָרעוועטע. זי פלעגט שטענדיק אין א פרײַער שאָ ליב האָבן ארײַנלויפן צו אונדז, אוועקזעצן זיך אַף דער באַנק באַ דער סאַמע טיר צי גאָר אַף דער שוועל (טאָמער טוט מען זי א רוף פונעם נאַטאַריוסעס שטוב) און שמועסן מיט דער מאַמען. האָט זי באַמערקט, אַניסקע, אַז מיר הונגערן. אייגנטלעך, האָט זי גאָרנישט ניט באַמערקט, זי האָט נאָר דערזען, אַז מיר זיצן אין דער פינצטער, און געפרעגט, פאַרוואָס מיר צינדן קיין שײַן ניט אָן.

— קיין גאַזע איז ניטאָ, אַניסקע־סערדצע, — איז די מאַמע זיך מוידע געווען.

— גאַזע? — האָט אַניסקע איבערגעפרעגט. — איך קאָן אײַך גלײַך ברענגען גאַזע...

— ניין, ניין, מע דאַרף ניט! — האָבן די מאַמע און דער טאַטע אין איין קאָל אויסגעשריגן און זיך א הייב געטאָן פון די ערטער, קעדיי ניט לאָזן זי אוועקגיין.

— אײַ, הערט שוין אויף! גיט מיר נאָר א פלאַש! קאַרג גאַזע האָט ער, דער נאַטאַריוס?.. — זי איז שוין געשטאַנען פון יענער זײַט שוועל און א מאַך געטאָן מיט דער האַנט: — מע דאַרף אפילע קיין פלאַש ניט!

אומגעקערט האָט זי זיך גאָר אינגיכן מיט א היפּש סלאָיִקל אונטערן פאַרטעך. מע האָט אָנגעצונדן שײַן. און ערשט דאָ האָט אַניסקע זיך גענומען ארומקוקן. זי האָט אופמערקזאַם באַטראַכט דעם טאַטן, ווי ער איז אויסגעבלייכט, די מאַמע, וואָס זיצט אַן אויסגעדאַרטע, מיט פאַרטריקנטע ליפּן. זי האָט באַטראַכט מיך און דאָס שוועסטערל מיט א צוגעשמידטן בליק און אַלץ געשאָקלט מיטן קאָפּ. דערנאָך איז זי אוועק. אַף מאָרגן פאַרנאַכט איז זי ארײַנגעלאָפן צו אונדז אין שטוב און ארויסגעכאַפּט פון אונטערן פאַרטעך עפּעס א גרויסן טאָפּ, צוגעדעקט מיט א פּאָקרישקע.

— מוניע! — האָט זי א זאָג געטאָן צו מײַן מאַמען. — גיט נאָר אין וואָס איבערשיטן. כ׳האָב אײַך אָפּגעקאָכט א טאָפּ קאַרטאָפליעס.

באַ דער מאַמען האָבן זיך אַזש די אויגן צעשײַנט.

— אוי, אַניסקע־סערדצע, — האָט זי געזאָגט, — וואָס טוט איר?

— מאַלע וואָס איך טו! — האָט אַניסקע א קנייטש געטאָן מיט די אַקסלען. — קאַרג קאַרטאָפליעס האָט ער, דער נאַטאַריוס.

דער טאַטע האָט אויך באַדאַנקט אַניסקען. מע איז אַלע געגאַנגען צום טיש, ס׳איז געוואָרן פריילעך, מע האָט זיך גענומען בריִען די הענט מיט די קאַרטאָפליעס און קײַען געשמאַק. אַניסקע איז געזעסן א ביסל באַ א זײַט, דערנאָך האָט זי זיך א כאַפּ געטאָן, אַז מע קער זי שוין זוכן, פאַרבאַהאַלטן דעם ליידיקן טאָפּ אונטערן פאַרטעך און אוועק.

אַזוי האָט אַניסקע אַלע פאַרנאַכט אונדז אָנגעהויבן ארײַנטראָגן אונטערן פאַרטעך א טעפּל קאַרטאָפליעס, א הירזשענע קאַשע אָדער עפּעס אַנדערש. קאָכנדיק דעם וואַרמעס פאַרן נאַטאַריוסעס געזינד, פלעגט זי באַ א זײַט צושטעלן עפּעס א טעפּעלע פון־אונדזערטוועגן, און אַפּדערנאַכט, ווען אַלע באַם נאַטאַריוס אין שטוב האָבן זיך געלייגט שלאָפן, אָדער מע האָט פאַרקליבן זיך אין א ווײַטן צימער און געשפּילט אין בלאָנדזש, פלעגט זי זיך ארויסכאַפּן דורך דער הינ־

טערטיר, אוועק צו אונדז אין שטיבל... און מיר האָבן שוין אף איר ארויסגעקוקט. ס'פלעגט פאסירן, אז מיר האָבן א גאנצן טאָג גאָרנישט ניט געהאט אין מויל, ביז זי פלעגט קומען.

אָבער וויפל פאָרט קאָן מען זיצן אף אָניסקעס קעסט? מע קאָן זיך דאָך כאפּן באם נאָטאריִוס, אז זי טראָגט צו אונדז טעפלעך אונטערן פארטעך, און מע קאָן זי נאָך ארויסשלײַדערן, וועט זי אליין בלײַבן אָן א ביסן. מיר זײַנען אלע אומגעהייער דאנקבאר געוועזן אָניסקען, זי איז אונדז דעמלט אלעמען געוועזן ווי א מאמע. אָבער וויפל קאָן זיך אזוי ציִען?

דער טאטע און די מאמע האָבן ניט אופגעהערט קלערן: וואָס טוט מען, צו וואָס נעמט מען זיך? מיר, קליינוואַרג, פלעגן זיצן שטיל אפן הילצערנעם קאנאפּקעלע מיט דער ארויסגעשלעפּטער שטרוי, ווען דער טאטע מיט דער מאמען האָבן אזוי גענומען רעדן. א גאנצן ווינטער זײַנען מיר אָפּגעזעסן אפן קאנאפּקעלע, אײַנגעדעקטע ביז האלב מיט קישנס און שמאטעס, — אין שטוב איז קאלט, די פענצטער זײַנען פארפרוירן, זיצן מיר פארגליווערטע און שפּילן זיך מיט א טשובע, מיט א שטיקל פּאַפּיר...

עפּעס האָט דער טאטע צוגעקלערט. אין א דאָרף, ניט ווײַט פון שטעטל, האָט געוווינט א באקאנטער זײַנער פונעם זאוואָד, אויך אן ארבעטער, וועלכער האָט געקענט פלעכטן פון לאָזע קאָשעקעס, וויגלעך. יענער באקאנטער האָט גאנץ גערן זיך אונטערגענומען אויסלערנען דעם טאטן די דאָזיקע מלאָכע. קיין גרויסער יאקרעס איז אף די קוישן און וויגלעך ניט געווען, — ווער דארף זיי אין אזא ביטערער צײַט, נאָר פונדעסטוועגן — קוינים האָבן זיך געמאכט. „ווי־ניט־איז האָדעווע איך די מישפּאָכע, וועסטו אויך האָדעווען“, — האָט דער באקאנטער געזאָגט. דער טאטע האָט אָבער ניט באוויזן אויסלערנען זיך פלעכטן די לאָזע: באנדיטן האָבן דערהאר־געט יענעם באקאנטן. ער איז אוועק אין וואלד טאקע נאָך לאָזע, האָבן זיי אים געפּאקט און גע־שאָסן. ער איז געווען אן אָנפירער בא די ארבעטער פון זאוואָד, דערפאר האָבן די באנדיטן זיך מיט אים צערעכנט, — אזוי האָט מען געהאלטן.

דער טאטע האָט אפּסנײַ גענומען טראכטן — וואָס טוט מען איצט?

פריִער מיט א צײַט האָבן מיר געהאט א קו, עמעס אן אלטע, מיט ארומגעבראָכענע הער־נער, און זי פלעגט געבן ווייניק מילך. ווען דער טאטע האָט געארבעט אפן זאוואָד, האָבן מיר געהאט היטשקע און בורעקעס און זי געקאָנט אויסהאלטן. ווען דער טאטע איז אָבער געבליבן אָן ארבעט און די קו איז נאָך צו דעם אלעמען געווען יאלעווע און האָט אָנגעהויבן געבן אלץ ווייניקער מילך, האָבן מיר זי פארקויפט. דאָס באקומענע געלט האָט מען אופגעגעסן שוין פון לאנג, איצט איז קיין זייכער פון דעם ניט געבליבן. וואָס זשע יאָ, אונדז איז געבליבן א טעלע־צע, א שיינע אזא, א רויטע, מיט ווײַסע פלעקן אפן בויך און אף דער מאָרדע, מיט ווײַסע, גלײַכע הערנער, א ביסטרע און א שטיפערקע. מיר האָבן זי אלע ליב געהאט. נאָך פארדרײַיאָרן, אז אונדזער קו האָט זיך געקעלבט און געהאט א טעלעטשקעלע, — אלע יאָר האָט זי געהאט נאָר ביקלעך, — האָבן מיר באשטימט דאָס דאָזיקע טעלעטשקעלע אליין אויסהאָדעווען. אונדזער קו איז געווען פון א גוטער פּאָראָדע, א דײַטשקע, נאָר ווײַל זי איז שוין געווען שטארק אלט, האָבן מיר געקלערט אויסהאָדעווען פון איר דאָס טעלעטשקעלע, און ווען עס וועט ווערן א קו, וועלן מיר די אלטע פארקויפן. איז אָבער אויסגעקומען ניט אזוי, ווי מיר האָבן גע־קלערט, — מיר האָבן די אלטע געמוזט פארקויפן, נאָך איידער די טעלעצע, מאשקע, איז אליין געוואָרן א קו.

פונעם לעצטן פלעגן מיר קויפן א בינטל היי פאר מאשקען. די מאמע פלעגט ארומגיין צווישן די שכיינים — אף דער פינפטער גאס פלעגט זי פארגיין — און צונויפנעמען פאר דער טעלעצע קארטאָפל־שאָלעכץ, קלײַען. אין א מארק־טאָג פלעגן מיר אלע ארויסגיין מיט א זאק אף דער טאָרהאָוויצע און צונויפנעמען שטרוי אף אונטערצובעטן מאשקען, צו ביסלעך קאָ־ביושינע און אָטאווע — דאָס האָט איר געטויגט אויך צום עסן... מאשקען איז אָבער פאָרט געווען ניט איבעריק גוט אף אונדזערע קעסט, זי איז געוואָרן ווייניקער ביסטרע, געהאלטן אלץ אָפּטער אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און מיט די נאָזלעכער שטיל באשמעקט די ערד, ווי זי זאָל ווארטן, אז עס וועט פאר איר פלוצעם ארויסשפּראָצן עפּעס פון דאָרטן. זי פלעגט האלטן אין איין מעקען, זי איז פּראָסט געווען הונגעריק, מאשקע. זי איז שוין אלט געווען דרײַ, דאָס פער־טע, און אלץ ניט געוואָרן קיין בעהיימע. באקומט זיך, אז מע האָט זי געדארפט האלטן נאָך א ווינטער, נאָך א יאָר, און קיין נוץ פון איר ניט האָבן.

דער טאטע מיט דער מאמען האָבן זיך פארקלערט — וואָס טוט מען מיט מאשקען? אלע־מאָל פלעגט איינער פון זיי פארגעבן די דאָזיקע פראגע: וואָס טוט מען מיט דער טעלעצע, הא? — שטייט מאשקע אונטערן פענצטער און באשמעקט דעם שניי, וואָס צעגייט, טוט דער טאטע זיך א ווענד צו דער מאמען וועגן מאשקען; גיט די טעלעצע א מעקע פון שטעלעכל, — זי איז הונגעריק, — איז ווידער: וואָס טוט מען מיט מאשקען? מיר האָבן זיך אָנגעשפּיצט, איך

און דווירעלע. מע האָט גאָר קיינמאָל אַזויפיל וועגן מאשקען ניט גערעדט. און אָט הערן מיר — מע וויל פארקויפן מאשקען, און ניט נאָר פארקויפן — מע וויל זי קוילען. מאשקען וויל מען קוילען!

צוליב אזא וויכטיקן איניען, ווי באקלערן, וואָס טאָן מיט מאשקען, זײַנען צו אונדז אין שטוב אראָפּגעקומען דער פעטער מאָטל און די מומע מאכליע. מע האָט אויך געבראכט א קאצעוו. ער האָט באקוקט די טעלעצע אין הויף (איך און דווירעלע האָבן אלץ געזען דורכן פענצטער), גע־מאָסטן מאשקען מיט צעשפּרייטע פינגער דעם רוקן, עפּעס אונטערגעכעזשבנט, דערבײַ האָט ער זיך פארקרימט און צוגעזשמורעט אַן אויג. ווען ער איז אוועקגעגאנגען, דער קאצעוו, האָבן אלע — דער טאטע און די מאמע, דער פעטער און די מומע — געזאָגט וועגן אים, אז ער איז א גאנעוו, ער וויל צונעמען מאשקען פאר האלב אומזיסט. איז עפּשער וואָלט מען גאָר אליין גע־קוילעט מאשקען, הא?.. די דאָזיקע זאך האָט אופגעגעבן דער פעטער מאָטל. ער האָט מיט איין האנט, ווי זײַן שטייגער איז, געריבן זיך די אונטערשטע העלפט פונעם פּאָנעם, מיט דער צווייטער צוגעגלעט די שיטערלעכע האָר אפן קאָפּ, און געווענדט זיך דעריקערשט צו מײַן טאטן:

— הא, שמוליק, ווי קלערסטו?

דער טאטע איז געשטאנען באם פענצטער, מיט ציטערדיקע פינגער געשטשיפּעט זיך דאָס בערדל און האָט אלץ ניט געענטפערט. האָט דער פעטער שוין אויסגעקערעוועט דאָס פּאָנעם צו דער מאמען:

— וואָס זאָגסטו, מוניע?

וואָס האָט די מאמע געקאָנט ענטפערן? זי האָט אויך געשוויגן, בלויז צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, און געהייסן האָט עס, אז זי קאָן מאסקים זײַן מיטן פעטער, נאָר אויב דער טאטע וועט באלד זאָגן עפּעס אנדערש, וועט זי גיכער אײַנשטימען מיטן טאטן. נאָר דער טאטע האָט גאָר־נישט ניט געזאָגט, און די מומע מאכליע, וועלכער ס'איז בא אונדז קאלט געווען — זי האָט געהאלטן אין איין אונטערטופּען מיט די פיס, — די מומע האָט אויך גאָרנישט ניט געזאָגט. און אזוי איז עס געבליבן — מע וועט עפּשער טאקע אליין קוילען מאשקען... א פּאָר אָקעס פליישׁ וועט די מומע צעגעבן צווישן אירע שכיינים, א פּאָר אָקעס וועט דער פעטער מאָטל צעגעבן, די מאמע וועט אוועקטראָגן א קוישל פליישׁ אף דער נײַער שטאָט צו דער מומע באָבציע, זי זאָל דאָס דאָרט ערגעץ צעשטופּן; דער נאָטאריוס וועט אויך מיסטאמע עפּעס נעמען, און מע דארף גאָר ניט אָנקומען צו די קאצאָווים און אָפּגעבן זיי אזא פארהאָרעוועטע טעלעצע, אזא בלוטיקע טעלעצע האלב אומזיסט...

דאָס אוועקוילען מאשקען האָט מען געצויגן פון טאָג צו טאָג. אָבער מע מוז דאָך פּאָרט זי האָדעווען, מע מוז דאָך פּאָרט גיין קלײַבן פאר איר שטרוי, און קיין נוץ איז פון איר אפילע אף קיין האָר ניטאָ. האָט מען אראָפּגעבראכט אין שטוב דעם שויכעט. ער איז געווען א הויכער, א דארער, מיט א שיטערער שווארצער באָרד, און האָט מיר עפּעס דערמאָנט אין א שאָטן, וואָס פאלט אף דער וואנט, — קינדווײַז האָב איך זיך געשראָקן פאר שאָטנס... ער האָט קימאט ווי ניט גערעדט, זיך ניט צוגעזועצט, געקוקט שטארק א באשעפּטיקטער, א קאלטער אזא, ווי ער זאָל אונדז טאָן א גרויסע טויווע, וואָס ער איז אראָפּגעקומען אהער. ער האָט ארויסגענומען דעם כאלעף פון דער בוזעם־קעשענע. דער כאלעף איז געווען אריַנגעטאָן אין א שווארצן גע־וואנטענעם שײדל, האָט ער עס פּאמעלעך אראָפּגעשלעפּט, צעוואשן זיך די הענט, — די מאמע האָט אים אופגעגאָסן, — און איז אוועק מיטן טאטן אין שטאל. די מאמע איז געבליבן שטיין אין קיך. מיר האָבן געזען איר פארגליווערטע פּלייצע. איך און דאָס שוועסטערל האָבן פאר־טײַעט דעם אָטעם, מיר זײַנען געזעסן מיט ברייט צעעפנטע אויגן. ס'האָט זיך אונדז געדאכט, אז מאשקע וועט באלד נעמען שטארק רעווען, קלאָפּן מיט די קאָפּיטעס, וואָרפן זיך אזוי, אז מיר וועלן אזש דאָ הערן. נאָר גאָרנישט איז ניט פּאָרגעקומען. דער שויכעט האָט זיך אומגע־קערט שטיל, ווי א שאָטן. ער איז צוגעגאנגען צו דער שיסל און פּאמעלעך גענומען גיסן וואסער אפן פארבלוטיקטן כאלעף. מיר האָבן אָפּגעקערט די קעפּ, מיר האָבן דאָס ניט געקענט צוקוקן. די מאמע האָט געשוויגן, דער טאטע האָט צוגעהונקען צום פענצטער און איז דאָרט שטיין גע־בליבן א פארגליווערטער...

דערנאָך האָט מען אָנגעהויבן פאנאנדערטראָגן דאָס פליישׁ, גענומען עס צוביסלעך פארקויפן. די מאמע האָט אויך אונדז אָפּגעקאָכט עטלעכע שטיקלעך פליישׁ, זי האָט דאָס געקעכץ אוועקגע־שטעלט אפן טיש, נאָר מיר האָבן זיך קיינער צו דעם ניט צוגערירט. מיר האָבן ניט געקענט עסן דאָס פליישׁ פון אונדזער מאשקען. ניט דער טאטע און ניט די מאמע זײַנען צום טיש ניט צוגעגאנ־גען, זיי האָבן געמיינט, אז מיר וועלן עסן, איך און דווירעלע, נאָר מיר האָבן זיך געקרימט, צוגע־טראָגן דאָס רויטע פליישׁ צום מויל און עס צוריק אוועקגעלייגט... האָט די מאמע צוגענומען דעם טעלער פונעם טיש.

נאָר אַט איז דאָס גאַנצע פֿלייש אויסגעפּאַרקויפּט. אין שטוב איז געוואָרן פֿריילעכער. עס האָט זיך באַוויזן געלט. אָבער וואָס טוט מען מיטן געלט? עס צעקריכט זיך דאָך... זײַנען אין שטוב צו אונדז ווידער אַראָפּגעקומען דער פֿעטער מאָטל מיט דער מומע מאַכליע און מע האָט ווידער גענומען טראַכטן און קלערן. און דאָ האָט דער פֿעטער מאָטל אויפֿגעגעבן אַ נײַעם פּלאַן:

— וואָס וואָלט געווען, שמוליק, — האָט ער זיך געווענדט צו מײַן טאַטן, — ווען דו קויפֿסט איצטער פֿאַר דעם געלט, לאָמיר זאָגן, אַ ביקל און קוילעסט עס אַוועק... פֿאַרוואָס טאַקע ניט? דאָס פֿלייש וועלן מיר צעשטורכען, און עס וועט דיר צופֿאַלן אַ לעבעדיקע קאָפּעקע אויך...

דעם טאַטן איז עס געווען זייער פּריקרע. ער האָט סאָפּקאָלסאָף צוגעצויגן מיט די פֿינגער עטלעכע האָר פֿונעם קאָמעץ־בערדל און פֿאַרביסן זיי מיט די ציין. ער האָט געקוקט אויפֿן הויף, ווי מאַשקע אונדזערע פֿלעגט אַרומגיין, נאָר ווען ער האָט אָפּגעריסן דעם בליק פֿונעם פֿענצטער און אויסגעקערעוועט דעם קאָפּ, האָט ער דערזען מײַן מאַמעס און דער מומע מאַכליעס בליקן. זיי האָבן געקוקט אויף אים מיט האָפֿענונג: ער האָט אויפֿגעגעבן אַ רעכטע זאַך, דער פֿעטער מאָטל, ס׳איז קיין אַנדער אויסוועג ניטאָ.

אויף מאָרגן אינדערפֿרי האָט דער טאַטע גענומען פֿון שאַפֿע זײַן אויסגעבויגן פּאַלמע־שטעקל, מיט וועלכן ער פֿלעגט גיין בלויז יאָמטעוו, ווײַל אויף אינדערוואָכן האָט ער געהאַט אַן אַנדער שטעקל, אַ סוקעוואַטע, אַ דעמבנס, און זיך געלאָזט מיט דעם אויף די בוכטעס, אַן אוקראַיִנישע גאַס אין עק שטעטל, דערפֿרעגן זיך בײַ די באַקאַנטע פּויערים, טאָמער האָט עמעצער פֿון זיי צו פֿאַרקויפֿן אַ ביקל. אין בוזעם־קעשענע, אײַנגעוויקלט אין אַ שמאַטע, איז בײַ אים געלעגן אונדזער גאַנץ פֿאַרמעגן. צו פֿאַרנאַכט־צו האָבן מיר דערהערט, אַז דער טאַטע גייט און אַז ער „נוקעט" אויף אַ קאַל. ער האָט זיך לאַנג געפּאָרעט באַם טויער, וואָס פֿלעגט זיך עפֿענען מיט אַ סקריפּ, און ווען מיר זײַנען צוגעלאָפֿן צום פֿענצטער, האָבן מיר דערזען, אַז דער טאַטע בינדט צו צום פּלויט אַ געל ביקל. דאָס קליינע ביקל האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זײַטן און געמעקעט. דער טאַטע איז אַרײַנגעגאַנגען אין שטוב און אַוועקגעשטעלט, ווי זײַן שטייגער איז, דאָס שטעקל אין ווינקל לעבן דער שאַפֿע, אַוועקגעזעצט זיך אויף אַ בענקל און גענומען רײַבן די קני. פֿון אַ סאַך גיין פֿלעגט אים אָנהייבן וויי טאָן די קני פֿון דעם קראַנקן פֿוס. ער האָט ניט געײַלט דערציילט, וויאַזוי ער האָט געקויפֿט דאָס ביקל, בײַ וועמען. ס׳האָט זיך געפֿילט, אַז ער איז צופֿרידן, וואָס ער טוט שוין עפּעס, כאָטש די אַרבעט אַליין איז אים ניט שטאַרק געפֿעלן. די מאַמע האָט אים אויסגעהערט, געהאַלטן, ווי איר שטייגער איז, אַ פֿינגער לעבן מויל, אונטערגעשפּאַרט מיט דער גאַנצער האַנט דעם קין און מיט דער צווייטער אונטערגעהאַלטן דעם עלנבויגן. זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, אירע אויגן האָבן שטיל געשײַנט... אַן עק, מע איז שוין צו עפּעס צוגעשוווּמען.

ווידער איז אין שטוב צו אונדז געקומען דער שויכעט — אַ לאַנגער, אַ דאַרער, אַ שווײַגנדיקער, אָפּגעטאָן זײַן שטיקל אַרבעט און איז אַוועק. ווידער האָט מען דאָס פֿלייש צעשטופּט צווישן די שכיינים, צווישן די קרויווים, און אויך אונדז האָט די מאַמע אָפּגעקאָכט אַ שטיקל פֿלייש. איצט האָבן זיך אַלע געזעצט צום טיש און געגעסן מיט פֿאַרגעניגן, געגעסן פֿאַר ווער ווייסט וויפֿל כאָדאָשים אַ שטיקל פֿלייש.

דעם צווייטן דאָנערשטיק איז דער טאַטע נאָכאַמאָל אַוועק מיטן שטעקל אין אַן אַנדער פּויערישער גאַס און ווידער זיך אומגעקערט מיט אַ ביקל. דערנאָך איז ער אַוועק רופֿן דעם שויכעט. עס געדויערט אָבער עפּעס אַ היפּשע צײַט, און דער טאַטע קערט זיך ניט אום. ווערט שוין די מאַמע אומרויִק. געווען זײַנען דאַן אין שטעטל נאָך פֿון ווינטער אָן די ווײַספּאָליאַקן, זיי פֿלעגן שנײַדן בערד בײַ ייִדן אין גאַס, כאַפּן און צווינגען אויסרייניקן אַ קלאָזעט, אָדער אָנהאַקן האָלץ פֿאַר דער קיך, אָדער צוטראַכטן עפּעס אַן אַנדער פּריקרע אַרבעט. איינמאָל האָבן זיי שוין געהאַט געפּאַקט דעם טאַטן, ווען ער איז געגאַנגען ברענגען וואַסער, און אים אַ גאַנצן טאָג אָפּגעהאַלטן אויף די קני, אים און נאָך פֿיל מאַנצבלען פֿונעם שטעטל, — געמאָנט בײַ זיי געווער... ברעכט שוין די מאַמע די הענט, לויפֿט אַלעמאָל צום פֿענצטער, לויפֿט אין הויף ביזן טויער און קוקט אַרויס אויפֿן שליאַך. ערשט פֿאַרנאַכט איז דער טאַטע געקומען צוריק.

— וואָס איז געשען?

נאָר דער טאַטע שווײַגט, ער גייט פּאַמעלעכן דורך דעם צימער, שטעלט אַוועק דאָס שטעקל אין ווינקל לעבן דער שאַפֿע און לאָזט זיך שווער אַראָפּ מיט איין זײַט, מיט אַ שטילן קרעכץ אויף אַ בענקל. ער איז בלאַס און קרימט די ליפּן.

— וואָס איז, שמוליק? — פֿרעגט אים די מאַמע.

דער טאַטע שווײַגט אַ ביסל און רופֿט זיך דערנאָך אָן:

— מע לאָזט ניט קוילען.

— ווער?

— די קאַצאָווים. יוינע בערבעסעס, מיכעלע אָך, שימען קאָפּייקע... איך קום צום שויכעט און זאָג אים, אַז כ'וויל, ער זאָל מיר קוילען דאָס ביקל, זאָגט ער „ניין". — וואָס הייסט ניין? — פרעג איך. „ניין, די קאַצאָווים לאָזן ניט". — וואָס הייסט זיי לאָזן ניט?.. „פרעגט זיי, — זאָגט ער, — באַ זיי איז די כאַזאָקע". לויף איך אַוועק צו יוינע בערבעסעס, — דער טאַטע טוט זיך אַ קרים און שווייַגט אַ ווייַלע, — האקלאַל, ער לאָזט ניט... „וואָס ביסטו עס פאַר אַ נייַער קאַצעוו, — טייַנעט ער, — דייַן טאַטע איז געווען אַ קאַצעוו, דייַן זיידע איז געווען אַ קאַצעוו?".

די מאַמע שווייַגט, זי שטייט אינמיטן צימער אַ בלאַסע, אַ פאַרכאַלעשטע — די לעצטע האָפענונג צוגענומען. אין דער פאַרנאַכטיקער שטילקייַט הערט זיך, ווי עס מעקעט דאָס ביקל אין שטאַל. טוט די מאַמע מיטאַמאָל פאַרצווייפלט אַ לייג צונויף די הענט, גיט אַ כאַפּ אַרויף די שאַל אַף די אַקסל און לאָזט זיך צו דער טיר. זי וועט צולויפן צו מאַכליען, זאָל זינע, מאַכליעס מאַן, איבערעדן מיט בערבעסן, ער איז גוט מיט אים, זינע, ער האָט דאָך עפּעס אַ שטיקל וואָג אין שטאָט.

שפּעט אָפּדערנאַכט קערט זיך די מאַמע אום, און נאָך איר גייט אַרייַן אין שטוב טאַקע זינע אַלייך, אַ הויכער, פולער מאַנצבל. כאָטש עס איז שוין פרילינג, גייט ער נאָך אַלץ אין אַ פוטערן היטל, אַ יאַלעפּ, און דער שטייענדיקער קאָלנער פונעם וואַרעמען מאַנטל איז באַ אים פאַרבונדן מיט אַ ברייטן וואָלענעם שאַליק, — ער האָט עפּעס שטענדיק מוירע פאַרן האַלדז, זינע, און היט אים און וויקלט אים אין שאַליקעס. רעדן רעדט ער הייזעריקלעך, ברוסטיק. ער זעצט זיך אַוועק אַף אַ בענקל און זאָגט צום טאַטן, טייַטלענדיק מיט אַ פינגער, פונקט ער זאָל אים לערנען ווי אַ קלייניק קינד:

— הער זשע, שמוליק. איך האָב איצטער אייַנגעבראָכן דעם דאָזיקן אָקס, בערבעסן... און מע קאָן אפילע זאָגן, אַז ער איז גערעכט. איך בעט דיך — די גרויסע געשעפטן, וואָס קאַצאָווים מאַכן איצט? די סאַך פליישן, וואָס די שטאָט דאַרף איצט, מישטיינסגעזאָגט! דאַרפן זיי נאָך, ס'זאָל זיך באַדערבייַ דרייען נאָך אַ קאַצעוול, זאָלסט זיך אויך רוקן אַלע דאָנערשטיק מיט אַ ביקל? איך בעט דיך... נאָר ווייַל איך בין צו אים געקומען, צו בערבעסלען, און פאַר מיר האָט ער דערעכערעץ, האָב איך אים אייַנגעבראָכן. „ע, — זאָגט ער, — זאָל ער קוילען דאָס דאָזיקע ביקל, איך טו עס נאָר צוליב אייַך, זינע". ניין, — זאָג איך, — אָבער ער איז דאָך אַ מענטש, שמוליק, און ער דאַרף לעבן. מיט דעם איינעם ביקל וועט ער ניט אויסקומען... שווייַגט ער, בערבעסעס. איך בעט דיך, ער איז דען ניט גערעכט? נאָר ער האָט דאָך פאָרט צו טאָן מיט מיר, שווייַגט ער און זאָגט: „נו, איז זאָל ער קוילען, דער קאָרעוו אייַערער, איין מאָל אין צוויי וואָכן אַ ביקל, נאָר ער דאַרף אונדז אָפּגעבן דעם קאָפּ פונעם ביקל, די פעל און דאָס דרויב... מיר צאָלן דאָך עפּעס, מיר טראָגן דאָך אויס אַלע קאָפּאָרעס, איז דאַרפן מיר פון אים האָבן אַ כיילעק".

דער טאַטע האָט זיך אַזש אַ הייב געטאָן פון אָרט:

— וואָס זשע וועט שוין בלייַבן מיר, זינע?

— הער! — האָט זינע זיך צעשריגן און אויפגעהויבן דעם פינגער. — דו רעדסט נאָך? מע טוט דיר אַזאַ טויווע! וואָס זשע, ער איז דאָך הונדערט מאָל גערעכט, בערבעסל...

זינע איז אַוועקגעגאַנגען פון שטוב. לאַנג זייַנען דער טאַטע מיט דער מאַמען געזעסן ווי פאַרגליווערטע. שפּעטער האָט דער טאַטע זיך אָנגערופן:

— נו, מוניע?

— מ'עט מוזן אייַנגיין, — האָט די מאַמע געזאָגט, — אַ ברייַרע האָסטו?

— יאָ, אָבער ס'וועט דאָך זייַן אומזיסט געהאָרעוועט.

— וואָס קאָן מען טאָן? — האָט די מאַמע שטיל געענטפערט און פאַרשטעלט די אויגן מיטן פאַרטעך.

פונעם געקוילעטן ביקל האָט דער טאַטע אָפּגעגעבן בערבעסן און יאַשען פון דער באָדגאַס דעם קאָפּ, די פעל און דאָס דרויב. צום ביקל האָט ער דערלייגט. ווידער זייַנען אָנגעקומען שוואַרצע טעג. דער טאַטע גייט אַרום איבער דער שטוב, פאַרלייגט די הענט אַף הינטן. ער בייַסט זיך די האָר פונעם קורצן בערדל, הינקט מער ווי געוויינלעך. די מאַמע גייט אַרום מיט אומעטיקע אויגן, מיט פאַרטריקנטע ליפּן. מיר, קינדער, שפּילן זיך שווייַגנדיק מיט שמאַטקעלעך, און מיר פילן, אַז עפּעס איז זייער ניט גוט אין שטוב. די הערצער אונדזערע כאַלעשן איבער, און מיר שווייַגן. און טוען מיר אַמאָל פאַרשפּילטערהייט אַ לאַך, קלינגט עס עפּעס אַזוי פרעמד אין דער פוסטער שטוב, אַז דער טאַטע קוקט זיך פאַרכידעשט אום, און די מאַמע בלייַבט שטיין אַ צעטומלטע.

נאָר ווען עס איז געקומען די צווייטע וואָך, האָט דער טאַטע ווידער גענומען דאָס שטעקל און איז אַוועק זוכן אַ ביקל. ס'האָט אים אָפּגעגליקט — ער האָט באַצאָלט ניט טייַער. דער פויער, דער באַלעבאָס פונעם ביקל, האָט אַמאָל געאַרבעט מיטן טאַטן אַף איין פּלאַנטאַציע, און מע האָט

זיך פאַרן ביקל קימאַט ניט געדונגען. דער טאַטע האָט דערציילט וועגן דעם עטלעכע מאָל אין מעשעך פונעם אַפּדערנאַכט — דערציילט אי דער מאַמען, אי דעם שאָכן אונדזערן, פעדאָרן, אי אַניסקען. ס׳האָט אים דערוואָרעמט, ווי דער פּויער האָט אים אופגענומען בא זיך, און ווי ער האָט טייקעף אַראָפּגעלאָזט דעם מעקעך, ווי נאָר ער האָט דערהערט, וואָס די קאַצאָווים מאָנען בא דעם טאַטן, „א ניכפּע אַף זיי, אַף די שינדערן!“ — האָט דער פּויער געהאַלטן אין איין זידלען זיך.

דאָנערשטיק אינדערפרי איז דער טאַטע אַוועק רופן דעם שויכעט. ער האָט זיך אָבער אומגעקערט אָן אים. ער איז פאַמעלעך אַרײַנגעגאַנגען אין שטוב, מיט א ציטערדיקער האַנט, ווי א בלינדער, אַוועקגעשטעלט דאָס שטעקל אין ווינקל, נאָר עס האָט זיך א גליטש געטאָן פון דער וואַנט און אומגעפאַלן. די מאַמע האָט אַף אים א קוק געטאָן און איז פאַרציטערט געוואָרן.

— זיי לאָזן ווידער ניט קוילען, — האָט דער טאַטע שטיל געזאָגט. ער איז דורכגעגאַנגען דעם צימער און זיך אַוועקגעזעצט באַם פענצטער.

די מאַמע איז געשטאַנען פאַרלייגט די הענט אונטערן פאַרטעך און געשוויגן, ווי עס זאָל איר דאָס לאָשן אָפּגענעמען.

דער טאַטע האָט מיט אַן אַראָפּגעפאַלענער שטים דערציילט:

— איך קום צום שויכעט, זיצן דאָרט בערבעסל, מיכעלע אָך, קאָפּייקע און יענער יאַשקע. זיי זײַנען דאַפּקע עפּעס פריילעך און הייסן מיר זיצן: „נו, שמוליק, — פרעגט בערבעסל, — האָסט עפּעס געקויפט?“ — געקויפט. „וואָס?“ — א ביקל. „וואַלוול?“ — זאָג איך אים, פאַר ווייפל. זאָגט ער דאַפּקע, אַז עס איז וואַלוול, עס איז גוט, נאָר קוילען, זאָגט ער, וועל איך עס מוזן צום דריטן דאָנערשטיק... סטײַטש! — שרײַ איך אויס, — יוינע, וואָס טוט איר? איר ווייסט דאָך, אַז עס איז מײַן גאַנצע כאַיונע. — גלעט ער זיך די באָרד, דער מערדער, ווײַזט מיר אַף מיכעלען און יאַשקען פון דער באָד־גאַס: „וואָס זאָל מען טאָן, זיי האָבן געקויפט צוויי פעטע אָקסן, מיכעלע און יאַשקע, וועט זײַן א סאַך פלייש אַפן מאַרק“... — אָבער איין ביקל, זאָג איך אים... וואָס מײַן ביקל קאָן שוין קאַליע מאַכן? — האַקלאַל, ס׳איז ווי צו דער וואַנט.

וואַרט מען נאָך א וואָך. דערווײַל שטייט דאָס ביקל בא אונדז אין שטאַל, עס עסט שטרוי, וואָס די מאַמע קלײַבט דעם צונויף אונטער פויערשע פורן, און ווערט מאָגערער. אַניסקע טראָגט אונדז שוין ווידער בעשטיקע טעפעלעך קאַרטאָפליעס אונטערן פאַרטעך, די מאַמע ווערט פאַרפאַלן אַף גאַנצענע טעג — אַלץ ווי פריִער: זי וואַשט דילן, ווײַסט ערגעץ א שטוב. נאָר ווען עס קומט דאָנערשטיק, גייט דער טאַטע נאָכאַמאָל אַוועק צום שויכעט. און ווידער קערט ער זיך אום מיט גאָרנישט. זיי לאָזן ניט קוילען, די קאַצאָווים. זיי האָבן אים ערגעץ באַגעגנט אין גאַס, דעם טאַטן, און זאָגן: „גייסט, שמוליק, צום שויכעט? האָסט ניט וואָס צו גיין, ס׳איז דאָ גענוג פלייש הײַנטיקע וואָך, רוק זיך ניט מיט דײַן ביקל“.

און אָט איז די פינפטע וואָך. דער טאַטע קוקט אַרויס אַף אָט דעם דאָנערשטיק; איצט וועט מען אים שוין ניט קאָנען אָפּזאָגן. ער גייט אַלעמאָל אַרויס אין שטאַל, באַטראַכט דאָס ביקל און קומט אַרײַן א פאַרקלערטער אין שטוב — ס׳פאַלט אײַן, דאָס ביקל... וואָס זשע, די גוטע קעסט, וואָס מע גיט דעם דאָ?

דאָנערשטיק אינדערפרי גייט אַוועק דער טאַטע צום שויכעט מיט א פעסטער האָפענונג, אַז מע וועט אים ניט אָפּזאָגן. די מאַמע גרייט אָן אַפן צוואָק לעבן דער טיר א ווײַסן האַנטעך און א שיסל וואַסער, דער שויכעט זאָל ניט דאַרפן וואַרטן און זיך גלײַך וואַשן די הענט. זי לויפט אַלעמאָל צום פענצטער און קוקט אַרויס. עס געדויערט זייער לאַנג. איך און דאָס שוועסטערל גייען זיך ניט שפּילן אין דרויסן, מיר וואַרטן אויך אַפן טאַטן. מיר האָבן געכאַפּט אין געסל א שוואַרץ קודלאַטע הינטל, עס אַרומגערייניקט, אויסגעקעמט, אָנגעבונדן אַף דעם פאַרשיידענע סטענגעס און פאַרביקע בענדלעך, דווירעלע האָט דעם געמאַכט פון שמאַטקעס א היטעלע, וואַרטן מיר אַפן טאַטן, ער זאָל א קוק טאָן, ווי דאָס הינטל איז געוואָרן שיין.

מיטאַמאָל האָט די טיר האַסטיק זיך אָן עפן געטאָן, און אַף דער שוועל האָט זיך באַוויזן דער טאַטע, שטאַרק אָן אופגערעגטער, מיט א בלאַס, צעקרימט פּאָנעם, אַז מיר האָבן זיך אַזש דערשראָקן. מיט איין האַנט האָט ער צוגעהאַלטן דאָס הענטל פון דער טיר, מיט דער צווייטער האַנט אָנגעשפּאַרט דאָס שטעקל אין דער ערד, ווי ער זאָל זיך אָנהאַלטן, קעדיי ניט אומפאַלן:

— נו, מוניע, כ׳וועל ניט אויסהאַלטן, — האָט ער א קרעכץ געטאָן, — די גאַל וועט אין מיר פּלאַצן!

— וואָס רעדסטו, נאַרישער! — האָט די מאַמע זיך א לאָז געטאָן צו אים. — וואָס איז געשען?

דער טאַטע האָט שווער א מאַך געטאָן מיטן קאָפּ, ער האָט אָפּגעלאָזט דאָס הענטל פון דער טיר, אָפּגעווישט פאַמעלעך דעם שווייס פונעם שטערן, מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן, מיט געפּלאָנטערטע טריט זיך געלאָזט גיין צום בענקל לעבן פענצטער. די מאַמע האָט אים געהאַלטן

פאר א האנט און, ווי א קראנקן, געהאָלפן גייז. ער האָט זיך שווער אראָפּגעלאָזט אפן בענקל און לאַנג געשוויגן. די מאמע האָט אים שוין גאָרנישט ניט געפרעגט. דערנאָך האָט דער טאטע אופגערעגט געגומען דערציילן, וויאַזוי מע האָט אים ווידער אָפּגעזאָגט קוילען, וויאַזוי ער האָט זיך געלאָזט לויפן צו בערבעסן און געטראָפן בא אים א גאנצע כאָפּטע קאצאָווים, וויאַזוי ער האָט זיך מיט זיי געקריגט, און שימעלע קאָפּייקע האָט זיך אָף אים געוואָרפן מיט די קולעקעס... ער האָט עפּעס אזוי ווי געכליפּעט, דער טאטע, ער איז געווען טיף באצאָרנט און אלץ געפרעגט:

— נו, וואָס וועט זײַן, מוניע, וואָס וועט זײַן? איך פּיל, אז די גאל וועט אין מיר פּלאצן!

— רעד ניט קיין נארישקײַטן, — האָט די מאמע זיך בא אים געבעטן, — מירן עפּעס צוטראכטן. מיילע, וועט זײַן ניט קיין קאצאָוועס. קלײַבסט זיך דען עפּעס ווערן א קאצעווו?

— אוי, מוניע, מוניע... — האָט דער טאטע בלויז געשעפּטשעט און געשאָקלט מיטן קאָפּ.

מיר, קליינוואַרג, האָבן זיך דערשראָקן פאר דעם אלעמען, פארשלאָגן זיך אין א ווינקל און געשוויגן. דווירעלע האָט געהאלטן צוגעדריקט צו זיך דאָס פארפוצטע הינטל, און איך בין געזעסן אָף א בענקעלע לעבן איר. ס'האָט זיך מיר געוואָלט וויינען, נאָר כ'האָב אי מוירע געהאַט, אי זיך געשעמט.

ביסלעכווײַז האָט זיך דער טאטע בארויִקט. מע האָט באשטימט, אז אויס, מער מיט קיין קאצאָוועס פארנעמט ער זיך ניט, זאָל עס ברענען צוזאמען מיט בערבעסן, און מיט קאָפּייקען, מיט מיכעלע אָך און יאשע פון דער באָד-גאַס, זאָלן זיי פארסאַרפּעט ווערן אין איין וואָך. וואָס ווײַטער צו טאָן האָבן נאָך דער טאטע מיט דער מאמען ניט צוגעטראכט, נאָר עפּעס איז זיי לײַכטער געוואָרן נאָך דעם דאָזיקן באשלוס, עפּעס האָט זיך אין זיי א האָפענונג דערוועקט, אז מע וועט ניט אומקומען. אויב מע איז ביז אהער ניט אומגעקומען, וועט מען ווײַטער אויך ווי־ניט־איז לעבן.

— אָט האָט אָניסקע געהערט, — האָט די מאמע שטיל געזאָגט, — אז די רויטע זײַנען שוין ווידער נאָענט.

— נו? — האָט זיך דער טאטע א כאַפּ געטאָן.

— עפּעס א פּאָליאַק, זאָגט זי, אָניסקע, האָט באַם נאָטאַריוס דערציילט.

די מאמע האָט זיך מאָדנע פארויטלט, געבליבן שטיין א פארקלערטע, דער טאטע האָט זיך אופגעהויבן, אוועק און צוגעמאכט די טיר אין קיך ארײַן, איבערגעקוקט זיך מיט דער מאמען:

— אָניסקע?

און די מאמע האָט בלויז געענטפערט מיט א שאָקל פונעם קאָפּ.

א פרייד האָט זיך באזעצט בא אונדז אין שטוב, א פרייד פון פארצוויפלטע מענטשן, וואָס כאַפּן זיך אָן אין א ליכטיקער האָפענונג. דער טאטע איז איצט עפּעס באזונדערס מילד געווען צו דער מאמען און צו אונדז, און די מאמע אויך. זי האָט געשמייכלט מיט פארטרערטע אויגן, און דער טאטע האָט אויך געשמייכלט אזוי טרויעריק-גליקלעך.

— הערסטו, מוניע, — האָט ער געזאָגט, — איך טראכט מיר אמאָל, אז ס'איז אונדז נאָך שטארק גוט. אבי מיר זײַנען אלע, ס'זאָל ניט זײַן איבערגערעדט, געזונט, איז דאָך אונדז שוין גוט. דאָס שלעכטע וועט זיך איבערמעלען, און עס וועט קומען דאָס גוטע.

— יאָ, שמוליק, — האָט די מאמע אײַנגעשטימט מיט אים.

מיר האָבן געהאַט א ביסעלע געשטעלטע בורעקעס אין א טעפּל, האָט די מאמע זיך גענומען קאָכן א באָרשטש. זי האָט זיי דאפקע געהאלטן אָף שאבעס, די בורעקעס, נאָר איצט האָט זי באשטימט זיי אָפּקאָכן — ביז שאבעס וועט מען נאָך זען... דעם טאטן האָט דווירעלע טאַקע באוויזן דאָס פארפוצטע הינטל, און ס'איז אים געפעלן. זי האָט עס ארויסגעלאָזט פון די הענט, דווירעלע, און ס'האָט זיך גענומען אָפּטרייסלען און לויפן איבערן צימער, ארויסרופנדיק א געלעכטער בא אלעמען. א שטילע, א געמיטלעכע פרייד האָט פארפולט די שטוב, עפּעס זײַנען מיר אלע געווען, ווי מענטשן, וואָס האָבן זיך אויסגעוויינט און ס'איז זיי געוואָרן גרינגער. דער טאטע איז געווען בלאס און זיך אלעמאָל אָנגעכאַפּט בא דער ברוסט, אָבער עס פלעגט אים באלד דורכגיין. יעדער מאָל האָט זיך אים געוואָלט דערקוויקן מיט עפּעס, און ער האָט געבעטן בא דער מאמען דאָס א שטיקעלע קנאָבל, דאָס א ריפּטעלע רעטעך. ער וואָלט דאפקע וועלן א שטיקעלע לימענע... אָך, א גלאָז טיי מיט לימענע וואָלט אים דערקוויקט די נעשאָמע, נאָר גיי טראכט וועגן לימענע, אז עס איז אפילע קיין טייעלע אין שטוב ניטאָ. מיר טרינקען טיי מיט עפּעס אזעלכע קוויטלעך, וואָס די מאמע טריקנט אָן. איז עפּשער וואָלט ער זיך בעסער צוגעלייגט, דער טאטע? די מאמע קוקט אָף אים אופמערקזאם און בעט אים, ער זאָל זיך צולייגן. נאָר אויסטאָן וויל ער זיך ניט. ער וועט זיך בלויז צושפּארן אפן שטרויענעם קאנאַפּקעלע. וואָסי, ער איז דען, כאָלילע, א כוילע? און אָט ווערט שוין באלד נאכט, וועט מען זיך גאָר לייגן שלאָפן. ער איז פּאָשעט מיד א ביסל.

די מאַמע פּאַרעט זיך באַם פּריפּעטשיק מיטן באַרשטש, דאָס שוועסטערל שפּילט זיך מיטן הינטל, איך מאַל עפּעס און טראַג דאָס אַלעמאָל באַווײַזן דעם טאַטן און דער מאַמען. דער טאַטע ליגט אַפן קאַנאַפּקעלע און רייכערט אַ ציגאַרעט נאָך אַ ציגײַער פונעם טוטיק, וואָס ער האָט אַליין אָנגעשניטן. ס'איז שוין אַפּדערנאַכט, און די טונקלקײַט מיטן רויך פונעם טאַבאַק פאַר־הילן אין ווינקל דעם טאַטן, בלויז דאָס פײַערל אַפן שפּיץ פונעם ציגײַער לויכט דאָרט אויף אַלעמאָל, און ס'איז אַזוי גוט צו פילן, אַז דער טאַטע ליגט דאָרט, רייכערט און טראַכט.

מײַן טאַטן האָט מען גערדאַרפט קענען. ער האָט געהאַט עפּעס אַזאַ אינערלעכע מונטערקײַט אין זיך און אַזאַ שטאַרקן געפיל, אַז, ווי אומעטיק ס'זאָל אים ניט זײַן, האָט ער געקענט ווערן פריילעך און צעזינגען זיך, האַרציק אַזוי, שטיל, ווי ער זאָל מיטן געזאַנג אויסדערציילן עפּעס אָדער ער זאָל מיטן געזאַנג וועלן פאַרטויבן עפּעס, וואָס האָט אינווייניק אים געבראָטן. ער האָט זייער זעלטן אונדז געלאָזט דערפילן זײַן יִיִעש. אַזוי איז אויך הײַנטיקן אָוונט געווען. ער האָט, ליגנדיק אַפן קאַנאַפּקעלע, שטיל גענומען זינגען, פריִער גאַר שטיל, דערנאָך העכער, און ער האָט שוין גענומען זינגען, איז דער ציגײַער אין זײַנע פינגער פאַרלאָשן געוואָרן. איך און דאָס שוועסטערל האָבן פאַרטײַעט דעם אָטעם. די מאַמע באַם פּריפּעטשיק האָט זיך אויסגעקע־רעוועט און פאַרקלערט אונטערגעשפּאַרט מיט אַ פינגער דעם קין, זי האָט אויך אַפילע גענומען אונטערהעלפן דעם טאַטן, שטיל אַ זיפץ געטאָן, אויפגעהערט און ווידער געזונגען.

דער פעטער מאָטל איז פונקט געקומען צו אונדז יענעם אַפּדערנאַכט, איז עפּעס די פרייד נאָך גרעסער געוואָרן. דער טאַטע האָט זיך אויפגעזעצט אַפן קאַנאַפּקעלע, די מאַמע האָט אָנגע־צונדן שײַן. דער פעטער מאָטל האָט אונדז געבראַכט אַ ביסל הרעטשענע מעל אין אַ טאָר־בעלע — די קרופּאָדיאָרניע האָט געאַרבעט עטלעכע טעג, האָט דער באַלעבאָס אים אויסגע־צאָלט מיט מעל, איז אָט זײַנען פאַר אונדז אויך אַ פּאָר פונט... ער האָט אויך געהערט, דער פעטער, אַז די רויטע זײַנען ערגעץ נאָענט באַ פאַראַמאָווקע צי באַ טשודנאָפּאָל, און די פּאָליאַקן לויפן... ער האָט צוגעלייגט די דלאָניע צו די ליפּן, ווען ער האָט דאָס דערציילט, און באַם טאַטן האָט דאָס פּאָנעם זיך צעשײַנט פון פרייד.

— היי, מוניע, פאַראַשטשינע לאַטקעס! — האָט דער טאַטע אויסגערופן און מיט זיכערע טריט געלאָזט זיך צום טיש.

די מאַמע האָט זיך גענומען פּראַווען לאַטקעס, דער טאַטע מיטן פעטער מאָטל זײַנען געזעסן באַם טיש און געשמועסט. מע האָט גערעדט וועגן זאַוואָד, אַז איצט וועט מען אים שוין לאָזן אין גאַנג, מע האָט גערעדט וועגן שאַמען — ער קאָן קומען, און קאָן נאָך זײַן ניט אַבי ווער... ס'איז פאַרזאָטן טיי, האָט מען געטרונקען אָן צוקער, מיט אַ שטיקעלע סאַכאַרין, וואָס דער פּע־טער האָט געבראַכט. איך און דאָס שוועסטערל זײַנען אויך געזעסן באַם טיש, אַרום דעם טאַטן.

און אַזוי איז אַוועק דער אַפּדערנאַכט, אַ שטילער, אַ גליקלעכער. דער פעטער מאָטל איז שפּעט אַוועקגעגאַנגען פון אונדז, ער האָט לאַנג געשמועסט מיטן טאַטן און מיט דער מאַמען, נאָר איך האָב שוין שטאַרק געוואָלט שלאָפן און זיך ניט צוגעהערט, וועגן וואָס מע רעדט. מיר האָבן זיך געלייגט שלאָפן... איך פלעג שטענדיק שלאָפן מיטן טאַטן, און דוווירעלע מיט דער מאַמען. אונדזערע בעטן זײַנען געשטאַנען איינס לעבן צווייטן, אַזוי אַז איך פלעג קאָנען דערלאַנגען צו מײַן שוועסטערל, זי אַ טשעפּע טאָן. האָב איך זיך אויך איצט געלייגט מיטן טאַטן, אָף מײַן באַשטענדיקן אָרט. דער טאַטע פלעגט ליב האָבן רייכערן אין בעט פאַרן שלאָף. נאָר איך בין געווען שטאַרק שלעפעריק און זיך ניט דערוואַרט, ווי אַלעמאָל, ביז ער וועט ענדיקן דאָס רייכערן, זיך אויסקערעווען צו מיר מיטן פּאָנעם און מיך אַרומנעמען, אײַנורען אין זיך. איך בין געשמאַק אַנשלאָפן געוואָרן. אין שלאָף האָב איך דערנאָך מיסטאָמע זיך אײַנגעגניורעט אינעם טאַטן, כ'האָב אָבער דערפילט עפּעס אַ קעלט און אומבאַוווסטזיניק זיך אָפּגערוקט פון אים. דאָס געדענק איך זייער גוט, אַז כ'האָב אין שלאָף זיך אָפּגערוקט פון אים און ווידער געשלאָפן. אינ־דערפרי האָט די מאַמע גענומען וועקן דעם טאַטן, ער האָט געדאַרפט אָפּפירן דאָס ביקל דעם פּויער, באַ וועלכן ער האָט עס געקויפט, צי עמעצן אַנדערש. נאָר אַז ער רופט זיך ניט אָן, טוט שוין די מאַמע אַליין אַ לויף אַראָפּ צום פענצטער און גיט אַ קוק אין דרויסן. ס'איז נאָך טאַקע שטאַרק פרי, עס שאַריִעט קוים אַף טאָג, און זי באַשטימט, אַז ס'איז אָן אַווירע אים וועקן, זאָל ער נאָך שלאָפן אַ ביסל. און זי ווערט אויך אַנשלאָפן. זי טוט זיך אָבער שפּעטער אַ כאַפּ אויף, די מאַמע, און זעט: ס'איז גרויסער טאָג, און דער טאַטע שלאָפט אַלץ. נעמט זי אים וועקן:

— שמוליק, שמוליק!..

דער טאַטע ענטפערט ניט, שפּרינגט זי אַראָפּ פון בעט און טוט פלוצעם אַ געשריי ניט מיט איר קאָל:

— שמוליק! — זי טוט זיך אַ וואָרף צום טאַטן און מאַכט טייקעף עטלעכע שפּאַן אַף צו־ריק. — שמוליק, וואָס איז מיט דיר?! קינדער, דער טאַטע איז...

מיר שטייען שוין אויך אפן דיל, איך און דאָס שוועסטערל. דווירעלע טוליעט זיך צו דער מאמען, און איך לויף צו א פּאַרציטערטער צום טאטן. ער ליגט א רויִקער אזא מיט האלב־פּאַר־מאכטע אויגן, אין האנט האלט ער אף דער קאָלדרע, די צווייטע הענגט אראָפּ פונעם בעט ביזן דיל. דער שטערן גלאנצט אזוי ווי געלבלעך און דאָס גאנצע פּאָנעם איז א ביסעלע פארשפּיצט... איך כאַפּ אים אָן פארן העמד, איך נעם אים טרייסלען: טאטע, טאטע! — און די מאמע לאָזט מיך ניט: — טריילט אים ניט, ער כאלעשט!

אָבער דער טאטע האָט ניט געכאלעשט, ער איז שוין געווען טויט.

— —

און שפּעטער מיט א פּאָר טעג זײַנען אין שטעטל טאקע געקומען די רויטע. געקומען, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן גאָר אַן אנדער לעבן.

באוויזן האָבן זיך די רויטע אפן טשודנאָפּאָליער שליאך. ערגעץ לעבן סיווירין זײַנען זיי אריבער דעם סלוטש, ארײַן אין אונדזער וואלד און ארויס אפן וועג, לעבן די ערשטע שטיבלעך פונעם שטעטל. ווײ, וואָס עס האָט זיך דעמלט אָפּגעטאָן! די פּאָליאקן האָט עס געטראָפן אומ־דערווארט, און ס'האָט זיך צווישן זיי אופגעהויבן אזא בעהאָלע, אז זיי האָבן גאָר ניט געוווּסט, ווּהין צו לויפן. די רויטע זײַנען ארוף אויך אפן בעסוילעם, און פון דאָרטן, פון צווישן די שטיינערנע מאציייוועס און בערגלעך ערד, באשאָסן דאָס אָפּטרעטנדיקע כאַיל. און עפּעס א רויטארמייער האָט עפּשער צוגעשפּארט זיך מיט זײַן ביקס אויך הינטערן פרישן בערגל פון מײַן טאטנס קייווער, געשאָסן פון דאָרט א ביסל, אופגעהויבן זיך און געלאָפן ווײַטער... מי־סטאמע איז אזוי טאקע געווען. איך בין דערנאָך געקומען אפן טאטנס קייווער און געפונען דאָרט עטלעכע אויסגעשאָסענע הילזעס פון א רוסישער ביקס.

אש

נאָרוואָס איז איבער דער אליי פון פּארק דורכגעגאנגען א מענטש, וועלכער האָט דער־וועקט אין מיר זייער טײַערע, אָבער זייער טרויעריקע דערמאָנונגען פון מײַן קינדהײַט. ער איז געגאנגען פּאמעלעך, שקראבענדיק מיט נאכלעסיק־פארשנורעוועטע שיך איבער די אײַנגע־טראָמבעוועטע שטיינדלעך; די הענט זײַנע — ווײַסע און דארע, הענט פון אזא איינעם, וואָס האָט אוואדע ווייניק געמיט זיך אין לעבן, האָבן קימאט דערגרייכט ביז די שלאבעריק־אײַנגע־בויגענע קני; דער קאָפּ איז עטוואָס אף א זײַט ארײַנגעקוועטשט געווען אין די שפּיציק־אונטער־געהויבענע אקסלען.

אייגנטלעך גערעדט, האָט מײַן אופמערקזאמקײַט פון סאמע אָנהייב צוגעצויגן בלויז דער גרויסער רעגנמאנטל, אין וועלכן דער מענטש איז אָנגעטאָן. ס'איז מיר דורכגעלאָפן א געדאנק: „צוליב וואָס, אשטייגער, דארף מען זיך פארינדען אין אזא דושנעם מאנטל איצט, אין א שיינעם פרילינגדיקן אינדערפרי? קיין רעגן וועט דאָך לעכאָלהאָפּאָכעס ביז נאכט ניט גיין?" אזוי האָב איך א טראכט געטאָן, ניט זעענדיק נאָך דעם מענטשנס פּאָנעם, — יענער האָט ערשט געהאט באוויזן זיך פון דער שכיינישער אליי, — אָבער זײַן פיגור און דער גאנג גופא האָבן מיר עמעצן דערמאָנט. פּלוצעם האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, געהיט א וואָרף געטאָן די בליקן אין איין זײַט, אין א צווייטער, — אף דער באנק, גאנץ ווײַטלעך, בין איך איינער געזעסן, — האָט ער אײַליק א טראָט געטאָן צו דער מיסט־אורנע און אופגעהויבן א בלעכן פושקעלע פון מאָנפּאסיע, וואָס איז דאָרט געלעגן אף דער ערד. ס'איז געווען א ליידיק פושקעלע, כ'האָב אפילע פונווײַטן געזען, אז ס'איז ליידיק, צעעפנט, און דאָך האָט דער מענטש עס פארבאהאלטן אין קעשענע פון רעגנ־מאנטל. אָט דעמלט טאקע האָב איך דערזען זײַן פּאָנעם: גרויע אראָפּהענגענדיקע וואָנציעס, א היפּשע בולבע־נאָז, צונויפגעזשמורעטע אויגן... זאבראגע!

פאר קנאַפּע פערציק יאָר, זינט מיר וווינען שוין ניט בישכיינעס, האָב איך בלויז עטלעכע מאָל באגעגנט דעם דאָזיקן זאבראגע, און שטענדיק זעט ער אויס קימאט אזוי. ס'הייסט, די צײַט — דער דאָזיקער אומדערבארעמדיקער מאָלער, גיט יעדערן צו מיט דעם אומזעבארן פּענדזל אלץ נײַע און נײַע שטריכן, קנייטשעלעך, און שאפט זײַן אָנבליק אנטשפּרעכיק צו די איבערגע־לעבטע יאָרן. זאבראגע אָבער איז אזא אָפּגעלאָזטער און קליינלעך־קארגער געווען שוין אויך דעמלט, פון זינט איך געדענק אים. יאָ, אין יענע ווײַטע צײַטן האָב איך אים גוט געקענט, כ'פלעג אים זען טאָגטעגלעך, און דאָס גאנצע פירעכץ זײַנס איז מיר באוווּסט.

כ׳קען זיך פֿינקטלעך פֿאָרשטעלן: אָט הייבט ער זיך אויף אפֿן צווייטן שטאָק פֿון א גרויס קאָמונאַל הויז אין עק פֿון יאַבלאָנאָווער געסל, דעם־אָ שטילן געסל, ווו ס׳האָבן זיך נאָך איצט אויך פֿאַרהיט אַלטע עפּלביימער אין די הויפֿן, — ער הייבט זיך אויף, זאַבראַגע, אַף די מירמלשטיינערנע טרעפּ, פֿאַרבײַ דעם אַלטערטימלעכן פֿענצטער פֿון וועסטיבול, וואָס איז אָנגעגלאָזט מיט פֿילפֿאַרביקע שײַבלעך. דערנאָך גייט ער פּאַמעלעך דורך א לאַנגן טונקעלן קאָרידאָר, ביז ער בלײַבט שטיין בא א נידעריקער שמאָלער טיר, וועלכע שליסט, אייגנטלעך, דעם קאָרידאָרטופּיק. דאָ נעמט ער זיך אופֿשליסן א היפּשן הענגענדיקן שלאָס, דערנאָך — אַן אײַנווייניקסטן שלאָס, אַן ענגלישן, ווײַטער פּראָעט ער זיך גאַנץ לאַנג מיט נאָך איין אינערלעכער געהיימער באַוואָרענונג — א פּאַרוקער, צו וועלכן עס גייט אונטער בלויז זײַנע א קאָמפּליצירטע „אָטמיטשקע“. נאָר דאָס איז נאָך אויך ניט אַלץ. צוגעוואָרט א ווײַלע, אַז קיינער זאָל ניט זײַן אין קאָרידאָר, בייגט ער זיך אָן און באַקוקט די צייכנס, וואָס ער לאָזט זיי אַלע מאָל, קעדיי וויסן, צי קיינער האָט זיך צו זײַן פּעסטונג ניט דערקליבן, — א שטיקעלע גלאָז, וואָס איז פּאַרוקט אין שפּאַלט פֿון דער טיר, א שטרוי, א פֿאַרגעלט בלעטל, וואָס וואַלגערט זיך קלוימערשט סטאַם אַזוי באַם שוועל... די שכיינים וויסן שוין וועגן די דאָזיקע צייכנס זײַנע און טשעפּען דאָ גאָרנישט, אַפֿילע קליינע קינדער זײַנען אָנגעלערנט.

און אָט איז ער, ענדלעך, אַריבערגעטראָטן די שוועל פֿון זײַן ענגן אומהיימלעכן צימער, ווו עס איז געוויינלעך טונקל, ווײַל די זשאַליוזי און די שטויביקע סאַמעטענע שטאָרעס מיט קוטעסלעך בא די זײַטן פֿאַרשטעלן דאָס איינציקע פֿענצטער. אַף פּאָליטשקעס, וואָס זײַנען אומעטום צוגעקלאַפּט צו די ווענט, און אַפֿן טיש זײַנען אָנגעשטעלט אָן א שיר זאַכן: בלעכענע און הילצערנע פּושקעס מיט טשוועקעס — פֿאַרזשאַווערטע, געברענטע, אַזעלכע, וואָס געפֿינען קאָן מען זיי אין גאַס, קאָלערליי קראַנען, רינגעלעך אַף אופֿהענגען טעפּיכער, פֿאָרהאַנגען, סטאַטועטקעס, פֿאַרצעלײַענע געפּעסלעך, יעדער זאַך מיט זײַנעם א מום, א שטשערב, ליידיקע בלומען־טעפּ. דאָס אַלץ וואַרפֿט זיך גלײַך אין די אויגן, אָבער ווען מע זאָל נאָך קאָנען א קוק טאָן, וואָס עס טוט זיך אין די קאַסטנס, אַלטע טשעמאָדאַנען און קאַרטאָנענע פּודלעס, וואָס שטייען לענגויס די ווענט, אין צעבראָכענעם שראַנק און אונטער דעם ניט־צוגעראַמטן בעט, — ווײַ, וואָס דאָרט איז אָנגעשטאָפּט! ס׳הייסט, ווער עס ווייסט ניט, נאָר איך ווייס גוט, אַז דאָרט ליגט צונויפֿגעפּרעסט און געל געוואָרן גרעט, קליידער, וואָס געטראָגן האָט מען זיי אוואַדע מיט א האַלבן יאָרהונדערט צוריק. דאָרט זײַנען אַקוראַט פֿאַרבאַהאַלטן אויך אייניקע כּפּייצים, יעדנפֿאַלס, ס׳איז ביז הײַנט אוואַדע גאַנץ דער טוץ פֿאַרשאָלטענע גאָלדענע בעכערלעך, וועגן וועלכע כ׳קלײַב זיך דערציילן...

הײַנט וועט צו זאַבראַגעס פֿאַרמעגן צוקומען א פּושקעלע פֿון מאָנפּאַסיע. ער וועט מיסטאָמע האַלטן אין דעם קנעפּלעך, וואָס ער האָט זיי פֿון פֿאַרשיידענע סאָרטן, אָדער פֿאַרזשאַווערטע פּענעס, שרײַפֿעלעך און וועט זײַן שטאַרק צופֿרידן. ס׳קאָן דערגיין אַזוי ווײַט, אַז ער זאָל אַפֿילע פֿאַר האַנאָע נעמען ניט הויך אונטערבאָמקען זײַן געוויינלעך איינטאָניק ניגנדל „טראָם־טיליבאָם“. קיינעם פֿון די, וואָס וווינען מיט אים בישכיינעס, לאָזט ער ניט אַרײַן צו זיך אין צימער, בלויז דער דוואָרניק אָדער דער קוימענקערער האָבן אַהין א צוטריט, און דאָס אויך בלויז דערפֿאַר, ווײַל זיי קומען, אַזוי צו זאָגן, לויט אַמטלעכע איניאָנים.

זײַענדיק א קינד, האָב איך זײַנע ווילדע טנועס קיין באַדײַטונג ניט צוגעגעבן, ניט באַנומען זיי. אָבער אויך דעמלט, ווען מיר, באָרוועסע כעווראַלײַט, פֿלעגן זינגען „דאַלאַי, דאַלאַי בורזשויעוו“, האָב איך געטראַכט, אַז די ליד מיינט עס אויך אים, זאַבראַגען. מ׳האָט בא אונדז אין שטוב געשמועסט וועגן זאַבראַגען, אַז ער האָט צוזאַמען מיט די ברידער באַקומען בעיערושע הינטער בעלאָצערקאָוו א צוקער־זאַוואָד, וועלכן די אַרבעטער האָבן צוגענומען, ווי נאָר די רעוואָליוציע האָט זיך אָנגעהויבן. איצט פֿאַרשטיי איך: זאַבראַגע איז ניט געווען קיין אויסברענגער, קיין צעטרענצלער, די סוויווע, פֿון וועלכער ער איז אַרויסגעקומען, האָט אים באַשאָנקען גראָד מיט קאַרגקײַט, ניט־געזעטיקטער זשעדנעקײַט. די קאַרגקײַט זאַבראַגעס איז אַלץ מער אַריבער אין א מאָדנער טנוע, א כאַלאַס צו זאַמלען דאָס, וואָס האָט בא קיינעם קיין ווערט ניט, און טאַקע די דאָזיקע ווילדע זשעדנעקײַט זײַנע האָט אומגעבראַכט א יונג לעבן.

ס׳געדענקט זיך, אַז עמעצער האָט בא אונדז אין הויף געזאָגט וועגן זאַבראַגען: „ווען ער זאָל זיך צורירן צו א צוויַיגל בעז, וואָלט דער גאַנצער קוסט פֿאַרוועלקט געוואָרן“. אין הויף בא אונדז איז געוואַקסן בעז, די קוסטעס זײַנען געשטאַנען גאַנץ נאָענט איינס פֿון אַנדערן פֿון ביידע זײַטן שטעגעלע, וואָס האָט געפֿירט פֿונעם טויער צום גאַנעק. איינמאָל האָט זאַבראַגעס צעקנייטשטער קאַפּעליוש פֿאַרטשעפּעט זיך אין א צעבליטן בעז־צווײַגל און איז אַראָפּגעפֿאַלן אַף דער ערד. זאַבראַגע האָט שנעל אופֿגעהויבן דעם קאַפּעליוש, אָנגערוקט אים אַפֿן ליסן קאָפּ און א צערייצטער אָפּגעבויגן דאָס צווײַגל אַף אַראָפּצו. איך און ראָקסאַנקע, אונדזערע שכיינימס א מיידעלע, האָבן

דאָס צוגעקוקט און זײַנען דערנאָך עטלעכע טעג נאָכאנאנד געגאנגען קוקן, צי דאָס בעז־צווײַגל, צו וועלכן זאברעגע האָט זיך צוגערירט, איז טאקע פארוועלקט געוואָרן. ס'איז אָבער גאָרנישט ניט געשען ניט מיטן גאנצן קוסט, ניט אפילע מיטן צווײַגל.

אין פארק, ווו כ'האָב נאָרוואָס געזען זאבראגען, און אוודע אויך אין אלטן הויף פון יאבלאָנאָווער געסל, בליִען איצט די עפלביימער, עס בליט דער בעז. און איך טראכט שוין אלץ וועגן איין פארוועלקט צווײַגעלע — וועגן ראָקסאנקען...

איך מיט דער מאמען זײַנען אריבערגעפאָרן אין שטאָט גלײַך נאָך דעם, ווי ס'איז געשטאָרבן דער טאטע. כ'בין אלט געווען נײַן יאָר. ראָקסאנקעס מישפאָכע האָט שוין לאנג געוווינט אין יענעם הויז, אין יענער דירע, ווו מיר האָבן געדונגען א צימער. די מאמע מײַנע פלעגט אף גאנצענע טעג, און ניט זעלטן אויך אף די אפדערנאכטן, אוועקגיין ארבעטן — זי איז געווען א נייטערן. קיין אייגענע מאשין האָט זי ניט פארמאָגט און גענייט דעריבער בא די באשטעלער אין דער היים. אף מיר האָט קיינער ניט אכטונג געגעבן, כ'האָב געקאָנט טאָן, וואָס איך וויל, און גיין, וווהין איך וויל. די גרויסע שטאָט האָט מיך איבעראשט, באצויבערט, אלץ איז געווען סוידעספול־שיין, געצויגן מיך, ווי מיט הונדערטער מאגניטן. און געווען איז מילכאָמע־צײַט. ווער ווייסט, עפשער וואָלט איך ערגעץ אפילע אוועק מיט די פארוואָרלאָזטע, ווען ניט ראָקסאנקע?

מיר זײַנען געווען מיט איר אין איין עלטער. איך האָב געקליבן פאטראָנען פון ביקסן, כ'פלעג ארויסבאקומען דעם פולווער פון די הילזעס, צונויפשיטן אים אין פושקעלעך פון שוּוואקס און אין קליינע פלעשעלעך, דאָס אלץ ניט פארשטאָפּן, פארקרעמפּעווען און מיט דער הילף פון א קנייטל אונטערצינדן — ס'פלעגט זיך באקומען א הילכיקער און בעפּירעש א סאקאָנעסדיקער אופרײַס. און ראָקסאנקע האָט זיך פארווײַלט אף איר אויפן — געפּאָרעט זיך מיט א שמאטעדיקער ליאלקע, וועלכע זי האָט געלייגט שלאָפן, אמאָל אין דער היים, אמאָל אין הויף, ערגעץ אונטער די ביימער, אָדער געקלעפט מיט די מיידעלעך ליימענע שיסעלעך, טעפעלעך, געטריקנט זיי אף דער זון. דאָך פלעגט זי זיך שפילן וויניקער פון אנדערע — זי האָט שוין געהאט אירע גאָר ניט קיין קינדערשע זאָרגן און היסכײַוועסן. זי האָט אין אן עמעסדיק טשוהונען טעפל געקאָכט זופּ אף דער פליטע אין אונדזער אלגעמיינער קיך, און די מאמע ראָקסאנקעס, די טיאָטיע גלאשע, וועלכע האָט געארבעט באם ליפט אין שכיינעסדיקן הויז, פלעגט נאָר פון מאָל צו מאָל ארײַנכאפּן זיך א קוק טאָן, ווי די טאָכטערקע פאָרעט זיך. „אָט אזוי, כאָכאָמע מײַנע, אָט אזוי, באלעבאָסטינקע”, — פלעגט זי בלויז זאָגן און ווידער אוועק צום ליפט.

ניט איין מאָל, ווען די מאמע מײַנע פלעגט לאנג ניט אהיימקומען פון דער ארבעט, איז די טיאָטיע גלאשע מיך מעכאבעד געווען מיט ראָקסאנקעס זופּ, און כ'מוז זאָגן, אז ער איז געווען שוין איינמאָל געשמאַק, כאָטש וואָס האָט אין אים געשטעקט — א ביסל גערשטענע גרויפּן מיט א צעבראָקטער קארטאָפליע...

ראָקסאנקע איז אויך געווען א בעריעטשקע, ווען ס'איז אויסגעקומען טאָן עפּעס־וואָס מיט דער נאָדל. איינמאָל האָט זי מיר אפילע פארנייט דאָס העמדל, וואָס כ'האָב צעריסן אף דער פלייצע פון אונטן ביזן קאָלנער — איין קליינינקײַט, כ'בין דאָך געבליבן הענגען אָט אזוי אפן סוק פון א בוים, און ווער ווייסט, וויפל כ'וואָלט געהאנגען, ווען דאָס העמדל צערײַסט זיך ענדלעך ניט... נאָר ווען עס פלעגט ראָקסאנקען אויספאלן א פרײַע שאָ, האָט זי מיט שפרודלדיקער פרייד, מיט אלע אירע כושים געשפּילט זיך אין הויף. זי האָט די ערשטע אויסגעקליבן די שפּיל, פאר וועלכער מע זאָל זיך נעמען, לײַכט און געשיקט, מיט עמעסער היסלײַוועס אויסגעפילט אלץ, וואָס איז נייטיק געווען לויט די קלאָלים, — פאר איר איז די שפּיל געווען ווי דאָס לעבן אליין, א קינדערישס, ניט־באגרײַפטס און א גליקלעכס...

כ'געדענק, ווי די כאווערשאפט אונדזערע האָט זיך אָנגעהויבן, מײַנע און ראָקסאנקעס. און עפשער האָט זי זיך אָנגעהויבן ניט אזוי... מיט אן אײַזערנעם שוואָרען האָב איך זיך באמיט אויסגלײַכן א שטיק בלעך, וואָס איך האָב ארײַנגעבראכט צו אונדז אין קיך. כ'האָב אזוי פארטיפט זיך אין דער ארבעט, אז כ'האָב פארגעסן אין אלץ אף דער וועלט. פלוצעם האָט אף דער שוועל זיך באוויזן א טונקלהויטיק מיידעלע אין א רויט סוויטערל און אן אָפגעבליאקעוועט סאראפאנדל, מיט שווארצע, גלײַך אונטערגעשוירענע האָר, פונקט מע זאָל איר צוליב דעם געווען אָנטאָן א טעפל אפן קאָפּ. (אין שטעטל בא אונדז, אין די אָרעמע הינטערגעסלעך, פלעגן די מאמעס טאקע אזוי שערן די טעכטערלעך, און אונדז, די ייִנגלעך, פלעגט מען שערן קורץ, באם סאמע קאָפּ, און לאָזן היפּשע טרעפּ.) אין האנט האָט זי צוגעלייגט צום שטערן, מיט דער צווייטער פארשטעלט זיך אן אויער, א הייב געטאָן די דארע אקסעלעך, פונקט זי זאָל מיינען אויסדריקן דערמיט אי פארוווּנדערונג, אי אופגעבראכטקײַט, און וואָרט בא וואָרט געזאָגט:

— קיין אנדער אָרט אף קלאָפּן האָסטו שוין ניט געפונען? פו! די קוקלע מײַנע שלאָפט, און דו קלאָפּסט אזוי.

נאָר גאַנץ מעגלעך, אַז זי האָט אויך אַנדערש געזאָגט:

— דער טאַטע שלאָפט נאָך דער באַנאַכטיקער וואַכטע, און דו קלאַפּסט!

כ׳האָב זי טייקעף געפאָלגט און אופגעהערט קלאַפּן, און טאַקע דאָס איז געווען כּידעשדיקער פון אַלץ, ווײַל צו יענער צײַט האָב איך שוין קימאַט קיינעם ניט געפאָלגט.

נאָר ס׳קאָן אויך זײַן, אַז אונדזער כאַווערשאַפט האָט זיך אָנגעהויבן אַנדערש. כ׳האָב געוווּסט, אַז בײַ די שכיינים פונעם קאָרידאָר איז דאָ אַ מיידעלע פון מײַנע יאָרן, מיר האָבן זיך באַקענט דעם ערשטן טאָג, ווען איך און די מאַמע האָבן זיך אַרײַנגעקליבן מיט אונדזער נעבעכדיקן פאַרמעג אין דעם געדונגענעם צימערל. אין עטלעכע טעג אַרום, נאָך דעם ווי כ׳בין געוואָרן אַ טוישעוו אינעם יאַבלאָנאָווער געסל, האָב איך גענומען באַקענען זיך מיט דער שטאָט. ווי אַ שפּערל, פלעג איך אַרופשפּרינגען אָפן הינטערשטן טראַמווײַ־בופער, וואָס האָט בײַ אונדז אויך געהייסן „קאָלבאַסאַ“, און מאַכן אַ רײַזע פון מאַרק אין אַן אומבאַוווּסטער ריכטונג. איינמאָל, ווען איך האָב זיך אײַנגעמאָסטעט אָף אַ בופער און פון פאַרגעניגן זיך פאַרגאַנגען אין אַ באַגײַסטערטן סווישטש, וואָס האָט זיך צונויפגעמישט מיטן קלאַפּערײַ פון די רעדער איבער די רעלסן, האָט גלײַך איבער מײַן קאָפּ זיך דערהערט אַ קלאַפּן אין וואַגאָן־פענצטער, און כ׳האָב דערזען פאַר זיך דורכן פאַרשטויבטן גלאָז גרויסע, שוואַרצע אויגן, וואָס פינטלען ניט און זײַנען פול מיט פאַרוואָרף. דאָס איז געווען ראָקסאַנקע. עטוואָס צוגעביסן די אונטערשטע דיקלעכע ליפּ, האָט זי געשאָקלט מיטן קאָפּ, עטלעכע מאָל פאַרשאַרט די האָר, וואָס זײַנען איר אַראָפּגעפאַלן אָפן שטערן, בלויז דערמיט אויסדריקנדיק איר אופגעבראַכטקײַט, און אַלץ געקוקט אָף מיר שווײַגנדיק, ביז דער טראַמווײַ האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט. זי איז באַלד אַרויסגעגאַנגען צו מיר, האַלטנדיק פאַר די צונויפגעבונדענע שפּיצן אַ טיכל, אין וועלכן ס׳איז געווען עפּעס אַ טעפּעלע, אַ צוגעדעקטס מיט אַ טעלער. כ׳בין אַראָפּגעשפּרונגען פון בופער, ניט האָבנדיק נאָך רעכט באַשלאָסן, צי וועל איך אין עטלעכע רעגעס אַרום זיך לאָזן דעריאָגן דעם טראַמווײַ, ווען ער וועט רירן פון אָרט. ראָקסאַנקע איז צוגעגאַנגען האַרט צו מיר און געזאָגט:

— האַ, און אָף דער מאַמען האָסטו שוין לאַכלוטן קיין ראַכמאָנעס ניט? אָך, דו האָז שלימאַזלדיקער, און פאַר מענטשן איז דיר קיין כאַרפּע ניט?

דער טראַמווײַ האָט געריִרט פון אָרט, איך האָב אַ פאַרשעמטער געוואָלט אָפּצולאָכעס ווידער אַרופכאַפּן זיך אָפן בופער, נאָר ראָקסאַנקע האָט מיר פאַרצוימט דעם וועג. ערשט ווען דער טראַמווײַ איז אַוועק, האָט דאָס מיידעלע זיך געכאַפּט און דעם פאַרדראָס שוין אויסגעלאָזט צו זיך אַליין:

— דער בילעט איז פאַרפאַלן געוואָרן... גייסט מיר טאַקע אָפּ, נימעסער האָז, וואָס דו ביסט! איצט וועט נאָך עפּשער דער טאַטע אַ הונגעריקער זיך מוזן אַוועקלאָזן אין וועג. וויאַזוי וועל איך זיך באַווײַזן אין דעפּאָ? — זי האָט אַפילע מער קיין קוק ניט געטאָן אָף מיר און געלאָזט זיך צום טראָטואַר.

— גייסט אין דעפּאָ? — האָב איך דעריאָגט ראָקסאַנקען.

— וווּהין זשע גיי איך?

— כ׳מעג אויך מיטגיין?

— קום, וואָס אַרט עס מיך.

אָט אַזוי בין איך אַרײַנגעפאַלן אין דעפּאָ, דערזען די לאָקאָמאָטיוון, וואָס יאָגן אום איבער די רעלסן אײַנגעהילטע אין דאַמף און אין רויך, פונקט ווי זיי זאָלן אַרויסקומען פון וואָלקנס, אַראָפּגעפאַלענע פון הויכן בלויען הימל אָף דער ערד. כ׳האָב דערזען דורך ברייטע טירן, וואָס דערמאָנען גיכער אין גרויסע טויערן, ווערקשטעלן און האָרנעס, וווּ דאָס פײַער פלאַקערט, אַזוי ווי בײַס אַ סרייפע. (מע קאָן דען פאַרגלײַכן די דאָזיקע האָרנעס מיט לייבעש דעם קאָוואַלס אייניציקן האָרן, וואָס שטייט בײַם אַרויספאָר פון אונדזער שטעטל!) ראָקסאַנקעס פאָטער האָט לעבן לאָקאָמאָטיוו געהאַקט האָלץ פונקט אַזוי, ווי ער פלעגט דאָס טאָן בײַ אונדז אין הויף. ער האָט ראָקסאַנקען און מיר דערלויבט אַרוף אויבן, אין דער בודקע פון לאָקאָמאָטיוו, זײַן דאָרט אַ ביסל, ביז ער וועט זיך אונטערקרעפטיקן מיטן וואַרמעס. ראָקסאַנקע האָט בעסאָד מיר דערקלערט, אַז ס׳איז ניט קיין אייסעק פאַר אַ מאַשיניסט צו האַקן האָלץ און הייצן דערמיט דעם קעסל פון לאָקאָמאָטיוו, — די מאַשין דאַרף קוילן, דאָן לויפט זי גאָר אַנדערש, נאָר קיין שטיינקוילן איז איצט ניט צו קריגן, פון ערגעץ שיקט מען זיי אַהער געוויינלעך, און דאָרט זײַנען די ווײַסע, מוז מען שוין האָבן צו טאָן מיט האָלץ... דאָך, ווען מיר זײַנען אַוועק פון דעפּאָ, האָב איך אין קעשענע פאַרבאַהאַלטן אַ שטיקעלע שטיינקויל, און אין האַרצן פאַרבאָרגן דעם גרויסן אָפּשײַ און די עכטע באַוווּנדערונג פאַר אַלץ, וואָס כ׳האָב דאָ דערזען, — פאַר די לאָקאָמאָטיוון, ווערקשטעלן, און דעריקערשט פאַר די מענטשן, וואָס הערשן איבער זיי; אָט דער געפיל איז ביז

הײַנט וואָך אין מײַן האַרצן, ער האָט מיר געהאָלפֿן אויסקלײַבן אויך מײַן קינפֿטיקן וועג אין לעבן, דעם וועג פֿון מי און שאַפֿונג.

כ׳געדענק אויך אַזוינס: אין אײנעם פֿון די שכײנישע הײַזער האָב איך בעשוטפֿעס מיט אַנ־דערע ייִנגלעך אָפּגעזוכט אַ קעלער, ווו ס׳איז געווען קאַלטוווו — קיסליצעס, געזײַערטע אוגער־קעס, וואָס שמעקן כּיעסדיק מיט אוקראָפּ, געבראָקט קרויט. דער קלענסטער פֿון אונדזער כאַפּטע, אַ שרעטעלע, פֿלעגט דורכקריכן צווישן צוויי עטוואָס אָפּגעבויגענע גראַטעס און אַרויסגעבן אונדז זשמעניעסווײַז אָט די מײַכלדיקע זאַכן. האָב איך ניט אויסגעהאַלטן און אַ בארים זיך געטאָן פֿאַר ראַקסאַנקען, אײַנגעלאַדן זי אויך נאַשן פֿון אונדזער גוטס. זי איז דערשטוינט געוואָרן, ווען כ׳האָב איר אַנטדעקט דעם סאָד (געוווּנדערט האָט זי זיך אַזוי: אונטערגעהויבן די קורצע, געדיכטע ברעמען, ברייטער צעעפֿנט די אויגן, און די לעפֿלעך פֿון איר קורצן, פּאַריסענעם נעזל האָבן דערבײַ צעשפּרייט זיך אַ קאַפּעטשקע און קוים־קוים געצי־טערט), — האָט זי אויך דאָס מאָל אַף מיר געקוקט פֿאַרכידעשט אוואדע אַ מינוט צי עפּשער אַפֿילע מער, און ערשט דערנאָך קלאָר, ביז ווייטעק קלאָר אַרויסברענגענדיק יעדער וואָרט, געזאָגט:

— וואָס זשע באַקומט זיך עס — דו גאַנוועסט און ווילסט, אַז איך זאָל אויך גאַנווענען מיט דיר צוזאַמען? — זי האָט אַן אופֿגעבראַכטע אָפּגעקערט פֿון מיר דאָס פּאָנעם און געזאָגט, ווי צו עמעצן אַ זײַטיקן, אַ דריטן, וועלכער וואָלט דאָ געשטאַנען: — ווי, אַ מין שלימאַזל דאָס איז, ווי, מיט וואָס ער פֿאַרנעמט זיך!

און כאָטש כ׳האָב גלײַך טאַקע שאַרף אָפּגעענטפֿערט ראַקסאַנקען, געזאָגט איר, אַז זי איז אַ פּאַכדן, אַז מע טאָר איר גאָר, לאָזט זיך אויס, קיין סאָד ניט אופֿדעקן, געוואָרנט אויך, אַז אויב זי וועט זיך אַרויסכאַפּן מיט אַ וואָרט וועגן קעלער, וועט שוין עמעצער פֿון די יאַטלעך איר אָנ־מעלײַצן די פֿלייצעס און איך וועל אַפֿילע מיט קיין פֿינגער ניט אַ מאַך טאָן אַף זי פֿאַרטיידיקן, האָט זי מיר האַרב געענטפֿערט, אַז דאָס אַלץ שרעקט זי ניט, זי וועט אַלצײנס דערציילן, און ניט דער מאַמען מײַנער, נײן, די מאַמע זשאַלעוועט זי, — דעם טאַטן אירן וועט זי דערציילן, דעם מאַשיניסט, און מיט אים איז שוין בעסער זיך ניט אָנצוהייבן... מיר איז געוואָרן אַ כאַרפּע, און ניט דערפֿאַר, וואָס כ׳האָב ראַקסאַנקען אָט ערשט געשראָקן און זי האָט גאָר קיין מוירע ניט, נאָר טאַקע פֿאַר דעם, אין וואָס כ׳האָב מיט אַ פּאָר מינוט פֿריִער געזען אַ מין העלדישקײַט. כ׳האָב איר הייס געשווירן, אַז איך וועל מער אַפֿילע נאָענט ניט צוקומען צו יענעם קעלער. און כ׳האָב בעפּיירעש געהאַלטן וואָרט.

מיר האָבן געכאַוועוועט זיך, איך און ראַקסאַנקע, אַזוי ווי קיינער בא אונדז אין הויף האָט זיך ניט געכאַוועוועט. ווען מיר פֿלעגן בלײַבן ערגעץ אײנע אַלײן, פֿלעגן מיר זיצן אָדער גײן, האַלטנדיק זיך פֿאַר די הענט. זי האָט מיר דערציילט וועגן אַלץ, וואָס זי טראַכט, וועגן די כאַ־לוימעס, וואָס זי זעט, און פֿאַר מיר איז עס געווען ווי די שענסטע מײַסע. דער גרעסטער העלד פֿון אָט די אויסטערלישע און דאָך וואָרהאַפֿטיקע מײַסעס איז געווען ראַקסאַנקעס עלטערער ברודער, וועלכער האָט ערגעץ בא אַן אַנדער טײַך, בא דער וואָלגע (דער, וואָס איז געפֿלאָסן בא אונדז אין שטאָט, האָט געהייסן דניעפּער), געשלאָגן זיך קעגן די ווײַסע. אָט איז איר ברודער געפֿליגן אַף אַן אַעראָפּלאַן מיט אַ פּאַקעט צו לענינען אַליין, אָט איז ער געגאַנגען אין שלאַכט פֿאַריס פֿון אַ קייט רויטאַרמייער, האַלטנדיק אין אײן האַנט אַ פֿלאַטערנדיקע פֿאָן, און אין דער צווייטער — אַ מאַוזער... און דאָס קינפֿטיקע לעבן אירס האָט ראַקסאַנקע זיך פֿאָרגעשטעלט ווי אַ מײַסעלע: דער ברודער וועט איר איבערגעבן דעם אַעראָפּלאַן, זי וועט אוועקפֿליִען אַהין, ווו ס׳זײַנען נאָך דאָ רײַכע און אָרעמע, און וועט טאָן אַזוי, אַז מע זאָל די רײַכע צעטרײַבן און דאָס גאַנצע גוטס זייערס צונעמען; זי וועט אַרופֿשטײַגן אַפֿן העכסטן באַרג פֿון דער וועלט און אַליין אַ קוק טאָן און איבערצײַגן זיך, אַז די ערד איז אַ קײַלעכדיקע — דער טאַטע זאָגט, אַז די ערד איז אַ קײַלעך. כ׳ביק, פֿאַרשטייט זיך, גרייט געווען פֿליִען מיט ראַקסאַנקען אין ווײַטע לענ־דער, גרייט געווען אופֿהייבן זיך אַפֿן העכסטן באַרג, אָבער אײנעם פֿון אירע פֿאַרלאַנגען האָב איך געלאָזט בלויז פֿאַר איר — זי האָט געוואָלט ווערן אַ דאָקטערן, און מיר איז מערסטן גע־פֿעלן געווען אַ מאַשיניסט.

אָט אַזוי האָבן מיר געטרוימט און געלעבט אין אַ האַרבער צײַט, וועגן וועלכער ניט איך, ניט ראַקסאַנקע האָבן אַפּאַנעמסן קיין אַנונג ניט געהאַט. אײנמאָל האָט די מאַמע מיך צוגע־פּוצט, די טיאָטיע גלאַשע — ראַקסאַנקען, און ביידן אונדז האָט ראַקסאַנקעס טאַטע אוועקגע־פֿירט אין שול. נאָר באַזוכט האָבן מיר זי ניט לאַנג. די קרומע פֿאַסיקלעך האָבן קוים אונטער אונדזערע פֿענעס באַוויזן פֿאַרקײַלעכיקן זיך אין די ערשטע אויסיעס, ווי אין שטאָט האָט מען גענומען רעדן וועגן שלעכטע נײַס. אין אײנער אַ נאַכט האָט מען די גאַסן אָנגעהויבן באַשיסן פֿון האַרמאַטן. ראַקסאַנקעס טאַטע איז אוועק פֿון דער היים מיט אַ ביקס אַפֿן אַקסל, און מיר

אַלע, דאָס קליינוואַרג און די מאַמעס, האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין קעלער, ווו ס׳האָבן זיך שוין פאַרזאַמלט פיל שכיינים.

ס׳האָבן זיך אָנגעצויגן מוירעדיקע, פינצטערע טעג. איבער די גאַסן זײַנען אומגעגאַנגען און אומגעפאָרן אין דראָשקעס באַוואָפנטע לײַט, וואָס גערופן האָט מען זיי דעניקינצעס. מ׳האָט דערציילט וועגן זיי שלעכטס. בלויז איין מענטש בא אונדז אין דער דירע איז געווען אופגעלייגט — זאַבראַגע. אין קאָרידאָר האָט מען אָפט געהערט, ווי ער זינגט זײַן „טראַם-טילי-באַם". דערנאָך האָט ער פאַרפּוצט זיך אין אַן אָפּגעריבענעם שמויסענעם טולעפּ און איז ערגעץ אוועקגעפאָרן. דעם צימער האָט ער פאַרשלאָסן אַף אַלע שלעסער — אַפן הענגענדיקן, אַפן אינערלעכן — דעם ענגלישן, און געפּאָרעט זיך אויך מיט דער „אָטמיטשקע".

זאַבראַגע איז ניט געווען הי גאַנץ לאַנג. שכיינים האָבן אַרויסגעזאָגט האַשאָרעס צי עפּשער האָט מען ווי-ניט-איז באַקומען גרוסן, אַז ער איז אַוועקגעפאָרן אַהין, ווו ס׳איז געווען זײַן צוקער-זאַוואָד, קעדיי ווידער ווערן באַלעבאָס. אין טאָך גערעדט, האָט קיינער גאָרנישט ניט געוווּסט, נאָר ווי די זאַך זאָל ניט זײַן — זאַבראַגע האָט ווידער זיך באַוויזן בא אונדז אין הויז גלײַך נאָך דעם, ווי די דעניקינצעס זײַנען אַרויסגעיאָגט געוואָרן. געווען איז ער א ווילד-באַוואַקסענער, א קויטיקער, אַן אויסגעשעפּטער, אויך, א קלאָרע זאַך, א שווײַגנדיקער, ווי דער שלאָס אַף זײַן שמאָלער טיר... ער האָט זיך גאָר פאַרשפּאַרט אין זײַן צימער און א צײַט ניט באַוויזן זיך פון דאָרט. קיינער האָט זיך באַזונדערס מיט אים ניט אינטערעסירט, און ער האָט דאָך קלאָר ניט אַרײַנגעלאָזט צו זיך, ניט דערלויבט די שוועל אַריבערטרעטן. אָבער ווען ס׳האָט פון צימער זיך גענומען דערטראָגן א קרעכצן און פּליסטערן, ווי פון היץ, האָבן די שכיינים באַשלאָסן א קוק טאָן פונדעסטוועגן, וואָס מיט זאַבראַגען קומט פאָר.

אין שטאָט, ווו ברויט און האָלץ איז געווען מיט גאָלד גלײַך, האָט ברייט געבאַלעבאַטעוועט דער טיפוס. צו אונדז אין הויז, אין אונדזער דירע האָט דער ערשטער געבראַכט צו שלעפּן די קרענק זאַבראַגע. די שפּיטאָלן זײַנען דורכויס איבערפולט געווען, און די קראַנקע פלעגן גאַנץ אָפט ליגן אין דער היים. ראָקסאַנקעס מאַמע איז אַרײַן צו זאַבראַגען אין צימער און דערזען, אַז דער שאָכן ליגט אין גרויס היץ. דער ליפּט האָט ניט געאַרבעט, די טיאָטיע גלאַשע איז אַזויאַרום פרײַ געווען, כוץ דעם, איז איר צימער געווען דער סאַמע נאָענטסטער צו זאַבראַגעס. האָט זי גענומען אייסעקן זיך מיטן קראַנקן — געלייגט אים אײַז צום קאָפּ, געפּאָיעט אים מיט טיי, ווי א קליין קינד, פון לעפעלע, אײַנגעגעבן רעפּועס.

איינמאָל האָט זי גענומען בײַטן אים דאָס ציכעלע, א נאַס געוואָרנס פון שוויס, און דערזען אונטער דער צוקאָפּנס-קישן א טוץ גאָלדענע בעכערלעך, באַצירטע מיט דינע גראַוויר-געמעלן. די פרוי האָט זיי געוואָלט אוועקשטעלן אַפן בענקל, ביז זי וועט איבערבײַטן דאָס ציכעלע, נאָר זאַבראַגע, וועלכער איז געווען פאַרטראָגן אין היץ, האָט מיטאַמאָל זיך גענומען וואָרפן אַפן גע־לעגער, געדראָעט מיט די פויסטן — זי זאָל ניט טשעפּען די בעכערלעך. דער באַוווּסטזײַן האָט אופגעבליצט אין אים ווי בלויז צוליב דעם, קעדיי באַשיצן די גאָלדענע כפּיצים.

ווען די טיאָטיע גלאַשע האָט ווידער אוועקגעלייגט די בעכערלעך אונטער דער קישן, האָט זאַבראַגע מיט גרויס מי זיך איבערגעדרייט אַפן בויך, דערנאָך מיט די לעצטע קויכעס אופגע־הויבן זיך אַף די קני און גענומען ציילן די בעכערלעך. ער האָט אפילע ניט געקאָנט אײַנהאַלטן דעם קאָפּ, דעריבער האָט ער מיטן שטערן זיך אָנגעשפּאַרט אין קישן און פיבערהאַפט באַוועגט מיט די הענט, געציילט און ווידער געציילט, געפלאָנטערט דעם כעזשבן, פאַרלוירן דעם באַ־וווּסטזײַן, נאָך ווידער דערוואַכט און אפּסנײַ געציילט. ענדלעך איז ער ליגן געבליבן א באַ־רויִקטער, אויסגעקערעוועט זיך אַף דער פּלייצע, אַרופגעצויגן די קאָלדרע ביזן קין און שטיל־שטיל גענומען כיכיקען: לויט זײַן כעזשבן נאָך האָט זיך באַקומען, אַז עס איז אפילע דאָ אַן איבעריק בעכערל. לאַכנדיק אַזוי-אָ שטיל און צופרידן, האָט ער גענומען דערציילן ניט דער טיאָטיע גלאַשען, נאָר עמעצן אַן אַנדערן, וועלכן ער האָט אין זײַן פאָרשטעלונג געזען, סאַראַ כיטרע גענג ער האָט געדאַרפט פאָרנעמען, קעדיי בעשאָלעם דערלאַנגען זיך אין שטאָט מיט די גאָלדענע בעכערלעך. דעם צוג, אין וועלכן ער איז געפאָרן, זײַנען באַנאַכט באַפאַלן דעניקינצעס, מ׳האָט געטרייסעוועט די פּאַסאַזשירן און צוגענומען אַלץ, וואָס האָט געהאַט א ווערט. זאַבראַגע האָט באַוויזן אַרויסשפּרינגען פון צוג, וואָס איז אין איינעם אַן אָרט געגאַנגען לאַנגזאַ־מער. אין פעלד איז געווען א טיפער שניי, ס׳איז אויסגעקומען הריזנען ביזן בויך, אָבער ער האָט זיך פאָרט דערקליבן צו עפּעס א סטאַנציע, ווו ס׳איז געשטאַנען אַן עשעלאָן מיט טיפוס־קראַנקע, מ׳האָט אים גענומען טרײַבן פון די וואַגאָנען, — אין וועלכער טיר ער קלאַפּט ניט, טרײַבט מען אים פון איר, נאָר אין לעצטן וואַגאָן האָט ער זיך פאָרט אַרײַנגעכאַפּט — פּאַשעט אָפּגענאַרט דעם סאַניטאַר, אַז ער איז שוין שלאַף געווען אַף טיפוס, אים שרעקט ניט די קרענק.

די טיאָטיע גלאַשע האָט דערנאָך איבערדערציילט דאָס אַלץ מײַן מאַמען און די אַנדערע שכנים פון קאָרידאָר, געוווּנדערט זיך אַף דער זשעדנעקײַט פון אָט דעם שלימאַזלדיקן זוואָדטשיק, און דאָך האָט זי פאַרגעזעצט אײַסעקן זיך מיטן קראַנקן זאַבראַגע, ווײַל ס׳איז דאָך פאַרט אַ מענטש...

איינמאָל אין אינדערפרי האָט מען מיך עפּעס ניט אַרײַנגעלאָזט צו ראָקסאַנקען אין צימער. ערשט נעכטן אַפּדערנאַכט האָבן מיר צוזאַמען געגליטשט זיך אַף די הילצערנע קאָנקעס, אַף די שניי־גליטשערס, וואָס כ׳האָב אַליין געמאַכט פון ברעטלעך און אַרומגעצויגן מיט גראָבן דראָט. עמעס, זי האָט שוין דעמלט געקלאָגט זיך אַף קאָפּווייטעק, און מיר האָבן פריִער, ווי געוויינלעך, זיך אומגעקערט אַהיים. און אָט האָט מען פאַר מיר גאָר צוגעמאַכט די טיר, ווען כ׳האָב געוואָלט אַרײַן צו ראָקסאַנקען. די טיאָטיע גלאַשע האָט אויסגעזען שטאַרק צעטראָגן און פאַרומערט, אויך מײַן מאַמע איז געווען ביז גאָר אומרויִק. אונדזער טערמאָמעטער איז געווען בא ראָקסאַנקען, און די מאַמע האָט געהאַלטן אין איין צולייגן מיר די דלאָניע צום שטערן, דערנאָך געקושט מיך אין שלייף און אין די ליפּן — דאָס אַלץ, קעדיי זען, צי האָב איך ניט קיין היץ.

עס האָבן גענומען לאַנגזאַם זיך ציִען אומרויִקע טעג. כ׳פלעג אַף די שפּיץ פינגער דורכגיין פאַרבײַ ראָקסאַנקעס טיר. ניט איין מאָל האָב איך געזען, אַז די טיאָטיע גלאַשע און מײַן מאַמע שעפּטשען זיך אין עק פון קאָרידאָר און ווישן ביידע די טרערן... דערנאָך האָט דאָס אַלץ מיך אופגעהערט פײַניקן. כ׳בין אָדער אַרומגעגאַנגען אין אַ פײַערדיקן סאָד, ווו אַלע ביימער פון שטאַם ביז די קרוינען האָבן געלויכטן מיט אַזאַ אינערלעכער שײַן, פונקט דאָס זאָלן זײַן ריזיקע קעראָסין־לעמפּ, אָדער כ׳האָב אַרומגעבלאָנקעט אין אַ פינצטערן וואַלד, צווישן שטאַמען, באַדעקטע מיט מאָך, ווי מיט האָר, און בעשום־אופן ניט געקאָנט געפינען קיין אַרויסגאַנג פון אָט דעם געפלאָנטער; פון מאָל צו מאָל האָב איך גאָר ביזן בויך, ביזן האַלדז זיך פאַרהריזנעט אין טיפן שניי, געפּויזעט און געפּויזעט צום ראַנד פון עפּעס אַ פעלד, צו אַ בערגל, וואָס האָט געהאַלטן אין איין דערוויַטערן זיך, און איך האָב דאָך פאָרט געמוזט דערפּויזען און אַ קוק טאָן, ווי די ערד פאַרקײַלעכיקט זיך דאָרט... ראָקסאַנקע איז אָט געקומען צו מיר פון ערגעץ און מיר זײַנען ביידע געווען גליקלעך, און אָט פאַרשוווּנדן... און מיר האָבן גאָר אַנטדעקט אַ נײַס, אַז ס׳איז גענוג, מיר זאָלן זיך אָנעמען פאַר די הענט — און מיר פליִען שוין, מיר פליִען איבער פעלדער און וועלדער און טײַכן. נאָר ראָקסאַנקע איז אָפּט ערגעץ פאַרשוווּנדן, און אָנשטאָט איר דינינקער האַנט האָב איך גאָר צונויפגעדריקט זאַבראַגעס קנעכלדיקע, האָריקע האַנט. איין מאָל האָב איך אים געפּאַקט בא גאָר אַ ווילדער זאַך. ער האָט אונטערגעהאַקט אַ גאָלדענעם בוים, אַקשאָנעסדיק, טעמפּ, מיט טיפער סינע האָט ער געהויבן און אַראָפּגעלאָזט די האַק; זײַן אויסגעקראָכענער שמויסענער טולופּ איז געלעגן באַנאַנד אַפן פניאַק פון אַ געוויינלעכן בוים, און אַליין האָט ער געהאַקט אַ גאָלדענעם. און ראָקסאַנקע, אָן אופגעבראַכטע, אַ צעקאָעסטע, האָט עפּעס אַלץ מער דערווײַטערט זיך פון אונדז און אַפילע זיך ניט געוואָלט אומקוקן...

כ׳פלעג זיך אופכאַפּן אָן אויסגעווייקטער אין שווייס. לאָזט זיך אויס, אַז דאָס זײַנען גאָר געווען אַזעלכע קלעפּיקע, אײַנגעגעסענע כאַלוימעס. כ׳האָב געזען, אַז ווײַסע שײַן טריפט קוים דורך די פאַרפרוירענע טאַפליעס, געשפּירט אַפן שטערן און אַף די באַקן דער מאַמעס דלאָניע, ניט איין מאָל זײַנען איבער מײַנע שלייפן גערונען קאַלטע ריטשקעלעך וואַסער — מ׳האָט מיר געלייגט אײַז צום קאָפּ, און טאַקע לויט דעם האָב איך באַנומען, אַז כ׳בין קראַנק, — נאָר באַלד האָבן שוין ווידער זיך אָנגעהויבן יענע מאָדנע כאַלוימעס און כ׳האָב ניט געוווּסט, ווו איז וואָר און ווו — אַ בייזער כאָלעם.

איינמאָל, ווען כ׳האָב באַטאָג זיך אופגעכאַפּט, האָב איך באַנאַנד אַף דער קישן דערזען דער מאַמעס צעשויבערטן קאָפּ, און אַף איר שטערן — אַ פּוכיר מיט אײַז. פון שלאָף האָט מיך אַזוי ווי אופגעוועקט עמעצנס אַ געוויין. און טאַקע: באַם פענצטער האָט געוויינט די טיאָטיע גלאַשע. ס׳האָט זיך מיר פאַרוואָלט אַ בעט טאָן, זי זאָל אַרײַנרופן ראָקסאַנקען, נאָר עפּשער טאָר מען ניט, כ׳בין דאָך קראַנק? און ראָקסאַנקע איז נאָך אַוואַדע אויך קראַנק. נו יאָ, אַנדערש וואָלט דאָך די טיאָטיע גלאַשע ניט געוויינט אַזוי ביטער.

זייער פּאַמעלעך האָב איך זיך אַרויסגעדראַפּעט פון מײַן שלאָפקײַט. איצט האָב איך שוין געוווּסט — אין איין בעט מיט מיר ליגט די מאַמע און זי איז אויך שלאָף. און עפּעס האָט זי מיר פאַרווערט פרעגן וועגן ראָקסאַנקען. ווי נאָר כ׳האָב אַרויסגעבראַכט אַ וואָרט וועגן מיידעלע, האָט די מאַמע זיך אָפּגעקערעוועט מיטן פּאָנעם צו דער וואַנט. איינמאָל, ווען כ׳האָב זיך דערפילט בעקויעך, האָב איך זיך אונטערגעהויבן אַף די עלנבויגנס און איבער דער מאַמעס אַקסל אַ קוק געטאָן אַף איר פּאָנעם — ערשט זי האָט געוויינט... מער האָב איך ניט געפרעגט גאָרנישט און בלויז אָן אופהער זיך אײַנגעהערט, מיט אַלע כושים אײַנגעהערט זיך, צי וועט זיך ניט דערטראָגן דעם מיידעלעס קאָל פון קאָרידאָר, צי פון איר צימער, — געוויינלעך, ווען מ׳האָט

הויף גערעדט בא דער טיאָטיע גלאשע אין צימער, האָט מען געהערט אויך בא אונדז. אָבער כ׳האָב אלץ נישט געהערט ניט ראָקסאנקעס קאָל, ניט עמעצער זאָל עפּעס זאָגן וועגן איר, און די טיאָטיע גלאשע, וואָס פֿלעגט אמאָל אַרײַנקומען צו אונדז, איז געווען שווארץ, פֿארומערט און שטיל, ווי א שאָטן.

ענדלעך האָט מען מיר דערלויבט אַראָפּגיין אפֿן דיל. נאָך א טאָג—צוויי, און כ׳בין, וואקלענדיק זיך פֿון שוואכקײַט, ארויס אין קאָרידאָר. כ׳האָב ניט געוואגט א קלאַפּ טאָן אין דער טיאָטיע גלאשעס טיר. די מאמע האָט מיר געזאָגט, אז ראָקסאנקע איז ערגעץ אוועקגעפֿאָרן. ווּהין, צוליב וואָס? נאָר, זעט אויס, ס׳איז בעסער געווען ניט צו פֿרעגן... כ׳האָב אָנגעהויבן ארויסקומען אין הויף. אזא שיינער, ליכטיקער פֿרילינג האָט זיך געשטעלט. דער לעצטער שניי האָט געהאלטן אין צעגיין אונטערן פּלויט, אין די קוסטעס בעז, באשײַנטע פֿון דער זון. ס׳האָבן געצוויטשערט שפּערלעך, א שוואלבן־פּאָר האָט שוין געמיט זיך בא דער נעסט אונטערן קארניז פֿון דאך. אף א באנק, אין זײַן אָפּגעקראָכענעם שמויסענעם טולופּ, מיט א שטעקן אין האנט, איז מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ געזעסן זאבראגע און געווארעמט זיך קעגן דער זון. ראָקסאנקען האָט מען אלץ ניט געזען, זי האָט ניט באוויזן זיך אויך דעמלט, ווען ס׳האָט זיך צעבליט דער בעז. עמעצער פֿון די ייִנגלעך האָט מיר געזאָגט שרעקלעכע ווערטער וועגן דעם, וואָס ס׳איז מיט איר געשען, נאָר כ׳האָב אים ניט געגלייבט, כ׳האָב ניט געקאָנט גלייבן און אלץ געזוכט זי, ניט אין שטוב, נייך, אין סאָד האָב איך זי געזוכט, דאָרט, ווו ס׳זײַנען געוואקסן די עפּלביימער און די שאָלקאָוויצעס, אף וועלכע מיר פֿלעגן ליב האָבן קריכן, אין די שכײַנישע הויפֿן, ווּהין מיר פֿלעגן קומען שפּילן זיך. כ׳האָב זי געזוכט אף דער גאס, צווישן מענטשן. געזוכט זי אף די הויכע ליים־אָפּהאנגען באם טײַך, ווו עס לויפֿן אָן א שיר שטעגעלעך צווישן גראָז און קוסטעס, און אפֿילע אין אַט דעם פּארק, ווו כ׳זיץ איצט, האָב איך זי אויך געזוכט, — אמאָל־אמאָל האָט זי די ערשטע מיך געבראכט אהער צו פֿירן, מיר זײַנען דאָ ארומגעלאָפֿן מיט איר אין די שאָטנדיקע יאָרן, ארויס אף די קליינינקע לאָנקעס, באוווּנדערט די קאָלערלײַביימער, געהערט דעם פֿייגלגעזאנג. כ׳האָב אלץ געהאָפֿט: אַט־אַט וועט זי אומדערוואַרט באווײַזן זיך, אָנקומען פֿון ערגעץ, א רוף טאָן מיך, אָדער נייך, זי וועט זיך גאָר אונטערגאנווענען שטילערהייט פֿון הינטן, פֿארשטעלן מיר מיט די דלאָניעס די אויגן און זינגעוודיק, אף איר אויפֿן, א פֿאָדער טאָן: „אנו, טרעף, ווער איז עס!“

ראָקסאנקעס טאטע האָט זיך אומגעקערט פֿון ערגעץ ווײַט, א טאָג — צוויי איז ער ארומגעגאנגען א שווײַגנדיקער, א טיף־פֿארומערטער און איז אוועקגעפֿאָרן — פֿארנומען די טיאָטיע גלאשע און א פּאָר פּעק. מ׳האָט געשמועסט, אז זיי זײַנען אריבערגעפֿאָרן ווינען צום עלטערן זון, וועלכער איז געבליבן אף דער וואָלגע. איצט האָט שוין, דאכט זיך, גאָרנישט ניט געקאָנט דערמאָנען אין ראָקסאנקען, און דאָך האָב איך געדענקט וועגן איר. אָנשטאָט דער טיאָטיע גלאשע האָט אפֿן ליפֿט, אין שכײַנישן הויף, געארבעט זאבראגע, נאָר ער וועט דאָך דיך ניט פֿירן סטאם אזוי אין דער הילצערנער קאבינע מיטן אָפּגעבליאקעוועטן שפּיגל. און וואָס טויג ביכלאָל דאָס פֿאָרן ארויף און אראָפּ, אויב ראָקסאנקע איז ניטאָ באנאנד? זאבראגע איז שטענדיק געווען כמורנע און אײַנגעהאלטן־צעקאָעסט. כוץ דעם, האָבן אלע אין הויף גוט געדענקט די געשיכטע מיט די בעכערלעך — ניט נאָר איך, אלע האָבן אים ניט ליב געהאַט.

יאָרן זײַנען געגאנגען, מײַן קינדהײַט האָט אלץ מער זיך דערווײַטערט, יענע צײַט איז געבליבן בלויז אין זיקאָרן, און ווײַט ניט אלץ האָט דער זיקאָרן פֿארהיט. איינס אָבער איז געבליבן גאנץ, ניט פֿארמעקט, ניט אויסגעלאָשן, ווי דאָס סאמע ליכטיקסטע און ריינסטע — די דערינערונג וועגן ראָקסאנקען.

צומאָל ווײַזט זיך מיר אויס, אז כ׳זע זי צווישן די לעבעדיקע. אָט גייען ארויס פֿון א זײַטיקער אלײ קינדער, וואָס רינגלען ארום אַן אלטיטשקע לערערן. דאָס זײַנען זיי געקומען אהער אף אַן עקסקורסיע, זאמלען פֿרילינגדיקע בלומען, בלעטלעך, — איז פֿארוואָס זשע זאָל זיך טאקע ניט קאָנען מאכן אזוי, אז כ׳זאָל צווישן זיי דערקענען ראָקסאנקען? די קינדער קומען צו אלץ נעענטער, עס קלינגען זייערע שטימען, דער געלעכטער, — אָט־אָ יענע, אינעם רויטן קליידעלע, א שווארצינקע, מיט אונטערגעשוירענע האָר — עס איז דען ניט ראָקסאנקע? אָט שטייט דאָ, אף א לאָנקע, א יונגינקער עפּלבוים, דורכויס באשאָטן מיט צוויט — עפּעס איינמאָל, אף יאָמטעוו, האָט ראָקסאנקע אָנגעטאָן א ווײַס קליידל, כ׳האָב זי דערזען אין הויף דורכן פֿענצטער, און פֿון אויבן איז זי אויסגעקומען, ווי אַט דאָס ביימל אין בלי׳ונג...

כ׳דערקען זי אין אלעם לעבעדיקן, ראָקסאנקען, ווײַל עס ברויזט און עס בליט דאָס לעבן, אין וועלכן זי האָט געזאָלט קומען. און זאבראגע — דער איז ניט מער ווי אש, אש פֿון א פֿארברענטער וועלט.

יאָסל גאָלדבערג

(בוענאָס־אײַרעס)

זײַ מויכל, פאַרברענט פאָלק

פאַרגיב, אש פון פאַרברענטן פאָלק,
דאָס צעווייעטע ווי גרויער מידבער־שטויב
דורך ווינטן ווילד־צערעוועטע,
וואָס וואָיען און ווײַנען,
ווי העפקערדיקע הינט,
צעשלאָגענע, פון הונגער אויסגעטריקנטע.

פאַרוואָס?!
ווי א פלאַקער, אײַנגעהילט אין א וואָלקן־רויך,
הייבט זיך אויף דער כאָרכלענדיקער „פאַרוואָס?‟,
וואָס צעברעכט דעם הימל ווי גלאָז
און בלײַבט הענגען, אין אקשאָנעס פאַרקלעמט.

און הענט,
וואָס האָבן פון קוואָרים פאַרוואָקסענע
זיך געגראַבלט פאַרגליווערט,
שרײַבן אָן יעדן טאָג מיט בלוטיקן שריפט
אפן צעריסענעם פאַרוואָלקנטן הימל:

נעקאָמע! ניט פאַרגעסן! ניט פאַרגעבן!
פאַרקלעם די ווערטער אין האַמערדיקן פויסט,
גיס זיי איבער אין א קלאָלע!

פאַרוואָס האָט די פניי פאַרשאָטנט דעם קאָוועד פון די העלדן?
פאַרוואָס האָבן די געהויבענע לײַט פאַר געלט
די בלוט־שולד פון די נאַציס פאַרדעקט און פאַרשטעלט?
פאַרוואָס האָבן די אדוינים מיניסטאָרן
פאַר שילומים פאַרקויפט דעם פלאַמפײַערדיקן צאָרן,
וואָס וועט אייביק ציטערן אין פלאַטער און שוידער?

זײַ מויכל, אש פון קינדער פאַרברענטע,
פון ווירדיקע ייִדישע טעכטער,
באַליידיקטע, צעטראָטענע, געשענדטע.
דאָס פּאָשעטע פאָלק איז פון כאַרפּע צעטרייסלט,
פון בושע פאַרשטיינט,
זײַ מויכל, וואָס די אלופים אין גאָלדענע שליפעס
קושן די כאַזערשע פיסקעס פון נאַצישע קוילער,
שפּאַצירן מיט זיי איבער גאַסן פון באָן.
פאַרגיב, העלדישער פּאַרטיזאַן,
וואָס האָט אין זומפּן און וועלדער,
אין טאָלן, אף בערג
מיט פויסטן געבײַלטע קעגן נאַצישע טאַנקען געקעמפט,
די נעשאָמע אויסגעהויכט אין עלנט און קעלט,
אז די פרײַהײַט, ווי די זון, זאָל באַהעלן די וועלט;

ניין, ניט די געשלאָגענע פון ראַסן־האַס
זשאָנגלירן מיט העכערקייט און ווערן פון גייווע צעבלאָזן,
ס'איז ניט דאָס פאָלק,
דאָס פאָלק געדענקט די באַצווינגער,
דאָס פאָלק געדענקט די פרייַנט און פעלקער־ברידער.

פאַרגיב, רויטאַרמייער,
דערלייזער פון דער צעטראָטענער וועלט,
באַפרייער פון ייִדן, וואָס זייַנען אָן אָטעם געלעגן
אין די נעגל פון נאַציִשע וועלף.
פאַרגיב, ברודער, רויטאַרמייִשער העלד,
וואָס קלוימערשטע אוישוויצער באַפרייַטע
דורך דייַן מעסירעסנעפעש
האָבן דעם הייליקן געפיל צעטראָטן,
געווילדעוועט איבער גאַסן,
מיט כוצפע און האַזע געשלייַדערט קלאָלעס
קעגן דער פאָן, וואָס איז רויט
פונעם בלוט פון סאָוועטישע מאַרטירער.

פאַרגיב פאַר דער כאַרפּע,
וואָס יערושאָלאַים באַמבאַרדירט אָפענע שטעט,
ווי ס'האָט מיט באָמבעס געהאָגלט בערלין
איבער הונדערטער ווילנעס און וואַרשעס, —
פאַרגיב, ס'איז ניט דאָס פאָלק!
דאָס פאָלק איז אין פולן גראַנגל קעגן נאַציִשע האָרדעס,
דאָס פאָלק האַלט טייַער דעם אָנדענק פון די קאַרבאָנעס,
דאָס פאָלק וועקט אין די נעכט דעם אופגייענדיקן טאָג פון שאָלעם,
דאָס פאָלק וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסן די פרייַנט
און וועט קיינמאָל ניט פאַרגעבן די סאָנים.

דאָרע טייטלבוים

(פּאַריז)

לאַכן קען א מענטש דאָך בלויז

צו די ברעגן פון מייַן פאַרט טעג, ווי שיפן, גייען אָפּ און קומען אָן.
אין די גערטנער פון פאַרגעסונג איך שנייַד אַראָפּ די ערשטע רויז.
בא אַן אייפּעלע אין וויג א שמייכל איך לערן זיך אפּסנייַ צו טאָן.
דעם ווייטעק־קנויל אין האַלדז איך וויקל שווייַגנדיק אַרויס.
די טרויבן פון טרויער, ווי מאָך, איך שאַר פון זיך אַראָפּ,
ניט זייַן פאַר אים איך זאָל א העפקערדיק, אויסגעפּוצט הויז.
מייַן זיקאָרן, ווי אַן אַלטן, פאַרגעסענעם בעסוילעם, איך צעאַקער און צעגראָב.
אַלץ, וואָס באַווייַנט און פאַרזיגלט איז פון לאַנג שוין געוואָרן,
ווי זייכערס הייליקע איך קלייַב צונויף נאָך האַלבע נאַכט בא שייַן פון שטערן
און לאָז אין יאַם פון צייַט אין גרונטלאָזן אַראָפּ עס ווי אַן אָרן.
די אויגן איך פאַרמאַך. נישטאָ שוין מער, נישטאָ אין זיי קיין טרערן.
דורך שויב פון נאַכט איך קוק אַרויס און שטראַל דעם ערשטן כ'טרינק,
ביז שמייכל דינער לאַנגזאַם אָף מייַן פּאָנעם זיך באַווייַזט
און באַלד צוריק, ווי טוי־טראָפּן אין זאַמדן הייסע, ער פאַרזינקט.
דער בוים פון בראָך, וואָס האָט דורך יאָרן מיך געגנעסטלט און געשפּייַזט,
ווי בלאַט א געלבלעכע אין האַרבסט צום פאַלן גרייט מיך שוין.
די ערשטע ווינט־בלומען אין מידבער פון מייַן דאָר איך קלייַב צונויף
און פלעכט זיי אָף מייַן קאָפּ אויס ווי א קרוין.

ווי א טאָסט, מייַן אָטעם פאַראַקשנטן צום לעבן איך הייב אוף,
און ס׳ענטפערט פון די טיפן א שטימע מיר ציטערדיק שוואך:
„דאָס מויל מיט העגט דייַנע צעעפן, דעם טרויער צעברעקל, צעטרעט
און לערן אויס זיך טאָן א שמייכל און א לאך,
זאָל זען די וועלט: ס׳קען לאכן אויך א ייִדישער פּאָעט.
ס׳וועלן מאָרגן־ווינטן דייַן ניגן, ווי טרובאדורן, זינגען אין די הויפן,
און קינדער וועלן בלומען אף דייַן קייווער לייגן, זינד פון זיידעס אויסצוקויפן.
ווי דעם וואָרעם פון אן עפּל זאפּטיקן דייַן צאר שפּייַ אויס
און לאך, ווייַל לאכן ס׳קען א מענטש דאָך בלויז".

א בריוו

א גאנצע נאכט אף מייַן געלעגער
איך גיי ארום, ווי א בריוונטרעגער
איבער שליאכן פון זיקאָרן,
איבער געסלעך פון טאנייסים,
אין וועלדער פון די אויסגעהאקטע שאָטנס,
בא די טייַכן פון פארגעס,
אף די פעלדער, אף די וועגן
און בא יעדן איינעם
איך הער נישט אוף צו פרעגן,
ווער פון זיי עס האָט געהערט,
ווער פון זיי עס האָט געזען
מייַן זיידן דעם באַל־נעס,
מייַנע פעטערס מיט די ווייַסע בערד,
די פאסטעכער די קלוגע,
מיט די טשערעדעס, וואָס דרימלען
בא די צעלטן פון טאנאך,
די שוועסטער אינעם סטעפּ
מיט וואסער אין די קרוגן
און טרויבן־ווייַן אין בליק,
דעם פויער דעם פארשטעלטן אפן
אָפּגעמעקטן שליאך. —
איך האָב פאר זיי א בריוו פון באוועגאד,
מיט אן אויסגעווייקטן, פארסמאליעטן
קסאוויאד,
וואָס אלע שיקן אָפּ צוריק.
קוקן זיי מיך אָן, שאָקלען מיט די קעפּ:
ניטאָ, ניטאָ אף דעם אדרעס
די פאסטעכער מיט פליטן, דייַן זיידע דער
באַל־נעס,
נאָר יונגע יעגער מיט טאמבורן
און וואכע זעלנער מיט טראָמפּייטן.
— — — — — — — — — — — — —
גיי איך ווייַטער מיטן אויסגעווייקטן וואנדער־
בריוו,
מיט די פייַערדיקע אויסיעס, אין הארצן
אייַנגעקריצטע טיף,
וואָס אלע שיקן אָפּ צוריק...

מייַן הארץ

מייַן הארץ — א שענק.
טיר־און־טויער אָפן.
אויך פאר דיר, בראָדיאגע,
צויג און שארלאטאן,
איז ווייַן פאראַן.
אין א שאָפּן־פעל
פארהיל זיך און פארשטעל.
דייַן בליק דעם קויטיקן
מיט שמייכל זייַדענעם פארהענג.
דייַן שאָטן, ווי א הונט,
לאָז אף מייַן שוועל.
דייַן העפקער ברענג.
טו אויס דייַן אָל
און טרינק,
און זויף,
און צעקרישל און צעטרעט
מייַן בעכער פון קרישטאָל,
און כויזעק נאָך און לאך
פון דעם נאר, דעם גלייביקן פּאָעט,
פון דער וועלט, דעם העקדעש אָן א דאך,
און איך וועל דיר דערפאר
אָפּווישן דייַן וווּנד,
אויסטרינקען דייַן פּייַן,
מיט אויגן טריבע פון א פערד
אלץ נאָך אָנקוקן געטרייַ
און בענטשן,
ווייַל פון קינדווייַז אָן
א קרענק אזא בא מיר —
די ליבע צו דעם מענטשן.

מאָזי קאָבריאַנסקי

די זאָוועריכעס

דאנקעס טאטע, עזרעס עלטערער זון, דאניִעל, איז אומגעקומען אין די שלאכטן הינטער מאָסקווע. עזרע האָט וועגן דעם לאנג ניט געוווּסט. אין יענער שווערער צײַט, ווען די דײַטשן האָבן מיט אַלע קויכעס זיך געריסן קיין מאָסקווע, איז עזרע, וואָס איז שוין אַליין דעמאָלט געווען אפן פראָנט, אָפּגעטראָטן מיט זײַן טייל פון ראָסטאָוו. שלעפנדיק זיך איבער די בלאָטיקע וועגן, וועלכע די דײַטשישע רויבפויגלען האָבן אָן אופהער באָמבירט, האָט עזרע אַלץ ארויסגעקוקט אף א בריוו פון טאניען, פון דער פרוי. אָנהייב יול, ווען ער איז פרײַוויליק אוועק אין ארמיי, איז טאניע מיטן זעקסיאָריקן שיקלען פארבליבן אין קיִעוו, און אים האָט אַלץ געמאטערט דער געדאנק, צי האָבן זיי באוויזן זיך דערקלײַבן, ווי ער האָט אָנגעזאָגט טאניען באם געזעגענען זיך, צו דאניִעלן, וואָס איז ניט לאנג פאר דער מילכאָמע אריבערגעפאָרן ארבעטן קיין טשעליאבינסק.

אין איינעם א פרימאָרגן האָט די פעלד־פּאָטשט זיך דערבארעמט איבער עזרען און אים אראָפּגעבראכט א בריוו, וועלכער האָט ערגעץ לאנג געבלאָנקעט, ביז ער איז אָנגעקומען צום אדרעסאט. טאניע האָט געשריבן, אז איר מיט שיקלען האָט אָפּגעגליקט, מע האָט זיי עוואקויִרט אף אוראל. עמעס, צו דאניִעלן האָט זי זיך גלײַך ניט דערלאנגט. דער צוג האָט זיך אין טשעליאבינסק ניט אָפּגעשטעלט, זיי פארשלעפּט א סאך ווײַטער. נאָר זי האָט זיך מיט שיקלען אומגעקערט און געקומען צום זון. „דאניִעלס פרוי, טאמארע, — האָט טאניע געשריבן, — איז זייער א פײַן ווײַבל, א שיינע, א געראָטענע, אף כידושים. אין עטלעכע טעג נאָך מײַן קומען האָבן מירביידע באגלייט דאניִעלן אפן פראָנט. טאמארע איז שוואנגער, און מיר האָבן באשלאָסן מיט איר אריבערפאָרן צו אירע עלטערן, דאָרט וועט אונדז זײַן גרינגער. איצט וווינען מיר אין קאמענסק־אוראלסק".

סאָף. אָנהייב זע „סאָוועטיש היימלאנד", נומ. 10 ה. י.

אין עטלעכע כאַדאָשים אַרום איז צו עזרען דערגאַנגען נאָך אַ בריוו פֿון טאַניען. זי האָט געשריבן, אַז פֿון דאַניִעלן האָבן זיי נאָך ניט באַקומען קיין איין בריוו. זי מיט טאַמאַרען זײַנען אין איינע צאָרעס. זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז דאַניִעלס טייל האָט אָנטיילגענומען אין די גרויזאַמע שלאַכטן הינטער מאָסקווע, קאָן זײַן, אַז ער איז פֿאַרווונדעט.

אינעם דריטן בריוו האָט טאַניע געגעבן צו וויסן, אַז טאַמאַרע האָט געבוירן אַ ייִנגעלע אַזוינס ווי אַזעלכס, אַ געראָטנס, ווי אַלע זאַוועריוכעס, און מע האָט דעם געגעבן אַ נאָמען נאָך דאַניִעלן.

אָט אַזוי האָט עזרע זיך דערוווּסט וועגן טויט פֿון זײַן עלטערן זון. טאַניע האָט געבעטן, אַז ער, עזרע, זאָל זיך שטאַרקן, ער זאָל געפֿינען אין זיך קויכעס איבערטראָגן דעם גרויסן אומגליק, וואָס זיי האָט געטראָפֿן, ס׳איז דאָך אַ מילכאָמע. זי האָט אים געמוטיקט און געטרייסט... נו, און זי אַליין?

מער קיין בריוו פֿון זײַן פֿרוי האָט עזרע ניט באַקומען. טאַמאַרע האָט צוגעשיקט אַ בריוול, זי האָט מודיִע געווען, אַז די מאַמע, טאַניע, הייסט עס, איז אויפֿן גלײַכן וועג אומגעפֿאַלן, זיך אויסגעגליטשט די רעכטע האַנט און קאָן דעריבער ניט שרײַבן. ער, עזרע, דער אָפּגעריסענער נאַר, האָט געגלייבט, אַז דאָס איז טאַקע אַזוי, ער האָט געוואַרט, אַז די האַנט בײַ טאַניען זאָל זיך אויסהיילן. דערווײַל האָט געשריבן בריוו טאַמאַרע. געשריבן וועגן דעם, אַז דאַנקע איז אַ פֿײַן ייִנגל, אַז שיקל גייט שוין אין ערשטן קלאַס; פֿון טאַניען האָט זי מער ניט דערמאָנט.

איינמאָל האָט עזרע באַקומען אַ בריוו, וואָס לויטן קסאַוו אויפֿן קאָנווערט האָט ער זיך גאָר ניט געקאָנט אָנשטויסן, פֿון וועמען ער איז, די האַנטשריפֿט איז אים לאַכלוטן ניט באַקאַנט געווען. אויף אַ פֿערטל פּאַפּיר פֿון אַ העפֿטל מיט קאָסע ווירעס איז מיט גרויסע געבראָכענע בוכשטאַבן געווען אָנגעשריבן איין שורע: „טאַטע, די מאַמע איז געשטאָרבן. שיקע“.

די מאַמע איז געשטאָרבן... די מאַמע איז געשטאָרבן... עזרע האָט צען, צוואַנציק, הונדערט מאָל געלייענט דאָס קינדערשע בריוול. קיין טרער האָט זיך ניט אַראָפּגעקײַקלט פֿון זײַנע אויגן, ער איז ווי פֿאַרשטיינערט געוואָרן...

■

ווען עזרע האָט זיך אומגעקערט פֿון דער מילכאָמע קיין קיִעוו, האָט ער געוווּסט, אַז אין דער היים וואַרט מען אויף אים. טאַמאַרע האָט אים געגעבן צו וויסן, אַז זי האָט געטאָן אַזוי ווי ער, עזרע, האָט געהייסן, זי מיט די קינדער האָבן בעשאָלעם זיך דערקליבן קיין קיִעוו. מע האָט זיי אָפּגעגעבן דעם גרויסן צימער פֿון דער דירע, און זיי קוקן אַרויס מיט אומגעדולד אויף עזרען.

ביז הײַנט קאָן עזרע ניט פֿאַרגעסן די שטאָט, ווי זי איז געלעגן אין רויִנען. בערג מיט ציגל האָבן פֿאַרוואַלגערט די גאַסן. אינעם טונקעלן פֿרימאָרגן האָבן שטיקער ווענט געסטאַרטשעט, ווי די מאַציייוועס. ער איז פֿון דער סטאַנציע געגאַנגען אַהיים צופֿוס און ניט געקאָנט געפֿינען דעם וועג צו זײַן שטוב, געפּלאָנטערט איבער די גאַסן ווי אַ פֿרעמדער. ס׳איז געווען זייער פֿרי, אָבער דער „יעוובאַז“ איז שוין געווען וואַכנדיק. מענטשן האָבן געאײַלט הין און צוריק. דערזען דעם סאָלדאַט דורכגיין, זײַנען פֿרויען אים פֿאַרלאָפֿן דעם וועג, אים אַרומגערינגלט, פֿרעגנדיק, וואָס האָט ער צו פֿאַרקויפֿן, אָדער אויסצובײַטן, עפּשער וויל ער אַ פֿלעשעלע מאַשקע? עזרע האָט גאָרניט געדאַרפֿט, ער האָט געוואָלט וואָס גיכער זיך דערקלײַבן אַהיים.

אויפֿן ראָג פֿון פּאָדוואַלנע האָט ער דערזען אַ רויִנירטן מויער. עזרע געדענקט עס, דאָס דאָזיקע ריזיקע הויז. האַרט פֿאַר דער מילכאָמע האָט מען עס אויסגעבויט. אַ ביסל נידעריקער דאַרף שטיין זײַן הויז. אָן איז עס טאַקע. דער פֿינפֿשטאָקיקער מויער איז גאַנץ, ווי געווען. עזרען ווײַזט זיך בלויז אויס, אַז ער איז געבליבן, דער מויער, אָן אַ האַרץ, אָן אויגן, שטייט עפּעס ווי אַ ליימענער גוילעם. ווען עזרע איז צוגעגאַנגען נעענטער, האָט ער דערזען די פֿענצטער פֿון זײַן דירע. אויך אָן לעבן און אָן אָטעם. פֿאַרהאַקט מיט ברעטער און מיט פֿאַניער. בלויז אין דער באַלקאָן־טיר האָט אַנטקעגן דער נאָרוואָס געבוירענער זון אַ בלענד געטאָן אַ פּירעקעכיק שטיקל גלאָז. הייסט עס, אַז דאָרטן, אין זײַן גרויסן צימער, איז פֿאַראַן אַ לעבן, דאָרטן געפֿינט זיך זײַן זון שיקל, זײַן איייניק מיט טאַמאַרען.

עזרע איז צוגעגאַנגען צו דער פּאַראַדנע, ער האָט געמיינט, אַז ער וועט ווי אַ וויכער אַרויפֿלויפֿן אויפֿן צווייטן שטאָק, האָבן זיך אָבער די פֿיס אונטערגעהאַקט. ער האָט אַריבערגעוואָרפֿן דעם שינעל פֿון איין האַנט אויף דער צווייטער, אַ טרייסל געטאָן דעם רוקזאַק אויף דער פּלייצע און גענומען לאַנגזאַם שפּאַנען אויף די טרעפּ. אָט איז ענדלעך דער אַרײַנגאַנג.

די זעלבע טיר, נאָר זי איז ווי פֿאַרשוואַרצט געוואָרן. אים האָט זיך געדוכט די גאַנצע צײַט, אַז ער וועט מוירע האָבן אַ קלאַפּ טאָן אין איר. איז זי גאָר געווען אָפֿן. עזרע איז שטיין געבליבן בײַ

דער שוועל, די גימנאַסטיאָרקע איז אַף אים נאַס געוואָרן, פּונקט ווי ער וואָלט דורכגעמאַכט א לאַנגן מאַרש. אפּריִער האָט ער דורך דער טיר דורכגעשטופּט דעם שינעל, נאָכדעם איז ער אַליין אַרײַן אין קאָרידאָר. ווי אַפּצולאָכעס האָבן די שטיוול געסקריפּעט, גלײַך ער וואָלט געטראָטן איבער צעשאָטענער זאַלץ. געוויס וועט עמעצער דערהערן די דאָזיקע טריט, און מע וועט אַרויסגיין א קוק געבן, ווער איז דאָס געקומען. דערווײַל זעט מען קיינעם ניט, קיינער גייט ניט. עזרע גע־דענקט ניט, וויִאַזוי איז ער אַרײַן אינעם גרויסן צימער. ער דערמאָנט זיך בלויז, אז אים האָט זיך אויסגעוויזן, דער צימער איז פּוסט. ערשט ווען ער האָט זיך צוגעווינט צו דער קנאַפּער שײַן, וואָס איז אַרײַנגעדרונגען דורכן פּירעקעכיקן שטיקל גלאָז, האָט ער אַפן דיל דערזען זיצן צוויי יאַטלעך. איינער א היפּשער שויך, דער צווייטער א קלענערער. לויט די געגרײַזלטע קעפּלעך און ווערליק די כעוורע זיצן שוין סאַמע פאַרטאָג און מײַסטרעווען — דער קלענערער האָט גע־האַלטן א העמערל אין האַנט און דער צווייטער א דײַטשישע צעשפּאָלטענע קאַסקע, — האָט מען גלײַך געקאָנט דערקענען, אז זיי שטאַמען פונעם שיוועט זאַווריוכעס.

דערזען דעם סאָלדאַט, האָבן די יאַטלעך זיך דערשראָקן, ניט געקאָנט קיין פּיפּס טאָן, בא עזרען האָט אויך ווי אָפּגענומען דאָס לאָשן. ער האָט געוואָלט כאָטש זאָגן: „שיקעלע, דו דער־קענסט מיך ניט?“, האָט אים שטאַרק אָנגעהויבן ווארגן אין האַלדז. מיטאַמאָל האָט דער עלטערער א וואָרף געטאָן די קאַסקע, זיך אויפגעהויבן פון דיל, א צעטראָגענער אויסגערופן צום קליינעם יאַטל: „דאַנקע, וואָס זיצסטו, דײַן זיידע איז געקומען!“ און צוגעלאָפן צו עזרען, אַרומגעכאַפּט אים מיט ביידע הענט און באַהאַלטן דאָס פּאָנעם אין דער סאָלדאַטסקער גימנאַסטיאָרקע. עזרע האָט געגלעט די קינדערשע פּלייצעס, געשויבערט די האָר אַפן קאָפּ באַם זון. פּלוצעם האָט ער באַמערקט, ווי דער אייניק זײַנער, דאַנקע, שפּאַנט ניט זיכער צו אים. דאָס פּיצינקע ייִנגעלע האָט זיך אָנגעהויבן דאָפּלען בא אים אין די אויגן, גענומען זיך שווענקען אין וואַסער, וואָס האָט פּלוצעם ווי פאַרפּלייצט די גאַנצע שטוב. ענדלעך איז דאַנקע צו צו שיקלען, מיט רוגזע אים א שלעפּ געטאָן און זיך צעשריגן:

— לאָז מיך, שיקל, לאָז מיך!

עזרע האָט א שלײַדער געטאָן דעם שינעל, אַראָפּגעוואָרפן דעם רוקזאַק און א כאַפּ געטאָן דאָס אייניקל אַף די הענט. דערזען דעם זיידנס פײַכטע אויגן, האָט דאַנקע אויך אָנגעהויבן מאַכן פּיסקעס, עזרע האָט צוגעטוליעט דאָס קינדערשע גופעלע צו דער ברוסט און מיט א געבראָכענער שטים געשטאַמלט:

— דאַניִעל, זון מײַנער...

אין דער טיר, וואָס האָט געפירט אין צווייטן צימער, האָט זיך באַוויזן א וווקסיקע יונגע פרוי. אַפן רעכטן אַקסל בא איר איז געהאַנגען א האַנטעכל. קאָנטיק, זי האָט זיך נאָרוואָס גע־וואַשן. צום שטערן און צו די פאַרפלאַמטע באַקן זײַנען געווען צוגעקלעפּט פּאַסמעס גאָלדענע האָר, די צעפלאָכטענע צעפּ האָבן זיך צעשאָטן איבער דער פּלייצע. דערזען עזרען, האָט זי א ציטער געטאָן, ברייט צעעפנט אירע שמאָלבלעכע אויגן, ס׳האָט געדוכט, זי קאָן זיך ניט רירן פון אָרט. און מיטאַמאָל האָט זי זיך געלאָזט גיין:

— גאָט מײַנער, — האָט זי געזאָגט, — איך וואָלט געמעגט שווערן, אז דאָס איז מײַן דאַ־ניִעל! — זי האָט צוגענומען דאַנקען פון עזרעס הענט, אים אַראָפּגעלאָזט אַפן דיל, אַליין זיך אויסגעגלײַכט, געפּרוווט א שמייכל טאָן, נאָר דאָס שיינע געזיכט איז ווי פאַרקרימט געוואָרן.

— איר זײַט געקומען? — האָט זי א צעטומלטע געפרעגט, זיך אויפגעהויבן אַף די שפּיץ פינגער און א קוש געגעבן עזרען. זי האָט ניט געוווּסט וואָס צו טאָן, האָט זי גאָר זיך צעשריגן אַף די קינדער:

— וואָס זשע שטייט איר, פאַרוואָס בעט איר ניט דעם גאַסט זיך זעצן?

זי האָט געפּרוווט אַפגיך פאַרפלעכטן די צעפּ, נאָר די פינגער האָבן איר ניט געוואָלט דינען. וויס׳ניט־איז האָט זי פאַרנומען די האָר, צונויפגעדרייט א קובלעק און אים צוגעשטאָכן מיט האָרנעדלעך. זי איז צוגעגאַנגען צו דער באַלקאָן־טיר און ברייט פאַנאַנדערגעעפנט זי. אין שטוב איז געוואָרן ליכטיקער, א שטראָם פרישע לופט האָט זיך אַרײַנגעריסן פון דרויסן.

נאָכדעם האָט מען זיך געזעצט צום טיש. ווען עזרע האָט אַרויסגענומען פון זײַן רוקזאַק כאַזער־פעטס, צוקער און א גאַנץ לעבל סאָלדאַטסקע ברויט, איז געוואָרן סאָסן־וועסימכע. די כעוורע האָבן געקײַט אַף ביידע באַקן. קוקנדיק אַף די אויסגעהונגערטע קינדער, איז בא עזרען שטיין געבליבן דער ביסן אין האַלדז.

טאַמאַרע האָט זיך אַפגיך אָפּגעפאַרטיקט מיטן פרישטיק און זיך געקליבן גיין צו דער אַרבעט. עזרע האָט נאָכגעשפּירט נאָך יעדער באַוועגונג אירער, זיך צוגעקוקט צו יעדער קלייניקײַט, געוואָלט וויסן, וואָס עס טוט זיך און וויִאַזוי עס פירט זיך אין שטוב. ס׳האָט אים אָנגעהויבן פאַרדריסן אַף טאַמאַרען. א פעלדשעריצע אין א שפּיטאָל דאַרף אַזוי לאַנג שטיין באַם

שפּיגל? און צוליב וואָס מוטשעט זי אירע צעפּ, דרייט זיי און פלעכט זיי, ווייסט גאָרניט וואָס צו טאָן מיט זיי? ענדלעך, אַז זי האָט שוין אויסגעלייגט א קרוין אַפן קאָפּ, האָט זיך אָנגעהויבן א מײַסע מיט פאַרשטעכן די האָרנעדלעך. דערנאָך איז אוועק א סעדרע מיט צוגלעטן די ברעמען, פאַרבן די ליפּן. ווו נעמט א מענטש אַזויפיל געדולד? ווען דאנקע איז בייסמײַסע צוגעלאָפן צו דער מאמען, געוואָלט איר עפּעס זאָגן, האָט זי קיין צײַט ניט געהאַט אים אויסהערן און א בורטשע געטאָן:

— זאָג שיקלען, גיי, גיי צו אים, — זי האָט אפילע ניט א קוק געטאָן אין דאנקעס זײַט.

דאנקע איז בארויגעז געוואָרן, זיך אָנגעבלאָזן און געלאָזט זיך גיין פון איר. עזרע האָט זיך אופגעהויבן פון אָרט און גענומען דאנקען אַף די הענט:

— וואָס ווילסטו, דאנקע?

דאנקע האָט געשוויגן, געקוקט אַף די פינגערלעך זײַנע און מיטן קאָפּ זיך צוגעטוליעט צום זיידנס אקסל.

ווען טאמארע איז אוועק אַף דער ארבעט, האָט שיקל גענומען דאנקען און אים אוועקגעפירט אין קיך זיך ארומוואשן. אינגיכן האָט זיך פון דאָרטן דערהערט דאנקעס געוויין. דאָס האָט ער ניט געוואָלט לײַדן, וואָס שיקל ווישט אים ארום מיטן האנטעך. שיקל האָט מיט אים אײַנגעטײַנעט:

— א יינגעלע האָט פײַנט זיך וואשן?.. א יינגעלע וויל זײַן פארמורזעט ווי א כאזערל?..

דאנקע וויל אים ניט הערן, פּרוווט זיך אויסדרייען פון שיקלס הענט און רײַסט דערבײַ אַף א קנעפּל פונעם שלייקעלע. ניט פאַרלירנדיק קיין צײַט, האָט שיקל גלײַך גענומען א נאָדל, פלינק ארײַנגעסילעט א פעדעמל, אַפּגעביסן א שטיקל בײַוול, ארײַנגעלייגט עס דאנקען אין מויל ארײַן, געהייסן אים קײַען, און אליין גענומען צונייען דאָס קנעפּל.

דאנקע האַלט אונטער מיט איין האנט די הייזלעך, מיט דער צווייטער נעמט ער ארום שיקלען באַם האַלדז. בײַדע קוקן זיך אין די אויגן, ערנסט, קלוימערשט בייז, און בײַדע הייבן זיי אָן מיטאמאָל שמייכלען. דאנקע ווייסט, אַז שיקל וועט אים מיט קיין פינגער ניט א ריר טאָן. ארומגעוואשן און אָנגעטאָן דאנקען, נעמט שיקל אים פאַר א האנט, אין דער צווייטער פאַרקוועטשט ער די פּראָדוקט-קאַרטלעך, און מע גייט זיך שטעלן אין דער ריי.

— עפּשער וועט מען הײַנט עפּעס געבן, — זאָגט שיקל דעם טאַטן.

עזרע גייט אויך ארויס צוזאמען מיט זיי. ער קלײַבט זיך צוגיין אַפן זאַוואָד, א קוק טאָן, וואָס טוט זיך דאָרטן, ווער פון די אַלטע פרײַנט איז פאַרבליבן. אַפן ראָג געזעגנט ער זיך מיט די קינדער. א שווערער קנויל בלײַבט שטעקן אין האַלדז, און עזרע קאָן אים ניט אראָפּשלינגען. דער צעניאָריקער שיקל איז שוין א מענטש, א באַרדאַס, ניאַנטשעט דאַניעלס זון. און דאַניעל איז נישטאָ, און טאַניע איז אויך נישטאָ... אָט דאָס איז מילכאָמע... זי טוט דיר א דריי דאָס לעבן, שטעלט עס אַנידער מיטן קאָפּ אראָפּ און מיט די פיס ארויף, און דו זײַ א בעריע, האַלט זיך... וויאַזוי זשע הייבט מען עס אָן אויסגלײַכן, דאָס דאָזיקע לעבן?..

פאַרנאַכט איז טאמארע געקומען פון דער ארבעט, זי האָט צוגעגרייט מיטיק, אופגעראַמט אין שטוב. די ארבעט האָט געברענט באַ איר אונטער די הענט. באַלד נאָכן וואַרמעס איז צו איר געקומען א כאַווערטע און געבראַכט מיט זיך א פולע שטוב מיט געלעכטער. גלײַך פון דער טיר האָט זי זיך גענומען יאָגן נאָך דאנקען.

— גיט אים מיר אהער, איך וועל אים צערײַסן אַף שטיקעלעך, איך וועל אים באַלד אופעסן! — האָט זי געגוואַלדעוועט.

דאָס איז געווען א פולבלעכע מויד מיט רויטע באַקן. די זאַפּטיקע פאַרב אַף זיי איז געווען צעגאַסן אַזש ביז די שלייפן. אירע בלויע אויגן וואָלטן געווען ריין ווי דער הימל, האָט זי זיי אָבער אונטערגעפירט מיט א שוואַרצקײַט. די אויגן האָבן דערפון אָנגעהויבן קאָסיען און די ווײַעס זײַנען געווען ניט נאַטירלעך לאַנג, אָקאָרשט ניט דערלאַנגט צו די ברעמען. יאָגנדיק זיך נאָך דאנקען, וועלכן זי האָט קלוימערשט ניט געקאָנט כאַפּן, האָט טאמאַרעס כאַווערטע זיך אָנגעשטויסן אין עזרען.

— אָ, אַנטשולדיקט, כאַוועס סערזשאַנט, — האָט זי אָפּגעלעקט אירע הייסע ליפּן, — דערלויבט זיך באַקאַנען. פּראָסיע רופט מען מיך, — זי האָט זיך אַזוי ווי פאַרשעמט, נאָר באַלד נאָכאַמאָל געלאָזט זיך יאָגן ארום טיש נאָך דאנקען.

— ווו איז מײַן דאנקע? — האָט זי געשריגן און דערבײַ אַזוי זאַפטיק געלאַכט, אַז אַלע האָבן אָנגעהויבן לאַכן צוזאמען מיט איר. אָנגעשפּילט זיך, האָט זי גענומען אונטערײַלן טאמאַרען, מע זאָל גיכער גיין.

בײַדע האָבן זיך געשטופּט באַם שפּיגל, געטומלט, ווי קליינע מיידלעך.

פּראָסיע האָט דורכן שפּיגל אָנגעשטעלט אירע כויזעק-קוקערלעך גלײַך אַף עזרען.

— טאָמע, — האָט זי גאַנץ הויך געשעפּטשעט, — טו אַ קוק אַף דײַן שוועער. ביסט אַ מיוון אַף זײַנע גוואַרדייִשע פּלייצעס, אַף זײַן האַלדז־און־נאַקן, אַף די שוואַרצע אויגן? מאַמע מײַנע, אַן עמעסער גענעראַל, אַניט זאָל איך פֿאַלן כאַלאָשעס.

— שאַ, שטילער, — האָט טאַמאַרע געריסן פֿון איר שטיקער.

— אוי, קיצל זיך ניט, — האָט פּראָסיע אויסגעשאָסן אַ געלעכטער. מיט אַ געלעכטער זײַנען זיי ביידע אַרויס פֿון שטוב.

אינדערפֿרי האָט עפּעס אַ רויש לעבן בעט אופֿגעוועקט עזרען. ווען ער האָט זיך אונטערגעהויבן, האָט ער דערזען, אַז דאַנקע האָט אָנגעטאָן די פּילאָטקע, איז אַרײַנגעקראָכן מיט די פֿיסלעך אין די סאָלדאַטסקע שטיוול, אַפֿילע די גימנאַסטיאָרקע אַרופֿגעשלעפּט אַף זיך. די אָרדענס און די מעדאַלן האָבן זיך געבאָמבלט ערגעץ בא די קניִעס, און ער האָט אַלץ געוואָלט זיי אונטערציִען אַרוף צו דער ברוסט. דערזען, אַז דער זיידע שלאָפֿט ניט, האָט דאַנקע זיך דערשראָקן, ער האָט געוואָלט מאַכן אַ שפּאַן, האָט זיך איין שטיוול פֿאַרטשעפּעט אינעם צווייטן, און דער באָכערעץ איז אומגעפֿאַלן. ער האָט זיך אַזוי פֿאַרפּלאָנטערט אינעם אָנטאָן, אַז ער האָט זיך ניט געקאָנט שטעלן אַף די פֿיס. ליגנדיק אַפֿן פּאָל, האָט ער געוואַרט, וואָס וועט דער זיידע מיט אים טאָן. עזרע האָט אים אַרויסגעפּלאָנטערט פֿון די קליידער, גענומען אַף די הענט און זיך אַנידערגעזעצט מיט אים אַפֿן בעט. ביידע האָבן זיך אָנגעקוקט. עזרע האָט געפֿונען, אַז דאַנקעס אויגן זײַנען פּונקט אַזעלכע שוואַרצע, ווי בא דאַניִעלן, דערפֿאַר אָבער זײַנען בא אים די ליפּעלעך, ווי בא טאַמאַרען. בייס ער רעדט, איז ער ווי די מאַמע מיט אַלע פּישטשעווקעס. אָט האָט ער פֿאַרבויגן דאָס קעפּל, אַזוי ווי זי טוט עס, און שטיל געפֿרעגט:

— זיידע, האָסט אַף דער מילכאָמע געשאָסן?

— געשאָסן, — האָט עזרע געענטפֿערט.

— פֿון אַ קאַטיושע?

— פֿון אַן אווטאָמאַט.

— ע־ע־ע, — האָט דאַנקע פֿאַרקרימט דאָס פּענעמל, — אַ קאַטיושע שיסט בעסער, — ער האָט צונויפֿגענומען ביידע פֿויסטלעך און זיי אָנגעשטעלט אַפֿן זיידן, — אַ קאַטיושע מאַכט פּיף־פּאַף!

— שאַ, שטילער, די מאַמע שלאָפֿט נאָך, — האָט עזרע אים אַרומגענומען.

דאַנקע האָט אַ שווערן זיפֿץ געטאָן, אַ ווײַלע געשוויגן און ווידער געפֿרעגט:

— אַז דו ביסט אַ זיידע, פֿאַרוואָס זשע וואַקסט בא דיר קיין באָרד ניט?

— אָ, גוטערברודער, וואָס פֿאַרשטייסטו ניט? די באָרד איז בא מיר אָפּגעסמאַליעט געוואָרן אַף דער מילכאָמע.

— ס'האָט דיר ווי געטאָן? — האָט דאַנקע פֿאַרזיכטיק אַ גלעט געטאָן מיט זײַן הענטל עזרעס קינבאַק, נאָכדעם גענומען אויך גלעטן מיט אַ פֿינגערל די ברעמען, מיט דעם זעלבן פֿינגערל געשאַרט איבער עזרעס נאָז, געשאַרט לאַנגזאַם, אַרײַנקוקנדיק דערבײַ דעם זיידן אין די אויגן אַף צו זען, צי וויל ער לײַדן, צי ניט. ווען דאַנקע איז מיט זײַן פֿינגערל צוגעפּאָרן צום זיידנס ליפּן, האָט עזרע פּלוצעם געעפֿנט דאָס מויל און הילכיק אויסגעשריגן:

— האַם!

דאַנקע האָט זיך דערשראָקן, צוגעכאַפּט די האַנט און מיט פֿאַרדאַכט געקוקט אַף עזרען. ער האָט אָבער באַלד פֿאַרשטאַנען, אַז ס'איז אַ שפּאַס, איז ער געוואָרן פֿריילעך, אַ פּאַטש געטאָן אין די דלאָניעס, אַרומגעכאַפּט דעם זיידן באַם האַלדז און געפּלוידערט:

— שיקל קאָן אויך מאַכן פֿאָקוסן. ער נעמט אַ גלאָז וואַסער, לייגט אַרוף אַ שטיקל פּאַפּיר, קערט איבער די גלאָז, און די וואַסער גיסט זיך ניט אויס. דו קאָנסט אַזוי?

— ניין, איך קאָן ניט, — איז עזרע זיך מוידע. ער לייגט אַוועק דאַנקען אַפֿן געלעגער, דעקט אים אײַן מיט דער קאָלדרע.

— לאָמיר ביידע זיך אַנידערלייגן, — זאָגט דאַנקע.

אין שטוב ווערט שטיל. דאַנקע לייגט אַרוף זײַן הענטעלע אַפֿן זיידנס אַקסל, שאַרט זיך צו נעענטער. עזרע ליגט פֿאַרטײַעט, הערט זיך אײַן, ווי דאָס הענטל רוקט זיך אַראָפּ צום האַלדז, ער פֿילט דעם גערוך פֿונעם וואַרעמען אָטעם, די ליבע נאָענטקײַט פֿונעם קינדס גופֿעלע. אײַנגיכן הייבט דאַנקע אָן צו דרעמלען.

און עזרע קאָן ניט אַנשלאָפֿן ווערן. געמיינט האָט ער, אַז ער וועט אַפּריִער זיך נעמען רעמאָנטירן די שטוב, לאָזט זיך אויס, מע דאַרף וואָס גיכער אַרויס צו דער אַרבעט. עס גייט צו ווינטער, אין שטוב איז קיין שײַטל האָלץ ניטאָ, די קינדער זײַנען הויל און בלויז. אָן אַ שיר דײַגעס האָבן זיך אָנגעזעצט אַף עזרען.

נעכטן, ווען ער איז געקומען אפֿן זאַוואָד, האָבן די קאָוואַליעס געמאַכט פֿאַר אים אַ וואָרע, מע האָט געוואָלט נעמען צו ביסלעך בראַנפֿן, נאָר עזרע האָט די ליאַמע אָפּגעלייגט אויף שפּעטער, אויף אַן אַנדערשמאָל. דער שעף פֿון צעך „פּיאָטער דער גרויסער" — נאָך פֿאַר דער מילכאָמע, ווען ער איז געווען מײַסטער אין דעם זעלבן צעך, האָט מען אים צוגעקאָכט דאָס דאָזיקע צונעמעניש, ווײַל ער איז הויך און גרויס, מיט אַ פּאָר לאַנגע שווערע הענט, וואָס קאָנען, אַז מע דאַרף, אָפּקאָווען אַ דעטאַל, אַזוי זי זאָל זינגען, — אַז ער האָט דערזען עזרען, האָט ער אויסגעשטרעקט אַנטקעגן ביידע יאָדאַיִם.

— ווען מען זע איך עס? זאַוועריוכע! מיר קוקן שוין לאַנג אַרויס אויף דיר! — ער האָט אַרומגענומען עזרען, זיך צעקושט מיט אים. — געבענטשט זאָל זײַן דײַן קאָפּ, וואָס דו ביסט געבליבן לעבן, — פּלוצעם האָט ער זיך פֿאַרהאַקט, — איך ווייס, איך ווייס, וואָס דו ווילסט מיר זאָגן, זאַוועריוכעלע, איך ווייס. ניטאָ דאַניִעל... — און ער האָט ווידער אַרומגענומען עזרען.

שפּעטער זײַנען ביידע אַרומגעגאַנגען איבערן צעך. עזרעס דאַמף־האַמער, אויף וועלכן ער האָט אָפּגעאַרבעט עטלעכע יאָר פֿאַר דער מילכאָמע, איז געווען דעמאָנטירט, בלויז די ראַם איז געשטאַנען ווי אַ דענקמאָל. אָבער דער האַמער, אויף וועלכן דאַניִעל האָט אַמאָל געאַרבעט, איז געווען גאַנץ, ווי ער וואָלט אַלץ געוואַרט נאָך, אַז דאַניִעל זאָל זיך אומקערן צו אים.

— ווילסט זיך שטעלן צו דעם האַמער, — האָט פּיאָטער דער גרויסער געזאָגט, און מע האָט ניט געקאָנט פֿאַרשטיין, צי פֿרעגט ער עס, צי ער באַפֿוילט...

עזרע איז פֿאָרזיכטיק אַראָפּ פֿון בעט, קעדיי ניט אויפֿוועקן דאָס אייניקל. שטילערהייט זיך אָנגעטאָן, געעפֿנט דאָס פֿענצטער. אין שטוב האָט זיך אַרײַנגעריסן דער באַגינען.

■

עזרע איז געקומען אין צעך, ווי צו זיך אַהיים. און ווײַל ס'איז נאָך געווען פֿרי, בלויז עטלעכע אַרבעטער האָבן זיך צונויפֿגעזאַמלט אין אַ רעדל און געשמועסט, האָט ער גענומען באַטראַכטן זײַן אַרבעט־פּלאַץ. אַ שטיק צײַט האָט ער זיך געפּאָרעט באַם ריזיקן האַמער, נאָר קיין כעסרוינעס אויף אים ניט געפֿונען. באַ דער זײַט איז געשטאַנען אָנגעגרייט, ווײַזט אויס, פֿון נעכטן נאָך, אַ קעסטל מיט באָלוואַנקעס, וואָס מע באַדאַרף נעמען צו דער אַרבעט. אַפֿילע די נאַריאַדן זײַנען שוין געלעגן אויבנאויף אינעם קעסטל.

ס'איז געקומען די צײַט לאָזן דעם האַמער, אָבער עזרע האָט זיך עפּעס אויפֿגעהאַלטן, ניט געײַלט גענומען איבערקוקן דאָס געצײַג, אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז מע דאַרף די קלאַמערס אַ ביסל אויסריכטעווען, מאַכן ברייטער די פּיסקלעך. ער האָט זיך געזוכט פֿאַרשיידענע טערוצים, קעדיי גלײַך זיך ניט נעמען צו דער אַרבעט, ס'איז באַ אים געווען אַ געפֿיל, ווי ער וואָלט פֿאַרגעסן זײַן מעלאָכע, פֿאַרגעסן, וויִאַזוי מע דאַרף נעמען דאָס געצײַג אין די הענט.

פֿאַרכאַפּט מיט זיך צוויי פּאָר קלאַמערס, איז עזרע אַוועק אין דער קליינער קוזניע. ערשט דאָרט, ווען ער האָט זיך אַנידערגעשטעלט לעם דער קאָוואַדלע, האָט ער זיך דערפֿילט אַ ביסל זיכערער. אויסגעוואַרט, ביז די פּיסקלעך פֿון די קלאַמערס האָבן זיך אָנגעגליט, האָט ער זיי אַרויסגעכאַפּט פֿון דער האָרניע און גענומען אַרבעטן מיטן האַמער. ער האָט געקלאַפּט וואָס אַמאָל שטאַרקער און האַסטיקער, שוין מער ניט געטראַכט, אַז ער האָט זיך אָפּגעוווינט פֿון דער אַרבעט.

ער האָט אויסגעריכטעוועט די קלאַמערס, פֿאַרנומען זײַן געצײַג און אַוועק צוריק אין גרויסן שמיד־צעך. דאָ האָט ער אָפּגיך אויסגעלייגט די באָלוואַנקעס, זיי זאָלן אים זײַן צו דער האַנט, די ערשטע צוויי אַרײַנגערוקט אין אויוון אַרײַן, אײַנגעשלאָסן דעם דאַמף־האַמער, ער זאָל זיך אַ ווײַלע דורכטאַנצן ליידיקערהייט. נאָכדעם האָט עזרע אַ שמיר געטאָן, ווי זײַן געוווינהײַט איז געווען, מיט די הענט איבערן פֿאַרטעך, און דאָס האָט געהייסן: זאָל זײַן אין אַ גוטער שאָ.

עזרעס דאַמף־האַמער האָט זיך געלאָזט הערן. אַז דער דאָזיקער האַמער קלאַפּט, טרייסלט זיך די ערד און די פֿענצטער אין צעך הייבן אָן קלינגען. „פּיאָטער דער גרויסער", וואָס איז געזעסן באַ זיך אין קאָנטאָרקע, האָט גלײַך דערקענט דעם גאַנג פֿון אָט דעם האַמער און אַוועק באַגריסן זאַוועריוכען, און עזרען אַליין איז אַרויס פֿון קאָפּ, אַז נאָך ערשט ניט לאַנג איז ער געווען אַ סאָלדאַט, פּונקט ווי ס'האָט גאָר קיין איבערײַס ניט געזאָלט זײַן אין דער אַרבעט. ווי אַלעמאָל פֿריִער, האָבן זיך זײַנע אויגן אָנגעפֿילט מיט אַ הייס וואַסערל, דאָס געזיכט איז פֿאַרפֿלאַמט געוואָרן און קנוילן האָר האָבן זיך צוגעקלעפּט צום פֿײַכטן שטערן. אַ גיבער איז געשטאַנען לעבן מעכטיקן דאַמף־האַמער.

אַזוי האָט עזרע טאָג נאָך טאָג זיך אַרײַנגעצויגן אין דער אַרבעט. ס'איז געווען אַ פֿאַרגעניגן גײן יעדן טאָג אױפֿן זאַוואָד, אַ פֿאַרגעניגן וויסן, גײענדיק אַהײם, אַז דאָרטן קוקן שוין אַרױס דער זון און דער אײניק.

דאַנקע האָט גאָר קײן געדולד ניט געהאַט צו וואַרטן אין שטוב אױפֿן זײדן. ער האָט געפֿילט די שאָ, ווען עזרע דאַרף קומען, און פֿלעגט אים אַרױס אַנטקעגן. געשטאַנען בײַ דער פֿאַראַדנע און געוואַרט, דער זײדע זאָל זיך באַווײַזן אױפֿן ראָג. אָנומלטן, ווען ער איז אַזוי געשטאַנען, איז די קלײנע מאַרע צוגעגאַנגען צו אים:

— אַהאַ, איך וױיס, אױף ווען דו וואַרטסט, — האָט זי אים אָן איבעריקע פֿאָרעדעס מױדיע געווען.

דאַנקע האָט פֿון דער זײַט אַ קוק געטאָן אױפֿן פּיצל פֿאַרזעעניש און מײַסע דערוואַקסענער געזאָגט, זי זאָל אױפֿהערן פּלױדערן, ווײַל זי ווײסט גאָרניט. האָט מאַרע זיך אָנגעבלאָזן און דײַטלעך, וואָרט בײַ וואָרט געגעבן צו פֿאַרשטײן, אַז זי פּלױדערט ניט, זי קאָן רײדן בעסער ווי אַ דערוואַקסענער, אַזוי האָט איר באָבע געזאָגט דער שכײנע. דאַנקע האָט אַ מעסט געטאָן מיט די אױגן די קלײנע כצופֿע און שוין אַ ביסל אַ צעקאָסטער געזאָגט, אַז טאַמער וועט זי ניט אױפֿהערן מאָלן מיטן צונג, וועט ער זי אָפּשיקן אױפֿן בױדעם. אָפּצולאָכעס דאַנקען האָט מאַרע אָפּגעענטפֿערט, אַז זי האָט גאָר ניט מוירע פֿאַר קײן בױדעם. אױב אַזוי, האָט דאַנקע זי אָנגעשראָקן, וועט ער נעמען בײַ זײַן זײדן דעם נאַגאַן און זי צעשיסן אױף פּיק־פּיצלעך. דערהערט די דאָזיקע רײד, האָט מאַרע ערשט געעפֿנט אַ מױל:

— שיסן? ביסטו, הײסט עס, אַ פֿאַשיסט? נאָר פֿאַשיסטן שיסן קלײנע קינדער.

דאַנקע האָט גאָרניט געוווּסט, וויאַזוי טשעפּעט מען זיך אָפּ פֿון איר. גוט, וואָס ער האָט בעשאַסמײַסע דערזען גײן עזרען, האָט ער זיך געלאָזט צו אים. נאָר פֿון מאַרען איז ניט אַזוי גרינג פּאָטער צו ווערן, זי קאָן אױך לױפֿן, און ניט ערגער פֿון דאַנקען, כאָטש ער איז אױף אַ סאַך וווּקסיקער פֿון איר.

זי האָט אים טאַקע אָנגעיאָגט. האָט ער שוין ניט אױסגעהאַלטן און זי אַזאַ שטופּ געטאָן פֿון זיך, אַז מאַרע האָט זיך איבערגעקערט דרײַ מאָל. נאָר מאַרע וויינט ניט. כאָטש זי האָט געכאַפּט אַ גוטן נעריק, דאָך האָט זי זיך אַלײן אױפֿגעשטעלט אױף די פֿיס און גענומען זיך אָפּטרײסלען. זי האָט ניט באַוויזן זיך אַרומקוקן, איז עזרע אױסגעוואַקסן לעם איר. ער האָט זיך אָנגעבויגן צו מאַרען און צוגערופֿן דאַנקען:

— אַזאַ קלײן מײדעלע מעג מען דען שלאָגן? — האָט עזרע געפֿרעגט.

— וואָס זשע לױפֿט זי צו דיר? דו ביסט דאָך מײַן זײדע, ניט אירער, — האָט דאַנקע געטײַנעט.

— מײַנער אױך, מײַנער אױך! — האָט מאַרע מיט אַ וויינענדיק קאָל זיך צעשריגן.

עזרע האָט גענומען מאַרען פֿאַר אײן האַנט, דאַנקען פֿאַר דער צווײטער און בײדע געפֿירט אַהײם, לעם דער פֿאַראַדנע האָט ער זײ איבערגעבעטן, און פֿון דעמלט אָן זײַנען דאַנקע מיט מאַרען געוואָרן די בעסטע כאַווײרים.

יאָ, ס'איז געווען אַ פֿאַרגעניגן האָבן צו טאָן מיט דאַנקען, נאָר דערפֿון זײַנען די דײַגעס ניט קלענער געוואָרן. געלעבט האָט זיך שווער. די פּראָדוקטן, וואָס עזרע און טאַמאַרע האָבן באַקומען אױף די קאַרטלעך, זײַנען געווען וויניק אױף צו זאַט מאַכן די שטוב. ס'איז ווידעראַמאָל געוואָרן אַ מאַנגל אין ברויט. און די קינדער וױיסן פֿון גאָרניט — גיב עסן. אײניקע מענטשן פֿאַרנעמען זיך מיט אױפֿקױפֿן קאַרטלעך. ער, עזרע, פֿאַרשטײט ניט אָט די געשעפֿטן און וויל פֿון זײ ניט וויסן. ער איז נאָך פֿײַיק צו פֿאַרדינען זײַן ברויט מיט די אײגענע הענט. און עזרע האָט זיך גענומען פֿאַר זײַן צווײטער מעלאָכע, וואָס ער האָט אַמאָל באַהערשט בײַ שאַרלען אין פּאָדריאַד. קײן אַרבעט האָט ניט געפֿעלט. פֿאַר די יאָרן פֿון מילכאָמע איז סײַ אין די וווינונגען, סײַ אין די אונטערנעמונגען שטאַרק פֿאַרלאָזט געוואָרן די דאַמף־באַהײצונג, די קאַנאַליזאַציע. איצט האָט מען אומעטום רעמאָנטירט, אָפּסנײַ געבויט, סאַנטעכניקער האָט מען געזוכט מיט ליכט, און עזרע האָט לאַנג ניט געטראַכט, און אין די אָוונטן, נאָכן טאָג אַרבעט אױפֿן זאַוואָד, האָט ער ערשט באַנײַס זיך אײַנגעשפּאַנט אין אַקער. אין שטוב איז געוואָרן פֿרײלעכער, מע האָט אױפֿגעהערט רײדן וועגן אַ שטיקל ברויט. אַז מע האָט אױפֿן זאַוואָד אַרױסגעגעבן עזרען טאַלאָנען אױף צו קױפֿן די קינדער מאַנטעלעך און שיכלעך אױף ווינטער, איז גאָר גוט געוואָרן. ער האָט אױך געקראָגן אַ טאַלאָן פֿאַר טאַמאַרען און איר געבראַכט אַ זשאַקעט, וואָס איז אַפֿילע אין די גוטע צײַטן געווען אַ גרױסער אַנטיק.

אײן זאַך אָבער האָט געקימערט עזרען. ווען ער פֿלעגט קומען באַנאַכט פֿון דער אַרבעט, האָט ער טאַמאַרען ניט געטראָפֿן אין דער הײם. ווידער אַוועק ערגעץ מיט איר פֿרײלעכער כאַווערטע פּראָסיען. וויאַזוי לאָזט מען עס איבער די קינדער אײנע אַלײן אין שטוב, האָט ער ניט

געקאָנט פארשטיין. דערצו האָט ער באמערקט, אז זי קומט אהיים בעגילופן. ער וועט מוזן זיך דורכריידן מיט איר. וואָס זי וויל, זאָל זי טאָן, נאָר ניט טרינקען.

ס׳האָט געטראָפן, אז טאמארע איז אין איינעם אָן אָוונט געקומען אהיים פריִער פון עזרען. ווען זי האָט אים דערזען ארײַנגיין פון דרויסן, האָט זי געמיינט, אז ס׳גייט עפּעס א פרעמדער מענטש, זי האָט געקוקט אַף אים און ניט דערקענט. דאָס געזיכט איז געווען שמוציק, די הענט האָבן זיך געבויטעט קימאט בא די קני. עזרע האָט זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן קיך, צעשפּרייט די שווערע פיס. די גרויסע שטיוול זײַנען געווען פיטש־נאס, ער האָט אראָפּגעוואָרפן פון די פּלייצעס דאָס זעקל געצײַג, מיטן ארבל אָפּגעווישט דעם פײַכטן שטערן און אָפּגעמאָסטן טאמארען מיט די רויטלעכע מידע אויגן.

— וואָס קוקסטו אזוי אַף מיר? איך קום ניט פון קיין ליאמע, קיין בראנפן האָב איך ניט געטרונקען און אַף קיין טישן האָב איך ניט געטאנצט. געשטאנען בין איך אין א גרוב מיט וואסער... — עזרע האָט זיך אָפּגעקערעוועט, זיך אנידערגעזעצט לעם טישל, אָנגעשפּארט דעם קאָפּ אין דער האנט און גלײַך אָנגעהויבן דרעמלען.

טאמארע האָט זיך אראָפּגעלאָזט אַף די קני און גענומען אראָפּשלעפּן פון זײַנע פיס די באַסע שטיוול.

— טשעפּע ניט, איך וועל אליין, — איז עזרע מיטאמאָל וואכנדיק געוואָרן.

— זיצט אײַן, איך בעט אײַך, — האָט טאמארע מיט ווייטעק געזאָגט און זיך גענומען איר ארבעט.

זי האָט געשטעלט ווארעמען וואסער. ביז די וואסער האָט זיך אָנגעוואָרעמט אַפן פּרימוס, איז עזרע געשמאק אנשלאָפן געוואָרן, פארלירנדיק דעם קאָפּ אַפן טיש. העט שפּעטער האָט ער געהערט, ווי טאמארע וועקט אים, געהערט, ווי זי זאָגט: „ווארעמע וואסער", „גייט זיך וואשן". ער האָט קוים אופגעהויבן דעם קאָפּ. טאמארע האָט אים געהאָלפן אראָפּשלעפּן פון זיך דאָס העמדל. דאכט זיך, זי האָט אים געפירט אין וואנע־צימער, געזייפט דעם קאָפּ, דעם האלדז־און־נאקן, נאָכדעם געהאָלפן אים ארומווישן זיך מיטן האנטעך. זי האָט אים גערופן עסן וועטשערע, נאָר ער האָט קיין קויעך ניט געהאט עסן. ער האָט קוים צוגעפּלאָנטערט מיט די פיס צום געלעגער.

אים האָט זיך אויך געדוכט, אז טאמארע האָט אים אײַנגעדעקט, געשטאנען איבער זײַן געלעגער און שטילערהייט, ווי פון ווײַטע ווײַטן, גערעדט וועגן דעם, אז מאָרגן איז זונטיק, וועט ער קאָנען שלאָפן וויפל ער וועט וועלן, ווײַל אויב ער וועט כאָטש איין טאָג ניט אָפּרוען, וועט ער פאלן פון די פיס.

פון דעמלט אָן איז טאמארע שטענדיק, ווען עזרע פלעגט זיך אומקערן פון דער ארבעט, געווען אין דער היים. און טאָמיד איז געווען צוגעגרייט ווארעמע וואסער אַף זיך ארומוואשן, א ריינער האנטעך און א וועטשערע.

זיי פלעגן אינצווייען זיצן אלעמאָל באם אָוונט־ברויט אין קיך, קעדיי ניט אופוועקן די קינדער. און דאָ באם טיש פלעגט מען פארפירן א געשפּרעך.

עזרע האָט זיך נאָכגעפרעגט, וואָס האָבן עפּעס שיקל און דאנקע געטאָן דעם טאָג. און טאמארע האָט אים געענטפערט, אז זיי האָבן געוואַרט אַף אים און זיך ניט געקענט דערווארטן. עזרע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און געשמייכלט צו זיך אליין. מע האָט אויך גערעדט וועגן דעם, אז מע דארף רעמאָנטירן די שטוב, אויסווײַסן די קיך מיט די קאָרידאָרן. זי האָט פאָרגעלייגט אירע פּלענער, ער — זײַנע. טאמארע האָט אין זינען געהאט אייצענען, עזרע זאָל כאָטש מאכן א קליינינקן איבערײַס מיט זײַנע באנאכטיקע ארבעטן, ווײַל וויפל קאָן עס א מענטש אזוי האָרעווען? זי האָט גערעדט ווי א פרײַנט, ווי אן אייגענע. עזרע האָט איר געגעבן צו פארשטיין, אז ביז ס׳איז ווארעם אין דרויסן, קאָן מען עפּעס פארדינען, ווינטער־צײַט וועט זײַן שווערער, טאָר מען ניט פארלירן קיין צײַט. אָט האָט זי ניט, טאמארע, קיין ווינטערדיקן מאנטל. דערוף האָט זי געענטפערט, אז זי וועט זיך באגיין, זי וועט ניט פארפרוירן ווערן. עזרע האָט זיך מיט איר ניט געאמפּערט, ער האָט געזאָגט, אז אים אליין איז שוין אויך נימעס טראָגן איינע און די זעלבע מיליטערישע קליידער — דעם שינעל, די גימנאסטיאָרקע מיט די גאליפע־הויזן, שוין צײַט קויפן א ציווילן אָנצוג, עפּעס איז ער דאָך שוין א זיידע, ניט קיין יינגעלע.

טאמארע האָט עפּעס א מאָדנעם קוק געטאָן אַף אים און זיך צעלאכט:

— אויך מיר א זיידע, — האָט זי, ווי געבנדיק אַף עפּעס אָנצוהערן, געזאָגט.

דאנקע האָט אויך ניט געוואָלט לײַדן, האלעמײַ עזרע גייט אוועק יעדן אָוונט פון שטוב, סייכל געהאט זיך אנידערשטעלן לעם זיידן, צוקלעפּנדיק זיך צו אים מיט זײַן גופעלע:

— זיידע, דו ווייסט, דו געפעלסט מיר זייער.

— נו, וואָס זשע האָסטו מיר פֿריִער ניט געזאָגט? — האָט עזרע קלוימערשט זיך געכי־דעשט, ארומגעמענדיק דערבײַ דאנקען פֿאר די אקסלען.

— אָ, — איז דאנקע געווען ניט צופֿרידן, — נעמסט שוין מיך ארום, ווילסט זיך שוין מיט מיר געזעגענען, גייסט שוין ווידער אוועק?

— וואָס זשע זאָל מען טאָן, ברודערקע?

דאנקע טוליעט זיך שטארקער צו צו עזרען, קוקט אים ארײַן אין די אויגן.

— און איך וועל דיך ניט לאָזן.

— דארף מען ניט, — איז עזרע קלוימערשט מאסקים, — נאָר וואָס זשע וועלן מיר טאָן, אז איך וועל זיצן אין שטוב? ווער וועט דיר קויפֿן א בייגעלע, א פֿלעשעלע מילך, וואָס וועט דעמלט אזא אָדלערל פּיקן?

— איך פּיק ניט, איך עס.

— אָ־דאָס מיינט מען דאָך...

עזרע וואָלט אליין ניט געוואָלט זיך צעשיידן מיטן אייניקל, ער וואָלט בעסער געגאנגען מיט אים שפּאצירן, נאָר ער מוז זיך קלײַבן אין וועג.

■

מע האָט ניט באוויזן זיך ארומקוקן, איז דער זומער דורכגעפֿלויגן ווי א פֿארשײַט ווינטל. נאָכדעם האָט זיך דער הארבסט געשווענקט אין די דריבנע אײַנגעגעסענע רעגנס, ביז עס האָט אָנגעהויבן בעמען פֿרעסטלעך, שיטן שניי. אזוי איז מען ארײַן אינעם ערשטן נאָכמילכאָמעדיקן ווינטער.

פֿארן זומער האָט עזרע אָפּגערעמאָנטירט די דירע. טאמארע מיט דאנקען זײַנען אריבער אינעם קליינעם צימער. די שכיינע, וואָס האָט דאָרט געוווינט, איז ארויסגעפֿאָרן, און דאָס אַל־קערל האָט מען ווידער אָפּגעגעבן עזרען. ער מיט שיקלען זײַנען געבליבן אינעם גרויסן צימער. אָבער מע האָט זיך ניט אָפּגעטיילט. פֿארקערט, טאמארע איז געבליבן, ווי געווען, די באַלעבאָסטע איבער דער גאנצער שטוב. און כאָטש ס'איז געווען א מאנגל אין האָלץ און אין קוילן, דאָך איז מערסטנטייל אין שטוב געווען געמיטלעך ווארעם, זויבער־ריין אין יעדן ווינקל. אין די אָוונטן, ווען עזרע האָט ניט באדארפֿט גיין אָף קיין באנאכטיקע ארבעטן, האָט שיקל אַלעמען, אפֿילע דאנקען, געלערנט שפּילן אין שאָך. בא זיך אין קלאס איז שיקל שוין געווען דער טשעמפּיאָן. דאָ, אין דער היים, איז אויך קיינער פֿון זײַנע שילער ניט בעקויעך געווען צו געווינען בא אים. בעשאס שיקל האָט געשפּילט מיט עמעצן פֿון זיי, איז געווען שא־שטיל, אָבער ווי נאָר עס פֿלעגן זיך אנידערזעצן בא דער שאָך־ברעט עזרע מיט טאמארען, האָט זיך געטאָן כוישעך. טאמארע האָט בעשום־אויפֿן ניט געוואָלט פֿארשפּילן, ווען זי האָט געזען, אז ס'האַלט בא איר שלעכט, פֿלעגט זי ביגנייווע אוועקשטעלן צוריק א פֿיגור אָף דער ברעט, וואָס עזרע האָט זי שוין פֿריִער געהאט אראָפּגעקלאַפּט, אָדער א שפּרונג טאָן מיט א פֿערד אהינצו, ווו מע טאָר ניט. אז עזרע כאַפּט טאמארען בא דעם שווינדל, באקומט זי איבער די הענט, ווי א שאָדנווינקל. דעמלט ערשט הייבט זיך אָן דער עמעסער געפֿילדער. טאמארע שרײַט, אז זי שפּילט ריכטיק, און עזרע דער־ווײַזט, אז זי שווינדלט.

— דו הערסט, וואָס מע זאָגט אָף דײַן מאמען? — גיט טאמארע א נעם דאנקען אָף די הענט.

— איך אטאקע! — צעשרײַט זיך דאנקע און ציט זיך צום זיידן מיט די פּויסטלעך.

אין שטוב ווערט א הור־הא מיט א געלעכטער. דער אוילעם האַלט מילכאָמע. שיקל איז אויך אינמיטן. אַלע דרײַ פֿאַלן אָן אָף עזרען, ווילן אים אומוואַלגערן. מיטאמאָל פֿארהרעבעט ער זיי אַלעמען מיט ביידע הענט, הייבט זיי אונטער, טראָגט זיי אוועק צום דיוואן און טוט זיי דאָרטן א שיט אויס.

נאָר אין א צײַט ארום איז טאמארע ווי איבערגעקערט געוואָרן. זי האָט אויפֿגעהערט פֿאר־ברענגען מיט די קינדער, ניט געשפּילט מער מיט עזרען אין שאָך, פֿלעגט זיך פֿארמאכן אין קליינעם צימערל און דאָרט אָפּזיצן אליין דעם גאנצן אָוונט.

איינמאָל, באם ווארמעס, האָט טאמארע געמאָלדן, אז זי האָט באקומען א בריוו פֿון איר מוטער, די מאמע רופֿט זי אהיים, און זי, טאמארע, הייסט עס, קלײַבט זיך אוועקפֿאָרן צוריק אָף אוראַל. עזרע האָט באַלד אפֿן אָרט ניט געפֿונען אפֿילע, וואָס איר צו זאָגן דערויף. ער האָט שוין אליין זיך אָנגעשטויסן, אז סאָפּקאָלסאָף וועט זי פֿארלאָזן די שטוב: זי איז יונג, זי דארף און קאָן נאָך אײַנאָרדענען איר אייגן לעבן פֿונדאָסנײַ. בעסער וואָלט געווען, פֿארשטייט זיך, ווען זי בלײַבט הי. נאָר וויל זי פֿארן, זאָל זײַן אזוי. ס'האָט זיך אים אָבער זייער ניט געגלוסט, זי זאָל מיטנעמען דאנקען מיט זיך. ווער ווייסט, צי בא איר, — זי וועט דאָך געוויס כאסענע האָבן —

וועט דעם אייניק זײַן בעסער, ווי בא אים. ער איז א טאַטע שיקלען, וועט ער זײַן א טאַטע אויך דאנקען. נישקאָשע, ס'וועט נאָך סטײַען קויכעס אופּציען זיי ביידע. און עפשער וועט נאָך זײַן א מאמע אויך... ער, עזרע, איז דאָך אויך ניט מער ווי א מענטש. געוויס וועט איר גאָר זײַן גריב־גער, אז דאנקע וועט בלײַבן דאָ.

אפן צווייטן טאָג האָט עזרע געהאַט מיט איר א שמועס. ער האָט ניט געייצעט טאמארען נעמען איצט דאַנקען מיט זיך. זי דאַרף אליין פאַרשטיין, אז מע טאָר ניט פירן קיין קינד אין אזעלכע קעלטן; דאָרטן, אין יענע מעקומעס, ווו איר מוטער וווינט, איז דאָך ביכלאַל מוירעדיקע פראָסטן. זאָל זי דערווײַל פאָרן אליין. אז זי וועט זיך אײַנאָרדענען, וועט זי קומען נאָכן קינד. זי דאַרף זיך ניט זאָרגן פאַר דאנקען, באַם זיידן וועט אים זײַן ניט ערגער, ווי באַם בעסטן שטיפ־פאַטער.

טאמארע האָט אים רויִק אויסגעהערט, נאָר עפּעס אזוי מאָדנע געקוקט אים אין די אויגן און באַדויערנדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ. עזרע האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס מיינט זי דערמיט. זי האָט צוגעזאָגט, אז זי וועט א טראַכט טאָן. ביזן לעצטן טאָג האָט ער ניט געוווּסט, צי זי לאָזט איבער דאנקען, צי זי נעמט אים מיט זיך. עזרע האָט דערווײַל געגרייט דעם אייניק אין וועג. ער האָט געקראָגן פאַר אים א פּאָר גוטע פוישטלעך. ווען טאמארע האָט זיי דערזען, האָט זי זיך שטאַרק דערפרייט. זי האָט לאַנג באַטראַכט יעדער פוישטל באזונדער, מאַמעש זיך געשפיגלט אין זיי. נאָכדעם האָט זי, אזוי זיך, פאַרבײַגייענדיק, א זאָג געטאָן:

— די פוישטלעך וועלן אים דאָ אויך צוניץ קומען.

הייסט עס, זי לאָזט דאנקען איבער דאָ. עזרען איז אראָפּ א שטיין פון הארצן. ער האָט נאָר מוירע געהאַט, אז דאנקע אליין וועט ניט וועלן בלײַבן אָן דער מוטער, אָבער דער יאַט האָט זיך געלאָזט אײַנריידן, אז די מאמע וועט אינגיכן קומען נאָך אים.

אף מאָרגן, נאָך דעם ווי טאמארע איז אוועקגעפאָרן, האָט עס עזרען אופגעהויבן פון געלע־גער קאַיאָר. איצט דאַרף ער אליין אופזידן א גלאָז טיי, צוגרייטן א פרישטיק. בייס ער האָט זיך גענומען אָנטאָן, האָט ער דערפילט א ביטערע קעלט. אין דרויסן האָט, ווײַזט אויס, געברענט א מוירעדיקער פראָסט. עזרע האָט אָנגעהויבן פּאַטשן מיט די הענט איבערן לײַב אף צו דער־וואַרעמען זיך א ביסל און זיך געלאָזט גיין אין קיך. ער האָט געמיינט, אז דאָרטן וועט זײַן וואַ־רעמער. נאָר ווער וואָס? קיינער האָט דאָך ניט אײַנגעהייצט, דעם פּרימוס ניט אָנגעצונדן. ביטאָ טאמארע, איז פּאַרט עפּעס קאַלט און פּוסט געוואָרן אין שטוב.

אָן אײַנגעהויקערטער איז עזרע געשטאַנען, געקוקט אפן שטומען פּרימוס, אפן קאַלטן טשײַ־ניק, ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אז די קיילים וואַרטן בלויז אף איר, אף טאמאַרען. זיי, די דאָזיקע קיילים, ווילן אים, עזרען, גאָרניט קענען. אָנצינדן דעם פּרימוס? אָנהייבן גרייטן פריש־טיק? אז ער וויל גאָר קיין עסן ניט, ער איז ניט הונגעריק. אָבער די קינדער מוז ער דאָך אָנהאָ־דעווען. אף קינדער דאַרף מען אכטונג געבן, א קינד דאַרף מען באַצײַטנס אָנהאָדעווען, אויס־באָדן, אָנטאָן אף דעם א פריש העמדעלע, פאַריכטן א פּאָר הייזלעך, זיי דאַרפן א פרוייִשע האַנט. און די שטוב אליין קאָן דען זײַן אָן א באַלעבאָסטע?

מיט סאָפיע יאַקאָוולעוונען האָט עזרע זיך באַקאַנט, ווען טאמארע איז נאָך געווען הי. אײַ איז די סאָפיע יאַקאָוולעוונע א דורכגעטריבענע, א קלוגע אישטע און א קלוגער מענטש! זי האָט געוווּסט, וויִאזוי צופאַרן צו עזרען, ער זאָל זיך נעמען רעמאָנטירן די דאַמף־באַהייצונג אין דעם שנײַדער־וואַרשטאַט, ווען די פראָסטן האָבן שוין אָנגעהויבן קרעמפּעווען.

אינמיטן גאַס, ער איז געגאַנגען פון זאַוואָד, האָט זי זיך צוגעשטעלט צו אים, אויסגע־שטרעקט א האַנט, ווי צו אן אַלטן באַקאַנטן, זיך באַגריסט, נאָכדעם זיך אנטשולדיקט און גע־זאָגט, אז מע האָט איר געייצעט זיך ווענדן צו אים, ווײַל נאָר ער, דער שלאָסער זאַווערויכע, וועט זי קענען ראַטעווען.

מיט וואָס וויל זי זיך ווענדן צו אים? פון ווען אָן איז ער עס א שלאָסער? א פאַרוווּנדערטער האָט עזרע אָנגעקוקט די אומבאַקאַנטע פרוי און ניט פאַרשטאַנען, וואָס וויל זי פון אים. ווײַזט אויס, אז אין שטוב בא איר האָבן אין אָט דער קעלט אינמיטנדערינען געפּלאַצט די באַטארייעס, און עמעצער האָט זי אָפּגעשיקט צו אים. נאָר מיט וואָס קאָן ער איר העלפן? ניט זײַן זאַך איז האָבן צו טאָן מיט אוואַריעס. ער וועט איר, מוזן אָפּזאָגן, האָט ער געטראַכט, און ניט אופגעהערט קוקן אף איר. נייִן, ניט אף איר, נאָר אפן ברוינעם פוטערנעם קאָלנער פון איר מאַנטל, אפן קאַראַקולענעם היטעלע, וואָס איז אזוי כיינעוודיק געזעסן אף איר קאָפּ. עמעס, איר מאַנטל איז געווען א ביסל אָפּגעבליאַקעוועט, אָבער לויט אלץ איז צו זען, אז די מילכאָמע האָט די דאָזיקע פרוי ניט אָנגערירט מיט קיין פינגער, און אויב זי וועט איצט כאַפּן א ציטער, וועט איר כאַלילע

גאָרנישט ניט שאַטן. זי איז, קיין אייַנהאָרע, א געפּאַקטע און א שטייַפע, ביז דער פראָסט וועט דערלאַנגען צו אירע ביינער, וועט ער זיך אָפּגיסן מיט פּאַטיאָקעס שווייס און אנטרונען ווערן. זי זעט אויס לעכאַל־האַפּאָכעס ווי א דאָקטערן, וואָס איז ניט זשעדנע אף קיין ביסל ספּירט; ווייַזט זיך ארויס, אז זי איז גאָר א שעף פון א שנייַדער־ווארשטאַט.

די דאָזיקע פרוי רעדט מיט אן אָנגענעמער שטים און שמייכלט אַזוי ווארעם, אז עזרען ווערט עפּעס גוט אף דער נעשאָמע. זי גיט אים צו פארשטיין, אז ס׳איז א ראַכמאָנעס אף אירע מיידלעך, זיי ווערן דאָרטן פארפרוירן אין ווארשטאַט, קענען ניט נעמען די נאָדל אין האַנט. אזעלכע יונגע מיידלעך, א שאָד נאָר, וואָס ס׳איז ניטאָ, ווער עס זאָל זיי דערוואַרעמען, — פּרוּווט זי זיך וויצלען. נאָכדעם נעמט זי אים איבערצייַגן, אז ער וועט ניט נאָר איר פערזענלעך טאָן א גרויסע טויווע. אויב ער וועט ניט מאַכן ווארעם אין ווארשטאַט, וועט זי מוזן צעטרייַבן די גאַנצע כאַליאַסטרע, און מענטשן נייטיקן זיך איצט אין שנייַדערייַ מער ווי אַלעמאָל. דער אוילעם איז דאָך אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן. טאָמער וועט עזרע אַליין וועלן אופנייען צי איבערניצעווען אן אָנצוג אָדער א מאַנטל, וועט ער דארפן ווארטן ביז איבעראיאָר אין דער צייַט. זי איז אנשוויגן געוואָרן. עזרע האָט שוין געוואָלט א דרייַ טאָן מיטן קאָפּ אף ניין, האָט זי אים אָנגענומען פאר א האַנט און אירע אויגן האָבן מאַמעש געבעטן ראַכמים. און כאָטש ער האָט שוין געהאַט באַשטימט מער ניט נעמען קיין ארבעט אין די אָוונטן, דאָך האָט ער איר ניט געקאָנט אָפּזאָגן. זי האָט געוואָלט, ער זאָל גלייַך מיט איר גיין א קוק געבן, ער זאָל איר זאָגן, וואָס מע דארף צוגרייטן צום רעמאָנט. עזרע האָט צוגעזאָגט קומען מאָרגן. זאָל זי געבן דעם אדרעס, וועט ער אַליין צו איר טרעפן.

אין א פּאָר טעג ארום איז עזרע צוגעטראָטן צו דער ארבעט. און שטענדיק, ווען ער פלעגט זיך פונעם קאַלטן דרויסן ארייַנשטעלן אין קעלער, ווו דער שנייַדער־ווארשטאַט האָט זיך דעמלט געפונען, האָט סאָפיע יאַקאָוולעוונע אים באַגעגנט ווי אן אָנגעלייגטן גאַסט. כאָטש די קעלט האָט זיך גאַנץ גוט געלאָזט פילן אין קעלער, איז זי געווען אָנגעטאָן אין א שווארצן סאַטינענעם כאַלאַט מיט א ווייַס קעלנערל, וואָס האָט שעמערירט אף איר הויכן שיינעם האַלדז.

דער טשייַניק טיי איז שוין געשטאַנען אף דער עלעקטרישער פליטקע און געזאָטן ווי א גאַזלען.

— אפּריִער א גלעזעלע ווארעמס, עזרע יעווסייעוויטש, — פארבעט זי אים צום טיש, וואָס שטייט בא איר אין קאָנטאָרקע.

באַם גלעזל טיי האָט סאָפיע יאַקאָוולעוונע אויסגעפרעגט עזרען פון אַלעף ביז טאָוו. זיך דערוווּסט זייַן געשיכטע, האָט זי גאָר אנדערש גענומען קוקן אף אים. צום גלעזל טיי איז אָפּטמאָל אף דער עלעקטרישער פליטקע געווען אָפּגעקאָכט א קאַרטאָפל און אונטערגעוואַרעמט א שטיקל טושאָנקע אויך.

עזרען איז די זאַך געווען ניט צום האַרצן. ער האָט געוואָלט וויסן, פארוואָס בלייַבט זי יעדן אָוונט דאָ, אין קעלער. זי האָט דען מער ניט וואָס צו טאָן? צי זי האָט קיין היים ניט? וואָסי, ער קאָן זיך ניט באַגיין אָן איר? ער וואָלט אינעם ווינקל, וואָס זי האָט אים אָט דאָ אָפּגעטיילט, אָן איר איבערגעפּאַקעוועט די ראַדיִאַטאָרס, צוגעגרייט די טרויבן. נאָכדעם, אין אן ארויסגאַנג־טאָג, וואָלט ער געקומען מאָנטירן, און פּאָטער מיט אן אייסעק. זי וואָלט זיך געמעגט גיין, וווּהין זי דארף, אָדער זיצן אין דער היים, דרייט זי זיך ארום דאָ, זי זוכט זיך ארבעט. ניט אנדערש, זי האָט מוירע אים איבערלאָזן איינעם אַליין, ער קאָן נאָך אופעפענען די שלעסער און ארויסטראָגן פון דער קלאַדאָווע ווו א פיצל שניט־סכוירע. וואָס ווייַטער, האָט עס עזרען מער פארדראָסן.

ער האָט אופגעהערט טרינקען טיי מיט סאָפיע יאַקאָוולעוונען; וויפל מאָל זי האָט אים ניט פארבעטן ארייַנגיין אין קאָנטאָרקע עפּעס איבערכאַפּן, האָט ער יעדער מאָל געזאָגט, אז ער האָט נאָרוואָס געגעסן ווארמעס. און אין איינעם אן אָפּדערנאַכט, ווען ס׳האָט שטאַרק געדרייט אין דרויסן, דער ווינט האָט געריסן שטיקער פון יעדן דורכגייער, און ער, עזרע, איז איבערגעפרוירן געוואָרן, ביז ער האָט זיך דערקליבן צום ווארשטאַט, האָט ער ניט אויסגעהאַלטן און זי געפרעגט:

— וואָס זיצט איר דאָ אַזוי שפּעט, וואָס גייט איר ניט אַהיים? איר היט מיך, סאָפיע יאַקאָוולעוונע? האָט קיין מוירע ניט, איך וועל אייַערע שלעסער ניט טשעפּען.

סאָפיע יאַקאָוולעוונע האָט א ציטער געטאָן, פּונקט ווי ער וואָלט זי כוישעד געווען אין א גנייווע. נאָר זי האָט זיך די מינוט ארומגעקוקט, געוואָרן גאָר אן אנדערע. מיט א שמייכל איז זי צוגעגאַנגען צו עזרען, געהאָלפן אים פאַנאַנדערשפּיליען דעם שינעל, ווייַל די פינגער זייַנען געווען בא אים פארפרוירן, אראָפּגעשלעפּט פון זייַן קאָפּ דאָס היטל, גענומען טרייסלען דעם שניי פון זייַנע אקסלען, פון דער פלייצע און שטילערהייט גערעדט.

— אַזאַ דרויסן, אַן איבערקערעניש... דערפאר רעדט איר אזעלכע בייזע ווערטער, עזרע יעווסייעוויטש, — זי האָט צוגענומען בא אים דעם שינעל, אופגעהאַנגען אף א מאַנעקען און א טרייסל

געטאָן די פּאַלעס, ווי אַ געניטער שניַידער טוט אַמאָל אַ טרייסל זײַנס אַ שטיקל אַרבעט, מיט וועלכן ער איז העכסט צופרידן.

עזרע איז צוגעגאַנגען צו דער טאַבורעטקע, אַף וועלכער ס'איז געשטאַנען די עלעקטרישע פּליטקע, אויסגעשטרעקט די הענט צו די אָנגעגליטע ספּיראַלן און אַליין ניט ווויסנדיק צוליב וואָס, אָנגעהויבן ציילן די פײַערדיקע רייפעלעך.

סאָפּיע יאַקאָוולעוונע האָט געגומען גרייטן צום טיש. דאָס גרייטן אַליין האָט בא איר געהאַט אַ באַזונדער כיין. דאָס ווײַסע סערוועטל אַפן טישל האָט געפּרייט דאָס אויג, די אָנגעצויגענע סענץ, וואָס זי האָט אָנגעגאָסן אין די גלאַנציקע גלעזער, האָט פאַרשמעקט מיט אַ געשמאַקן גערוך. דאָס מאָל האָט עזרע ניט געקאָנט איר אָפּזאָגן און ער האָט זיך צוגעזעצט צום טישל. ער האָט אַלץ געריבן די הענט, כאָטש ער האָט זיך שוין פון לאַנג אָנגעוואַרעמט. ס'איז זיי ביידן שווער געווען אָנהייבן אַ געשפּרעך. און אַז מע האָט אָנגעהויבן ריידן, האָט מען גערעדט וועגן דער פּאַגאָדע, ווען וועלכן די פרעסט אָפּלאָזן אַ ביסל, ווען וועלן אופהערן ווייען די ווינטן. מיט־אַמאָל האָט סאָפּיע יאַקאָוולעוונע אַ שמייכל געטאָן צו זיך אַליין.

— איַי, עזרע יעווסייעוויטש, האָט איר מיר הײַנט אַרײַנגעזאָגט, — האָט זי אים גענומען מוסערן. — איר ווונדערט זיך, וואָס איך איַיל ניט אַהיים? פאַרוואָס פרעגט איר ניט, צי עמעצער וואַרט אַף מיר אין דער היים?

זי האָט עפּשער געוואָלט, נאָר שוין ניט געקאָנט זיך אָפּשטעלן, געמוזט זיך אָפּרעדן פון האַרץ. צי ווייסט ער, אַז זײַן אין שטוב איינע אַליין צווישן פיר ווענט איז ניט פון די געשמאַקע מײַ־כאַלים? ווען זי דאַרף כאָטש אַף עמעצן וואַרטן, ווען זי ווייסט, אַז איר מאַן וועט אַ קלאַפּ טאָן אין טיר? איז ער דאָך אומגעקומען אַף דער מילכאָמע. זי האָט מיט אים אָפּגעלעבט העכער צען יאָר און קיין קינדער ניט געהאַט. איצט איז זי עלנט ווי אַ שטיין. וואָס זשע האָט זי צו איַילן אַהיים, די גאַנצע נאַכט הערן, ווי די ווינטן ווייען? איז זי כאָטש אַ צײַט נאָענט לעבן אַ מענטשן, וועט איר בלײַבן בלויז אַף אַ האַלבער נאַכט הערן, ווי דער ווינט ווייעט.

סאָפּיע יאַקאָוולעוונע האָט גערעדט און דערבײַ אַלץ געקוקט, ווי עזרע האַלט איןביידע הענט די גלאָז טיי, בלאָזט אַף דער הייסער פליסיקײַט און האָט מוירע אופצוהייבן די אויגן. זי האָט דערציילט, אַז עס מאַכט זיך זייער אָפּט, ווען זי בלײַבט דאָ נעכטיקן. אַמאָל פאַרהאַלט זי זיך מיט אַ שטיקל אַרבעט. די טראַמווײַען גייען דאָך שלעכט. וואָס זשע דאַרף זי זיך שלעפּן צופוס אין אַ בלאָטע אָדער אַז ס'איז אַ פראָסט? דער וואַרשטאַט איז איר צווייטע היים, עס מאַכט ניט אויס, וואָס ער איז אין אַ קעלער. שפּעטער אַ ביסל וועט מען אויסבויען אַן אַטעליע מיט הויכע, ברייטע פענצטער, עס וועט זײַן ווי פאַר דער מילכאָמע און עפּשער נאָך בעסער. איר דירע איז געבליבן גאַנץ, נאָר ס'איז ווײַט פונעם צענטער, זי וווינט לעם דימיעווקע.

וואָס ווײַטער, איז זי געוואָרן דרייסטער מיט אירע רייד. זי האָט אין יעדער וואָרט אַרײַנ־געלייגט אַ שטיק נעשאָמע. זי האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן עזרען, וועגן זײַן אַרבעט. זי האָט זיך ניט געשעמט און אים אָפּן געזאָגט, אַז זי איז צופרידן, וואָס ער אַרבעט דאָ, ווען וועט זי נאָך האָבן אַזאַ געלעגנהײַט זיצן מיט עזרע יעווסייעוויטשן באַם טיש און טרינקען טיי, ווען וועט זי האָבן דאָס פאַרגעניגן קוקן, ווי ער פּראַצעוועט, ווי זײַנע אויגן באַטראַכטן דאָס שטיקל אַרבעט. אַז ער נעמט אַרײַן אין זײַנע הענט אַ שווערן ראַדיאָטאָר, דוכט זיך איר אויס, דער ראַדיאָטאָר אַליין קוועלט אַן פון זײַן גוווּרע. דער האַקן וויל זיך גאַרניט אַמפּערן, אַז ער דערפילט, ווי עזרע יעווסייעוויטש נעמט צו אים דעם האַמער, און גאַכן ערשטן קלאַפּ הערט ער אוף זיך אַקשענען און בלײַבט שטעקן אין וואַנט.

סאָפּיע יאַקאָוולעוונעס פּאָנעם איז פאַרפלאַמט געוואָרן, ווי זי וואָלט געשטאַנען בא אַ ברענענדיקן אויוון, די אויגן האָבן העפקערדיק געגלאַנצט. אירע הענט האָבן ווי ניט אומיסטן אַ גלעט געטאָן עזרעס האַנט, וואָס איז געלעגן אַפן טיש. דערבײַ האָט זי אים געפרעגט, צי איז ער זי ניט כוישעד אין אַן ערגערן פאַרברעכן, ווי זיצן דאָ און אים היטן.

עזרע האָט ניט געהאַט וואָס צו זאָגן. ער האָט אָפּגעדאַנקט פאַר דער טיי, זיך אופגעהויבן און געלאָזט זיך גיין אין זײַן ווינקל. ער איז אַרײַנגעקראָכן אין די גרויסע שוואַרצע הויזן פון דער ספּעצאָווקע, זי אַרופגעשלעפּט אַף זיך און אָנגעהויבן איבערקלײַבן די טרויבן, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אַפן ווערקשטעל, וועלכן ער האָט אַליין צונויפגעקלאַפּט, נאָכדעם פאַרקלעמט אין די טיסקעס אַ טרויב און גענומען זיך פאַרן גרויסן קלופּ. די אַרבעט האָט בא אים געברענט אונטער די הענט, אָבער מער ווי אַף צוויי שאָ האָט עזרע ניט געוואָלט זיך הײַנט פאַרהאַלטן. סע קאָן זײַן, אַז די טראַמווײַען שטייען, און ער וועט מוזן גיין צופוס אַהיים.

אַז ער האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט דער אַרבעט, וואָס ער האָט אַף הײַנט אָנגעמערקט, האָט ער זיך אָרומגעוואַשן און איז אַרײַנגעגאַנגען אין דער קאָנטאָרקע אָנטאָן דעם שינעל. איי־

דער עזרע האָט געמאַכט אַ שפּאַן אַף אַרויסגיין, איז סאָפּיע יאַקאָווליעוונע צוגעגאַנגען צו דער טיר און אים פאַרשטעלט דעם וועג.

— ווער וועט אײַך אַרויסלאָזן אין אַזאַ דרויסן?

עזרע האָט זיך צוגעשפּאַרט צום ראַנד פון דער טיר און מיט נײַגער באַטראַכט איר געזיכט. קעדיי ניט שווײַגן, האָט ער אַרויסגעשטאַמלט:

— די קינדער מײַנע וואַרטן דאָך אַף מיר.

סאָפּיע יאַקאָווליעוונע האָט אים געגלעט מיט די אויגן.

— די קינדער שלאָפן שוין פון לאַנג, — האָט זי שטילערהייט געזאָגט, — און די שנור איז דאָך אין דער היים. איך זאָל וויסן, אַז די קינדער זײַנען אַליין, וואָלט איך אײַך קיינמאָל ניט פאַרהאַלטן, אָדער איך וואָלט אַליין אַוועקגעלאָפן צו זיי.

עזרע האָט, פאַרשטייט זיך, געקאָנט אָנעמען זי פאַר די הענט העכער די עלנבויגנס, אַף אַן אײדעלן אויפן אָפּפירן פון דער טיר, זאָגן אַ גוטע נאַכט און אַוועקגיין אַהיים, נאָר זי האָט אים ווי פאַרקישעפט מיט אירע אויגן. ער האָט ניט דערווידערט, ווען זי האָט אים גענומען אונטערן אָרעם און אומגעקערט צוריק צום טיש. דערבײַ האָט זי אומרויִק און אײַליק געגרעדט:

— אַרויסלאָזן אַ הונט אין דרויסן וואָלט אויך אַצינד געווען אַ גרויסע עווירע.

זי האָט אים געהאָלפן אויסטאָן דעם שינעל. ס'האָט לאַנג ניט גענומען, און אָפן טיש איז שוין געשטאַנען אַ וועטשערע, אַפילע מיט אַ ביסעלע מאַשקע אויך.

עזרע איז אַהיים ניט געגאַנגען. אין דרויסן האָט זיך געטאָן כוישעך, ס'האָט אַזוי געדרייט, אַזוי געווייעט, ווי די זאַווערוכע וואָלט געהוליעט איבער דער גאַנצער ערד.

ס'האָט אָנגעהויבן שאַרײַען אַף טאָג, ווען ער האָט געעפנט די טיר בײַ זיך אין שטוב. טאַמאַרע איז ניט געשלאָפן. דערזען עזרען, האָט זי מיט צאַרן געזאָגט:

— מע דאַרף דאָך האָבן גאָט אין האַרצן!

זי איז אַוועק צו זיך אין צימערל און פאַרהאַקט הינטער זיך די טיר. זי האָט אים ניט פאַרגערלייגט גיין זיך וואַשן, ווײַל ער אַליין און אַלץ אַף אים איז געווען ריין און ציכטיק, קיין וועטשערע אים ניט געוואָרעמט, זי האָט דאָך געזען, אַז ער האָט אַפילע אַ ביסעלע אויסגעטרונקען.

ווײַזט אויס, פון דעמלט אָן האָט טאַמאַרע אָנגעהויבן קאַיען, געוואָרן אָפּגעפרעמדט און צום סאָף זיך אויפגעהויבן און אַוועקגעפאָרן.

אײַנגיכן האָט עזרע געהאַט פאַרענדיקט די אַרבעט אינעם שנײַדער־וואַרשטאַט. סאָפּיע יאַקאָווליעוונע האָט געניייט פאַר די קינדער צוויי נײַע קאָסטיומדלעך. בלויז עזרעס אָנצוג האָלט זי אַלץ באַם פאַרענדיקן. אין אָוונט וועט ער צולויפן מעסטן. עזרע באַמערקט, אַז איצט הייבט עפּעס אָן שיקל קאַיען. שוין זשע פאַרשטייט ער עפּעס?

■

שיקל האָט ניט בלויז פאַרשטאַנען, ער האָט מיט אַלע זײַנע כושים געפילט, אַז עפּעס איז מיטן טאַטן פאָרגעקומען. די לעצטע צײַט איז אים גאָרניט צו דערקענען. אַפילע אַף דאַנקען קוקט ער מיט פרעמדע אויגן, צערטלט אים שוין ניט, ווי פריִער. דאַנקע זאָל זיך ניט בעטן, וואָלט דער זיידע אים קיינמאָל ניט גענומען אַף די הענט. און ער, דאַנקע, קוקט מיט כשאַד אַף עזרען, לאָזט ניט אַראָפּ פון אים די אויגן, ווײַל וויסן, פאַרוואָס איז מען צו אים אַזוי פּלוצעם אָפּגעקילט געוואָרן.

אַף יעדער שריט און טריט האָט עזרע אָנגעהויבן זיך טשעפּען צו שיקלען: ניט אַזוי גייסטו און ניט אַזוי שטייסטו. דעם טאַטן געפעלט ניט, ווי שיקל האַלט די לעפל אין האַנט, ווי'אַזוי שיקל האָט אָפּגעוועקסלט די שיך, צו הילכיק זופּט ער די יויך.

שיקל ווייסט, ווער איז אין דעם שולדיק: זי... יענע, וואָס איז ערשט ניט לאַנג געקומען צו זיי אַהיים אַראָפּנעמען אַ מאָס פון דאַנקען און פון שיקלען אַף אויפצונייען זיי גאַרניטערלעך. אײַ איז שיקלען ניט געפעלן געווען, ווי דער טאַטע האָט זי באַגעגנט! אַז ס'האָט זיך דערהערט אַ קלונג, האָט דער טאַטע אַזש אַ ציטער געטאָן, פאַרגעסן גאָר ווו ער איז אין דער וועלט, אַ צעטראָגענער געלאָפן עפענען. דאָרטן אין קאָרידאָר, באַם הענגער, האָט ער איר אויסגעטאָן דעם מאַנטל, גענומען זי אונטערן אָרעם און אַרײַנגעפירט אין שטוב, בעשאַסמײַסע זיך נאָכגעפרעגט: „וואָס מאַכט סאָפּיע יאַקאָווליעוונע, ווי פילט זיך סאָפּיע יאַקאָווליעוונע?" און זי, די סאָפּיע יאַקאָווליעוונע, איז באַלד געוואָרן היימיש אין שטוב, זיך געפילט ווי באַ זיך אין דער היים, געשמייכלט מיט אַ וואַרעם שמייכעלע צום טאַטן. ער, דער טאַטע, איז אָקאָרשט ניט צעשמאָלצן געוואָרן פאַר טײַנעג.

סײַ שיקל, סײַ דאַנקע זײַנען, ווײַזט אויס, שטאַרק געפעלן געוואָרן סאָפּיע יאַקאָווליעוונען אין שלייער. ווען זי האָט שיקלען געדאַרפט אַראָפּנעמען אַ מאָס, האָט זי אים אַנידערגעשטעלט

לעבן זיך, אַליין איז זי געזעסן אַף אַ בענקל, און אַזוי, זיצנדיק, האָט זי אים באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס. דערנאָך האָט זי זיך אופגעהויבן פון אָרט, און ס'איז אַוועק אַ מײַסע מיט אַ מעסטעניש. זי האָט געמאָסטן דעם ברוסטקאַסטן זײַנעם, דעם האַלדז, די הענט און די פיס, און אַלץ פאַרצייכנט מיט אַ בלײַער אַף אַ פּאַפּירל. אַז ס'האָט זיך געענדיקט דאָס מעסטעניש, האָט זי געפרעגט בא שיקלען, צי וויל ער, מע זאָל אים אופנייען לאַנגע ברייטע מאַטראָסישע הויזן, צי פּאַשטעטע, קורצע און שמאָלע. און ניט וואַרטנדיק אַף קיין ענטפער, האָט זי געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אים, שיקלען, וועלן בעסער פּאַסן מאַטראָסישע הויזן, ווײַל ער איז קיין אײַנהאָרע אַ וווקסיקער באָכער.

מיט דאַנקען האָט זי גאָר ניט געוווסט וואָס צו טאָן. זי האָט אים אַרומגענומען, געטוליעט צו זיך, אים אַפילע אַ קוש געגעבן, און ער, דאָס קליינע טאַמעלע, האָט זיך ניט געוווערט. נאָר וואָס פאַרשטייט ער?

שיקל האָט שוין געוווסט, ווען דער טאַטע קלײַבט זיך גיין צו איר. ער גאָלט זיך, און וואַשט זיך, און פּוצט זיך, און ס'נעמט גאָר קיין סאָף ניט דערצו. אַזוי ווײַזט זיך אויס שיקלען. און אַז דער טאַטע גייט אַ פאַרפּוצטער אַרויס פון שטוב, גלוסט זיך שיקלען אויסשרײַען אַף אַ קול:

— טאַטע, וווהין גייסטו?

נאָר שיקלען פאַרכאַפּט דעמאָלט דער אָטעם, און ער קאָן ניט אויסריידן קיין איין וואָרט. ערשט אין אַ ווײַלע אַרום באַקומט ער לאָשן.

— האָסט פאַרשטאַנען, דאַנקע? — פרעגט ער באַם יאַטל, וואָס טוליעט זיך צו אים.

ניין, דאַנקע האָט גאָרנישט ניט פאַרשטאַנען. ער ווייסט בלויז ניט, פאַרוואָס דער זיידע איז אַף אים באַרויגעז, ער ווייסט אויך ניט, פאַרוואָס הייבט אים אָן עפּעס וואָרגן אין האַלדז. עס גלוסט זיך אים וויינען, נאָר ער האָט מוירע, אַז שיקל זאָל אַף אים ניט אָנשרײַען.

שיקל קוקט דאַנקען גלײַך אין די אויגן און רעדט צו אים מיט אַ האַרבער שטים:

— זײַ וויסן, דאַנקע, אַז דײַן זיידע, מײַן טאַטע הייסט עס, וויל אונדז ברענגען אַ פרעמדע מאַמע.

דאַנקע טוט אַ וואָרף מיט די הענט און צעשרײַט זיך וויינענדיק:

— איך דאַרף ניט, איך וויל ניט!

— און איך וויל דען? — שיקל באַלייגט דאַנקען אַפּן געלעגער.

זיך געשמאַק אָנגעוויינט, שלאָפט דאָס יאַטל באַלד אײַן. און שיקל פאַרקוקט זיך אַף דער מאַמעס פּאַטאַ, וואָס הענגט אַף דער וואַנט. שיקל פילט אַפילע ניט, ווי ס'קײַקלען זיך פון זײַנע אויגן, איינס נאָך איינס, גרויסע טרערן.

■

צו יענער צײַט איז געוואָרן וואַרעם אין דרויסן. שיקלען איז אַ סאַך גרינגער געוואָרן. מע האָט ניט באַדאַרפט הייצן די הרובעס, ניט באַדאַרפט האָבן צו טאָן אַזויפיל מיט דאַנקען. מע קאָן אים איבערלאָזן אין הויף זיך שפּילן מיט מאַרען. מאַרעס באַבע האָט אַכטונג געגעבן אַף ביידע קינדער, ביז שיקל האָט זיך ניט אומגעקערט אַהיים פון שול. הײַנט וואָס איז ווערט די וואַרעמע פרילינגדיקע זון? שיקל האָט זיך אַזוי פאַרבענקט נאָך די זונען־שטראַלן, וואָס צערטלען און לאַשטשען יעדן איינעם, ווי געטרײַע הענט פון אַ מוטער.

איז דעמאָלט טאַקע גוט געווען שיקלען, וואָס דער פרילינג איז געקומען, נאָר ער האָט געוואָלט, ס'זאָל נאָך בעסער זײַן, דער טאַטע זאָל פאַרגעסן אין יענער, אין דער סאָפּיע יאַקאָוולעווען. אָבער טאַקע יענעם פרילינג, אין איינעם אַ שיינעם טאָג איז דער טאַטע געקומען מיט אַ נײַס, אַז די קאָסטיומדלעך זײַנען שוין פאַרטיק. אײַ סאָפּיע יאַקאָוולעוונע האָט זיי צו לאַנג געניית, איז זי ניט שולדיק. זי האָט ניט געקאָנט קריגן די געהעריקע סכוירע. דערפאַר איצט וועלן שיקע און דאַנקע באַקומען צוויי גאַרניטערלעך איינע אין דער וועלט, הײַנטיקע צײַטן זעט מען גאָר אַזעלכע ניט. דערבײַ האָט דער טאַטע גענומען לויבן סאָפּיע יאַקאָוולעוונען אין טאָג אַרײַן, זי איז אַ מומכע פון מומכע־לאַנד; כוץ דעם, איז זי אַזאַ באַלעבאָסטע, וואָס קיין צווייטע איז צו איר ניטאָ, אָט אײַנגיכן וועט זי אַף שטענדיק קומען אַהער, וועט די גאַנצע שטוב אופגעריכט ווערן.

עזרע האָט געהערט און זיך געקוויקט מיט זײַנע רייד, נאָר ניט געקאָנט קוקן שיקלען אין די אויגן. ער האָט אָפּגעקערעוועט דאָס פּאָנעם אין אַ זײַט, פּונקט ווי ער וואָלט די גאַנצע מײַסע דערציילט דער וואַנט.

שיקל האָט אויסגעהערט דעם טאַטן, יעדער וואָרט האָט ווי אַ שווערער שטיין זיך געלייגט אַפּן האַרצן. ער האָט דעם פּאָטער געוואָלט זאָגן, אַז ער, שיקל, דאַרף ניט אירע גאַרניטערלעך

און ווײַל זי ניט אָנקוקן דאָ אין שטוב. נאָר די ווערטער זײַנען, ווי א בײַן, שטעקן געבליבן אין האַלדז. ווען עזרע דערזעט בעשאַסמײַסע דעם זונס בליק, וואָלט בא אים געוויס דאָס בלוט פאַרקילט געוואָרן. נאָר עזרע האָט גאָרניט געהערט און גאָרניט געזען. ער איז געווען פאַרטיפט אין זײַנע געדאַנקען. פאַר זײַנע אויגן איז בלויז געשטאַנען יענע, פון וועלכער ער האָט גערעדט און דערציילט. ער האָט ניט געזען, ווי שיקל האָט זיך אָנגעבויגן צו דאַנקען, אים עפּעס אײַנגערוימט א סאָד אפן אויער, און בײדע, שיקל מיט דאַנקען, האָבן זיך ארויסגעשלײַכט פונעם צימער.

ערשט, ווען עזרע האָט דערהערט דעם האַסטיקן קלאַפּ פון דער דרויסן־טיר, האָט ער זיך געכאַפּט, אז די קינדער זײַנען ארויס פון שטוב. ער האָט זיך געצוווּנגען זײַן רויִק, זיך אָפּגעהאַלטן לויפן זיי אומקערן, געווען זיכער, אז זיי דרייען זיך ארום אין דרויסן; ווען זיי וועלן דערזען סאָפיע יאַקאָווליעוונען גיין מיטן פעקל, וועלן זיי בעסער ווערן און קומען צו לויפן אהיים. ער האָט אָבער געהאַט א גרויסן טאָעס. סאָפיע יאַקאָווליעוונע איז געקומען, אָפּגעזעסן א שטיק צײַט, און אף די כעוורע האָט זי זיך ניט דערוואַרט.

זי האָט איבערגעלאָזט די קאָסטיומדלעך און זיך געקליבן אוועקגיין. ער האָט געוואָלט גיין זי באַגלייטן, נאָר סאָפיע יאַקאָווליעוונע האָט ניט דערלויבט.

עזרע איז געבליבן אליין אין שטוב. ער האָט ניט געקאָנט אײַנזיצן אף אן אָרט. זײַנע טריט האָבן געהילכט אָט אין איין צימער, אָט אין צווייטן. אלעמאָל איז ער צוגעגאַנגען צו א פענצטער, נאָר די קינדער זײַנען נישט געווען ניט אין הויף, ניט אף דער גאַס. וווהין זשע זײַנען זיי אהינגעקומען?

עס האָט אָנגעהויבן צופאַלן די נאַכט. ניט קיין גוטער געדאַנק האָט עזרען אָן עגבער געטאָן אין קאָפּ. פּלוצעם האָט ער דערהערט, ווי די זאַווערוכעלעך שאַרקען מיט די פיס איבער די טרעפּ. מע שפּאַנט לאַנגזאַם, מע האָט זיך צײַט. זיי אײַלן ניט, און בא אים, בא עזרען, ווערט דאָס האַרץ צעריסן אף שטיקער. שיקל וועט האָבן צו געדענקען! שיקל וועט בא אים ניט אויספירן! ניין, א ניכפּע!

די טיר האָט קוים־קוים זיך געעפנט, און אין צימער האָט זיך דער ערשטער באַוויזן דאַנקע, נאָך אים האָט זיך ארײַנגעשטעלט שיקל. בײדע האָבן זיי זיך געשאַרט לעם דער וואַנט און מיט אומרו געקוקט אף עזרען. ער איז א שווערער געשטאַנען מיט צעשפּרייטע פיס אינמיטן צימער און לאַנגזאַם, מיט פאַרטײַטער רעציכע, געגומען צעשפּיליען דעם סאָלדאַטסקע רימען.

— ווו זײַט איר געווען? — האָט ער דורכגעזיפּט דורך די ציין.

שיקל האָט געמאַכט א שפּאַן און זיך אָפּגעשטעלט.

— דאַנקען טשעפּע ניט, טאַטע, דאַנקע איז... — שיקל האָט מיט ווילדע אויגן געקוקט דעם פאָטער גלײַך אין פּאָנעם ארײַן. — מיט מיר קאָנסטו טאָן וואָס דו ווילסט, — זײַן קאָל האָט געציטערט. — סײַווי וועל איך אנטלויפן... אז איך וויל ניט, איך דאַרף קיינעם ניט אף מײַן מאַמעס אָרט! איך וויל ניט! — האָט ער אויסגעשריגן און פּלוצעם זיך פאַרכליפּעט, באַהאַלטנדיק דאָס פּאָנעם אין בײדע הענט. ס'האָט זיך דערהערט א ביטערער געוויין.

פון דעמלט אָן האָט מען סאָפיע יאַקאָווליעוונעס נאָמען אין שטוב מער ניט דערמאָנט. עזרע האָט זיך געמוזט באַגיין אָן א באַלעבאָסטע. קיינער האָט מיט קיינעם קיין טאַקאָנעס ניט אויסגענומען, און מע איז זייער שיין אליין געוואָרן באַלעבאַטים, סײַ שיקל, סײַ עזרע. און אז דאַנקע איז אונטערגעוואַקסן, האָט מען אים אויך ארײַנגענומען אין קאָן.

זינט דעמלט האָט עזרע פאַרשטאַנען, אז ס'וואַקסן בא אים אונטער עמעסע זאַווערוכעס, און מיט די זאַווערוכעס טאָר מען זיך ניט שפּילן, ווײַל זיי, אז זיי זאָגן א וואָרט, איז דאָס הייליק.

■

ווען מאַרע איז דאָס ערשטע מאָל געקומען מיטן דיאַדיע זאַווערוכע אין אַטעליע און סאָפיע יאַקאָווליעוונע האָט מיט אירע שאַרפע אויגן, אין וועלכע עס האָט א בלענד געטאָן א כויזעקשמייכעלע, זי אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז די פיס, איז בא איר אלץ פאַרקילט געוואָרן אינווייניק. זי האָט אליין ניט געוווּסט, פאַרוואָס האָט זי זיך אַזוי דערשראָקן.

די פאַרוואַלטערן פון דער אַטעליע איז געווען אָנגעטאָן אין א טונקל־בלויען זײַדענעם כאַלאַט, וואָס האָט פרײַ ארומגעהילט איר פולבלעכע פיגור. ווי דערשראָקן מאַרע איז ניט געווען, האָט זי דאָך א טראַכט געטאָן, אז דאָס זויבער־ווײַסע קאַפּראָן־קעלנערל פונעם כאַלאַט פּאַסט זייער צום טונקל־מאַטעווע פּאָנעם פון דער שיינער פרוי. סאָפיע יאַקאָווליעוונע איז צוגעגאַנגען צו מאַרען עטוואָס אָנגעבויגן דעם קאָפּ און, שטיל, נאָר דײַטלעך געפרעגט:

— ווי רופט מען דיך?

מאַרע האָט גלײַך ניט געקאָנט ענטפערן. נײן, נישט וואָס ניט געקאָנט. זי האָט אין דער רעגע ווי פאַרלוירן דעם זיקאָרן, ווי פאַרגעסן גאָר, וויאַזוי זי הייסט, זי האָט בלויז געקוקט אַף סאָפּיע יאַקאָוולעוונען און גיך־גיך געפינטלט מיט די אויגן.

— וואָס זשע? — האָט סאָפּיע יאַקאָוולעוונע אופגעהויבן די אויגן אַף עזרען. — ניט גענוג, וואָס זי איז דאַר און קוואַר, איז זי שטום אויך?

מאַרע האָט דערהערט, ווי דער דיאַדיע זאַוועריוכע האָט זיך הילכיק צעלאַכט:

— מאַרע איז שטום? דאָס דאָזיקע מיידעלע קאָן פאַריידן א פאָלק סאָלדאַטן. מאַרע, וואָס שווײַגסטו?

— איך שווײַג ניט, דיאַדיא זאַוועריוכאַ, — האָט מאַרע זיך א כאַפּ געטאָן און אומגעריכט פאַר זיך אָנגעהויבן שמייכלען. דאַ האָט שוין סאָפּיע יאַקאָוולעוונע אויך זיך צעלאַכט. אין קאָנ־טאָרקע איז געוואָרן היימלעכער, און מאַרען איז אָפּגעטראָטן פון האַרצן.

ערגער איז איר געוואָרן, אַז זי האָט דערזען, ווי דער דיאַדיע זאַוועריוכע געזעגנט זיך מיט סאָפּיע יאַקאָוולעוונען. הייסט עס, אַז זי, מאַרע, וועט בלײַבן אַליין אָן איר באַגלייטער. מיסטאָמע וועט זיך באַלד אָנהייבן א געשפּרעך. די פאַרוואַלטערין וועט אָנהייבן אויספרעגן ווער, וואָס און וועמען, און מאַרע ווייסט ניט, וואָס דאַרף זי ענטפערן, וויאַזוי דאַרף זי זיך פירן. נאָך א ביסל זאָגט זי: „דיאַדיא זאַוועריוכאַ, לאָזט מיך ניט איבער איינע אַליין“, נאָר ס'איז שוין ניט געווען צו וועמען ריידן.

סאָפּיע יאַקאָוולעוונע איז צוגעגאַנגען צו איר, זי אָנגענומען פאַר אָן עלנבויגן, א דריי געטאָן זי, ווי מע דרייט אויס א מאַנעקען, און פון דער גרינג א נעם געטאָן אין האַנט מאַרעס קליידל.

— ווער האָט דיר עס אופגענייט? — האָט סאָפּיע יאַקאָוולעוונע געפרעגט.

מאַרע האָט עפּעס מוירע געהאַט זאָגן, אַז ס'איז איר אַרבעט, אַז זי אַליין האָט צוגעשניטן און אופגענייט דאָס קלייד. האָט זי געפּויעלט בא זיך איבערלייגן די באַד אַף דער באָבען.

— די באָבע מײַנע האָט עס אופגענייט, און איך...

— און דו?

— איך האָב איר געהאָלפן.

סאָפּיע יאַקאָוולעוונע האָט פון דער זײַט געוואָרפן א קוק אַף מאַרען און מיט צוויי פינגער אָנגענומען א שפּיץ פונעם בלוזקע־קעלנערל, וואָס האָט זיך פאַריסן אַף אַרויף:

— ווייסטו כאַטש, פאַרוואָס אָט דאָס אויערל האָט זיך אָנגעשפּיצט, ווי בא א כאַזערל?

— יאָ, — האָט מאַרע געענטפערט.

— פאַרוואָס?

— ווײַל דאָס אונטערשטע קעלנערל איז געווען פאַרשניטן קירצער א ביסל פונעם אייבערשטן, שלעפּט עס דעם עק אַף אַרויף.

— ווער זשע האָט עס אַזוי צוגעשניטן? דו צי די באָבע דײַנע?

— איך, — איז מאַרע זיך מוידע געווען.

— נו, און לויט וואָס פאַר א נײַער מאָדע האָסטו געשליפן אָט די לעכלעך?

מאַרע האָט זיך פאַרשעמט. זי האָט געוונמען דערציילן א גאַנצע מײַסע, אַז צו זיי אין הויף קומט צו גיין זייער א שיין מיידל, דאָס הייסט זי קומט ניט אין הויף, נאָר צו שיקלען, דעם דיאַ־דיע זאַוועריוכעס זון, עמע הייסט זי. עמע טוט זיך אָן לויט דער לעצטער מאָדע, אין גאָלע אויסלענדישע קליידער, האָט זי, מאַרע, אַף א קאָפּטעלע בא עמען געזען אויסגעשליפן פונקט אזעלכע לעכלעך.

— ווער זשע האָט זיי אויסגעשליפן, די דאָזיקע לעכלעך, דו צי די באָבע דײַנע?

מאַרען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז סאָפּיע יאַקאָוולעוונע איז בייז געוואָרן אַף דער באָבען. זי האָט קוים אַרויסגעשטאַמלט:

— איך, די באָבע זעט דאָך ניט.

— און די אַרבעלעך ווער האָט אַרײַנגעשטעלט?

אָט דאָ, האָט מאַרע געוואוסט, וועט זי אַרײַנכאַפּן דעם עמעסן פּסאַק: די פאַרוואַלטערין וועט געפינען אָן א שיר כעסרוינעס אַף אָט די אַרבעלעך. נאָר סאָפּיע יאַקאָוולעוונעס אויגן האָבן גאָר געשמייכלט, כאַטש גערעדט האָט זי ערנסט און אַזוי ווי אומצופרידן:

— צוגעשניטן דאָס קלייד האָסטו, די אַרבעלעך זײַנען אויך דײַן אַרבעט. דײַנע הענט האָבן געשליפן די לעכלעך. זאָג זשע מיר, וואָס האָט געטאָן דײַן באָבע?

— די באָבע? — האָט מאַרע א צעטומלטע איבערגעפרעגט. — די באָבע האָט געקוקט און מיר געגעבן אייצעס.

מאַרע האָט געמיינט, אַז מיט דעם וועט זיך פאַרענדיקן דער פאַרהער און ביכלאַל אַלע רייד. לאָזט זיך אויס, אַז סאָפיע יאַקאָוולעוונע איז גאָר ניט אַזוי אומצופרידן.

— אַלץ איז גוט, אַלץ איז צו דערלײַדן, נאָר פאַרוואָס זײַנען בא דיר די האָר אונטערגע־שוירן ווי בא אַ ייִנגל? ווו האָסטו געזען, אַז אַ מיידל זאָל טראָגן אַזעלכע קורצע האָר? אַזאַ קעפּעלע פּאַסט דיר ניט, ניין.

מאַרע האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, שיר זיך ניט געשווירן, אַז זי וועט מער אַזוי קורץ זיך ניט אונטערשערן, זי וועט זיך פאַרלאָזן לאַנגע האָר.

סאָפיע יאַקאָוולעוונע האָט אָנגענומען מאַרען פאַר די אַקסלען און זי געפירט צו דער טיר.

— מאָרגן וועסטו ברענגען די דאָקומענטן דײַנע, — האָט זי געזאָגט, — און איבערמאָרגן וועסטו אַרויסגיין צו דער אַרבעט. — לעם דער שוועל האָט סאָפיע יאַקאָוולעוונע זיך אָפּגע־שטעלט, אַרויסגענומען דאָס קעמעלע פון מאַרעס קאָפּ און גענומען צוקעמען אירע האָר. — באַלד וועלן מיר זיך דורכגיין אין וואַרשטאַט, וועסטו זען, ווו דו וועסט אַרבעטן און מיט וועמען.

פון דער אַטעליע איז מאַרע אַרויס אַן אויפגעהײַטערטע. זי האָט זיך געלאָזט אײַליק גיין. ס'איז איר גאָר אַרויס פון קאָפּ, אַז זי דאַרף זיך אויפזעצן אויפן טראָליייבוס. עפּעס האָט זי געהאַט אין זינען צו פאַרגעדענקען, נאָר וואָס, האָט זי גלײַך זיך ניט געקאָנט דערמאָנען. אַ־האַ! זי ווייסט שוין, די פאַרוואַלטערן האָט איבערגעגעבן אַ גרוס דער באָבען. מאַרען איז פריילעך גע־וואָרן אויפן האַרצן. זי איז אַרײַן אין אַ סקווער. סאַראַ וווּנדער! זי האָט גאָר ביז אַהער אַזויפיל שיינע געלע בלעטער אויף דיביימער ניט געזען. אָט די גאָלדענע בלעטער האָבן איר דערמאָנט, אַז מאַרגן הייבט זיך אָן דאָס לערנייאָר. מאָרגן וועלן די גאַסן פאַרפולט ווערן מיט פאַרפּוצטע קינדער, בלומען וועלן פאַרפלייצן די גאַנצע שטאָט, און זי, מאַרע, וועט שוין ניט אָנטאָן מער דאָס זויבער־ווײַסע פאַרטעכל... מיטאַמאָל איז זי שטיין געבליבן, מאַמעש אונטער די פיס האָט זי דערזען זיך וואַלגערן אַ רויטלעך־געלן בלאַט. מאַרע האָט זיך פאַרזיכטיק אָנגעבויגן, אויפגעהויבן דעם בלאַט און אים צאַרט אַ גלעט געטאָן. דער דאָזיקער פּרעכטיקער שיינער בלאַט וואָלט זייער געפּאַסט צו די הערבאַריומס, וואָס די קינדער וועלן מאָרגן ברענגען אין די שולן. אַ שאָטן לויפט דורך איבער מאַרעס געזיכט, ווען זי דערמאָנט זיך אין דער שול. נאָר מאַרע פאַלט בא זיך ניט אַראָפּ. זי לויפט אַהיים אָנזאָגן דער באָבען די בשורה, אַז מע האָט זי אָנגענומען אויף אַרבעט.

■

פירע אַרקאַדיעוונע איז פאַרהאַוועט, זי גרייט די טאָכטער אין וועג אַרײַן. גוט, וואָס די רײַזע איז ניט קיין ווײַטע. עמאָטשקע פאָרט אויף פּראַקטיק אין אַ שפּיטאָל, וואָס געפינט זיך אין אַ דאָרף הינטער קיִעוו. און כאָטש די פּראַקטיק וועט געדויערן עטלעכע כאָדאָשים, דאָך נעמט זיך פירע אַרקאַדיעוונע ניט צום האַרצן. זי ווייסט שוין, אַז פאַר צוויי שאָ מיט עפּעס וועט די עלעקטריטשקע זי ברענגען קיין באָבראָוויץ, און פון דאָרטן, זאָגט מען, איז מיט דער האַנט דערלאַנגען צום שפּיטאָל. וואָס וואָלט זי געטאָן, פירע אַרקאַדיעוונע, מע זאָל, כאָלילע, געוועזן אָוועקשיקן עמען אין אַ ווײַטער שטאָט, ערגעץ אין אויסרײַסעניש? ניין, זי איז צופרידן און פּאַקעוועט די זאַכן מיט אַ גרינג האַרץ.

זאַכן. מע קאָן מיינען — אַ סאַך זאַכן. אין איין טשעמאָדאַן וועלן זײַן צונויפגעלייגט עט־לעכע פּלאַטיעס, אַ פּאָר קליידלעך, אַ געשטריקט קאָפּטל, אַ סוועטער, נו, און דער צווייטער טשעמאָדאַן וועט זײַן מיט גרעט. אַהין דאַרף מען נאָך אַרײַנלייגן עמעס באַליבט קישעלע, ווײַל אָן דעם וועט זי ניט קענען אַנשלאָפן ווערן. כוץ דעם, דאַרף מען איר מיטגעבן אַ פּאָר פרישע לײַלעכער, זיי זאָלן שמעקן מיט פראָסט, און די פוכעווע קאָלדרע, זעלבסטפאַרשטענדלעך. נאָר זי וועגט דאָך אַ לויט. עמע איז פון אינדערפרי אין אינסטיטוט, נאָר דאָס קליינע רענצעלע מיט פאַרשיידענע טואַלעט־שאַלעמויזן האָט זי שוין פאַרפּאַקעוועט. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, איר זאַך.

אַ מאַמע דאַרף נאָך אין זינען האָבן צוגרייטן עסנוואַרג. דאָרטן, אין דאָרף, וועט געוויס ניט זײַן דאָס, וואָס מע קאָן קריגן אין אַ שטאָטישן גאַסטראָנאָם. פירע אַרקאַדיעוונע האָט אײַנ־געקויפט טרוקענעם וווּרשט, אַ קעפּל האָלענדישן קעז, עטלעכע פּודעלעך קאָנסערוון. קאָנדי־טערײַ איז אינעם קליינעם אָרט אויך מיסטאָם ניטאָ, גוטע צוקערקעס אַוודע ניט, און די קליינע האָט ליב אַ נאַש טאָן, — האָט מען דאָס אויך געדאַרפט צוגרייטן.

קיין סאַך עסנוואַרג האָט פירע אַרקאַדיעוונע ניט אײַנגעקויפט. זי ווייסט, אַז זי וועט ניט קאָנען זיך אײַנהאַלטן אין שטוב, זי זאָל כאָטש איין מאָל אין וואָך ניט צופאָרן צו דער טאָכטער, און די ווײַסע כאַלאַטן פאַר עמען וועט מען אויך מוזן וואַשן און פּרעסן אין דער היים, זיי זאָלן האָבן אַ פּאָנעם, — וועט זי פאַריינוועגס שוין ברענגען אַ ביסל פּראָדוקטן.

נישקאָשע, ס'וועט זײַן, ווער עס זאָל אָט די אַלע טשעמאָדאַנעס טראָגן. שיקל מיט באָריסן וועלן עמען באַגלייטן ביזן שפּיטאָל, און זי, פירע אַרקאַדיעוונע, אַליין האָט אויך צוויי הענט. זי

וועט אומבאדינגט פאָרן א קוק טאָן, ווו דער שפּיטאָל געפינט זיך, זי זאָל נאָכדעם ניט דאַרפן בלאָנדזשען און זוכן.

און כאָטש די טאָכטער פאָרט אוועק, איז פּירע אַרקאַדיעוונע גאָר ניט טרויעריק, עפּעס האָט זי א גוטן פאָרגעפיל. ערשטנס, וועט עמאָטשקע דאָרטן האָבן צײַט זיך צוגרייטן צו די מעלוכישע עקזאַמענעס, וואָס שטעקן שוין אפן שפּיץ נאָז, צווייטנס, וועט זי אופהערן לויפן אין קינאָ און אף קאָנצערטן. זאָל זיך טאַקע בא איר א ביסל אויסלופטערן דער טומל פונעם קאָפּ. עפּשער וועט גאָט ראַכמאָנעס האָבן, און זי וועט זיך א ביסל אָפּגעווינען פון אָט דעם שיקלען, מע זאָגט דאָך: „דאַלי אָטשי, דאַלי סערצע".

שוין געווען אזוינס מיט עמען. וויפל האָט פּירע אַרקאַדיעוונע זיך אָנגעליטן איבער איר טעכטערל! אדהײַעם געדענקט זי די געשיכטע, וואָס איז פאָרגעקומען, ווען עמע איז געגאַנגען אין אכטן קלאַס. זי איז נאָך דעמלט געווען גאָר א גרינינקע, א דינינק מיידעלע מיט צוויי בלאָנדע צעפּעלעך. דעמלט האָט זי נאָך פון גאָרנישט ניט געטראַכט, כוץ פון די לימודים, און פּלוצעם, דאָס איז געווען אָנהייב פרילינג, האָט עמאָטשקע אָנגעהויבן זיך מענטשלען. פון דער העלער הויט האָט זיך אויסגעמאָלט א פּרעכטיק מיידעלע, א שטײַפס, א שלאַנקס, ווי א טענצערן. דאָס דאָזיקע קינדעלע האָט שוין ניט געקאָנט גלײַכגילטיק דורכגיין פאַרבײַ א שפּיגל, פלעגט זיך אפילע אָפּשטעלן לעבן א שויב פון א פענצטער, געקוקט אף זיך, באַטראַכט יעדן אייווער. אירע אויגן האָבן שוין געוווסט, וואָס זיי זוכן. זי האָט פון די צוויי צעפּלעך פאַרפלאָכטן איין דיקן לאַנגן צאָפּ און פלעגט אים אַריבערוואַרפן פון פאָרנט, זי האָט שוין פאַרשטאַנען, אז מע דאַרף די דאָזיקע גאָלדענע קייט אויסלייגן אף די בערגעלעך פון די ברוסטן. און אז מע האָט באַדאַרפט באַווײַזן דאָס בייגעוודיקע קערפּערל, האָט דער צאָפּ זיך געבאָמבלט אף דער פּלייצע. זי האָט אָנגעהויבן פאָדערן, מע זאָל איר קויפן א מאָדנע קלייד, שיך אף הויכע אָפּצאַסן. מע האָט מאָמעש געזען, ווי די קליינע האָט געוואָלט וואָס גיכער עלטער ווערן. אין אָט דער צײַט האָט פּירע אַרקאַדיעוונע באַמערקט, אז די טאָכטער שלאָפט ניט דורך די נעכט, געהערט, ווי זי דרייט זיך אפן געלעגער. קאַיאָר ווערט זי קוים אנשלאָפן, און ס'איז אומעגלעך זי אופוועקן גיין אין שול ארײַן.

שפּעטער איז די זאַך קלאָר געוואָרן. עמע אליין, ווען זי איז אונטערגעוואַקסן, האָט אַלץ דערציילט דער מוטער. צו זיי אין קלאַס איז אָנגעקומען א נײַער לערער פון אוקראַיִנישער שפּראַך און ליטעראַטור. דאָס איז געווען א וווקסיקער שיינער באָכער, וואָס האָט נאָרוואָס געהאַט געענדיקט דעם פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. ער האָט געקענט לייענען אף אויסווייניק קאָטליאַרעווסקיס „ענעידע", שעווטשענקאָס לידער. ער האָט געאָטעמט מיט פּאָעזיע. די שילער האָבן אים גלײַך ליב באַקומען, עמע האָט אים מאַמעש פאַרגעטערט. פלעגט דער לערער זיך נאָר באַווײַזן אף דער שוועל, איז אין קלאַס געוואָרן טויט־שטיל און עמע האָט געפילט, ווי זי ווערט פאַרציטערט. ער פלעגט אָנשטעלן אף איר זײַנע גרויסע טרויעריקע אויגן, געזוכט צו באַגעגענען זיך מיט איר בליק, און זי האָט מוירע געהאַט אפילע אופהייבן די אויגן. אַלעמאָל, ווען ער איז צוגעגאַנגען צו איר פּאַרטע, פלעגט זי שטאַרק רויט ווערן. אין קלאַס האָט מען עס גלײַך באַמערקט. איינִיקע, יִינגלעך דעריקער, האָבן אָנגעהויבן פון איר שפּעטן, און די מיידלעך זײַנען איר עפּשער מעקאַנע געווען. ווער ווייסט, וואָס ס'וואָלט ווײַטער געווען, נאָר אין איינעם א שיינעם טאָג איז דער לערער ניט געקומען אפן לימעד.

עמע האָט זיך דערוווסט, אז ער איז קראַנק אף שווינדזוכט, האָט זי אײַנגעלייגט וועלטן. די ערשטע צײַט האָט זי אײַנגערעדט צוויי כאַווערטעס, זיי זאָלן מיט איר גיין מעוואַקער־כוילע זײַן דעם לערער, נאָכדעם איז זי אליין געלאָפן צו אים אָן זיי, זי פלעגט קריגן די שענסטע בלומען און ברענגען צו טראָגן דעם שלאָפן. עמע האָט דעמלט צוליב אים געקאָנט זיך מאַקריוו זײַן. זי האָט גאָר קיין מוירע ניט געהאַט זיך אָנשטעקן מיט דער קראַנקײַט.

איינמאָל, ווען עמע איז געקומען צום לערער, האָט זי אין צימער געטראָפן א יונגע דאַמע. זי האָט געמיינט, אז דאָס איז זײַנע א שוועסטער.

— באַקענט זיך, — האָט דער לערער געזאָגט צו עמען, — דאָס איז מײַן פרוי, און דאָס איז, — האָט ער זיך, ווענדנדיק צו דער פרוי, אָנגעוויזן אף עמען, — יענץ שיין מיידעלע, וועגן וועלכער איך האָב דיר געשריבן.

עמע האָט ניט פאַרשטאַנען, ניט באַנומען, וואָס מיט איר איז פאָרגעקומען אין דעם מאָמענט. איר האָט זיך געדוכט, אז זיי, דער לערער און זײַן פרוי, ריידן עפּעס צווישן זיך און זי הערט גאָרניט. וויפל איז זי דערנאָך דאָרט געווען, ווען און וויאַזוי איז זי פון דאָרט אוועק, האָט זי ניט פאַרגעדענקט.

זי איז געקומען אהיים א צעבראָכענע, קוים געפּלאָנטערט מיט די פיס. אז פּירע אַרקאַדיעוונע האָט זי דערזען, איז איר געוואָרן א לאָך אין האַרצן. זי האָט באַלד באַלייגט די טאָכטער

צו בעט. עמע האָט דאפקע געפּאָלגט, וואָס די מאמע האָט געהייסן: אוועקלייגן זיך — איז אוועקלייגן זיך, זי איז טאקע מיד; מעסטן די טעמפּעראַטור — זאָל זײַן מעסטן, קיין היץ האָט זי סײַווי ניט. אָבער עסן? דאָס ניט. טרינקען? אויך ניט. עמע האָט נאָר געוואָלט ליגן און מע זאָל זי לאָזן צורו. זי האָט זיך איבערגעדעקט מיט דער קאָלדרע, פּונקט ווי איר וואָלט שטארק קאַלט געווען. נאָר א מאמע זעט אַלץ, פון א מאמעס אויג איז שווער עפּעס אויסצובאהאַלטן. פּירע ארקאדיעוונע האָט זיך שוין יאקאָס אָנגעשטויסן, מיט וואָס די זאך שמעקט. אָבער מיט וואָס היילט מען עס?

טעג זײַנען געגאנגען, עמע האָט געצאנקט, געלעגן אין בעט, גאָרניט געוואָלט עסן. פּירע ארקאדיעוונע פלעגט בא איר מאמעש אויסוויינען, זי זאָל אויסטרינקען א לויז איי, א גלאָז מילך. וויפל דאָקטוירים ס'זײַנען בא עמען ניט איבערגעווען, האָבן זיי קיינער קיין קראנקײַט ניט געפונען בא איר, אַלע האָבן געהאַלטן אין איין טײַנען: ס'איז די נערוון. צום סאָף האָט איינער אן אַלטיטשקער דאָקטער געזאָגט: „צום יאם, אף דער פרישער לופט!“.

ס'האָט לאנג ניט געדויערט, מע האָט געקראָגן פּוטיאָווקעס אי פאר דער טאָכטער, אי פאר דער מאמען, און זיי זײַנען אוועקגעפאָרן קיין יאַלטע. צי דער יאם האָט געהאָלפן עמען, צי אפּגעמעסן טאקע: „דאלי אָטשי, דאלי סערדצע“. דאָרטן, אין יאַלטע, איז עמע געקומען צו־זיך. מע האָט זי געבראכט אהיים א געזונטע, א פארברוינטע, ווי גלײַך ס'איז גאָרנישט ניט געווען.

■

פּירע ארקאדיעוונע פארענדיקט פּאקעווען די זאכן. שיקל און באָריס וועלן קומען צוועלף אזייגער, מע זאָל באווײַזן צו דער עלעקטריטשקע, וואָס גייט אָפּ איינס אזייגער מיט פּערציק מינוט. דערווײַל איז צו צוועלף אזייגער נאָך ווײַטלעך, האָט פּירע ארקאדיעוונע גענומען זיך פארקעמען, נאָכדעם אָנגעפארבט די ליפּן, געמיינט זיך א ביסל א שפּיגל טאָן, האָט מען א קלונג געטאָן אין טיר.

דאָס איז שיקל שוין געקומען. פּירע ארקאדיעוונע איז געבליבן שטיין אין א מאָדנער פאר־לעגנהײַט, פּונקט ווי ער זאָל זי האָבן געפּאקט בא דער האנט מיט ניט קיין גוטן געדאנק וועגן אים. א ביסל א פארלוירענע, האָט זי אים אײַנגעלאדן אין שטוב.

— וואָס מאכט עפּעס א מאמע, — האָט ער געפרעגט, ארײַנקומענדיק, — ווי פילט איר זיך?

— וואָס זאָל מען מאכן, — האָט זי געקנייטשט מיט די אקסלען, — איר זעט דאָך — מע גרייט א טאָכטער אין וועג, — זי קוקט אף שיקלען. איר ווילט זיך פאָרט וויסן, פארוואָס גע־פעלט ער אזוי עמען, וואָס זעט זי אזוינס אין דעם דאָזיקן באָכער, וואָס זי קאָן זיך ניט אָפּקלעפּן פון אים. מיט א ביסל פארדראָס איז זי זיך מוידע פאר זיך אַליין — איר טעכטערל האָט טאקע א גוטן געשמאק, ווי אף צולאָכעס פארמאָגט דער באָכער אזויפיל כיין.

פּירע ארקאדיעוונע באגלייט שיקלען אין „זאל“, בעט אים זיך מיט עפּעס דערווײַל פאר־נעמען, וויל ער, זאָל ער אײַנשליסן דעם ראדיאָ־אופנעמער, אָט ליגן פרישע צײַטונגען אפן טישל, זאָל ער איר אנטשולדיקן, זי מוז אים איבערלאָזן איינעם אַליין, ווײַל זי האָט נאָך א ביסל ארבעט. באלד וועט ארײַנקומען פּיאָטער אראָנאָוויטש.

שיקל האָט אײַנגעשלאָסן די ראדיאָ. ווײַזט אויס, דערפאר האָט ער ניט געהערט, ווען עמע מיט באָריסן זײַנען ארײַן אין שטוב. ביידע פריילעכע, לוסטיקע. עמע איז געווען פארפאַליעט פונעם פראָסט. די בעקלעך האָבן געפײַערט, די אויגן האָבן געבלישטשעט. וואָס זײַנען זיי ביידע אזוי אופגעלייגט, האָט פּירע ארקאדיעוונע ניט פארשטאנען. זי האָט נאָר מיט פארגעניגן אָנגע־קוקט, ווי עמע שטרעקט אויס באָריסן ביידע הענט, ער זאָל פון זיי אראָפּשלעפּן די הענטש־קעס. נאָכדעם האָט עמע זיך נאָענט צוגעשטעלט צו באָריסן, ער זאָל איר פאנאנדערשפּיליען דאָס פוטערל, ווײַל די פינגער זײַנען איר פארפרוירן. דערבײַ האָט זי אזוי מאָדנע געקוקט באָ־ריסן אין פּאָנעם ארײַן, אז דאָס באָכערל האָט זיך א ביסעלע פארלוירן. מע האָט דורך די ברילן געזען, ווי זײַנע אויגן לויפן אהין און צוריק און קאָנען זיך קיין אָרט ניט געפינען.

באָריס האָט פאר דער לעצטער צײַט זיך זייער גוט פאריכט, באקומען מאנצבאַלשע פּלייצעס. דאָס האָט, ווײַזט אויס, אויך עמע באמערקט, ניט אומזיסט האָט זי אָנגעהויבן גאָר אנדערש זיך באציִען צו אים.

באָריס מיט עמען האָבן זיך געלאָזט גיין אין „זאל“. אין דער צײַט האָט זיך אף דער טיר באוויזן שיקל. אופהייבנדיק די האנט אין דער הייך, האָט ער זיך באגריסט מיט זיי און, ווי שטענדיק, א וווּנק געטאָן מיט איין אויג צו עמען. נאָר עמע האָט אפן וווּנק ניט געענטפערט, דורכגעגאנגען פארבײַ שיקלען און גאָרנישט ניט געזאָגט. שיקל האָט א קוק געטאָן אף באָריסן, ווי ער וואָלט פרעגן, וואָס איז געשען, אָבער באָריס האָט א צוק געטאָן מיט די אקסלען — ער ווייסט ניט פון וואָס צו זאָגן.

שוין אינעם גרויסן צימער, ווען שיקל איז צוגעגאנגען צו עמען, געוואָלט זי עפּעס פרעגן, האָט זי אַף אים אופגעהויבן די אויגן און מיט ווייטעק געזאָגט:

— פארוואָס ביסטו ניט געקומען אין אינסטיטוט? איך האָב דאָך געווארט אַף דיר.

— געווארט? — האָט שיקל זיך פארוווּנדערט. — מיידעלע, מיר האָבן דאָך אָפּגערעדט זיך טרעפן בא דיר אין שטוב פונקט צוועלף אזייגער. דו האָסט, ווײַזט אויס, פארגעסן? — ער האָט געוואָלט זי אָנעמען פאר די אקסלען, נאָר עמע האָט זיך אָפּגעקערט פון אים.

— ניין, דו האָסט פארגעסן, — האָט זי קאפּריז א טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ. — די לעצטע צײַט האָט דײַן זיקאָרן דיך אָנגעהויבן אונטערפירן.

ס'איז מיטאמאָל שטיל געוואָרן. שיקל האָט געשוויגן. ניין, ער האָט זיך ניט פארלוירן, ער האָט זיך פּאָשעט ניט געפילט שולדיק און ניט געמיינט זיך פארענטפערן, איר דערציילן, אז ער איז ארומגעלאָפן איבער דער שטאָט, געזוכט לעבעדיקע קוויטן פאר איר.

לויט זײַן אקשאָנעסדיקן שווײַגן האָט עמע פארשטאנען, אז בא שיקלען איז פארבליבן א פארדראָס אַף איר, האָט זי שוין ווייכער גענומען אים מוסערן: ער האָט דאָך געקאָנט, איידער ער איז געגאנגען אהער אין שטוב, אַף א רעגעלע ארײַנלויפן אין אינסטיטוט זי נעמען. פארוואָס האָט באָריס עס אין זינען געהאט צו טאָן און ער, שיקל, ניט.

זי האָט מיט א געצוווּנגענעם שמייכעלע געזאָגט:

— אײַ, ייִנגעלע, ייִנגעלע, וואָס וועל איך מיט דיר טאָן?

שיקל האָט צעפּירט מיט די הענט, ווי ער וואָלט וועלן זאָגן: „ווער ווייסט?“. און דאָ האָט פּירע ארקאדיעווונע אָנגעהויבן טומלען, אז מע דארף זיך שוין קלײַבן אין וועג, ווײַל מע קאָן נאָך פארשפּעטיקן אַף דער עלעקטריטשקע.

ווען אלע האָבן זיך שוין געהאט אָנגעטאָן אַף צו פאָרן צום וואָקזאל, האָט שיקל זיך פּלוצעם א כאפּ געטאָן:

— נאָך א ביסל פארגעס איך טאקע אָפּדערעמעסן.

ער האָט פון דער בוזעם־קעשענע אינעם מאנטל ארויסגענומען א צעלאָפאן־שקארמיצל, אין וועלכן עס האָבן זיך געפונען פרישע רויטע נעגעלעך, און ווי צווישן אים מיט עמען זאָל גאָרניט געווען פאָרקומען, האָט ער איר אונטערגעטראָגן די בלומען.

■

מע איז בעשאָלעם געקומען אין שפּיטאָל. אַף עמען האָט געווארט די בארעמהארציקע שוועסטער, וואָס וועט וווינען צוזאמען מיט איר אין איין צימער. זי טאקע האָט אלעמען אוועקגעפירט ווײַזן די וווינונג.

דאָ איז געווען אופגעראמט, ביידע בעטלעך זײַנען געווען פארבעט מיט זויבער־ווײַס וועש, באם גרויסן פענצטער איז געשטאנען א טיש ארומגעשטעלט מיט בענקלעך. אין צימערל איז געווען היימלעך און ציכטיק. קאָנטיק, אז די שכיינע עמעס, טאסיע, א קליינינק, נאָר א פלינק מיידל, מיט דורכגעטריבענע טונקל־גרינע אייגעלעך, האָט צוגעלייגט דערצו א האנט.

טאסיע האָט אלעמען געבעטן זיך אויסטאָן, מע זאָל זיך פילן ווי בא זיך אין דער היים, אָבער די געסט האָבן זיך ניט געקליבן לאנג דאָ פארברענגען, ווײַל מע איז געווען אָפּהענגיק פון דער עלעקטריטשקע. עמע האָט אלעמען ארויסבאגלייט, זיך געזעגנט. בא דער טיר האָט זי שיקלען פארהאלטן.

זיי זײַנען געשטאנען א ביסל אָפּגעזונדערט איינס פון דעם אנדערן. עמע האָט געווארט, ער זאָל מאכן די פּאָר שפּאן און צוגיין צו איר נעענטער, זי האָט אים גערופן מיט די אויגן, און ער האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. האָט עמע, ווי א קאפּריז קינד, מיט א ניגנדל געזאָגט:

— איך ווייס, איך ווייס, דו ביסט אַף מיר בארויגעז, — זי האָט די ערשטע געמאכט צו אים א שפּאן, אין א ווײַלע ארום דעם צווייטן.

ווען זי איז גאָר נאָענט צוגעגאנגען צו שיקלען, האָט ער שטיל געזאָגט:

— דו הערסט, מיידעלע, אויג אַף אויג מעגסטו מיך מאכן מיט דער בלאָטע גלײַך, אָבער פאר מענטשן אין די אויגן דארפסטו עס ניט טאָן.

— ווילסט מיר ניט מויכל זײַן?

שיקל האָט זיך צעשמייכלט, ער האָט צוגעטוליעט א פינגער צו אירע ליפּן, נאָכדעם דעם פינגער א קוש געגעבן. עמע האָט געוווּסט, וואָס ס'באטײַט. דאָס האָט געהייסן, אז ער וויל איר פארצײַען, נאָר דאָס הארץ דערלאָזט ניט.

ער האָט שוין געוואָלט אוועקגיין, האָט עמע מיט ביידע הענט אים ארומגעכאפּט פארן האלדז, אים אָנגעהויבן קושן אין די אויגן, אין די ליפּן, און ער איז סײַווי געשטאנען ווי א פּרעמדער.

■

גאַוורילעס דער רויטער איז געווען אַ געהויבענער דאַמסקער שנײַדער, נאָר זײַן זון וועלוועלע האָט געשעמט נאָך פֿאַר אַ גרעסערן מומכע אַף צוטראַכטן אַ נײַעם פֿאַסאָן, אים צושנײַדן און אויסאַרבעטן אַ פֿאַלע, דער מאַלבעש זאָל, ווי אַ מענטש, בלײַבן שטיין אַף דער ערד.

ביז סאָפֿיע יאַקאָוולעוונע האָט אײַנגערעדט וועלוועלע גאַוורילעס, ער זאָל אָנקומען צו איר אין אַטעליע פֿאַר אַ צושנײַדער, זײַנען איר שיר די אויגן ניט אַרויסגעקראָכן פֿונעם קאָפּ.

וועלוועלע האָט געהאַלטן פֿון זיך אַ וועלט, געוווּסט די פּרײַז פֿונעם שערל, וואָס איז אַרײַנגעפֿאַלן צו אים אין די הענט, אַפֿילע דאָס קרײַדל, מיט וועלכן ער צייכנט, האָט ער געוווּיגן אַף אַ וואָג, וואָס מע וועגט גאָלד. בלויז סאָפֿיע יאַקאָוולעוונע האָט געקאָנט אויסשטיין וועלוועלע גאַוורילעס קאַפּריזן און מעשוגאַסן. די ערשטע צײַט האָט זי זיך פֿאַרגינט אים נאָכגעבן, געמאַכט אַ שווײַג אַפֿילע דאָרט, ווו ס׳איז געווען אומעגלעך. נאָר שפּעטער־צו, אַז וועלוועלע האָט געוואָלט אַמאָל זיך צעשפּילן מיט זײַנע נערוון, אופֿהייבן אַ געפּילדער, אַז מע האָט קאַליע געמאַכט זײַן פֿאַסאָן, צי געגעבן אים ניט דאָס שטיקל שניטסכוירע, וואָס ער האָט געדאַרפֿט, איז גענוג געווען, זי זאָל אַ קוק טאָן אַף אים און שטיל זאָגן:

— וולאַדימיר גאַווריל אָוויטש, איך דערקען אײַך ניט.

און וועלוועלע פֿלעגט זיך נעמען אין די הענט. ער האָט בלויז אין אַזעלכע פֿאַלן צעכראַסטעט דעם פּידזשאַק און מיט די פֿינגער געניטשטערט איבער די זשיליעט־קעשענקעלעך, געזוכט דעם פֿינגערהוט.

אַזוי אַרבעטן זיי שוין קימאַט צען יאָר אינײנעם. ווען ס׳איז נייטיק, גיט אים נאָך סאָפֿיע יאַקאָוולעוונע, אָבער זי פֿויעלט אַלעמאָל בא אים, וואָס זי דאַרף און וואָס די אַרבעט פֿאָדערט.

וולאַדימיר גאַווריל אָוויטש איז שוין אַ מענטש אין די יאָרן. מע האָט אַמאָל אויסגעטראַכט אַף אים, אַז ער איז אַ געלער. אינדערעמעסן איז ער געווען ניט קיין געלער, נאָר אַ רויטער, ווי זײַן טאַטע. בלויז די געדיכטע וואָנצעס האָבן געגלאַנצט ווי געשליפֿענער מעש. ס׳איז קוים געווען צו באַמערקן, אַז זיי זײַנען אַ ביסעלע צוגעסמאַליעט פֿון ציגאַר־רויך. עמעס, לעצטנס האָבן זיך אין זײַנע האָר אַרײַנגעכאַפּט ווײַסע פּאַסטריגעס. אַף דער אַרבעט קומט וולאַדימיר גאַווריל אָוויטש שטענדיק אָן אויסגעפּוצטער, פּונקט ווי ער וואָלט געגאַנגען אַף אַ סימכע, דער אָנצוג זינגט מאַמעש אַף אים.

— אויב איך בין געבוירן אָן אַ העמדל, — זאָגט ער, — וויל איך שטאַרבן אין שיינע אויסגעפּרעסטע הויזן.

אין אַטעליע וואַרפֿט וולאַדימיר גאַווריל אָוויטש אַראָפּ פֿון זיך דעם פּידזשאַק, טוט אויס דעם שניפּס און בלײַבט אין דעם ווײַסן העמד און אינעם זשיליעט, וואָס איז פֿאַרקנעפּלט אַף אַלע קנעפּעלעך און ציט אײַן שטײַף זײַן דאַרן גוף. אָבער אַז ער ווייסט — די דאַמעס, די „זאַקאַזטשיצעס", וואַרטן אַף אים אין וועסטיביול און ער דאַרף גיין אַראָפּנעמען אַ מאָס, ווער ער ווידער אָנטאָן דעם פּידזשאַק און אויסבינדן דעם שניפּס.

אײדער וולאַדימיר גאַווריל אָוויטש איז אָנגעקומען אין אַטעליע אַף אַרבעט, האָט ער אויסגענומען מיט סאָפֿיע יאַקאָוולעוונען, מע זאָל אים געבן אַ באַזונדער „זאַקראָיִנע", ער זאָל קאָנען פֿאַרמאַכן די טיר און קיינער זאָל אים ניט שטערן שאַפֿן, ווײַל אַז ער דאַרף אויסמאָלן דעם געמעל אַפֿן שטאָף און צושנײַדן דעם בעגעד, טאָר אים קיינער ניט קוקן אין די הענט אַרײַן און שטערן טראַכטן. פֿאַרשטייט זיך, ער האָט עס ניט אַזוי גיך געפּויעלט. ווען מע איז געווען אין קעלער, האָט מען פֿאַר אים קיין באַזונדערע זאַקראָיִנע ניט געקאָנט מאַכן, נאָר אַז מע האָט זיך אַרויסגעצויגן פֿונעם קעלער, די אַטעליע האָט באַקומען אַ פּרעכטיקן לאָקאַל אין אַ נײַ הויז, — דעמלט האָט סאָפֿיע יאַקאָוולעוונע אויסגעטיילט וולאַדימיר גאַווריל אָוויטשן אַ באַזונדער צימער. אַרײַנגעשטעלט אַהין אַ לאַנגן טיש אַף קרעפּטיקע פֿיס, מאָדערנע לײַכטע בענקלעך, אַ פּאָר ווייכע שטולן. דאָרטן, אין זאַקראָיִנע, איז ליכטיק ווי אַפֿן הימל, ווײַל די דרויסנדיקע וואַנט פֿונעם צימער איז דורכויס אַ גלעזערנע.

בישכײנעס מיט דער זאַקראָיִנע געפֿינט זיך אַ צווייטער צימער, ווו ס׳אַרבעט אַ בריגאַדע שנײַדערס, וואָס וולאַדימיר גאַווריל אָוויטש אַליין פֿירט מיט זיי אָן, האַלט זיי אונטער דער האַנט: רוּווימטשיק, אַ יונגער יאַט, אַ בעריע צו נייען מאַנטלען פֿאַר יוגנטלעכע, די מומע נאַסטיע, אַ שנײַדערן מיט גאָלדענע הענט, ליאַליע, וואָס מע זאָגט וועגן איר, אַז זי האָט אַ געשמאַק פֿון אַ קינסטלערן, און אויך מאַרע. פֿאַרוואָס עפּעס מאַרע אין אַזאַ געהויבענער בריגאַדע? ווײַל וולאַדימיר גאַווריל אָוויטש האָט געזען, ווי זי שלייפֿט לעכלעך, און זי איז אים שטאַרק געפֿעלן געוואָרן.

מארע ווייסט שוין, אז ווען וולאדימיר גאווריל‏אָוויטש הענגט אויף דעם סאנטימעטער אפן האלדז און פארמאכט זיך אין זאקראָינע, קלײַבט ער זיך אָנהייבן שאפן, און ס׳דארף זײַן שטיל ארום און ארום. נאָר אז באם צושנײַדער איז א גוטע שטימונג, פארציט ער אליין אן אלטמאָדיש לידעלע „אָט אזוי נייט א שנײַדער“, און דעמלט שטעלט זיך אויך רוווימטשיק אײַן צו באוויײַזן, אז ער האָט אן עמעסן טענאָר, ניט אזא צעטראסקעטע קיילע, ווי בא וולאדימיר גאווריל‏אָוויטשן. רוווימטשיק איז א ליבהאָבער פון אָפערע־מוזיק. בא אים אין דער היים וועט מען געפינען ניט איין פלאט פון קארוזאָ, מאריאָ דעל־מאָנאקאָ, ליסיציאַן, איבערהויפט האָט ער ליב די אָפערע „פאַיאצן“. רוווימטשיק פארגינט זיך זינגען דעם פראָלאָג צו דער אָפערע. דערבײַ ווארפט ער אן אויג אף ליאליען. ליאליע איז א שיינע זייער, אָבער זי מיינט, אז קיין שענערס ווי זי, איז גאָר אף דער וועלט ניטאָ, שטייט איר דעריבער ניט אָן צו כאווערן זיך מיט רוווימטשיקן. מאכט זיך איצט אָפט, אז דער באָכער פארקוקט זיך לאנג אף מארען. ער האָט א האָפענונג, אז די קליינע מארע וועט זיך איינגיכן צעבליִען און מע וועט דעם דאָזיקן מיידעלע ניט קאָנען ארײַנקוקן אין דער צורע, יעדער אייוועד וועט בא איר אָנהייבן זינגען.

רוווימטשיק האָט אינמיטן זינגען דער ערשטער דערהערט, אז אין זאקראָינע איז געוואָרן עפעס ראַשיק. וולאדימיר גאווריל‏אָוויטש האָט זיך געלאָזט הערן. ווײַזט אויס, עפעס באקומט זיך דאָרטן ניט בא אים, ער האָט געשמײַדיקט ארום דעם לאנגן טיש, און די קנאפל זײַנע האָבן געהילכט, ווי בא א סאָלדאט. אין א ווײַלע ארום האָט זיך דערהערט, ווי ער קלאָפּט מיט א פויסט אין טיש. און כאָטש די שער האָט זיך אָפגערופן מיט א טעמפּן קלונג, האָט ער ניט אויפגעהערט צו קלאָפּן.

מער פון אלעמען לעבט עס איבער די מומע נאסטיע. זי כאפּט אלע ווײַלע אן אומרויִקן קוק מיט אירע טונקל־בלויע אויגן צו דער זאקראָינע, קיינער זאָל ניט באמערקן. אָבער סײַווי זעט יעדערער, אז די פארב אף דער מומע נאסטיעס לויטערן פּאָנעם בײַט זיך יעדע רעגע און דער שווארצער לאָקן, וואָס איז אויסגעלייגט אפן שטערן, הייבט זיך אָן קנייטשן.

די מומע נאסטיע איז אין איינע צאָרעס, וואָס וולאדימיר גאווריל‏אָוויטש נעמט זיך צום הארצן, איז אומרויִק, פּאטערט די נערוון זײַנע. וואָלט ער זיך אנידערגעזעצט אף א ווײַלע, צונויפגענומען די געדאנקען, ווייסט זי דאָך, אז סאָפּקאָלסאָף וואָלט ער געפונען אן אויסוועג, זיך געגעבן אן אייצע. דערפאר זיצט ליאליע ווי א מאנעקען, עס ארט איר גאָרניט. זאָל אפילע די זאקראָינע דאָרטן צעשפּרונגען ווערן, האָט זי זיך אין זינען, די „פּריטשאָסקע“ זאָל בא איר זײַן אין אָרדענונג, די ברעמען זאָלן זײַן אויסגעלייגט הערעלע צו הערעלע, די וויִעס זאָלן זיך אויסציִען וואָס לענגער אף ארויף, זיי זאָלן קאָנען דערלאנגען צו די שיינע סאמעטענע ברעמען. אינמיטן דער ארבעט קאָן זי אָנצילן אירע שמאָלבלעכע שווארצע אויגן אין איין פּינטעלע. זי איז קלוימערשט אין דער רעגע פארטיפט אין א ראָל, וואָס נאָר זי אליין ווייסט אוועלכע. עפּשער „טאניע“, עפּשער „דזשוליעטע“. אלע אין אטעליע ווייסן, אז ליאליע קלײַבט זיך דאָ לאנג ניט פארהאלטן, ווי נאָר זי וועט ענדיקן דעם עלפטן קלאס, וועט זי אָנקומען אין טעאטראלן אינסטיטוט. אלע גלייבן איר, אז זי וועט ווערן אן אקטריסע, מארע איז איר אפילע מעקאנע, איין רוווימטשיק קוקט לעצטנס אף דער שיינער מאדאָנע מיט ניכטערע אויגן.

— ליאליע, — האָט ער איר געזאָגט, — שלאָג זיך ארויס פונעם קאָפּ דאָס מעשוגאַס. ווען דו וואָלסט פארמאָגן דאָס פּינטעלע פון אן אקטריסע, וואָלט מען דיך שוין פון לאנג אונטערגעכאפּט, פאָלג מיך, בעסער צו זײַן א גוטער שנײַדער, איידער א שלעכטע אקטריסע.

די טיר פון דער זאקראָינע צעפּראלט זיך, און אף דער שוועל באווײַזט זיך וולאדימיר גאווריל‏אָוויטש. דער זשיליעט איז צעכראסטעט, די ארבל פון דעם ווײַסן העמד פארקאטשעט ביז די עלנבויגנס, און אפן קאָפּ טוט זיך כוישעך, ווי א פּאָר הענער זאָלן האָבן דאָרטן געהאלטן מילכאָמע. דער ציגאר אין מויל דרייט זיך פון ווינקל צו ווינקל.

— ווו איז ערגעץ סאָפיע יאקאָוולעוונע? — טוט ער א זאָג ארויס מיט קאַס. — זאָל זי גיין מיר ווײַזן, וויאזוי קאָן מען פון דעם שניט סכוירע אויסקראָיען א מאנטל.

רוווימטשיק איז טייקעף אראָפּגעשפּרונגען פונעם טיש און אוועק רופן סאָפיע יאקאָוולעוונען. די מומע נאסטיע איז געוואָרן בלאס ווי די וואנט. זי האָט געמיינט, אז ווי נאָר וולאדימיר גאווריל‏אָוויטש וועט דערזען די פארוואלטערן פון דער אטעליע, וועט ער זיך צעגוואלדעווען ביזן הימל, ווײַל זי, די מומע נאסטיק, ווייסט דאָך, אז סאָפיע יאקאָוולעוונע האָט אים טאקע מאמעש געצוווּנגען, ער זאָל פון דעם דאָזיקן שטיקל סכוירע אויסשנײַדן א מאנטל לויט א נײַעם פאסאָן.

סאָפיע יאקאָוולעוונע איז ארײַנגעקומען א רויִקע, א שטרענגן קוק געטאָן אף אלעמען און געבעטן וולאדימיר גאווריל‏אָוויטשן, ער זאָל צוריק ארײַנגיין אין זאקראָינע. זי איז געגאנגען הינטער אים און פארמאכט נאָך זיך די טיר.

מע האָט געהערט, ווי זיי אמפּערן זיך דאָרטן אין דער זאַקראָיִנע, קיינער וויל ניט אָפּטרעטן דעם צווייטן. אין עטלעכע מינוט ארום האָט סאָפיע יאַקאָוולעוונע ארויסגעשטעקט דעם קאָפּ:

— נאַסטאַסיע מיכײַלאָוונע, זײַט אַזױפּיל גוט.

די מומע נאַסטיע כאַפּט זיך אוף פונעם אָרט ווי אַן אָפּגעבריטע, אָבער דאָס שטיקל אַרבעט, וואָס זי האַלט אין די הענט, לייגט זי פּאָרזיכטיק אַוועק אַפן טיש.

די מומע נאַסטיע רופט מען, זי זאָל פּאַסקענען, ווער פון זיי איז גערעכט. זי, די מומע נאַסטיע, וועט ניט וועלן קיינעם פון זיי באַליידיקן, וועט זי אַלץ נעמען אַף זיך. טאָמער סטײַעט ניט קיין הינטערקאָלנער, וועט זי זאָגן, אַז סע מאַכט ניט אויס, זי וועט אים אויסשטעפּן פון שטיקלעך אַזוי, אַז קיינער וועט ניט באַמערקן, און טאָמער דאַרף מען אויסאַרבעטן אַ פרעמדן מאַנזשעט, וועט זי ניט זשאַלעווען קיין צײַט און אים אַרײַנפּאַסן אַזוי, אַז ער וועט זײַן ווי אַן אייגענער. אַבי ס׳זאָל זײַן שטיל. זי טוט אַ קלאַפּ אין טיר פון דער זאַקראָיִנע און פרעגט, צי מע מעג אַרײַנגיין.

רוּווימטשיק כאַפּט אַ קוק אַף דער שיינער מאַדאָנע, אַף ליאַליען הייסט עס, טוט אַ ווונק צו מאַרען און מעלדעט, אַז די אַסאַמבלייע בײַ וולאַדימיר גאַוורילאָוויטשן אין קאַבינעט הייבט זיך אָן. און כאָטש ס׳איז שטיל דאָ אין צימער, הייסט ער, אַז קיינער זאָל אַפילע קיין פּיפּס ניט טאָן.

ליאַליען קימערט עס ווייניק, צי עס גייט דאָרטן יאָ אַן אַסאַמבלייע, צי ניט.

מאַרע האָט קיין צײַט ניט אופהייבן דעם קאָפּ. זי איז פאַרוואַלגערט מיט אַרבעט. שוין אַ כוידעש, אַז זי האַלט אין איין שלייפן לעכלעך, און יעדער מאַנטל האָט אַ שלאָל מיט לעכלעך. מאַרע רעדט זיך אײַן, אַז עס אַרט איר ניט, וואָס אַלע באַלמעלאָכעס אין אַטעליע זײַנען גרייט איר אונטערוואַרפן אַלע מאַנטלען, ווײַל שלייפן לעכלעך איז אַ נודנע אַרבעט, — און דו, מאַרע, שלייף און שווײַג.

איז מאַרען טאַקע ניט אינגאַנצן פריילעך אַפן האַרצן. צו ליאַליען זעצט זיך אָפּט צו סאָפיע יאַקאָוולעוונע, ווײַזט איר, וויאַזוי בעסער אַרײַנשטעלן דעם קאָלנער אין אַ מאַנטל צי אַן אַרבל, און מאַרע דאַרף אַליין זיך שלאָגן קאָפּ אין וואַנט, ווײַל זי קאָן קונציק שלייפן לעכלעך און קיינער דאַרף איר גאָרניט ווײַזן. דערפאַר איז סאָפיע יאַקאָוולעוונעס אייסעק, וואָס מאַרע עסט אָנבײַסן. בעשאַס דעם איבערײַס, ווען מאַרע צעוויקלט דאָס פּעקל, וואָס די באָבע האָט איר מיטגעגעבן, — די שנײַדערס רופן אָן אַזאַ פּעקל „דער מאַנזשעט“, — וואַקסט אויס הינטער אירע פּלייצעס די פאַרוואַלטערן.

די ערשטע צײַט האָט די באָבע מאַרען מיטגעגעבן ניט קיין שלעכטע פרישטיקן. דאָרט איז געווען אי אַ שטיקל וואורשט, אי אַ בוטערבראָד מיט קעז, אַ פּאָר עפּלעך. אָבער נאָכדעם האָט די באָבע אָנגעהויבן אונטערהינקען. זי האָט געזאָגט, אַז סע סטײַעט איר ניט קיין „פּאָדעם“, און ביז מע וועט ברענגען די פּענסיע איז נאָך ווײַט. דעריבער האָט זי צוגעטראַכט גאָר אַן אַנדער „מאַנזשעט“: עטלעכע געבאַקטע קאַרטאָפל, אַ פּאָר קליינינקע געזײַערטע אוגערקעלעך, וואָס די באָבע אַליין האָט געשטעלט אין אַ דייזשקעלע, דערצו אַ פּאָר שטיקלעך ברויט.

מע האָט באַדאַרפט געווען אַ קוק טאָן אַף סאָפיע יאַקאָוולעוונען, ווען זי האָט דערזען דעם דאָזיקן פרישטיק, פּונקט ווי זי האָט קיינמאָל גאָר אַזעלכע מײַכאָלים ניט געגעסן, מאַמעש דאָס כײַעס גייט איר אויס צום פאַרזוכן אַזאַ געשמאַק אוגערקעלע. און זי האָט טאַקע ניט אויסגעהאַלטן, זיך אַנידערגעזעצט לעם מאַרען, און ביידע האָבן זיך גענומען צום „מאַנזשעט“, וואָס די באָבע האָט מיטגעגעבן.

מאַרע האָט אומיסטן זיך ניט געײַלט מיטן עסן, זי האָט געוואָלט, ס׳זאָל מער סטײַען סאָפיע יאַקאָוולעוונען, וואָס האָט מיט אַזאַ האַנאָע געהאַלטן אין איין קײַען.

באַם טיש איז געווען טומלדיק, מע האָט אַלץ גערעדט וועגן דעם, אַז געבאַקטע קאַרטאָפל מיט געזײַערטע אוגערקעס איז גאָר־גאָר אַ ווױלער מײַכל. די מומע נאַסטיע האָט געזאָגט, אַז עסן געבאַקטע קאַרטאָפל איז זייער נוצלעך פאַרן אָרגאַניזם, און רוּווימטשיק האָט צוגעבאָמקעט מיט אַ ניגנדל: ווער עס וויל פאַרהיטן אַ שלאַנקע פיגור, זי זאָל זײַן „טאָנקי, זוואָנקי אי פּראָזראַטשני“, דער זאָל עסן „זונטיק בולבעס, מאָנטיק בולבעס, דינסטיק און מיטוואָך בולבעס“.

סאָפיע יאַקאָוולעוונע האָט אָפּגעדאַנקט פאַרן איבערבײַסן און געזאָגט, אַז ס׳איז נאָך געבליבן אַ ביסל צײַט, איידער שלײַפן די ציגנער, איז בעסער אַרויסגיין אַף דער פרישער לופט.

מאַרע האָט אויך געקליבן זיך אַרויסגיין אין דרויסן, האָט סאָפיע יאַקאָוולעוונע זי פאַרהאַלטן אַף אַ ווײַלע, און ווען זיי זײַנען געבליבן אינצווייען, גענומען מאַרען אונטערן אָרעם און זי אַוועקגעפירט צו זיך אין קאַבינעט.

מאַרע האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס איז די מײַסע. אין קאַבינעט איז זי געבליבן שטיין לעם דער שוועל. די פאַרוואַלטערן האָט אוועקגעשטעלט א בענקל צום טיש, מאַרע זאָל זיך זעצן. אפן טיש איז געווען צוגעגרייט עסנוואַרג.

— איך האָב געמעגט דיר העלפן עסן דײַן פרישטיק, און דו מיר ניט? — האָט סאָפיע יאַקאָוולעוונע געזאָגט, ווי זי זאָל האָבן א טײַנע צו מאַרען. זי האָט אַנידערגעזעצט מאַרען לעם זיך. ערשט איצט האָט מאַרע דערזען די געשמאַקע מײַכאָלים, וואָס זײַנען געווען אויסגעשטעלט אפן טיש. אָבער מער פון אַלץ האָט איר פאַרשמעקט דער געהאַקטער לעבער, וואָס איז געווען אויסגעלייגט ווי א קוגעלע אף א טעלערל. נאָר דאָ האָט זיך מאַרע באַטראַכט און געוואָלט זיך אופהייבן פון אָרט. זי איז דאָך ניט הונגעריק, נאָרוואָס געגעסן. האָט סאָפיע יאַקאָוולעוונע אף איר א קוק געגעבן מיט אַזעלכע מאָדנע אויגן, ניט קיין בייזע און ניט קיין שטרענגע, נאָר עפּעס ווי א באַליידיקטער מענטש, און מאַרע האָט פאַרשטאַנען, אַז זי טאָר זיך ניט אָפּזאָגן.

ניט איין מאָל אַזוי האָט מאַרע זיך געטיילט מיט איר פרישטיק און סאָפיע יאַקאָוולעוונע מיט אירן. און כאָטש מאַרע איז א סאַך היימישער געוואָרן מיט דער פאַרוואַלטערן, דאָך האָט זי זיך ניט אײַנגעשטעלט צו זאָגן, אַז ס'איז איר שוין נימעס צו זיצן און שלייפן לעכלעך, ווײַל מאַרע ווייסט, אַז די אַטעליע איז מאַמעש פאַרוואַלגערט מיט פאַרטיקע מאַנטלען און ס'איז ניטאָ, ווער ס'זאָל שלייפן די לעכלעך. יעדערער שאָקלט זיך אָפּ פון דער נודנער אַרבעט, און בא איר, בא מאַרען, איז שלייפן לעכלעך אַלצײַנס ווי קנאַקן ניסלעך. אָבער וואָלאַדימיר גאַווריליאָוויטש אַליין האָט דאָך געזאָגט, אַז אַפילע קרעפּלעך עסן ווערט אויך נימעס.

פאַרן ערשטן האַלבן כוידעש האָט מאַרע באַקומען צוויי הונדערט רובל, זי האָט געטראַכט קויפן א מאַטאָנע דער באָבען, נאָר ס'איז פאָרט געווען ווייניקלעך געלט. און זי האָט באַשטימט, אַז בא דער צווייטער פּאָלוטשקע וועט זי אין דער באָבען ניט פאַרגעסן. פונדעסטוועגן האָט זי, גייענדיק אַהיים, זיך דאָך אַרײַנגעכאַפּט אין א קלייט און געקויפט דער באָבען א פּאָר וואַרעמע הענטשקעס. דערפאַר אָבער הײַנט האָט מאַרע באַקומען פאַרן צווייטן האַלבן כוידעש גאָר א סאַך געלט. זי האָט זיך אַפילע דערשראָקן, ווען די קאַסירשע, וואָס איז געקומען צאָלן געהאַלט, האָט איר, מאַרען, אויסגעצאָלט א סומע פון פיר הונדערט רובל. מאַרע האָט געמיינט, אַז ס'איז א טאָעס, נאָר די קאַסירשע האָט א שמייכל געטאָן און איר געהייסן צונעמען איר געהאַלט און זײַן רויִק. אין דער צײַט איז צו מאַרען צוגעגאַנגען וואָלאַדימיר גאַווריליאָוויטש, ער האָט געצופּט מיט די פינגער די שיינע וואָנצעס זײַנע און זיך א כאָכמע געטאָן:

— מאַרע, בא דיר איז דאָך אויסגעוואַקסן אַזאַ יאָמטעוודיק נעזל, און דו טראָגסט עס גאָר אײַנגעדרעוואָכן.

מאַרע פאַרשטייט ניט, וואָס ער וויל זאָגן דערמיט, זי פינטלט מיט די אויגן. און ער איז שוין ווידער אין א גוטער שטימונג, אים איז גוט צו שמייכלען און זיך כאָכמענען.

— מאַרע, — טוט ער א שאַר מיט די פינגער איבער די זשיליעט־קעשענעס, ווי ער וואָלט געזוכט דעם פינגערהוט, — וואָס ביסטו שטיין געבליבן מיט ביידע פיס אף דער ערד? דו ווייסט מיסטאָמע ניט, פונוואַנען עס האָבן זיך צו דיר גענומען אַזויפיל מאַמטאַקים.

— יאָ, יאָ, — האָט מאַרע זיך דערפרייט. — איך ווייס טאַקע ניט, וואָלאַדימיר גאַווריליאָוויטש.

— נאַרעלע, וואָס זשע שווײַגסטו? איך וועל דיר באַלד זאָגן. שלייפן אַזויפיל לעכלעך דאַרף מען דאָך האָבן אַן אײַזערנעם יעיצערהאָרע. און דו פאַרמאָגסט אַזעלכע גראָטענע פינגערלעך, זיי האָבן דאָך געאַרבעט אף כידושים, טאָ האָב קיין מוירע ניט, מאַרע, דו האָסט דאָס געלט ערלעך פאַרדינט.

אַז וואָלאַדימיר גאַווריליאָוויטש שמייכלט, דאַכט זיך, אַז עס ווערט ליכטיקער אין יעדן ווינקל. ערשט ניט לאַנג איז ער געווען שוואַרץ, ווי א כמאַרע, און איצט איז ער אופגעלייגט. די אַסאַמבלייע בא אים אין זאַקראָיִנע האָט זיך בעשאָלעם פאַרענדיקט. סאָפיע יאַקאָוולעוונע איז א צופרידענע אוועקגעלאָפן צו זיך אין קאַבינעט, ווײַל ס'האָבן אף איר געוואַרט מענטשן, מע איז שוין עטלעכע מאָל געקומען זי רופן. אָבער גליקלעכער פון אַלעמען איז געווען די מומע נאַסטיע. זי האָט פון דער זאַקראָיִנע אַרויסגעשוועבט ווי א פּאַווע. זי האָט געמיינט, אַז קיינער זעט ניט איר שמייכעלע, וואָס זי וויל באַהאַלטן. די מומע נאַסטיע איז העכסט צופרידן, וואָס אַלץ האָט זיך גוט אויסגעלאָזט. אי סאָפיע יאַקאָוולעוונע האָט אירס געפּויעלט, אי וואָלאַדימיר גאַווריליאָוויטש וועט זיך ניט דאַרפן עסן לעבעדיקערהייט.

■

מע קאָן מיינען, אַז בא די זאַוועריוכעס איז אַלץ אין אָרדענונג, שאָלעם וועשאַלווע. עזרע מיט שיקלען אַרבעטן, ווי פריִער, אפן זאַוואָד. דאַנקע לערנט זיך אין שול, נאָך עטלעכע כאַדאָשים וועט ער ענדיקן דעם צענטן קלאַס. וועגן פאָרן צו דער מאַמען דערמאָנט ער מער ניט.

אָבער עזרע ווייסט, אַז מע דאַרף זיך ניט אָפּנאַרן, — פֿאָרן צו דער מאַמען איז דאַנקעס געגאַרדטער טרוים. עזרע זעט אויך, אַז מיט שיקלען האָט זיך עפּעס פֿאַרלאָפֿן. עמעס, אַף דער אַרבעט איז דאָס ניט צו באַמערקן. פֿאַרקערט, עזרען דוכט זיך אַפֿילע, אַז דער באָכער האָט ערשט איצט דערפֿילט דעם עמעסן טאַם אין שמידערײַ, ער האָט אויפֿגעהערט רעדן וועגן איבערגיין אַרבעטן אין מעכאַנישן צעך, לייגט אײַן די וועלט, מע זאָל אים נאָר געבן קאָוועז די דעטאַלן נומער פֿערצן.

עזרע פֿאַרשטייט לאַכלוטן ניט, צוליב וואָס דאַרף ער עס, שיקל. די באַלוואַנקעס זײַנען שווער מיט רוכעס. אַז מע מאָרדעוועט זיך אָן מיט זיי אַ טאָג, הייבן אָן קיצלען זשוקלעך אין די הענט מיט די פֿיס, מאַמעש מע קאָן ניט אײַנשטיין אַף אָן אָרט, כאָטש גיי אַ טענצל, און קיין גרויסע פֿאַרדינסטן שטייען באַדערבײַ אויך ניט פֿאַר, מע דאַרף זיך אָפּוואַשן אין צען שווייסן, מע זאָל מאַכן די נאָרמע.

יענעם טאָג, ווען שיקל האָט באַדאַרפֿט זיך שטעלן קאָוועז די וואָגיקע באַלוואַנקעס, איז ער געקומען אין צעך אין אַ נײַעם לעדערנעם פֿאַרטעך, אין אַן אויסגעפּרעסטן קאָמבינעזאָן. באַ דער רעכטער זײַט, אונטערן רימען, זײַנען געווען פֿאַרשטעקט אַ פּאָר ברעזענטענע הענטשקעס מיט שוואַרצע גלאַנציקע דלאָנקעס, אַפֿן קאָפּ איז געווען אויפֿגעזעצט אַ טונקל־בלויער בערעט, פֿון אונטער וועלכן ס'האָט אַרויסגעקוקט אַ קײַלעכדיק רעדעלע האָר.

די קאָוועלעס האָבן זיך געוווּנדערט. ווער עס האָט געזאָגט שיקלען: „צי אונטער די הויזן, זאַווערױכעס!" און ווער עס האָט אונטערגעמינטערט: „ווײַז, וואָס דו קענסט!"

שיקל האָט זיך ניט געאײַלט, אַלץ געטאָן באַדאַכט. אין אויוון האָבן זיך שוין געוואַרעמט צוויי באַלוואַנקעס, די דריטע איז געלעגן לעם דעם האַמער. ווי נאָר שיקל וועט די ערשטע באַלוואַנקעס אַרויסנעמען פֿון אויוון, וועט די דריטע פֿאַרנעמען דאָס אָרט פֿון דער ערשטער.

דער שמיד־צעך איז אויפֿגעלעבט געוואָרן, מ'האָט געלאָזט די האַמערס. שיקל האָט אַרויסגעכאַפּט פֿון אויוון די באַלוואַנקע. זי האָט אַ בלענד געטאָן מיט פֿונקען און באַשפּריצט אַלץ אַרום, ווי מיט שטערנדלעך. ס'האָט געדוכט, אַז שיקלס פּאָנעם וועט זיך באַלד אָנעמען מיטן פֿײַער פֿון דער צעגליטער באַלוואַנקע. ער האָט ברייט צעשטעלט די פֿיס, פֿאַרביסן מיט די ציין די אונטערשטע ליפּ. דער גאַנצער קערפּער איז געווען ווי אויסגעגאָסן פֿון שטאָל, בלויז די הענט שיקלס זײַנען אַוועק אין גאַנג, זיך געוואָרפֿן הין און צוריק אַף רעכטס און אַף לינקס וואָס אַמאָל האַסטיקער. דער האַמער האָט אָנגעהויבן ריידן ווערטער. ערגעץ פֿון די שלייפֿן באַ שיקלען האָבן אָנגעהויבן אַראָפּרינען פּאָטיאָקעס שווייס. ער געפֿינט אָבער צײַט נעמען דאָס האַנטעכל אין האַנט און טוט געשמאַק, מיט האַנאָע אַ וויש דאָס נאַסע פּאָנעם. „נו, — טראַכט עזרע, — ווי פֿילסטו זיך, מײַן זון, ס'האָט זיך באַ דיר באַקומען?"

צום סאָף טאָג האָט עזרע געכאַפּט אַ קוק צום האַמער, וווּ שיקל איז געשטאַנען אַ מידער, נאָר אַ צופֿרידענער, די ליפּן האָבן זיך באַ אים באַוועגט, ס'האָט געמאַכט דעם אײַנדרוק, אַז ער זינגט זיך אונטער אַ לידל. קאָן דען געמאָלט זײַן, אַז באַ די זאַווערױכעס זאָל די אַרבעט זיך ניט באַקומען? ערגעץ אַנדערש באַקומט זיך עפּעס ניט באַ שיקלען. געוויס איז דאָס פֿאַרבונדן מיט עמען — שטויסט זיך שוין עזרע אָן.

פֿריִער האָט עזרע ניט באַמערקט, אַז שיקל זאָל זיך וועלן אויסדרייען פֿון אים, קיין כיישעק ניט האָבן גיין אײנעם מיטן טאַטן אַהיים, און איצט געפֿינט דער זון אַלעמאָל אַ טערעץ: דאָס דאַרף ער אַרײַנלויפֿן אין קאָמיוג־ביוראָ, דאָס דאַרף ער אַרײַנשפּרינגען אין צעך צו באָריסן. און אַז ער קומט שוין יאָ פֿאַרפֿרי אַהיים, איז ווי נאָר ער עסט אָפּ, גייט ער אַוועק אין גאַראַזש גרייטן באַפֿוצונגען צו דער ראַקעטע. ער וויל, זי זאָל האָבן אַ מאָדערנעם אויסזען אויך, ער מיינט פֿרילינג זי אַראָפּלאָזן אַפֿן וואַסער. עזרע פֿאַרשטייט, אַז שיקל סטאַרעט זיך אויסמײַדן אַ געשפּרעך מיט אים, באַהאַלט עפּעס אויס.

ביכלאַל זײַנען באַ שיקלען קיין סוידעס ניט געווען פֿאַרן טאַטן. וועגן דעם, אַז ער האָט ליב עמען, האָט ער גערעדט גאַנץ אָפֿן. אָנהייב ווינטער האָט שיקל געמאָלדן, אַז פֿרילינג־צײַט וועט ער זיך פֿאַרשרײַבן מיט עמען. עזרע איז געווען צופֿרידן, וואָס אַ שנור, אַ טאָכטער, וועט קומען צו אים אין שטוב אַרײַן. אַ פֿרוייִש געמיט איז פֿאַרט עפּעס ווערט. ער האָט געקלערט, אַז דאַנקען וועט ער נעמען צו זיך אין אַלקער, און שיקל מיט עמען וועלן וווינען אינעם גרויסן צימער.

די צײַט איז געגאַנגען, דער פֿרילינג איז געקומען, און שיקל האָט גאָר אויפֿגעהערט ריידן וועגן דער כאַסענע. זעלטן ווען ער דערמאָנט עמעס נאָמען, האָט אַלץ צו טאָן מיט די דעטאַלן נומער פֿערצן, פֿירט כעזשבוינעס, דאַנקען האָט ער געגעבן אַ שלאָל מיט ציפֿערן, יענער זאָל זיי איבערקייפֿלען אַף דער לאָגאַריטמישער ווירע, קלײַבט זיך דערווײַזן, אַז מע דאַרף די דעטאַל ניט קאָוועז, נאָר פּרעסן. שיקל האָט אַפֿילע ניט דערציילט, אַז עמע איז אַוועקגעפֿאָרן אַף פּראַקטיק, כאָטש פֿריִער האָט די גאַנצע שטוב געמוזט וויסן וועגן יעדן שפּאַן, וואָס זי מאַכט. דאָס

האָט עזרע צופּעליק זיך דערוווּסט פון באָריסן, מיט וועלכן ער האָט זיך באַגעגנט אַפּן זאַוואָד, אַז זי איז אַוועקגעפאָרן.

עזרע איז געוועזן זיכער, אַז סאָפּאָקאָלאָסאָף וועט שיקל צוגיין צו אים און זאָגן, אַז ער האָט עפּעס וואָס צו דערציילן דעם טאַטן, און דעריבער האָט עזרע געדולדיק געוואַרט, ניט געצוווּנגען דעם זון ריידן. אין איינעם אַ שפּעטן אָוונט איז שיקל געקומען צו לויפן פון ערגעץ, דאָס פּאָנעם איז געווען פאַרפּלאָמט, די אויגן צעשטראַלט. דאַנקע האָט אים פאַרגעלייגט עפּעס איבערכאַפּן, נאָר שיקל האָט עסן ניט געוואָלט.

— טאַטע, איך דאַרף זיך האַלטן מיט דיר אַן אייצע.

אָט איצט, האָט עזרע געמיינט, וועט דער זון שוין עפּעס דערציילן וועגן זײַן עמען. דאַנקע, וואָס איז געשטאַנען דערנעבן, האָט געוואָלט אַוועקגיין אין אַ זײַט, נאָר שיקל האָט אים פאַרהאַלטן:

— דאַנקע, מעגסט אויך הערן.

שיקל האָט אויסגעטאָן דעם פּידזשאַק, צעבונדן דעם שניפּס, פאַרקאַטשעט די אַרבל פון עם ווײַסן העמדל ביז אַריבער די עלנבויגנס, פּונקט ווי ער וואָלט געדאַרפט זיך נעמען עפּעס טאָן, און זיך טאַקע גענומען צו אַן אַרבעט — האָט אַרויסבאַקומען זײַנע צייכענונגען, ווו די פּערצעטע דעטאַל איז געווען אָנגעמאָלט אי שטייענדיק, אי ליגנדיק, און איינע פון זיי צעוויקלט. אַפּן גרויסן בויגן פּאַפּיר איז די דעטאַל געווען געצייכנט אַזאַ, ווי זי ווערט געקאָוועט מיטן דאַמף־האַמער, און אַזאַ, ווי וואָלט זי אויסגעזען, ווען מע שטאַמפּעוועט זי.

„ווידער וועגן דער פּערצעטער דעטאַל, — האָט עזרע מיט פאַרביטערונג אַ טראַכט געטאָן, — און ווען זשע וועגן עמען?"

— אָט דאָס איינגאַנצן? — האָט ער אַ זאָג געטאָן און געקוקט אַף שיקלען, ווי יענער וואָלט נאַרוואָס אַראָפּגעפאַלן פון אַן אויוון. וואָסי, שיקל ווייסט ניט, אַז מע האָט שוין וויפל מאָל גערעדט וועגן דער דאָזיקער דעטאַל אַף פאַרזאַמלונגען, די פראַגע איז שוין אַפילע אַמאָל געשטאַנען אַף אַ זאַוואָדישער פּאַרטיי־קאָנפערענץ. מע טוט דאָך עפּעס אין דערינען, ס'וועט קומען אַ צײַט אַף דער מעגושעמדיקער באַלוואַנקע אויך.

— וואָס מיינסטו, דו האָסט אַנטדעקט אַ נײַעם שטערן אַפּן הימל? — עזרע האָט אַ לאַך געטאָן, ווי איינער רעדט, מע האָט שוין וועגן דעם געוווּסט נאָך דאַן, ווען שיקל איז אַרומגעלאָפן אונטערן טיש אָן הייזלעך.

שיקל האָט זיך דאַפקע ניט פאַרלוירן און אַרויסגעלייגט אַ רעדע, ווי אַף אַ טעלערל. ער האָט זיך פאַרגינט זאָגן, אַז דער טאַטע זײַנער גייט טאָג־אײַן, טאָג־אויס, יאָרנלאַנג, מיט איינער און דער זעלבער גאַס צו דער אַרבעט, קומט אַף דעם זעלבן זאַוואָד, שטעלט זיך בײַ דעם זעלבן האַמער, און ס'אַרט אים ניט, דעם טאַטן, צי ער קאָוועט שווערע דעטאַלן, צי גרינגע, צי דער פּרעס אַרבעט, צי ער האָט ניט וואָס צו טאָן, דאָס רעדל דרייט זיך, און די זעלבע גאַס שטייט אַף איין אָרט.

עזרע האָט אַזש אַ ציטער געטאָן. די ווערטער האָבן אים ווי אָפּגעבריט דאָס לײַב. ער האָט צעכראַסטעט דאָס פּידזשאַקל פון דער פּיזשאַמע און אַ שאַר געטאָן מיט דער האַנט איבער דער האָריקער ברוסט.

— דו האָסט צו טאָן מיט שווערע דעטאַלן אַ כּוידעש מיט אַ פרײַטיק, — האָט ער בייז געזאָגט, — און ס'זײַנען דיר שוין אײַליק געוואָרן די ציין. איך געדענק ניט, וויפל יאָר איך בוק זיך צו די באַלוואַנקעס, און האָב צו קיינעם קיין טײַנעס ניט...

— דעריבער דאַרף מעלוכיש געלט אַוועק מיטן רויך? אַז מע וועט פּרעסן די דעטאַל, וועט מען דאַרפן האָבן צוויי מאָל גרינגערע באַלוואַנקעס ווי אַף צו קאָוועט זי. דער זאַוואָד באַקומט וואַגאָנעסווײַז מעטאַל און שיקט אַף צוריק גאַנצענע בערג מיט סטרוזשקעס. און מענטשישע האָרעוואַניע איז גאָרנישט ווערט?

— ס'איז דאָ אַ געוויג סיבעס... — האָט עזרע געפּרוווט ענטפערן.

— וואָס פאַרא סיבעס?

— דו ווייסט ניט? ביסט אַ נעכטיקער. מע דאַרף האָבן אַנדערע פּרעסן, קוואַליפיצירטע קאָוועלעס. זאָרג זיך ניט, ס'וועט קומען די צײַט, וועט מען שטאַמפּעווען די פּערצעטע דעטאַל אויך.

— ס'וועט קומען די צײַט? — האָט זיך אַרײַנגעמישט דאַנקע, וואָס האָט די גאַנצע צײַט געשוויגן, בלויז געהערט מיט נײַגער, ווי דער זיידע מיט שיקלען האָבן זיך איבערגעשאַסן מיט ווערטער. — צײַט קאָסט טײַער, זיידע. וואַרטן, ביז זי וועט קומען, קאָן מען בלײַבן אָן הויזן. אַנשטאָט דעם, ס'זאָל זיך אָנהייבן אַן עמעס קריגערײַ, האָט אויסגעבראָכן אַ געלעכטער.

עזרע האָט א מאַך געטאָן מיט דער האַנט אַפּן אײניק. שיקל איז צוגעגאַנגען צו דאַנקען און א שױבער געטאָן די פּאָטלע זײַנע.

עזרע האָט געהאַלטן, אַז מיטן געלעכטער האָט זיך געענדיקט דער געשפּרעך, און געװאָלט שױן גײן שלאָפן, נאָר שיקל האָט געבעטן, דער טאַטע זאָל זיך צוזעצן נאָך אַף עטלעכע מינוט.

אַלע האָבן זיך װידער אױסגעזעצט באַם גרױסן טיש, פּונקט װי באַם עסן װעטשערע. שיקל האָט גענומען א בלײַער אין האַנט, צוגעשאַרט צו זיך א בײַגעלע רײן פּאַפּיר, װי ער װאָלט זיך געקליבן עפּעס שרײַבן צי צײכענען, אָבער ער האָט בלױז געפּירט מיטן בלײַער אַהער און אַהין, געמאָלט עפּעס גלאַט אַזױ אין דער װעלט אַרײַן. עס איז קאָנטיק געװען, אַז ער איז א ביסל צערודערט. דעם סאַמע איקער האָט ער דאָך נאָך ניט געזאָגט. ער װיל װיסן, װי װעט דער טאַטע קוקן אַף דעם, װאָס שיקל האָט שױן אָרגאַניזירט א פּרײַװוילִיקע בריגאַדע קאָמיוגיסטן, טאָקערס און שלאָסערס אײנס און אײנס, מע װעט געהײם צוגרײטן די גאַנצע אױסריכטונג אַף פּרעסן די פּערצעטע דעטאַל און אונטערטראָגן דער אַדמיניסטראַציע פון צעך א סורפּריז. און זאָל מען פּרוּװן זאָגן, צי ס׳איז מעגלעך פּרעסן שװערע דעטאַלך, צי ניט.

עזרע האָט זיך אַזש פּאַרקרימט און ניט קײן גוטן קוק געטאָן אַף שיקלען, ער האָט מיט אײמ־פּעט געלאָזט זיך גײן איבערן צימער, די שטעקשיך זײַנע האָבן האַסטיק געפּאַטשט אינעם דיל.

דאַנקע האָט געװאָלט פרעגן, װאָס איז אים, דעם עלטסטן פון די זאָװעריוכעס, אַזױ ניט געפעלן געװאָרן, נאָר ער האָט זיך באַטראַכט. אין אַזעלכע פאַלן איז בעסער אים לאָזן צורו.

עזרע האָט זיך א ביסל באַרויִקט, איז צוגעגאַנגען צום זון. שיקל האָט זיך אופגעהױבן פון אָרט: אַז דער טאַטע שטײט און רעדט צו אים, װעט ער ניט זיצן.

— זאָג מיר נאָר, שיקל, פאַרװאָס דאַרף זײַן געהײם? פון װעמען דאַרפט איר זיך אױסבאַ־האַלטן, צוליב װאָס די דאָזיקע קאָנספּיראַציע?

שיקל האָט געהאַט װאָס צו זאָגן, נאָר אין דער מינוט האָט ער זיך װי פאַרלױרן, ניט גע־קאָנט געפינען דעם געהעריקן ענטפער.

פונדעסטװעגן האָט ער ניט געװאָלט שװײַגן, ניט געװאָלט באַהאַלטן פאַרן פאָטער דאָס, װאָס עס האָט אים די גאַנצע צײַט געקימערט.

— דו װײסט ניט פאַרװאָס, טאַטע? די אַדמיניסטראַציע איז ניט פאַרינטערעסירט, מע זאָל בײַטן די טעכנאָלאָגיע. אַז מע װעט זיך דערװיסן, װעט מען אונדז פאַרשרײַען.

— װאָס זשע, ס׳איז עפּעס א קינדער־שפּילכל? צינד־מאַשינדלעך װעט איר מאַכן, װאָס מע קאָן זײ באַהאַלטן אין קעשענע? סײַװי װעט מען זיך דערװיסן. אױב איר זײַט זיכער אין אײַער זאַך, שרײַבט אָן אין פּאַרטײ־קאָמיטעט, אָדער זאָל די קאָמיוגישע אָרגאַניזאַציע קומען מיט אײַער פּאַרשלאָג. און אַזױ װאָס באַקומט זיך? איר װילט אונטערלײגן דער צעך־אַדמיני־סטראַציע א באָמבע? און אױב די באָמבע װעט ניט אױסשיסן? דעמלט װעט מען דאָך אײַך באַ־גיסן מיט בלאָטע פון קאָפּ ביז די פיס. אַף אַזא מין װעג אײַצע איך אײַך ניט גײן. אָט באַטראַכט גוט, װעסטו זען.

שיקל האָט געשװיגן, דאַנקע האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. ער איז מאַסקים מיטן זײדן. צום זײדנס װערטער דאַרף מען זיך צוהערן.

נאָר שיקל האָט דאָך אויך ניט געזאָגט, אַז דער טאַטע איז ניט גערעכט. מע מוז זיך דורכ־שמועסן מיט די כעװורע. פאַרשטײט זיך, אַז מע װעט גוט באַטראַכטן.

עזרע האָט געװאָרט, דער זון זאָל אים נאָך עפּעס זאָגן, אָבער שיקל האָט גענומען אױסבעטן זיך דאָס געלעגער.

— נו, און מער האָסטו מיר גאָרניט װאָס צו דערצײלן?

שיקל האָט די אױגן ניט אופגעהױבן, געשאָקלט מיטן קאָפּ אַף נײן. דערװײַל האָט ער מער ניט װאָס צו דערצײלן.

■

מארע גלײבט ניט, אַז דער װינטער איז שױן פאַרבײַ. דאַכט זיך, ערשט ניט לאַנג איז געװען יענער גאָלדענער האַרבסט, װען זי, מאַרע, האָט אָנגעהױבן אַרבעטן. נאָכדעם איז אױסגעפאַלן דער ערשטער שנײ, און איצט איז דער שנײ גרױ געװאָרן, װי א זאַקן, גױסעסט אײנינעם מיטן װינטער. עס קומט צו לױפן א װינטל, טוט דאָ א שמעק, דאָרטן א לעק און לאָזט איבער נאָך זיך א גערוך פון פרישע װאַסערן, פון יונגע גרעזלעך.

פאַרן װינטער האָט מאַרע זיך קימאַט ניט געענדערט. בלױז װען זי טוט אָן אירע נײַע שיכ־לעך אַף די הױכע קנאַפּל, װערט זי א ביסל װױקסיקער, די פיס אירע שטעלן זיך אַנידער גאָר אַף

אַן אנדער אויפן, זיי ווערן שלאַנקער, שטאַלטנער. מארע וועט שוין דעמלט ניט קיין שפרונג טאָן אַף איין פוס, ווי א פארשייַט יינגל.

יאָ, און נאָך א זאך. די האָר בא מארען האָבן אופגעהערט זיך ווארפן, צעשיטן זיך שוין ניט איבער די אויגן, זיי זייַנען פאַשעט אונטערגעוואקסן, דערלאַנגען קימאט ביז די אקסלען, זיי זייַנען געוואָרן געדיכטער און טוליען זיך צו מארעס בעקלעך.

סאָפיע יאקאָוולעוונע גיט אַלעמאָל צו וויסן מארען, אז נאָך די האָר דארף מען אכטונג געבן, מע דארף זיי אויסלייגן, זיי זאָלן פאסן צום פּאָנעם. נאָר מארען ליגן איצט ניט אין קאָפּ אזעלכע פוסטע מייַסעס. סאָפיע יאקאָוולעוונע אליין האָט דאָך איר פארגעבן אַן ארבעט, וואָס האַלעווייַ ס'זאָל זיך גוט ענדיקן.

צוריק מיט א פאָר טעג האָט די פארוואַלטערן געשיקט רופן מארען און ליאַליען אין זאקראָינע, ניט אין דער, ווו וואָלאדימיר גאוורילאָוויטש ארבעט, נאָר אין יענער, ווו מע שנייַדט צו פרויען־קליידער.

סאָפיע יאקאָוולעוונע האָט ביידע מיידלעך צוגערופן צום טיש, אַף וועלכן ס'איז געלעגן א רעשט קאָלירטער זייַד, זי האָט צוגעטוליעט די סכוירע צו ליאַליעס ברוסט, צונויפגענומען מיט די פינגער א מין זשאבאָ, זי אויסגעלייגט ארום ליאַליעס האַלדז און געהייסן מארען, זי זאָל א קוק געבן. מארע איז געשטאַנען א פארגאפטע, די טונקל־רויטע בלימעלעך אַף דער סכוירע, ארומגעוועבטע מיט העלע גרינע בלעטעלעך, האָבן זייער געפּאַסט ליאַליען.

סאָפיע יאקאָוולעוונע האָט ניט געפרעגט מארען, צי זי וועט קענען, צי ניין, פאַשעט געהייסן איר צוקלייַבן א פאסאָן פאר ליאַליען און צושנייַדן א קלייד.

צושנייַדן? מארע ווייסט דאָך ניט, צי זי וועט קענען. און וואָס וועט זייַן, אז זי וועט קאַליע מאכן אזא טייַערע סכוירע? נאָר סאָפיע יאקאָוולעוונע איז דאָך ניט די באָבע, איר טאָר מען ניט דערווידערן. מארע האָט אָנגעהויבן אראָפּנעמען א מאָס פון ליאַליען, דערבייַ געקוקט אַף איר מיט פאריבל, ווי איינער רעדט: „דיר מעג מען פארטרויען צייַלן שטערן אַפן הימל, ניט קיין סאָד“. זי האָט זיך אָנגעשטויסן, אז ליאַליע האָט דערציילט דער פארוואַלטערן וועגן איר, מארעס, העפטל מיט די מאָדעלן און פאסאָנען, וועלכע זי קאָפּירט, קלוימערשט, אזוי האָט זי ליאַליען געזאָגט, פון אויסלענדישע זשורנאַלן.

נאָכן מעסטן האָט די פארוואַלטערן געהייסן ליאַליען גיין. מארע האָט זיך שוין פאָרגע־שטעלט, אז מע האָט זי איבערגעלאָזט, קעדיי איר אריַינטיילן א ביילעק, האַלעמייַ זי האָט פון סאָפיע יאקאָוולעוונען אויסבאהאַלטן דאָס העפטל מיט די פאסאָנען, ניט געוואָלט ווייַזן די נייַע מאָדעלן. איצט וועט מארע ניט וויסן, וויאַזוי צו דערווייַזן, אז קיין שום אויסלענדישע זשורנאַלן האָט זי אין די אויגן ניט געזען, דאָס האָט זי, אינדערעמעסן, אליין צוגעטראכט צוליב זיך פאסאָנען, געצייכנט מאָדעלן גלאַט אין דער וועלט אריַין. ווי ס'האָט איר פארטראָגן דער סייכל.

סאָפיע יאקאָוולעוונע האָט וועגן העפטל גאָרניט געפרעגט, זי האָט א גלעט געטאָן מארעס האָר און גאָר אָנגעהויבן רעדן וועגן דעם, וואָס פאר א מין פריזור מע קאָן פון אזעלכע האָר מאכן. דערבייַ האָט זי א פרעג געטאָן, צי מארע האָט ביגודי. ניין? איז אויך ניט מעסוקן, בא איר, בא דער פארוואַלטערן, אין קאבינעט דארף זיך ערגעץ וואַלגערן א גאנץ קעסטל ביגודי, ווייַל זי אליין האָט אמאָל געפרווּווט מאכן זיך א פריזור, נאָר אירע שטריק האָבן ניט געוואָלט זיך אונ־טערגעבן. אָט בא מארען זייַנען די האָר ווייכע, מאמעש זייַדענע, זאָלן זיי נאָך א ביסעלע אונ־טערוואקסן, וועט מען קאָנען אויסלייגן לאָקנס ארום האַלדז, אַפן קאָפּ מעגן בלייַבן די האָר גלאַ־טע, פארקעמט מיט א שרונט, דאָס וועט זייער פאסן מארען, זאָל זי נאָר ניט פארגעסן אריַינגיין נעמען די ביגודי.

מארע האָט ניט פארגעסן, נאָר זי האָט דען צייַט צו דרייען די דריידלעך? נאָך דער ארבעט לויפט זי אין שול זיך לערנען, דערנאָך דארף מען מאכן די לימודים. ווערסט מיד און עס ווילט זיך שלאָפן. דערצו איז די באָבע קראנק געוואָרן, ליגט צו בעט, זי היילט זיך אליין, אָן שום דאָק־טוירים. אָבער מארע דארף איר שטעלן באנקעס, געבן אָקרעפּ מיט מילך, אָפּקאָכן וואַרמעס אַף מאָרגן, די באָבע זאָל ניט דארפן אופשטיין פון געלעגער.

איצט שלאָפט די באָבע. אין שטוב, אַף מארעס טישל, ברענט א קליין לעמפּעלע. אַף דער וואנט דרייט זיך ארום א שאָטן. דאָס שטיבל, ווו מארע וווינט מיט דער באָבען, איז א נידעריקס. אמאָל האָט דאָ געוווינט דער הויף־וועכטער. אַף דער קורצער וואנט איז מארעס שאָטן א גרויסער, ער פארנעמט די גאנצע וואנט, ברעכט זיך איבער און קריכט ארוף אַף דער סטעליע. מארע פּאָרעט זיך און זי ווייסט ניט, אז די באָבע האָט זיך שוין ווידער אופגעכאפּט, ליגט מיטן פּאָנעם צו דער וואנט און שפירט נאָך נאָך יעדער באוועגונג פונעם שאָטן.

פלוצעם ווערט די באָבע אומרויִק. פריִער האָט זי לויטן שאָטן פארשטאַנען, אז מארע שטעלט צו דעם וואַרמעס, לערנט, גרייט די לימודים, און איצט האָט זי זיך גאָר גענומען צו אירע האָר.

וואָס טוט זי עס דאָרט מיט זיי? וואָס דאַרף זי זיי רײַסן אַף זיך, וואָס דרייט זי זיי? זי איז מעשוגע, ציִ וואָס? די באָבע וויל זיך אויסקערעווען א קוק געבן אַף מארען, טוט איר שטארק וויי דער רוקן, זי וויל זיך ניט צעדעקן, זי האָט זיך שוין אזוי גוט אײַנגעמאָסטעט נאָך די באנקעס, אז ס'איז ניט קעדײַ זיך דרייען אַפן געלעגער. און דאָ באמערקט זי אַפן שאָטן, אז מארעס האָר סטײַען ערגעץ ניט, א קאשע אַף א מײַסע, זי קאָן זיי ווידער אונטערשערן און ווידעראמאָל אויס מויד, נאָכאמאָל א ייִנגל. די באָבע האלט ניט אויס און הייסט מארען צוגיין צום בעט. מארע ווערט דערשראָקן. ווי קאָן זי צוגיין צו דער באָבען מיט א קאָפּ, פון וועלכן ס'הענגען אראָפּ די דריידלעך, ס'א וויסטער ביזאָיען. כאפּט זי א טיכל און בינדט זיך איבער, קלוימערשט זי האָט זיך נאָרוואָס אויסגעצוואָגן. זי גייט צו צום בעט און פרעגט, וואָס וויל די באָבע. די אַלטע פאַרײַסט די אויגן, וויל א קוק געבן, נאָר זי פארשטייט שוין, וואָס עס טוט זיך באם אייניקל אונטערן טיכל. וואָסי, אמאָליקע יאָרן האָט מען זיך ניט געפּלויעט די האָר מיט א הייסער פּלויקע און מיט קיין שטיקל פּאַפּיר האָט מען זיך ניט געדרייט קיין קוטשערן? ווערט דאָך מארע א מענטש. אז די אַלטע קוקט זיך גוט צו צו דער קליינער, זעט זי, ווי דאָס יונגע שלאנקע גופעלע דאַרף אָט־אָט צײַטיק ווערן. דאָס באווײַזן די אויסגעטאָקטע הענטלעך אירע, דער הויכער האלדז, וואָס וואקסט ארויס פון די שמאָלע אקסלען. ס'וועט זיך אויספּיקן א שיין שטאלטנע קערפּערל. די אַלטע האָט האנאָע, זי פארגעסט, אז ס'שטעכט איר אין דער פּלייצע, פארגעסט אין אַלע ווייטעקן, און זי פרעגט מארען, פארוואָס זיצט זי אזוי שפּעט, פארוואָס לייגט זי זיך ניט שלאָפן, מאָרגן דאַרף מען דאָך גיין צו דער ארבעט.

מארע קאָן זיך שוין טאקע לייגן שלאָפן, זי האָט שוין אָפּגעטאָן אַלע אירע ארבעטן. ביז זי האָט געהאט צו טאָן מיט די האָר און ביז זי האָט אויסגעלערנט די עקאָנאָם־געאָגראפיע, האָט זיך אָפּגעקאָכט דער באָבען א ייַכל.

מארע דעקט אײַן דעם כוילע, פארלעשט דאָס לעמפּל און לייגט זיך שלאָפן. אין דער פינצ־טער דערזעט זי פּלוצעם, ווי פאר אירע אויגן הייבן אָן שוועבן שיינע קליידער. די מאנעקענעס, וואָס שטייען בא סאָפּיע יאקאָוולעוונען אין דער זאקראָינע, ווערן לעבעדיק, זיי הייבן זיך אָן באוועגן. אינמיטנדערינען טאנצט גאָר ליאַליע ארײַן. זי איז אָנגעטאָן אינעם קלייד, וואָס מארע האָט איר צוגעשניטן. מארע וווּנדערט זיך: וויִאזוי קאָן דאָס זײַן, וויִאזוי איז פארטיק דאָס קלייד, אז זי האָט נאָך אפילע ניט אָנגעהויבן מאָלן דעם פאסאָן? אָבער אזוי וועט עס טאקע אויסזען. אזוי האָט זי עס פארטראכט, דאָס קלייד. אָן שום ארבעלעך, בלויז מיט א דינינק שלייקעלע אַף די אקס־לען, מע זאָל זען ליאַליעס שיינעם האלדז, אירע פרעכטיקע הענט, די פּלייצע אירע. יאָ, יאָ, מארע וועט אין זינען האָבן, אז ליאַליעס טאַליע איז א ביסל צו נידעריק. זי ווייסט וואָס צו טאָן, אז מע זאָל עס ניט באמערקן. זי וועט אונטערהייבן די טאַליע פונעם קלייד, און ליאַליעס פיגור וועט אַף א סאך אויסשפּילן.

פּלוצעם טאנצט ליאַליע ארויס אַף א בינע. הייסט עס, זי איז טאקע געוואָרן אן אקטריסע. מארע הערט, ווי דער אוילעם פּליעסקעט, ליאַליע בייגט זיך אין אַלע זײַטן און סטײַעט ניט.

מארע קומט צו־זיך. אַלץ, וואָס עס האָט זיך איר פאָרגעשטעלט, איז נעלעם געוואָרן. אינ־דערעמעסן האָט זי גאָר ביז איצט ניט געוווּסט, וואָס פאר א פאסאָן זאָל זי מאכן, אז ס'זאָל סאָ־פּיע יאקאָוולעוונען געפעלן. אָבער איצט ווייסט זי שוין: זי וועט מאכן אזא קלייד, ווי זי האָט ערשט געזען אין כאָלעם. אזוי פויעלט זי בא זיך, און עס ווערט איר גרינגער אַף דער נעשאָמע. זי פארמאכט די אויגן און הייבט ווידער אָן דרעמלען. נאָר דאָ דערהערט זי, ווי עס טוט א סקריפּע דער טויער פונעם גאראזש, א דערשראָקענע טוט זי זיך א הייב אוף פונעם געלעגער, דער שליסל איז דאָך בא איר. נאָר באלד כאפּט זי זיך, אז איצט פארגלייבט איר שיקל מער ניט דעם שליסל, ווײַל זי פארהאלט זיך צו לאנג אין שול, און ער נייטיקט זיך מער אין איר ניט, ער דאַרף שוין ניט, אז זי זאָל אים עפּעס דערלאנגען, זי זאָל לויפן קויפן סיגארעטן. ער האָט גאָר ליב באקומען זיך פארשפּארן אין גאראזש און זײַן דאָרטן איינער אַליין.

מארע שטייט אוף, פארשארט דאָס פאָרהענגל פונעם פענצטער, זי זעט, ווי שיקל שפּרײַזט איבערן הויף, זײַן סיגארעט רייכערט זיך, טוט א בלענד און ווערט פארלאָשן. וואָס האָט ער געטאָן אזוי שפּעט אין גאראזש און פארוואָס איז ער אזוי אײַנגעהויקערט? ס'איז אים קאלט? נעכטן האָט מארע אים באגעגנט אַף דער גאס. זי האָט זיך מיט אים באגריסט, און ער האָט זיך אזוי גוט צעשמייכלט, געפרעגט זי:

— מארע, וואָס מאכסטו עפּעס?

מיט דעם האָט זיך געענדיקט. ער האָט זיך אפילע ניט אָפּגעשטעלט אויסצוהערן, וואָס מאכט זי.

שיקלס טריט זײַנען אנשוויגן געוואָרן. מארע האָט זיך אנידערגעלייגט. זי דערמאָנט זיך: דאנקע האָט איר געזאָגט, אז שיקל איז עפּעס ניט מיט אַלעמען. א מאָשל־קאפּאָשל, עס קאָן

ניט זײַן. שיקל איז אזא געזונטער. דאנקען גייט אויך דורך טיר און דורך טויער. מארע דעקט זיך איבער מיט דער קאָלדרע און שעפּטשעט צו זיך אליין: „דאנקע, דאנקע, נאַטע האָט דיר אָפּגעטאָן א שפּיצל. זי האָט זיך אופגעהערט לערנען און פּירט זיך ארום מיט א לייטענאַנט״. מארע טראַכט, אז ווען זי האָט צײַט, וואָלט זי זיך באַגעגנט מיט אָט דער נאַטען און ארײַנגע־טײַלט איר א גוטן כײַלעק. זאָל זי ניט מיינען, אויב זי שפּאַצירט מיט א פּליִער, וועט ער מאָרגן שוין ווערן א העלד, און אויב אפילע יאָ, וועט ער סײַווי ניט זײַן אזוי שיין און שטאַלטנע, ווי דאנקע. אינמיטנדערינען קומט מארען אפן זינען רוווימטשיק. ער שטופּט זיך אויך אין קאַשעק, הייבט אָן קאַפּירן וואָלאַדימיר גאוורילאָוויטשן. איצט קומט אויך רוווימטשיק א פּאַרפוצטער צו דער ארבעט, אין א יאָמטעוודיקן אָנצוג, אין א ווײַס העמד. נאָר אָנשטאָט א האלדזטוך טשעפּעט ער צו עפּעס א שווארץ באַנטיקל. ער האָט זיך פּאַרלאָזט וואָנצעלעך, און דאַכט זיך, אז ער הייבט אָן פּאַרלאָזן זיך א באָרד אויך. א פּאָטיעכע. ער קוקט שוין מער ניט אין ליאָליעס זײַט, ער שמייכלט גאָר צו איר, צו מארען. א מאָדנע באַכערל אָט דער רוווימטשיק.

די באָבע פּילט, אז מארע שלאָפט ניט, זי הערט, ווי די קליינע דרייט זיך אפן געלעגער. זי אליין, די באָבע וועליע, קאָן אויך ניט צומאַכן מיט קיין אויג, ביפראַט איצט, ווען זי ליגט צו בעט און ס'קומט איר אויס כאַפּן א דרעמל באַטאָג אויך. דעריבער שלאָפט זי ניט באַנאַכט. און אז מע שלאָפט ניט באַנאַכט, קאָן מען איבערקערן גאַנצענע בערג מיט מאַכשאָוועס. פּאַר איין מינוט לעבסטו איבער די בעסטע טעג פון לעבן, קומסט צוגאַסט צו דײַנע קינדער־יאָרן, פּאַרכאַפּסט א שטיקעלע יוגנט אויך. אָבער מער פון אלץ איז די באָבע פּאַרטאָן מיט געדאַנקען וועגן איר אייניקל. אויב מארע איז נאָך ניט אינגאַנצן אָף א דערעך, איז זי אָף א סטעזשקע, וואָס וועט זי ארויספירן אָף א ברייטן וועג. די באָבע ווייסט, אז מארע איז ארײַנ־געפאַלן צו גוטע מענטשן און מע וועט פון איר מאַכן א לײַט. וועדליק די אַלטע פּאַרשטייט, וועט איר אייניקל זײַן גאָר א געהויבענע מאָדיסטקע, ווײַבלעך און מיידלעך וועלן זי טראָגן אָף די הענט. און אויב זי וועט נאָך וועלן ווײַטער זיך לערנען, וועט זי אוואַדע טאָן ווי א כאַכאָמע. אָבער וואָס מוטשעט זי, פּאַרוואָס שלאָפט זי ניט, די קליינע?

די אַלטע טוט א זיפץ. מיט א ציטעריק קאָל פּרעגט זי:

— מארע, דו שלאָפסט?

— וואָס איז, באָבע, דאַרפסט עפּעס?

— וואָס דאַרף איך? איך דאַרף, דו זאָלסט מיר געזונט זײַן.

פּאַראיאָרן, ווען עמע איז אוועקגעפאָרן מיט די סטודענטן פון איר קורס אין א בײַשטאָטישן קאָלווירט העלפן אראָפּנעמען די גערעטעניש, האָט זי אָפּגערעדט מיט שיקלען, אז קומען צו איר זאָל ער נאָר דעמלט, ווען ער וועט זיך שטארק פּאַרבענקען. זי וויל וויסן, האָט זי געשפּאַסט, וויפל טעג דאַרף ער האָבן דערצו. אין צוויי טעג ארום, דאָס איז געווען אין א פּאָשעטן וואָכע־דיקן טאָג, ער האָט אפילע ביז זונטיק ניט געקאָנט זיך דערוואַרטן, האָט שיקל נאָך דער ארבעט אײַנגעשפּאַנט דעם מאָטאָציקל און איז אוועקגעפאָרן אין דאָרף ארײַן.

עמע האָט גאָרניט געוווּסט וואָס מיט אים צו טאָן. זי האָט זיך געפרייט, ווי א קליין קינד, געזאָגט, אז זי האָט געפילט, נאָך פון אינדערפרי געפילט, אז זיי וועלן זיך הײַנט אומבאַדינגט באַגעגענען. א צעטומלטע, האָט זי ניט געוווּסט, וועגן וואָס פריִער צו דערציילן. געוויזן אים די מאַזאָליעס אָף די דלאָניעס, זיך באַרימט, אז זי קאָן דערלאַנגען די סנאָפּעס צו דער דרעשמאַשין ניט ערגער פון די קאָלווירטניצעס.

אָף דער קוואַרטיר, ווו עמע איז אײַנגעשטאַנען, האָבן זיי צוזאַמען אָפּגעגעסן וועטשערע, און ווען עמע האָט זיך א ביסל אָפּגערוט, זײַנען זיי אוועקגעגאַנגען אין פעלד שפּאַצירן.

אפן הימל האָבן זיך שוין אָנגעהויבן באַווײַזן די ערשטע שטערנדלעך. זיי האָבן ביידע פּאַר־ריסן די קעפּ אין דער הייך און גענומען צײַלן די שטערן, מע האָט אזוי לאַנג געציילט, ביז מע האָט זיך פּאַרפּלאָנטערט אין דער צאָל, האָט מען אָנגעהויבן פון אָנהייב. ס'איז געווען פון וואָס צו לאַכן.

נו, און הײַנט, וואָס זאָל שיקל טאָן, אז ער האָט זיך פּאַרבענקט נאָך עמען? שטארק פּאַר־בענקט. ער, שיקל, איז געוויס אויך שולדיק אין דעם בארויגעז צווישן זיי. אָבער וויפל איז דער שיר פּירן א בארויגעז? ניט שוין זשע זאָל ער גיין אָנפּרעגען זיך בא באַריסן, וואָס מאַכט עמע?

הײַנט איז זונטיק. עזרע מיט דאנקען זײַנען אוועק אפן דניעפּער, זען, ווי מע רײַסט אוּף דאָס אײַז. שיקל איז געבליבן איינער אליין אין שטוב. ער דרייט זיך ארום פון איין צימער אין צווייטן, כאַפּט אלע ווײַלע א קוק אָף עמעס פּאָרטרעט, וואָס שטייט בא אים אפן שרײַבטיש.

עמע האָט אים געהאַט געזאָגט, אַז ווען זי האָט זיך פאָטאָגראַפירט, איז ער, שיקל, איר געשטאַ-נען פאַר די אויגן, דערפאַר שמייכלט זי פון דער פאָטאָ. און שוין? מער האָט זי שוין ניט קיין שמייכל פונזייַנטוועגן? נייַן, שיקל ווייל ניט גלייבן, אַז דאָס איז אַזוי, אים פאַרדריסט אויך שטאַרק אַף איר, נאָר סיַיווי זעט ער זי יעדן טאָג. רעדט מיט איר, ווייַל ניט ריידן מיט איר קאָן ער ניט. ער זעט, ווי דאָס פרעסטל, וואָס האָט פאַרצויגן אירע אויגן, ווערט אַנטרונען. עס ווילט זיך קוקן אין אירע אויגן. לאַנג קוקן...

דאַכט זיך, קיינער אַף דער פרילינגדיקער גאַס האָט אַזוי ניט געיַילט, ווי שיקל. ער האָט אָנגעיאָגט אַ טראָליייבוס, וואָס האָט אָקאָרשט זיך גערירט פון אָרט, און זיך דורכגעשטופּט אין דער טיר, ווען זי האָט זיך שוין אָנגעהויבן פאַרמאַכן. נאָך גוט, וואָס ער האָט אָנגעטראָפן אַף אַ טראָליייבוס, וועלכער איז געגאַנגען צום וואָקזאַל. אין דער עלעקטריטשקע האָט ער פאַרנומען אַן אָרט באַם פענצטער. קליינע, יונגע יעלן האָבן זיך געלאָזט לויפן דעם צוג אַנטקעגן. יעדער ביימל איז געווען ווי אַרומגעוואַשן, צוגעקעמט, און יעדער נעדעלע האָט מאַמעש געשעמערירט אַנטקעגן דער וואַרעמער זון. אַלץ פרייט זיך מיטן פרילינג. אַלעמען איז גוט אַפן האַרצן.

ער האָט עמען אין דער היים ניט געטראָפן. אינעם שטיבל באַם שפּיטאָל האָט מיט אים זיך דערפרייט טאַסיע די פעלדשעריצע. זי האָט דעם גאַסט אונטערגעטראָגן אַ בענקל, איינציי-טיק געכאַפּט אַ קוק אין שפיגל, וואָס איז געשטאַנען אַפן טואַלעט-טישל.

שיקל האָט זיך אומקגעזעצט, געוואָלט פרעגן, ווו איז עמע, נאָר טאַסיע האָט ניט געלאָזט אויסריידן קיין וואָרט. דאָס צינגעלע איז באַ איר ווי אַף שרייַפּלעך. אַלץ אינטערעסירט זי. פאַר-וואָס קומט שיקל אַזוי זעלטן? אָט באַריס קומט יעדן זונטיק, אַמאָל אינדערוואָכן אויך. אָפּטלעך גייט עמע פּעטראָוונע אים באַגעגענען צו דער סטאַנציע. טאַסיע טוט אַ מינטער מיט די פינגער אירע קוטשערלעך אַף די שלייפן, די בעקעלעך זייַנען פאַרפלאַמט, די קיַילעכדיקע אייגעלעך קאָנען זיך קיין אָרט ניט געפינען, און איר צינגל צעשרויפט זיך נאָך מער. זי פאַרשטייט, אַז שיקל האָט קיין צייַט ניט, אַרבעטן און לערנען איז זייער שווער. עמע פּעטראָוונע האָט איר דערציילט, אַז שיקל איז אַ סטודענט פונעם הינטער-אויגיקן פּאָליטעכנישן אינסטיטוט, נאָר אָט געפינט דאָך באַריס צייַט, כאָטש ער איז אויך אַ פאַרנומענער מענטש. און דאָ דערמאָנט זי זיך זאָגן, אַז שיקל האָט אַ ביסל פאַרשפּעטיקט. באַריס איז געקומען מיט דער ערשטער עלעק-טריטשקע, און עמע פּעטראָוונע איז מיט אים אוועקגעגאַנגען אין וואַלד. זיי שפּאַצירן געווייַנלעך דאָ ניט ווייַט, אין אַ בערעזעווע וועלדל. באַריס האָט ליב בערעזעס, ער האַלט, אַז דער שענסטער בוים איז אַ יונגע שלאַנקע בערעזע. טאַסיע פּרוווט זיך דערבייַ אַ וויצל טאָן:

— מאַנצבילען האָבן ליב יונגע, שלאַנקע בערעזעס, און פרויען איז צום האַרצן צעוואַק-סענע געזונטע דעמבן.

טאַסיע קאָן לאַכן אויך. דער געלעכטער איז באַ איר אַ קלינגעוודיקער, קוים וואָס זי שטילט אים איַין. שוין אַ ביסל שעמעוודיק לייגט זי פאַר שיקלען גיין אין וואַלד אַרייַן אָפּזוכן עמען מיט באַריסן.

שיקל האָט זיך אופגעהויבן פון בענקל. ער וואָלט מיט פאַרגעניגן, זאָגט ער טאַסיען, געגאַנ-גען אין וואַלד, נאָר ער איז געקומען ניט אַף לאַנג און קאָן מער ניט וואַרטן, ער וועט בעטן טאַסיען, זי זאָל איבערגעבן עמע פּעטראָוונען, אַז ער איז דאָ געווען. ער האָט זיך אָפּגעזעגנט און אַרויס פון שטוב.

שיקלען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער וועג פון שפּיטאָל ציט זיך עפּעס צו לאַנג. ער גייט שוין אַזויפיל צייַט און זעט אַלץ ניט די סטאַנציע. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און גענומען זיך אַרומקוקן. ער דערקענט אפילע ניט די סטעזשקע. ווען ער איז געגאַנגען פון דער סטאַנציע, זייַנען קיין שום סאָסנעס באַ די זייַטן ניט געווען. ער איז פאַרגאַנגען צו לינקס, ווייַזט אויס. זיך פאַרבלאָנדזשעט צווישן דרייַ סאָסנעס, — האָט ער ביטערלעך צו זיך אַליין אַ שמייכל גע-טאָן, זיך גענומען אַף רעכטס, און דאָ פלוצעם, אַפן סאַמע נידעריקן צווייַגל פון אַ סאָסנע, דערזען אַ וווערקע. זי איז געזעסן אַף די הינטערשטע לאַפּקעס און געקוקט מיט די קיַילעכ-דיקע אייגעלעך גלייַך שיקלען אין פּאָנעם, כאָטש נעם און דערצייל איר אויס זייַן ביטער האַרץ. מיטאָמאָל האָט דאָס נעפּעשל זיך אָפּגעריסן פון אָרט, פריילעך און לוסטיק גענומען שפּרינגען אַרוף און אַראָפּ איבערן שטאַם. שיקל איז אוועק צו דער סטאַנציע.

■

אין שטאָט האָט שיקל ניט געוווסט וווהין זיך אַהינטאָן. איז ער געגאַנגען צופּוס. געבלאָנ-קעט אָן אַ ציל. אין אַ צייַט אַרום האָט ער באַמערקט, אַז ער געפינט זיך אַף דער גאַס, ווו זייַנע אָוועס האָבן געוווינט. אַמאָל האָט זי געהייסן קוזנעטשנע, איצט טראָגט זי דעם נאָמען פונעם גרויסן רוסישן שרייַבער מאַקסים גאָרקי. אַף דער דאָזיקער גאַס וווינט דאָך נאָך ביז הייַנט דער

פּעטער מײלעך, דעם טאַטנס פּעטער. װאָס־װאָס, נאָר אַ קאָפּ בראַנפֿן װעט זיך באַם אַלטן קאַװעל שטענדיק געפֿינען, קײן בעסערע רעפֿוע דאַרף איצט ניט שיקל.

ער האָט געעפֿנט די פֿאָרטקע פֿונעם אָפּגעפֿאַרבטן אַלטן טױער. אַרײַנגעגאַנגען אין הױף, און מיט דער סטעזשקע, װאָס איז געװען אױסגעלײגט פֿון ציגל, געלאָזט זיך גײן צום גלעזערנעם גאַנעק.

דער פּעטער מײלעך האָט דורכן פֿענצטער דערזען, װער ס׳איז צו אים געקומען, און באַצײַטנס זיך אַװעקגעשטעלט באַ דער שװעל. דער גרױסער קאָפּ מיט די גרױע האָר איז געװען אײַנגעבױגן, האָט זיך דעריבער בולטע געלאָזט זען, װי דער האַלדז־און־נאַקן איז צעפּאַסעװעט מיט טיפֿע קאַרבן. די בײנערדיקע אַקסלען זײַנען געװען אונטערגעהױבן קימאַט ביז די אױערן.

— טאַטע מײַנער! — האָט דער פּעטער מײלעך צעשפּרײט די לאַנגע הענט און אַ גרילץ געטאָן מיט זײַן הײזעריק קאָל, װען שיקל האָט געעפֿנט די טיר. — אַ געזונט דיר אין די בײנער! האָסט אַקוראַט געטראָפֿן צום מיטיק, ניט אַזױ צום מיטיק, װי צו אַ ביסעלע רײנעם זעקס און נײַנציק. האָסט אַ לעבעדיקע שװיגער, קאַדעש מײַנער.

שיקל איז אַרײַנגעפֿאַלן צום אַלטן אין די אָרעמס, און בײדע האָבן אין גוטן מוט גענומען זיך פּאַטשן אין די פּלײצעס, פֿונדערגרינג אַ טרײסל געטאָן אײנער דעם אַנדערן. זײ האָבן זיך אַװעקגעזעצט באַם טיש. דער פּעטער מײלעך האָט זיך נאָכגעפֿרעגט באַ שיקלען, װאָס מאַכט דער טאַטע, װי גײט עס באַם קלײנעם דאַניעל מיטן לערנען.

— זאָגסט, אַלע זײַנען, דאַנקען גאָט, געזונט? אַבי מע איז געזונט, איז שױן גוט. װײַל אַ פֿערד, לעהאַװדל, אַז סע גײט אין שפּאַן, שלעפּט עס, נאָר אַז עס פֿאַלט, ליגט עס, ביז מע הײבט עס ניט אױף.

דער אַלטער האָט זיך װידער גענומען פֿאַר זײַנס, אָנגעהױבן זיך אַלײן מוסערן, האַלעמײַ ער האָט אַװעקגעװאָרפֿן די אַרבעט.

אים װײַזט זיך נאָך אַלץ אױס, אַז ער װאָלט נאָך געקאָנט האַלטן דעם האַמער אין די הענט. ער באַמערקט ניט, װי זײ כאַפּן אַלעמאָל אַ ציטער און דאָרטן, װוּ עס װאַקסן אַרױס די גראָבע פֿינגער, זײַנען די אָנגעשװאָלענע צװײ גליִעס געװאָרן ענלעך אױף צװײ געבאַקטע קאַרטאָפֿל. זעכציק יאָר האָט דער אַלטער אָפּגעהאָרעװעט, ער איז פֿון לאַנג שױן אױף פּענסיע, און די הענט זײַנע בענקען אַלץ נאָך אַרבעט. דעריבער הערט ער ניט אױף רעדן װעגן איר.

— אײַ װאָלט איך נאָך אונטערגעקאָװעט אַ לאָשעק, אַן ערשטלינג!

דעם פּעטער מײלעכס אױגן צעפֿעפֿענען זיך ברײטער, צינדן זיך אָן, ער הײבט אָן קײַען די אונטערשטע ליפּ, פּונקט װי ער װאָלט נאָך געהאַט אַ פֿול מױל מיט צײן. פּלוצעם דערמאָנט ער זיך און טוט אַ ברום מיט זײַן געמבע:

— מאַלקע, װוּ ביסטו ערגעץ, דו טראַכסט עפּעס דערלאַנגען צום טיש?

פֿון קיך הערט זיך אַ קאָל:

— אַלטער טערעך, דו ביסט שױן אינגאַנצן טױב געװאָרן. דו הערסט ניט, װי עס קלינגען די קױסעס?

— ע, װען איך הער ניט, װאָלט דאָך די צונג באַ מיר ניט געװאָרן אײַליק. מע מוז זי ראַטעװען, מאַלקע, װאָס גיכער.

מע האָט באַם מיטיק געמאַכט דעם עמעסן צעגיס, און ערשט דעמאָלט האָט דער פּעטער מײלעך זיך צערעדט:

— איך קוק אױף דיר, שיקל, װי דו ביסט טאַקע ענלעך, װי אײן טראָפּן װאַסער, אױף דײַן זײדן, שיקע זאװעריוכע, דיר צו לענגערע יאָר. אײַ איז דאָס געװען אַ מענטש אַ כאָכעם! און אַ באַלמעלאָכע, װאָס מע האָט באַדאַרפֿט געװען אױספֿאָרן אַ װעלט געפֿינען אַ צװײטן. די קאָװעלעס פֿון גאַנץ קוזנעטשנע האָבן ניט װאָס מוירע געהאַט פֿאַר אים, נאָר געהאַט גרױס דערעכערעץ. שיקע זאװעריוכע האָט געװוּסט, מיט װאָס עס שמעקט יעדער קאָװעל, װאָס עס טוט זיך באַ יעדער אײנעם אין שטוב. טאָמער האָט עמעצער אין דער הײם אָנגעהױבן פּראָװען פּױלע שטיק, צו װעמען איז דאָס װײַב געקומען צו לױפֿן אָפּרײדן דאָס ביטער האַרץ, האַלטן זיך אָן אײצע אָדער בעטן הילף? — צו שיקע זאװעריוכען. און אַז שיקע זאװעריוכע איז געקומען אין יענער שטוב אַרײַן, האָט געמוזט װערן שאָלעם װעשאַלװע. און טאָמער איז, כאָלילע, עמעצער פֿון די קאָװעלעס פֿאַרשלאָפֿט געװאָרן אױף אַ לענגערער צײַט און מע האָט באַדאַרפֿט מאַכן עטלעכע רובל אױף אונטערהאַלטן די מישפּאָכע, איז מען װידער געגאַנגען צו שיקע זאװעריוכען, װײַל ער האָט געהאַלטן פֿונעם װערטל: „איז שױן יאָ געקומען אַן אומגליק אין שטוב אַרײַן, דאַרף מען ניט דערלאָזן, אַז ער זאָל שלעפּן מיט זיך אַ טאָרבע צאָרעס“. ער האָט קײן מענטשן ניט געלאָזט פֿאַלן. ער האָט אױך געהאַלטן פֿון דעם קלאַל, אַז מיט ליגן און מיט שעקער קאָנסטו דורכגײן די גאַנצע װעלט, נאָר צוריק װעסטו זיך שױן ניט אומקערן.

און ערשט געוויזן, ווער ער איז, האָט שיקע זאַווערוכע דעמלט, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די פּאָגראָמען, ווען די דעניקינצעס און די פּעטליוראָווצעס האָבן געבושעוועט. דעמלט האָט שיקע גענומען צו זיך אין די הענט די סאַמאָאַבאָראָנע פון קוזנעטשנע גאַס, אַזש פון דימייעווקע ביז צו פּאָליצייסקע. מע האָט טייקעף צורעכט געמאַכט די טויערס מיט די פּאַרקנס, קיין מעשוגענער הונט זאָל ניט קענען דורכקריכן אין די הויפן. מע האָט געקראָגן געווער און צעטיילט צווישן די קאָוועלעס און באַלעגאָלעס. כוץ די פרעמדע, זײַנען נאָך געווען אייגענע באַנדיטן. שוליאַווקע האָט געהאַט אַ וואָלאָדקע קאָט, און אויף דימייעווקע איז געווען אַ לעמפּעלע קאָטער. קעדיי זיך ניט וואַרפן אין די אויגן היימישע מענטשן, פלעגט איינער קומען מיט זײַן קאַפּעליע פון שוליאַווקע אויף דימייעווקע און דער אַנדערער מיט זײַנע קלעזמער פּאַרקערט — פון דימייעווקע אויף שוליאַווקע. בײַ שיקע זאַווערוכען איז געוואָרן אויס מיט די „כאַסענעס“. ער האָט געזאָגט: „ווילסטו ווערן אַ לעמעלע, וועט דער וואָלף דיך אויפעסן“. און פון זינט ער איז געוואָרן דער אָנפירער פון דער סאַמאָאַבאָראָנע, איז אויף די גאַסן געוואָרן שאַ־שטיל. בײַנאַכט פלעגן פּאַטרולירן כעווריע. ניט מיט קיין פּוסטע הענט! און ער אַליין, דער אָנפירער, האָט אויך זיך ניט געפּוילט אויפשטיין אינמיטן דער נאַכט און אַרויס אויף דער גאַס. האָסט שוין געמעגט אַ קוק טאָן אויף דעם זיידן, ווען ער פלעגט אָנטאָן זײַן לעדערן פּידזשאַקל און אײַנציִען עס מיט אַ ברייטן רימען. אַ שפּײַער אין אַ הילצערנעם פּודל איז בײַ אים געהאַנגען אויף אַ באַזונדער רימענדל און זיך געבויטעט בײַ דער זײַט. אַזוי פלעגט ער אַרויסגיין אויף דער גאַס אַ קוק געבן, וואָס הערט זיך, וואָס טוט זיך.

פון אַלע דערבײַיִקע גאַסן איז מען געלאָפן צו שיקע זאַווערוכען אין קוואַרטאַל, ווײַל מע האָט געוווּסט, אַז דאָרטן וועלן די ווײַבער מיט די מיידלעך ניט דאַרפן שלאָפן בײַנאַכט אין דעם אָנטאָן. אָבער די שוואַרצע מייע האָט ניט גערוט. וואָלאָדקע קאָט האָט לאַנג געשאַרפט די ציין, און אין איינעם אַ ווייסטן שאַבייסענאַכטס האָט מען דײַן זיידן אונטערגעשאָסן. בלויז ער, מיט זײַן גוורע, האָט געקענט אָפּלעבן אַ מעסלעס מיט אַ קויל אונטערן האַרצן. געווען בײַם סייכל און בײַם זיקאָרן ביז דער לעצטער מינוט. ער האָט געוווּסט, אַז ער שטאַרבט, האָט ער יעדן זון באַזונדער אַרויסגערופן צום טויטן־בעט און געהאַט מיט אים אַ שמועס. ער האָט געוואָלט, מע זאָל לעמאַנהאַשעם פּאַרהיטן די קאַרעטנע, סע זאָל פון איר ניט ווערן קיין טיל־טעל. און צום סאָף האָט ער געהייסן, דײַן טאַטע זאָל צו אים קומען. ס׳איז געווען אַ צײַט, ווען ער האָט דעם מיזיניק זײַנעם אָפּגעלאָזט אַ פּאַטש, האָלעמײַ יענער איז אַהיים געקומען שיקער־לאָט. צו זײַן מיזיניק האָט ער אַזוי געזאָגט: „עזרע, גיב מיר דאָס וואָרט, אַז דו וועסט מער ניט שיקערן“. און דײַן טאַטע האָט אים געשוווירן. דעמלט האָט דײַן זיידע אַרויסגעבראַכט די לעצטע ווערטער: „עזרע, דעם פּאַטש האָסטו ערלעך פאַרדינט“.

אײַ איז געווען אַ לעוויַע! עס זײַנען געקומען מענטשן פון דער גאַנצער שטאָט. די גאַס איז געווען פאַרפּלייצט מיט קאָוועליעס און פורמאַנעס. פון דימייעווקע אָן ביז דער שטוב זײַנען געווען אויסגעשטעלט בריטשקעס געשפּאַנט אין הייסע פערד. נאָר קיין איין באַלעגאָלע האָט זיך ניט געזעצט אויף די קאָזלעס. מע האָט די פערד געהאַלטן פאַר די צײַמלעך, און אַליין איז מען געגאַנגען צופוס נאָכן אָרן. דײַן זיידן האָט מען געטראָגן אויף די הענט ביז צום הייליקן אָרט.

אויף מאָרגן האָט דײַן טאַטע געפּאַקט וואָלאָדקע קאָט. מעגסט אים אַמאָל פרעגן, דעם טאַטן דײַנעם, וואָס האָט ער געטאָן מיט דעם דאָזיקן באַנדיט...

שיקל האָט נאָך לאַנג געהערט דעם פעטער מײלעכס מײַסעס. דער אַלטער האָט געהאַט וואָס צו דערציילן.

■

מאַרע קאָן זיך ניט מויכל זײַן. צוליב וואָס האָט זי באַדאַרפט אַזוי פרי זיך אומקערן אַהיים? זי זאָל געווען פאָלגן רוווימטשיקן, וואָלט זי ניט באַגעגנט שיקלען בײַם טויער און זיך איצט רויִק געשלאָפן, ניט געדרייט זיך אויפן געלעגער שטילערהייט, די באָבע זאָל ניט דערהערן. די באָבע שלאָפט דאַפקע געשמאַק, פּײַפט אונטער אַלעמאָל מיט דער נאָז. און מאַרען נעמט קיין שלאָף ניט. הײַנטיקער זונטיק האָט זיך בײַ איר אַזוי גוט אָנגעהויבן און זיך געענדיקט עפּעס גאָר ניט גוט.

אופגעשטאַנען איז מאַרע קאַיאָר, כאָטש געוואָרט האָט זי אויפן זונטיק מיט אומגעדולד, זי זאָל קאָנען שלאָפן, וויפל זי וועט וועלן. זי האָט אָפּגעקאָכט וואַרמעס, די באָבע זאָל ניט דאַרפן שטיין בײַ דער גאַז־פּליטע, צוגעגרייט פרישטיק און צוזאַמען מיט דער באָבען אָפּגעגעסן. נאָכדעם האָט זי אויפגעראַמט אין שטוב, אויסגעוואַשן די פענצטער. צום ערשטן מײַ איז

נאָך ווײַטלעך, נאָר די באָבע האָט געזאָגט, אַז אינגיכן איז פּייסעך, וויל זי, ס'זאָל זײַן ריין און זויבער אין שטוב. פאַרוואָס טאַקע ניט?

אָפּגעטאָן אַלע אַרבעטן, האָט מאַרע זיך אַרומגעוואַשן, פאַרקעמט זיך, אָנגעטאָן דאָס נײַע מאַנטעלע, וואָס רוווימטשיק האָט איר אויפגענייט. דערבײַ האָט זי אַ טראַכט געטאָן, אַז דער באַכער איז טאַקע געווען גערעכט. בייס ער האָט גענייט דאָס מאַנטעלע, האָט ער ניט איין מאָל זי צוגערופן, זי זאָל אַ קוק געבן, ווי ער אַרבעט אויס די פאַלע, און געגעבן אָנצוהערן, אַז ער, רוווימטשיק, לייגט אַרײַן זײַן נעשאָמע אין איר מאַנטעלע, ס'זאָל איר טאַקע זײַן ווארעם, ס'זאָל איר זײַן לײַכט צו טראָגן דעם מאַלבעש, זי זאָל זיך פילן אין דעם גוט וואָס בעסער קאָן גאָר ניט זײַן, דערפאַר ווען זי וועט עס אָנטאָן, וועט זי זיך שטענדיק דערמאָנען אין אים.

און אַז רוווימטשיק פלעגט מעסטן דאָס מאַנטעלע אַף איר, האָט ער געמוזט צורופן וואָלאָדימיר גאַווריליאָוויטשן, געשיקט ליאַליען, זי זאָל לויפן רופן סאָפיע יאַקאָוולעוונען. יעדער מאָל האָבן זיך אַלע צונויפגעזאַמלט אַרום מאַרען. מע האָט געקוקט, געדרייט זי אַהער, געדרייט אַהין. דערווײַל פלעגט אַוועק אַ סיכסעך צווישן סאָפיע יאַקאָוולעוונען און דעם מומכע וועלוועלע גאַוור־ריעלס. האָט זי געזאָגט, אַז דער רעכטער אַרבל קוקט אַ ביסל אין דער זײַט צום פענצטער, האָט וואָלאָדימיר גאַווריליאָוויטש געמוזט זאָגן, אַז ניט צום פענצטער קוקט דער אַרבל, נאָר צו דער טיר. זיי האָבן טאַקע ביידע אַ גרויסן כיילעק אינעם מאַלבעשל, סײַ וואָלאָדימיר גאַווריליאָוויטש, סײַ סאָפיע יאַקאָוולעוונע, ווײַל מע האָט באַדאַרפט זיך שניצן די נעגל, מע זאָל פונעם קנאַפּן שניט סכוירע אויסשטוקעווען אַ מאַנטל. ווען דאָס דאַזיקע ווײַסע רעשטל געוואַנט וואָלט געהאַט צוויי מיט אַ האַלבן מעטער, וואָלט עס דען זיך פאַרוואַלגערט אין אַטעליע? די סכוירע איז אַן אַנטיק. נאָר סאָפיע יאַקאָוולעוונען האָט געקאָנט פאַלן אַפּן סייכל, אַז מאַרען מיט איר אײדל שלאַנק גופעלע וועט אַקוראַט סטײַען.

הײַנט, אויב ס'איז דאָ אַ מאַנטעלע, דאַרף מען צו דעם האָבן אַ היטעלע אויך. צושנײַדן אַ היטעלע דאַרף די פאַרוואַלטערן ניט בעטן וואָלאָדימיר גאַווריליאָוויטשן, אַף דעם איז זי אַליין אַ בעריע. זי האָט עס צוגעשניטן מיט די אייגענע הענט און געגעבן מאַרען, זי זאָל זיך מאַטרײַעך זײַן און עס אַליין אויפנייען. עמעס פאַרפּוצט דאָס העל־בלויע היטעלע מיט ווײַסן פּוטער האָט ווידער סאָפיע יאַקאָוולעוונע.

אָנגעטאָן דאָס נײַע מאַנטעלע און דאָס ווײַסע היטעלע, האָט מאַרע אַ קוק געטאָן אין שפּיגל און זיך אַליין ניט דערקענט. די באָבע האָט אָנגעהויבן פינטלען מיט די אויגן, געוואָרן צעטראָגן און געגומען רײדן פאַרהיקענדיק זיך:

— מ־מ־מאַרע, נעם אַ שפּילקע און פאַרשפּיליע דעם אונטערשלאָק, קיין גוט־אויג זאָל צו דיר ניט צושטיין.

מאַרע האָט געמוזט פאָלגן, אַניט וואָלט די באָבע זי ניט אַרויסגעלאָזט פון שטוב. בעסער וואָלט זי טאַקע געזעסן אין דער היים. נאָר צוריק גערעדט, האָט זי ניט קיין כאַראָטע, וואָס זי איז צוזאַמען מיט סאָפיע יאַקאָוולעוונען, רוווימטשיקן און ליאַליען געגאַנגען אַף דער אויסשטע־לונג פון פוילישע מאַלבושים.

מאַרע האָט דאָס ערשטע מאָל געזען אַזויפיל שיינע קליידער. מאַמעש די אויגן האָבן ניט געוווסט אַף וואָס צו קוקן. נאָר סאָפיע יאַקאָוולעוונע האָט גלײַך צונויפגענומען אַלעמען אַרום זיך און געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אָנהייבן דאַרף מען פון די לײַכטע קליידער און פאַרענדיקן מיט די פּאַלטעס. זי האָט אָנגעזאָגט, מע זאָל נעמען די אויגן אין די הענט און קוקן ניט ווי קיין געווײנלעכע באַזוכער, נאָר ווי שנײַדער, וואָס דאַרפן געפינען עפּעס נוצלעכס פאַר זייער אַרבעט. פּונקט דעמלט איז צוגעגאַנגען אַ פּוילישער גיד, זיך פאַרגעשטעלט פאַר סאָפיע יאַקאָוולעוונען, נאָכדעם זיך געגומען באַקענען מיט זיי אַלעמען. דערלאַנגענדיק די האַנט מאַרען, האָט ער מיט אַ שמייכל איר אַרײַנגעקוקט אין די אויגן און ווי צו זיך אַליין געזאָגט:

— פּאַניענקאַ דזושע פּיקאַנטנאַ.

מאַרע האָט זיך פאַרויטלט, און דער גיד האָט זי געפרעגט, צי דאָס מאַנטעלע אַף איר איז אַ גרייטס, צי ספּעציעל געגייט. סאָפיע יאַקאָוולעוונע האָט אים דערקלערט, אַז זיי אַלע אַרבעטן אין אַ שנײַדער־אַטעליע, און דאָס מאַנטעלע איז רוווימטשיקס אַרבעט. דער גיד האָט רוווימטשיקן נאָכאַמאָל געגעבן די האַנט, אים באַגריסט מיטן דערפאָלג. אײַנגעלאַדן די גאַנצע גרופּע אין צימער פון דער דירעקציע. דאָרטן האָט מען זיי זייער שיין אויפגענומען, געוויזן אַלערליי געמעלן און שניט־מוסטערן. סאָפיע יאַקאָוולעוונען האָט מען געשענקט צוויי אַלבאָמען — אײנעם מיט מאָ־דעס פון מאַנצבלשע קליידער און אַ צווייטן מיט מאָדעס פון פרויען־קליידער. דערנאָך האָט מען זיי מעכאַבעד געווען מיט לימאָנאַד און אַלערליי געבעקס און צום סאָף פאַרבעטן נאָכאַמאָל קומען.

אפֿן וועג אַהיים האָט ליאַליע זיך מאַמעש נויקעם געוווען אין רוווימטשיקן, אים דערגאַנגען די יאָר, אַז דער גיד האָט גלײַך דערקענט, אַז ער, רוווימטשיק, איז אַ פֿאַלגוטש, ווײַל נאָר אַ פֿאַלגוטש פֿלײַסט זיך אַזוי טרינקען לימאָנאַד מער פֿון אַלעמען און פֿרעסן מאַרציפּאַנעס אַף ביידע באַקן. און ווײַל רוווימטשיק האָט אינדערעמעסן צו גאָרנישט זיך ניט צוגערירט, האָט ער אַלעמען אײַנגעלאַדן אין אַ קאַפֿע. מע האָט טאַקע איבערגעביסן מיט גרויס אַפּעטיט, נאָכדעם האָט מען זיך ערשט אַרײַנגעכאַפּט אין אַ קינאָ־טעאַטער. ווען דער סעאַנס האָט זיך געענדיקט, איז אין דרויסן שוין געווען טונקל. סאָפֿיע יאַקאָווּלעוונע האָט זיך מיט אַלעמען אָפּגעזעגנט, זי האָט געאײַלט אַהיים. ליאַליע האָט מוירע געהאַט פֿאַרשפּעטיקן אַף אַ ראַנדעוווּ, איז זי גלײַך אוועקגעלאָפֿן אַפֿן אָפּגערעדטן אָרט. רוווימטשיק איז געגאַנגען באַגלייטן מאַרען אַהיים. ער האָט דאַפֿקע פֿאָרגעלייגט, מע זאָל נאָך שפּאַצירן אַ ביסל, אים האָט זיך געוואָלט, מע זאָל גיין צום דניעפּער אָדער צופֿאָרן אין פּושקין־פּאַרק, נאָר מאַרע האָט געזאָגט, אַז זי מוז גיין אַהיים. זי האָט אַלייך ניט געוווּסט, וואָס האָט זי אַזוי געצויגן אַהיק. פֿאַר רוווימטשיקן האָט זי זיך פֿאַרענטפֿערט, אַז זי האָט איבערגעלאָזט אַף אַ גאַנצן טאָג די באָבע אַליין, דעריבער קאָן זי, מאַרע, זיך ניט פֿאַרהאַלטן. נאָר בעסער וואָלט זי אים געווען געפֿאָלגט, וואָלט דאַן גאָרניט ניט פֿאָרגעקומען.

לעבן טויער האָט מאַרע זיך אָפּגעזעגנט מיט רוווימטשיקן און איז אַרײַן אין הויף. זי האָט גלײַך דערזען שיקלען זיך אַרומדרייען דאָ. דער מאַנטל איז אַף אים געווען צעכראַסטעט, דער שניפּס האָט זיך פֿאַרקוקט אין אַ זײַט, און דער ציגאַר האָט זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפֿינען אין מויל. זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט. מאַרע האָט אַפֿילע אַ שמייכעלע אים געשיקט. נאָר שיקלס אויגן האָבן זיך פּלוצעם אָנגעצונדן, ער האָט געקוקט אַף מאַרען, ווי ער וואָלט זי ניט דערקענט.

אַ באַאומרויִקטע, האָט זי זיך אַליין געפֿרעגט, פֿאַרוואָס איז ער אַזוי צעטראָגן, אַזוי בייז? עפּשער האָט ער פֿאַרלוירן די שליסלען און קאָן ניט אַרײַנגיין אין שטוב? זי האָט טאַקע באַמערקט, אַז אין די פֿענצטער באַ די זאַוועריוכעס איז פֿינצטער. וואָס זשע, שיקל ווייסט ניט, אַז זײַן טאַטע האָט אַף יעדן פֿאַל געגעבן דער באָבען אַ שליסעלע?

זי איז ניט זיכער צוגעגאַנגען צו אים.

— שיקל, איר האָט שוין ווידער פֿאַרלוירן דאָס שליסעלע פֿון שטוב? קומט, וועל איך אײַך געבן אַן אַנדערס.

— מאַרע? — האָט ער זיך ווי דערשראָקן און זי אָנגעקוקט פֿון קאָפּ ביז די פֿיס. פּלוצעם האָט זיך אַף זײַן פּנים באַוויזן אַ שמייכעלע. ער האָט אַפֿגיך גענומען זוכן אין די קעשענעס, אַרויסגענומען אַ בינטל שליסלען, זיי אַ שלײַדער געטאָן אין דער הייך און קונציק צוריק געכאַפּט מיט דער האַנט.

— שיקל פֿאַרלירט ניט, שיקל פֿאַרשפּעטיקט נאָר! — האָט ער אויסגערופֿן און האָפֿערדיק אַ ווונק געטאָן צו איר מיט אַן אויג.

— און איך האָב געמיינט... וואָס זשע דרייט איר זיך דאָ אַרום אייגער אַליין? — האָט זי געפֿרעגט.

— מע כאַפּט פֿרישע לופֿט, זעסט דען ניט, וואָס פֿאַר אַ זעלטענער דרויסן ס'איז!

— האַ־האַ, — האָט זי אויסגעזונגען, באַמערקנדיק, אַז שיקל איז אַ ביסל שיקערלעך. — ווו זשע זײַט איר דאָס געוווען?

— באַם פֿעטער מײַלעך. וואָסי, מע דערקענט דען אַף מיר?

— יאָ, — האָט מאַרע געזאָגט און ניט ווילנדיק אַ שפּריץ געטאָן מיט אַ געלעכטערל. ער האָט, קוקנדיק אַף איר, זיך צעלאַכט אַזוי, אַז מע האָט געקאָנט הערן אַף דער גאַנצער גאַס.

מאַרע האָט זיך דערשראָקן. זי האָט אים נאָך קיינמאָל אַזאַ ניט געזען. זי איז צוגעגאַנגען צו אים, גענומען אים אונטערן אָרעם.

— שאַ, שטילער, שיקעלע, — האָט זי זיך געבעטן. — מענטשן קוקן דאָך אַף אײַך, קומט, קומט, איך וועל אײַך אָפּפֿירן אַהיים.

שיקל האָט זי געפֿאָלגט, ער האָט געקוקט אַף איר מיט פֿאַרכידעשטע אויגן און עפּעס געפּלוידערט:

— מאַרע, דו זעסט, מאַרע, די לעמפּעלעך שיסן אַף מיר מיט פֿײַערדיקע שפּיזלעך, נאָר איך פֿײַף אַף זיי!

ער האָט זיך געלאָזט אַרײַנפֿירן אין פּאַראַדנע, געמאַכט עטלעכע שפּאַן אַף די טרעפּ און זיך אָפּגעשטעלט.

— אײַ, מאַרע, מאַרע, ווילסט מיך אָפּנאַרן, האַ? — האָט ער איר געדראָעט מיט אַ פֿינגער. — שפּילסט מיט מיר אַ קאַטאָוועס. דו מיינסט, איך ווייס ניט, אַז דו ביסט געוואָרן גאָר אַן אַנדערע. דערצייל מיר קיין מײַסעס ניט, דו ביסט ניט די מאַרע. יענע מאַרע איז געווען אַ קליינינקע.

ער האָט זיך אָנגעבויגן, געוויזן מיט דער האַנט, אַ מין קליין מיידעלע זי איז געווען, און גענומען דערציילן, ווי זי פּלעגט טיאָפּקען מיט אירע פּיסלעך איבער אָט די זעלבע טרעפּ צו זיי אין שטוב אַרײַן רופן דאַנקען, ער זאָל גיין אין קינדערגאָרטן. און אַז די טיר איז געווען צוגע־שלאָסן, האָט זי מיט דער פּלייצע זיך אָנגעשפּאַרט אין איר און, הינטנאַרום, מיט אַ פּיסל גענו־מען קלאַפּן און דערבײַ אויסגעזונגען מיט אַ ניגנדל:

— דאַנקע, קום שוין, דאַנקע, ס'איז שוין שפּעט!

ער, שיקל, האָט אַרויסגעפּירט דאַנקען, און זי, די קאַלע, פּלעגט כאַפּן איר כּאָסן פאַר אַ האַנט און שלעפּן אַראָפּ די טרעפּ.

שיקל האָט זיך אַפילו דערמאָנט, ווי איינמאָל, ווינטער איז דאָס געווען, איז מאַרע אַזוי דערפרוירן געוואָרן, אַז די הענטלעך אירע זײַנען אַזש בלאָוו געוואָרן. ער האָט אָף זיי געהויכט, געבלאָזן, קעדיי דערוואַרעמען אַ ביסעלע. נאָכדעם האָט ער זי גענומען אָף די הענט און אוועק־געטראָגן אַהיים. איצט האָט זי אים שוין קימאַט דעריאָגט, אַזוי איז זי אויסגעוואַקסן. זי מיינט, מיסטאָם, אַז ער האָט ניט געזען, ווי זי איז געגאַנגען מיטן באָכער איבער דער גאַס. זי האָט געשפּאַנט אַזוי גראַציעז און גאַדלעסדיק. אַ קלייניקייט, זי שפּאַצירט שוין מיט אַ באָכער! און אים, שיקלען, האָט אַ שניט געטאָן ווי מיט אַ מעסער, וואָס זי האָט דעם כּאָסן אירן אוועקגע־וואָרפן. דאַנקע שטייט איר שוין ניט אָן, יאָ? ווײַל זי טראָגט זייער אַ שיין מאַנטעלע מיט אַ זויי־בער־רווײַס היטעלע?

שיקל האָט זיך אויסגעגלײַכט, צעשפּרייט די פיס, דאָס פּאָנעם איז שטרענג געוואָרן.

— ווער איז דער באָכער? — האָט ער געפרעגט.

מאַרע קאָן אים זאָגן, ווער איז דער באָכער, נאָר פריִער וויל זי, ער זאָל זיך אָף איר ניט בייזערן, ווײַל ער איז ניט גערעכט. זי האָט דאַנקען קיינמאָל ניט געוואָרפן. דאָס האָט ער, שיקל, זיי געקרוינט מיטן נאָמען כּאָסן־קאַלע, אינדערעמעסן האָט דאָך דאַנקע ליב נאַטען. ערשט איי־ערנעכטן האָט זי, מאַרע, זיי איבערגעבעטן, געמאַכט צווישן זיי שאָלעם, נאַטע האָט זיך באַקאַנט מיט אַ לייטענאַנט — אַ פליִער, געמיינט, מיסטאָם, אַז זי וועט מיט אים פליִען אין די הימלען, נאָר נאָכדעם האָט זי כאַראָטע געקראָגן. שיקל ווייסט דאָך אויך, אַז טאָמיד, ווען דאַנקע פּלעגט מיט נאַטען אוועקגיין אין קינאָ, האָט ער אין מאַרען אינגאַנצן פאַרגעסן. און דער באָכער? דאָס איז דאָך רווימטשיק. זיי אַרבעטן צוזאַמען אין אַטעליע. הײַנט האָט זיי סאָפיע יאַקאָוולעוונע גע־פירט אָף אַן אויסשטעלונג פון פּוילישע קליידער, נאָכדעם זײַנען זיי אַלע געווען אין קינאָ, און פון קינאָ האָט רווימטשיק זי אָפּגעפירט אַהיים.

שיקל האָט ניט געוואָלט קוקן אין מאַרעס זײַט. זאָל זי אים ניט דרייען קיין קאָפּ, ער איז ניט קיין יינגעלע. און וואָס פאַרענטפערט זי זיך אַזוי? ס'איז גאָרניט קיין אוולע, אויב דער באָכער רווימטשיק געפעלט איר. פונוואַנען ווייסט זי, עפּשער האָט זי אים טאַקע ליב? זאָל זי זיך מוידע זײַן, זי האָט שוין עמעצן ליב געהאַט צי ניט?

מאַרע האָט ניט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. זי וועט דאָך אים ניט גיין דערציילן, אַז טאָמער האָט זי יאָ אַמאָל אַ טראַכט געגעבן וועגן רווימטשיקן, האָט זיך איר סײַווי געשטעלט פאַר די אויגן ער, שיקל. אויב זי האָט געהערט, ווי שיקל גייט אוועק פון הויף, ווי די טריט זײַנע דער־ווײַטערן זיך, ווערן אינגאַנצן פאַרשוויגן, איז איר אַלעמאָל אַזוי אומעטיק געוואָרן אָפן האַרצן. אָבער ווען זי פּלעגט דערהערן דעם טאַראַראַם פונעם מאָטאָציקל, פּלעגט איר ווידער ווערן גוט, זי איז פּייל־אויסן־בויגן געלאָפן אים באַגעגענען, וואָס גיכער עפּענען דעם טויער פון גאַראַזש. איר איז שטענדיק אַזוי ליב צו זײַן לעבן אים, אים קומען מיט עפּעס צוהילף, נאָר דאָס הייסט דען ליב האָבן? מאַרע האָט מוירע געהאַט אים אָט דאָס אַלץ דערציילן, זי האָט נאָר געקוקט אים גלײַך אין די אויגן און געשוויגן.

איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער איז מיטאַמאָל ניכטער געוואָרן. איר האָט זיך געדוכט, אַז ער האָט געהערט, פון וואָס זי האָט נאָרוואָס געטראַכט. נאָר דאָס האָט איר ניט געאַרט, זי האָט זיך ניט געשעמט דערפאַר. ער, שיקל, האָט גאָר ניט אויסגעהאַלטן איר בליק. ער האָט אַראָפּגע־לאָזט דעם קאָפּ און, קוקנדיק אָף דער ערד, גענומען ריידן וועגן דעם, אַז ער האָט שוין פון לאַנג אין אירע אויגן באַמערקט קליינינקע פּענטצטערלעך, איצט האָבן זיי אָנגעהויבן גלאַנצן, ווי די שפּיגעלעך. מיילע, אַ שיין היטעלע קאָן מען קויפן, אָבער פונוואַנען קומען צו איר אַזעלכע אויגן?

פונוואַנען זאָל עס מאַרע וויסן? זי האָט איצט געוווּסט נאָר איין זאַך: זי וויל, שיקל זאָל ניט גיין אין דרויסן, זאָל ער זיך בעסער אופהייבן אין שטוב אַרײַן. און ער האָט זיך גאָר אויס־געקערעוועט און גענומען שפּאַנען אַראָפּ פון די טרעפּ. ער האָט באַרויִקט מאַרען, אַז ער וועט בלויז אָף אַ ווײַלע אַרויסגיין אָף דער פרישער לופט. זאָל זי נאָר ניט מיינען, אַז ער איז שיקער. באַ זיי אין דער מישפּאָכע איז ניטאָ קיין שיקורים. זײַן זיידע האָט ניט געקאָנט לײַדן קיין שיקו־רים. שיקל האָט פאַרשפּיליעט דעם מאַנטל, געוואָלט פאַריכטן דעם שניפּס, נאָר זײַנע פינגער

האָבן ניט געפּאָלגט, האָט מאַרע זיך אַנידערגעשטעלט אַף צוויי טרעפּ העכער פון שיקלען, זיי האָבן זיך קימאַט ווי אויסגעגלײַכט אין וווּקס, און מאַרע האָט פרײַ געקאָנט דערלאַנגען צו זײַן שניפּס און אים פאַריכטן, זי האָט אַרויסגענומען פון זײַן איבערשטער פּידזשאַק־קעשענע דאָס קעמלעלע און אים צוגעקעמט די צעשויבערטע האָר.

זיי זײַנען ביידע אַרויס אין הויף. נאָכדעם האָט זיך אים פאַרגלוסט אַ קוק טאָן צו דער ראַקעטע אין גאַראַזש. די ראַקעטע האָט שוין געהאַט אַן אויסזען פון אַן עמעסער שיף. זי איז שוין ניט געלעגן מיטן בויך אַרוף, נאָר געשטאַנען אַף שטאַפּלען, באַווײַזן נאָר וואַסער, ווען זי זיך לאָזן שווימען.

שיקל האָט געשפּרײַזט אַרום דער ראַקעטע, געגלעט מיט דער האַנט די אויבערפלאַך, גע־פּרוווט, צי די גרונטאָוועקע איז שוין אויסגעטריקנט געוואָרן. נאָך אַ טאָג, נאָך צוויי, וועט ער פאַרבן דאָס צווייטע מאָל. ביז די מײַ־יאָמטויווים וועט די ראַקעטע זיך אויסטריקענען און מע וועט זי קאָנען אַראָפּלאָזן אַפּן וואַסער. מאַרע וועט די ערשטע מיט אים זיך דורכפאָרן אַף דער שיף. ער געדענקט גוט, אַז ווען אַלע האָבן זיך פון אים אָפּגעקערט, ניט געגלייבט, אַז ס'וועט זיך בא אים עפּעס באַקומען, האָט בלויז איין מאַרע אים ניט פאַרלאָזט, געווען זיכער, אַז ער אַרבעט ניט אומזיסט. זי איז שטענדיק געווען לעבן אים. ער האָט זיך געפּאַרעט אין גאַראַזש, און זי איז געזעסן אין אַ ווינקל אַף אַ קליין בענקעלע און געשוויגן. זי האָט געשוויגן, און ער האָט געפּילט, אַז זי איז דאָ, ער איז ניט אַליין. האָט ער נאָר אַ פּיפּס געטאָן, איז מאַרע שוין געווען אַף די פיס, געפרעגט, וואָס דאַרף ער, עפּשער וויל ער אַ קאַלטן טרונק וואַסער, סיגאַ־רעטן. ווען ער האָט באַדאַרפט ניטעווען, האָט זי אונטערגעהאַלטן מיטן גרויסן האַמער די קעפּ־לעך פון די ניטן. ער האָט געקלאַפּט מיטן העמערל, און איר, מאַרען, איז געווען שווער צו האַלטן דעם גרויסן האַמער, זי האָט געקרעכצט, נאָר מיט אַלע קויכעס אים געהאַלטן. ווער האָט געראַמט אין גאַראַזש און אַרום דער שיף, אויב ניט מאַרע? זי איז דאָך געווען די גאַנצע באַלע־באָסטע אין גאַראַזש.

מאַרע איז געשטאַנען מיט אַ פאַרטײַטען אָטעם. דאַכט זיך, זי אַליין האָט אַזויפיל ניט גע־דענקט, וויפל ער.

און שיקל האָט זיך גאָר ניט געקאָנט אָפּשטעלן, ווידער געזאָגט, אַז מאַרע וועט זײַן דער ערשטער גאַסט אַף זײַן שיף, נאָכדעם ערשט דאַנקע מיטן טאַטן.

מאַרע האָט ניט זיכער געפרעגט:

— נו, און אין עמען האָט איר גאָר פאַרגעסן?

בעסער וואָלט זי שטום געוואָרן, איידער זי האָט אים דערמאָנט דעם דאָזיקן נאָמען. זי האָט גאָר ניט באַמערקט, ווען איז דער מאַנטל אַף שיקלען ווידער צעבראַסטעט געוואָרן.

מאַרע האָט נאָר אַן אויקע געטאָן, ווען שיקל האָט זיך אַ לאָז געטאָן צום מאָטאָציקל און אים געגומען אַרויספירן אין הויף.

— וווהין, שיקל? — האָט זי אויסגעשריגן.

ער האָט איר דאַפּקע געענטפערט, עפּעס גאָר אַזוי רויק געזאָגט, אַז ער וועט באַלד אײַנ־שפּאַנען דעם מאָטאָציקל, און זיי ביידע, מאַרע מיט שיקלען, וועלן זיך דורכפאָרן צו באַריסן, ווײַל שיקל האָט מיט אים אַ מאַנצבלשן געשפּרעך, און זאָל מאַרע זײַן אַן איידעס.

מאַרע האָט זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען. זי האָט געוווסט, אַז שיקל טאָר ניט פאָרן אין אַזאַ צושטאַנד, עס קאָן זיך מיט אים טרעפן אַ גרויסער אומגליק. און ער הייבט שוין אָן לאָזן דעם מאָטאָר. זי איז צוגעגאַנגען צו אים. אַנהאַלטנדיק זיך אין זײַן האַנט, זיך אופגעהויבן אַף די שפּיץ פינגער און מיט די ליפּן קימאַט זיך צוגעטוליעט צו זײַן מויל. זי האָט אים אָנגעג־הויבן אײַנריידן, ער זאָל איצט ניט פאָרן, צום סאָף ניט אויסגעהאַלטן און מיט הארץ געזאָגט:

— וואָס טוט איר, שיקל, עס שמעקט דאָך פון אײַך מיט בראַנפן!

שיקל האָט אוועקגעמאַכט מיט דער האַנט. אים אַרט גאָרניט.

— אויב דו האָסט מוירע מיט מיר פאָרן, וועל איך אַליין! — ער האָט מיט קאַס אַ שטויס געטאָן דעם מאָטאָציקל, דער מאָטאָר האָט זיך צערעוועט אַפּן גאַנצן הויף.

מאַרע האָט זיך אַנידערגעשטעלט באַם אָפענעם טויער, צעשפּרייט די הענט אין די זײַטן. ערשט דעמלט האָט שיקל זיך צעגוואַלדעוועט, ווי וועלן איבערשרײַען דעם „מאַלעכהאַמאָוועס".

— אַנטלויף, מאַרע, ווײַל אָט מאַך איך פון דיר טיל־טעל. — ער האָט אײַנגעהאַלטן דעם מאָטאָציקל מיט די פיס, וואָס האָבן זיך געשאַרט איבער דער ערד.

מאַרע האָט געזען, אַז שיקלען וועט שוין גאָרניט אָפּשטעלן, נאָר פונדעסטוועגן האָט זי געלאָזט זיך אים אַנטקעגן, מיט ביידע הענט אים אַרומגעכאַפּט אַרום האַלדז, מיט אַלע קויכעס זיך צוגעטוליעט צו אים און זיך ביטער צעוויינט.

דער „מאַלעכהאַמאָוועס“ איז שטיל געוואָרן. מע האָט נאָר געהערט, ווי מארע כליפּעט אונטער.

שיקל האָט זי געפּאָלגט. מארען האָט זיך בלויז אויסגעוויזן, אז ער ציטערט פון געלעכ־טער. צי עפּשער איז אים גאָר קאַלט געוואָרן. זי געדענקט גאָרניט, וואָס האָט זי אים אזוינס געזאָגט, ער זאָל דארפן לאַכן. אוי, דאכט זיך, זי האָט אים געקושט! ווײ, ווײ, וואָס האָט זי געטאָן? איצט, ליגנדיק אפן געלעגער, רעדט זי זיך איַין, אז ער וועט סײַווי ניט געדענקען, ער איז דאָך געווען שיקער. אז ניט, וואָלט ער ניט געגלעט איר אקסל. עפּעס האָט ער איר אויך געזאָגט. נאָר וואָס, געדענקט זי ניט.

נאָכדעם האָבן זיי פארמאכט דעם גאראזש. מארע האָט אים געפירט אהיים. זי, דער אָפּ־געריסענער נאר, האָט אים געזאָגט, ער זאָל זיך ניט נעמען צום הארצן, ווײַל עמע איז ניט איינע אף דער וועלט. אָט האָט זי א כאוועַרטע, איז זי טויזנט מאָל שענער פון עמען. אז מארע וועט אים, שיקלען, באקענען מיט ליאַליען, וועט ער אליין זען.

וואָס האָט זי באדארפט פלוידערן מיט דער צונג? און טאָמער וועט ער יאָ פארגעדענקען, אז זי האָט אים געקושט, וואָס וועט דעמלט זײַן? וווּ וועט זי זיך דעמלט אהינטאָן?

כראָניק

פּרעמיערעס אין די ייִדישע פאָלקס־טעאטערן

■

מיט דער שטעלונג פון זאלמען קאהאנס פּיעסע „ניט פארגעסן“, אָנ־געשריבן לויט די מאָטיוון פון איליא קאָנסטאנטינאָווסקיס דערציילונג „דער פארעלטערונג־טערמין“, האָט דער ווילנער ייִדישער פאָלקס־טעאטער אָנ־געהויבן זײַן פופצנטן טעאטראלן סעזאָן.

דעם צושויער־זאַל פונעם פּאַלאַץ פון די פּראָפּאַריינען, ווו די פּרע־מיערע איז אופגעפירט געוואָרן, האָט פארפולט אן אוילעם פון קימאט טויזנט מענטשן.

די הויפּט־ראָלן אין ספּעקטאקל פילן אויס: זאָפיא (ארטיסטקע זינע שארפשטיין), לידוויג האָפמאן (מאָ־זי באָרשטשעווסקי), טערעזא (דאלי־לע לעווינע), סטעפאניא שאפּראן (יעווע ליוושינע), אדריאן (כאיִם קא־גאן).

דער רעזשיסער פונעם ספּעקטאקל איז ארן לוריע, קינסטלער — לעאָ־ניד לוטאָצקי.

■

א צווייטער פאָלקס־טעאטער — דער קעשענעווער מוזיקאליש־דראמא־טישער, וואָס איז טעטיק באם היגן שטאָטישן יוגנט־הויז, — האָט לעצטנס צוגעגרייט און אופגעפירט דאָוויד בערגעלסאָנס העראָיִשע דרא־מע — „איך וועל לעבן“ — א פּיעסע פון צוויי אקטן, זעקס בילדער, סצע־ניש באארבעט פון רוווּן לעווין. רעזשי — מ. שטערנעל, קינסטלער — יא. אש.

אינעם ספּעקטאקל זײַנען איַינגע־שלאָסן מוזיקאלע סצענעס — לידער און טענץ.

אלעקסאנדער לעס

דער זשורנאַליסט און פּאָטאָ־רעפּאָרטיאָר אַלעקסאַנדער לעס האָט אין מעשעך פון זײַן פּיליאָריקער טעטיקײַט זיך באגעגנט מיט א סאך באַדײַטנ־דיקע מײַסטערס פון דער ליטעראַטור, קונסט און וויסנשאַפט.

מיר ברענגען דאָ עטלעכע קורצע דערציילונגען און הומאָרעסקעס, וועלכע גייען אריַין אין אַלעקסאַנדער לעס׳ נײַעם בוך „מאָזאַיִק פון באַ־געגעניש ן“.

די צייכענונגען האָט געמאַכט דער באַוווּסטער קינסטלער־הומאָריסט יאָסיף איגין.



צוויי דאָקטוירים

אין 1898 האָבן זיך אין יאַלטע באַזעצט צוויי דאָקטוירים. ביידע זײַנען זיי קראַנק געווען אַף שווינדזוכט. זיי האָבן געהאָפט, אַז דער לינדער קרימער קלימאַט וועט גוט ווירקן אַף זייער געזונט. איינער פון זיי איז געווען ניט בלויז א דאָקטער, נאָר אויך א שרײַבער מיט א וועלט־נאָמען — א. פּ. טשעכאָוו, דער צווייטער — א יונגער זעמסקי דאָקטער פון טאָרזשאָק י. נ. אַלטשולער.

זיי האָבן זיך באַקענט און באַפרײַנדעט. אינגיכן איז אַלטשולער געוואָרן טשעכאָווס דאָקטער און אים געהיילט ביזן לעצטן טאָג פון זײַן לעבן.

טשעכאָוו האָט קעסיידער פרײַנטלעך און אופמערקזאַם זיך באַצויגן צום יונגן קאָלעגע, וואָס האָט ערשט אין יאַלטע אָנגעהויבן זײַן מעדיציַנישע טעטיקײַט.

— וויִאַזוי טראַכט איר עס אַרבעטן, אַז אַף דער טיר פון אײַער וווינונג איז אַפילע ניטאָ קיין בראָנזן שילדל מיט אײַער אויסגראַווירטן נאָמען? — האָט טשעכאָוו האַלב שפּאַסנדיק, האַלב ערנסט אַנומלטן געפרעגט אַלטשולערן. — אָן א בראָנזן שילדל איז ניטאָ קיין מעדיציַנישע פּראַקטיק...

בייס איינער זײַנער א רײַזע קיין מאָסקווע האָט טשעכאָוו באַשטעלט א בראָנזן שילדל מיט אַן אויסגראַווירטער אופשריפט „דאָקטער י. נ. אַלטשולער“, און ווען ער האָט זיך אומגעקערט קיין יאַלטע, האָט ער פײַערלעך אונטערגעטראָגן דאָס שילדל זײַן פרײַנט.

אַנטאָן פּאַוולאָוויטש האָט ליב געהאַט צו טײַנען, אַז ער איז א דאָקטער. ווען ער פלעגט קראַנק ווערן און אַלטשולער האָט אים אויסגעשריבן א רעצעפּט, פלעגט ער דורכן טעלעפאָן אָפּדיקטירן דעם פּראָוויזאָר דעם לאַטײַנישן טעקסט פונעם רעצעפּט און מיט א באַזונדער צופרידנקײַט זיך פאָרשטעלן: „דאָקטער טשעכאָוו“.

אין די לעצטע יאָרן פון זײַן לעבן האָט אַלטשולער געוווינט אין ניו־יאָרק. אַנטאָן פּאַוולאָוויטש איז שוין לאַנג אַף דער וועלט ניט געווען. אין יאַלטע איז ניט פאַרבליבן קימאַט קיינער פון אַלטשולערס פרײַנט. בלויז מאַריִע פּאַוולאָוונע האָט נאָך געלעבט אין באַקאַנטן הויז אין אַאוטקע, און אירע בריוו פלעגן זעלטן־ווען דערגיין צו אַלטשולערן קיין ניו־יאָרק. די קאָרעספּאָנדענץ מיט מאַריִע פּאַוולאָוונען איז געווען דעם אַלטן דאָקטערס איינציקע פרייד. און אָט האָט זי אויך הײַנט דערפרייט אים מיט א בריוו. ער פאַרשטעלט דאָס פּאָנעם מיט דער האַנט, אָנשפּאַרנדיק זיך מיט דער פּלייצע צום ווענטל פונעם שטול. אַזוי איז לײַכטער צו טראַכטן, לײַכטער אָפּצוגעבן זיך די זיכרוינעס.

ער האָט זיך דערמאָנט, ווי טשעכאָוו פלעגט אים פאָרוואַרפן, לעמײַ ער איז ניט אופמערקזאַם צו זײַן אייגענעם געזונט. אַליין א האָפענונגלאָזער כוילע, פלעגט טשעכאָוו אויסבאַהאַלטן פון אַלעמען זײַן געזונט־צושטאַנד. אַנטאָן פּאַוולאָוויטש האָט אים, אַלטשולערן, געלערנט הוסטן אַזוי, אַז די אַרומיקע זאָלן דאָס ניט באַמערקן...

און אָט עפנט אַלטשולער דעם בריוו:

„...בא אונדז איז האָיאָר דער סאָד א פּרעכטיקער. מאַמעש א וווּנדערלעכער. די רויזן בליִען ווי קיינמאָל ניט. פאַראַן אויך א סאַך אַנדערע בלומען...“

ווען צו אַלטשולערן אין צימער איז אַרײַן דער זון, איז דער אַלטער דאָקטער געלעגן אָן באַוווּסטזײַן. אין עטלעכע שאָ אַרום איז ער אויסגעגאַנגען.

א וויכטיקע קאָרעקטיוו

איך בין איינמאָל געווען צוגאַסט בא עמאַנויִל קאַזאַקע־וויטשן אין דעם מאָמענט, ווען דער בריוטרעגער האָט אים געבראַכט דעם לעצטן, דעם נײַנציקסטן באַנד פון דער אַקאַדעמישער אויסגאַבע פון ל. נ. טאָלסטאָיס ווערק.

קאַזאַקעוויטש האָט דורכגעקוקט דעם באַנד און אים אוועקגעשטעלט אַף דער ביכער־פּאָליצע.

איך האָב געזאָגט:

— בא יעדן שרײַבער קאָן מען געפינען סײַ בריוו, סײַ ניט־באַאַרבעטע מאַנוסקריפּטן, סײַ טאָגביכער, סײַ נאָטיץ־ביכלעך... אָט לאָמיר נעמען, אַשטייגער, אײַך...

קאַזאַקעוויטש האָט אַף דעם געענטפערט, שמייכלענדיק נאָר מיט די אויגן:

— פון נײַנציק בענדער זײַנען אַכט און זיבעציק דערשינען דערפאַר, ווײַל עס זײַנען שוין געווען אָנגעשריבן די ערשטע צוועלף!.. ווען איר זאָלט אָבער וויסן, ווי שווער עס איז אָנצושרײַבן גראָד אָט די ערשטע צוועלף בענדער!..

פון טיפן האַרצן

די פאַרוואַלטונג פונעם מאָסקווער אַקטיאָרן־הויז האָט דורכגעפירט אַן אָוונט, געווידמעט דעם אָנדענק פון שלוימע מיכאָעלסן.

קיין „צופעליקער אוילעם“ איז אין זאַל ניט געווען: געקומען זײַנען מענטשן, וועלכע האָבן געקענט מיכאָעלסן, געווען מיט אים נאָענטע פרײַנט, שטענדיק געקליבן נאַכעס פון זײַן קונסט.

פאַרן אָנהייב פונעם אָוונט זײַנען אין פאָיע פיל מענטשן געשטאַנען בא די סטענדן פון דער פאָטאָ־אויסשטעלונג. די צענדליקער מיכאָעלס־פאָטאָגראַפיעס האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט אַן אייגנאַרטיקע שילדערונג פונעם לעבנס־וועג און פון דער שאַפונג פון דעם גרויסן יִדישן אַקטיאָר.

בייסן אַנטראַקט, ווען די צושויער זײַנען אַרויס אין פאָיע, זײַנען זיי געווען איבעראַשט: עמעצנס צאַרטע הענט האָבן צוגעפעסטיקט צו יעדער פאָטאָגראַפיע א בלימעלע.

די בלימעלעך האָבן דאָן אויסגעזען אויסערגעוויינלעך רירנדיק — בלויע פיִאַלקעס אַפן פאָן פון די ווײַסע ראַמלעך. מע האָט גערעדט וועגן דעם, אַז פיִאַלקעס זײַנען געווען מיכאָעלסעס באַליבטע בלומען.

א לויב דעם דיכטער



שמועל האַלקין איז געווען א הייסער פאַרערער פון באָריס פּאַסטערנאַקן. פּאַסטערנאַק, פון זײַן זײַט, האָט מיט דער גרעסטער אַכטונג זיך באַצויגן צו האַלקינס שאַפונג.

איינמאָל האָט פּאַסטערנאַק זיך גענומען איבערזעצן עטלעכע לידער האַלקינס.

אין א צײַט אַרום האָט ער זיך מודיע געווען אין א שמועס מיט האַלקינען:

— איך האָב עטלעכע מאָל זיך גענומען פאַר דער אַרבעט, און שטענדיק אײַך פאַר, עס איז בא מיר גאָרנישט אַרויסגעקומען: איר צעשטעלט די ווערטער אין די שורעס אַזוי ענג, אַז איר לאָזט לאַכלוטן ניט קיין אָרט אַף צו „מאַנעווורירן".

אין פּאַסטערנאַקס מויל האָבן די דאָזיקע ווערטער געקלונגען ווי דאָס גרעסטע לויבגעזאַנג.

וויאַזוי באַבעל האָט געאַרבעט

איסאַק באַבעל איז לאַנגע יאָרן געווען באַפרײַנדעט מיט איינעם פון די עלטסטע פאַרלאַגטוער — י. ל. ליפשיץ. באַקאַנט האָבן זיי זיך אין דער אָדעסער קאָמערץ־שול, ווען זיי זײַנען אַלט געווען 10—11 יאָר.

י. ל. ליפשיץ האָט מיר דערציילט:

איסאַק עמאַנוילאָוויטש פלעגט מיר אַמאָל אָנקלינגען און זאָגן אין טעלעפאָן בלויז עטלעכע ווערטער: „קום צו פאָרן, וועלן מיר א ביסל שווײַגן".

די דאָזיקע ווערטער זײַנען געווען א מין פּאַראָל: איך פלעג קומען צו אים, זיך זעצן בא זײַן שרײַבטיש און שווײַגנדיק לייענען א בוך אָדער א זשורנאַל. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, ניט געווען דעם שרײַבערס א קאַפּריז: ער האָט אין מיר געזען די שטאָט פון זײַן קינדהייט — אָדעס... פּאַמעלעך פלעגט ער אַרומגיין איבערן צימער פון ווינקל צו ווינקל, איבערקלײַבנדיק מיט די פינגער די טשאָטקעס. אין א שאַ־צוויי אַרום פלעגט ער זאָגן: „אַלץ!.. איך האָב געענדיקט די אַרבעט"...

באַבעל האָט קיינמאָל זיך ניט געזעצט צום שרײַבטיש, ביז וואַנען ער האָט די פאַרטראַכטע דערציילונג ביז די מינדסטע דעטאַלן ניט אויסגעשליפן אין קאָפּ אַזוי, אַז זי איז שוין געווען פאַרטיק. דערנאָך פלעגט ער זי פאַרשרײַבן און באַהאַלטן אין טיש. ער האָט ניט אָנערקענט קיין מאָדערנע „אייביקע" פענעס און פלעגט שרײַבן

מיט א געוויינלעכן שילעריש „הענטלפען" — די טונקענדיק עס אין א קליין טינט־פלעשעלע.

אין א כאַדאַשים אָנדערהאַלבן אַרום נאָכן אָנשרײַבן די דערציילונג פלעגט ער אַרויסנעמען זי פון טיש־קעסטל און אָדער אינגאַנצן איבערשרײַבן זי אַפּסנײַ, אָדער עטוואָס פאַריכטן.

אָט פאַרוואָס מיר טרעפן אין זײַנע מאַנוסקריפּטן אַזוי ווייניק אויסבעסערונגען.

דערנאָך פלעגן מיר טרינקען טיי און ריידן וועגן פערד.

באַבעל האָט ליב געהאַט אָט די ביידע זאַכן.

באַם אריבערקלײַבן זיך אין אַ נײַער דירע

באַגריצקי איז אריבערגעפאָרן פון קונצעװע קײן מאָסקװע, אין אַ דירע אױף דער גאַס, װאָס הײסט „דורכפאָר פונעם מאָסקװער קינסטלערישן טעאַטער". ער האָט געדונגען דרײַ ברײטע דאָרפישע שליטנס. אױף אײן שליטן האָט ער אָנגעלאָדן זעק מיט זאַמד פאַר די אַקװאַריומס, אױפן צװײטן אײַנגעפּאַקעװעט אַקוראַט די אַקװאַריומס.

אין דריטן שליטן איז געפאָרן די מישפּאָכע — באַגריצקי, זײַן פרױ און דער זון. בײַ זײ צופוסנס זײַנען געלעגן דרײַ ניט קײן גרױסע קלומעקלעך — דאָס גאַנצע שטובײקע פאַרמעגן.

אַ מאַנטל

דאָס איז געװען אין 1920. אין פּעטראָגראַד איז געשטאַנען אַ שװערער װינטער מיט פרעסט און זאַװײען. סאַמױל יאַקאָװלעװיטש מאַרשאַק, דאַן נאָך אַ װײניק באַװוּסטער דיכטער, האָט געטראָגן אַ לײַכטן מאַנטל און שטאַרק געליטן פון קעלט. געלעבט האָט מאַרשאַק גאַנץ אָרעם, װײַל דער האָנאָראַר פאַר זײַנע לידער האָט אים געקלעקט, װי מע זאָגט עס, אױף װאַסער צו דער קאַשע.



צופעליק האָט ער אין אײנעם אַ הױז זיך געטראָפן מיטן שנײַדער סלאָנימסקי. דער שנײַדער האָט ליב געהאַט ליטעראַטור און ליטעראַטן.

— זאָגט מיר, װי גײט איר עס אַרום אין אַזאַ מאַנטל? — האָט סלאָנימסקי געפרעגט בײַ מאַרשאַקן, װען זײ זײַנען אַרױס אױף דער גאַס.

— איך האָב ניט קײן אַנדערן.

סלאָנימסקי האָט צוגעזאָגט:

— איך װעל אײַך אױפנײען אַ פוטער...

— יאָ, נאָר איך האָב קײן געלט ניט...

— אַך, יונגערמאַן, צו װאָס דאַרף אַ דיכטער געלט? איך װעל אײַך אױפנײען אױף באָרג...

— װאָס הײסט אױף באָרג?..

— איר װעט מיר אָפּצאָלן אין אָקטיאַבער אָדער אין נאָיאַבער פון קומענדיקן יאָר, נאָר... מיט װאַליוטע, — סלאָנימסקי האָט אַ שמײכל געטאָן און מיט אַ פרעגנדיקן בליק געקוקט אױף מאַרשאַקן. — אָפּגעמאַכט?

אין אַ װאָך אַרום האָט מאַרשאַק באַקומען אַ נײַעם מאַנטל. דורכן פײַנעם ליִאָנער דראַפּ איז ניט דורכגעדרונגען ניט קײן װינט, ניט קײן קעלט.

מאַרשאַק האָט געשיקט דעם שנײַדער אַזאַ בריװ:

ניט פאַרן פױפסט און ניט פאַר קײנעם
איך װעל ניט נײגן זיך אין שװערסטער שאָ —
פאַר דיר, סלאָנימסקי, פאַר דיר אײנעם,
װאָס האָט מיר אױסגעטראַכט אָט די פאַלטאָ!

מיט קײן װאַליוטע כ'װעל ניט צאָלן דיר,
װעסט אָפּן כױװ נאָך װאַרטן לאַנג.
די נאָז אין דײַן קאַראַקול כ'טוליע מיר
און זאָג דיר טױזנט מאָל אַ דאַנק.

דער „זאוואָדישער פאָטאָגראַף“

אויף א זיצונג פון דער זשורי פון דער אַלפּאַרבאַנדישער פאָטאָ־אויסשטעלונג זײַנען דעמאָנסטרירט געוואָרן די ווערק פון סעמיאָן אַלפּערין.

אויף אַן אימפּראָוויזירטן סטענד, וואָס איז פוןביידע זײַטן געווען באַלויכטן מיט דער שײַן פון עלעקטרישע לעמפּעלעך, זײַנען איינע נאָך דער אַנדערער דורכגעשוואומען אַלפּערינס וווּנדערלעכע פאָטאָ־בילדער. אין דעם קליינעם אָנגערייכערטן צימער פון דער זשורי האָט זיך ווי אַרײַנגעריסן דער מילכאָמע־וויכער — אַזוי אײַנדרוקספול און רירנדיק האָט דער אוטאָר דערציילט אין זײַנע בילדער וועגן די אומצאָליקע אומגליקן, וואָס די מילכאָמע האָט מיט זיך געבראַכט, וועגן דעם מעסירעסנעפעשדיקן העראָיִזם פון די סאָוועטישע שלאַכטלײַט.

ס'איז געווען שטיל, עס האָבן זיך ניט געהערט קיין שטרײַטן, וועלכע באַגלייטן געוויינלעך די זשורי־זיצונגען. די מיטגלידער פון דער זשורי — מענטשן מיט פאַרשיידענע פּרינציפּן און עסטעטישע געשמאַקן — האָבן שווײַגנדיק באַטראַכט אַלפּערינס ווערק, און ווי זיי וואָלטן זיך פאַרויס צונויפגערעדט, איינמוטיק באַגיטיקט זיי.

נאָר דער אוטאָר האָט שוין ניט געקאָנט בײַזײַן אויף דער זיצונג פון דער זשורי...

זײַן גאַנץ לעבן האָט אַלפּערין געאַרבעט אויפן זאַוואָד „זאַפּאָראָזשסטאַל“. ער איז געווען דער „זאוואָדישער פאָטאָגראַף“ — פאָטאָגראַפירט די בויונג פון דער אונטערנעמונג און נאָכדעם פיל יאָרן, טראָט נאָך טראָט, געשאַפן איר פאָטאָ־געשיכטע. דער דאָזיקער אַרבעט האָט אַלפּערין אָפּגעגעבן אַלע זײַנע קויכעס, זײַן האַרץ און נעשאָמע. נאָך דער מילכאָמע האָט ער זיך ווידער צוריקגעקערט אין „זאַפּאָראָזשסטאַל“ און צוזאַמען מיט זײַנע כאַוויירים זיך גענומען אופשטעלן דעם זאַוואָד.

איינמאָל האָט אַלפּערין פאָטאָגראַפירט דעם פּראָצעס פון שטאָל־גוס... א פינקלדיקע מעטאַללענטע האָט זיך געגאָסן דורך דער ריזיקער קאָרעטע אין פורעם אַרײַן. אַלפּערין איז נאָענט צוגעגאַנגען צום פורעם, ווי ער האָט דאָס געטאָן שוין ניט איין מאָל אין זײַן לעבן. ער האָט שוין צוגעטראָגן צו די אויגן דעם פאָטאָ־אַפּאַראַט, נאָר אין דער זעלבער רעגע האָט פּאַסירט א שוידערלעכע זאַך: די שטאָל־לאַווע האָט ווי טיף אַן אָטעם געטאָן, זיך אַרויסגעריסן פונעם פורעם און פאַרגאָסן אַלפּערינען... אין זײַן פאָטאָ־קאַמער, א האַלב א פאַרברענטער, זײַנען צופעליק גאַנץ געבליבן די לעצטע קאַדרען פון זײַן לעצטן רעפּאָרטאַזש.

ייִדיש — יִ. שוסטער

פּיניע קיריטשאַנסקי

צווייַלידער

אָנשטאָט א בריוו

אָנשטאָט א בריוו — פון בוים א בלאַט
האָסטו מיר צוגעשיקט, מייַן טייַערע.
איך שטיי אין סאָד. א ווינט צעשאַרט
אַף ביימער־קרוינען גרינע פייַערלעך.

און פון א צווייַג שוין קוקן מילד
די רונדע פלוימען די בלוי־אויגיקע.
און ס'האָט געשמייכלט, זיך געשפּילט
דייַן בליק אַף גרינע בלעטער טויִקע.

מיר דוכט זיך אויס, אז אינדערשטיל
די בלעטער נעמסט פון בוים צעשאַרן מער.
דייַן צאַרטן אָטעם איך דערפיל,
און ס'ווערט מיר גרינגער, ס'ווערט מיר וואַרעמער.

כאַטש אָפּט מיר
די וואַרעמקייַט פעלט

א פראָסט.
אין די הימל־מעקוימעס —
דאָרט ציטערן שטערן פאַרטראַכט.
און ווייטעקדיק־זיסע כאַלוימעס
שוועבן אַרום אין מייַן נאַכט

און עפשער קיין נאַכט ניט — א רעגע
דער כאַלעם האָט בלויז זיך געוועבט.
אָט פירט ער אַרויס אַף א וועג מיך,
וואָס ציט זיך אין שנייִיקן סטעפּ.

אָט האָב איך א מענטשן באַגעגנט,
איך זע, ווי ער ציטערט פון קעלט.
דערוואַרעמען וועל איך אין וועג אים,
כאַטש אָפּט מיר די וואַרעמקייַט פעלט.

די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ זײַנען שוין באַקאַנט מיט דער שאַפונג פון איינעם פון אונדזערע עלטערע מאָלער אַמשיי ניורענבערג, וועמענס בילדער מיר האָבן ניט איין מאָל רעפּראָדוצירט. א. ניורענבערג איז אויך אַרויסגעטראָטן אין זשורנאַל מיט אינטערעסאַנטע זיכרונות און עסייען.

אין צוזאַמענהאַנג מיטן דערשײַנען פונעם קינסטלערס בוך „זיכרונות, באַגעגענישן, געדאַנקען וועגן קונסט“ פאַרעפנטלעכן מיר א פראַגמענט פון זײַנע דערינערונגען, ווי אויך צוויי בילדער.

אמשיי ניורענבערג

דער ערשטער פּאָרטרעט

א פריהאַרבסטיקער פרימאָרגן. איך שטיי לעבן אָפענעם פענצטער און מאָל פון א פאָטאָגראַפיע דעם פּאָרטרעט פון אונדזער גאָראָדניטשי פּאַשוטין, וועלכער קלײַבט זיך איינגיכן אָפּמערקן זײַן יוביל — צוואַנציק יאָר, זינט ער האָרעוועט, נעבעך, אַזוי שווער לטעטיוועס דער שטאָט.

פאַר א מאָלברעט דינט מיר דאָס גרויסע ברעטל פונעם קיך־טיש, וואָס שטייט אויף צוויי בענקלעך, צונויפגעבונדענע מיט א שטריקל. אויף דער ברעט איז צוגעפּעסטיקט א שטײַפער בויגן ווײַס פּאַפּיר. איך מאָל מיט קאָלירטע בלײַערס.

די אַרבעט גייט לאַנגזאַם. פּאַשוטינס געזיכט פאַרמאָגט לאַכלוטן גאָרניט, וואָס זאָל באַגײַסטערן. אַז ס׳איז גאָר קיין פּאָנעם ניט, עפּעס א מין צעפלאָסענע רונדע מאַסקע אָן א לעבעדיקן פונק. ס׳זאָל כאָטש האָבן איין שטריכעלע, וואָס זאָל ריידן צום האַרצן! אָן אײַנגעשרומפּענער שטערן, א פּאָר שמאָלע פאַרשלאָפענע אייגעלעך, א באַבקעוואַטע נאָז און א דאָפּלטער פליישיקער גוידער...

פון צײַט צו צײַט פאַרלאָז איך דעם פּאָרטרעט, וועלכער איז מיר שוין היפּש דערעסן, כאַפּ זיך אַרויף אויפן פענצטער און קוק זשעדנע זיך אײַן אין דער בונטקײַט פונעם ראַשיקן יאַריד, וואָס האָט נאָך פון קאַיאָר זיך געשטעלט ניט ווײַט פון אונדזער שטוב. אָט זע איך, ווי פּויערים, וואָס האָבן שוין באַוויזן צו נעמען א פּײַנע קויסע, ציִען פויל אַראָפּ די לעכערדיקע ראָגאָזשעס פון די הויפנס טונקל־גרינע קאַווענעס און לימענע־געלע דיניעס; עס פאָרן זיך צונויף און שטעלן זיך אויס אין איין ריי וועגענער מיט פלאַמפּײַערדיקע פּאָמידאָרן, בלאָוו־מאַטעווע פלוימען און רויטבאַקיקע עפּל; דיקע הענדלערקעס מיט געקוויטלטע שאַלעכלעך אויף די קעפּ שטעלן אַרויס אויף די טישן גרויסע טעפּ מיט הייסע פּאַפּשויעס. און איבער אָט דעם גאַנצן געמיש פון פאַרבן הענגט א טיפער צאַרט־בלויער הימל. דאָס פרימאָרגעדיקע ווינטל דערטראָגט צו מיר די פאַרשיקערנדיקע רייכעס פון צײַטיקן אויבס. עס ווילט זיך אַרויסשפּרינגען פונעם פענצטער, א לאָז טאָן זיך צום פריילעכן יאַריד־פּלאַץ און אויסמישן זיך דאָרט מיט די קלאַנגען און רייכעס...

— זונעניו, — דערהער איך דעם טאַטנס שטיל קאָל, — פּאַטער ניט קיין צײַט, ביזן יובילײ איז פאַרבליבן סאַכאַקל דרײַ טעג...

דער טאַטע זיצט אויף אַן אַלטער שטול און רייכערט א דיקן סיגאַר.

— פּאַשוטינס פּאָרטרעט, — זאָגט ער צו מיר פּונקט אַזוי שטיל ווי פריִער, — וועט דיר ברענגען סײַ געלט, סײַ קאָוועד. די גאַנצע שטאָט וועט רעדן וועגן דיר.

איך וויל ניט פאַרשאַפן דעם טאַטן קיין אַגמעסנפעפעש און נעם זיך ווידער צו דער אַרבעט, לייג אין איר אַרײַן אַלע מײַנע קויכעס.

■

שוין צוועלף טעג, אַז עס ציט זיך אָט די נודנע, אויסצערנדיקע אַרבעט. טיילמאָל דוכט זיך מיר, אַז ס'וועט צו דעם גאָר קיין סאָף ניט זײַן, אַז די דאָזיקע פאַרשלאָפענע אייגעלעך מיט דער באַבקעוואַטער נאָז האָבן אַף שטענדיק זיך באַזעצט אין אונדזער שטוב און קיין שום קויעך וועט שוין ניט אימשטאַנד זײַן אַרויסצוטרײַבן זיי פונדאַנען.

אָפּדערנאַכט, צום טיי־טרינקען, קומט צו אונדז אָפּט אַרײַן דעם טאַטנס אַ פרײַנט — מאַרק הורוויטש, אַ הויכער דאַרער ייִד מיט גרויסע ציינערנע ברילן אַף דער לענגלעכער נאָז. ער מאָסטעט זיך באַקוועם אײַן אַף דעם טאַטנס שטול, רוט זיך אָפּ עטלעכע מינוט און נעמט, ווי געוויינלעך, דערציילן זײַנע אומענדלעכע וווּנדערלעכע געשיכטעס וועגן מענטשן, מיט וועלכע ער האָט זיך געטראָפן אַף זײַן לאַנגן און ניט גרינגן לעבנסוועג. די דאָזיקע געשיכטעס פלעגט ער קונציק איבערפלעכטן מיט מעשאָלים און גלײַכווערטלעך, און דאָס אַלץ באַהעלן מיט אַ טרויעריקן און פינקלדיקן הומאָר. מאַרק הורוויטש האָט פאַרמאָגט אַ זעלטענעם טאַלאַנט פון אַ דערציילער, אָפּט האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך זע פאַר זיך אַ גרויסן אַקטיאָר. איך האָב ליב געהאַט זײַן ווייך, צאַרט קאָל, זײַנע אויגן, וואָס שטראַלן אויס גוטסקײַט און כאָכמע. נאָר מער פון אַלץ האָב איך ליב געהאַט קוקן אַף זײַנע הענט — דינע און לײַדנשאַפטלעכע. קוקנדיק אַף זיי, האָב איך צום ערשטן מאָל גענומען באַגרײַפן, אַז הענט, פּונקט ווי די אויגן באַם מענטשן, זײַנען אימשטאַנד אויסצודריקן די פאַרשיידנסטע נעשאָמע־געפילן: גוטסקײַט, העלדישקײַט, עגאָיִזם, אייפערזוכט... ניט אומזיסט האָבן די באַרימטע פּאָרטרעטיסטן בייסן מאָלן געשענקט אַזויפיל אויפמערקזאַמקײַט די הענט פון דער מאָדעל און האָבן געהאַלטן, אַז אַ פּאָרטרעט אָן הענט איז ביכלאַל מינדערווערטיק.

מאַרק הורוויטש האָט געפאַנגען מײַן יונג האַרץ, פאַרפלאַנצט אין דעם ראָמאַנטישע ליבע צו די העלדישע מענטשן, וועגן וועלכע ער האָט דערציילט, מענטשן, וואָס האָבן גרענעצלאָז ליב געהאַט די פרײַהײַט און זײַנען צוליב איר אויסגעשטאַנען די ביטערסטע לײַדן. זײַנע געשיכטעס פלעגט הורוויטש פאַרענדיקן מיט אַ פּאַטעטישדערהויבענער פראַזע:

— זיי האָבן קיינמאָל ניט געוווּסט פון קיין גרינג שטיקל ברויט און האָבן קיינמאָל ניט געשראָקן זיך פאַר אַ שווערן טויט...

דערנאָך, ווען אונדזער גאַסט פלעגט אַוועקגיין, האָב איך די גאַנצע צײַט געטראַכט וועגן אָט די לעגענדאַרע מענטשן, זיי זײַנען געשטאַנען פאַר מײַנע אויגן, כ'האָב בוילעט געזען זייערע מוטיקע פּענעמער, זייערע זשעסטן, אַפילע זייערע בגאָדים, און איך האָב זיך געגעבן אַ ניידער, אַז ווי נאָר כ'וועל אונטערוואַקסן און באַהערשן די מאָלערײַ־קונסט, וועל איך אומבאַדינגט שילדערן זייערע געשטאַלטן, ווידמענען זיי מײַן שעפערישע מי.

דער טאַטע האָט הויך געשעצט הורוויטשעס ליכטיקן פאַרשטאַנד, זײַן הומאָר, וואָס האָט דערוואַרעמט.

— זײַן הומאָר, — פלעגט זאָגן דער טאַטע, — דאָס איז גרויסע כאָכמע, צוגעפּראַוועט מיט עכטן געוויסן, און געוויסן איז דאָך גאָלד...

אַז דער טאַטע האָט געוואָלט אויסהערן מעווינעס אַף אַ בילד, אַף אַ געמעל, האָט ער קעסיידער זיך געווענדט צו הורוויטשן. אַזוי האָט ער געטאָן אויך דאָס מאָל, קעדיי זיך דערוויסן הורוויטשעס מיינונג וועגן מײַן אַרבעט.

— וואָס טראַכט איר, רעב מאַרק, וועגן פּאַשוטינס פּאָרטרעט? — האָט ער מיט אָפּשײַ געווענדט זיך צום גאַסט.

הורוויטש האָט אַ ווײַלע געשוויגן, דערנאָך אַ הייב געטאָן דעם קאָפּ אַף אַרויף, צוגעזשמורעט, ווי אַן אַקטיאָר, דאָס לינקע אויג און געענטפערט:

— לויט מײַן מיינונג האָט אײַער זון זייער געלונגען אויפגעכאַפּט די צורע פון אָט דעם זאַטן מאָפּס. און פונדעסטוועגן וואָלט איך עפּעס וואָס געביטן אינעם פּאָרטרעט. — הורוויטש האָט האַסטיק צעשפּיליעט זײַן לאַנגן סורדוט, אַרויסבאַקומען פון דער קעשענע פונעם סאַמעטענעם פּידזשאַק זײַן באַרימטן פּאָרטסיגאַר, אַף וועלכן ס'איז אין אַן אָוואַל־רעמל פונעם דעקל געווען פיליגראַניש אויסגעגראַווירט אַ פאַנטאַסטישער פויגל מיט אַ גאָלדענעם קאַם און מיט אַ גראַציִעז אויסגעבויגענעם עק, אַרויסגענומען אַ פּאַפּיראָס, אים לאַנג געדרייט צווישן די פינגער, פאַררייכערט און מיט האַרץ אַ זאָג געטאָן: — ערשטנס, וואָלט איך באַ פּאַשוטינען אויפגעעפנט די אויגן־שפּאַרונקעלעך, זאָל ער, ענדלעך, אַ קוק טאָן אַף דער וועלט, אַף די מענטשן. ער לעבט דאָך, ווי אַ מוילוואָרף. צווייטנס, וואָלט איך אַף זײַן מונדיר אָנשטאָט קנעפּ אָנגעמאָלט, איר ווייסט וואָס? — און ניט וואַרטנדיק אַף קיין ענטפער, געזאָגט: — איך וואָלט אָנגעמאָלט גאָלדענע טשערוואָנצעס...

דער טאַטע האָט קוים אויסבאַהאַלטן דעם שמייכל.

— ליבער מאַרק, איר שפּאַסט, און איך וואָלט וועלן הערן פון אײַך עפּעס טאָכיקס.

א. ניורענבערג. דער מוטערס פּאָרטרעט

— טאַכיקס? אַדרעבאַ, איך קאָן אײַך אויך זאָגן טאַכיקס. — געכאַפּט א קוק אפן פּאָרטרעט, האָט ער מיט פאַרבאָרגענעם פאַרדראָס פאָרגעזעצט, — איר גלייבט, אז דער דאָזיקער אָנגעפּרעסענער מאָפּס איז פּייַק צו שעצן קונסט און וועט ווערן דער גוטער מאַלעך פאַר אײַער זון? ווי קומט עס צו אײַך אזא לײַכטזיניקייט? פּאַשוטין איז דער זעלבער קאַמצן, ווי אַלע נעגידים, און זעט, ער זאָל אײַך פאַרן פּאָרטרעט ניט א שמיץ טאָן א נעדאָווע אין פּאָנעם אַרײַן. איר ווילט דורך פּאַשוטינען דערוואָרבן דאָס גליק פאַרן זון? סאַראַ נאַיִוער טרוים!

— פּאַשוטין, — האָט דער טאַטע זיך געטרייסט, — איז א גרויסער גוויר, און גווירים, ווייסט איר דאָך, האָבן צומאָל ליב שפּילן די ראָל פון מעצענאַטן פון אָן אָרעמען יונגן קינסטלער...

— לייגט אײַך ניט קיין פייגעלעך אין בוזעם, די פּאַשוטינס זײַנען פאַרדאַרבענע ברײַעס, און אזעלכע וועלן זיי שוין פאַרבלײַבן...

צווישן דעם טאַטן און זײַן פרײַנט איז אוועק א שאַרפער וויקועך וועגן דער ראָל פון מעצענאַטן אין דער קונסט. זיך באַרויִקט, האָבן ביידע געמיטלעך אײַנגעמאָסטעט זיך אף די שטולן הינטער מיר, אופמערקזאַם גענומען נאָכשפּירן נאָך מײַן אַרבעט און אַרומריידן די מײַלעס און די כעסרוינעס פונעם פּאָרטרעט.

הורוויטש איז געווען א גרויסער באָקי אין מאָלערײַ, און אים האָט פריִער פאַר אַלץ אינטערעסירט די פּסיכאָלאָגישע אַספּעקטן פונעם ווערק.

— דאָס וויכטיקסטע אין א פּאָרטרעט זײַנען די אויגן! אַלץ איז אין זיי, — האָט ער גערעדט מיט באַגײַסטערונג. — אן עכטן טאַלאַנט דערקענט מען טאַקע לויט דעם, וויִאַזוי ער מאָלט די אויגן, ווי עס געלינגט אים דורך די אויגן צו אַנטפּלעקן דעם גײַסט פון דעם, וועמען דער קינסטלער שילדערט. — ער האָט גוטברודעריש א טאָרקע געטאָן מיך אין רוקן און צוגעגעבן מיט היץ:

— איר דערלאַנגט מיר, יונגערמאַן, אזעלכע אויגן, איך זאָל טייקעף דערפילן, ווער איז דאָ געשילדערט: א גוטהאַרציקער צי א בייזער מענטש, אן אָרנטלעכער, א נאַבעלער צי א פאַרקויפטע נעשאָמע, אן אפּעריסט... איר האָט מיך פאַרשטאַנען? — און פאַרענדיקט האָט ער מיט א מײַסע וועגן איינעם א גאַנעוו, וואָס איז אַרײַנגעקראָכן אין א נעגידישער שטוב, אָנגערויבט א סאַך ווערטפולע כפייצים און שוין געקליבן זיך מאַכן פּלייטע, נאָר פּלוצעם... — הורוויטש איז אף א ווײַלע אנשוויגן געוואָרן, זיך פאַרצויגן מיטן פּאַפּיראָס און, קוקנדיק אפן טאַטן, שוין שטילער א ביסל פאַרענדיקט:

— ...נאָר פּלוצעם איז דעם גאַנעווס בליק געפאַלן אף א פּאָרטרעט, וואָס איז געהאַנגען אף דער וואַנט, און איז צעטומלט געוואָרן. ס'האָבן, ווי מיט שפּיזן, אים דורכגעשטאָכן א פּאָר ברענענדיקע אויגן. דער גאַנעוו האָט אוועקגעוואָרפן דאָס אָנגערויבטע און איז אין גרויס פּאַכעד אַנטלאָפן... אָט וואָס עס הייסט א גרויסער קינסטלער! — האָט טריִומפירנדיק פאַרענדיקט אונדזער פרײַנט.

ענדלעך איז דער פּאָרטרעט פאַרענדיקט. איך בין קימאַט ווי גליקלעך. איך באַטראַכט צום לעצטן מאָל מײַן אַרבעט, וואָס האָט מיר פאַרשאַפט אזויפיל לײַדן, און מיר דוכט, אז ס'האָט זיך באַקומען ניט שלעכט. די געזיכט־שטריכן זײַנען רייך, דאָס קעלנערל און די מאַנזשעטן — בלענדיק־ווײַס, ווי דער ערשטער שניי. אף דעם נײַינקן מונדיר בלישטשען אכט קנעפּ און פיר מעדאַלן. אַלץ איז אין אָרדענונג. דער טאַטע וועט, דאַכט זיך, זײַן צופרידן. עס באַאומרויִקט מיך בלויז הורוויטשעס בייזער זאָג: „דעם זון אײַערן איז געלונגען פּינקטלעך איבערגעבן די צורע פון אָט דעם זאַטן מאָפּס". וואָס טוט מען אף צו פאַרווײַכערן דעם אויסדרוק פון פּאַשוטינס געזיכט?.. עפּשער פּאַשעט עס פאַרפײַנערן?

אָבער אונטערכאַנפענען פּאַשוטינען, צוגעבן אים דעם כיין, וואָס ער פאַרמאָגט ניט? ניין, דאָס איז געווען איבער מײַנע קויכעס, און ס'איז ריזיקאַל אויך, ווײַל פּאַשוטין אַליין וואָלט זיך ניט דערקענט און דאָס וואָלט צונישט געמאַכט דעם טאַטנס פּלענער. איך האָב געלאָזט דעם פּאָרטרעט אזא, ווי ער האָט זיך באַקומען.

— טאַטע, זאָג מיר אָפנהאַרציק, פּאַשוטין איז אפן פּאָרטרעט טאַקע ענלעך אף א מאָפּס?

— עס הייבט זיך ניט אָן, — ענטפערט דער טאטע מיט א שמייכל, — ער איז ענלעך אַף זיך אליין.

די פאַרלעצטע נאכט. כ׳האָב שפּעט זיך געלייגט שלאָפן, נאָר אנשלאָפן ווערן ניט געקאָנט. מײַן אויסגעמאטערטן מויעך האָט געעגבערט דער געדאנק, אַז דער פּאָרטרעט קאָן ניט געפעלן ווערן. דער טאטע איז אויך ניט געשלאָפן. איך הער, ווי ער זיפצט, ווי ער רײַבט די שוועבעלעך און פאררייכערט. טאטע, טײַערער! וועגן וואָס טראכסטו איצט? וואָס פארא נײַע האָפענונגען האָבן דיך געפאנגען און אָפּגענומען די רו?

דער טאטע האָט פײַנט געהאט אוואנטיורעס, זיך קיינמאָל ניט ארײַנגעלאָזט אין האנדל־וואנדל, ער האָט פאראכטעט די קאָפּעקע, וואָס קומט גרינג אָן, געשעצט בלויז דאָס, וואָס איז מיט שוויס פארהאָרעוועט. אָן אָנגעבידעוועטער, ווײַל די נויט האָט פעסט זיך באזעצט אין אונדזער שטוב, האָט דער טאטע געטאָן אַלץ, וואָס מעגלעך איז, אַף פּאָטער צו ווערן פון איר. טיילמאָל האָט זיך אים געדוכט, אַז ער וועט אומבאדינגט פארטרײַבן די נויט, און ס׳וועט קומען א זאט און פריילעך לעבן, און דעמלט, ווי ער האָט עס ליב געהאט צו זאָגן, „וועלן אַף אונדזער גאס אַלע פידלען זיך צעפידלען“.

נאָר אָט דערזע איך, ווי דער טאטע שטייט אוף פונעם געלעגער, פארלעשט דאָס טשאדענדיקע נאכט־לעמפּל, צינדט אָן דעם גרויסן טיש־לאָמפּ, רוקט שטיל צו דעם פּאָרטרעט צום טיש און זעצט זיך פאָרזיכטיק אוועק אַפן שטול. די טרוקענע געלע שײַן פונעם לאָמפּ ציט אויס אַפן באלקן און אַף דער וואנט א געדיכטן גרויסן שאָטן. אַף דער וואנט באווײַזט זיך א ריזיקע האנט מיט א בלײַשטיפט, וואָס איז ענלעך אַף א שטעקן. דער טאטע מאָלט א מינוט פינף, דערנאָך פארנייגט ער דעם קאָפּ אַף א זײַט און באטראכט אופמערקזאם זײַן ארבעט. ער האָט א ביסל פאריכט די קנעפּ אַף פּאשוטינס מונדיר...

■

דער לעצטער טאָג. מאָרגן וועט דער דיקער פארשוין מיט די פארשלאָפענע אייגעלעך פארלאָזן אונדזער שטוב. הורא! דער טאטע, וועלכער האָט ליב געהאט צו באצירן אונדזער שטיל לעבן מיט פריילעכע אײַנפאלן, האָט דאָס מאָל באשטימט, פארן געזעגענען זיך מיט פּאשוטינס פּאָרטרעט, צונויפרופן נאָענטע פרײַנט און אויסהערן זייער מיינונג.

— מע דארף זיך צוהערן, וואָס מענטשן זאָגן. זייער מיינונג איז די ריכטיקסטע. — און אָט שטייט שוין בא אונדז אַפן טיש א זודיקער סאמאָוואר, א באנקע ווײַנשל־אײַנגעמאכטס און א גרויסער אַלטפרענקישער טאץ מיט צוגעברוינטע פּירעזשקעס מיט מאָן. באם טיש, ווו די געסט האָבן זיך אויסגעזעצט, איז געוואָרן מונטער־לעבעדיק. פאר א טאמאדא האָט מען, פארשטייט זיך, אויסגעקליבן מארק הורוויטשן. דעם פּאָרטרעט האָט מען אײַנגעפאסט אין א באגילדעטער באגעט־ראם און באפּוצט מיט געקווייטלטע האנטעכער.

— טײַערע געסט, — האָט דער טאטע זיך געווענדט צו די פארבעטענע, — איך האָב אײַך אײַנגעלאדן, איר זאָלט א קוק טאָן אַף דעם פּאָרטרעט, וואָס מײַן זון האָט אָנגעמאָלט, און איר זאָלט אָפנהארציק זאָגן, וואָס געפעלט אײַך און וואָס געפעלט אײַך ניט. — ער האָט צעשטרייט, ווי מיר האָט זיך געדוכט, א קוק געטאָן אַפן פּאָרטרעט און שמייכלענדיק גאסטפרײַנטלעך צוגעגעבן: — און דערווײַל פארזוכט די פּירעזשקעס מיט מאָן, טרינקט טיי מיט אײַנגעמאכטס. שעמט זיך ניט.

די געסט האָבן זיך ניט געשעמט, מע האָט געגעסן און געטרונקען טיי. דער טיש איז אינגיכן געוואָרן ליידיק.

דאָס ערשטע וואָרט האָט גענומען אונדזער שאָכן דער שוסטער וואסילי סאוועליעוו, א גוטהארציקער מענטש, וועגן וועלכן מ׳האָט געזאָגט: בא וואסיליען זײַנען דאָס הארץ און די הענט גאָלדענע. גערעדט האָט ער גיך, מיט באגײַסטערונג:

— ווי אײַך איז באוווּסט, בין איך א שוסטער. שוין פינף און צוואנציק יאָר, אַז איך מאך מאָדעלנע דאמען־שיך. — ער האָט אָפּגעזיפצט, אָנגעכמורעט די ברעמען און פאָרגעזעצט: — יאָ, איך האָב ליב אַלץ, וואָס איז שיין, און מײַן ארבעט סטארע איך זיך אויך מאכן שיין. ווען איך גיי דורך פארבײַ א קראָם, ווו ס׳זײַנען אין די שויפענצטער ארויסגעשטעלט בילדער, ווער איך צוגעזאָטן צו זיי, יאָ, צוגעזאָטן. און איצט וויל איך זאָגן וועגן דעם פּאָרטרעט, וואָס אײַער זון האָט אָנגעמאָלט. פּאשוטין איז ווי א לעבעדיקער! צי דארף מען אָבער מאָלן אזעלכע קריפּלען בלויז דערפאר, וואָס זיי פארמאָגן גראָבע טײַסטערס אין די קעשענעס און גאָלדענע מעדאלן אַף דער ברוסט. איך מיין — מע דארף ניט. שוין זשע זײַנען בא אונדז אין שטאָט ניטאָ קיין שיינע און כאָשעווע מענטשן? אָט נעמט, אשטייגער, דעם דאָקטער רעזניקאָוו, וואָס כאפּט דעם אָנבליק פון אן אקטיאָר און פארמאָגט א גאָלדן הארץ... צי נעמט דעם אדוואָקאט סימכאָוויטש... א קינסטלער דארף מאָלן נאָר שיינע מענטשן. איך האָב פארענדיקט.

דערנאָך האָט גערעדט דער שנײַדער ארן זאסלאווסקי. מע האָט אים אין שטאָט גערופן „דער פארקלערטער“. געווען איז ער א שמאָלפּלייציקער, מיט א גרויסן קאָפּ, א פאריסענעם אַף ארופּצו, די אויגן זײַנען קעסיידער געווען בא אים צוגעזשמורעט, ווי ער זאָל עפּעס באקלערן זייער א וויכטיקן איניען. קיין גרויסער באלדארשן איז ארן

דער שנײַדער ניט געווען, און בלויז דעמלט, ווען דער טאטע האָט צו אים זיך געווענדט: „רעב ארן, מיר ווילן הערן פון אײַך א וואָרט, וואָס איז באַ־הויכט מיט דער כאָכמע פון אונדזערע אָוועס" — האָט דער דאַמען־שנײַדער האַלב ערנסט, האַלב קאַטאָוועס שטיל געזאָגט:

— איך בין א גוטער מיווין אף דאַמען־קליי־דער. בילדער און פּאָרטרעטן זײַנען פאַר מיר א רעטעניש. נאָך אויב איר בעט מיך מיט אזא אָפּ־שײַ, איך זאָל עפּעס זאָגן — וועל איך זאָגן. איך קלער, אז מאָלן דארף מען בלויז יונגע מענטשן. זיי פארמאָגן פײַער, קראַפט, לעבן. אינדערעמעסן, וואָס קאָן דער קינסטלער דערזען אין די זקייניש־צעקארבטע פּענעמער און אין די אײַנגעהויקער־טע רוקנס? — ארן איז אנשוויגן געוואָרן, ארויס־גענומען פון דער קעשענע פונעם זומער־מאַנטל א זשורנאַל פון מאָדעס און, באַווײַזנדיק אונדז דעם בונטן שארבלאַט, מיט געקינצלטער היספּײַלעס פאַרגעזעצט: — אָט כאַפּט א קוק אף אָט די וווּנ־דערלעך־שיינע פרויען אין די פרילינגדיקע קליי־דער! — ער האָט א קוק געטאָן מיר גלײַך אין פּאָנעם אַרײַן. — אָט וועמען, מײַן טײַערער קינ־סטלער, מע דארף פּארייביקן!

דער לעצטער האָט גערעדט אונדזער אַלטער פרײַנט דער קלאַרנעטיסט יויסעף קושניר. דער טאטע האָט געהאַט צו אים גרויס אָפּשײַ פאַר זײַן זעלטענער לײַדנשאַפט צו ביכער און האָט אים גערופן „דער געלערנטער". די שטאָט האָט אים ליב געהאַט און ווילמוטיק געשפּאַסט: „יויסעף שפּילט אף אָרעמע כאַסענעס און אף נעגידישע לעווײַעס". קושניר האָט טיף אַרײַנגעאָטעמט די לופט, גלײַך ער זאָל באַלד דארפן זיך נעמען בלאָזן אינעם קלאַרנעט, און מיט א הייזעריקלעך קאָל אָנגעהויבן:

— איך מוז אײַך זאָגן דעם עמעס, אז מיט א סאך פון דעם, וואָס דאָ איז געזאָגט געוואָרן, קאָן איך ניט מאַסקים זײַן. א קינסטלער, ווערדליק איך פארשטיי, וואָס מאָלט נאָר יונגע און נאָר שיינע מענטשן, זעט ניט דאָס פּילפּארביקע לעבן און באַגאַנוועט זיך אליין. איך האָב געזען אַלטע לײַט, וואָס זײַנען אזוי וווּנדערלעך שיין, אז מע קאָן דאָס אויג ניט אָפּווענדן פון זיי. דאָס לעבן האָט טאַקע זיך געכאַסמעט אף זייערע פּענעמער מיט שפּורן פון גרויסע לײַדנשאַפטן און איבערלעבונ־גען, איבערגעלאָזט, אזוי צו זאָגן, זײַן וויזיט־קאַרטל. מיין איך, פרײַנט מײַנע, אז אנטפּלעקן דאָס דאָזיקע לעבן איז פאַר אַן עכטן קינסטלער עפּשער דאָס אינטערעסאַנטסטע. — יויסעף האָט א קוק געטאָן אף דעם פּאָרטרעט און זיך גע־ווענדט צו די געסט: — איר האָט דאָ א סאך גע־רעדט וועגן אויסערלעכער שיינקײַט. איר האָט אָבער, קאָנטיק, פארגעסן, אז ס'איז פאַראַן אויך א צווייטער מין שיינקײַט — די אינערלעכע, די נעשאָמע־שיינקײַט. מיר, מוזיקער, זײַנען בארופן

א. ניורענבערג. מע רעדט וועגן פּאָליטיק

ארויסצוברענגען די אינערלעכע שיינקײַט. מוזיק האָט צו טאָן בלויז מיט דער נעשאָמע. — ער האָט זיך באַגײַסטערט פון זײַנע אייגענע ווער־טער. — אײַער פאַשוטין איז קיינעם ניט געפעלן, ווײַל ער פארמאָגט נישט ניט קיין אויסערלעכע און ניט קיין אינווייניקסטע שיינקײַט. מער האָב איך אײַך ניט וואָס צו זאָגן...

דער אָוונט האָט זיך אָנגעהויבן פרייילעכער, איידער ער האָט זיך פארענדיקט. דער טאטע האָט העפלעך באַדאַנקט די געסט, מע האָט זיך פרײַנט־לעך אָפּגעזעגנט און מיט א געטומל ארויס אף דער גאַס, וועלכע איז געווען אײַנגעהילט אין דער אָפּדערנאַכטיקער גרויקײַט.

באַגינען בין איך ארויסגעגאַנגען אין הויף אַרײַן צו באַגעגענען און באַגריסן דעם זון־אופגאַנג. די לופט איז געווען אָנגעפּילט מיט א דורכזיכטיק־גאָלדענער שײַן. צו די יונגע טאָפּאָלן און צו די הויכע גראָזן האָט זיך שוין עטוואָס צוגערירט די האַרבסטיקע געלקײַט, און מיר האָט זיך געדאַכט, אז זיי טרויערן איבער דער פריצײַטיקער וועל־קונג.

שטייענדיק אזוי הינטער דער שטוב בא די קווייטן, וואָס זײַנען באשפּרענקלט געווען מיט באַנאַכטיקן טוי (מיט די קווייטן האָב איך שטאָל־צירט, ווײַל כ'האָב זיי אליין געפלאַנצט און גע־כאַוועט), דערהער איך דעם טאטנס אומרויִק קאָל. ער זוכט מיך.

— איך גיי, איך גיי!

דער טאטע שטייט אף דער שוועל אין דעם יאָמטעוודיקן זומער־קאָסטיום און אין דער שטרויענער הוט.

— אײַל זיך צו, זונעניו, דער זייגער האַלט שוין בא נײַן. — און נאָך א קורצער פּאַוזע: — איך וועל דיך באַגלייטן ביזן בריקל.

מיט פּאַשוטינס פּאָרטרעט אין די הענט, שווײַגנדיק, לאָזן מיר זיך אראָפּ צום טײַכל. באם בריקל שטעלן מיר זיך אָפּ. דער טאַטע איז פאַר־זאָרגט.

— גיי ניט איבער די שטיינער, — זאָגט ער צו מיר פּלוצעם און באַטראַכט די נײַע שיכלעך אף מײַנע פיס.

— גוט, טאַטע.

— זאָל גאָט העלפן...

— א דאַנק, טאַטע.

דער טאַטע לאָזט זיך גיין צוריק. באם סאָף פון־נעם בריקל שטעל איך זיך אָפּ, קעדיי א קוק טאָן צום טאַטן. ער איז געגאַנגען מיט שווערע לאַנג־זאַמע טריט, דעם קאָפּ אראָפּגעלאָזט, ער האָט, קאַנטיק, וועגן עפּעס אָנגעשטרענגט געטראַכט. אין אָט דער רעגע איז אין זײַן געשטאַלט געווען עפּעס אומגעווײנלעך־טרויעריקס, און דער הימל איבער אונדז איז אויך געווען אָנגעכמורעטער.

דעם גאָראָדניטשיס הויז איז געשטאַנען אין עק פון דער דוואָרצאָוואַר גאַס, — אַן אומעטיק פּראָ־ווינציעל מויערל, וואָס פאַרמאָגט ניט מערער כייק ווי זײַן באַלעבאָס. אף דער נידעריקער דעמבענער טיר הענגט א טונקל מעשן שילדל מיט אַן אויפ־שריפט: „ניקאָלײַ וואַסיליעוויטש פּאַשוטין“.

איך שטיי א צערודערטער בא דער טיר און טראַכט, וויאַזוי איבערצוגעבן פּאַשוטינען דעם פּאָרטרעט און וואָס דאַרף איך אים דערבײַ זאָגן. ענדלעך, האָב איך ניט דרייסט אָנגעקלונגען. אין א מינוט צי אין צווי ארום האָט, ווי אַן כיישעק, זיך אופגעעפנט די טיר און כ'האָב דערזען א שווערלײַביקן שווייצאַר. ער איז געשטאַנען אף דעם מאַלינעוון טעפּיך, וואָס איז געלעגן אויס־געשפּרייט אף די טרעפּ. ס'האָבן א שווינדל געטאָן מיר פאַר די אויגן צען בלענדנדיקע קנעפּ אף זײַן מאַנטל און די גרויסע, ווי מאַליאַרישע בערשט־לעך, באַקענבאַרדן אף דעם בלאָוולעך־זקיינישן געזיכט. דערנאָך האָב איך דערהערט א פאַר־שלאָפן קאָל:

— וועמען און וואָס דאַרפסטו?

— איך וויל איבערגעבן דעם הער פּאַשוטינען דעם פּאָרטרעט, וואָס איך האָב אָנגעמאָלט, — ענטפער איך אים, און איך פיל, ווי די שטים צי־טערט בא מיר.

— דערלאַנג אהער.

די בלענדנדיקע קנעפּ זײַנען טייקעף פאַר־שווּנדן אין א צווייטער טיר. איך בין געבליבן שטיין אינעם פירהויז און, קעדיי צעשטרײַען זיך א ביסל, גענומען באַטראַכטן די צוויי אייל־פּאָר־טרעטן, וואָס זײַנען געהאַנגען אף די זײַטיקע ווענט. אף איינעם איז געווען אָנגעמאָלט א באַ־בערדיקטער פאַרשוין מיט לאַנגע הענט און מיט אַן ארויסטאַרטשענדיקן בויך, אף דעם צווייטן — א פרוי מיט א בלאַס געזיכט און מיט א פּאַריסן נעזל, זי איז געווען אָנגעטאָן אין א בלויער קאָפּטע מיט שיינעם האַפט. איך האָב א קלאָר געטאָן: דער מאָלער האָט ניט געוואָלט פאַרוואַלירן די פיזי־שע כעסרוינעס פון זײַנע רײַכע קליִענטן און האָט געשילדערט דאָס, וואָס ער האָט געזען פאַר זיך. אָט דאָס איז אַן אָרנטלעכער און אומאָפּהענגיקער קינסטלער!

ס'איז דורכגעגאַן א מינוט צען, און כ'האָב ווי־דער דערזען דעם שווייצאַר ארויסגיין פון דער זײַטיקער טיר. ער האָט געשפּאַנט צו מיר גאַד־לעסדיק און אָנגעכמורעט.

— זיי האָבן געהייסן דיך באַדאַנקען, — האָט ער ארויסגעשטאַמלט מיט דעם זעלבן פאַרשלאָ־פענעם קאָל און מיט זײַנע קאַלטע אויגן מיר אָנ־געוויזן אף דער טיר...

אין איין אויגנבליק האָב איך באַנומען, אַז ס'איז געשען אַן אומגליק. א קורצע רעגע איז בא מיר געווען דאָס געפיל, אַז דאָס לעבן האָט זיך אויס־געלאָשן. נאָר דער מויעך האָט געאַרבעט, און דער ערשטער געדאַנק מײַנער איז געווען וועגן טאַטן.

איך בין ארויס אף דער גאַס. אַלץ ארום מיר — די הײַזער, די פאַרגעלטע אקאַציעס, דער פאַר־וואָלקנטער הימל, די פאַרבײַגייער, — אַלץ איז געווען לאַכלוטן גלײַכגילטיק צו מײַן גרויסן ווייטאָג.

איך האָב לאַנג ארומגעבלאָנקעט איבער דער גאַס. דערפילט א שרעקלעכע מידקײַט, האָב איך זיך צוגעזעצט אף א באַנק אינעם שטאָטישן סקווער. דערנאָך בין איך לאַנג געשטאַנען לעבן פאָנטאַן מיט די גאָלדענע פישעלעך. זייערע מע־סיקע, ריטמישע באַוועגונגען, דער גינגאָלדענער אָפּגלאַנץ פון זייער ליסקע האָבן א ביסל אײַנגע־שטילט מײַן אופגערודערטקײַט. איך האָב ווידער־אמאָל א טראַכט געטאָן וועגן טאַטן. כ'האָב מוירע געהאַט, אַז ער וועט זיך נעמען שטאַרק צום האַרצן, און עס קאָן אים אומוואַלגערן פון די פיס. ס'האָט מיך באַהערשט א ראַכמאָנעס־געפיל צו אים.

איינעם א מאָמענט בין איך גרייט געווען אומ־קערן זיך צו פּאַשוטינען, אויסזידלען אים, צונע־מען דעם פּאָרטרעט און אוועק אין עק וועלט. נאָר אף צו טאָן אזעלעכס האָט מען באַדאַרפט האָבן אי קויעך אי א שטאַרקן ווילן, און איך האָב עס ניט פאַרמאָגט. דאָס האַרץ האָט געפלאַטערט, כ'האָב געהערט, ווי האַסטיק עס קלאַפּט. אומבאַ־מערקט בין איך צוגעקומען צו מײַן באַליבט טײַכל אינגול. בא דער אַלטער ווערבע, וואָס איז מיר אזוי גוט באַקאַנט, איז געשטאַנען צוגעבונדן א שיפל. כ'האָב עס אָפּגעבונדן, אראָפּגעלאָזט עס אפן וואַסער און אָפּגעשטויסן זיך פון ברעג. פון־נעם רעקעלע האָב איך געמאַכט א צוקאָפּנס און זיך אויסגעצויגן אפן רוקן.

דער סטעפּישער ווינט האָט דערטראָגן אהער רייכעס פֿון די הארבסטיקע גראָזן. גרויסע אָראַנזשעווע וואָלקנס, באַזוימטע מיט דורכזיכטיקע שאָטנדלעך, וואָס האָבן געהאַט דעם קאָליר פֿון בעז, זײַנען גראַציעז דורכגעשוווּמען אינעם טיפֿן הימל און זיך אָפּגעשפּיגלט אינעם וואַסער־פֿלאַך. אין איינעם אזא וואָלקן, וואָס האָט געשוועבט איבער מײַן קאָפּ, האָב איך בוילעט דערזען א באַקאַנט געזיכט: אַן אײַנגעשרומפּענער שטערן, אַנגעפּרעסענע פּיסקעס, פֿאַרשלאָפֿענע שמאָלע אייגעלעך, א באַבקעוואַטע נאָז און... דעם גוידער, דעם דאָפּלטן גוידער... כ׳האָב צוגעמאַכט די אויגן, ווידער אופגעעפֿנט זיי. ס׳איז ער, פּאַשוטין! א רעגע, ניט מער האָט געדויערט די דאָזיקע זעונג. ס׳איז צוגעשוווּמען א צווייטער וואָלקן, וואָס האָט אויסגעזען ווי א באַפֿליגלטער דראַקאָן, און האָט מיטאמאָל אײַנגעשלונגען דאָס עקלדיקע געזיכט, פּאַשוטין איז ווי אויסגערונען געוואָרן. ס׳האָט מיך אײַנגעוויגט. כ׳האָב אָנגעווירן דעם געפֿיל פֿון צײַט... כ׳ביך, ווײַזט אויס, זייער לאַנג געשלאָפֿן. אופגעוועקט האָט מיך די אָוונטיקע קילקייט אפֿן טײַך. די זון האָט זיך שוין גענומען זעצן, און איך האָב לאַנג באַוווּנדערט די שיינקייט פֿונעם זון־פֿאַרגאַנג.

ס׳האָט מיך א צי געטאָן אהיים. איך בין קימאַט געלאָפֿן איבער די גאַסן און זיי ניט דערקענט, אַלץ אַרום האָט אויסגעזען עפּעס אומנאַטירלעך, ווי טעאַטראַלע בוטאַפֿאָריע, וואָס א קינסטלער א פֿאַנטאַסט האָט צוגעטראַכט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך שפּאַן איבער בלוילעכן אַש, וואָס איז באַשפּרענקלט מיט באַנאַכטיקן טוי. דאָס אַש איז געלעגן אויף די דעכער, אויף דיביימער, אויף די טאָפּליעס...

פֿון דער פֿאַרכאָלעמטקײַט האָט מיך אַרויסגעריסן א בילערײַ פֿון הינט. ווי פֿון אונטער דער ערד איז פֿאַר די אויגן פּלוצעם אויסגעוואַקסן אונדזער שטוב מיט די דרײַ פֿענצטער. בלויז אין איין פֿענצטער האָט געלויכטן א היימישע, גאַסטפֿרײַנטלעכע שײַן. און אָט זײַנען די צוויי אַקאַציעס לעבן פּלויט, די באַנק בא דער פּאָרטקע און... דער טאַטע. ער האָט זיך א הייב געטאָן פֿון דער באַנק און זיך געלאָזט מיר אַנטקעגן.

— טאַטע...

— שווײַג, שווײַג. איך ווייס אַלץ.

מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער טאַטע האָט זיך שטאַרק געענדערט פֿאַרן טאָג, ווי ס׳וואָלט זיך עפּעס אָפּגעריסן אין אים. ער האָט שטיל געשעפּטשעט:

— כ׳האָב עס געפֿילט, מיטן האַרצן האָב איך עס געפֿילט... ווו ביסטו עס פֿאַרפֿאַלן געוואָרן דעם גאַנצן טאָג? — דערזען מײַן פֿאַרלוירנקײַט, האָט ער מיך גענומען טרייסטן:

— נישקאָשע, נישקאָשע, זונעניו. ס׳מאַכט ניט אויס. דער הימל איז ניט בא דער ערד. אַזוי־זיך, א פּיק אין דער נאָז, ניט מער, אַזעלכס וועט נאָך ניט איין מאָל פֿאָרקומען אין דײַן לעבן, און מע דאַרף צו דעם זײַן גרייט, ניט פֿאַרלירן דעם מוט. — און נאָך א ווײַלע פֿון אָנגעשטרענגטן שווײַגן: — דו האָסט, זונעלע, אויסגעקליבן פֿאַר זיך א שווערן וועג — דעם וועג אין דער קונסט. אויף אָט דעם וועג וועט אַלץ זײַן — אי דערנער, אי רויזן. נאָר איין זאַך זאָלסטו שטענדיק געדענקען: ווען דו זאָלסט ניט מאָלן — שיינע צי ניט קיין שיינע, הויכגעשטעלטע צי פּאָשעטע מענטשן, זאָלסטו פֿריִער פֿאַר אַלץ אַרײַנקוקן אין זייער נעשאָמע... און איצט קום, מיר וועלן עפּעס איבערכאַפּן און זיך לייגן שלאָפֿן. מאָרגן וועלן מיר וועגן אַלץ זיך דורכשמועסן.

...אין מײַן פֿענצטער האָט אַרײַנגעקוקט א מילדע לעוואָנע. עפּשער איז זי געקומען מיך טרייסטן, אײַנשטילן מײַן ווייטעק? איך האָב לאַנג געקוקט אויף איר צאַרטער בלאַסקײַט, ביז זי האָט זיך אופגעהויבן העכער פֿונעם פֿענצטער און איז פֿאַרשוווּנדן פֿון מײַנע אויגן. „איך דאַנק דיר, ליבע לעוואָנע, וואָס דו ביסט געקומען צו מיר", — האָב איך בלויז באַוויזן א שעפּטשע צו טאָן און... אײַנגעשלאָפֿן.

יִסראעל סערעבריאַני

ער האָט געקענט די שווערסטע שאָ פארגרינגערן

אין דער געשיכטע פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור־וויסנשאפט פארנעמט ארן גורשטיין א כאַשעוו אָרט. ער האָט געהערט צו דעם בעסטן טייל פון דער ביז־אָקטיאבערישער ייִדישער אינטעליגענץ, וואָס האָט באלד נאָך דער רעוואָליוציע זיך אײַנגעשלאָסן אין די רייען פון די אקטיווע בויער פון דער נײַער סאָציאַליסטישער קולטור, מיט לײַב און לעבן איז ער געווען איבערגעגעבן דער רעוואָליוציע און געבליבן איר טרײַ ביזן לעצטן אָטעמצוג.

גורשטיין איז געבוירן געוואָרן דעם 2 אָקטיאבער 1895 אין קראָלעוועץ, געוועזענע טשערניגאָווער גובערניע. זײַן פאָטער איז געווען אן אָנגעשטעלטער אין א טראנספּאָרט־געזעלשאפט. צוליבן כאראקטער פונעם פאָטערס שטעלע האָט די פאמיליע געמוזט אָפט בײַטן דאָס וווין־אָרט, אריבערפאָרן פון איין שטאָט אין דער אנדערער: פון קראָלעוועץ קיין ניקאָפּאָל, פון דאָרט קיין קאכאָווקע, דערנאָך קיין יעליסאוועטגראד, גראָדנע, פּראָסקוראָוו, ווידער קיין ניקאָפּאָל. אזוי אז וועגן סיסטעמאטישער בילדונג האָט קיין רייד ניט געקאָנט גיין, דעם לערן־פּראָצעס איז אויסגעקומען דורכצומאכן האלב אין וועג. ארן גורשטיין האָט געלערנט, ווי געוויינלעך אין יענע יאָרן, אין כיידער בא פארשיידענע מעלאמדים, באזוכט פּריוואטע מאָדערנע שולן, פּראָגימנאזיעס, געלערנט אין דער היים מיט רעפּעטיטאָרן, שטודירט אלס עקסטערן אאוו. אין 1913 גיט זיך אים אײַן פארענדיקן דעם קורס פון קאהאנס ייִדישער גימנאזיע אין ווילנע, נאָר ערשט אין דרײַ יאָר ארום קומט ער אָן אין פּעטראָגראדער אוניווערסיטעט אפן פאַקולטעט פון אָריִענטאלע שפּראכן.

די ליבע צום בוך האָט באהערשט גורשטיינען פון די פריסטע קינדער־יאָרן, און דאָס בוך איז בא אים געווען, ווי ער אליין שרײַבט אין זײַנעם אן עסקיז צו א קינסטלערישער אווטאָביִאָגראפיע (געשריבן אין רוסיש), דער גרונט־קוואל, דורך וועלכן ער האָט זיך באקאנט ניט בלויז מיט דער קולטור און ליטעראטור, נאָר אויך מיטן קאָנקרעטן ארומיקן לעבן און שטייגער. וווינענדיק אין אוקראַיִנע, דערציילט גורשטיין, האָט ער וועגן דער אוקראַיִנישער נאטור און אירע מענטשן דעריקער זיך דערוווּסט פון די ביכער. אזויארום קאָן מען זיך פאָרשטעלן, ווי באַרנעצט עס איז געווען די אומיטלבארע לעבנס־דערפארונג, וואָס גורשטיין האָט באקומען אין זײַנע יוגנט־יאָרן. דערצו דארף מען צוגעבן, אז דאָס ייִדישע לעבן, און באזונדערס דאָס דערציִונגס־וועזן, איז ביכלאל אין יענע צײַטן געווען קינסטלעך איזאָלירט פונעם ארומיקן לעבן. גורשטיינס לערער, מיט וועלכע ער האָט אויך שפּעטער ניט פארלוירן די פארבינדונגען, האָבן אליין דאן געלעבט אין א באגרענעצטער וועלט פון פארשיידענע אוטאָפּישע נאציאָנאלע און ליבעראלע אָנשויוּנגען, טאָלסטאָיִשע און מעשיכישע איליוזיעס. דעריבער איז גאנץ פארשטענדלעך, וואָס אף גורשטיינס ערשטע ליטערארישע פּרוּוון, ניט געקוקט אף דער הומאָריסטישער און זאָרגלאָזער באפארבונג, וואָס זיי האָבן אָפט געטראָגן, ליגט דער שטעמפּל

פון עלעגישע, ראָמאנטישע, אין טאָך געגומען פעסימיסטישע שטימונגען.

איינער פון גורשטיינס פסעוודאָנימען, מיט וועלכע ער פלעגט אונטערשרײַבן זײַנע שאפונגען אין רוסיש, איז געווען „ראָמאנטיק". אין דעם דערמאָנטן עסקיז פון זײַן קינסטלערישער אווטאָביִאָגראפיע רופט ער זיך אליין אָן „מאָשיִעך" (זיכרוינעס פון די קינדער־יאָרן אין כיידער). אין זײַנעם אַן אלבאָם פון די יוגנט־יאָרן, וווהין ער פלעגט פארשרײַבן אויסצוגן פון פארשיידענע ווערק פון דער וועלט־ליטעראטור, געפינען מיר א סאך אויסצוגן, וועלכע זײַנען פארבונדן מיט איין אלגעמיינעם שטריך, — דאָס זײַנען אלץ ביטערע אויספירן בענעגייע דעם מענטשלעכן לעבן, בענעגייע דעם מענטשן גופע. ווײַזט אויס, אז דער יונגער גורשטיין האָט שוין דאן היפש פארזוכט דעם ביטערן טאם פונעם לעבן אין צארישן רוסלאנד. דאָס זעט מען אויך ארויס פון אייניקע זײַנע איבערזעצונגען אף רוסיש, וועלכע ער האָט דאן געמאכט. ער האָט געהאט אן אינטערעס צו איבערזעצן דאפקע שאָלעם־אלייכעמס „דער פעטער פיניע און די מומע רייזע", „גימענאזיע" אדג.

אָנהייבנדיק פון די גימנאזיע־יאָרן, האָט גורשטיין געדרוקט אין פארשיידענע פראָווינציִעלע אויסגאבעס זײַנע דיכטערישע און פראָזאיִשע פרווון. אָבער וואָס ווײַטער, גייט ער איבער אלץ מער צו פובליציסטיק. ער שרײַבט, פאר זיך דעריקער, באטראכטונגען איבער פילאָסאָפישע און ליטערארישע פראָבלעמען, הייבט אָן אלץ אָפטער צו אנאליזירן און אָפשאצן א ריי מאָנומענטאלע ווערק און געשטאלטן פון דער רוסישער און ייִדישער ליטעראטור. ענדלעך גיט ער זיך אן אנטשיידענעם קער צו דער ייִדישער ליטעראטור און שפראך. אן ערעך אין 1915 פארנעמט ער זיך אינטענסיוו מיט איבערזעצונגען פון רוסיש אין ייִדיש. אזוי, אשטייגער, זעצט ער איבער טשעכאָווס „קינדווארג". אין 1916 באזוכט ער אין פעטראָגראד ספעציִעלע ייִדישע קורסן, האגאם ער האָט שוין צו יענער צײַט באהערשט גאנץ גוט ייִדיש און העברעיִש און איז געווען גרינטלעך באקאנט מיט דער ליטעראטור אין די דאָזיקע שפראכן. אין דעם זעלבן יאָר ווערט ער, ווי געזאָגט, א סטודענט פונעם פעטראָגראדער אוניווערסיטעט — העברעיִש־אראביש־סירישער „ראזריאד", אָפטייל פון העברעיִשער ליטעראטור.

קיין קלאָרע סאָציִאלע און פאָליטישע אָנשויונגען האָט גורשטיין צו יענער צײַט ניט פארמאָגט. עס איז אים, ווי ער אליין האָט זיך שפעטער אויסגעדריקט, שווער געווען זיך פאנאנדערקלײַבן: דאָס פערזענלעכע איז אויסגעמישט מיט דעם אלגעמיינעם, און ניט דאָ און ניט דאָרטן איז נישטאָ קיין „גליק"...

די אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָט ער אופגענומען מיט ענטוזיִאזם. זי האָט ארײַנגעטראָגן א קלאָרקײַט אין זײַן וועלטבאנעם. בא דער ערשטער מעגלעכקײַט שליסט ער זיך אָן בעאהווע צו דעם קאמף פאר דער סאָוועטישער אָרדענונג.

אין די ערשטע יאָרן פון בירגערקריג טרעפן מיר גורשטיינען ווידער אין ניקאָפאָל. ער האָט זיך געמוזט אָפזאָגן פון ווײַטער שטודירן אין פעטראָגראדער אוניווערסיטעט. ס'איז שוין ביכלאל ניט געווען קיין צײַט פון שטודירן. מע האָט געדארפט אָפגעבן עקזאמענעס אין גאָר אנדערע „אוניווערסיטעטן". און גורשטיין איז געווען איינער פון די, וועלכע האָבן דעם עקזאמען גלענצנדיק אויסגעהאלטן. ווי נאָר די סאָוועטנמאכט האָט געזיגט אין אוקראיִנע, אזוי האָט זיך דער יונגער גורשטיין גלײַך אײַנגעשלאָסן אין דער אָרגאניזאציִאָנעלער, פאָליטישער און קולטורעלער טעטיקײַט פון דער נײַער מאכט. ער הייבט אָן פירן א פארצווײַגטע געזעלשאפטלעכע ארבעט — איז טעטיק אלס סעקרעטאר אין דעם ניקאָפאָליער אָפטייל פון פאָלקס־בילדונג, טרעט ארויס מיט לעקציעס, פאָרטראָגן, ווערט אן אקטיווער מיטארבעטער פון די אָרטיקע סאָוועטישע צײַטונגען. אין מײַ 1920 טרעט ער ארײַן פרײַוויליק אין דער רויטער ארמיי. באטייליקנדיק זיך אקטיוו אין דער ארמייִשער פרעסע, לאָזט ער ארויס ספעציִעלע „בלעטלעך פון א פרײַוויליקן". דאָרטן, אגעוו, שרײַבט ער:

„מיר, רויטארמייער, צערײַסן דאָס, וואָס פארבינדט אונדז מיטן אָוואר. מיר צערײַסן אָבער ניט אלץ. מיר האָבן ליב, ווי פריִער, אונדזער היים, אונדזערע שוועסטער און קאלעס, מיר פארגעסן ניט אפילע אין אונדזערע אלטע געוווינהײַטן און מינהאָגים... אָבער עס בײַט זיך אונדזער שיקזאל, מיר ווערן שמידער פון א גרויסער און וווּנדערבארער זאך — גליק פאר אלעמען. מיר דעראָבערן גליק פאר זיך און פאר אנדערע".

מיט דעם דאָזיקן שיקזאל איז שוין געבונדן דאָס גאנצע ווײַטערדיקע שעפערישע לעבן פון ארן גורשטיין.

אין יון 1921 ווערט גורשטיין דעמאָביליזירט. ער פאָרט אוועק קיין מאָסקווע און זעצט דאָ פאָר זײַן בילדונג אינעם אינסטיטוט פון מיזרעך־שפראכן. גלײַכצײַטיק קומט ער אָן אף ארבעט אין פאָלקסקאָמיסאריאט פאר נאציִאָנאלע איניאָנים אלס סעקרעטאר פונעם אָפטייל פון וויסנשאפטלעכע און לערן־אנשטאלטן און דערנאָך אלס רעדאקציע־מיטארבעטער פונעם זשורנאל „זשיזן נאציִאָנאלנאָסטיי". דאָס שטודירן אין אינסטיטוט האָט גורשטיין, נאָך א יאָר לערנען, איבערגעריסן, אף אזויפיל איבערגעלאָדן איז ער מיט טאָגטעגלעכער לויפנדיקער ארבעט. ער איז סעקרעטאר פונעם פארלאג־אָפטייל אינעם צענטראלן פארלאג פאר די פעלקער פון פססר, שפעטער אויך סעקרעטאר פונעם רעדאקציִאָנעלן אָפטייל אין „קרעסטינטערן" (פויערשער אינטערנאציִאָנאל), מיטארבעטער אין דער „קרעסטיאנסקאיא גאזעטא" אאוו.

אין דער זעלבער צײַט פירט גורשטיין א גרויסע ליטערארישע ארבעט. ער שרײַבט ארטיקלען און רעצענזיעס אין די זשורנאלן „זשיזן נאציִאָנאלסטיי", „פעטשאט אי רעוואָליוציִא" און אנד. אין די דאָזיקע זשורנאלן האָט גורשטיין צווישן אנדערס אָפגעדרוקט רעצענזיעס קימאט וועגן אלע דערשינענע ייִדישע קינסטלערישע ביכער און זאמלונגען: וועגן די ערשטע לידער־ביכער פון האָפשטיינען, שווארצמאנען, מארקישן, קוויטקאָן, קושניראָוון, פינינבערגן, ראָסינען, האלקינען. אין מארט 1923 האָט זיך באוויזן אויך זײַן ערשטע רעצענזיע, אָנגעשריבן אין ייִדיש, אין דער צענטראלער ייִדישער צײַטונג „דער עמעס". גורשטיינס אינטערעס צו דער ייִדישער ליטעראטור, וועלכן ער האָט ארויסגעוויזן נאָך פאר דער רעוואָליוציע, באקומט איצט א טיפן אידייִשן זין.

שוין אין 1918 געפינען מיר אין דער רוסישער סטודענטישער צײַטונג פון ניקאָפאָל „נאשא גאזעטא" זײַנס א באגײַסטערט ארטיקל, געווידמעט מענדעלעס ערשטן יאָרצײַט (אונטערגעשריבן „מיזראכי" — איינער פון גורשטיינס דעמלטיקע פסעוודאָנימען).

„סײַ אייגענע און סײַ פרעמדע זאָגן אונדז אָפט, דער ייִדישער יוגנט: בא אײַך איז ניטאָ קיין קולטור, איר האָט נישט קיין שפראך, איר האָט בלויז דעם „גאָלעס". נאָר אונדז זײַנען שוין ניט שרעקלעך אזוינע רייד, ווען מע

דערמאָנט זיך, אַז בײַ אונדז איז געווען מענדעלע... און מיר האָבן נישט מוירע, ניט פאַר אונדזער יונגער קולטור, ניט פאַר אונדזער יונגער שפּראַך, וואָס עס זאָלן ניט ריידן סײַ די אייגענע, סײַ די פרעמדע. אונדז איז ניט שרעקלעך, בײַ אונדז איז דאָ מענדעלע!" — אַזוי פאַרענדיקט דער סטודענט גורשטיין זײַן ערשט געלעגנהײַט־אַרטיקל וועגן מענדעלען.

די דאָזיקע ליבע צו דער ליטעראַטור פון די פאָלקסמאַסן, צו מענדעלען — דעם ערשטן גרויסן שעפער פון אָט דער ליטעראַטור — האָט גורשטיין נאָך מער פאַרטיפט און באַגרינדעט אין זײַנע שפּעטערדיקע אַרבעטן וועגן מענדעלען, וועגן אַלע אונדזערע קלאַסיקער, וועגן דער נײַער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור, וועלכע האָט זיך אַזוי פאַנאַנדערגעבליט און צעוואַקסן אַ דאַנק דער גרויסער סאָציאַליסטישער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע.

אין גורשטיינס אַרכיוו האָט זיך פאַרהיט אַן אָנגעשריבענער פאָרטראָג פון יאָר 1921 אונטערן נאָמען „פּרעץ אַלס קאָלעקטיוויסט", ווו מיר טרעפן אַזוינע נײַע און דרייסטע פאַר יענער צײַט געדאַנקען:

„פּרעץ מאַכט אים, דעם קאָלעקטיוויזם, צוגענגלעך צו אונדזער נעשאָמע. ניט קיין סטעזשקע, נאָר אַ ברייטן פרײַען וועג האָט ער אים געמאַכט צו אונדזער נעשאָמע. און אויב מענדעלע איז אונדזער קאָפּ און שאָלעם־אַלייכעם אונדזער האַרץ, איז פּרעץ אונדזער נעשאָמע — די שאַבעסדיקע, די יאָמטעוודיקע, די נעשאָמע־יעסיירע. ווײַל פּערעץ צי ער וויל נישט, דער קאָלעקטיוויזם איז דער קינסטלעריש־נייטיקער... רעזולטאַט אין דעם פּראָצעס פון פּרעצעס שאַפן... פּרעץ אַלס קאָלעקטיוויסט, אַלס אידעאָלאָג פון אָט דעם קאָלעקטיוויזם — אָט אין דעם באַשטייט די גרויסע סאָציאַלע באַדײַטונג פון פּרעצעס שאַפונג, און ביפֿראַט פאַר אונדזער צײַט".

די שטרעבונג פונעם יונגן פאָרשער צו פאַרבינדן פּרעצעס שאַפונג און ביכלאַל די קלאַסיק מיט אונדזער צײַט איז איינער פון די וויכטיקסטע שטריכן אין זײַן צוגאַנג צו דער קולטור־ירושע אויך שפּעטער. אין פּרעצן געפינט ער די סימאָנים און טענער פון דער „צוקונפט־מוזיק", די „נעשאָמע פונעם קלאַל".

אין 1924 הייבט גורשטיין אָן צו זאַמלען מאַטעריאַלן פאַר וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן אויפן געביט פון ייִדישער ליטעראַטור־געשיכטע, און אין 1925 דרוקט ער אָפּ זײַנע ערשטע ליטעראַטור־געשיכטלעכע פּרוּוון (וועגן לינעצקין, פּרעצן). דערנאָך נעמט ער פאַר, לויטן אויפטראָג פון דעם ייִדישן אָפּטייל באַם אינבײַסקולט, אַ גרעסערע פאָרשונג וועגן פּרעצן („דער איצטיקער צושטאַנד פון פּרעצעס ביאָגראַפיע"), וועלכע איז געווען פאַרעפנטלעכט אין דער מינסקער „צײַטשריפט" און האָט אַרויסגערופן אַ גינסטיקע אָפּשאַצונג אין דער פּרעסע (נ. שטיף און אַנד.).

אין האַרבסט 1926 ווערט גורשטיין, לויט דער רעקאָמענדאַציע פונעם ראַטנאַצמינד באַם פאָלקאָמבילד פון רספסר, באַשטימט אַלס אַספּיראַנט אין אינסטיטוט פאַר שפּראַך און ליטעראַטור באַם „ראַניאָן" (רוסלענדישע אַסאָציאַציע פון וויסנשאַפט־אינסטיטוטן פאַר געזעלשאַפט־וויסנשאַפטן), גלײַכצײַטיק איז ער קאַבינעט־פאַרוואַלטער אויפן ייִדישן ליטעראַריש־לינגוויסטישן אָפּטייל באַם פּעדאַגאָגישן פאַקולטעט פון 2־טן מאָסקווער מעלוכע־אוניווערסיטעט. ער ספּעציאַליזירט זיך אין געביט פון געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין 19־טן יאָרהונדערט. אין „ראַניאָן" שטודירט ער גרינטלעך די טעאָרעטישע פּראָבלעמען פון דער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור־וויסנשאַפט, ער באַקומט דאָ אַ סיסטעמאַטישע מאַרקסיסטיש־לעניניש צוגרייטונג פאַר זײַנע ווײַטערדיקע פאָרשונגען.

אין דער געגרינדעטער אין די צוואַנציקער יאָרן אַלרוסלענדישער וויסנשאַפטלעכער געזעלשאַפט פאַר שטודירן ייִדישע שפּראַך, ליטעראַטור און געשיכטע אַרבעט גורשטיין אַלס ביוראָ־מיטגליד אין דער ביבליאָגראַפישער און אַ צײַט אויך אין דער ליטעראַרישער סעקציעס. דערבײַ איז ער אַ רעדאַקציע־מיטגליד און סעקרעטאַר פון די וויסנשאַפטלעכע יאָרביכער, וואָס די געזעלשאַפט הייבט אָן אַרויסגעבן. שפּעטער ווערט ער באַשטעטיקט אַלס וויסנשאַפטלעכער מיטאַרבעטער פונעם אינסטיטוט פאַר ייִדישער קולטור בײַ דער אוקראַיִנישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע, ער איז דער פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע פאַר מאַרקסיסטישער מעטאָדאָלאָגיע פון ליטעראַטור־וויסנשאַפט. אין דער זעלבער צײַט אַרבעט ער אַלס דאָצענט אינעם 2־טן מאָסקווער מעלוכע־אוניווערסיטעט. פון 1931 איז ער פּראָפעסאָר פון ליטעראַטור און געשיכטע־טעאָריע אין קיִעווער און אָדעסער פּעדאַגאָגישע אינסטיטוטן, ער איז אַ מיטגליד פון רעדקאָלעגיע פון דער וויסנשאַפטלעכער מענדעלע־אויסגאַבע אין פאַרלאַג „דער עמעס", רעדאַקטאָר פון אַ ריי וויסנשאַפטלעכע זאַמלביכער פון די ייִדישע אָפּטיילונגען אין דער אוקראַיִנישער און ווײַסרוסישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיעס, אַ מיטאַרבעטער אין „פּראַוודאַ", אין דעם גאָרקי־אינסטיטוט פון דער וועלט־ליטעראַטור בײַ דער אַלפאַרבאַנדישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע.

ערעוו דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע איז גורשטיין איינער פון די צענטראַלע פיגורן ניט בלויז אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור און קריטיק, ער איז באַוווּסט אויך אין דער רוסישער ליטעראַטור־פאָרשונג און קריטיק ווי דער אַווטאָר פון ווערטפולע אַרבעטן (אַרטיקלען וועגן אַ ריי רוסישע סאָוועטישע שרײַבער און קלאַסיקער אין צײַטונגען, זשורנאַלן, זאַמלביכער, טעאָרעטישע אַרבעטן און באַזונדערע ביכער).

גורשטיינס וויסנשאַפטלעכע אינטערעסן זײַנען געוואַקסן פון יאָר צו יאָר. ער איז געווען טעטיק ווי אַ ביבליאָגראַף און אַן אַרכיוויסט, אַ ליטעראַטור־היסטאָריקער און קריטיקער, אַ טעאַטער־פאָרשער און לינגוויסט. ער האָט אַ סאַך געשריבן וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור אין רוסיש און וועגן דער רוסישער ליטעראַטור אין ייִדיש.

ערעוו דער מילכאָמע האָט גורשטיין צוגעגרייט צום דרוק אַ זאַמלונג פון זײַנע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן וועגן דער קלאַסישער ייִדישער ליטעראַטור און טעאַטער, ווי אויך וועגן אַקטועלע פּראָבלעמען פון דער אַלגעמיינער סאָוועטישער ליטעראַטור. ליידער איז אָבער אָט דער ווערטפולער בוך ניט דערשינען. אין 1941 איז אַרויס אין רוסיש זײַן בוך „פּראָבלעמען פון סאָציאַליסטישן רעאַליזם" און אין 1959 אַ זאַמלונג „אויסגעוויילטע אַרטיקלען", אָבער אַ הער זײַנען אײַנגעשלאָסן געוואָרן בלויז אַרבעטן, וועלכע ער האָט געשריבן אין רוסיש. זײַנע וויכטיקסטע פאָרשונגען אין ייִדיש וואַרטן נאָך אויף זייער פּובליקאַציע אין אַ בוך־פאָרם. אַהין דאַרפן אַרײַן אַזוינע אַרבעטן איבער פראַגן פון ליטעראַטור־געשיכטע, ווי: „דער איצטיקער צושטאַנד פון פּרעצעס ביאָגראַפיע", „סאַכאַקלען פון דער מענדעלע־פאָרשונג", „אַ נײַער ווענדפּונקט אין דער מענדעלע־פאָרשונג", „דער יונגער מענדעלע", „אויף דער פּרעץ־טעמע", „לינעצקי (צום 100־יאָריקן יובילײ)", „אונדזער מענדעלע־ליטעראַטור" און אַנד., ווײַטער — פאָרשונגען וועגן טעאַטער: „אַ פּראַנצויז־

זישער רייַזנדער וועגן גאָלדפאדנס טעאטער", „גאָלדפאדן אין מאָסקווע" „פון גאָלדפאדן ביז גראנאָווסקי", „גאָלדפאדן־ליטעראטור", „די לינקע זייַט", „פון דער פאָרגעשיכטע פון ייִדישן טעאטער", „דער ייִדישער טעאטער אין די 60־ער יאָרן", „וועגן זוסקינס קונסט", „מיכאָעלס", „באר־קאָכבא", „געשטאלטן פון ייִדישע אקטיאָרן"; א מענגע ארבעטן וועגן דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור, וועגן דער קלאסיק, וועגן שפראך־פּראָבלעמען, וועלכע זייַנען דערשינען אין ייִדיש און רוסיש, אָפּט אויסגעהאלטן עטלעכע אופלאגעס, אויך איבערגעזעצט געוואָרן אין אויסלענדישע שפּראכן (לעמאָשל, די בראָשור וועגן שאָלעם־אלייכעמס לעבן און שאפן).

גורשטיין איז געווען א מוסטער פון אן עכטן געלערנטן, וועלכער זוכט ניט קיין לייַכטע היפּאָטעטישע האמצאָעס, פארלאָזט זיך ניט בלויז אף ניסים פון אינטויִציע (כאָטש ער האָט פארמאָגט גענוג סייַ אינטויִציע, סייַ פייַנעם ליטעראַרישן געשמאק). ער איז געווען א געלערנטער, וועלכער שרעקט זיך ניט פאר מיזאמער „שווארצער" ארבעט באם זאמלען פאקטישן מאטעריאל און וועלכער בויט זייַנע טעאָרעטישע האנאָכעס און אויספירן אף רעאלע מארקסיסטיש־לענינישע וויסנשאפטלעכע יעסוידעס.

אזא איז גורשטיין געווען אין זייַן ארבעט און אזא איז ער געווען אין זייַן געזעלשאפטלעכער טעטיקייַט, אין זייַן גאנץ לעבן — א מענטש מיט א זויבערן, ריינעם געוויסן. ווען די בייזע שאָ האָט געשלאָגן — די היטלערישע האָרדעס זייַנען באפאלן דאָס ראטנלאנד, האָט גורשטיין פארלאָזט זייַן שרייַבטיש און, פּונקט ווי אין דער צייַט פון בירגערקריג, נאָך מיט מער אנטשלאָסנקייַט און גלויבן, זיך גענומען פאר דער ביקס. ער האָט דערפילט די גרויסע געפאר, וואָס דראָעט זייַן דערוואָרבעטער נייַער וועלט, זייַן פּערזענלעכן גליק און דעם אלגעמיינעם גליק, ווי ער האָט אמאָל געשריבן אין זייַנע „בלעטלעך פון א פרייַוויליקן", ער האָט דערפילט די געפאר, וואָס דראָעט זייַן גאנצן לעבנס־זין, דער סאָציאליסטישער קולטור, און ער איז אוועק אפן פראָנט און אָפּגעגעבן זייַן לעבן פארן סאָוועטישן פאָלק און פארן היימלאנד.

גורשטיינס געשטאלט לעבט אין זיקאָרן פון די סאָוועטישע ייִדישע שרייַבער, וועמעס באציִונג צו אים האָט אין הארציקע שורעס אויסגעדריקט דער דיכטער עזראָ פיניבערג:

קומט, פרייַנט, קומט, לאָמיר אלע איצט פונדאן איניינעם,
קומט, לאָמיר אלע איצט אריַינגיין צו גורשטיינען.
ער וועט מיט מילדן שמייכל אונדז באגעגענען, ווי אלעמאָל.
ער וועט, ווי שטענדיק, אלץ פארשרייַבן אינעם פּראָטאָקאָל.
אין שפּעטער נאכט־שאָ, כאָטש ער איז שוין לאנג פארמאטערט,
ער וועט דערציילן וועגן מענדעלען און וועגן ייִדישן טעאטער.

ער האָט געקענט די שווערסטע שאָ
פארגרינגערן, באשייַנען און באכיינען.
קומט, פרייַנט, קומט, לאָמיר אלע איצט אריַינגיין צו גורשטיינען.

נאָר ס'איז מייַן ליבער פרייַנט נישטאָ, נישטאָ, נישטאָ.
אין ווייַטן פעלד באהאלטן זייַן געביין איז,

זייַן גייַסט פליט אום אין הימלשן אין טיפן בלאָ.
געפאלן איז מייַן פרייַנט, קעדיי די וועלט זאָל פרייַ זייַן,

עס וויינט מייַן הארץ, כאָטש, דאכט זיך, ס'איז פון אייַזן.

ארן גורשטיינס גייַסטיקע יערושע וועט ניט פארגעסן ווערן!

כראָניק

70־טער געבורטסטאָג פון ש. דרוקאראָוו און י. לינקאָווסקי

די פּראָגרעסיווע געזעלשאפטלעכקייַט פון בוענאָס־אייַרעס (ארגענטינע) האָט פייַערלעך אָפּגעמערקט דעם 70־טן געבורטסטאָג פון צוויי אָנגעזעענע טוער פון דער ארגענטינער ייִדישער פּראָגרעסיווער ארבעטער־באוועגונג שימשן דרוקאראָוו און יויעל לינקאָווסקי, וועלכע זייַנען פּאָפּולער סייַ אין געביט פון זשורנאליסטיק, סייַ אלס גרינדער און שעפער פון צענדליקער קולטור־געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס אין לאנד. ביידע יוביליארן געהערן צו די גרונטלייגער פונעם ייִדישן קולטור־פארבאנד („איקוף") אין ארגענטינע.

מיר באגריסן די כאָשעווע יוביליארן און ווינטשן זיי פיל פּרוכטבארע יאָר און נייַע דערפאָלגן אין זייער קאמף פאר שאָלעם און פעלקער־פרייַנטשאפט.

ליטעראַרישער טאָגבוך

וולאַדימיר אַגניעוו

א שמועס וועגן אַלעקסאַנדער בלאָק

אין דער יוגנט האָב איך געהאַט א כאַווער — גערופן האָט מען אים סאַשע סטאַרטשעוואַ. ער איז געווען מײַן בעסטער פרײַנט. מיר זײַנען צוזאַמען געוואַקסן, צוזאַמען געלערנט. געוווינט האָבן מיר דעמלט אין אנאַפּע — אפן ברעג פונעם שוואַרצן יאַם.

פאַר אונדז איז אנאַפּע געווען אַלץ — א היים, אן אָנדענק וועגן אונדזערע קינדער־יאָרן, א צעפּראַלטער טויער אין שוואַרצן יאַם ארײַן. אָבער הינטער דעם דאָזיקן טויער האָבן מיר געזען ניט די דאַרדאַנעלן, ניט דעם עגייִשן יאַם, נאָר דאָס שטראַלנדיקע זוניקע לעבן, וואָס רעגט און איז פול מיט פּאָעזיע.

מיר האָבן ליב געהאַט פּאָעזיע און מוזיק.

מיר האָבן ליב געהאַט צו פירן שטרײַטן. איצט שטרײַט מען שוין ניט אַזוי. און עפשער יאָ, נאָר אַזוי שטרײַטן עמעסע פרײַנט, אַזעלכע ווי איך און סאַשע.

איך בלעטער א טאָגבוך, וואָס האָט זיך בא מיר פאַרהיט אַלפי־נעס. איך לייען אים און שטעל אוף אין מײַן שוין ניט יונגן, שוואַך געוואָרענעם זיקאָרן א לאַנג פאַרגאַנגענעם שטרײַט. מיר ווילט זיך, עס זאָלן אופלעבן ניט בלויז די ווערטער און געפילן פון יענע יאָרן, נאָר אויך די פּעדעמלעך, וואָס פאַרבינדן די יוגנט דורך יאָרצענדליקער, יאָרהונדערטער, דורך גאַנצע דוירעס מיט דער צוקונפט, — איך מיין די פּעדעמלעך פון ליבע צום עמעס, פון אומרו און געוויסנהאַפטיקײַט...

און בלאָק — „דאָס געוויסן פון דער רוסישער אינטעליגענץ" (לויט פּאַוועל אַנטאָקאָלסקין) — איז דער מענטש, וואָס האַלט אין זײַנע הענט דאָס פּעדעמל, ווײַל אין יענע יאָרן איז פּאָעזיע געווען פאַר אונדז דאָס לעבן, און דאָס לעבן איז געווען — פּאָעזיע.

...סאַשע איז אומגעקומען פון ווונדן, וועלכע ער האָט באַקומען אף דער מילכאָמע.

די לידער זײַנען געווען איבערגעמישט מיטן לעבן, מיט מײַן און סאַשעס לעבן, וואָס האָט זיך ערשט אָנגעהויבן. איך ווייס ניט, וועגן וועמען זײַנען די דאָזיקע נאָטיצן מײַנע — וועגן סאַשען צי וועגן בלאָקן? מיסטאַמע וועגן זיי ביידן — וועגן לידער און וועגן זייערע לייענער.

...א שטילער אָוונט. א סאָד. א פלאַכער ווײַסער שטיין, וואָס האָט פאַרן טאָג זיך אָנגעוואַרעמט אף דער זון און לײַכט איצט אין דער פינצטער. מיר זיצן פעסט צוגעדריקט אַקסל צו אַקסל. סאַשע האָט נאָרוואָס געענדיקט לייענען מיט זײַן טויבלעכער שטים:

Под насыпью, во рву
некошенном,
лежит и смотрит, как
живая,
В цветном платке, на косы
брошенном,
красивая и молодая.

(אונטערן בערגל, אין ריוו דעם פאַרוואַקסענעם, ליגט זי און קוקט, ווי א לעבעדיקע, מיט א קווייטלדיקן טיכל אף די צעפּ, א שיינע און א יונגע).

איר געדענקט אָט די האַרצרײַסנדיקע ליד פון אַלעקסאַנדער בלאָק? וועגן דעם מיידל, וואָס גייט ארויס אף דער פּלאַטפאָרמע פון א קליינינקער סטאַנציע און קוקט גיריק אין די לײַכטנדיקע פענצטער פונעם דורכפאָרנדיקן צוג...

Вагоны шли привычной
линией,
Подрагивали и скрипели;
Молчали желтые и синие;
В зеленых плакали и пели.

(די וואַגאָנעס זײַנען געגאַנגען אין דער געוווינטער ריי, געציטערט און געסקריפּעט. געשוויגן האָבן די געלע און די בלויע, אין די גרינע האָט מען געוויינט און געזונגען).

אין א. בלאָקס א בריוו צו יע. פּ. איוואַנאָוון איז פאַראַן אן אינטערעסאַנטע שטעל, ווו ער באַשרײַבט זײַן גײַסטיקן צושטאַנד בייס איינער א רײַזע, זומער 1910: „איך בין געזעסן איינער אליין... סאַראַ טעמפּן ווייטעק עס פאַרשאַפט אַמאָל דער אומעט! און אַזוי קומט עס פאָר שטענדיק — דאָס לעבן „לויפט" פאַרבײַ, ווי א צוג, אין די פענצטער סטאַרטשען פאַרשלאָפענע, שיקערע, פריילעכע און אומעטיקע פּנעמער, — און איך גענעץ, קוק נאָך דעם צוג פון דער „נאַסער פּלאַטפאָרמע". אָדער —

דעם 16 (28) נאָיאַבער ווערט 90 יאָר, זינט אין פּעטערבורג איז געבוירן געוואָרן דער גרויסער רוסישער דיכטער אַלעקסאַנדער אַלעקסאַנדראָוויטש בלאָק. דער דאָזיקער דאַטע ווידמעט וו. אַגניעוו זײַנע נאָטיצן אין „ליטעראַרישן טאָגבוך". רעד.

אַט אזוי ווארט מען נאָך אַף גליק, ווי אַף דעם צוג באנאכט אַף דער אָפּענער, מיט שניי פארשאָטענער פּלאַטפאָרמע".

דעמלט האָבן מיר ביידע, איך און סאשע, ניט געוווּסט פון אַט דעם בריוו. מיר האָבן ניט געוווּסט אָדער ניט באמערקט, אז די ליד „אַף דער אײַזנבאַן" איז אומיטלבאַר פארבונדן מיט דער רוסישער ליטעראַרישער טראַדיציע. לאָמיר דערמאָנען כאָטש ל. טאָלסטאָיס „טכיאָס־האמייסים", ווו קאַטיושע ווארט, עס זאָל זיך באַווײַזן נעכלידאָוו, וואָס פאָרט אינעם צוג, אָדער נעקראַסאָווס ליד „וואָס קוקסטו אזוי גיריק אַפן וועג...". מיר האָבן דעמלט אויך ניט געוווּסט, אז בלאָקן האָט באגײַסטערט צו שרײַבן די איבערגעבראַכטע ליד טאַקע דעם זעלבן יע. פּ. איוואַנאָווס דערציילונג וועגן דעם מיידל, וואָס איז באגאנגען זעלבסטמאָרד און איז געלעגן אין א ריוו באַם וועג: „...דאָס זײַנען ניט קיין פּוסטע קלייניקייטן, — שרײַבט איוואַנאָוו, בלאָקס נאָענטער פרײַנט. — דאָס איז א שטורעם, וואָס א שטורעם האָט ארויסגעשליידערט".

מיר האָבן אָבער געוווּסט אַן אַנדער זאַך: דער שטורעם רוקט זיך שוין אָן אַף אונדז אליין. זיצנדיק ווי צוגעשמידטע צום ראַדיאָ־אופנעמער און הערנדיק די דײַטשישע מיליטערישע מארשן, האָבן מיר שוין ניט געהאַט קיינע איליוזיעס... דער מילכאָמע־שטורעם וועט אינגיכן פאַרפליִיצן אויך מיך מיט סאשען.

בלאָקן האָבן מיר ליב געהאַט ניט לויט דער שול־פּראָגראַם, נאָר לויט דער „פּראָגראַם פון דער נעשאָמע", פינקטלעכער — לויט דער צײַט־פּראָגראַם.

דעם דיכטערס געדאנק, אז וועגן אַף דער וועלט ווארט אומרויִק, זײַנען מיט אומרו דורכגעדרונגען די אינטימסטע באוועגונגען פון דער נעשאָמע, וועלכע ווארט אַף אָנקומענדיקע ענדערונגען, — דעם דאָזיקן טיפזיניקן געדאנק האָבן מיר געשפּירט אינסטינקטיוו, ווי א לעבנס־עמעס.

עפּשער דערפאַר טאַקע זײַנען בלאָקס לידער געווען פאַר אונדז אַן אַנטדעקונג. „און מיט דער וועלט האָט זיך אײַנגעשטעלט א פארבינדונג..." מיר האָבן אײַנגעשטעלט א פארבינדונג מיט דער וועלט אויך מיט דער הילף פון בלאָקס פּאָעזיע.

...אין די יאָרן פון בירגערקריג איז ניט ווײַט פון אנאפע דערטרונקען געוואָרן א קריגסשיף מיטן נאָמען „עלפּידיפאָר". מיר זײַנען צוגעשווומען צו דעם אָרט, ווו צווישן די שווימיקע כוואַליעס האָבן זיך געזען פארזשאַווערטע ברוכשטיקער פון דער געהיימניספולער שיף, און אונדזער פאַנטאַזיע האָט אונדז אונטערגעזאָגט בלאָקס שורעס:

Случайно на ноже карманном
Найди пылинку дальних стран —
И мир опять предстанет странным,
Закутанным в цветной туман.

(צופעליק אַפן טאַשן־מעסער געפין א שטויבעלע פון ווײַטע לענדער — און ס'וועט די וועלט ווידער אנטשטיין א מאָדנע, אן אײַנגעהילטע אין א פאַרביקן נעפּל).

דער האָריזאָנט, די יאַם־ווינטן האָבן גערופן און באומרויִקט. איך וויל קיינמאָל ניט פארגעסן די טרוימען פון יענע יאָרן וועגן א רייזע ארום דער וועלט. מיר זײַנען גאנצע נעכט ניט געשלאָפן, מיר האָבן אויסבאהאלטן אין געהיימע ערטער סוכאַרעס און צוקער, דאָס הארץ האָט געזאָגט פון דער פאַרשטייענדיקער צעשיידונג מיט די נאָענטע... זאָל זײַן, אז אַט דער טרוים איז געבליבן ניט מער ווי א טרוים, אָבער פילן מיר דען ניט דאָס גאנצע לעבן די בענקשאַפט נאָך אַלץ, וואָס איז נײַ, אומבאַוווּסט, פאַרכאַפּנדיק אינטערעסאַנט און רופט אין דער אומבאַוווּסטער ווײַט!

און די ערשטע ליבע — אזא קאָמישע און פּאַטעטישע: עס האָט זיך געדוכט, אז מיט איר ענדיקט זיך אַלץ, אינדערעמעסן אָבער האָט מיט איר זיך אַלץ ערשט אָנגעהויבן... עס האָט זיך אָנגעהויבן די צוגעבונדנקײַט און אופמערקזאַמקײַט צום נאָענטן, דאָס געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקײַט, די ערשטע סימאָנים פון מוט, פון קענען דולדן, וואַרטן, דערשטיקן א פאַרדראָס, קעדיי דערשפּירן די פרייד פון זעלבסטאָפּפּערונג.

מיט א בוטאַפאָרישן קינזשאַל, פאַרוקט אין ברייטן גאַרטל, נאָר בעשום־אויפן ניט מיט קיין בוטאַפאָריש געפיל, זײַנען מיר געשטאַנען אַף דער בינע און געלייענט בלאָקן:

Я — Гамлет. Холодеет кровь,
когда плетет коварство сети,
И в сердце — первая любовь
Жива — к единственной на свете.

(איך בין האמלעט. ס'ווערט פארקילט דאָס בלוט, ווען די אינטריגע פלעכט די נעצן, און ס'איז אין הארצן לעבעדיק די ערשטע ליבע צו דער איינציקער אַף דער וועלט).

סאשע סטאַרטשעוואָי האָט בעסער פון אַלעמען געלייענט דעם באליבטן דיכטער, פּונקט ווי בלאָק איז ער געווען בלאַס, געהאַט א לענגלעך פּאַנעם און גרויע אויגן.

...נאָר איך האָב זיך אָפּגעווענדט פון אונדזער שטרײַט. אלזאָ, דער אָוונט איז אריבער, עס איז אָנגעקומען די שטילע נאכט, און מיר זיצן אַלץ אַפן וואַרעמען ווײַסן שטיין. נאָרוואָס האָט סאשע אופגעהערט צו שעפּטשען די ליד „אַף דער אײַזנבאַן"... און שמייכלענדיק מיט זײַן טרויעריקן, שולדיקן שמייכל, האָט ער איבערגעכאַזערט די שורע פון בלאָקס ליד, אין וועלכער עס ווערט געזאָגט, אז אין די גרינע וואַגאָנעס האָט מען געוויינט... און געזונגען.

— דו מיינסט, אז דאָס איז א שפּיל אין פאַרבן? ניין, ברודערקע, די גרינע וואַגאָנעס זײַנען געווען באַשטימט ספּעציעל פאַר אָרעמע פּאַסאַזשירן, די געלע און בלויע — די שלאָף־וואַגאָנעס — פאַר רײַכע. דו האָסט זיך אָבער ניט פאַרטראַכט, פאַרוואָס שווײַגן די געלע און בלויע...

— טאַקע, פאַרוואָס? — פרעג איך מיט אינטערעס.

— דערפאַר, ווײַל דאָרט איז שוין קיין לעבן ניט געווען. בלאָק האָט אזוי פארשטאַנען. דאָס לעבן איז געווען אין די גרינע וואַגאָנעס. זאָל זײַן, אז מע האָט דאָרט געוויינט. מע האָט אָבער אויך געזונגען! דאָס לעבן ווייסט פון טרויער און פון פרייד. שווײַגן שווײַגט נאָר א בעסוילעם.

— דאָס האָסטו ערגעץ געלייענט?

— איך פאַרשטיי אזוי בלאָקן. בין איך דען ניט גערעכט?

— אנטשולדיק מיר, דו פאַרשטייסט אזוי, איך פאַרשטיי אנדערש... אָבער וועגן וואָס רעדט דער ריאַלער אינהאַלט? איז דען אין לידער ניטאָ קיין ריאַלער אינהאַלט?

— איך פאַרשטיי ניט, וועגן וואָס דו רעדסט.

— איך רייד וועגן די וואַגאָנעס, אז די גרינע זײַנען געווען באַשטימט פאַר אָרעמע, און די געלע און בלויע זײַנען געווען קלאַס־וואַגאָנעס, לאָמיר זאָגן ערשטער קלאַס, צווייטער קלאַס,

דאָס האָב איך ניט געוווּסט... נאָר ניט אין דעם גייט עס. צו פּאָעזיע האָט עס קיין שייַכעס ניט, ס'איז א ריינע לעבנס־פּראגע... נאָר דאָס, וואָס „עס האָבן געשוויגן די געלע און בלויע", און „געוויינט און געזונגען" האָבן יענע, די אנדערע, — דאָס מיינט דען, אז בלאָק האָט, אויסער מיטגעפיל צו די אָרעמע, אויסגעדריקט דאָ דעם געדאנק, אז פאר די רייַכע איז שוין אין לעבן גאָרנישט ניט געבליבן, אז זיי זייַנען, ווי זאָל איך זאָגן... פאררורטיילט, צי וואָס? דו באהויפּטסט קאַטעגאָריש, אז יאָ, אז אזא איז דעם דיכטערס מיין. איך אָבער האָב רעכט צו צווייפלען דערין. איך פארשטיי דאָס אזוי: דאָרט, ווּ עס זייַנען פאַראַן א סאך מענטשן, דאָרט איז שטענדיק טומלדיק... עמעצער האָט גענומען א קאָפּ בראנפן און בושעוועט, עמעצער האָט זיך געכאפּט, אז מע האָט זייַן קאָרב אוועקגעגאנוועט... מע איז דאָך אָרעמע מענטשן, און אָט האָט זיך שוין צעיאָמערט א פרוי... קיינער איז דאָ ניט צוגעוווינט צו פירן זיך צירלעך־מאנירלעך, ריידן שטיל, שושקען זיך, קעדיי, כאָלילע, ניט אופוועקן עמעצן פון שלאָף, — דאָס זייַנען דאָך פּאָשעטע מענטשן, וואָס פירן זיך פרייַ, אומיטלבאר... דאָרט אָבער, אין די שלאָף־וואגאָנעס, רעדט מען צווישן זיך שטיל, געלאסן. איך פארשטיי, עס באקומט זיך בא מיר צו פּראָסט, אזוי צו זאָגן באלייַדיקנדיק פאר פּאָעזיע, ביפראט פאר בלאָקס... אָבער וואָס קאָן מען טאָן? דאָס לעבן איז פּראָסט, ניט געצאצקעט...

— דו האָסט שוין אָפּגערעדט? — האָט מיט אומגעדולד געפרעגט סאשע. ער האָט זיך אַלץ געריסן צו פּאָלעמיזירן, נאָר איך האָב יעדעס מאָל מיט א זשעסט אים אָפּגעשטעלט. — אויב דו האָסט פארענדיקט, איז הער איצט אויס מיך. ערשטנס, וועגן דעם, ווער אין וועלכע וואגאָנעס עס איז געפאָרן. פאר דער פּאָעזיע, האלטסטו, איז דאָס ניט וויכטיק, „צו פּאָעזיע האָט עס קיין שייַכעס ניט". פארוואָס האָט עס קיין שייַכעס ניט? עס האָט גראָד יאָ א שייַכעס, און אויף סאמע אומיטלבארן אופן! דאָס איז, אויב דו ווילסט, דער הויפּט־פּאָקוס פון דער דאָזיקער ליד. פונדאנען שטאמט אַלץ. און אויך די סטראָפע:

Не подходите к ней
с вопросами,
Вам все равно, а ей —
довольно:
Любовью, грязью иль
колесами
Она раздавлена — все
больно.

(שטייט ניט צו צו איר מיט קיין פראגעס, אייַך איז אַלציינס, און איר — איז דערווידער: פון ליבע, שמוץ אָדער פון רעדער איז זי צעקוועטשט — פון אַלץ טוט וויי).

גאנץ רוסלאנד איז געווען אייַנגעטיילט אף די דאָזיקע קאָלירן פון די וואגאָנעס. און דאָס, וואָס דו האָסט געזאָגט — עמעצער האָט גענומען א קאָפּ בראנפן, עמעצער טומלט אין די גרינע וואגאָנעס, עמעצן האָט מען באגאנוועט... דער פּראָסטער אוילעם פירט זיך ניט צירלעך־מאנירלעך, א פּראָסטער מענטש איז צוגעוווינט צו שלאָפן אין טומל, אבי נאָר עס זאָל אים ניט קאפּען אפן קאָפּ... — דאָס אַלץ איז ריכטיק, אזוי קומט טאקע פאָר אין לעבן. נאָר אויב איך זאָג, אז לעבן און פּאָעזיע זייַנען ענג פארבונדן, אז פונעם לעבן קומט די פּאָעזיע, זע איך אָבער אין דייַן בייַשפּיל גאָר אן אנדער געדאנק. איך זע, אז דו רעדסט ניט וועגן בלאָקס לידער, נאָר וועגן דעם, פארוואָס עס קאָנען שווייַגן די געלע וואגאָנעס און פאר־וואָס עס קאָנען טומלען די גרינע... דאָס אָבער, זאָלסטו מיר מויכל זייַן, האָט קיין שייַכעס ניט צו אונדזער שמועס און צו בלאָקן. בא בלאָקן איז קלאָר: פון דעם גרויסן שענדלעכן אומרעכט אף דער וועלט, פון אָט די פארשיידענע קאָלירן, וועלכע ווערן אויסגעדריקט דורך שווייַגן און שרייַען, וואקסט אויך אויס די דאָזיקע פּריוואטע טראגעדיע. און כאָטש זי איז א פּריוואטע, שפּיגלט זי אָפּ דעם טאָג, פּונקט ווי אין א טראָפּן טוי, וואָס באווייַזט זיך קאַיאָר אף א גרעזל, שפּיגלט זיך אָפּ די זון... ווען בלאָק וואָלט אָפן געזאָגט, ווי דאָס שרייַבן בא אונדז אָפּט אייניקע דיכטער, אז דאָס פארשאָלטענע צארישע רוסלאנד האָט אומגעבראכט די מיידלעך דערמיט, וואָס זיי האָבן געפּאטערט א גאנץ לעבן אף זוכן לייַכטע באקאנטשאפטן אין וועג...

— נו, דאָ ביסטו שוין פארקראָכן אין קאריקאטור... — האָב איך זיך צעלאכט. נאָר סאשע האָט מיך ניט געלאָזט ריידן. ער איז געווען ערנסט:

— איך האָב ניט געענדיקט. די קראפט פון א גרויסן דיכטער באשטייט דערין, וואָס ער פילט די טיפע פארבינדונג צווישן די דערשייַנונגען, און ניט די ביליקע, קלוימערשטע עמעסן, וועלכע זייַנען הייַנט טאקע ענלעך אף אן עמעס, מאָרגן גלייבט מען זיי אפן וואָרט און איבערמאָרגן זייַנען זיי שוין איינע ליגנס. בלאָקס קראפט — און בלאָק איז בעעמעס דער גרויסער רוסישער דיכטער! — באשטייט דערין, וואָס ער האָט דאָס פעדעמל פון די געפילן דורכגעצויגן פון די גרינע וואגאָנעס, ווּ מע האָט „געוויינט און געזונגען", צום מיידל, וועמעס הארץ עס האָט אויך ניט געשוויגן, נאָר געוויינט און געזונגען דעם צוג אנטקעגן, דה. דער באוועגונג, דער מעגלעכקייַט פון גליק, — אָט די אָנוואקסנדיקע פייַערן, די „דרייַ העלע אָנלויפנדיקע אויגן" אנטקעגן... נאָר פּונקט ווי עס איז אומעגלעך אריבערצוגיין פון די גרינע וואגאָנעס אין די בלויע אָדער געלע, אזוי האָט זיך ארויסגעוויזן פאר אומעגלעך דאָס גליק פונעם אָרעמען מיידל:

Лишь раз гусар, рукой
небрежною
Облокотясь на бархат алый,
Скользнул по ней улыбкой
нежною...
Скользнул — и поезд вдаль
умчало...

(בלויז איין מאָל האָט א גוסאר, אָנלענדנדיק זיך אפן רויטן סאמעט, א קוק געטאָן אף איר מיט א צארטן שמייכל, און ס'איז דער צוג אין ווייַט פארשוווּנדן...)

— אגעוו, — האָב איך אים איבערגעשלאָגן די רייד, — איז דאָס אַלץ ענלעך אף א באנאלן ראָמאנס... סייַ דער רויטער סאמעט, סייַ די גיטארע־אינטאָנאציע...

— וועגן דער אינטאָנאציע ביסטו עפּשער גערעכט, — האָט סאשע געזאָגט, — איך האָב זיך דערויף ניט פארטראכט. בלאָק האָט דאָס געקאָנט טאָן אויך בעקיוון, קעדיי צו כאראקטעריזירן דאָס מיידל, באווייַזן איר אידעאל... — און, צעהיצנדיק זיך, האָט ער פאָרגעזעצט: — מיר האָבן אָנגעהויבן דערפון, אז יעדער מענטש האָט די רעכט שטרעבן צו גלייַכהייַט, פרייַהייַט, ווירדע. זאָל זייַן, אז עמעצנס אידעאל איז סאמעט און א גיטארע, און דאָס זעט אונדז אויס צו זייַן לעכערלעך אָדער נישטיק. מיר דארפן לערנען דעם מענטשן, פלאנצן אין אים גוטס, וועט דעמלט דער אידעאל זייַנער ווערן אן אנדערער, א העכערער, א מער ווירדיקער. ניט אין דעם איז דאָך דער טאָך פון אונדזער שטרייַט. מיר ריידן וועגן די צילן פון דער קונסט, וועגן די צילן פונעם קינסטלער... אומגלייַכהייַט איז

דערווידער דער נאַטור, דערנידעריקונג פאַר דעם מענטשן, פאַרשקלאַפונג — פונוואַנען זי זאָל ניט קומען — איז קעגן דער נאַטור! אָט דאָס איז דער עמעס, אָט דאָס איז דער איקער. ווּ זשע איז דער אויסוועג? אינעם טאַט. באַם מיידל איז דער אויסוועג געווען זעלבסטמאָרד. באַם דיכטער — דאָס שילדערן דעם זעלבסטמאָרד. באַ מיר מיט דיר — דאָס פאַרשטיין דעם טאָך פון דער דאָזיקער דערשיינונג. דאָס אַלץ איז אַ קייט פון טאַט, פון האַנדלונגען. פון דעם אַלעם האָב איך דאָס רעכט צו מאַכן מיין אויספיר, אַז בלאָק האָט בעקיוון, ניט צופעליק (אַזעלכע צופעליקייטן טרעפן ניט אין דער קונסט!), איינגעהילט אין שטילשווייגן די „געלע און בלויע" וואַגאָנעס. איין רוסלאַנד זינגט, וויינט, וואַרפט זיך אונטער די רעדער... און אַ צווייט רוסלאַנד שווייגט. געוויס איז דאָס אַ געשטאַלט, און דערצו נאָך אַ געשטאַלט פון אַ ריזיקער קראַפט! דאָס אַלטע רוסלאַנד האָט זיך פאַרטייעט פאַר שרעק פון דעם אָנוואַקסנדיקן געהילך פון דער קינפטיקער רעוואָליוציע... פאַרשטייט זיך, פון איין ליד קאָן מען ניט מאַכן אַזעלכע קאַטעגאָרישע אויספירן, און דו האָסט דאָס פולע רעכט צו שטעלן אונטער אַ סאָפעק מיין לעצטן, דעם סאַמע אַלגעמיינעם אויספיר... איך רייד שוין אָבער איצט וועגן בלאָקס גאַנצער פּאָעזיע ערעוו דער רעוואָליוציע. און אַז מיר ווייסן זי, די גאַנצע פּאָעזיע בלאָקס, איז פאַרוואָס זאָלן מיר די פאַררעוואָליוציאָנערע לידער זיינע אופאַסן אַלס באַזונדערע בילדלעך, וועלכע זיינען איזאָלירט איינס פון ס'אַנדערע? האַ? פּאָעזיע איז דאָך אַן איינהייטלעכע ליד, וואָס האַלט אין איין אָנוואַקסן, זי איז דאָך אַן איינהייטלעכער גוירל! אַ גוירל ניט פון איין דיכטער — פון גאַנץ רוסלאַנד!

— עפשער ביסטו טאַקע גערעכט, דו האָסט אָבער ניט געענטפערט אַף מיין קאָנקרעטער פראַגע: וועגן וואָס רעדט דער רעאַלער אינהאַלט פון דער ליד, אויב, ווי דו זאָגסט, „מיר אַלע דאַרפן זי פאַרשטיין צוזאַמען"... צי באַטייט עס, אַז בעיעכידעס וועט קיינער ניט אויסשעפּן דעם אינהאַלט?

— אין אַ געוויסער מאָס איז אוממעגלעך אויסצושעפּן דעם אינהאַלט פון אַ ליד. ווייל דעמלט וואָלט דאָס געוואָרן אויס ליד, עס וואָלט געוואָרן אַ באַגריף. און אַ באַגריף האָט שוין אַ שייכעס צו פּינקטלעכע וויסנשאַפטן. ווען איך זאָג אָבער, אַז דעם אינהאַלט אַנטפּלעקן מיר אַלע צוזאַמען, מיין איך נאָר איינס: פאַר יעדן מענטשן פאַרבלייבט פון דער ליד עפּעס אַ „רעשט", און ער נעמט פון איר דאָס, וואָס איז עפשער צוטריטלעך בלויז פאַר אים, אין דער צייט, ווען פאַר אַ צווייטן מענטשן וועט זיין נעענטער אַן אַנדער זייט פונעם געשטאַלט. דאָס באַטייט אָבער ניט, אַז דער צווייטער מענטש וועט זען אין די לידער נאָר די דאָזיקע זייט, — פּאַשעט, אים וועט זיך דוכטן, אַז אין דער דאָזיקער זייט האָט ער געפונען דעם פאַרבאָרגענעם סאָד, וואָס נאָר ער האָט אים אַנטדעקט. אויב דו ווילסט, האָבן מיר ביידע נאַרוואָס באַשטעטיקט דעם דאָזיקן געדאַנק.

— דו ווייסט, — האָב איך אַ זאָג געטאָן, — איך האָב ערגעץ געלייענט: יעדער איינער פון אונדז פאַרמאָגט אין זיך אַ סאַך פונעם היינט און בלויז איין טראָפּן פון דער צוקונפט...

— דאָס האָט דאָך געשריבן טאַקע בלאָק. אין זיין טאָגבוך איז אויסגעדריקט אַן ענלעכער געדאַנק. וואָס ווילסטו דערמיט זאָגן?

— איך האָב זיך דערמאָנט, אַז בלאָק האָט געשריבן די דאָזיקע לידער דעמלט, ווען ער האָט אַ סאַך געלייענט, ריכטיקער אפסניי איבערגעלייענט, טאָלסטאָיען, טשעכאָוון, פּושקינס פּראָזע. ער רעדט וועגן דעם קעסיידער אין די יאָרן 1909 און 1910. האָב איך אַ טראַכט געטאָן אָט וואָס: דאָ, אין דעם דאָזיקן פּעריאָד, איז שוין בלאָק ניט בלויז בלאָק... ער איז שוין די טראַדיציע פון דער רוסישער ליטעראַטור, די אַלטע טראַדיציע פון געוויסנהאַפטיקייט... בלאָק באַשרייבט אין זיין טאָגבוך אַ געשיכטע וועגן דעם, ווי ער איז אופּגעשטאַנען פיר פאַרטאָג, קעדיי אַ קוק טאָן אַף דער גאַלייאַ־קאָמעטע, וועגן וועלכער אַלע האָבן גערעדט און דערוואַרט פון איר שרעקלעכע זאַכן. נאָר אָנשטאָט דער קאָמעטע האָט ער דערזען, ווי עפּעס אַ באָכער, וועמען מע האָט גערופן יעגאָרקע, גאַנוועט היי באַ אים. ער טוט עס איילנדיק, דער פּאָרעץ זאָל זיך, כאָלילע, ניט אופּכאַפּן. ווייטער שרייבט בלאָק, אַז אָט דער גאַנעוו יעגאָרקע בויט אַ נעסט פאַר זיינע קינדער, און ער, דער רוסישער פּאָרעץ, האַלט אַזעלכע, ווי יעגאָרקע, קעדיי זיי זאָלן „בויען" זייער „קראַנק לעבן"... איך האָב גוט פאַרגעדענקט. אַזוי שרייבט ער: „קראַנק לעבן". און ער גיט צו — דער פּאָרעץ אַליין האָט ניט קיין קינדער... מיך האָט די דאָזיקע דעטאַל איבעראַשט. דאָס האָט דאָך באַטייט עפּעס מער. דאָס האָט באַטייט, אַז דאָס „קראַנקע לעבן" פון די רייכע האָט ניט קיין צוקונפט. דאָס איז דאָך ניט קיין קאָקעטישע שפּיל — דאָס איז אַ ווייטעק, אַ כאַרפּע פאַר יענע אַלע, וואָס פירן אַזאַ „קראַנק לעבן"! אָט פאַרוואָס איך האָב היינט דערמאָנט וועגן דעם און וועגן דעם טראָפּן פון דער צוקונפט. איך פאַרשטיי אָבער ניט איין זאַך: אַלע קינסטלער פילן שאַרף די כעסרוינגעס פונעם היינט און זיי רייסן זיך צו דער צוקונפט. נאָר אָט וועט קומען דער מאָמענט פון האַרמאָניע, זאָל זיין פון אַ לעפּיִערעכדיקער האַרמאָניע, — וואָס וועט דעמלט זיין מיט דער קונסט? צי וועט זיך ניט ענדערן די דילעמע: צי וועט ניט אינגאַנצן פאַרשווינדן דער „טראָפּן פון דער צוקונפט"?

— אַ טרויעריקע פּערספּעקטיוו האָסטו אָנגעמאָלט, — האָט אַ שמייכל געטאָן סאַשע, — בלייבן שטעקן אין דעם היינט — דאָס וועט קיינמאָל ניט זיין דער גוירל פון דער קונסט. מיסטאָמע דערפאַר, ווייל זי מוז אומבאַדינגט פילן די דערנעענטערונג פון דער צוקונפט, כאָטשבי אַזוי ווי מע הערט דעם אָפּהילך פון רעלסן פאַרן אָנקום פון אַ צוג.

דער צוג פון דער צוקונפט... סאַשע האָט געטרוימט צו באַגעגענען אים! די צוקונפט איז געקומען. נאָר סאַשע האָט צו דעם ניט דערלעבט.

און היינט, אינעם ניינציקסטן געבורטסטאָג פון אַלעקסאַנדער בלאָק, הערט זיך אין שאַכמאַטאָוואָ און באָבלאָווא — אין די ערטער, ווּ עס זיינען פאַרלאָפן די קינדער־ און יוגנטיאָרן פונעם דיכטער, — דאָס קאָל אָט פונקט פון אַזעלכע הייסע יונגען, ווי סאַשע סטאָרטשעוואָי. עמעס, זיי זעען אויס אַ ביסל אַנדערש, די דאָזיקע יונגען, ווייל אַנדערע זיינען היינט די לייענער פון בלאָקס לידער, אָבער דער טאָך איז דער זעלבער.

אין בלאָקס דיכטונג זע איך אַן אויסדרוק פון דעם קינסטלערס הויכער מיסיע — טראָגן צו די מענטשן די קלאָרקייט פונעם ציל, פירן זיי צו אָט דעם ציל.

ייִדיש — מ. איטקאָוויטש.

אלעקסאנדער בלאָק

צוועלף

(פראגמענט)

שוואַרץ — דער אָונט.
ווײַס — דער שניי.
ווינטן, ווינטן!
א מענטש קוים די פיס זײַנע שטעלט.
ווינטן, ווינטן —
אַף גאָטס גאָרער וועלט!
קרויזט דער ווינט, פארקרײַזלט
שנייעלעך ווײַס.
אונטער שניי — דאָס אײַז.
גליטשיק, ביטער.
ס'איז טאָן א שפּרײַז —
א מוירע, א ציטער!
און פון מויער צו מויער
ציט זיך א שטריק.
אפן שטריק — טוך א שטיק:
„די מאכט געהערט
צו דער גרינדונגס־פארזאמלונג נאָר!“
קלאָגט אן אַלטיטשקע, יאָמערט פאר צאָרעס
און קאָן ניט פארשטיין יענע סוואָרעס,
וואָס עס הענגט אזא שטיק
און גייט לעיבעד... א גרויל!
מאַלבושים פאר קינדער וואָלט זײַן עס — א גליק,
און יעדער איז נאקעט און הויל...
ווי א הון איז די אַלטיטשקע
פאמעלעכן אריבער א הויפן שניי.
— אוי, מאמע, מאמע הייליקע,
אַך, אין קיִוער פאריאָגן זיי!
שנײַדן, שמײַסן —
טוען זיך ווינטן א לאָז!
א בורזשוי איז שרעקיק גלײַסן,
פארוקט אין קאַלנער די נאָז.

און ווער איז דער? האָר לאַנגע, צעשויבערטע,
און טײַנעט ער — צויבערט ער:
— בויגדים! ראָבן!
— ס'איז רוסלאנד באגראָבן!
דאָס איז דער מעליצע־טרײַבער —
א שרײַבער.

אָט גייט דער לאַנג־געקליידעטער —
מיט פאכעד שלײַכט פארבײַ.

א טרוויעריקער גייט ער,
דער כאווער פאָפּ... — קעדײַ!
געדענקסט — אמאָל? דעם אוילעם...
און דו דעם בויך פאָרויס —
און ס'לויכט אף אַלץ דײַן ציילעם...
ס'איז איצטער, כאווער — אויס!

א פריצטע אין א פוטערל
זאָגט צו א צווייטער:
— ווײַנען, קלאָגן מיר, מוטערל!
א פארווײַנטע...

א געשרײַ,
א רוף:
אוי, כ'פּאַל! הייבט מיך אוף!

— — — — — — —

דער ווינט צעשפילט — דעם שנייפאַל העלפט.
עס גייען מענטשן זאַלבעצוועלפט.

פון ביקסן — שוואַרצע רימען־שניר
און פײַערן ארום אָן א שיר.

אין ציין — ציגאַרלעך. אימפעט־האסט.
א קאַראַ־טויז אף פלייצעס פאסט...

די פרײַהײַט, די פרײַהײַט.
דאָס הארץ — אָן גאָט.
פעסט דער טראָט!

— — — — — — —

רעוואָליוציאָנעריש דעם טראָט נאָר האַלט!
דער סוינע קען נאָך קומען באַלד!

יידיש — מוישע בראָדערזאָן

10—2753

פון דער אויסשטעלונג אין
„סאָוועטיש היימלאַנד":

מארק מידלער

א ראבפאקאָווקע

פארנאכט

מיכאיל גורעוויטש

אלט מאָסקווע

(צוויי צייכענונגען)

בערטא טאנאָפאָלסקאיא

ווינטער הינטער מאָסקווע

גערשן קראַווצאָוו

ייִדישער שריפט

וויליהעלם לעוויק

א פאָרטרעט פון א מיידל

טארוסא

ה. בעריאָזקין

די פרייד, וואָס באַהערשט אונדז

(צו אײַזיק פּלאַטנערס 75־טן געבורטסטאָג)

אין וואָס איז באַשטאַנען אײַזיק פּלאַטנערס דיכטערישער פּאַרמעג, ווען ער איז אין 1932 געקומען פון אַמעריקע קיין ראַטנפאַרבאַנד, פון ניו־יאָרק קיין מינסק? אין א לידער־בוך „וואָס דער טאָג דערציילט" — אן איבערפלעכט פון צאָרן און סינע, וואָס לויט דעם האָט מען אין א גרויסער מאָס געקענט זיך פּאָרשטעלן די אַמעריקאַנער לעבן־אויסקומעניש, אן אָפּגעשטעמפּלטע אין באַוווּסטזײַן פון א דערנידעריקטן און געיאָגטן מאַסן־מענטשן, אן איבערצײַגטן אָנהענגער פון „רעוואָלט".

איך שטרײַך אומיסטן אונטער דאָס אָביעקטיוו־„דאָקומענטאַלע" דערקענטעניש־ווערט פון פּלאַטנערס פּריִע לידער. אין קינסטלערישן זין האָט זיי, אָפּן גערעדט, נאָך היפּש געפעלט: אָרעמלעך איז געווען די „אויסשטאַטונג", רוילעך דאָס לאָשן, און אָנשטאָט אָרגאַנישער בילדערישקײַט און ליריזם — אָפּטמאָל אן אײַליקע און ניט פאַרטיפטע פּלאַקאַט־ און צײַטונגסמעסיקײַט.

אײַזיק פּלאַטנער האָט אָנגעהויבן זײַן וועג אלס טעטיקער אָנטיילנעמער פון דער ליטעראַרישער גרופּע „פּראָלעטפּען" און האָט, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אָפּגעשפּיגלט אין זײַן שאַפונג סײַ די שטאַרקע זײַטן אירע, סײַ די שוואַכע. די גרופּע „פּראָלעטפּען" קען מען ניט באַטראַכטן איזאָלירט, ווײַל זי איז געווען אײַנגעגלידערט אין א ברייט צעצווײַגטער דערשײַנונג, וואָס האָט געהייסן: פּראָלעטאַרישע וועלט־פּאָעזיע אין סאָף 20־ער, אָנהייב 30־ער יאָרן.

ווי באַוווּסט, האָבן די פּאָרשטייער פון אָט דער פּאָעזיע שטורמיש אָנגעגריפן די אינדיווידואַליסטישע וועלט־אָנשויונג. די בעסטע פון די „פּראָלעטן" האָבן זיך דײַטלעך פּאָרגעשטעלט זייערע אויפגאַבן אלס אויסדריקער פונעם פּראָלעטאַרישן קאַמפּס־פּראָטעסט קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, א צעטרייסלטער ביזן סאַמע גרונט אין רעזולטאַט פונעם עקאָנאָמישן קריזיס. זיי האָבן אַקטיוו געשטרעבט, די „פּראָלעטן", אז דאָס וואָרט און די ליד זאָלן ווערן א קלײַזײַען אין די הענט פונעם אינדוסטריעלן אַרבעטער, ווען ער וועט הײַנט אָדער מאָרגן (ניט שפּעטער!) אַרויס אף די באַריקאַדן זיך שלאָגן אף טויט פאַר סאָציאַלן יושער און פרײַהײַט.

באַגלײַך מיט דעם איז פאַר די „פּראָלעטן" געווען כאַראַקטעריסטיש נאַיִוויטעט און סכעמאַטישקײַט, וואָס פלעגן זיך אַמבוילעטסטן אַרויסווײַזן באַם אָנווענדן די אַלגעמיין־געזעלשאַפטלעכע קאַוואָנעס צו דער ליטעראַריש־קינסטלערישער פּראַקטיק. סאָציִאַל־געזונטע און פרוכטבאַרע אָפּלייקענונג פון אינדיווידואַליזם פלעגט זיך ניט איין מאָל פאַרוואַנדלען אין א העכסט געפערלעכער פאַר דער דיכטונג און פאַר דער קונסט ביכלל גרינגשעצערישער שטעלונג צו אינדיווידואַליטעט. די טעאָרעטיש באַגרינדעטע אײַנשטעלונג אפן האַמוין, אף דער מאַסע פלעגט אָפּטמאָל זיך אײַנלעבן (אף א ריין עקספּרעסיִאָניסטישן נוסח), מיט איבערגעטריבנקײַט און עקזאַלטאַציע. דער טראָפּ איז באַוווּסטזיניק געשטעלט געוואָרן אפן דירעקטן טאַט און פלעגט ניט זעלטן קומען אין אײַנרײַס מיט א פּילזײַטיק באַדאַכטן געשטאַלטלעכן אַנאַליז פונעם סאָציִאַלן אַרום, אן אויפגענומענעם דורך דעם

מענטשן און צוליב דעם מענטשן, אַלס ענדציל פון אַלע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע באַמיִונגען...

אָרעמער אײַזיק פלאַטנער, וויפל „פּרינציפּיעלע" טײַנעס און פאָרוואורפן האָבן זיך פּלוצעם אויסגעלאָזט צו זײַן קאָפּ! און אין שײַכעס מיט וואָס? אין שײַכעס מיט א בעפּיירעש אויסגעווייטעקט בוך, אַן אויסגעטראָגנס אין די באַרימטע „שוויץ־שאָפּן", אָדער בא לערערײַ, אָדער גאָר אין לאַנגע ארבעטסלאָזע טעג און נעכט... לאָמיר עס א בלעטער טאָן, אָט דאָס בוך.

דער גרעסטער עמעס, וואָס ס'האָט ארויסגעבראַכט אין זײַנע אמעריקאַנער לידער אײַזיק פלאַטנער, איז געווען דער געפיל פון גרויליקער מענטשלעכער איינזאַמקײַט, אָפּגעפרעמדטקײַט, די טראַגעדיע פון ארבעטסלאָזיקײַט — קוידעמקאָל:

וועןא מענטש לייגט אוועק זײַנע הענט אַף די קני,
גיט אים באַם האַרץ א פאַרקלעם;
צוויי ריזיקע הענט, געוווינטע צו מי,
ליגן זיי ליידיקע גאָר אַף די קני...

כאַפּט אים א בענקשאַפט אַרום,
אַז עס ווערן אים אײַליק די ציין,
און א צאָרנדיק, ביטער געברום
שרײַט פון זײַן גאַנצן געביין...

אָבער ניט בלויז די איבערלעבונגען פון אַן ארבעטסלאָזן טראָגן בא פלאַטנערן די מאַטערנדיקע עמפינדונג פון איינזאַמקײַט און פאַרוואָרפנקײַט אין „לאַנד פון דאָלערס און פּראָפיטן". זי איז דורכויס און אומעטום, די דאָזיקע עמפינדונג, אינעם סאַמע יעסאָד פון א געזעלשאַפט, ווו דער מענטש, „א וואָגלדיק שטיק זאָרג", איז געפאַנגען פונעם אייגנטום און איז טראַגיש צעשיידט מיט זיך אַליין, מיט אַלע אַנדערע גלײַכע צו זיך: „אין האַרץ האָט זיך באַזעצט א פײַנלעך טרויער, אַף גאַסן שטיינערנע, אין נאַוועגאַד געשלאָגן אונדזער בליק אין ווענט און מויער", „ס'האָט קיינער ניט געעפנט אונדז קיין טיר צום כאַוועירס האַרץ", „כ'האָב פאַרבלאָנדזשעט אין א וואַלד פון שטאָף, פון שפּיגלען און פון טרעפּ", „קיינער גלייבט ניט קיינעם, קיינער איז ניט קיינער".

און אַזוי גרויס און שאַרף איז די מענטשלעכע פאַרוואָרלאָזטקײַט אינעם לאַנד פון „בוילעטע, בייזע קאָנטראַסטן", אַז אונטער איר צוואַנג ווערט דער יאָכיד גלײַך ווי צעשפּאָלטן — אַף א הײַנטיקן, א היגן אמעריקאַנער, און א נעכטיקן, א געקומענעם פון דער „אַלטער היים". און אַז דער דיכטער פּרוּווט זיך ראַטעווען פון דעם פײַנטלעך־פרעמדן אַרום מיט א טרויעריקער דערמאָנונג וועגן „קלײנעם שטעטעלע און היימיש פעלד", קומט בא אים ארויס אַן איראָניש־סענטימענטאַלע — אין היינעס אָדער אפילע אין האַלפּערנס שניט — ליבע־באַלאַדע, ווו גופע די אויסגעפּאַראָדירטע באַנאַליטעט איז אַן אָנדײַט אַף אינערלעכער ניט־גאַנצקײַט, צעקריגטקײַט:

אַמאָל איז געווען א שוסטער,
האָט ער געקלאַפּט פלעקלעך;
האָט ער געהאַט א מיידעלע
מיט רויטינקע בעקלעך,
האָט זיך אין איר פאַרליבט א דיכטער,
זײַנען זיי ביידע געגאַנגען שפּאַצירן;
די נאַכט האָט געשאָטן מיט שטערן,
לעוואָנע מיט שטראַלן;
א טוי איז געפאַלן,
האָבן זיך ביידע פאַרקילט,
געשטאָרבן, באַגראָבן...

פלאַטנער פלעגט זיך אָפּגעבן א קלאָרן דין־וועכעזשבן, אַז אומקערן זיך צו זיך אַליין, צונויפנעמען די צוגערויבטע דורך דעם קאַפּיטאַליסטישן באַוול מענטשלעכע גאַנצקײַט איז מעגלעך נאָר אַפן וועג „צום כאַוועירס האַרץ", אַפן באָדן פון טאָגטעגלעכע געזעלשאַפטלעכע אינטערעסן, אין ענגסטער פאַרבינדונג מיטן קלאַל. אַלנפאַלס, דאָס ווירקזאַמסטע אין דעם בוך „וואָס דער טאָג דערציילט" געפינען מיר דאָרט, ווו ס'איז אַמבעסטן פאַרגעשטעלט דעם מעכאַבערס פאַרשטאַנד פאַר א „זײַטיקן", זײַן צוטרוי און מיטגעפיל צו א „פרעמדן".

אַזוי, לעמאָשל, האָבן זיך שוין באַם ערשטן לייענען פלאַטנערס זאַמלונג פאַרגעדענקט שורעס, אויסגעהויכטע „אַף כאָרעוו זאַמד און בלאַנקן שטיין" פון דעם קאַליפאָרנער מידבער:

כ'האָב געמיינט, אַז די וועלט איז קיין וועלט שוין ניט מער,
נאָר שטיין און זאַמד, און היץ,
און וויסט איז אַלץ און לער...
האָט א גליק א שפּראָץ געטאָן פון ווײַט —
פון מיראַזש אַרויס — א שטויב,
א פערד,
א ליכטיק טויב,
אַן אָנזאָג פון לעבן —
אַן ארבעטער דערנעבן,
ברויז און גלאַנציק, ווי דער רוקן פון זײַן פערד.
גוטמאָרגן, ארבעטער מיטן הירזשענדיקן פערד!
ס'וועט מיר לײַכט זײַן הײַנט צו שפּאַנען
אַף הייסער, אַף גליִענדיקער ערד...

סאַראַ אומגעריכטע פּלאַסטישע און פולקאָם דיכטעריש אויסגעפורעמטע זעונג, נאָך „פײַכט" פון אָקאָרשט געלייגטער פאַרב: א פערד — א מענטש, גלאַנציק און ברוין, ווי דער פערדישער רוקן!

און אָט איז נאָך א בילד, און שוין אינגאַנצן אַן אַנדערס, מער געמעסיקט מיט שטייגער, מיט „נאָרמאַלער" סיפּערהאַמײַסע, אָבער דורכגעדרונגען מיט דעם זעלבן געדאַנק וועגן נויט און זאָרגן, וואָס דערנעענטערן און בינדן צונויף: „פון א דאָרף, אין אַן אַלטן פאָרד, זײַנען פויערים געקומען — דאַרע ווײַבער, לאַנגע קליידער, מאָגערע הענט, אומגעלומפּערט גרויסע היט. זיי האָבן זיך צוגעשפּאַרט צו די ווענט און געוויינט" — צו די ווענט פון א שפּיטאָל, ווו, א צעקאַליעטשעטער פון דער זאַוואָד־מאַשין, ליגט אַן אָרעם דאָרפיש ייִנגל. (איך דערמאָן מיך א דערשיטערנדיקע ליד פונעם אמעריקאַנער ארבעטער — שרײַבער מײַקל גאָלד, געשאַפן אומגעפער אין דער זעלבער צײַט — אויך וועגן א ייִנגל, פון וועמען דאָס „וואַנזיניקע שטאָל" האָט ניט איבערגעלאָזן אפילע קיין הײַפעלע אַש...)

א קלאַסן־באַוווּסטזיניקער און פון דער ווירקלעכקײַט גופע א געבילדעטער און געפּרוּווטער ארבעטער־דיכטער, איז פלאַטנער, נאַטירלעך, געקומען צו דער אידיי פון קעמפערישער סאָלידאַריטעט, צו דער רעוואָליוציִאָנערער אידיי. און ס'איז קיין ווונדער ניט, וואָס אין זײַנע „מאַרש"־און „שטורעם"־לידער פלעגט זיך אָפּטמאָל הערן א קלאַנג פון בלאָקס רעוואָליוציִאָנערער פּאָעמע „צוועלף" („בורזשויען, די טירן פאַרשפּאַרט, א לעצטע שלאַכט נאָך וואָרט"), אָדער אַן אָנגעשטרענגט מאָביליזירנדיקע שוואַרצ־

מאן־נאָטע („לאָמיר מוטיק שטיין באם טויער, ביקס אין האנט, אין מוטער־נאכט“). פארעפנטלעכטע אין מאסן־אויסגאבן, געלייענטע און געזונגענע אין ארבעטער־קלובן, פלעגן די קעמפערישע אגיטאציע־לידער, בעסויכעם פלאטנערס, אָן שום סאָפעק, באווירקן די דעמאָקראטישע אאודיטאָריע מיט אַן אומרויִקן (און, ווי מיר פארשטייען היינט, א היסטאָריש איבערגעטריבענעם) פּאָרגעפיל פון נאָענטע גרינטלעכע ענדערונגען: „עפשער טאקע איז שוין יאָמטעוו, עפשער נעמט מען שוין פּלאצן?“.

נאָר טאקע אין די דאָזיקע „שטורמישע לידער“ פלעגט זיך אָפּטער פון אַלץ לאָזן מערקן רעטאָרישע נאקעטקייט, א געוויסע פארמינערונג פון טאָגטעגלעכע רעאַלע פארהעלטענישן. אויב עס באווייזט זיך יאָ א מענטשלעכע פיגור אין אָט די לידער, איז עס גיכער אַן ענערגיש פונקציאָנירנדיקע באדינגלעכקייט, אַן אויסרוף־צייכן, איידער א לעבעדיקער מענטש פון בלוט און פלייש. לעמאָשל, די העלדן פון דער ליד „לילי“: „דאָס לעבן איז ליב איר, דער קאמף איז נאָך ליבער, זי מאָלט זיך די גאסן אין רויטן פארפוצט“, „באם זייט א רעוואָלווער אף לעדערנעם פאסיק“ אדג. און עפשער איז עס פּאָשעט א רעמיניסצענץ פון פעפערס לידער וועגן בירגערקריג?

דער באגריף „פּראָלעטאריש“ האָט טיילמאָל בא פלאטנערן און זיינע כאוויירים געקלונגען צו הארב און אסקעטיש... איך ווייס, וואָס פאר א הייסער פארערער פון מוישע־לייב האלפערן איז אייזיק פלאטנער געווען. נאָר אָט לייען איך זיינע „אמעריקאנער“ שורעס: „ווו איז א ליד, אז מיר זאָלן גלייבן? עס זאָל ניט געפעלן שוין מער מוישע־לייבן...“ פארוואָס, אייגנטלעך „ניט געפעלן“? בא א ברייטערן צוגאנג וואָלט מען געקענט פארשטיין, אז מוישע־לייבס מאָרעשכוירע און סקעפּסיס האָבן זיך סאָפּקאָלסאָף גענערט פון די זעלבע וואָרצלען, וואָס דער אקטיווער פּראָטעסט בא די „פּראָלעטן“ — פון אָפּלייקענען די אומווירדיקע, פאלשע וועלט... „מיר שפאנען זיי ארייבער און קערן זיך צוריק צו עדעלשטאט און באָוושאָווער...“ „זיי“, דה. די „עסטעטן“, די „אינזיכיסטן“. אָבער פארוואָס „צוריק“? דער פּאראדאָקס פון אָרגאנישער קונסט־אנטוויקלונג באשטייט דערין, וואָס אפילע דער קער צו טראדיציע איז דאָ א טראָט פּאָרויס. און נאָך. צי האָט געקענט פירן צו וויפל־ניט־איז פּאָזיטיווע רעזולטאטן דער פּרווו צו צונויפפּאָרן עדעלשטאטן און ווינטשעווסקין (וועגן אים איז דאָ א ליד בא פלאטנערן) מיט „פרייע“ אורבאניסטישע ריטמען, מיט „מאָדערנער“ צעשויבערטקייט, מיט עקספרעסיאָניסטישן גראָטעסק?

קורץ, אייזיק פלאטנערס דיכטערישע טעטיקייט אין סאָף 20־ער, אָנהייב 30־ער יאָרן איז נאָך ניט רייף, זי איז סטירעסדיק, און די סטירעס זיינען ניט בלויז „זיינע“, זיי געהערן צו דער צייט, און אדאנק דעם פארמאָגן זיי געוויסע היסטאָרישע באלערעוודיקייט און אינטערעס...

ווען פלאטנער איז פון די שטאטן געקומען אין ראטנפארבאנד, איז ער געווען נייגעריק, ווי א ייִנגל, און האָט „געוואלדיק“ (זיינס א באליבט וואָרט) געלעכצט נאָך גערעכטיקייט און פרייער מי. דער ריזיקער סאָציִאַלער עקספערימענט, וואָס איז געשטעלט געוואָרן בא אונדז אין לאנד, דער פארנעם פון א וועלט־איבעראנדערשונג האָבן אים אזוי פארכאפט, אז מע זאָל אים דעמלט, אין די דרייסיקער יאָרן, זאָגן: אנו, טייערער, שטעל זיך מיטן זאסטעפּ און מיטן לאָם צו גראָבן א פונדאמענט פאר א נייער פאבריק אָדער וואלגער ארוף אפן אקסל א בערווענע און ברענג זי צום העכסטן שטאָק, — וואָלט ער עס, כלעבן, געטאָן מיט דער גרעסטער פרייד, ביפראט נאָך, אז פיזיש איז ער געווען פונקט ווי אָנגעמאָסטן פאר גאָר ניט לייכטער און טאקע פיזישער האָרעוואניע: קליינוווקסיק, ברייטפּלייציק, פעסט געבויט.

אוואדע ניט צופעליק איז פלאטנערס ערשטע רייזע אין ראטנפארבאנד געווען אפן אוראל, אהין, ווו דער שווונג פון דער בויונג האָט דערגרייכט עפשער די העכסטע מאָדריי. מאגניטאָגאָרסק און קוזנעצק, די נאָרוואָס אָנגעצונדענע אין אזיִאטישן סטעפּ סאָוועטישע דאָמנעס האָבן אמשטארקסטן געצויגן צו זיך די הערצער פון די „פּראָלעטן“ אין דער גאָרער וועלט. ווער געדענקט ניט וולאדיסלאוו בראָנעווסקיס אויסגעצייכנטע ליד „מאגניטאָגאָרסק, אָדער א געשפּרעך מיט יאנען“ — וועגן דעם, וויִאזוי די גוטע בסורע, אז אף אוראל האָט מען געלאָזט אין גאנג א נייע דאָמנע, מוטיקט דעם גייסט פון א פארשפּארטן אין א פוילישער טפיסע פּראָלעטארישן רעוואָליוציִאָנער. און בעכערס „גרויסער פּלאַן“ קומט אויך אפן זינען, און אראגאָנס „הורא, אוראל!“ געוויס.

דעם 19 יול 1932 האָט די מאָסקווער „פּראווּדא“ געמאָלדן, אז אפן אוראל איז ארויסגעפאָרן אַן אינטערנאציִאָנאלע שרייבער־בריגאדע און אז צווישן אנדערע איז דאָרט געווען אייזיק פלאטנער.

אין דעם, וואָס פלאטנער האָט געשריבן וועגן אוראל, האָט זיך געפילט מער פּאטאָס, איידער שילדערונג, מער קאָנטור, איידער געמעל, אָבער דער קאָנטור איז געווען באפליגלט און עקספרעסיוו, דער פּאטאָס — עכט:

כ'האָב געהערט, ווי אוראל האָט גערעדט
דורך א וועלדער־געווילד, אף א בערגער־געדרענג,
איבער לענגען און ברייטן...
מיט יאמען פון שטויב
און מיט מיסט, און מיט כורוועס אינמיטן צעפאל.
כ'האָב געהערט, ווי אוראל
האָט גערעדט מיט א רויט, מיט א קאָכעדיק הארץ —
בערג, גיט אָפּ דאָס ארץ!

ווי שטארק ס'האָט פלאטנערן אין זיינע בויונגס־לידער ניט באהערשט דאָס דרויסנדיק־„טעכנישע“, דאָס כאאָטיש אָנגעוואָרפענע אף „לענגען און ברייטן“, האָט ער דאָך אקשאָנעסדיק געזוכט אין דעם די אידיי, דעם עצעם. און גראָד בא דער שיין פון אָט די זוכענישן באקומען א באזונדער כיין צווי שורעס פון פלאטנערס א ליד, געשריבן אין אַן אוראלער שטעטל ליסווע, ווו קימאט אַלע איינוווינער זיינען אפן סאמע „ארכאיִשן“ אויפן געווען פארנומען מיט מאכן קריגלעך, קווערטלעך, שיסלען אדג.: „ווער ס'וועט טרינקען דעם וויין פון דער צוקונפט, וועט ליסווע מיט ליפּן מיט רויטע דערמאנען...“

ווען אייזיק פלאטנער איז געקומען אין ראטנפארבאנד, זיינען די ליפּן זיינע געוואָרן רויט פונעם יונגן וויין, וואָס האָט געהאלטן אין סאמע יוירן און ברויזן. און טייקעף האָט זיך באשיימפערלעך ארויסגעוויזן, אז דער פארטאָגענער אין שטרייקן, פּיקעטן און בונטן טראָמפּייטנשאליקער „אופטרייסלער פון וועלטן“ איז לויט דער נאטור ניט אזוי א ניין־זאָגער, ווי א יאָ־זאָגער, ניט קיין אָפּלייקענער, נאָר א באשטעטיקער, און אז דאָס צענטראלע, דאָס וועזנטלעכע אין אים, אין זיין כאראקטער — איז גוטסקייט, הארציקייט, פריינטלעכע צוגעלאָזטקייט צו וועלט. די דאָ־

זיקע שטריכן פון זייַן נאַטור האָבן נאָר אויסגעוואָרט די פּאַסיקע אומגעבונג, קעדיי צו „באַקומען פּראַוואַזשיטעלסטוואָ“, רעכט אַף אַנטפּלעקן זיך. און אָט זינגט שוין פֿלאַטנער די נייַע ליד פון ליבע און גלויבן (אזוי הייסט זייַנע א לידער־זאַמלונג):

לעבן מייַנס, זע, דער פרילינג איז שוין
געקומען צו אונדזערע טירן;
וועל איך דיך נעמען געאָרעמט און גיין
אין פעלד אַרייַן שפּאַצירן...
פאַרטאָג וועל איך רימען די נאַכט מיט דיר,
באַנאַכט דעם טאָג וועל איך לויבן.
לעבן מייַן טייַערס, ס׳וועט גוט זייַן מיט מיר,
מעגסט עס זיכער גלויבן.

געוווינט האָט דעמלט אייַזיק פֿלאַטנער מיט זייַן פרוי און דעם ערשט געבוירענעם קינד אין א קליין הייַזל אַף א שטילער און גרינער מינסקער גאַס. אין שטוב פֿלעגן שטענדיק זייַן געסט, אָפטער פאַר אַנדערע — מוישע קולבאַק, עלינקע קאַהאַן, דער שוישפּילער און ליטעראַט כאַיִם־נויעך ווינאָגורע, דער טאַלאַנטפולער סקולפּטאָר אַווראָם בראַזער. אייַזיקס געמיט איז געווען אין האַרמאָנישן „גלייַכגעוויכט“. מע איז בעעמעס געווען זיכער, אַז ס׳וועט זייַן גוט, מ׳האָט ווייניק געטראַכט וועגן ניסיוינעס פון א שרעקלעכן קריג און אויך וועגן אַנדערע שווערע ניסיוינעס.

פֿלאַטנערס אָפּטימיזם איז געווען באַפליגלט פון די הויפּט־יעסוידעס פון א נייַעם סאָציאַליסטישן לעבן־סיידער, וועגן וועלכן ער האָט לאַנגע יאָרן געטרוימט; ער איז געווען בוכשטעבלעך פאַרליבט אין אַלץ, ווו די דאָזיקע יעסוידעס האָבן זיך פאַרקערפּערט אַמבעסטן. צום בייַשפּיל, אין דער רויטער אַרמיי, וועגן וועלכער א צווייטער דיכטער (ניקאָלײַ טיכאָנאָוו) האָט אַמאָל געזאָגט, אַז „אין איר שאָטן האָבן זיך געשפּילט אונדזערע קינדער“. באַ פֿלאַטנערן, אין דער זעלבער ליד, ווו ער וואַנדערט, געאָרעמט מיטן אייגענעם לעבן, לייענען מיר אַזוינע, דורכויס לירישע, אַפילע אינטימע שורעס:

אויב מירן טרעפן די רויטע אַרמיי,
לעבן מייַנס, וויל איך, זאָלסט וויסן —
שטיין וועלן מיר בלייַבן אומבאַדינגט,
קעדיי זיך מיט איר באַגריסן.
צום אָפענעם הימל פאַרהייבן די האַנט,
ביז דורך וועט דער לעצטער רייַטער...

בִיכלאַל האָט מען געקענט מערקן, אַז אין פֿלאַטנערס שאַפונג אין די 30־ער יאָרן קומט פאָר אַן אינווייניקסטע איבעראַריִענטירונג אַף ליריק, אַף זעלבסטדערקענטעניש אַלס אויסדרוק פון דעם דעראָבערטן קאָנטאַקט מיט אַלעמען. פאַר אייַזיק פֿלאַטנערן איז דער קער צו ליריק געווען אינגאַנצן אידענטיש מיט דער ווענדונג צום אורשפּרינגלעכן זין פון א מענטשן־וועלט און קעגנשטאַנד־וועלט, וואָס האָט אים ביז אַהער אויסגעזען מיסטיפיצירט און מעטושטעש.

„א בוים דוכט זיך אויך, איז ניט דאָס, וואָס ער איז“, — שרייַבט דער דיכטער אין איינער א ליד, דערמאָנענדיק זיך אין די יאָרן, ווען ער האָט געלעבט אַף יענער זייַט אָקעאַן. און ווייַטער, אין דער זעלבער ליד:

ווייַטער געדענק איך
א טייַך און א בריק
און א שטאָט. און א מענטש
מיט א פינצטערן בליק...

באַנען פאַרסאָפּעט
אַהין און צוריק
האָבן געהוידעט
די שטאָלענע בריק.
און צווישן א שטאָט
פון נייַן מיליאָן
האָט איינער ניט געהאַט
ווו זיך אַהינצוטאָן.

דאָס איז א דערמאָנונג וועגן פאַרגאַנגענעם. איצט איז דעם דיכטערס האַרץ פאַרפלייצט מיט א געפיל, אַז ס׳איז פרייַ דאָס לעבן, און ער שטרעבט צו אופשטעלן אין זייערע מענטשלעכע רעכט דאָס באַאַווּלטע, דאָס אָנפאַנגלעכע און פריִע. און ווי זשע אַנדערש, אויב — „כ׳האָב איבערגעלאָזט אין די לענדער דאָרט אַזאַ מין גרויס און ליידיק אָרט. און עס נאָגט מיר דאָס האַרץ, עס מאָנט מיר דאָך, איך זאָל עס אַמאָל פאַרפילן נאָך!“

ווען פֿלאַטנער ווענדט זיך צו א טראַגישן ליטעראַטור־פערסאָנאַזש, איז עס קעדיי צו אונטערשטרייַכן די אופגעריכטקייַט פונעם אייגענעם גוירל. אַזוי, למשל, ווערט די ליד וועגן שאָלעם־אַלייכעמס סטעמפּעניו געשלאָסן מיט אַזוינע שורעס: „דאָס איז די ליד פון פאַרצייַטנס, די יוגנט, וואָס רייַסט זיך און שרייַט. איך בענטש איצט דעם טאָג דעם באַנייַטן, וואָס האָט אונדז די ליבע באַפרייַט“.

■

אין 1935 יאָר איז אין מינסק דערשינען פֿלאַטנערס „א פּאָעמע וועגן שנייַדער“ — א גרויס אווטאָביִאָגראַפיש ווערק, ווו דער דיכטער האָט זיך געשטעלט א ציל צו געבן א פאַרגאַנצט און טיפּיש קינסטלעריש בילד פון דעם, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט צוזאַמען מיט זייַן שטעטלדיק־האָרעפּאַשנער אַמכאָ־סוויווע אין משך פון אומגעפער א האַלבן יאָרהונדערט.

לויט מייַן מיינונג, איז פֿלאַטנער געווען ניט גענוג פּינקטלעך, ווען ער האָט באַצייכנט אָט דאָס ווערק אַלס פּאָעמע, — דער פּאָעמע־זשאַנער האָט געפאָדערט גרעסערע קאָנצענטרירטקייַט אין אינהאַלט, מערער ניט געצאַמטע, פרייַע פאָרם־שפּיל, ווייניקער פּראָזאַאַרטיקע באַשרייַבערישקייַט. אָבער אומאָפּהענגיק פון דעם, האָבן זיך פאַרגעדענקט אין פֿלאַטנערס ווערק גאַנצע קאַפּיטלען, אין וועלכע עס איז מיט בענקשאַפט אָדער מיט הומאָר ארויסגעבראַכט דאָס פּראָסטע לעבן פונעם ייִדיש־ליטווישן שטעטל. באַזונדערס אינטערעסאַנט זייַנען די קאַפּיטלען וועגן די צעפּאַטלטע, „צעקריגטע מיט דער גאַנצער וועלט“ שטעטלדיקע באָכערים, וועלכע זייַנען גאַנצע טעג פאַרטאָן אין הייסע דיסקוסיעס — „פון באַר־קאָכבע ביז בעטהאָווען“ — און זוכן אייַנגעשפּאַרט „דעם סאָד פון באַפרייַונג“. אָט איז איינער פון זיי — דעם דיכטערס בעסטער פרייַנט, „דער שטילער נאַפּטאָלע“:

פון ליטווישן שטעטל אין פאַרוואָרפענעם העק
מיט א זאַק אַפן פּלייצע איז ער איינמאָל אַוועק,
איז אַריבער די גרענעץ אַף דער דייַטשער זייַט,
ווו ס׳לויכטן די ריינינקע הייַזלעך פון ווייַט.

און אין א צייַט אַרום, אָפּגעהאָרעוועט א שווערן זומער באַ א דייַטשישן „באַוער“, —

האָט ער מיטן פינגער געוויזן אהין,
אַף ייִדיש געפּרעגט — צי ס'איז ווײַט קיין בערלין.
עס שטוינען די דײַטשן און קוקן אים אָן —
„דאָרט איז דאָך אימער די רעוואָליוציאָן".

סארא אויסטערליש־קאָלאָריטפולע און באגלײַך מיט דעם סארא כאראקטעריסטישע צײַט־פיגור — אליין דער גלויבן און די אנטוישונג, דער אויסגעפּאַרמירטער אַף א שטעטלדיקן אויפן „וועלט־שמערץ", די מעלאנכאָליע און דער דראנג צו עמעס! ווען איך ווייס ניט גענוי, אז פלאטנערס „פּאָעמע וועגן שנײַדער" איז געשריבן קימאט פּאראלעל מיט קולבאקס „דיסנער טשײַלד־האראָלד", וואָלט איך געזאָגט, אז די האשפּאָע פונעם לעצטן איז שטארק צו מערקן אין פלאטנערס ווערק, דערין אינעם געשטאלט פונעם פארכאָלעמטן טרוימער און עמעסזוכער נאפטאָלע. בא דעם גאנצן אונטערשייד צווישן די צוויי פּאָעמעס (קולבאקס איז אינטעלעקטועל אָנגעשטרענגטער און שארפער), פארבינדט זיי די אלגעמיינע טענדענץ צו ווײַזן די גײַסט־ביִאָגראפיע פון א דאָר, וואָס האָט געדארפט אין די באדינגונגען פון קריג, רעוואָליוציע, צײַטווײַליקער מײַרעוו־„פּראָספּעריטי" און שטורמישע קריזיסן זיך באפרײַען פון א שלאל איליוזיעס.

ס'איז א שאָד, פארשטייט זיך, וואָס בא פלאטנערן איז די שילדערונג אָפטמאָל באלעסטיקט מיט איבעריק דעטאליזירטער דערציילערישקײַט, אָבער באזונדערע פראגמענטן, גאנצע קאפיטלען זײַנען געשריבן מיט איבערצײַגנדיקער מײַסטערשאפט, צום בײַשפּיל די שורעס וועגן די אמעריקאנער נעגער:

הויכע, פעסטע נעגער קומען אָן פון דאָרעם,
לאנגע הענט צעוויגטע — גייענדיקע מילן;
מאָלן זיי די ווינטן, ווייען זיי די שטורעמס,
און דעם הונגער קאָנען זיי ניט שטילן.
נעגערישע אויגן — טרויעריקע ברונעמס,
קײַלעכיקע ווײַסלען — טונקעלע לעוואָנעס...

לײַדנשאפטלעך, פּאטעטיש און קאָנדענסירט, ווי עמעסע דיכטונג פאָדערט!

און אָט זײַנען אנדערע שורעס — א פאָלקסטימלעכער טאָן, באהויכט מיט רעוואָליוציאָנערער ראָמאנטיק:

א נאָדל איז א נאָדל, א שער בלײַבט א שער,
אז מע קלאפּט אין טיש, נעמט זי קלינגען.
נאָר ווער האָט געהערט אַף יוניאָן־סקווער,
ווען ארבעטלאָזע שנײַדער זינגען?

און ווײַטער — באזונדערע סאטירישע שטעלן, וואָס דערמאָנען אין די טראדיציעס פון דער ייִדישער רעאליסטישער פּראָזע־קלאסיק: פארוואָרפענע אין אמעריקע שטעטלדיקע באלמעלאָכעס פאָרן אַף די ניו־יאָרקער בעסוילעמס אַף קייווער־אָוועס, און „איבער קוואָרים שוועבט א דזשענטלמען — א מאלכאמאָוועס, פארצייכנט אין בלאָקנאָטל זיך די גאנצע וואָך פּארנאָסע".

אין דער „פּאָעמע וועגן שנײַדער" האָט פלאטנער פּונקט ווי „אַף ריין", פון אן עפּישער צײַט־דיסטאנץ, איבערגעשריבן זײַן אמעריקאנער אָדיסיי, און דאָס, וואָס האָט זיך געטראָגן, געשווינדלט פאר די אויגן, בעשאס ער האָט אין ניו־יאָרק געשריבן זײַנע ערשטע לידער, האָט שוין איצט באקומען א „רויִקע" סיסטעמאטישקײַט און פארגאנצטקײַט און האָט געקאָנט באטיטלט ווערן ווי „די געשיכטע פון מײַנעם א מיטצײַטלער".

פלאטנערס לידער וועגן דער מילכאָמע זײַנען ניט גרויס אין צאָל, די אטמאָספער זייערע איז דורכויס א „ציווילע" — דאָס טיפע סאָוועטישע הינטערלאנד, די ניט לײַכטע טאָגטעגלעכע מי, א באלויכטענע מיט גרויזאמען פלאקער און בראנד פון ווײַטע שלאכטפעלדער:

אהינטער פענצטער שטייט דער פראָסטיקער יאנוואר,
עס קומען אָן פון פראָנט די בעסטע גרוסן,
די ווייטעקן פון טאָג פארשאר איך אינעם זשאר
און מאך צו אש די ביטערסטע פארדראָסן.
א שטיקל ברויט באם פײַער איז פאר מיר גענוג,
עס זאָל נאָר קויכעס פאר דער ארבעט קלעקן,
אז צום פארטאָג, אַף אײַז־געשמידטן ברוק
איך זאָל מיט מײַנע טריט די שטאָט נאָך וועקן.

ווען אין הארבסט טויזנט נײַן הונדערט פיר און פערציק האָט פלאטנער זיך אומגעקערט אַף די נאָך צעגליטע מינסקער רויִנעס, האָט ער גלײַך גענומען שרײַבן א פּאָעמע „די בריק", ווו ס'האָבן זיך נאטירלעך איבערגעפלאָכטן מאָטיוון פונעם פאָלקס־ווייטעק און פון קריגסהעראָיִזם. אן עכט טראגישן פּאטאָס טראָגן שוין די ערשטע שורעס פון דער פּאָעמע, וועלכע שילדערן דעם דיכטערס אומקער אַף „פארייכערטע שטיינער" פון זײַן היימשטאָט, ווו „ס'איז קיין סימען ניטאָ און קיין זייכער פון קיינעם":

איך בין נאָר געקומען צום פאָלק זיך צו מעלדן,
אין טאָג פונעם אומגליק איך בלאָנקע פארלאָזן.
מיר ענטפערט דער כורבן: גיי זוך אין די וועלדער,
אָט דאָרט האָט דײַן פאָלק נאָך א צייכן פארלאָרן.

פלאטנער מאָלט אָן דאָס געשטאלט פון א ייִדן — א טעסלער, א פּארטיזאן, וואָס האָט ארויסגעטראָגן פון וואלד „א הארץ אין א שטאָלענעם פּאנצער" און אן אומענדלעך „צעטל פון קדוישים, הארוגים און העלדן", וועלכע גייען צום יאָם־האדין, צו א הייליקן גערעכטן מישפּעט איבער די היטלעריסטישע ראָצכים. די פיגור פונעם ייִדן מיט דער הילצערנער קוליע, גלײַך ווי די גאנצע געשיכטע פון זײַן פּארטיזאנישן וואלד־לעבן, האָט דער דיכטער פארטראכט און רעאליזירט אין א ריין עפּישן נוסעך, נאָר טאקע אדאנק דעם, וואָס דער ניט פּארטיליקטער ייִד, דער ייִד דער קעמפער, איז דאָ די פארקערפּערונג פון נאציִאָנאלן אומקום און ווידערשטאנד, פון דער פאָלקס־טראגעדיע און ניט געבראָכענעם ווילן צום לעבן, — באקומען א טיף בארעכטיקטע פונקציע דעם דיכטערס אָפטע לירישע אָפּווײַכונגען ביכלאל און ביפראט זײַנע „פריוואטע" עקסקורסן ווידעראמאָל אהין, צום אורקוואל, צו די ערשטע וועלט־ און לעבנס־אײַנדרוקן, ארויסגעבראכטע אין א טראדיציאָנעלער קולטור־מיפּאָלאָגישער באלויכטונג:

די שאבעס־צונאכטן געדענק איך אין טײַוועס,
מײַן טאטנס כאלופקע — זי שווימט אין די שנייען.
מײַן טאטע איז נויעך, די שטוב איז די טייווע,
דעם פערציקסטן טאָג, ווו די שנייען שוין ווייען.
א קאץ אפן אויוון, א הון לעבן בעט,
די כײַעס, אזוי ווי אין כומעש פארשריבן.
מאבל פארשווענקט האָט די וועלט פאר א כעט.
און מער ניט, ווי מיר, זײַנען לעבן געבליבן.

קעדיי צו דערמאָנען נאָך איינע א פּאָעמע פלאַטנערס — „צוויי שוועסטער" וועגן דעם, וויאַזוי א ווײַסרוסישע פרוי האָט אויסגעבאַהאַלטן און געראַטעוועט א קינד פון דער געטאָ און וויאַזוי דאָס קינד ווערט א דאַרפיש פּאַסטעכל.

די וואָרעמע העלדזער די גלאַטע,
פון אונטער די הויטן דער ציטער.
איר, קעלבעלעך ליבע און זאַטע,
דאָס פּאַסטעכל זאָלט איר מיר היטן...
א קעלבל וועט קיינעם ניט זאָגן,
ס'וועט קיינער דעם סאָד ניט דערגיין.
אין פעלד — ווען עס הייבט נאָר אָן טאָגן,
אין פעלד — ביז די זון נעמט פאַרגיין.

גופא דער פּאָעטישער אײַנפאַל — דאָס קעלבל היט אָפּ דאָס פּאַסטעכל, און ניט פאַרקערט, ווי עס דאַרף זײַן לויט דער נאָרמאַלער לאָגיק, — איז פול מיט באַדײַטונג. דיכטונג האָט ליב אַזוינע אײַנפאַלן — בא דעם טנײַ, אַז זיי זאָלן טראָגן אין זיך דעם עמעס. דאָ, בא פלאַטנערן, איז פאַראַן דער עמעס וועגן סאַקאָנע און טויט, וואָס לויערן איבער דער וועלט, איבערן אומשולדיקן און אומבאַהאָלפענעם קינד.

די ספּעציפישע און רײַכע קינדער־וועלט פאַרנעמט ביכלאַל אין פלאַטנערס דיכטונג א בעקאָוועדיק אָרט. דאָס „קינדערישע" איז געווען טיף אייגנטימלעך זײַן נאַטור און כאַראַקטער. איך האָב נאָך ניט געטראָפן א צווייטן מענטשן, וואָס זאָל אַזוי גרינג, ווי ער, אָן שום ספּעציעלע באַמיִונגען, פאַרשטענדיקן זיך מיט קליינוואַרג. ער איז געווען בעעמעס דער גוטער גרײַז־גרויער מאַלעך פאַר א גרויסן הויף מיט קינדער, ווו מיר האָבן א לענגערע צײַט געוווינט בישכיינעס. צווישן די שענסטע דערמאָנונגען, וואָס אײַזיק פלאַטנער פלעגט אָפּהיטן מיט א ציטעריקן און פּאַרטטיקן געפיל, איז געווען די דערמאָנונג וועגן יענע יאָרן, ווען ער האָט געאַרבעט אַלס א דערציִער און לערער אין דעם פּראָגרעסיוון קעמפּ „קינדערלאַנד".

די שווערסטע ניסיוינעס, וואָס פלאַטנערן איז אויסגעפאַלן אויסצושטיין, האָבן אָף קיין האָר ניט געמינערט דאָס גוטע, דאָס קינדערישע אין אים, און שוין א געפערלעך קראַנקער שרײַבט ער א שפּילעוודיק־ערנסטע ליד וועגן קינדער און וועגן זיך: „כ'וועל גיין צו די קינדערלעך לעקעכלעך עסן, וועט עפּשער די מידקײַט די ברוסט מיר ניט פרעסן... כ'וועל גיין צו די מיידעלעך לעקעכלעך נאַשן, מילך וועל איך טרינקען פון זייערע פלאַשן... כ'וועל שטיפן — מ'קלוימערשט די לעקעכלעך עסן, די מידקײַט פאַרטרײַבן, די עלטער פאַרגעסן".

די לירישע לידער, וואָס פלאַטנער האָט געשריבן אין די לעצטע יאָרן פון זײַן לעבן (ער איז געשטאָרבן דעם 26 יולי 1961), זײַנען די בעסטע און רײַפסטע אין זײַן גאַנצער שאַפונג לויט דער ניכטערקײַט פון פאַרשטאַנד און לויטן רײַפן געפיל פון אכרײַעס פאַר דער „גאַנצקײַט און דער שיינקײַט פון דער וועלט", וואָס אינעם פילזײַטיקן „באַלאַנס" אירן שליסט זי אײַן פרייד און טרויער, שײַן און שאָטן, דעראָבערונג און פאַרלוסט. אָט פאַרוואָס עס איז פאַראַן א נאָענטע קרויוועשאַפט צווישן פלאַטנערס א האָפעדיק־יונגער ליד וועגן מיידעלעך מיט נאַקעטע פאַרברוינטע קני אָף א בערגל גאָלדענעם ווייץ און א ליד, געווידמעט שמועל האַלקינען, ווו יעטווידער קלאַנג, יעדער אינטאָנאַציע איז גלײַך ווי באַגאָסן מיט שפּעט־אָווונטיקער שײַן.

אָט זײַנען שורעס פון פלאַטנערס א ליד, וואָס אין זיי, ווי מיר דוכט, איז אַמפּולסטן אויסגעדריקט דעם דיכטערס רײַף אָפּטימיסטישע אין לעבנסבאַשטעטנדיקע וועלט־אָנשויונג און וועלט־עמפּינדונג:

אז וואָס איז דען לעבן? אָט דאָס, וואָס דו זעסט, —
די פרייד, וואָס באַהערשט דיך, דער אומעט, וואָס פרעסט.
און די זון, און די ערד, און דער בוים — אָט דאָס אַלץ,
און דאָס ווײַס אַפּן קאָפּ איז פון לעבן דאָס זאַלץ...
און דאָס גרוי אָף די שליפן? ס'געפעלט מיר, געוויס!
ס'ליגט די אַלטע, פאַרגאַנגענע וועלט פאַר די פיס.
אָף די גאַסן די נײַע, געפלאַסטערט און העל,
לויפט אום אונדזער קינד, ווי א יונגער גאַזעל...

ווען איך טראַכט וועגן אײַזיק פלאַטנערן, דערמאָן איך זיך שטענדיק אין די דאָזיקע שורעס, ווײַל דאָ איז ער אינגאַנצן — דער ליבער און מוטיקער מענטש, דער טאַלאַנטפולער דיכטער, מײַן אַלטער גוטער פרײַנט.

שאָלעם־אַלייכעמס צוויי ניט־פֿאַרעפֿנטלעכטע בריוו

אינעם בריוו, וואָס שאָלעם־אַלייכעם האָט אָנגע־שריבן מאקסים גאָרקין דעם 31 דעקאבער 1901 אלס ענטפער אף זײַן אײַנלאדונג צו נעמען אן אָנטייל אין דער זאמלונג פון ייִדישע שרײַבער פארן רוסישן לייענער, זײַנען פאראן אזעלכע שורעס: „...איך האָב געהאלטן פאר א גרויסן קאָוועד צו דורכשרײַבן זיך מיטן „הערשער פון די געדאנקען פון אונדזער צײַט", צו וועמען, דארף מען זאָגן, עס האָט פון לאנג געשטרעבט מײַן הארץ, און אָט ווײַזט זיך ארויס, ווי ס'האָט מיר מיטגעטיילט גאָלדאָוור־סקי[1], אז מײַנע בריוו צו אײַך זײַנען פארלוירן געגאנגען באם ה' פּאָטיאָמקין[2] און בא אים.

איצט אָבער, דערוויסנדיק זיך, אז מע קאָן צו אײַך שרײַבן, אפילע לויט א פרעמדן אדרעס[3], האָב איך בעדייע צו שטערן אײַער רו, צושיקנדיק קאָפּיעס פון מײַנע בריוו אף גאָלדאָווסקיס נאָמען (פון 12 נאָיאבער און 29 דעקאַ־בער), קעדיי צו באקענען אײַך מיט דער פּראָגראם פון אײַער זאמלונג לויט מײַן פארשטאנד"[4].

שאָלעם־אַלייכעמס צוויי בריוו מיט א פּראָגראם פון א זאמלבוך! אין י.־ד. בערקאָוויטשעס „שאָלעם־אַלייכעם־בוך" זײַנען די בריוו ניטאָ[5]. זיי זײַנען אויך ניט פאראן אין דער 15־בענדיקער ייִדישער סאָוועטישער אויסגאבע פון שאָ־לעם־אַלייכעמס ווערק און אינעם 6־טן באנד פון דער רוסישער אויסגאבע. אין די 12 בענדער פון א. מ. גאָר־קיס ארכיוו־מאטעריאלן זײַנען די צוויי בריוו אויך ניטאָ. עפשער האָבן זיי זיך פארהיט צווישן די ניט־פארעפנט־לעכטע ארכיוו־מאטעריאלן?

מיט דער שטילער וואָראָווסקי־גאס גיי איך אין אינסטי־טוט פאר וועלט־ליטעראטור אפן נאָמען פון א. מ. גאָרקי, ווו עס ווערט פארהיט זײַן פּערזענלעכער ארכיוו.

אין לייענזאל ברענגט מען מיר א היפשן סטאָס פּאַפּ־קעס מיט דאָקומענטן און מאטעריאלן, וואָס האָבן א שײַכעס צו דעם פארטראכטן זאמלבוך פון ייִדישע שרײַ־בער. ענגע שורעס פון וו. פּאָטיאָמקינס בריוו, קאליגרא־פישע קײַלעכדיקע אויסיעס — גאָרקיס קסאַוו; דאכט זיך, אז זיי „אָקען" אפן ניזשעגאָראָדער נוסעך גלײַך מיט זייער באלעבאָס; דיגינקע אויסיעלעך פון א. גאָלדאָווסקין, ק. פּיאטניצקין, און אָט — אף א בלוילעכער הילע — Письмо Шолом-Алейхема О. Б. Гольдовскому 12 ноября 1901 г.

6 זײַטלעך, געדרוקטע אף א רוסישער שרײַב־מאַשינקע. איך כאַפּ א קוק אפן לעצטן זײַטל — שאָלעם־אַלייכעמס ברייט צעוואָרפענע פרײַע רוסישע כסימע. זײַן האנט!

אף דער זעקסטער זײַט זײַנען ארײַנגעשריבן די ציפערן „40" און „20" — די גרייס פונעם האָנאָראר.

פּאמעלעך לייען איך זיך אײַן אין דעם בריוו, און עס עפנט זיך פאר מיר א בלעטל ליטעראריש געשיכטע.

דער בריוו הייבט זיך אָן א ביסל מעשונעדיק: „יעוואָ וויסאָקאָבלאגאָראָדיִו". אזוי פלעגט מען זיך אמאָל ווענדן מיט א „פּראָשעניע" צו א הויכן צארישן טשינאָווניק. אין דער דאָזיקער ווענדונג פון שאָלעם־אַלייכעמען צום ייִדישן אדוואָקאט אָניסים באָריסאָוויטש גאָלדאָווסקי איז פארטײַעט א קונדייסישער שמייכל... אָבער דאָ באלד ווערט שאָלעם־אַלייכעם פארכאפּט מיט זײַנע געדאנקען, וויִאזוי שענער און בעסער די ייִדישע פאָלקס־מוזע „זאָל א גלאנץ טאָן" פאר דעם רוסישן לייענער. ער שילדערט די ייִדישע ליטע־ראטור מיט היספּײַלעס, מיט געהויבענעם פּאטאָס: „סארא שלאל מיט לעבן! סארא אוצרעס פון עמעס! סארא גלענצנדיק פייערווערק פון כאָכמע, שארפזין, בײַסנדיקן וויץ, טיפסטן הומאָר, וואָס דרינגט אין דער נעשאָמע ארײַן!"

אין צווייטן בריוו (פארן 29 דעקאבער[6]) גיט שאָלעם־אַלייכעם א קאָנקרעט און גענוי צעטל פון די ייִדישע ווערק, וועלכע זײַנען שוין איבערגעזעצט אָדער די איבער־זעצונג ווערט פארענדיקט.

אָט זײַנען זיי —ביידע בריוו, איבערגעזעצט פון רוסיש.

I

סאָלאָמאָן נאומאָוויטש
ראבינאָוויטש
גרויס־וואסילקאָווער, נומ. 5
קיִעוו
12 נאָיאבער 1901

דעם הויכווילגעבוירענעם
געהילף פון געשווירענעם אדוואָקאט
אָ. ב. גאָלדאָווסקי
אין מאָסקווע

זייער געערטער אָניסים באָריסאָוויטש!

אינײַנעם מיט דעם דאָזיקן בריוו וועט איר דערווײַל באקומען דרײַ מײַנע זאכעלעך אין דער איבערזעצונג פון דרײַ פארשיידענע איבערזעצער אונטער מײַן רעדאקציע. א גרויסער שאָד, וואָס אָט די אלע זאכעלעך זײַנען לויט מײַן מיינונג פון די שוואכסטע ווערק. פאר אײַער זאמלונג האָב איך א נײַע סעריע פארצייכענונגען אונטערן אלגעמיינעם נאָמען „קליינע מענטשעלעך מיט קליינע האסאָגעס",

וועלכע דרוקן זיך אין דער צײַטונג „דער יוד“ פֿונעם 1 דעקאַבער ד. י. דאַפּקע מיט די דאָזיקע דערציילונגלעך וואָלט איך געוואָלט דעביוטירן פֿאַר דעם נײַעם רוסישן פּובליקום, און מיט זייער פֿאַרמיטלונג וואָלט איך געוואָלט פֿאַרבינדן אַ באַקאַנטשאַפֿט מיט מ. ג. (געמיינט: מאַקסים גאָרקי. — א. פּ.) — אַזוי ברייט נעמען זיי אַרום אונדזער פּראָווינציעל ייִדיש לעבן פֿון אַלע זײַנע אָנטפּלעקונגס־פּונקטן, און אַזוי זיכער בין איך אין זייער דערפֿאָלג. אַגעוו, וועל איך די טעג זיך סטאַרען אַליין איבערזעצן אַ פּאָר פֿאַרצייכענונגען און וועל זיי אײַך צושיקן פֿאַר מ. ג., דאָס הייסט פֿאַר דער זאַמלונג.

מיט אַ געפֿיל פֿון פֿאַרשטענדלעכער פֿאַרלעגנהײַט טרעט איך מיט זיי אַרויס פֿאַר אַזאַ קינסטלערישן קויעך, ווי מ. ג., און דערפֿאַר מוז איך נאָכאַמאָל זיך פֿאַרענטפֿערן, אַז די דאָזיקע זאַכן שעפּן ניט אויס מײַן ליטעראַרישן אַמפּלוא.

ווײַטער, וואָס איז שײַעך דער זאַמלונג, נעם איך אויף זיך גערן אַלע אַרבעטן, וועלכע איר וועט נאָר זײַן געווינטשן אַרופֿצולייגן אויף מיר און וועלכע איך וועל זײַן בעקויעך אויסצופֿילן. פֿאַר מיר איז אוואַדע גרינגער פֿון אַלץ גרופּירן דעם מאַטעריאַל, צעטיילן אים צווישן די מיטאַרבעטער — איבערזעצער און אָנווײַזן אויף זיי. אַ געוויסן טייל פֿון די איבערזעצונגען, אָדער אַפֿילו אַ גרויסן טייל, נעם איך אויף זיך, מיט דער הילף פֿון צוויי־דרײַ איבערזעצער, וועלכע איך האָב שוין געפֿונען. דערנאָך גייען ביאָגראַפֿישע ידיעות וועגן די אויטאָרן, וועלכע איר וועט געפֿינען פֿאַר נייטיק. איך קען קימאַט אַלע אונדזערע אָנגעזעענע טוער אויפֿן געביט פֿון ביידע ייִדישע ליטעראַטורן — העברעיִש און פֿאָלקס־ייִדיש, דעם אַזויגערופֿענעם „זשאַרגאָן“.

איר בעט צונויפֿשטעלן פֿאַר אײַך דעם אינהאַלט פֿון דער זאַמלונג. ביטע. איך הייב אָן פֿון די העברעיִשע שרײַבער. פֿון לידער און פּאָעמעס דאַרף מען פֿאָרלייגן אַזאַ מײַסטער ווי ש. ג. פֿרוג (אין פּעטערבורג) איבערזעצן ל. אַ. גאָרדאָנס פּאָעמע „אין די טיפֿענישן פֿון יאַם“. דערנאָך דרײַ לידער כ. ביאַליקס — דאָס איז אַזאַ מין פּאָעט, וואָס מע קאָן קוים געפֿינען אַ גלײַכן צו אים אין אונדזער פֿילדויערעסדיקער ליטעראַטור (ער איז נאָך אַ יונגערמאַן, אַן אויסערסט באַגאַבטער). צום באַדויערן, זע איך ניט אין אונדזער העברעיִשער ליטעראַטור, כּוץ פּאָעטישע מאָטערן, קיין שטייגער־זאַכן, וואָס זאָלן טויגן פֿאַר אײַער זאַמלונג, אויסער די ווערק פֿונעם זיידן אַבראַמאָוויטש, וועגן וועמען עס וועט גיין אַ רייד שפּעטער. עס איז אָנגענומען אָנצוּווײַזן נאָך אויף בראַנדשטעטערן[7] ווי אויף אַ קלויגמערשט גוטן דערציילער. צום באַדויערן, האַלטן ניט אויס די ווערק פֿון דעם דאָזיקן שרײַבער קיין קריטיק פֿונעם שטאַנדפּונקט פֿון שטרענגן קינסטלערישן עמעס.

איצט גיי איך אַריבער צו די ווערק פֿון אונדזער פֿאָלקס־מוזע. די דאָזיקע פּערזאָן, זעט איר, נעמט ניט אויס ניט מיט קיין רײַך צירונג, ניט מיט קיין בונטע פֿאַרבן, ניט מיט קיין איידעלן געזיכט, ניט מיט קיין רייצנדיקע פֿאָרמען — „אַ פּראָסטע ייִדישע קאַפּאָטע“, דערפֿאַר אָבער וואָס פֿאַר אַ שלאַל מיט לעבן! וואָס פֿאַר אַן אוצר פֿון עמעס! וואָס פֿאַר אַ גלענצנדיקער פֿייערווערק פֿון שאַרפֿזין, וויץ, פֿון טיפֿסטן הומאָר, וואָס דרינגט אין דער נעשאָמע אַרײַן!

פֿאַרשטייט זיך, אַז איך רעד וועגן מײַן אומשטערבלעכן „זיידע“, אַבראַמאָוויטשן און זײַנע הויכקינסטלערישע, אומשאַצבאַרע שאַפֿונגען, וואָס האָבן צו זיך ניט קיין גלײַכן. אַ שאָד! אים קענען נישט ניט בלויז אונדזערע קריסטלעכע שכיינים; אים קען ניט אַ גוטע העלפֿט פֿון אונדזער אייגענעם אוילעם, אויף וועמענס שפּראַך און פֿאַר וועמען, אייגנטלעך, זײַנע ווערק זײַנען געשריבן. איך קען ניט רעדן גלײַכגילטיק וועגן די ווערק פֿון דעם דאָזיקן שרײַבער, נאָך מער, ווען עס גייט אַ רייד וועגן דעם, מע זאָל אים באַווײַזן פֿאַר דער קריסטלעכער וועלט. ס׳איז מיר שווער אָפּצושטעלן זיך אויף וועלכן־ניט־איז איינעם פֿון זײַנע ווערק. דעריבער וואָלט איך געייצעט געבן עטלעכע קאַפּיטלען פֿון עטלעכע זײַנע ביכער. דעריקער רעקאָמענדיר איך פֿונעם „ווינטשפֿינגערל“ (געדרוקט זיך אין מײַן יאָרבוך „די יודישע פֿאָלקס־ביבליאָטעק“ (1887—1888) און פֿון „פֿישקע דער קרומער“ (אַרויס אין אָדעס אין 1892—1893).

נאָך אַבראַמאָוויטשן וואָלט איך געגעבן אַן איבערזעצונג פֿון ייִדישע פֿאָלקסלידער פֿונעם אַמעריקאַנער ייִדישן פֿאָלקס־פּאָעט, דעם שנײַדער מאָריס ראָזענפֿעלד, וועלכער דערמאָנט שטאַרק אין דעם פּאָעט ביאַליק. עס וואָלט ניט געשאַט בעטן באַ פֿרוגן אַ צוויי־דרײַ לידעלעך פֿון זײַן אייגענער פֿאָלקס־מוזע. פֿון די אַמערסטן טאַלאַנטפֿולע הײַנטצײַטיקע ייִדישע בעלעטריסטן וואָלט איך זיך אָפּגעשטעלט אויף פּערעצן. איך רעקאָמענדיר דעריקער זײַנע כסידישע נאָוועלן.

פֿאַראַן אייניקע גאַנץ סימפּאַטישע דערציילונגען באַ מ. ספּעקטאָר און ד. פּינסקי, וועלכע זײַנען געדרוקט אין דער זאַמלונג „הויז־פֿרײַנט“, ב. IV און V. מע קאָן אויסקלײַבן צו איין פֿאַרצייכענונג.

איצטער קומט מײַן ריי. איך כאַזער איבער, אַז כ׳וואָלט געוואָלט אומבאַדינגט אַ גלאַנץ טאָן אין אײַער אויסגאַבע מיט מײַנע לעצטע קליינע דערציילונגען וועגן די „קליינע מענטשעלעך“. עפּשער וועל איך זיך נעמען זיי איבערזעצן פֿון יאַנוואַר כוידעש, און קאָן זײַן נאָך פֿריִער. די מײַסע איז, וואָס איך געפֿין זיך איצט אין פּעריאָד פֿון פֿולשטענדיקער פּראָדוקטיוויקײַט. אַזאַ שלאַל געשטאַלטן, טיפּן, בילדער און סיטואַציעס און אַזויפֿיל זאָרגן וועגן „טאָגטעגלעכן ברויט“! קיין שום קריסטלעכער שרײַבער קאָן זיך ניט פֿאָרשטעלן, אין וועלכע אומשטענדן עס קומט אויס צו אַרבעטן אונדזעריקן — אַ ייִדן, וועלכער איז באַגרענעצט ניט נאָר אין לעבנס־מיטלען, נאָר אויך אין ציווילע רעכט. ניט האָבנדיק ניט קיין „שטענדיקע“ רעכט צו וווינען אין דער הייליקער שטאָט קיִעוו, ניט קיין שטענדיקע באַשטימטע באַשעפֿטיקונג און זײַענדיק דערצו נאָך אַ מעטופּל מיט אַ פֿילצאָליקער מישפּאָכע, ווייסטו ניט, פֿון וואָס פֿריִער צו טראַכטן: צי וועגן רעכט אויף וווינען צי וועגן אַ נײַ ווערק, וואָס בעט זיך אויף פּאַפּיר?

עס וואָלט געווען אַן אַוולע, ווען אַ שטייגער־שרײַבער פֿונעם פֿיללײַדנדיקן פֿאָלק ייִסראָעל וואָלט זיך פֿאַרנומען מיט זײַן אייגענער ליטעראַטור, ווי אייניקע פֿון זײַנע קריסטלעכע ברידער, בלויז צוליב רום און צוליב די אינטערעסן פֿון פֿאַרדינונג. אַלזאָ, כּוץ די בײַגעלייגטע דרײַ זאַכעלעך, אָדער אַכוץ זיי, האָב איך בעדייע צו געבן צוויי־דרײַ פּיצינקע פֿאַרצייכענונגען פֿון „די קליינע מענטשעלעך“; וואָס שײַעך מײַנע גרעסערע דערציילונגען און ראָמאַנען, ווי „סטעמפּעניו“ אָדער „יאָסעלע סאָלאָוויי“, דאַרף מען זיך אָפּזאָגן פֿון דעם געדאַנק זיי איבערזעצן שוין דערפֿאַר, וואָס „סטעמפּעניו“ האָט שוין איבערגעזעצט איינער אַ פּעטערבורגער מאַרקאָוו פֿאַר די ביכלעך פֿון „וואָסכאָד“ אויפֿן 1902 יאָר.

צום סאָף וואָלט איך געוואָלט אָנרירן אויך די אויסערלעכע זײַט פון דער זאמלונג. כ׳האָב געהערט, אז איר האָט בעדייע צו געבן אייניקע צייכענונגען פון גוטע קינסטלער. איך וואָלט געהאלטן פאר זייער אָריגינעל און געלונגען צו געבן אייניקע איליוסטראציעס צו די מער באַדײַטנדיקע ווערק פון די אָנגעזעענסטע שרײַבער. לעמאָשל, מע זאָל געבן א וואָסער־ניט־איז טאלאנטפולן קינסטלער, כאָטשבי דעם ה׳ פּאסטערנאַק, ער זאָל אָנמאָלן א צוויי־דרײַ בילדער צו אבראמאָוויטשעס דערציילונגען. צוליב דעם דאַרף מען אראָפּנעמען א קאָפּיע פון דעם דאָזיקן ווערק אין דער רוסישער איבערזעצונג אַף דער מאַשינקע „רעמינגטאָן“, און מיט דער דאָזיקער ארבעט איבגאנצן זיך פארלאָזן אַף דעם קינסטלערס פאַנטאַזיע.

צוליב מער אייגנארטיקײַט פונעם בוך, וואָלט איך געגעבן עטלעכע ייִדישע אווטאָגראַפן, כוץ די בילדער און פאַקסימילע פון די שרײַבער.

איר זעט, אז איך בין אויסן די אייגנארטיקײַט (ניט דעם עפעקט) פונעם בוך. און, גלייבט מיר, דאָס איז זייער וויכטיק און נוצלעך. און אויב עס וועלן זיך געפינען לײַט, וועלכע וועלן טאדלען די ארויסגעבער פאר איבעריקער נייגונג צו ייִדישקײַט, איז דאָך סײַוויסײַ, „סיעם ביעד — אָדין אָטוועט“[8].

פאראן, פארשטייט זיך, ניט ווייניק נאָך פּראָטים, וועגן וועלכע מע וואָלט באדארפט איבערעדן; נאָר צי וועט עס ניט זײַן צופיל פארן ערשטן מאָל? פארגעסן אײַך צו זאָגן וועגן דער סכעמע פונעם בוך, וועלכע איז אופגעשווומען אין מײַן געדאנק. איך וואָלט ניט געדרוקט די ווערק פון פארשיידענע שרײַבער צעוואָרפן, נאָר פאר יעדן אויסגעטיילט א באזונדערן אָפּטייל, אָנהייבנדיק קוידעמקאָל פון די ביִאָגראפישע יעדיִעס, פונעם פּאָרטרעט, פון דער פאַקסימילע און אווטאָגראַף פונעם שרײַבער, און דערנאָך שוין — דער מוסטער פון זײַנע ווערק.

און צום סאמע סאָף האָב איך איבערגעלאָזט די פראגע, וואָס איז מיר אמערסטן דערווידער. דאָס איז די פראגע וועגן דער גרייס פונעם האָנאָראר, ווײַל ווי ס׳זאָל מיר מיט אײַך ניט זײַן אָנגענעם צו זיצן בא א טעפּעלע קאווע אין א געמיטלעכן רעסטאָראן־ווינקל, קומט דאָך אמאָל אָן דער מאָמענט, ווען מע דאַרף זיך צעצאָלן לויטן כעזשבן. דאָס איז אומפארמײַדלעך.

באם געזעגענען זיך בעט איך אײַך איבערגעבן מײַן טיפסטן גרוס מײַן הויכבאגאבטן ברודער — דעם סלאָוו, וועמעס ווערק איך לייען איצט באנײַס איבער און בין איבעראשט פון זייער קראפט און אויסערגעוויינלעכן טאלאנט. אזא מענטש, ווי גאָרקי, קאָן נישט ניט זײַן איבערפולט מיט ליבע און מיטלײַד צו דעם פאָלק, וועמעס לײַדן שטײַגן איבער אלע לײַדן פון דער וועלט. ס׳איז גענוג בלויז אים נעענטער צו באקענען מיט אָט דעם פאָלק, און מיר וועלן זיך באמיִען דאָס צו טאָן.

II

הויסאָפּע

קיִעוו. 29 דעקאבער.

אלס הויסאָפּע צו דעם דאָזיקן בריוו פונעם 12 נאָיאבער, שיק איך אײַך אַן אויספירלעך צעטל פון די זשארגאָנישע ווערק, וואָס א טייל פון זיי איז שוין איבערגעזעצט און פון א טייל ווערט די איבערזעצונג פארענדיקט:

1. אבראמאָוויטש (פארנעם — פון 3 ביז 4 דרוקבויגן), נעמלעך:

א) „מאסאָעס ביניאָמין האשלישי“ — דרײַ־פיר קאַפּיטלען. די טעג וועלן זיי ווערן פארטיק און אָפּגעשיקט קיין מאָסקווע.

ב) „דאָס ווינטשפינגערל“. צוויי קאַפּיטלען. אין דער ארבעט.

ג) „פישקע דער קרומער“. אין דער ארבעט.

2. שאָלעם־אליכעם (פארנעם — פון 3 ביז 4 דרוקבויגן), נעמלעך:

א) „די קליינע מענטשעלעך“: „די שטאָט קאסרילעווקע“, „אַן אָנגעלייגטער בריס“, „נאכעס פון קינדער“, „אים מעג מען מעקאנע זײַן“, „דרייפוס אין קאסרילעווקע“, „נישטאָ קיין מייסים“, „נישט פאר קיין ייִדן געדאכט“, „ווען איך בין ראָטשילד“[9].

קימאט פארטיק, די טעג וועלן זיי אײַך אָפּגעשיקט ווערן קיין מאָסקווע.

ב) „דאָס טעפּל“ — שוין אָפּגעשיקט און אָנגענומען.

3. ל. פּערעץ (פארנעם — ניט מער פון איין דרוקבויגן).

א) „די פרומע קאץ“.

ב) „היִנערישע כאלוימעס“.

ג) „שהשמחה במעונו“ (געפינט זיך אין דער ארבעט)[10].

4. מ. ספּעקטאָר (פארנעם — א האלבער דרוקבויגן).

א) „א שטרײַק פון קאפּצאָנים“.

ב) „בא דעם מעדזשיבאָזשער ברונעם (אין דער ארבעט).

5. ד. פינסקי (פארנעם — א האלבער דרוקבויגן).

צוויי ניט קיין גרויסע פארצייכענונגען (אין דער ארבעט).

אָט דאָס איז אלץ, וואָס איז אָפּגעטאָן, און טוט זיך בא מיר. איך האָף, אז אין א כוידעש ארום, העכסטנס צוויי, וועט אלץ זײַן בא אײַך אונטער דער האנט. סאכאקל וועט איר האָבן מאטעריאל פאר 10—12 דרוקבויגן. בלײַבט, אזויארום, נאָך אזויפיל פאר די ביִאָגראפישע יעדיִעס וועגן אייניקע שרײַבער און פאר די ווערק, וועלכע זײַנען בא אײַך פאראן. פונדעסטוועגן וואָלט איך געוואָלט באקענען זיך מיט די דאָזיקע זאכן. שיקט מיר צו, לעכאָלהאפּאָכעס, א גענוי צעטל פון די איבערזעצונגען.

ווײַטער פיל איך אויס אײַער פארלאנג וועגן באַשטימען דעם האָנאָראר. פאר איבערזעצן א בויגן פון 16 זײַטן — 40 רובל און פאר מײַן ארבעט — פאר איבערקוקן, פאריכטן, און האלטן די קאָרעקטור פון די אלע איבערזעצונגען, ניט ריידנדיק שוין וועגן דעם, אז ביים איבערזעצן מײַנע אייגענע ווערק פון ייִדיש, קומט אויס זיי קימאט אפסנײַ צו שאפן, — וואָלט איך פאָרגעשלאָגן פאר זיך א באזונדער האָנאָראר אין דער גרייס פון 20 רובל א דרוקבויגן.

עס ווענדט זיך פון אײַך — פארגרעסערן אָדער פארקלענערן די גרייס פון דער באלוינונג. נאטירלעך, אז די איבערזעצונגען, וועלכע איר וועט פארבראקירן, גייען ניט ארײַן אין כעזשבן.

עס קומט מיר אויס נאָכאמאָל אָפּמערקן, אז אין אײַער אונטערנעמונג פעלט אויס אָרגאניזירטקײַט. ס׳וואָלט געווען זייער נוצלעך, מיר זאָלן זיך זען מיט אײַך, מיט גאָרקין אָדער מיט פּאָטיאָמקינען. נאָר וויִאזוי אָרדנט מען עס אײַן?

א גרויסער שאָד, וואָס מײַנע בריוו צו אײַך ווערן פארפאלן. גאָרקין שרײַב איך באזונדער, צולייגנדיק א קאָפּיע פון דעם דאָזיקן בריוו.

פולקאָם אײַערער

שאָלעם־אליכעם

(געכאסמעט אייגנהאנטיק. — א. פּ.).

דערקלערונגען און באַמערקונגען

סאָף 1901 האָט גאָרקי פאַרטראַכט אַרויסצוגעבן א זאַמלבוך פון יידישע שרייבער, קעדיי צו באַקענען דעם רוסישן לייענער מיט דער יידישער ליטעראַטור. אַלס צו־נויפשטעלער און רעדאַקטאָרן פונעם זאַמלבוך האָט ער צוגעצויגן וו. פּ. פּאָטיאָמקינען און אָ. ב. גאָלדאָווסקין. זיי האָבן זיך פאַרבונדן מיט א ריי יידישע שרייבער און איבערזעצער און צווישן זיי — אויך מיט שאָלעם־אַלייכעמען. אַן אָפיציעלע איינלאַדונג צו נעמען אַן אָנטייל אין דער זאַמלונג האָט מ. גאָרקי, לויט גאָלדאָווסקיס רעקאָמענ־דאַציע פונעם 13 נאָיאַבער 1901, געשיקט שאָלעם־אַליי־כעמען דעם 15 דעקאַבער 1901 (זע: מ. גאָרקי. גע־זאַמלטע ווערק אין 30 בענדער. באַנד 28, ז״ז 209). שאָ־לעם־אַלייכעם האָט אים געענטפערט מיט א בריוו דעם 31 דעקאַבער 1901 (זע די יידישע סאָוועטישע אויסגאַבע פון שאָלעם־אַלייכעמס ווערק אין 15 בענדער. באַנד 15, ז״ז 114). שאָלעם־אַלייכעם שרייבט דאָ וועגן זיינע צוויי אַנ־דערע בריוו — פון 12 נאָיאַבער און 29 דעקאַבער, — וואָס זיינען פאַרלוירן געגאַנגען.

[1] גאָלדאָווסקי אָניסים באָריסאָוויטש — א מאָסקווער אַדוואָקאַט און זשורנאַליסט, געדרוקט אַרטיק־לען אין דעם רוסיש־יידישן זשורנאַל „וואָסכאָד“. איינינעם מיט וו. פּאָטיאָמקינען צונויפגעשטעלט אין מיי 1901 א זאַמלונג „הילף“ לטובֿת די יידן, וואָס האָבן געליטן פון אומגערעטעניש.

[2] פּאָטיאָמקין וולאַדימיר פּעטראָוויטש (1878—1946) — א רוסישער זשורנאַליסט און פּאַרטיי־טוער. אין די יאָרן 1937—1940 — ערשטער שטעלפאַר־טרעטער פונעם פאָלקסקאָמיסאַר פאַר אויסערלעכע איניאָ־נים פון פססר, אין 1940—1946 — פאָלקסקאָמיסאַר פאַר בילדונג פון רספסר.

[3] אינעם בריוו פון 15 דעקאַבער האָט גאָרקי געבעטן שיקן אַן ענטפער אַף גאָלדאָווסקיס אַדרעס.

[4] זע שאָלעם־אַלייכעם. אויסגעוויילטע בריוו. מע־לוכע־פאַרלאַג דער עמעס, מאָסקווע, 1941, ז. 114.

[5] אין „שאָלעם־אַלייכעם־בוך“, וועלכן י.־ד. בערקאָוויטש האָט אַרויסגעלאָזט אין 1926 (צווייטע אויפלאַגע — אין 1950), איז ניט ריכטיק אָנגעוויזן אַף די זייטן 165 און 198, באַמערקונג 23, אַז גאָרקי האָט איינגעלאַדן שאָלעם־אַלייכעמען צוזאַמענשטעלן און רעדאַגירן דעם זאַמלבוך. פונעם בריוו־אויסטויש צווישן גאָרקין מיט שאָלעם־אַליי־כעמען איז צו זען, אַז שאָלעם־אַלייכעם איז צוגעצויגן געוואָרן נאָר אַלס אָנטיילנעמער און ניט אַלס רעדאַקטאָר.

[6] די דאַטע — 29 דעקאַבער — איז, זעט אויס, פאַר־גרייזט, ווייל בלויז אין צוויי טעג שפּעטער — דעם 31 דעקאַבער — האָט שאָלעם־אַלייכעם בעשום־אויפן ניט געקענט באַקומען פון גאָלדאָווסקין א ידיעה, אַז דער בריוו איז פאַרלוירן געגאַנגען.

[7] בראַנדשטעטער מאָרדכי־דאָוויד — העב־רעישער שרייבער, פאָרשטייער פון דער אַנטיכסידישער האַסקאָלע־באַוועגונג אין גאַליציע.

[8] א רוסיש גלייכוואָרט: „זיבן צאָרעס — אַלץ איין ענטפער“.

[9] שאָלעם־אַלייכעם זעצט אַליין איבער אין רוסיש די נעמען פון דריי דערציילונגען פונעם ציקל „קליינע מענ־טשעלעך מיט קליינע האַסאָגאָס“ אַף פאָלגנדיקן אופן:
„אַן אָנגעלייגטער בריס“ — Торжество
„נאַכעס פון קינדער“ — Семейная идиллия
„נישט פאַר קיין יידן געדאַכט“ — Он тронулся

[10] שהשמחה במעונו (שעהאַסימכאָ בימעוי־נוי) — וואָס די סימכע איז אין זיין שטוב.

א. פריבלודע

אויסשטעלונגען פון די ווערק פון יידישע מאָלער

אין רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ האָט זיך איינגעבירגערט א גוטע טראַדיציע: פון צייט צו צייט ווערן אין די אַרבעטס־צימערן עקספּאָנירט די נייַ־סטע ווערק פון די מייַסטערס פון דער יידישער סאָוועטי־שער מאָלערייַ־קונסט. דאָס זיינען עמעסע קונסט־אויס־שטעלונגען, האַגאַם קליינינקע, אַזוי צו זאָגן — קאַמער־נע, קימאַט היימיש. די אויטאָרן פון די בילדער טרעפן זיך, ווי דער שטייגער איז, אין רעדאַקציע, און בא די עקספּאָנירטע ווערק ווערן פאַרפירט שמועסן, דיסקוסיעס, בייס וועלכע מע באַהאַנדלט נייַע שעפערישע אידייען, נייַע פּראָבלעמען פון דער מאָלערייַ־קונסט. עס איז איבעריק צו באַטאָנען, אַז אַזעלכע אויסשטעלונגען האָבן אַן ערנסטע ווירקונג אַף דער ווייַטערדיקער אַנטוויקלונג פון אָט דעם מין קונסט.

איז לאָמיר, טייַערער לייענער, א שפּאַציר טאָן, צוזאַמען מיט די קינסטלער, איבער די רעדאַקציע־צימערן, ווו די ווענט זיינען איצט געדעקט באַהאַנגען מיט בילדער, צייכ־נונגען, עסקיזן. אָט איז א פּאָרטרעט, וואָס גיט אונדז א ציִ צו זיך, ווי א מאַגניט, ער צווינגט אונדז זיך אָפּ־צושטעלן. פאַר אונדזערע אויגן שווימען דורך זיכרוינעס פון די לאַנג פאַרלאָפענע קינדער־יאָרן. דאָס איז, דעם עמעס געזאָגט, ניט בלויז א פּאָרטרעט, נאָר א פאַראַלגע־מיינערנדיק געשטאַלט, וואָס באַווייַזט מיט גרויסער קינ־סטלערישער קראַפט דעם לעבנשטייגער פון די קליינ־שטעטלדיקע יידן אין פאַררעוואָליוציאָנערן רוסלאַנד. מיר האָבן אין זינען א. גלוסקינס בילד „דער באַלעגאָלע“.

דעם עלטערן דאָר סאָוועטישע יידן איז דער לעבעדיקער פּראָטאָטיפּ פון אָט דעם בילד גוט באַקאַנט — ער האָט

זיך מיט אים געטראָפן אין קלײנעם שטעטעלע, פונוואַנען ער שטאמט, ער האָט וועגן אים געלײענט אין די ווערק פון שאָלעם־אַלײכעם, מענדעלע, ער האָט אים געזען אַלס קינסטלעריש געשטאַלט אויף די לײַוונטן פון די גרויסע ייִדישע קינסטלער מאַרק שאַגאַל, יעהודע פּען און אַנד. אָבער פאַר דעם יונגן דאָר איז אַזאַ געשטאַלט אַ שטיק געשיכטע. דער קלײנשטעטלדיקער פורמאַן איז שוין פון לאַנג אַ פאַרגעסענע פיגור. איר וועט אים ניט טרעפן אין די קלײנע שטעטלעך, אַפילע אויף אַ פאַרוואָרפענער באַנסטאַנציע. אומעטום זײַנען די באַלעגאָלישע בוידן פאַרביטן מיט טאַקסי־מאַשינעס. און מיר זײַנען דאַנקבאַר דעם קינסטלער אַ. גלוסקין, וועלכער האָט אומגעקערט דעם הײַנטיקן צושויער צו אַ ווינקעלע פון אונדזער פאַרגאַנגענהײַט. פון גלוסקינס לײַוונט קוקט אַראָפּ אַ פאַרגרעבט, פאַרווינטיקט פּאָנעם, געדיכט באַוואַקסן מיט אַ ברײטער געלער באָרד. דער קאַרטוז איז בײַ אים פאַרוקט הויך אויפן שטערן. זײַנע טנועס גיבן אײַך אָנצוהערן, אַז איר דאַרפט זײַן געהיט מיט אַ וואָרט, ווײַל איר קאָנט קריגן רעשט, און דאָס וועט אײַך קײן איבעריקן טײַנעג ניט פאַרשאַפן...

דאָס גאַנצע, מישטײנסגעזאָגט, פאַרמעגן פון אָט דעם באַלעגאָלע באַשטײט פון אַ פּאַטאָנדל, וואָס איז אינדערעמעסן ניט מער ווי אַ וועגעלע מיט זײער סקריפּענדיקע רעדער, פון וועלכע עס שמעקט פאַר אַ מײַל מיטן רײעך פון דזעגעכץ. אין אָט דעם וועגעלע איז אײַנגעשפּאַנט אַ מאָגערע קליאַטשע, וועלכע דער באַלעגאָלע טרײַבט אונטער מיט אַ טרויעריק ניגנדל: „וויאָ, וויאָ, נעווײלע! רוק זיך, רוק זיך, פּעגירע!“

פון די בילדער אויף דער אויסשטעלונג, וועלכע מאָלן ייִדישע טיפּן פונעם אַמאָליקן קלײנעם שטעטעלע, ציט באַזונדערס צו די אויפמערקזאַמקײַט דאָס זײער טאַלאַנטפולע לײַוונט פונעם קינסטלער אַמשײ ניורענבערג. אַ מעסיבע פון שאָלעם־אַלײכעמס העלדן האָט זיך פאַרזאַמלט אַרום דעם פּאָרטרעט פון זײער שרײַבער, וועלכער האָט מיט אַזויפיל הומאָר געמאָלט די קלײנע מענטשעלעך מיט גרויסע האַסאָגעס. אין פּאָדערגרונט שטײט מיט אַ גאַדלעסדיקער מינע שמועל שמעלקיס. אין דער פּאָזע פון אַ נעגידישער מויד זיצט כאַוועלע טשאַפּניק. מיט נאַכעס קוקן אויפן פּאָרטרעט דער פעטער פּיניע, דער קאַצעוו מוישע, מענאַכעם־מענדל און אַנד. און אָט איז ער אַלײן — טעוויע! איר קוקט אויפן בילד, אויף די אַלטמאָדישע נאַיִווע ווערטלזאָגערס, וועלכע מײנען, אַז די גאַנצע וועלט איז אײן קאַסרילעווקע, און עס קומען בײַ אײַך אויף געדאַנקען וועגן טכום, וועגן דעם אָרעמען אַמאָל...

עס דערמאָנט זיך די צײכענונג פונעם באַרימטן רוסישן קינסטלער וו. פּעראָוו — „גאַגאָלס העלדן גײען אויף דער לעווײַע פון זײער אַווטאָר“. דעם שרײַבערס אָרן ווערט באַגלײט דורך זײַנע פּערסאָנאַזשן. יעדער אײנער פון זײ איז באַוויזן אין דער פּאָזע און מיט די מינעס, מיט וועלכע עס האָט אים באַטײלט גאָגאָל. דער פאַרגלײַך, וואָס קומט אונדז אויפן זינען, איז אַ פּינקטלעכער, — ניורענבערג מאָלט די פּערסאָנאַזשן פונעם „ייִדישן גאָגאָל“.

דער פאַקט, וואָס ביז איצט דינען נאָך פאַר די ייִדישע מאָלערײַ־קינסטלער אַלס טעמע פאַר זײער שאַפונג די שאָלעם־אַלײכעם־געשטאַלטן, איז אַ דערפרײענדיקער: אָן אַ שיר טעמעס און סוזשעטן, וועלכע די שאָלעם־אַלײכעם־געשטאַלטן טראָגן אונטער דעם קינסטלער פאַרטיקערהײט, מיט אַלע טנועס און האַוואַיעס, מיט אַלע שטײגערישע רודימענטן, האָבן נאָך אַלץ, צום באַדויערן, ניט געפונען קײן פּלאַץ אויף די קינסטלערישע לײַוונטן. עס קלינגט עפּשער מאָדנע, נאָר דאָס איז פּאָרט אַ רעאַלער פאַקט, אַז מיר האָבן ווייניק, פאַרדריסלעך ווייניק, אילוסטראַציעס צו די פילצאָליקע שאָלעם־אַלײכעם־ווערק. און די אילוסטראַציעס, וועלכע זײַנען יאָ פאַראַן, זײַנען ניט שטענדיק געלונגען.

דער קינסטלער פּ. מאָליאַר האָט זײער געלונגען אילוסטרירט אײ. באַבעלס דערצײלונג „קאַרל־יאַנקל“. די אידײיִשע שטימונגען און עסטעטישע אָנשויונגען פונעם שרײַבער און פונעם אילוסטראַטאָר פאַלן אינגאַנצן צונויף. דאָס װעלן מיר אָבער ניט זאָגן וועגן מאָליאַרס בילד „די רײַטער־אַרמײ“. דאָ איז דער רעאַליזם פאַרביטן מיטן סטיל פון דער אַזויגערופענער „רײנער קונסט“. עס איז שוין געוויס צײַט, אַז באַבעלס רעאַליסטישע נאָוועלן וועגן בירגערקריג זאָלן באַקומען ווירדיקע רעאַליסטישע אילוסטראַציעס.

אַ שטאַרקן אײַנדרוק מאַכן אויפן צושויער די פּאָרטרעטן פון ראָבערט פאַלק, וועמעס מאָנאָגראַפישע אויסשטעלונג איז ניט לאַנג צוריק באַוויזן געוואָרן אין די זאַלן פונעם מאָסקווער פאַרבאַנד פון די קינסטלער און איז דורכגעגאַנגען מיט אַ פאַרדינטן דערפאָלג. אויף פאַלקן האָט מען שטענדיק געקוקט, ווי אויף אַ מײַסטער, וואָס איז פײַיִק אַרײַנצוגיסן אַ פרישן שטראָם אין דער אַקאַדעמישער מאָלערײַ־קונסט. אויף דער אויסשטעלונג, וועלכע מיר באַהאַנדלען דאָ, איז אָט די האָפענונג באַרעכטיקט געוואָרן אין צווײ ווערק — אינעם „אַווטאָפּאָרטרעט“ און אינעם „פּרויען־פּאָרטרעט“.

דעם פּאָרטרעט פונעם קלאַסיקער פון דער הײַנטצײַטיקער פּוילישער פּאָעזיע — יוליִאַן טוווים — מאָלט דער קינסטלער וו. מידלער. עס טײלן זיך באַזונדערס אויס די אויגן פונעם פּאָעט — פאַרטראַכטע אויגן, וואָס קוקן אין דער ווײַט, ווי עפּעס זוכנדיק, ווי צוהערנדיק זיך צום פּולס פונעם אײגענעם האַרצן, צו די אײגענע געדאַנקען, וועלכע וועקן צו אַקטיוון קאַמף. וו. מידלער האָט געמאָלט דעם דיכטער אין יענעם פּעריִאָד, ווען יענער האָט געשריבן די באַגײַסטערטע לידער „ערשטער מײַ“ און „צום פּאָשעטן מענטשן“, אין וועלכע עס קלינגט אַ וואָרענונג וועגן דער געפאַר פון אַ נײַער מילכאָמע. דער פּאָרטרעט, וואָס איז געגעבן אין גרין־ברוינע טענער, דריקט פּרעכטיק אויס דעם דיכטערס געדאַנקען, דערבײַ האָט דער קינסטלער אויסגעמיטן די מאָמענטן פון אידעאַליזאַציע און סענטימענטאַליזם.

דער מאָלער וו. לעוויק טרעט אַרויס מיטן פּאָרטרעט פון יורי דאָמבראָווסקי. דאָס געשטאַלט איז באַוויזן לעבעדיק און באַוועגלעך. דער קינסטלער פּאָרשט נאָך יעדע באַוועגונג פון זײַן העלד, ער באַמיט זיך צו פאַרשטײן די טיפקײַט פון זײַן נעשאָמע. דאָס גיט זיך אים אײַן, ווײַל ער, דער קינסטלער, גײט דאָ אַרויס פון רעאַליסטישע פּאָזיציעס, וועלכע באַזירן זיך אויף די הײַנטצײַטיקע עסטעטישע פּאָדערונגען.

ל. זעווינס „אַווטאָפּאָרטרעט“ איז אַזוי נאַטירלעך, פּאָשעט און טיפזיניק, אַז דעם צושויער איז פּאָשעט שווער אָפּצורײַסן די אויגן פונעם בילד. ווונדערלעך איז בײַ אים די פּלאַסטישקײַט, דער קאָלאָריט און די פּראָפּאָרץ צווישן די ברוינע טענער.

דאָס נאָרוואָס געזאָגטע איז שײַעך אויך צו מ. גאָרשמאַנס לײַוונט „פאַרטיפט אין געדאַנקען“. מיר זעען פאַר זיך אַ מענטשן אין אַ מאָמענט, ווען עס ווערן פאַרווירקלעכט זײַנע שענסטע געפילן, ווען ער דערגרײכט אַזאַ מאַדרײגע, אַז פאַר אים אַנטפּלעקט זיך דער סאָד, וויִאַזוי

עס ווערן פאַרווירקלעכט זײַן גלויבן, זײַנע האָפֿענונגען, שטרעבונגען.

עס ווילט זיך זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן דעם טאַ־לאַנטפֿולן גראַפֿיקער מאַרק קלײַאַנסקי. ווען מע קוקט אױף זײַנע לעניניסטישע ליטאָגראַפֿיעס — „זיי וועלן לעבן בעסער, איידער מיר", „איצט זײַט איר די באַלעבאָטים פֿון דער ערד", — דערפֿילט איר אַ טיפֿע אַכטונג צו אָט דער רעאַ־ליסטישער קונסט, וואָס איז געווען אימשטאַנד צו שאַפֿן דאָס לענין־געשטאַלט מיט אַזאַ גרויסער לעבנס־קראַפֿט און אויפֿריכטיקייט.

אױף דער אויסשטעלונג טרעט אַרויס אויך איינער פֿון אונדזערע אַנגעזעענסטע קינסטלער טאַנכום קאַפּלאַן. צו־ליב זײַן כשיוועס דערמאָנען מיר וועגן אים קימאַט אַפֿן לעצטן אָרט, ווײַל מיר ווילן דערמיט באַטאָנען נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, אַז די ייִדישע טעמאַטיק אין דער מאָלערײַ־קונסט איז אַן עמעסע קאַרקע־באָסולע, אַ צעלינאַ. דאָ ליגט פֿאַר אונדז אַ ריזיק, נאָך קימאַט ניט געריִרט פֿעלד פֿון אַרבעט.

שיין, רײַך און אינטערעסאַנט איז דער פּייזאַזשן־אָפּטייל פֿון דער רעדאַקציאָנעלער אויסשטעלונג. קודעמקאָל דאַרף מען דאָ אָפּמערקן די מאַסקווער פּייזאַזשן „דער גרויסער טעאַטער", „פּושקין־פּלאַץ", „פּערלינג". זייער אוטאָר איז דער העלד פֿונעם סאָוועטפֿאַרבאַנד מ. גוּ־רעוויטש. ער מאָלט פּאַשעט, נאַטירלעך, אויסדריקלעך. גרויסן עסטעטישן פֿאַרגעניגן רופֿן אַרויס די פּייזאַזשן פֿון שײַע בראַנשטיין „גאָרקי לענינסקיִע", די פּייזאַזש־עסקיזן פֿון וו. לעוויק, אי. זיסמאַן, וו. מידלער, ב. טאַר־נאָפּאָלסקי, נ. אַלפּערט.

די איניציאַטאָרן פֿון דער אויסשטעלונג פֿאַרדינען אַ גרויסן יאָשער־קויעך פֿאַר פּאָפּוליאַריזירן און סטימולירן די ייִדישע סאָוועטישע מאָלערײַ־קונסט.

ל. וואַרשאַווסקי
קאַנדידאַט פֿון קונסטקענטעניש

נאַטאַן אַלטמאַן — מיטגליד־קאָרעספּאָנדענט פֿון דער דײַטשישער קונסט־אַקאַדעמיע

דער אָנגעזעענער סאָוועטישער קינסטלער נאַטאַן אַלט־מאַן איז אויסגעוויילט אַלס מיטגליד־קאָרעספּאָנדענט פֿון דער דײַטשישער קונסט־אַקאַדעמיע.

די קינסטלער פֿון דער הויפּטשטאָט פֿון דער דײַטשי־שער דעמאָקראַטישער רעפּובליק האָבן איינמוטיק אָנגע־נומען דעם דאָזיקן באַשלוס ווי אַן אָנערקענונג פֿון די פֿאַרדינסטן, וואָס נאַטאַן אַלטמאַן האָט אין געביט פֿון מאָלערײַ, סקולפּטור און טעאַטראַל־דעקאָראַטיווער קונסט.



נײַעס פֿון אויסלאַנד

פֿינף רומפֿולע יאָר

ס'איז געוואָרן 5 יאָר, זינט עס האָבן אָנגעהויבן דערשײַנען די צײַטונגען פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פֿון ייִסראָעל „זו האדערעך" און „דער וועג". אין שווערסטע באַדינגונגען, ווען די ייִסראָעלדיקע פּרעסע, אויסער דער קאָמוניסטישער, איז אַרומגע־כאַפּט מיט אַן אַטמאָספֿער פֿון שאָוויניסטישער הי־סטעריע און עקסטרעמען מיליטאַריזם, פֿירן די צוויי פֿאָלקס־צײַטונגען אַ העראָיִשן קאַמף אונטער דער פֿאָן פֿון פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם און פֿעל־קער־פֿרײַנטשאַפֿט.

„זו האדערעך" און „דער וועג" האָבן אין משעך פֿון די פֿינף יאָר געהאָלפֿן מיט זייערע מוטיקע אַרויסטרעטונגען דער קאָנסאָלידאַציע פֿון די פּראָגר־עסיווע קויכעס אין לאַנד, וועלכע טרעטן אַרויס קעגן דעם אַגרעסיוון קריג, פֿאַר אײַנשטעלן אַ גע־רעכטן שאָלעם אױפֿן נאָענטן מיזרעך, דאָס איז אַ ווער־דיקער בײַטראָג צום פּראָצעס פֿון אויסניכטערונג פֿונעם מיליטאַריסטישן טשאַד אין ייִסראָעל.

„סאָוועטיש היימלאַנד" באַגריסט פֿון פֿולן האַרצן די שוועסטער־צײַטונגען „זו האדערעך" און „דער וועג"!

די ערשטע ייִדישע קהילע אין אייראָפּע

אין דער דײַטשישער פֿעדעראַטיווער רעפּובליק איז דערשינען אַ בוך „די געשיכטע פֿון דער ייִדישער קהילע אין וואָרמס", וואָס איז געווען די ערשטע ייִדישע קהילע אין אייראָפּע.

אין וואָרמס האָט געלעבט דער קאָמענטאַטאָר פֿון טאַנאַך — רש"י (רבינו שלמה יצחקי) און אַנדערע באַרימטע מיטלאַלטערלעכע ייִדישע געלערנטע. די ערשטע וואָרמסער סינאַגאָגע איז אויפֿגעבויט געוואָרן אין יאָר 1027. אָפֿן דאָרטיקן בעסוילעם זײַנען פֿאַראַן מאַצייוועס פֿון 11־טן יאָרהונדערט.

אַ מאָנאָגראַפֿיע וועגן מאַקס ריינהאַרדט

דער פּראָגער פֿאַרלאַג „אַרביס" האָט אַרויסגעגעבן אַ מאָנאָגראַפֿיע פֿונעם טעאַטער־פּאַרשער היינריך בראַוליש וועגן דעם לעבן און שאַפֿן פֿונעם גרויסן ייִדישן טעאַטראַלאָג מאַקס ריינהאַרדט. דער אוטאָר פֿון דעם בוך אַנאַליזירט גרינטלעך ריינהאַרדטס שאַ־פֿונג.

גאָגאָלס „אָוונטן אינעם כוטאָר לעבן דיקאַנקאַ" אױף איוריט

אין פֿאַרלאַג „ניומאַן" (טעל־אוויוו) איז דערשינען אַ באַנד פֿון גאָגאָלס ווערק. אינעם בוך גייען אַרײַן צען דערציילונגען, וועלכע זײַנען פֿאַראייניקט אונטערן נאָמען „אָוונטן אינעם כוטאָר לעבן דיקאַנקאַ". דער איבערזעצער איז י. אָרען. דאָס איז די ערשטע הע־ברעיִשע איבערזעצונג פֿון נ. גאָגאָלס ווערק.

נאָטיצן פון אַ יידישן בוקיניסט

„מעשיות ואיגרות"

אין אונדזער ליטעראַטור־פאָרשונג האָט זיך קאַנאָניזירט אַ מין סטאַנדאַרטע כאַראַקטעריסטיק וועגן דעם באַקאַנטן שרײַבער יוסף פּערל (1773—1839). ער ווערט דעריקער פאָרגעשטעלט אַלס קעמפעריש־דידאַקטישער מאַסקיל, און זײַנע עפּיסטאָליאַרע ווערק — ווי אַ שאַרפע פּאַראָדיע קעגן כאַסידיזם. דער בולטער ליטעראַטור־עסטעטישער כאַראַקטער פון זײַן שאַפן און די אייגנטימלעכע קינסטלערישע קאַוואָנעס פון דעם אַוטאָר זײַנען קימאַט אינגאַנצן פאַרזען געוואָרן. אַפילע אַזאַ באַדײַטנדיקער פאָרשער, ווי מ. ווינער, האָט, אין טאָך, איבערגעכאַזערט די טראַפאַרעטע אָפּשאַצונג פון זײַנע פאָרגייער. דאָס אַלץ איז געשען דערפאַר, ווײַל יוסף פּערלס ייִדישע קסאָווים האָבן ביז דער לעצטער צײַט זיך פאַרהיט נאָר אין קסאַוויאַדן און זײַנען ניט געווען צוגענגלעך פאַר דער פאָרשונג. אין דער קאַפּיטאַלער פאָרשערישער אַרבעט „צו דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין 19־טן יה." איז זיך מ. ווינער אָפן מוידע: „אונדז זײַנען באַקאַנט בלויז עטלעכע פראַגמענטן פון זײַן „מגלה טמירין"". ערשט ווען צו מ. ווינערן איז דערגאַנגען די ייִוואָ־אויסגאַבע פון „יוסף פּערלס ייִדישע קסאָווים" (ווילנע, 1937), האָט ער אײַנגעזען דעם פעלער און פאַרצייכנט פאָלגנדן טיקטאָעס אין זײַן נאָטיץ־בוך (1940, 20 יאַנוואַר):

„געלייענט פּערלס „ייִדישע קסאָווים". דאָס איז דאָך אַ פּראַכטפולער שרײַבער, אַן עמעסער קינסטלער. דער בריוו־אויסטויש — לויטן סטיל פון די פראַנצויזישע עפּיסטאָליאַרע ראָמאַנען... ביכלאַל פראַנצויזישער גײַסט פון אויפקלערונג אין דעם בוך, אָבער פון גאָר אַן אַנדערער אַטמאָספער און אין סאַטירישן אַספּעקט. אַ קלוגער, זייער געבילדעטער שרײַבער, פײַן, כיטרע אויסגעשפּונען, רײַכע פאַבל, שפּאַנענדיק, פול מיט אינטערעסאַנטן שטייגער־מאַטעריאַל. און וואָסער שפּראַך — אַ סאַמעטענע וווּנדערלעכע שפּראַך... דאָ האָט אַן עמעסער טאַלאַנט געשליפן און געאַרבעט סײַ אָף דער פאַבל און סײַ אָף דער שפּראַך. געשליפן מיט ליבע, מיט פאַרשטאַנד, קענטעניש און קולטור.

סאַראַ שאָד, וואָס די ווײַטערדיקע אַנטוויקלונג פון דער ליטעראַטור איז ניט געגאַנגען אָף דער דאָזיקער שפּראַך־באַזע.

אַ הערלעכער וואָלטעריאַנישער ראָמאַן. אויסגעצייכנטע פּראָזע איז אויך די מײַסע מיטן רעבן פון טשאָרניאַסטרע. אַזאַ פּראָזע איז ניט געווען ביז צו מענדעלען — און מענדעלע האָט אַזאַ פּראָסטע רעאַליסטישע פּראָזע ניט געקאָנט שרײַבן.

עפּעס פראַנצויזישעס אין דער קלאָרקײַט און שיינקײַט"[1].

לעצטנס איז אונדזער ליטעראַטור־פאָרשונג באַרײַכערט געוואָרן מיט אַ נײַער וויכטיקער אַנטדעקונג, וואָס וועט באַשטימט פאַרברייטערן די פאָרשטעלונג וועגן יוסף פּערל אַלס מאַסקיל און שרײַבער. די געלערנטע כ. שמערוק און ש. ווערסעס האָבן אויסשיפּירט און פאַרעפנטלעכט אַ ווערק פון י. פּערל, וועגן וועלכן קיינער האָט ביז איצט ניט געוווּסט[2].

דאָס ווערק שטעלט מיט זיך פאָר אַן אייגנאַרטיקע ליטעראַרישע מיסטיפיקאַציע מיט דעם אויסרייד, אַז די „ספּורי מעשיות" זײַנען ניט קוילעל אַלץ, וואָס דער בראַצלאַווער האָט דערציילט, האָט י. פּערל, זעט אויס, פאַרקלערט צו שאַפן אַ נײַע סעריע מײַסעס, וועלכע זאָלן, קלוימערשט, שטאַמען פון דעם בראַצלאַווער.

קעדיי אָט די ווערסיע זאָל באַקומען אַ געוויסע אויטענטישקײַט, קלערט י. פּערל צו אַ ספּעציִעלן בריוו־אויסטויש וועגן דעם איניען צווישן אַ פּאָדאָליער כאָסיד אורעמל כמעלניקער און אַ גאַליציאַנער מוישע באַראַז, פון וועלכן עס דרינגט אַרויס, אַז בא דעם לעצטן זאָל זיך האָבן פאַרהיט ניט נאָר דער סאָף פון נאַכמען בראַצלאַווערס ניט פאַרענדיקטער „מעשה מאבידת מלכה", נאָר אויך זײַנע אַ לאַכלוטן אומבאַקאַנטע „מעשה מאבידת בן מלך".

דעם בריוו־אויסטויש און דעם צוגעטראַכטן סאָף וועגן דער פאַרלוירענער באַסמאַלקע האָט י. פּערל געשאַפן אין העברעיִש, די מײַסע וועגן דעם פאַרלוירענעם בען־מײלעך — אין העברעיִש און אין ייִדיש, לויט דעם מוסטער ווי דער בראַצלאַווער האָט געשאַפן זײַנע מײַסעס. שוין די באַזונדערע שפּראַכלעכע אייגנטימלעכקײַטן פונעם ווערק פאַרוואַנדלען עס אין אַ וויכטיקן קוואַל צו פאָרשן די געשיכטע פון די ליטעראַרישע סטילן אין ביידע ליטעראַטורן.

דער ייִדישער וואַריִאַנט געהערט צו די ערשטע ליטעראַרישע דענקמעלער, אין וועלכע עס מערקט זיך אָן אַ נײַער ווענדפּונקט אין דער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער שפּראַך, ווען די שרײַבער האָבן, לויט מ. לעפינס טרעפלעכער פאָרמולירונג, „געפּולניוועט זיך מקרב זײַן צו אונדזער לשון און פונעם דײַטשן (זיך) מרחק זײַן". מיט דעם „פּולניווען זיך שרײַבן אַזוי ווי עס ווערט הײַנטיקן טאָג צווישן אונדז געשמועסט" האָט די נײַע ליטעראַטור זיך דערווײַטערט פון דעם דײַטשמערישן שפּראַך־קאַנאָן, וואָס האָט געהערשט אין דער אַלט־ייִדישער ליטעראַטור, און עס איז פאַרזייט געוואָרן די ערשטע זוימען פון אַ נײַעם שפּראַכלעכן נוסעך אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

אויב דער ייִדישער וואַריִאַנט שטעלט מיט זיך פאָר דעם אָנהייב פון אַ נײַער טקופע, איז דער העברעיִשער וואַריִאַנט גיכער דער סאַכאַקל פון אַ סטיל, וואָס האָט געהערשט אין דער העברעיִשער ליטעראַטור אין מעשעך פון עטלעכע יאָרהונדערט. די אייגנאַרטיקײַט פון אָט דעם סטיל באַשטייט אין דעם, וואָס ער האָט זיך אויספאָרמירט אין דעם מעדיִום פון איוורע־טײַטש, אײַנגעזאַפּט אין זיך דעם אַראָמאַט פון אירע אידיִאָמען און פראַזעאָלאָגיע. און אָפטמאָל האָט דער „טײַטש" די אויבערהאַנט איבער דער „איוורע". פאַר אַ ניט ייִדיש־רײדנדיקן בלײַבן אינגאַנצן אומפאַר־

[1] וועגן מייער ווינערס ליטעראַרישער יערושע — זע „סאָוועטיש היימלאַנד" 1968, נומ. 10, ז. 64.

[2] יוסף פרל: מעשיות ואיגרות מצדיקים אמיתיים ומאנשי שלומינו. ירושלים תש״ל.

שטענדלעך אזעלכע אויסדרוקן, ווי למשל: וכך הכה את עצמו (אזוי האָט ער זיך דערשלאָגן), לראות מה איש הוא (צו זען, וואָס פאר א מענטש איז ער), הוא מחזיק עליך (ער האלט פון דיר) אדג. אין דעם העברעיִשן שפּראַכסטיל איז געשאפן געוואָרן דער באריםטער „ספר חסידים“, דער גרעסטער טייל פון דער שיי־לעס־אוטשוועס־ליטעראטור, די ליטעראטור פון דעם כאסידיזם און אויך פיל באדייַטנדיקע ווערק פון די ערשטע מאסקילים (מ. לעפין, י. פערל אא.). פאראן, אזויארום, א גאנץ רייַכע ליטעראטור אין העברעיִש, וואָס אָן גרינטלעכע ייִדישע קענטענישן איז ניט מעגלעך צו באנעמען איר פולן באדייַט.

י. פערלס נייַ געפונען ווערק רופט ארויס אן אינטערעס ניט נאָר אדאנק זייַנע באזונדערע שפּראכלעכע מייַלעס, נאָר דעריקער צוליב דעם, וואָס דאָס איז א וויכטיקער ליטעראריש־קינסטלערישער דאָקומענט וועגן דעם אידייִשן געראנגל אין דער ייִדישער סוויווע פון יענער טקופע. ניט קוקנדיק אף דעם געפלעכט פון רעאליסטיש־סקעפּטיש־פּעסימיסטישע אינטאָנאציעס, איז דאָס ווערק אף דורך און דורך דורכגעזאפט מיט אָפּטימיזם. דאָס איז א רעזולטאט פון י. פערלס גלויבן, אז די מענטשן זייַנען מעסוגל זיך צו באפרייַען פון דעם פאנאטיזם.

דער רעליגיִעזער אָפּטימיזם אין נאכמען בראצלאווערס מייַסעס האָט אין זיך, אין טאָך, אָן א שיר מאָרעשכוירע, בייס י. פערלס ראציאָנאליסטישער פעסימיזם — אָן א שיר גלויבן אינעם מענטשלעכן קויעך.

אין נאכמען בראצלאווערס מייַסעס איז פאראן א בוילעטער ווידעראנאנד צווישן מאטעריע און גייַסט. דער שטאָף, מיט וועלכן ער באנוצט זיך, איז מערסטנטייל א וועלטלעכער, און דאָס קומט אָפּטמאָל אין א סטירע מיט זייַן אייגענעם רעליגיִעזן וועלט־געפיל. און נאָר אדאנק זייַן רייַכער דיכטערישער פאנטאזיע גיט זיך אים אייַן צו פארווישן די שפורן פון אָט דעם אינערלעכן אייַנרייַס.

בא יויסעף פערל קומט פאָר א שעפערישער פּראָצעס פון א דיאַמעטראל קעגנזעצלעכן כאראקטער. זייַן קאָנסעקווענט־קעמפערישן ראציאָנאליזם קומט אויס זיך צו ראנגלען מיט אן איראציאָנעלער און עקזאלטירטער וועלט. דער שטאָף, מיט וועלכן י. פערל אָפּערירט, איז דאָסראָוו א רעליגיִעז־פאנטאסטישער, און ניט שטענדיק גיט זיך אייַן אים צו ראציאָנאליזירן. דאָס שטערט, ערטערווייַז, דעם קינסטלערישן גלייַכגעוויכט פונעם ווערק. ער ווערט אָבער צוריק אופגעשטעלט אדאנק דער דינאמישקייַט פון די געשילדערטע סיטואציעס, אדאנק דער שארפזיניקייַט פון די דיאלאָגן.

„דאָס ערגסטע, — פירט אויס י. פערל, — באשטייט ניט אין דעם, וואָס דאָס שלעכטע איז שלעכט, נאָר וואָס די מענטשן דאכט זיך, אז עס איז גוט“. י. פערל איז אָבער באהערשט פון א שטארקן גלויבן אין די מעגלעכקייַטן פון דעם מענטשלעכן פארשטאנד. ער זעט פאָר פאר דעם מענטשן א פערספּעקטיוו פון עלדאָראדאָ — אויב ער וועט זיך באפרייַען פון די זינלאָזע פרינציפּן און לאָזן זיך פירן לויט די פרינציפּן פונעם סייכל.

אזא, אייגנטלעך, איז דער גרונט־געדאנק פון דער „מעשה מאבידת בן מלך“. י. פערל דערהייבט זיך אין איר צו די אידייִשע הייכן פון יענע אייראָפּעיִשע אופקלערער, וועלכע בעלינסקי האָט געקרוינט אלס „נאָבעלע ריכטער פון דער מענטשהייַט“. דאָס איז באזונדערס קאָנטיק אין דעם לעצטן אקאָרד פון י. פערלס מייַסע: „און מחמת דעם, וואָס מע האָט דעם נאָמען צדיק אזוי מבזה גימאכט, האָט ער א באפעהל גיגעבן אז מהיום ההוא והלאה טאָר מען קיינים נישט רופן צדיק. נור א פרומער ערלעכער מענטש זאָל הייסן מענטש. און דאָס ביסל, וואָס האָבן קיין תשובה נישט געטאָן און זענען גיבליבן בא זייערע פריערדיקע הולטייַסקי זאכן, זאָל מען רופן הינט. אין א קורצער צייט האָבן די מענטשן די הינט גובר געווען און האָבן זיי גאָר אויס דער מדינה געפּאטערט. און עס איז אין דער מדינה קיין איינציקער הונט ניט געבליבן, דאָס הייסט קיין איינציקער, וואָס זאָל נישט ווערט גיוועזן זייַן, ער זאָל הייסן מענטש“.

ל. פאָדריאטשיק

ליובע טשערניאק

דעם 29 סענטיאבער ד. י. איז נאָך א דויערנדיקער שווערער קרענק געשטאָרבן אין עלטער פון 65 יאָר די ליטעראטור־קריטיקערן ליובע טשערניאק.

מיט 43 יאָר צוריק, אין 1927, האָט ל. טשערניאק דעביוטירט מיט א ליד אין כארקאָווער זשורנאל „רויטע וועלט“. אין יענער צייַט איז זי שוין געווען אן אקטיווער מיטגליד פון דער ליטעראַרישער גרופּע „יונגוואלד“.

ליובע טשערניאק איז ארויסגעטראָטן מיט לידער און ליטעראַרישע ארטיקלען אין פארשיידענע ייִדישע סאָוועטישע צייַטשריפטן. די לעצטע צייַט האָט זי געגרייט אן אנטאָלאָגיע פון דער ייִדישער סאָוועטישער פּאָעזיע, וואָס האָט געזאָלט דערשייַנען אין מאָסקווער „גאָסליטיזדאט“. ליידער, האָט איר די קרענק ניט געגעבן קיין מעגלעכקייַט צו דערפירן אָט די ארבעט ביזן סאָף.

שוין אינעם ערשטן נומער פון „סאָוועטיש היימלאנד“ איז ל. טשערניאק ארויסגעטראָטן מיט אן ארטיקל „בא ביראָבידזשאנער שרייַבער“. שפּעטער האָט זי פארעפנטלעכט אין זשורנאל אָפּהאנדלונגען וועגן דער שאפונג פון בוזי מילער, שמועל ראָסין, יאשע זעלדין, ליובע וואסערמאן.

ליובע טשערניאק איז געווען א הארציקער, באשיידענער מענטש. אין מעשעך פון איר גאנץ באוווּסטזיניק לעבן האָט זי זיך געמיט לעטויוועס דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור.

ערע איר אָנדענק!

קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע

וועגן איינעם א „העלד" פון סקאַנדאַליעזע היסטאָריעס

ס'איז אַלגעמיין באַוווּסט, אז פאר דער עפנטלעכקייט לעבט א שרייבער בלויז אין זיין שאַפונג. דער באַרוף פון א שרייבער און זיין אויסשליסלעכער כיוון איז — פריִער פאר אַלץ געבן דעם לייענער ווערק, און דערנאָך, אויב דערויף איז דאָ א סיבע, קאָן ער, אזוי צו זאָגן, זיך דערלויבן צו באַלעסטיקן דעם לייענער מיט „זיין ווייניקייט". פונקט ווי א בוים: איידער אריין אינעם קרוינען־געדויש, לאָזט ער טיפע וואָרצלען אין דער ערד, שיכטעט אָן לייב און קאָרע...

צווישן די שרייבער טרעפט מען אָבער, צום באַדויערן, אויך אזעלכע, וואָס פארהאַלטן זיך אין זיקאָרן באַם לייענער ניט מיט ווערק, נאָר מיט סקאַנדאַליעזע היסטאָריעס. בא אונדז איז א ביישפּיל דערצו דער אוטאָר פון א דינינק ביכלעך לידער, וואָס איז ארויסגעגאַנגען מיט 27 יאָר צוריק, — י. קערלער.

וואָס האָט געטראָפן מיט קערלערן? מיט אים איז פארלאָפן ווייט ניט קיין ליטעראַרישע פּאַסירונג. פאר די לעצטע יאָרן, בייס די ייִדישע סאָוועטישע שרייבער, יעדערער לויט זיינע קויכעס, האָבן געקרעפטיקט דעם העמשעך פון אונדזער ליטעראַטור, — האָט י. קערלער זיך גענומען צום פארפאַסן פאר דער עפנטלעכקייט, — ניין, ניט קיין ליטעראַרישע ווערק, נאָר מעלדונגען וועגן דעם, אז ער וויל פארלאָזן דאָס לאַנד פון זיין געבוירן, דעם סאָוועטנפאַרבאַנד, און אריבערפאָרן קיין ייִסראָעל.

וועגן אָט דעם פאַל דאַרף מען ריידן אָפן און קלאָר, קעדיי פארמאַכן דעם וועג פאר ספּעקולאַציעס. נאַטירלעך, ס'איז קערלערס זאַך, אין וועלכן לאַנד צו לעבן. נאָר איינס דאַרף געזאָגט ווערן מיט דער גאַנצער קאַטעגאָרישקייט: אַף וויפל פאַרן לעצטן יאָרצענדליק, וואָס איז אין אונדזער ליטעראַטור פארצייכנט מיט קימאַט 100 בענדער „סאָוועטיש היימלאַנד" און מיט פיל נייע ביכער פון די היינט פונקציאָנירנדיקע סאָוועטישע ייִדישע שריפטשטעלער, אַף וויפל פאר דער דאָזיקער גאַנץ לאַנגער צייט האָט קערלערן, וואָס איז שוין אַלט דריי און פופציק יאָר, זיך ניט איינגעגעבן צו שאַפן אין ליטעראַרישן צעך עפּעס־וואָס ווערטפולס, און די יאָרן גייען, צום מאָגערן ביכלע פונעם 1943 איז גאָרנישט ניט צוגעקומען (אויב ניט רעכענען די אומבאַהאָלפענע פערזן, פארעפנטלעכטע פאר די לעצטע יאָרן אין אייניקע אויסלענדישע צייטונגען), — האָט ער צוגעטראַכט פאר זיך דעם אַמפּלוא פון א הון, וואָס סטראַשעט, אז זי וועט יאָ לייגן דאָס איי, נאָר — אַף אַן אַנדער נאַסידעלע...

ס'איז קיין צווייפל ניט, אז ניט נאָר די ייִדישע לייענער — אויך די רעדאַקטאָרן פון די אַנטיסאָוועטישע ייִדישע צייטונגען וועלן זיך ניט דערמאָנען קיין איין טאָכיקע, פאר די לעצטע יאָרן, דיכטערישע שטעל פון קערלערן דעם דיכטער. דערפאַר אָבער רייבט מען זיך מיט פארגעניגן די הענט, ווען קערלער טוט נעמען גוואַלדעווען: איך וויל ניט זיין דאָ, איך וויל אַהין!

מיר ווייסן ניט, צי די מיינונג פון דער ליטעראַרישער געזעלשאַפטלעכקייט דאַרף אין אָט דעם איניען עפּעס־וואָס באַשיידן, נאָר בא דער געלעגנהייט קאָן געזאָגט ווערן, אז — זאָל ער זיך גיין אַהין, קערלער; פון דעם וועט דאָך די ליטעראַטור אונדזערע זיכער קיין העזעק ניט האָבן, און וואָס איז שייך דער ייִסראָעל־ליטעראַטור, דאַרף מען ניט זיין קיין גרויסער נאָווי, קעדיי פארויסזען, אז דאָרט וועט ווערן מיט איין איבערגעשטאַנענעם אָנפאַנגער מערער.

פארלירנדיק יעדע מאָס אין זיך (דערווייל נאָך מיט א מיטגלידס־ביכל פונעם סאָוועטישן שרייבער־פאַריין אין קעשענע!), האָט קערלער דעם 20־טן סענטיאַבער ד. י. פארעפנטלעכט לידער אין דעם ניו־יאָרקער אַנטיסאָוועטישן „פאָרווערטס". דער „פאָרווערטס" איז ווערט די פּאָעזיע פון קערלערן, און קערלער איז ווערט דעם „פאָרווערטס"...

מע מעג אָפּשטעקן א מאַזלטאָוו די פּראָפּאַגאַנדיסטן פונעם קאַלטן קריג אַף דער ייִדישער גאַס: זייער אַרסענאַל איז באַרייַכערט געוואָרן מיט נאָך איין נישטיקער אַנטיסאָוועטישער „סענסאַציע".

כראָניק

נײַס פון ביראָבידזשאַן

אין דער ביבליָאָטעק אף שאָלעם־אַלייכעמס נאָמען

פאַרן יאָר 1970 איז אין דער געגנטלעכער ביבליָאָטעק אף שאָלעם־אַלייכעמס נאָמען צוגעקומען העכער 6 טויזנט ביכער, צווישן זיי א היפּשע צאָל ייִדישע. עס וואקסט דער נאָכפרעג אף נײַער ליטעראטור בא אונדזערע לייענער, — דערציילן די קאַדראָווע ביבליָאָטעקערנס טשאַרנע מאַלער און פּאָלינע עפּשטיין.

צווישן די נײַע ייִדישע ביכער, וואָס זײַנען אָנגעקומען אין באַוועגלעכן אָפּטייל פון דער ביבליָאָטעק, זײַנען פאַראַן די לעצטע דערשינענע אויסגאבעס פון די ווערק פון לייב קוויטקאָ, דאָוויד האָפשטיין, שמועל האַלקין, ז. ווענדראָף, אַרן ווערגעליס, אַווראָם גאָנטאַר, שיקע דריז אאַ.

אין לייענזאַל פון דער ביבליָאָטעק קריגן די באַזוכער די פרישע נומערן פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" און פון דער צײַטונג „ביראָבידזשאַנער שטערן".

אַבלוטשיער מוזיק־שול

לעם דער דאָזיקער געבײַדע, וואָס געפינט זיך אף דער וואָקזאַל־גאַס פון דער שטאָט, שטעלן זיך די פאַרבײַגייער ניט ווילנדיק אָפּ, צוהערנדיק זיך צו די מעלאָדיעס, וואָס דערטראָגן זיך פון דאָרט. דאָס איז די אָבלוטשיער מוזיק־שול, אין וועלכער די קינדער פון די אַרבעטנדיקע באַקומען אונטער דער אָנפירונג פון געניטע פּעדאַגאָגן מוזיקאַלע אָנפאַנג־בילדונג. אייניקע דערצויגלינגען פון דער שול זעצן פאָר זייער בילדונג אין די מיטלע מוזיקאַלע לערן־אַנשטאַלטן.

האַיאָר לערנען זיך אין דער מוזיקשול בא 140 קינדער.

געסט פון מאָסקווע און ווילנע

אף דער בינע פונעם ביראָבידזשאַנער קולטור־פּאַלאַץ איז מיט דערפאָלג אַרויסגעטראָטן דער ליטווישער וואָקאַליש־אינסטרומענטאַלער אַנסאַמבל „עסטראַדע־מעלאָדיעס" אונטער דער אָנפירונג פונעם פאַרדינסטפולן אַרטיסט פון דער ליטווישער ססר יו. טישקוס.

* * *

מיטן ספּעקטאַקל „דער רויך פונעם פּאַטערלאַנד" האָט אין ביראָבידזשאַן אָנגעהויבן זײַנע גאַסטראָלן דער מאָסקווער אָרדענטרעגערישער טעאַטער אַפן נאָמען פונעם לעניניש קאָמיוג, וועלכער האָט באַוויזן די בעסטע שטעלונגען פון זײַן רעפּערטואַר: „מײַן אָרעמער מאַראַט", „104 בלעטלעך וועגן ליבע" און „אויס מיטן געווער".

* * *

עטלעכע אָוונטן נאָכאַנאַנד איז דער זאַל פונעם קולטור־פּאַלאַץ געווען איבערגעפּולט מיט ליבהאָבער פון עסטראַדע־מוזיק, וועלכע זײַנען געקומען אף די קאָנצערטן פונעם פּאָפּולערן מאָסקווער זינגער, דעם פאַרדינסטפולן אַרטיסט פון דער רעפּובליק יאָסיף קאָבזאָן.

ספּעציעל פאַר ביראָבידזשאַן האָט דער זינגער אײַנגעשלאָסן אין זײַן נײַער פּראָגראַם א ריי ייִדישע לידער — „אַבי געזונט", „דער אַלטער ציגײַנער" אאַ.

דער יובליי פון אַן אַרטיסט

די ביראָבידזשאַנער ליטעראַרישע און טעאַטראַלע געזעלשאַפטלעכקײַט האָט אָפּגעמערקט דעם זיבעציקסטן געבורטסטאָג פון איינעם פון די וועטעראַנען פון דער ייִדישער בינע, דעם אָנפירער פונעם ביראָבידזשאַנער ייִדישן פאָלקס־טעאַטער מוישע בענגעלסדאָרף.

געבוירן אין פּריצישן פּוילן בא אָרעמע עלטערן, האָט בענגעלסדאָרף, ווי אַנדערע אָרעמע ייִנגלעך, זיך געלאָזט אין דער וועלט אַרײַן זוכן גליק און אָנגעשפּאַרט אַזש אין אַרגענטינע. נאָך שווערע וואָגלענישן און מאַטערנישן קומט ער צו פאָרן אין סאָוועטנפאַרבאַנד. דאָ פאַרענדיקט ער די שול פון אַקטיאָרישער מײַסטערשאַפט באַם מאָסקווער ייִדישן מעלוכע־טעאַטער. שפּעטער פאָרט ער אַריבער קיין ביראָבידזשאַן און אַרבעט דאָרט אין ייִדישן טעאַטער.

ניט געקוקט אף זײַנע 70 יאָר, איז מוישע בענגעלסדאָרף פול מיט שעפערישער ענערגיע. די ביראָבידזשאַנעס האָבן וואַרעם און האַרציק באַגריסט זייער כאַשעווען באַל־יויוול.

ביראָבידזשאַנער בלומען

יאָמטעוודיק האָט אויסגעזען די האַרבסטיקע בלומען־אויסשטעלונג אין דער שטאָט ביראָבידזשאַן. זייערע עקספּאָנאַטן האָבן באַוויזן העכער צוואַנציק בלומענציכטלער און ליבהאָבער. די בלומענציכטלערן יאַנקאָווסקאַיאַ האָט אויסגעכאָוועט צוויי סאָרטן גלאַדיאָלוסן, וואָס הייסן „נעגער" און „אַמאַראַנטוס". דאָס פּאָרפּאָלק יאָפּע האָט עקספּאָנירט א רײַכע קאָלעקציע געאָרגינען און זי באַקרוינט מיטן נאָמען „פאַר שאָלעם".

א ווינקל פון אַן אָריגינעלער קאָלעקציע „געשאַנקען פון דער נאַטור" האָט אויסגעפּורעמט די אָרטיקע מעכאַניזירטע וואַלדווירטשאַפט. אף דעם סטענד האָט מען געקאָנט זען אַמורער ווײַנטרויבן, באַרבאַריס, שיפּאָווניק, קאַלינעס א. אנד.

די בעסטע בלומענציכטלער זײַנען באַלוינט געוואָרן מיט דיפּלאָמען און ווערטפולע מאַטאָנעס.

ביבליאָגראַפיע

אבע פינקעלשטיין

ביכער פון יידישע שרייבער, דערשינענע אין די יאָרן 1965—1969

פאַר די לעצטע פינף יאָר (1965—1969) זיינען אין סאָוועטנפאַרבאַנד דערשינען 175 ביכער פון 72 ייִדישע שרייבער און 7 ביכער־זאַמלונגען מיט אַן אַלגע־מיינעם טיראַזש פון העכער צוואַנציק מיליאָן 354 טויזנט עקזעמפּליאַרן. אין 6 ביכער זיינען די טיראַזשן ניט אָנ־געוויזן, אַזוי אַז דער פאַקטישער אַלגעמיינער טיראַזש איז נאָך א סאַך גרעסער, ווי מיר ווייזן דאָ אָן. די ביכער זיינען דערשינען אין ייִדיש, רוסיש, אוקראַיִניש, ווייסרוסיש, ליט־וויש, לעטיש, מאָלדאַוויש, גרוזיניש, קאַזאַכיש, אוזבעקיש, טורקמעניש, קירגיזיש, מאַרי און אויף איווריט, פראַנצויזיש, ענגליש און שפּאַניש.

מיר ברענגען דאָ די פולע ביבליאָגראַפישע רעשימע פון די דערשינענע ביכער לויט די אָנגאַבן פון דער אַלפאַרבאַנ־דישער ביכער־פּאַלאַטע (מעלוכישע ביבליאָגראַפיע).

די אַוטאָרן גיבן מיר לויטן סיידער פונעם ייִדישן אַלעפ־בייס. אויב א בוך איז דערשינען ניט אין רוסיש, ווערט אין קיילעכדיקע קלאַמערן אָנגעוויזן די שפּראַך, אויף וועל־כער דאָס בוך איז דערשינען. אויב דער איבערזעצער איז ניט אָנגעוויזן, באַטייט עס, אַז דאָס בוך איז איבערגעזעצט דורך א קאָלעקטיוו אַוטאָרן. די געקירצטע ווערטער ליי־נען זיך אַזוי: מ. — מאָסקווע; ז. — זייטן; בל. — בלאַט; עקז. — עקזעמפּליאַרן; איל. — איליוסטרירט (איליוסט־ראַציעס); צייכ. — צייכענונג (צייכענונגען); פּאָרטר. — פּאָרטרעט; איינב. — אין איינבונד; ר. — רובל. ק. — קאָפּעקעס; (אָ. ט.) — טיראַזש ניט אָנגעוויזן.

I. ביכער (פּראָזע און דיכטונג), דערשינענע אין ייִדיש אין מאָסקווער פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“

1. אָשעראָוויטש הירש. זונענגאַנג. לידער און פּאָעמעס. צייכ. — ד. ליאָן און ס. ווערכאָווסקי. רעדאַק־טאָר — אי. באָריסאָוו. 1969. 240 ז. איל. 2.400 עקז. 57 ק.

2. גאָנטאַר אוורהם. טויבן אויפן דאַך. לידער. צייכ. — יע. קאַהאַן. 1969. 276 ז. 3.000 עקז. 59 ק. רע־דאַקטאָר — מ. שולמאַן.

3. גאָרדאָן עליע. אין אייגענע קאַנטן. א ראָמאַן און דערציילונגען. צייכ. — ס. טעלינגאַטער. 1969. 444 ז. 7.000 עקז. איינב. 1 ר. 14 ק. רעדאַקטאָר — ע. פאַלקאָ־וויטש.

4. דאָבין הירש. דער קויעך פון לעבן. א ראָמאַן און דערציילונגען. צייכ. — ה. אינגער. 1969. 500 ז. 3.700 עקז. איינב. 79 ק. רעדאַקטאָר — שמועל גאָרדאָן.

5. דער ניסטער. ווידערוווקס. דערציילונגען און נאָוועלן. צייכ. — וו. לאַקשין. 1969. 263 ז.+1 בל. פּאָרטר. 8.000 עקז. איינב. 59 ק. אריינפיר: מ. בעלענקי. א וואָרט וועגן דעם ניסטער.

6. דערציילונגען פון ייִדישע סאָוועטישע שרייבער. צייכ. — ג. קראַווצאָוו. צונויפשטעלער — י. סערעבריאַני. רעדאַקטאָר — ט. גען. 1969. 824 ז. 4.500 עקז. איינב. 1 ר. 57 ק. אינהאַלט: אוורהם אַבטשוק — כאַווערשאַפט (א שפּאַס. 1933). מייער אַלבערטאָן — אין טייגע א שטיבל (1929). מוישע אַלטמאַן — וואָרצלען (1948). הערשל אָרלאַנד — א גאָלדן האַרץ (1946). סאַלוואַדאָר באָר־זשעס — א נייער אויפגאַנג (1965). ראָכל בוימוואָל — מייסעלעך פאַר דערוואַקסענע (1962). הירש בלאָשטיין — מיטן ברייטן שליאַך (1961). דאָוויד בערגעלסאָן — פרי־לינג (1926—1940). שמועל גאָדינער — יודקע קאָמונאַ־רייטשיקל (1933). מוישע גאָלדשטיין — א מאַרש אויף וואָ־לאָטשייעווקע (1941). אוורהם גאָנטאַר — אויף דעם ניינטן שטאָק (1962). עליע גאָרדאָן — די באָבע פון די טראַקטאָ־ריסטן (1962). שמועל גאָרדאָן — דער פּעטשאָרער שערער (1966). שירע גאָרשמאַן — די באָבע מאַלקע (1948). אַלעקסאַנדער גובניצקי — שאָלעם־אַליייכעמס פּאָרטרעט (1947). טעוויע גען — א דערציילונג פון דער קינדהייט (1965). הירש דאָבין — אין איינער א נאַכט (1947). צאָ־דעק דאָלגאָפּאָלסקי — דעם קייסערס פּאָרטרעט (1917). מ. דאַניִעל — א פרוי מיט א שראַם אויף דער האַנט... (1935). מאָטע דעכטיאַר — ברידער (1940). אירמע דרוי־

קער — דאָס ווילנער באַלעבעסל (1963). ליובע וואסערמאן — אייגן בלוט (1962). ז. ווענדראָף — גרעטכען פון בעסוילעם־געסל (1940). שמועל ווערטע — ווער איז שולדיק (1962). נאטאן זאבארע — אף געקרייצטע וועגן (היסטאָרישע דערציילונג. 1966). כאַים זילבערמאן — הענט (1948). כאסקל טאבאטשניקאָוו — אליין, זונעניו, אליין... (1965). יאנקל יאקיר — טאטע־מאמעס ניגן (1966). יודל יאָפע — צום גלײַכן וועג (1941). מייער יעלין — עס הייבט זיך ערשט אָן... (1964). נאָטע לוריע — באנאכט אף פאשע (1932). נויעך לוריע — א קינד אין סטעפּ (1947). כאנע לעווין — מוליע באָבריק (1943). ליפמאן־לעווין — דער טראָטואר (1934). מישע לעוו — מײַן טאטנס נאָמען (1958 — 1961). לעאָן לערנער — טעקסטילער (1933). בוזי מילער — פערל נויעכס (1965). כאַים מעלאמוד — א באגעגעניש אין טײַגע (1966). דער ניסטער — העשל אנשעלעס (1943). פײַוול סיטאָ — „די קאָמונקע פון פינף" (1928). אנע סטעלמאך — א געמעל אף א בעכער (1947). הערשל פּאָליאנקער — דראזשנע — בערלין (1945). שמועל פערסאָוו — הארמאָניק (1943). יעכיעל פאליקמאן — Appassionata (1945). אווראָם קאהאן — דער אלטער (1960). עליע קאהאן — א שטאָט אָן קלויסטערס (1936). מאָזי קאָבריאנסקי — א גוטע נאכט, גוטערברודער (1967). מוישע קולבאק — די אלטע (פונעם בוך „זעלמעניאנער". 1931). איציק קיפּניס — פון באָדאנעס פאפירלעך (1927). יויסעף ראבין — ראָכל מיט אירע קינדער (1961). העשל ראבינקאָוו — פון א נײַער הייך (1962). מארק ראזומני — נאָוועלעטן (1966). ריווקע רובין — אין א זײַטיק געסל (1947). יאנקל ריוועס — מיר זעצן פאָר (1922). עלי שעכטמאן — א סטעפּ־מאָטיוו (1928). יעכיעל שרײַבמאן — מעלאָכע — מעלוכע (1965). י. סערעבריאני — קורצע ביאָ־ביבליאָגראפישע יעדיעס וועגן די אווטאָרן פונעם בוך.

7. דריז שיקע. די פערטע סטרונע. לידער. צייכ. — ס. טעלינגאטער. רעדאקטאָר — ל. אי. לעווין. 1969. 222 ז. 4.000 עקז. אײַנב. 71 ק.

8. האלקין שמועל. מײַן אויצער. לידער און באלאדעס. צייכ. — ד. ליאָן. רעדאקטאָר — איטשע באָרוכאָוויטש. נאָכוואָרט — ייִסראָעל סערעבריאני. 1966. 300 ז. +1 בל. פּאָרטר. 4.500 עקז. 52 ק.

9. האָפשטיין דאָוויד. געקליבענע ווערק. לידער. צייכ. — ג. קראווצאָוו. צונויפשטעלער — פּ. האָפשטיין און ש. כאָלאָדענקאָ. רעדאקטאָר — ע. פאלקאָוויטש. 1968. 376 ז. 4.000 עקז. אײַנב. 1 ר. 10 ק.

10. האָריזאָנטן. אנטאָלאָגיע פון דער הײַנטצײַטיקער סאָוועטישער ייִדישער דיכטונג. אונטער דער אלגעמיינער רעדאקציע פון ארן ווערגעליס. רעדאקטאָרן — א. גאָנטאר און מ. טייף. צייכ. — ג. קראווצאָוו. מיט קורצע ביאָגראפישע יעדיעס פון די אווטאָרן און זייערע פּאָרטרעטן. מ., „סאָוועטסקי פּיסאטעל" — „סאָוועטיש היימלאנד", 1965. 534 ז. 5.000 עקז. אײַנב. 94 ק.

אין דער אנטאָלאָגיע זײַנען געדרוקט לידער פון די דיכטער: הירש אָשעראָוויטש, ריווע באליאסנע, איטשע באָרוכאָוויטש, ראָכל בוימוואָל, יאָסל בוכבינדער, כאַים ביידער, הירש בלאָשטיין, דאָוויד בראָמבערג, איציק בראָנפמאן, מאָטל גאָלבשטיין, אווראָם גאָנטאר, מאָטל גרוביאן, מאָטל גרוּוומאן, שיקע דריז, אײַזיק הובערמאן, ליובע וואסערמאן, כאָנע ווײַנערמאן, ארן ווערגעליס, מאָטל טאלאלאיעווסקי, מוישע טייף, זיאמע טעלעסין, שלוימע טשערניאווסקי, פּייסי יאנאָווסקי, מייער כאראץ, שיפרע כאָלאָדענקאָ, דווירע כאָראָל, דאָרע כײַקינע, יעשוע לאצמאן, מענדל ליפשיץ, כאנע לעווין, יאָסל לערנער, כאַים מאלטינסקי, בוזי מילער, מאָטל סאקציער, אווראָם קאצעוו, פּיניע קיריטשאנסקי, יויסעף קערלער, מארק ראזומני, עפראַים רויטמאן, שלוימע רויטמאן, מאקס ריאַנט, הירש רעלעס, מאָטל שטורמאן, יאנקעוו שטערנבערג. נײַע שטימען: יויסעף איצקאָוו, כאַים גורעוויטש, וולאדימיר דאנקאָ, מישע מאָגילעוויטש, גאָלדע מיכעלסאָן, יאנקל עלקיס.

11. ווענדראָף ז. אונדזער גאס. דערציילונגען. צייכ. — וו. עלקאָנין. רעדאקטאָר — ריווקע רובין. 1967. 560 ז. +1 בל. פּאָרטר. 7 500 עקז. אײַנב. 95 ק. נאָכוואָרט: ריווקע רובין. ז. ווענדראָף.

12. טייף מוישע. אויסדערוויילטס. לידער, פּאָעמעס, באלאדעס. צייכ. — ס. טעלינגאטער. רעדאקטאָר — יאנקעוו שטערנבערג. 1965. 158 ז. +1 בל. פּאָרטר. 5.000 עקז. 28 ק.

13. טעלעסין זיאמע. אף מײַנע אכרײַעס. לידער, באלאדעס, פּאָעמעס. צייכ. — ג. קראווצאָוו. רעדאקטאָר — אי. באָריסאָוו. 1968. 252 ז. 6.200 עקז. אײַנב. 79 ק.

14. לוריע נאָטע. הימל און ערד. ראָמאן. 1־טע, 2־טע און 3־טע טיילן. צייכ. — ג. קראווצאָוו. רעדאקטאָר — מ. איטקאָוויטש. 1965. 307 ז. +1 בל. פּאָרטר. 10.000 עקז. אײַנב. 83 ק.

15. ליפשיץ מענדל. בא זיך אין דער היים. געוויילטע לידער. צייכ. — ל. מאָראָז. רעדאקטאָר — י. סערעבריאני. 1967. 168 ז. 7.000 עקז. 49 ק.

16. מארקיש פּערעץ. טראָט פון דורעס. ראָמאן. צייכ. — ס. טעלינגאטער. רעדאקטאָר — ב. קאָטיק. פּאָרוואָרט פון עסטער מארקיש־לאזעבניקאָווא, שימען מארקיש און דאָוויד מארקיש. 1966. 690 ז. +1 בל. פּאָרטר. 15.000 עקז. אײַנב. 1 ר. 65 ק. נאָכוואָרט: הערש רעמעניק. פּערעץ מארקישעס לעצטער ראָמאן. (פראכט־אויסגאבע).

17. פּעפּער איציק. לידער, באלאדעס, פּאָעמעס. אויסדערוויילטס. צייכ. — ל. מאָראָז. צונויפגעשטעלט — ראָכל פּעפּער־קאליש. רעדאקטאָר — אווראָם גאָנטאר. 1967. 432 ז. 6.000 עקז. אײַנב. 1 ר. 35 ק. נאָכוואָרט: ה. רעמעניק. דער דיכטער פון זיג.

18. קוויטקאָ לייב. געקליבענע ווערק. לידער. צונויפגעשטעלט — בעטי קוויטקאָ. צייכ. — ג. קראווצאָוו. רעדאקטאָר — ע. פאלקאָוויטש. 1967. 480 ז. 5.000 עקז. אײַנב. 86 ק.

19. קיפּניס איציק. צום לעבן. דערציילונגען. צייכ. — ר. ע. ריטשינאָ. צונויפשטעלער און רעדאקטאָר — ז. טעלעסין. 1969. 296 ז. +1 בל. פּאָרטר. איל. 5.000 עקז. אײַנב. 61 ק.

20. ראבין יויסעף. באם ניעמאן. ראָמאן. 1־טע, 2־טע, 3־טע און 4־טע טיילן. צייכ. — ה. אינגער. רעדאקטאָר — ש. גאָרדאָן. 1969. 636 ז. +1 בל. פּאָרטר. 6.500 עקז. אײַנב. 1 ר. 15 ק.

21. שעכטמאן עלי. ערעוו. ראָמאן. צייכ. — ד. ליאָן. רעדאקטאָר — א. גאָנטאר. 1965. 236 ז. 5.000 עקז. אײַנב. 63 ק. נאָכוואָרט: ריווקע רובין. וועגן עליע שעכטמאנס ראָמאן „ערעוו".

---

22. רובין ריווקע. שרײַבער און ווערק. צייכ. — ר. כוואָלעס. רעדאקטאָר — ש. ראבינאָוויטש. ווארשע. „ייִדיש בוך" — מאָסקווע. פּרעסע־אגענטור „נאָוואָסטי". 1968. 310 ז. (אָ. ט.) 72 ק.

II. ליטעראטור פון אנדערע זשאנרען, דערשינענע אין יידיש

23. דער מוזיי אין פּאַנאַר. פּיליאַל פון רעוואָליוציע־מוזיי פון דער ליטווישער סאָוועטן־רעפּובליק. ווילניוס, „מינטיס“, 1966. 29 ז. איל. 4 ק. (אַ. ט.).

24. די יידישע אווטאָנאָמע געגנט. זאמלונג ארטיקלען וועגן דער עקאָנאָמיק און קולטור פון ביראָבידזשאַן. כאַבאַראָווסק. ביכער־פ־ג, 1966. 32 ז.+8 בל. איל. 3.000 עקז. 11 ק.

25. נייע יידישע לידער (זאמלונג פון זינג־לידער). מ. „סאָוועטסקי קאָמפּאָזיטאָר“. 1969. (אלבאָם־פאָרמאַט). פאָרוואָרט פון דמ. שאָסטאַקאָוויטש. צונויפשטעלער — ז. קאָמפּאַנייעץ. רעדאַקטאָר — ל. בירנאָוו. אין דער זאמלונג גייען אריין זינג־לידער פון די קאָמפּאָזיטאָרן: ל. בירנאָוו, ש. בלעכאראָוויטש, ל. יאמפּאָלסקי, אַ. ליכטענשטיין, ד. ניסנעוויטש, ש. סענדעריי, ל. פּולווער, ש. פיינטוך, יאן פרענקעל, ל. קאָגאן, ז. קאָמפּאַנייעץ, א. קראוועץ, וו. שאַינסקי, נ. שולמאַן. די אווטאָרן פון די טעקסטן זיינען די דיכטער: י. בוכבינדער, ר. בוימוואָל, כ. ביידער, ד. בראָמבערג, א. גאָנטאר, ל. גאָרנשטיין, מ. גרוביאַן, ה. דאָבקאָ, ב. דובראָווין, ש. דריז, א. ווערגעליס, מ. טייף, ז. טעלעסין, י. קאָטליאר, מ. נאַבוטאָווסקי. 1380 עקז. 160 ז. 2 ר.

26. **ראַבינאָוויטש שלוימע.** יידן אין סאָוועטנפארבאנד. מ.. פּרעסע־אַגענטור „נאָוואָסטי“. 1965. 52 ז. 40.000 עקז. 5 ק.

27. **ראָלניק מאשע.** איך מוז דערציילן. נאָטיצן פון א געוועזענער געפאנגענער אין די פאשיסטישע קאָנצלאַגערן. צייכ. — ר. כוואָלעס. אריינפיר — עדוארדאס מעזשעלייטיס. ווארשע. „יידיש בוך“ — מאָסקווע. פּרעסע־אַגענטור „נאָוואָסטי“. 1965. 263 ז.+1 בל. פּאָרטר. (אַ. ט.) 65 ק.

III. ביכער, דערשינענע אין דער איבערזעצונג אף רוסיש און אנדערע שפּראכן

28. **אבטשוק אווראָם.** בלעטער פון דער פארגאנגענהייט. א ראָמאן און דערציילונגען. צונויפשטעלער — ק. א. קאָרף־אבטשוק און ש. גאָרדאָן. פון יידיש און אריינפיר — שמועל גאָרדאָן. מ. „סאָוועטסקי פּיסאטעל“. 1965. 199 ז. איל. 15.000 עקז. איינב. 39 ק.

29. **אוו־שאול מאָרדכע.** שווייצארישע מעטאַמאָרפאָזן. ראָמאן. איבערזעצונג פון ז. זמירי. אריינפיר — א. בעלאָוו. איל. — א. סאפּאָזשניקאָוו. מ. „פּראָגרעס“. 1967. 127 ז. איל. 31 ק. (אַ. ט.).

30. **אלבירט יויסעף.** דער שטערן פון מיין דאָר. לידער. איל. — יו. גערשקאָוויטש. מ. „סאָוועטסקאיא ראָסיא“. 1968. 72 ז. איל. 10.000 עקז. 30 ק.

31. **אלטשולער מוישע.** וואָס איז אזוינס יודאַיזם (שמועסן וועגן רעליגיע). מ. „מאָסקאָווסקי ראבאָטשי“. 1968. 112 ז. 50.000 עקז. 14 ק.

32. **אש שאָלעם.** מענטשן און געטער. אויסגעווײלטע ווערק. צונויפשטעלער, אריינפיר און אָנמערקונגען — מ. בעלענקי. פון יידיש — אי. גורעוויטש, מ. שאמבאדאל. צייכ. — מ. גאָרשמאן. מ., „כודאָזשעסטווענאיא ליטעראטורא“. 1966. 423 ז. איל. 50.000 עקז. איינב. 81 ק.

33. **אָליעווסקי בוזי.** אָנהייב לעבן. דערציילונג. פון יידיש — ל. יודקעוויטש. אריינפיר — מ. בלינקאָווא. איל. — פ. מוליאר. מ. „כודאָזשעסטווענאיא ליטעראטורא“. 1967. 247 ז. איל. 50.000 עקז. 59 ק.

34. **אָשעראָוויטש הירש.** הייליקע טאָגטעגלעכקייט. לידער און פּאָעמעס. צייכ. — שמועל ראָזין. ווילניוס. „וואגא“. 1968. 231 ז. איל. 6.000 עקז. איינב. 85 ק. (ליטוויש).

35. אין געזינד אין גרויסן, פריינטלעכן. יידישע אווטאָנאָמע געגנט. זאמלונג. כאבאראָווסק. ביכער־פארלאג. 1968. 132 ז. איל. 10.000 עקז. 20 ק. (צום 50־טן יאָרטאָג פון דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע).

36. **באליאסנע ריווע.** דער גאָלדענער בלעטערפאל. לידער און א פּאָעמע. קיִעוו. „ראדיאנסקי פּיסמעניק“. 1967. 111 ז. 4.000 עקז. 33 ק. (אוקראַיניש).

37. **באָיארסקאיא ריווע.** מוזיק צו לידער פון יידישע דיכטער. פאר זינגען אין דער באגלייטונג פון פּאָרטעפּיאנע. מ. „מוזיקא“. 1966. 48 ז. 2.000 עקז. 69 ק. (דער יידישער טעקסט מיט לאטיינישע אויסיִעס). אין דער זאמלונג גייען אריין נאָטן צו 16 לידער פון איטשע באָרוכאָוויטש, ריווע באָיארסקאיא, אווראָם גאָנטאר, שיקע דריז, ארן ווערגעליס, איציק פעפער, לייב קוויטקאָ, ארן קושניראָוו, אווראָם רייזען, יא. נאכימאָוויטש.

38. **באָריסאָוו איסאק** [איטשע באָרוכאָוויטש]. עס זיינען פאראן ווערטער. לירישע זאמלונג. מ. „סאָוועטסקי פּיסאטעל“. 1967. 179 ז. 20.000 עקז. 21 ק.

39. **בוכבינדער יויסעף.** דער לעבנסוועג. לידער. קיִעוו. „ראדיאנסקי פּיסמעניק“. 1966. 2.000 עקז. 23 ק. (אוקראַיניש).

40—48. **בוימוואָל ראָכל.** דעם רעטעכס עק. מייסעס. פאר קינדער. איל. — א. בריי. מ. „מאליש“. 1966. 19 ז. איל. 150.000 עקז. 15 ק. אונטער איין דאך. מייסעס. פאר קינדער. איל. — ל. אוסטינאָוו. מ. „דעטסקאיא ליטעראטורא“. 1966. 95 ז. איל. 100.000 עקז. איינב. 48 ק. מיטן פּאָנעם צו דער זון. מייסעס. פאר קינדער. צייכ. — נ. מונץ. מ. „דעטסקאיא ליטעראטורא“. 1966. 17 ז. איל. 300.000 עקז. 17 ק. דאָס זעלבע. מייסעס. פאר קינדער. צייכ. — נ. מונץ. מ. „דעטסקאיא ליטעראטורא“. 1969. 16 ז. איל. (סעריע „מיינע ערשטע ביכלעך“). 1.750.000 עקז. 5 ק. וועגן אלץ מיטאמאָל. מייסעס. פאר קינדער. צייכ. — נ. מונץ. מ. „דעטסקאיא ליטעראטורא“. 1967. 16 ז. איל. 300.000 עקז. 17 ק. קוק אין די אויגן. לידער און א פּאָעמע („דאָס מיידעלע“). מ. „סאָוועטסקי פּיסאטעל“. 1968. 142 ז. איל. 10.000 עקז. 43 ק. די געקעסטלטע גאנדז. קליינע מייסעס. פאר קינדער. צייכ. — פּ. לעמקול. מ. „דעטסקאיא ליטעראטורא“. 1968. 16 ז. איל. (סעריע „מיינע ערשטע ביכלעך“). 1.750.000 עקז. 3 ק. ווי ווער עס גייט. לידער. פאר קינדער. איל. — ג. בעדאַרעוו. מ. „מאליש“. 1969. 16 ז. איל. 20.000 עקז. 12 ק. אלע איווערעדיקע. דערציילונג. פאר קינדער. צייכ. — נ. מונץ. מ. „דעטסקאיא ליטעראטורא“. 1969. 13 ז. איל. 300.000 עקז. 16 ק.

49. **בוימוואָל ראָכל, טעלעסין זיאמע.** דורדע און אנדריי. פּאָעמע. פאר קינדער. איבערזעצער — ג. טשאָלוקאָוו. אשכאבאד. „טורקמעניסטאן“. 1966. 12 ז. איל. 8.000 עקז. 14 ק. (טורקמעניש).

50. **בראָנפמאן ייִצכאָק.** שנייגלעקלעך. לידער. כאבאראָווסק. ביכער־פארלאג. 1965. 72 ז. 3.000 עקז. 9 ק. (פּאָעטן פון בייאמור).

51. גאָנטאר אוראָם. די מאָס פון ליבע (אויסגעוויילטע ליריק). איל. — ג. פישער. פאָרוואָרט — לעוו אָזעראָוו. מ. „כודאָזשעסטווענאיא ליטעראטורא“. 1966. 255 ז.+1 בל. פאָרטר. איל. 27.000 עקז. אײַנב. 46 ק.

52. גאָרדאָן עליע. צווערשט זײַנען זיי געווען אינצווייען... דערציילונגען. מ. „סאָוועטסקי פּיסאטעל“. 1965. 436 ז.+1 בל. פאָרטר. 30.000 עקז. אײַנב. 81 ק.

53. גאָרדאָן שמועל. פרילינג. א ראָמאן און נאָוועלן. פון יידיש — אי. גורעוויטש. מ. „סאָוועטסקי פּיסאטעל“. 1966. 439 ז. איל. 30.000 עקז. אײַנב. 87 ק.

54. גובניצקי אלעקסאנדער. דער קויעך פון ליבע. דערציילונגען. פון יידיש — א. קליאַנאָוו. איל. — פּ. א. באָריסאָוו. מ. „סאָוועטסקי פּיסאטעל“. 1969. 287 ז. איל. 30.000 עקז. אײַנב. 56 ק.

55. גוטיאנסקי וו. ווי ווער וואָס עס האָט ליב. לידער. פאר קינדער. פון יידיש — ג. סאפגיר. צייכ. — ג. וואָלק. מ. „דעטסקאיא ליטעראטורא“. 1965. 18 ז. איל. 300.000 עקז. 21 ק.

56. געןטעוויע. יאָרן ווײַטע, יאָרן נאָענטע. דערציילונגען און נאָוועלן. פון יידיש — דער אווטאָר. צייכ. — אי. וו. צארעוויטש. מ. „סאָוועטסקי פּיסאטעל“. 1967. 336 ז. איל. 30.000. עקז. אײַנב. 61 ק.

57. גרוביאן מאָטל. דאָס שיפל און דער שטראָם. לידער. מ. „סאָוועטסקי פּיסאטעל“. 1967. 136 ז. 10.000 עקז. 39 ק.

58. דאנקאָ וולאדימיר. וואָס כ׳וועל געבן. לידער. פאר קינדער. צייכ. — ס. קאָלאטשעוו. נאָוואָסיבירסק. מײַרעוו־סיבירער ביכער־פארלאג. 1969. 28 ז. איל. 200.000 עקז. 29 ק.

59. דאָבין הירש. דער קויעך פון לעבן. א ראָמאן און דערציילונגען. מ. „סאָוועטסקי פּיסאטעל“. 1965. 350 ז.+1 בל. פאָרטר. 30.000 עקז. אײַנב. 70 ק.

60. דיאמאנט הערש. אן עמעסע ליד. לידער. פון יידיש — ס. סאָרין. צייכ. — וו. לעווינסאָן. מ. „סאָוועטסקי פּיסאטעל“. 1966. 83 ז. איל. 10.000 עקז. 15 ק.

61. דעכטיאר מאָטע. צימבאלן: דערציילונגען. פון יידיש — י. סערעבריאני. צייכ. — ד. ליאָן. מ. „סאָוועטסקי פּיסאטעל“. 1969. 223 ז.+1 בל. פאָרטר. 30.000 עקז. 27 ק.

62. דער פערלזוכער. נאָוועלן פון צוואנציק ייִסראָעלדיקע שרײַבער (פון יידיש, איווריט און אראביש). פאָרוואָרט — כ. אילין, צונויפשטעלער — ל. כ. ווילסקער. מ., „נאוקא“, 1966. (אינסטיטוט פון די פעלקער פון אזיע. לעטנינגראדער מעלוכע־אוניווערסיטעט א. נ. פון א. א. זשדאנאָוו. הײַנטצײַטיקע מיזרעכדיקע נאָוועלן). 143 ז. 15.000 עקז. 36 ק.

63. דערציילונגען פון ייִסראָעלדיקע שרײַבער. איבערזעצונגען פון יידיש און איווריט. ארײַנפיר־ארטיקל פון ארן ווערגעליס. מ. „פראָגרעס“. 1965. 320 ז. איל. 1 ר. 4 ק. אײַנב. (אָ. ט.). אין דער זאמלונג זײַנען פארטראָטן די שרײַבער: י. אווי־דאוויד, מ. אווי־שאול, א. אמיר, א. אפעלפעלד, י. באר־יויסעף, כ. בארטאָוו, א. בעני, מ. בערנשטיין־קאהען, י. בורלא, א. מאנסור, י. אָרפאז, כ. סלוצקא־קעסטין, מ. סטאווי, ש. טאל, ב. טאמוז, ע. כאדאני, כ. האזאז, י. הענדעל, י. כורגין, ש. צאבבאר, ק. צעטניק, מ. שאמיר, נ. שאכאם, י. יאארי. (צום סאָף פון בוך: קורצע ביאָ־ביבליאָגראפישע יעדיעס וועגן די אווטאָרן).

64—79. דריזשיקע. ענעק־בענעק פעמפיק. לידער. פאר קינדער. פון יידיש — ר. סעף. צייכ. — נ. צייטלין. מ. „דעטסקאיא ליטעראטורא“. 1965. 21 ז. איל. 300.000 עקז. 20 ק. דאָס זעלבע. לידער. פון יידיש — ר. סעף. צייכ. — נ. צייטלין. מ. „דעטסקאיא ליטעראטורא“. 1967. 16 ז. איל. 1.750.000 עקז. אײַנב. 6 ק. (סעריע „מײַנע ערשטע ביכלעך“). מיר שפילן זיך. לידער. פאר קינדער. איל. — יע. באטשורין און אָ. צעלקאָוו. מ. „מאליש“. 1965. 14 ז. איל. 200.000 עקז. 6 ק. דער בוים איז געקומען. לידער. פאר קינדער. צייכ. — נ. צייטלין. מ. „דעטסקאיא ליטעראטורא“. 1966. 110 ז. איל. 100.000 עקז. אײַנב. 34 ק. די שפרינגערקע. לידער. פאר קינדער. פון יידיש — ט. ספּענדיאַראָווא אא. איל. — יע. מאָנין. מ. „מאליש“. 1966. 19 ז. איל. 150.000 עקז. 18 ק. איך און מײַן מאמע. לידער. פאר קינדער. פון יידיש — ג. סאפגיר. צייכ. — נ. צייטלין. מ. „דעטסקאיא ליטעראטורא“. 1966. 16 ז. איל. 300.000 עקז. 22 ק. וועגן מײַדעלע, אינדיקלעך און פרעשלעך. לידער. פאר קינדער. איל.—ב. מארקעוויטש. מ. „מאליש“. 1967. 19 ז. איל. 100.000 עקז. 21 ק. דאָס זעלבע. לידער. פאר קינדער. איל.—ב. מארקעוויטש. מ. „מאליש“. 1969. 19 ז. איל. 100.000 עקז. 23 ק. (צווייטע אופלאגע). דאָס פילפארביקע יינגל. לידער און מײַסעס. פאר קינדער. צייכ. — נ. צייטלין. מ. „דעטסקאיא ליטעראטורא“. 1968. 96 ז. איל. 100.000 עקז. אײַנב. 1 ר. 65 ק. דער פראָסט און די קלוגע זקיינים. לידער. פאר קינדער. איבערזעצער — מ. לעבאנידזע. איל. — ע. אמבאקאדזע. טביליסי, „נאקאדולי“. 1969. 31 ז. איל. 14.000 עקז. 23 ק. (גרוזיניש). פארוואָס האָט א האָן קורצע פליודערן? א פילם־מײַסע. איל. — ע. קיריטש. קיעוו. פראָפאגאנדע־ביוראָ פון דער סאָוועטישער קינאָ־קונסט. אוקראינישע אָפּטיילונג. 1969. 19 ז. איל. 800.000 עקז. 13 ק. ווי מאכט מען דעם פרימאָרגן צויבערנדיק. לידער. פאר קינדער. איל. — אי. אורמענגע. מ. „דעטסקאיא ליטעראטורא“. 1969. 27 ז. איל. 100.000 עקז. 45 ק. אײַנב. א זייגער־שטיבל. לידער. פאר קינדער. פון יידיש — ג. סאפגיר. איל. — יע. מאָנין. מ. „מאליש“. 1969. 15 ז. איל. 300.000 עקז. 15 ק. ענעק־בענעק ווייסט אלץ. לידער. פאר קינדער. פון יידיש — ג. סאפגיר. צייכ. — נ. צייטלין. מ. „דעטסקאיא ליטעראטורא“. 1969. 24 ז. איל. 300.000 עקז. 27 ק. די כעלמער כאכאָמים. לידער. פון יידיש — ג. סאפגיר. צייכ. — ל. לעוויצקי. קעמעראָוואָ. ביכער־פארלאג. 1969. 36 ז. איל. 100.000 עקז. 15 ק. נײַס אין א קניפּל. לידער. פאר קינדער. פון יידיש — ט. ספּענדיאַראָווא. צייכ. — ל. שטיינמעץ. מ. „דעטסקאיא ליטעראטורא“. 1969. 16 ז. איל. 1.750.000 עקז. 7 ק. (סעריע „מײַנע ערשטע ביכלעך“).

80. האלקין שמועל. ווײַטזיכטיקײַט. לידער. באלאדעס. טראגעדיע. צונויפשטעלער — אי. באָריסאָוו. ארײַנפיר־ארטיקל — וו. אָגניעוו. איל. — ג. קראווצאָוו. מ. „כודאָזשעסטווענאיא ליטעראטורא“. 1968. 527 ז.+1 בל. פאָרטר. 25.000 עקז. אײַנב. 1 ר. 98 ק.

81—82. הארצמאן מאָטל. איך האָב דיך ליב, לעבן! לידער. ארײַנפיר־ארטיקל — מ. שעכטער. מ. „סאָוועטסקי פּיסאטעל“. 1957. 151 ז. 3.000 עקז. 26 ק.[1]. לידער. ארײַנפיר — פּ. אוסענקאָ. קיעוו. „דניפּראָ“. 1966. 207 ז. 2.500 עקז. אײַנב. 39 ק. (אוקראיניש).

83—84. האָפשטיין דאָוויד. אויסגעוויילטע לידער. ארײַנפיר — מ. ט. רילסקי. צונויפשטעלער — פּ. ס.

---

[1] אלפי־טאָעס דורכגעלאָזט אין די אָנגאבן פאר די יאָרן 1955—1964 (זע „סאָוועטיש היימלאנד“, 1966, נומ. 1).

האָפּשטיין. קיִעוו. „דניפּראָ“. 1965. 247 ז.+1 בל. פּאָרטר. 2.000 עקז. איינב. 47 ק. (אוקראַיִניש). לידער. צונויפשטעלער — פּ. האָפּשטיין און ש. כאַלאָדענקאָ. אַרײַנפיר־אַרטיקל — מאקסים רילסקי. מ. „כודאָזשעסטווענאיא ליטעראטורא“. 1969. 255 ז. 10.000 עקז. 66 ק. איינב.

85. **וואסערמאן ליובע.** האָריזאָנטן. לידער. כאבאראָווסק. ביכער־פארלאג. 1968. 22 ז. 10.000 עקז. 5 ק.

86. **ווילענסקי סימכע.** פולע עמער שיינקייט. לידער. לוואָוו. „קאמעניאר“. 1965. 28 ז. 2.300 עקז. 3 ק. (אוקראַיִניש).

87. **ווײַנערמאן כאָנע.** ליכט און שאָטן. לידער. פּאָרוואָרט — ט. מאסענקאָ. אָדעס. „מאיאק“. 1966. 96 ז. 2000 עקז. איינב. 22 ק. (אוקראַיִניש).

88. **זאבארע נאטאן.** היינט ווערט געבוירן א וועלט. ראָמאן. א פּאָשעטע מאמע. ראָמאן־כראָניקע. פון יידיש — א. סעמענאָווקער. איל. — וו. אי. לעווינסאָן. מ. „סאָוועטסקי פּיסאטעל“. 1968. 400 ז. איל. 30.000 עקז. איינב. 78 ק.

89. **טאבאטשניקאָוו כאסקל.** א שטעטל באַם דניעפּער. דערציילונגען. פון יידיש — ז. טעלעסין. איל. — ס. סאכאראָוו און ג. פּיאַדאַראָוו. מ. „סאָוועטסקי פּיסאטעל“. 1966. 325 ז. איל. 30.000 עקז. איינב. 42 ק.

90—96. **טאלאלאיעווסקי מאָטל.** אַן אָנגענומער טאָעס. פּיעסע־קאָנצערט. ווארִיאַנט פון קיִעווער רעפּובליקאנישן ליאלקע־טעאטער. קיִעוו, צענטראל־הויז פון פאָלקס־שאפן. 1966. 26 בל. 100 עקז. (אוקראַיִניש). מײַקל סטענליס מעדאל. א ראָמאַנטישע פּיעסע־מײַסע אין 2 אקטן. רעפּערטואר פון קיִעווער טעאטער פון יונגן צושויער. קיִעוו. קולטור־מיניסטעריִום פון אוססר. 1968. 61 בל. 60 עקז. (אוקראַיִניש). פּיעסן־מײַסעס. רעפּערטואר־זאמלונג. איל. — וו. גרינקאָ. קיִעוו. „מיסטעצטוואָ“. 1968. 199 ז.+1 בל. פּאָרטר. איל. 15.000 עקז. 39 ק. (אוקראַיִניש). כאַוואר גריגאָרי (סטאראָסטע). דראמאטישע כראָניק אין 3 אקטן. קיִעוו. קולטור־מיניסטעריִום פון אוססר. 1968. 82 בל. 60 עקז. (אוקראַיִניש). גרינקײַט. לידער. באלאדעס. פון יידיש — א. מאלישקאָ. אַרײַנפיר. — ל. ווישעסלאַווסקי. קיִעוו. „דניפּראָ“. 1968. 191 ז.+1 בל. פּאָרטר. איל. 4.500 עקז. 54 ק. איינב. (אוקראַיִניש). אומרויִקע זעגלען. לידער. קיִעוו. „ראדיאנסקי פּיסמעניק“. 1969. 63 ז. 3.000 עקז. 14 ק. (אוקראַיִניש). אלוקראַיִנישער סטאראָסטע. דראמאטישע כראָניק אין 3 אקטן. קיִעוו. „מיסטעצטוואָ“. 1969. 81 ז. (ביבליִאָטעק פון היינטצייטיקער דראמע. נומ. 11). 1.200 עקז. 21 ק. (אוקראַיִניש).

97—99. **טעלעסין זיאמע.** נאָענט צום הארצן. לידער. באלאדעס. מ. „סאָוועטסקי פּיסאטעל“. 1965. 150 ז. 7.000 עקז. 22 ק. קאמער־קאמערהויז. לידער. פאר קינדער. צייכ. — יע. גאליי. מ. „דעטסקאיא ליטעראטורא“. 1965. 17 ז. איל. 300.000 עקז. 16 ק. א לאָשעקל. לידער. פאר קינדער. פון יידיש — וו. אלעקסאנדראָווא. צייכ. — אי. גאָדין. מ. „דעטסקאיא ליטעראטורא“. 1968. 16 ז. איל. 300.000 עקז. 7 ק.

100—101. **יעלין מייער.** פאר איין נאכט. (דערינערונגען וועגן געטאָ. בא די פּאשיסטן). ווילניוס. „גאָסליטיזדאט“. 1963. 242 ז. 10.000 עקז. 52 ק. איינב. (ליטוויש). אין די טויט־פּאָרטן (דאָקומענטאלע שילדערונג וועגן די שוידערלעכע רעציכעס פון די היטלעריסטן אין קאָוונע). ווילניוס. „מינטיס“. 1966. רײַך איליוסטרירט מיט פאָטאָ־דאָקומענטן. 20.000 עקז. (ליטוויש).

102. **כאריק איזי.** אויסגעוויילטס. לידער. צונויפשטעלער — כאִים מאלטינסקי. פּאָרוואָרט — ג. בעריאָזקין. מינסק. „בעלארוס“. 1969. 174 ז.+1 בל. פּאָרטר. 1.600 עקז. איינב. 73 ק. (ווײַסרוסיש).

103—104. **כאָראָל דווירע.** דער פרילינג־רויש. לידער פאר קינדער. איל. — וו. פּערצאָוו. מ., „מאליש“. 1965. 15 ז. איל. 160.000 עקז. 16 ק. דאָס פריילעכע האָנעלע. לידער. פאר קינדער. איל. — ב. סטעפּאנצעוו. מ. „מאליש“. 1968. 20 ז. איל. 150.000 עקז. 8 ק.

105. **כײַקינע דאָרע.** סאָף זומער. לידער. קיִעוו. „ראדיאנסקי פּיסמעניק“. 1968. 95 ז. 3.500 עקז. איינב. 38 ק. (אוקראַיִניש).

106. **ליפשיץ מענדל.** מײַן ערד. לידער. פון יידיש — א. קליאָנאָוו. מ. „סאָוועטסקי פּיסאטעל“. 1965. 104 ז. איל. 5.000 עקז. 12 ק.

107. **לעוו מישע.** ווען ניט די פרײַנט מײַנע... — פּעראָ רוס. דערציילונגען. פון יידיש — אי. גורעוויטש און ב. קאָטיק. איל. — יו. אלעקסייעוו. מ. „סאָוועטסקי פּיסאטעל“. 1968. 440 ז.+2 בל. איל. 30.000 עקז. איינב. 69 ק.

108—111. **לעווין כאנע.** מײַסעס און דערציילונגען. פאר קינדער. פון יידיש — נ. זאבילא און מ. פריגאָרי. איל. — וו. איגנאטאָוו. קיִעוו. „וועסעלקא“. 1965. 128 ז. איל. 50.000 עקז. 30 ק. איינב. (אוקראַיִניש). גײַדאר און זײַן קאָמאנדע. א פּיעסע־שפּיל אין 3 טיילן לויט די מאָטיוון פון גײַדארס ווערק און „דערציילונגען וועגן גײַדארן“ פון ב. יעמעליאנאָווע. מ. „וואָאפּ“. 1966. 85 בל. 100 עקז. 1 ר. 35 ק. אייגנס. לידער. פון יידיש — נ. זאבילא אא. איל. — איוואכניענקאָ. כארקאָוו. „פּראָפּאָר“. 1967. 80 ז. איל. 3.500 עקז. 23 ק. (אוקראַיִניש). דער פארמורזעטער. לידער. פאר קינדער. איל. — יו. סעווערין. קיִעוו. „וועסעלקא“. 1969. איל. 50.000 עקז. 7 ק. (אוקראַיִניש).

112—117. **מאלטינסקי כאִים.** פּאָזעמקעס אף דער דלאָניע. לידער. מ. „סאָוועטסקי פּיסאטעל“. 1965. 160 ז. 6.500 עקז. 19 ק. היים. לידער און א פּאָעמע. מינסק. „בעלארוס“. 1965. 168 ז. 3.700 עקז. 20 ק. (ווײַסרוסיש). שמוליק באל־טויווע. לידער. פאר קינדער. איל. — מ. מאזרוכאָ. מ. „דעטסקאיא ליטעראטורא“. 1965. 32 ז. איל. 20.000 עקז. 5 ק. א יאָדלע באַם פענצטער. לידער. פאר קינדער. איל. — וו. קרוגלאָוו. מינסק. „בעלארוס“. 1967. 48 ז. איל. 8.000 עקז. 23 ק. (ווײַסרוסיש). אף דער זוניקער זײַט. לידער. מינסק. „בעלארוס“. 1967. 84 ז. 4000 עקז. 26 ק. (ווײַסרוסיש). ס'שלאָגט דאָס הארץ פון קוואל. לידער. פון יידיש — ל. אָזעראָוו, אי. לאסקאָוו, וו. טאראס, פּ. יעפימאָוו, נ. קיסליק און וו. שאלאמאָוו. צייכ. — יו. באזשאנאָוו. מ. „סאָוועטסקי פּיסאטעל“. 1969. 208 ז. 10.000 עקז. 41 ק.

118—119. **מארקיש פּערעץ.** לידער. פּאָרוואָרט — וו. לאווערניאָוו. צונויפשטעלער — ע. לאזעבניקאָווא־מארקיש. מ. „כודאָזשעסטווענאיא ליטעראטורא“. 1968. 223 ז.+1 בל. פּאָרטר. (ביבליִאָטעק „סאָוועטישע פּאָעזיע“). 10.000 עקז. איינב. 66 ק. לידער און פּאָעמעס. פּאָרוואָרט — ס. נאראָווטשאטאָוו. צונויפשטעלער און אָנמערקונגען — ע. לאזעבניקאָווא־מארקיש. רעדאקטאָר פון די איבערזעצונגען פון די לידער — וו. לעוויק. לענינגראד. „סאָוועטסקי פּיסאטעל“. לענינגראדער אָפּטיילונג. 1969. 702 ז.+1 בל. פּאָרטר. (ביבליִאָטעק פון די פּאָעטן.

גרויסע סעריע. 2־טע אויסגאבע. אלעפבייס־אָנווײַזער פון די ווערק. זז. 686—695). 25.000 עקז. אײַנב. 3 ר. 20 ק.

120. מיכאָעלס שלוימע. ארטיקלען. געשפּרעכן. רעדעס. — דערינערונגען וועגן מיכאָעלסן. פאָרוואָרט און רעדאקציע — ק. רודניצקי. צווייטע, פארברייטערטע אויסגאבע. מ. „איסקוסטוואָ“. 1965. 612 ז.+25 בל. איל. 30.000 עקז. אײַנב. 2 ר. 50 ק.

121—122. מעלאמוד כאַיִם. אין אָנהייב זומער. ראָמאן. פון ייִדיש — יו. סעמענאָווקער. איל. — א. קו־פערמאן. מ., „סאָוועטסקי פּיסאטעל“. 1967. 252 ז. איל. 30.000 עקז. אײַנב. 49 ק. לעבעדיקע קערנער. דערציילונגען. אוזשגאָראָד. „קארפּאטי“. 1967. 60 ז. 9.800 עקז. 5 ק. (אוקראַיִניש).

123. סארין בער [מוישע לעווין]. כ׳וועל אײַך דערציילן. א מײַסע פאר קינדער. פון ייִדיש — ב. וואָלסקי. איל. — אי. קארפּינאָוויטש. מינסק. „בעלארוס“. 1968. 40 ז. איל. 8.000 עקז. 14 ק. (ווײַסרוסיש).

124—125. פאָליאנקער הערשל. דער בעקער פון קאַלאָמייע. ראָמאן. איל. — ז. טאַלקאטשאָוו. קיִעוו. „ראדיאנסקי פּיסמעניק“. 1967. 377 ז. איל. 30.000 עקז. אײַנב. 77 ק. דער סאָד פון אריכאס־יאָמים. ראָמאן. איל. — א. לוואָוו. קיִעוו. „דניפּראָ“. 1968. 472 ז. איל. 30.000 עקז. אײַנב. 94 ק.

126. פלאטנער אײַזיק. א קלייט פון שפּילווארג. לידער. פאר קינדער. פון ייִדיש — וו. טאראס. צייכ. — יע. לאָס און ג. יאקובעני. מינסק. „בעלארוס“. 1967. 16 ז. איל. 400.000 עקז. 16 ק.

127. פען אלעקסאנדער. דאָס הארץ אין וועג. לידער. פאָרוואָרט — ד. סאמוילאָוו. איבערזעצער: וו. קאָר־נילאָוו, מ. זענקעוויטש, ד. סאמוילאָוו, וו. לעוויק, ג. סע־מיאָנאָוו, א. רעוויטש, ל. גינזבורג אא. א טייל פון די לידער האָט איבערגעזעצט פון איווריט אין רוסיש דער אוטאָר אליין). איל. — ל. זבארסקי. מ. „כּודאָזשעסטווענאיא ליטעראטורא“. 1965. 167 ז.+1 בל. פאָרטער. איל. 10.000 עקז. אײַנב. 43 ק.

128. פערסאָוו שמועל. דער רויטער האָרן. דערציילונגען. איל. — ב. קערדימון און וו. קאָווענאצקי. מ. „סאָוועטסקי פּיסאטעל“. 1968. 424 ז. איל. 30.000 עקז. אײַנב. 76 ק.

129—130. פאליקמאן יעכיִעל. די ליבע לעבט אין שווארצוואלד. דערציילונגען. קיִעוו. „ראדיאנסקי פּיסמעניק“. 1966. 299 ז. 15.000 עקז. 42 ק. אײַנב. (אוקראַיִניש). דער שווארצער ווינט. ראָמאן. פון ייִדיש — אי. סאַ־ווענקאָ און ד. כײַקינע. איל. — מ. בישאפּס. מ. „סאָוועטסקי פּיסאטעל“. 1968. 820 ז. איל. 30.000 עקז. אײַנב. 1 ר. 37 ק.

131. פינינבערג עזראָ. לידער. פון ייִדיש און פאָרוואָרט — ר. בוימוואָל. צונויפשטעלער — ז. טעלע־סין. מ. „כּודאָזשעסטווענאיא ליטעראטורא“. 1965. 142 ז. איל. 6.500 עקז. אײַנב. 42 ק.

132. פעפער איציק. לידער. פאָרוואָרט — פּ. באַ־לאשאָוו. צונויפגעשטעלט — ר. פעפער־קאליש. מ. „כּודאָ־זשעסטווענאיא ליטעראטורא“. 1969. 287 ז.+1 בל. פאָרטער. (ביבליִאָטעק סאָוועטישע פּאָעזיע). 10.000 עקז. אײַנב. 72 ק.

133—134. קאָטליאר יוסף. מײַן לופט־באַלאָן. לידער און מײַסעס. פאר קינדער. איל. — וו. דוווי־דאָוו. מ. „דעטסקאיא ליטעראטורא“. 1968. 95 ז.+1 בל. פאָרטער. איל. 50.000 עקז. אײַנב. 38 ק. דאָס שטיבעלע. לידער. פאר קינדער. פון ייִדיש — ק. קובוליִנסקאַס. איל. — ר. אולביקײַטע. ווילניוס. „וואגא“. 1969. 29 ז. איל. 30.000 עקז. 21 ק. (ליטוויש).

135. קולבאק מוישע. לידער. פּאָעמעס. פאָר־וואָרט — מ. בעלענקי. צונויפגעשטעלט — ר. בוימוואָל. מ. „כּודאָזשעסטווענאיא ליטעראטורא“. 1969. 207 ז.+1 בל. פאָרטער. 10.000 עקז. 66 ק.

136—148. קוויטקאָ לייב. צוגאסט. לידער פאר קינדער. צייכ. — וו. קאָנאשעוויטש. מ. „דעטסקאיא ליטעראטורא“. 1965. 64 ז. איל. 100.000 עקז. אײַנב. 50 ק. דאָס זעלבע. לידער פאר קינדער. צייכ. — וו. קאָנאשעוויטש. מ. „דעטסקאיא ליטעראטורא“. 1966. 64 ז. איל. 200.000 עקז. אײַנב. 55 ק. דאָס זעלבע. לידער. פאר קינדער. פון ייִדיש — ט. ספּענדיאַראָווא. צייכ. — וו. קאָנאשעוויטש. מ. „דעטסקאיא ליטעראטורא“. 1968. 8 ז. איל. 300.000 עקז. 7 ק. (ביבליִאָטעק פאר די קינדער־גערטנער). צו מײַנע פרײַנט. לידער. פאר קינדער. מ. „דעטסקאיא ליטעראטורא“. 1965. 303 ז.+1 בל. פאָרטער. איל. 60.000 עקז. אײַנב. 52 ק. (שול־ביבליִאָטעק פאר די אָנפאנג־שולן). דאָס זעלבע. לידער פאר קינדער. איל. — וו. קאָנאשעוויטש און א. איטקין. מ. „דעטסקאיא ליטעראטורא“. 1969. 303 ז.+1 בל. פאָרטער. איל. 100.000 עקז. 74 ק. אײַנב. (שול־ביבליִאָטעק פאר די אָנפאנג־שולן). לעמעלע באלעבאטעוועט. לידער פאר קינדער. צייכ. — יע. מעשקאָוו. מ. „דעטסקאיא ליטעראטורא“. 1966. 17 ז. איל. 300.000 עקז. 21 ק. דאָס זעלבע. לידער. פאר קינדער. צייכ. — יע. מעשקאָוו. מ. „דעטסקאיא ליטעראטורא“. 1967. 17 ז. איל. 300.000 עקז. 19 ק. דאָס זעלבע. לידער. פאר קינדער. צייכ. — יע. מעשקאָוו. מ., „דעטסקאיא ליטעראטורא“. 1969. 17 ז. איל. 300.000 עקז. 21 ק. א ריטשקעלע. לידער. פאר קינדער. איבערזעצונג פון נ. בײַ־ראמאָוו. אשכאבאד. „טורקמעניסטאן“. 1966. 28 ז. איל. 16.000 עקז. 4 ק. (טורקמעניש). פון בעמבע קיין דרעמ־בע. לידער. פאר קינדער. איל. — יע. באסקאקאָוו. קעמע־ראָווא. ביכער־פארלאג. 1968. 16 ז. איל. (גרויסער פאָר־מאט). 100.000 עקז. 13 ק. יונגע יאָרן. ראָמאן אין פערזן. פון ייִדיש — אי. גורעוויטש, מ. ספּענדיאַראָווא און ד. בראָדסקי. פאָרוואָרט — לעוו קאסיל. קינסטלער — שלוי־מע טעלינגאטער. מ. „סאָוועטסקי פּיסאטעל“. 1968. 192 ז.+1 בל. פאָרטער. איל. 10.000 עקז. 1 ר. דאָס פּידעלע. לידער פאר קינדער. צייכ. — מ. אוספּענסקאיא. מ. „דעטסקאיא ליטעראטורא“. 1968. 16 ז. איל. (סעריע „מײַנע ערשטע ביכלעך“). 1.750.00 עקז. 4 ק. אף דער הוידעלקע. לידער. פאר קינדער. פון ייִדיש — יע. בלאַגינינא. איל. — ג. אוסטינאָוו. מ. „דעטסקאיא ליטעראטורא“. 1969. 16 ז. איל. (סעריע „מײַנע ערשטע ביכלעך“). 1.750.000 עקז. 4 ק.

149. קערלער יוסף. איך וויל זײַן א גוטער. לידער. מ. „סאָוועטסקי פּיסאטעל“. 1965. 96 ז., איל. 10.000 עקז. 14 ק.

150. ראבין יוסף. שאָלעם־אַלייכעמס גאס. דערציילונגען. נאָכוואָרט — הערש רעמעניק. מ. „סאָוועטסקי פּיסאטעל“. 1965. 382 ז.+1 בל. פאָרטער. 15.000 עקז. אײַנב. 65 ק.

151—156. ראבינאָוויטש שלוימע. ייִדן אין פסטר. מ. פרעסע־אגענטור „נאָוואָסטי“. 1965. 43 ז. 40.000 עקז. 5 ק. (ענגליש). דאָס זעלבע. מ. פרעסע־אגענטור „נאָוואָסטי“. 1965. 44 ז. 15.000 עקז. 5 ק. (פראנצויזיש). דאָס זעלבע. מ. פרעסע־אגענטור „נאָוואָ־

סטי“. 1965. 36 ז. 20.000 עקז. 5 ק. (איווריט). ייִדן אין סאָוועטנפארבאנד. מ. פרעסע־אגענטור „נאָוואָסטי“. 1967. 86 ז. 25.000 עקז. 25 ק. (ענגליש). דאָס זעלבע. מ. פרעסע־אגענטור „נאָוואָסטי“. 1967. 93 ז. 10.000 עקז. 25 ק. (שפאניש). דאָס זעלבע. מ. פרעסע־אגענטור „נאָוואָסטי“. 1967. 86 ז. 15.000 עקז. 25 ק. (פראנצויזיש).

157. ריוועס יאנקעוו. באָלשעוויקעס. ראָמאן. פון ייִדיש — נ. סטאלסקי. מ. „סאָוועטסקי פיסאטעל“. 1966. 167 ז. איל. 30.000 עקז. אײַנב. 38. ק.

158. רויטמאן שלוימע. מײַן ברודערל. א פאָעמע און לידער. פאר קינדער. פון ייִדיש — ו. קאָלומב. יאָשקאר־אָלא. מארי. ביכער־פארלאג. 1969. 36 ז. 2.500 עקז. 11 ק. (מארי).

159. רעלעס הירש. אף די ענגע שול־בענק. דערציילונגען. מינסק. „בעלארוס“. 1966. 159 ז. איל. 15.000 עקז. אײַנב. 33 ק.

160—171. שאָלעם־אליײכעם. לעבעדיק און פרייליך. דערציילונגען. צונויפשטעלער, ארײַנפיר־ארטיקל און אָנמערקונגען — מ. בעלענקי. איל. — מ. גאָרשמאן. מ. „כודאָזשעסטווענאיא ליטעראטורא“. 1965. 382 ז. רײַך איל. 30.000 עקז. אײַנב. 1 ר. בלאָנדזנדע שטערן. ראָמאן. איבערזעצונג פון א. אכמעטאָוו. איל. — פ. דוסענקאָ. אלמא־אטא. „זשאזושע“. 1965. 567 ז. איל. 6700 עקז. 1 ר. 8 ק. אײַנב. (קאזאכיש). טעוויע דער מילכיקער. דערציילונג. סטעמפעניו. ראָמאן. פון רוסיש — א. אוראזאיעוו. טאשקענט. „טאשקענט“. 1966. 328 ז. איל. 15.000 עקז. 55 ק. אײַנב. (אוזבעקיש). טעוויע דער מילכיקער. דערציילונג. איבערזעצונג — ק. עשמאמבעטאָוו. פרונזע. „קירגיזסטאן“. 1966, 236 ז. איל. 1.500 עקז. 39 ק. אײַנב. (קירגיזיש). בלאָנדזנדע שטערן. ראָמאן. פון רוסיש — א. בריקשקיס. נאָכוואָרט — ג. בראָוומאן. ריגע. „ליעסמא“. 1966. 500 ז. 30.000 עקז. 1 ר. 1 ק. אײַנב. (לעטיש). דערציילונגען פאר קינדער. צייכ. — מ. גאָרשמאן. צונויפשטעלער — ר. רובין. פאָרוואָרט און רעדאקציע — וו. פינק. מ. „דעטסקאיא ליטעראטורא“. 1966. 207 ז.+1 בל. פאָרטר. איל. (שול־ביבליאָטעק). 100.000 עקז. אײַנב. 54 ק. איבערזעצער: יע. אקסעלראָד, ל. גאָלדבערג, ד. וואָלקנשטיין, ב. טשערניאק, ל. יודקעוויטש, יא. סלאָנים. ווערק. אין 4 בענדער. רעדקאָלעגיע: מ. באזשאן (אא.). פון ייִדיש. ארײַנפיר־ארטיקל — מ. פ. באזשאן. אָנמערקונגען און דערקלערונגען — כאיִם לויצקער. קיִעוו. „דניפראָ“. 1967. ב. 1. איל. — ז. טאָלקאטשאָוו. 511 ז.+5 בל. איל. 6.000 עקז. 1 ר. 6 ק. אײַנב. (אוקראַיִניש). ווערק. אין 4 בענדער. רעדקאָלעגיע: מ. באזשאן (אא.). אָנמערקונגען און דערקלערונגען כאיִם לויצקער. קיִעוו. „דניפראָ“. 1967. ב. 2. בלאָנדזנדע שטערן. ראָמאן אין 2 טיילן. פון ייִדיש — ע. רײַצין. איל. — ז. טאָלקאטשאָוו. 477 ז. +1 בל. איל. 6.000 עקז. אײַנב. 1 ר. 6 ק. (אוקראַיִניש). ווערק. אין 4 בענדער. רעדקאָלעגיע: מ. באזשאן (אא.). פון ייִדיש. אָנמערקונגען און דערקלערונגען — כאיִם לויצקער. קיִעוו. „דניפראָ“. 1968. ב. 3. איל. — ז. טאָלקאטשאָוו. 470 ז.+3 בל. איל. 6000 עקז. אײַנב. 85 ק. (אוקראַיִניש). ווערק. אין 4 בענדער. רעדקאָלעגיע: מ. באזשאן (אא). אָנמערקונגען און דערקלערונגען — כאיִם לויצקער. קיִעוו. „דניפראָ“. 1968. ב. 4. פון ייִדיש — ע. רײַצין. איל. — ז. טאָלקאטשאָוו. 399 ז.+3 בל. איל. 6.000 עקז. 1 ר. 5 ק. אײַנב. (אוקראַיִניש). דרײַ אלמאָנעס. דערציילונגען. פון ייִדיש — ד. אורבאס. ווילניוס. „וואגא“. 1968. 442 ז. 15.000 עקז. 71 ק. אײַנב. (ליטוויש). טעוויע דער מילכיקער. דערציילונגען. צונויפשטעלער, אָנמערקונגען און דערקלערונגען — מ. בעלענקי. איל. — א. קאפּלאן. ארײַנפיר — וו. פינק. מ. „כודאָזשעסטווענאיא ליטעראטורא“. 1969. 688 ז.+17 בל. איל. (ביבליאָטעק פון דער אלוועלטלעכער ליטעראטור. דריטע סעריע. ליטעראטור פון XX יאָרהונדערט. באנד 197). 150.000 עקז. שפּעטער — נאָך 150.000. אײַנב. 1 ר. 64 ק.

172—173. שווארצמאן אָשער. לידער. איל. — ז. טאָלקאטשאָוו. צונויפשטעלער — כאיִם לויצקער. ארײַנפיר — פ. אוסענקאָ. קיִעוו. „ראדיאנסקי פיסמעניק“. 1965. 147 ז.+1 בל. פאָרטר. איל. 1.550 עקז. אײַנב. 29 ק. (אוקראַיִניש). לידער. פאָרוואָרט — פ. אוסענקאָ. מ. „כודאָזשעסטווענאיא ליטעראטורא“. 1968. 103 ז.+1 בל. פאָרטר. 10.000 עקז. 24 ק.

174. שרײַבמאן יעכיִעל. גאניידן־עפּל. דערציילונגען און מיניאַטיורן. פון ייִדיש — אלעקסאנדרו קאָזמעסקו און מיכאיִל ברוכיס. קעשענעוו. „קארטיא מאָלדאוועניאסקע“. 1965. 278 ז. 6.000 עקז. 26 ק. (מאָלדאוויש).

לעצטנס זײַנען דערשינען

אין פארלאג „סאָוועטסקי פיסאטעל“

אין ייִדיש:

שמועל גאָרדאָן. פריילינג (ראָמאן און דערציילונגען) 528 ז., 1 ר. 23 ק.

ארן ווערגעליס. פון אלעף ביז טאָף (לידער און געזאנגען). 360 ז., 1 ר. 13 ק.

אין רוסיש:

נאָטע לוריע. דער סטעפּ רופט (ראָמאן אין דרײַ טיילן), 408 ז., 77 ק.

אין פארלאג „כודאָזשעסטווענאיא ליטעראטורא“

אין רוסיש:

דאָוויד האָפשטיין. לידער (אין דער סעריע „ביבליאָטעק פון סאָוועטישער דיכטונג“). 256 ז., 66 ק.

איציק פעפער. לידער (אין דער סעריע „ביבליאָטעק פון סאָוועטישער דיכטונג). 288 ז., 72 ק.

די ביכער קען מען באשטעלן לויטן אדרעס:

Москва—А-299
Подмосковное шоссе, 17
Магазин № 124
«Книга почтой»
тел. 156-49-54

פאַרשיידנס

ביכער פון באַלזאַקס ביבליאָטעק

אין דער נײַער עקספּאָזיציע פונעם זשיטאָמירער מוזיי גייען אַרײַן די ביכער, מיט וועלכע ס'האָט זיך באַנוצט אָנאָרע דע באַלזאַק אין סאָף פון די 40־ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, ביים ער האָט געוווינט אינעם אוקראַיִנישן דאָרף ווערכאָווניע. די זאַמלונג אַנטהאַלט העכער טויזנט בענדער אַף דער פראַנצויזישער און פּוילישער שפּראַכן; צווישן זיי — האָמערס „איליאַדע", דידראָס ענציקלאָפּעדיע, ווערק פון שעקספּירן, וואָלטערן, רוסאָ, זעלטענע אויסגאַבעס וועגן פילאָסאָפיע, ליטעראַטור־וויסנשאַפט, געאָגראַפיע, מעדיצין, קונסט. אַף אייניקע ביכער האָבן זיך אײַנגעהיט באַלזאַקס באַמערקונגען און אופשריפטן. אין 1919 איז דעם שרײַבערס ביבליאָטעק, לויט דער אָנווײַזונג פון די סאָוועטישע מאַכט־אָרגאַנען, איבערגעפירט געוואָרן אינעם אַלטערטימלעכן קאָסטיאָל, ווו דער שרײַבער האָט כאַסענע געהאַט מיט עוועלינע גאַנסקע.

(„נעדיעליא")

פאַלשע דיפּלאָמען

דער טעקסטיל־פאַבריקאַנט פון מינכען דיטער ווײַזע האָט פּלוצעם זיך אָנגעצונדן מיט א שטאַרקער ליבע צו וויסנשאַפט. ער האָט באַשטימט פּרוּוון דאָס מאַזל אין אויסלאַנד, און מיט דעם צוועק איז ער געקומען קיין ענגלאַנד.

אינגיכן האָט ווײַזע באַקומען א מיטיילונג, אַז די לאָנדאָנער „יוניאָר קעניגסטאָן סקול" איז גרייט אים צוּייגענען א דאָקטאָר־טיטל. און כאָטש דער לערן־אַנשטאַלט איז א גײַסטלעכער, האָט דאָס ווײַזן ניט געאַרט.

פײַערלעך איז פאָרגעקומען די צערעמאָניע פון מאַכן פאַר א וויסנשאַפטלער דעם מינכענער פאַבריקאַנט. דער „ראַט פון געלערנטע", בעראָש פון וועלכן ס'איז געשטאַנען אַליין דער אַרציבישאָף פון דער גרויסבריטאַניער אַלטקאַטוילישער קירך טשאַרלז ברילי, האָט אים צוגעייגנט דעם טיטל דאָקטאָר פון „פּראַקטישע וויסנשאַפטן", אופמאָנענדיק, אַגעוו, בא אים 30 טויזנט מאַרקעס אַף קליינע הויצאָעס פאַר די מיטגלידער פונעם ראַט.

א קוק געטאָן אפן נײַיִנקן דיפּלאָם, האָט דער פּאָליציי־פּרעזידענט פון מינכען געטראָפן דאָרט א קענטלעכע פאַמיליע — ברילי. דאָס איז אַן אַלטער אַפעריסט, וועלכן די פּאָליציי זוכט טאַקע. אין פּאָליציי־צעטל פון פאַרברעכער זײַנען געווען אויך אַנדערע מיטגלידער פונעם „געלערנטן ראַט"...

ס'זײַנען שוין אַדורך עטלעכע כאָדאָשים, זינט סקאָטלאַנד יאַרד פּרוּווט זיך פּאַקן דעם פאַלשן עפּיסקאָפּ און זײַן גאַנצע שײַקע, וועלכע האָט זיך רויִק באַזעצט אונטער דער מאַרקע פון „יוניאָן קעניגסטאָן סקול". דערווײַל רעדט מען אין לאָנדאָן: „אויב מע וועט מיט אַזעלכע טעמפּן אויסוואָרצלען בא אונדז די פאַרברעכערישקײַט, וועט ברילי באַווײַזן אָפּנאַרן נאָך א צענדליק אַזעלכע ווײַזעס". און אין מינכען פרעגט מען: ווער נאָך וויל דיפּלאָמען?

ס. אַבראַמאָוו („וועטשערניאַיאַ מאָסקוואַ")

דער סענטימענטאַלער באַראָן און דער אויסגעלאַסענער מאַרקיז

ווי עס טיילט מיט די וואָכנשריפט „פיגאַראָ ליטערער", האָט די פראַנצויזישע אַקאַדעמיע אָפּגעשאַפן די אַזויגערופענע „מײַסים־טויווים־פּרעמיע". ס'איז צוגעשט געוואָרן דער אופטו פונעם סענטימענטאַלן פילאַנטראָפּ זשאַן־באַטיסט־אַנטואַן־ראָבער אָזשע באַראָן דע מאָנטיאָן (1733—1820), וועלכער האָט אין 1782 יאָר מענאַדעוו געווען א געוויסע סומע אַף דעם, אַז אַלע יאָר, אין דעקאַבער, זאָלן די „אומשטערבלעכע" באַלוינען מיט א באַשיידענער פּרעמיע „ליטעראַרישע ווערק פון מאָראַליש דערהויבענעם כאַראַקטער" און „דעם אָרעמען פראַנצויז, וואָס איז באַגאַנגען דעם סאַמע נאָבעלן טאַט". פאַר זײַנע מײַסים־טויווים האָט דער סענטימענטאַלער באַראָן געהאַט די ערע פאַרעכנט ווערן נאָכן טויט אין דער צאָל פון די 40 מיטגלידער פון דער אַקאַדעמיע.

איצט אַבער געהערט אַף מײַרעוו דאָס וואָרט „מײַסים־טויווים" צו די פאַרגעסענע ווערטער, און די פראַנצויזישע „אומשטערבלעכע", קעדיי ניט אָפּשטיין פונעם יאָרהונדערט, האָבן באַשטימט, אַז פּאָפּולאַריזירן און פאַרטיידיקן אַזאַ וואַרט איז א שווערע און אַלטמאָדישע פליכט. און טאַקע, ווען מען קאָנען רעגן די פּיסנע „מאָנטיאָן־פּרעמיעס", ווען אין פּאַריזש איז שוין געשאַפן אַן עראָטיק־אַקאַדעמיע, אין דענעמאַרק איז פאָרגעקומען דער ערשטער „פּאָרנאָגראַפיע־יאַריד", און דער יונגער פראַנצויזישער קינאָ־רעזשיסער זשאַק סקאַנדעליאַרי שאַפט א פילם לויטן בוך פונעם מאַרקיז דע סאַד „פילאָסאָפיע אין בודואַר".

אין אָט דעם עראָטיש־פילאָסאָפישן ווערק האָט דער סקאַנדאַליעז באַרימטער מאַרקיז גערופן די „טײַוועניקעס פון ביידע געשלעכטער און פון אַלע עלטערס" „צערײַסן און צעטרעטן די אַבסורדאַלע און געפערלעכע קייטן פון דער באַרימטער מאָראַלישקײַט". דער פילם „פילאָסאָפיע אין בודואַר" וועט טאַקע דעמאָנסטרירן פאַר די צושויער אַלע מינים סעקסועלע פאַרקריפּלונגען.

ל. פּאַוולאָוו („ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ")

◇ דער אווטאָר פון „ראָבינזאָן קרוזאָ". ווער קען ניט דאַניעל דעפאָ (1660—1731), דעם אווטאָר פון די וועלט־בארימטע פאַסירונגען פון ראָבינזאָן קרוזאָ, וואָס האָט געלעבט אַף א ניט־באַווינטן אינדזל.

ווייניק ווער עס ווייסט אָבער, אז דעפאָ האָט אָנגעשריבן צענדליקער אנדערע ביכער, וועלכע די „פּלעיאַד־קאָלעקציע" האָט צונויפגענומען אין צוויי ריזיקע בענדער.

אלס זײַן בעסט ווערק ווערט פאַרעכנט „מאָל פלאַנדערס", וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין עלטער פון עטלעכע און זעכציק יאָר און וואָס שילדערט אַן עמעסע געשיכטע פון אַן אוואַנטיוריסטקע, וועלכע איז געווען צוועלף יאָר א פּראָסטיטוטקע, האָט פינף מאָל כאַסענע געהאַט (דערין איין מאָל מיטן אייגענעם ברודער), איז צוועלף יאָר געווען א גאַנעוועטע און איז געווען אכט יאָר אין פאַרשיקונג פאַר אירע פאַרברעכנס.

◇ א שעדעווער, וועלכן מע זעט ניט. די רעדאַקציע פון דער ענגלישער צײַטונג „אָבסערווער" האָט באַקומען פאָלגנדיקן בריוו: „אַף מיר האָט געמאַכט א שטאַרקן אײַנדרוק די אָפּגעדרוקטע אין אײַער צײַטונג מיטיילונג, אז דער הער סעמיועל בעקעט האָט אָנגעשריבן א פּיעסע אונטערן נאָמען „אָטעם־צוג", וואָס דויערט אינגאַנצן 30 סעקונדעס און אין וועלכער ס'איז נישט פאַראַן ניט קיין פּערזאָנען, ניט קיין דיאַלאָגן. כ'האָב נאַרוואָס אָנגעמאָלט א בילד, נישט אָנקומענדיק ניט צו קיין לײַוונט, ניט צו קיין פאַרבן, און איך בין זיך באַגאַנגען, פאַרשטייט זיך, אָן א ראַם. דאָס בילד הייסט „דער ווינט" די גרייס פונעם בילד — צוויי אַף צוויי דיוימס".

◇ דער איקער — אָפּעראַטיווקײַט. די פעדעראַלע אויספאָרשונג־ביוראָ פון פשא האָט פאַנאַנדערגעשיקט די פּאָליציי־פאַרוואַלטונגען איבערן גאַנצן לאַנד פיר פאָטאָגראַפיעס פון א געפערלעכן פאַרברעכער, וועלכן מ'האָט געדאַרפט דרינגענד פאַרהאַלטן. די פאָטאָס האָבן געוויזן דעם פאַרברעכער אין פּאַס, הינטן־ארומער, אין פּראָפיל, פון לינקס און פון רעכטס. אין עטלעכע שאָ ארום איז אַפן נאָמען פונעם דירעקטאָר פון דער פעדעראַלער אויספאָרשונג־ביוראָ הוווער אָנגעקומען פונעם שעף פון א פּראָווינציעלער פּאָליציי־פאַרוואַלטונג אזא טעלעגראַמע: „איך האָב באַקומען די פאָטאָגראַפיעס און האָב אַרעסטירט אלע פיר מענטשן".

די פּאָעמע איז פונסנײַ אנטדעקט

די מיטאַרבעטער פונעם מיזרעך־קענטעניש־אינסטיטוט פון דער גרוזינישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע מ. טאַדוא און א. גוואַכאַריאַ האָבן גאַנצע צען יאָר אָנגעשטרענגט געאַרבעט אַף צוגרייטן די אַקאַדעמישע אויסגאַבע אַף דער גרוזינישער שפּראַך פון דער פּאָעמע פונעם קלאַסיקער פון דער פּערסישער און טאַדזשיקישער ליטעראַטורן פּאַכר אַדדין גאָרגאַני „וויס און ראַמין".

די סאָוועטישע געלערנטע האָבן פעסטגעשטעלט, אז דער גרוזינישער „וויסראַמיאַני" איז ניט קיין פרײַע, ווי מע האָט ביז איצט געמיינט, נאָר א פּינקטלעכע איבערזעצונג פון פּערסיש. אָט די אנטדעקונג איז איבערהויפּט וויכטיק דערפאַר, ווײַל דער אָריגינאַל פון דער פּאָעמע איז מיט פיל יאָרהונדערטער צוריק פאַרפאַלן געוואָרן. און איצט איז זי באַוווסט בלויז לויט עטלעכע שפּעטערע מאַנוסקריפּטן. די סאָוועטישע פאָרשער האָבן אופגעשטעלט דעם אָריגינאַל לויט דער גרוזינישער איבערזעצונג. ס'איז באַשטימט געוואָרן צוגרייטן אַן אַקאַדעמישע אויסגאַבע פון דער פּאָעמע אַף דער פּערסישער שפּראַך.

(„פּראַוודאַ")

מומיִעס אַף פאַרקויפן

אין די עגיפּטישע מוזייען איז צונויפגעזאַמלט א גרויסע צאָל פאַרשיידענע כפייצים, וואָס מ'האָט געפונען בייס די אויסגראָבונגען. נאָך מער אַזעלכע כפייצים געפינען זיך אַף די סקלאַדן און אין די שאַצקאַמערס. דעריבער האָט מען באַשטימט פאַרקויפן עגיפּטישע אַלטערטימלעכע רעליקוויעס די טוריסטן.

מע וועט פאַרקויפן וואַזעס, צירונג און סאַרקאָפאַגן, אפילע מומיִעס פון מענטשן און הייליקע באַלעכאַיִם. די קויפערס וועלן באַקומען דאָקומענטן, וואָס באַשטעטיקן די עכטקײַט פון דעם מוזיי־עקספּאָנאַט. דער גענעראַל־דירעקטאָר פונעם אַלטערטימלעכקײַטן־אָפּטייל פונעם קאַירער מוזיי דאָקטאָר גאַמאַל מוכטאַר האָט געמאָלדן, אז דאָס אויספאַרקויפן כפייצים און מומיִעס וועט ניט ברענגען קיין שאָדן די עגיפּטישע קאָלעקציעס, ווײַל פאַרקויפן וועט מען בלויז דובליקאַטן.

לעבאַטכילע וועט פאַר דעם דאָזיקן איניען פאָרקומען בלויז אַן אַאוקציאָן אין קאַיִר, דערנאָך וועלן, וואַרשײַנלעך, זיך עפענען ספּעציעלע מאַגאַזינען אין לאָנדאָן, פּאַריז און אין אנדערע שטעט. ס'ווערט אויך פאָרויסגעזען פאַרקויפן קאָלעקציעס עגיפּטישע אַלטערטימלעכקײַטן די מוזייען פון אייניקע אוניווערסיטעטן און אנדערע לערן־אנשטאַלטן, וואָס זײַנען פאַרינטערעסירט צו באַרײַכערן זייערע פאָנדן. דער אַלטערטימלעכקײַטן־אָפּטייל פונעם קאַירער מוזיי באַקומט שוין איצט הונדערטער בריוו מיקויעך דעם איניען פון פאַרשיידענע לענדער פון דער וועלט.

דאָס געלט, וואָס וועט געלייזט ווערן פאַר די עגיפּטישע אַלטערטימלעכע רעליקוויעס, וועט מען אויסנוצן אַף קולטור־צוועקן. אזוי, צום בײַשפּיל, איז שוין אָנגעמערקט אסיגנירן 17 מיליאָן דאָלאַרן אַף בויען נײַע מוזייען אין קאַיִר, אַלעקסאַנדריִע און אין אנדערע שטעט פון דער פאַרייניקטער אראַבישער רעפּובליק.

(„זאַ רובעזשאָם")

די פײַערונג פון איציק פעפערס 70־טן געבורטסטאָג

דעם 23 סענטיאבער איז אין קיִעווער ליטעראַטן־הויז פאָרגעקומען א גרויסער אָנדענק־אָוונט, געווידמעט איציק פעפערן. דער אוקראַיִנישער דיכטער פּאווּלאָ אוסענקאָ האָט אין זײַן אַרײַנפיר־וואָרט גערעדט וועגן פעפערס בײַטראָג אין דער יִדישער און אוקראַיִנישער ליטעראַטור.

א פאָרטראָג וועגן פעפערס לעבן און שאפונג האָט געהאַלטן דער יִדישער שרײַבער הערשל פּאָליאנקער.

מיט אינטערעס האָט דער עולם אויסגעהערט די דערינערונגען פון איינעם פון די עלטסטע אוקראַיִנישע שרײַבער איוואַן לע וועגן זײַן פרײַנטשאפט מיט איציק פעפערן. עס זײַנען אויך ארויסגעטראָטן די שרײַבער לעאָניד ווישעסלאַווסקי און דמיטראָ קאָסאריק.

מיט לידער, געווידמעט פעפערן, זײַנען ארויסגעטראָטן די יִדישע דיכטער ריווע באַליאַסנע, דאָרע כײַקינע, מאָטל טאַלאַלאַיעווסקי, מישע מאָגילעוויטש, פיניע קיריטשאַנסקי. מיקאָלא באָזשאן און מארק זיסמאַן האָבן געלייענט אוקראַיִנישע איבערזעצונגען פון פעפערס דיכטונג.

צום סאָף פונעם אָוונט זײַנען פאָרגעלייענט געוואָרן באַגריסונגס־טעלעגראַמעס פון שרײַבער, ארטיסטן, לייענער. זײַן וואָרט לעקאָוועד פעפערן האָט צוגעשיקט דער אָנגעזעענער אוקראַיִנישער דיכטער פּעטראָ פּאַנטש, וועלכער האָט איבער זײַן געזונט־צושטאנד ניט געקאָנט בײַזײַן אפן אָוונט.

אין פאָיע פונעם ליטעראַטן־הויז איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַן אויסשטעלונג פון פעפערס ווערק אין יִדיש און אין אנדערע שפּראַכן, ווי אויך פון פילצאָליקע פאָטאָ־דאָקומענטן.

דער אָוונט האָט זיך פאַרענדיקט מיט א רײַכן קאָנצערט, אין וועלכן עס האָבן אָנטײלגענומען ארטיסטן פון דער קיִעווער פילהארמאָניע און פונעם ליטעראַרישן טעאַטער „סלאָוואָ".

דעם פעפער־יובילײ האָט ברייט אָפּגעמערקט די פּרעסע. ספּעציִעלע ארטיקלען זײַנען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער קיִעווער „ליטעראַטורנא אוקראַיִנא", אין די מאָסקווער צײַטונגען „ליטעראַטורנאיא גאַזעטא" און „ליטעראַטורנאיא ראָסיִא", אין „ביראָבידזשאַנער שטערן" אא.

דער רוסישער דיכטער פּאַוועל אַנטאָקאָלסקי שרײַבט אין זײַן ארטיקל וועגן פעפערן („ליטעראַטורנאיא ראָסיִא"):

„אין פעפערס דיכטונג לעבט און פּולסירט דער ריטם פון דער גרויסער צײַט, עס הערט זיך דאָס צאָקען פון דער רויטער קאַוואַלעריע, די לידער פון די פּראָלעטארישע פאָלקן און דרוזשינעס, די טריט פון די בויער פון דניעפּראָהעס... פעפערס העלדן זײַנען האָרעפּאַשניקעס — מענטשן, וועלכע זײַנען פּילבאר צו יענעמס ליידן, זיי האָבן ליב דאָס לעבן און דאָס לעבעדיקע וואָרט..."

איציק פעפער און שלוימע מיכאָעלס אין אמעריקע (1943)

פון רעכטס אף לינקס: אי. פעפער, ש. האלקין, פ. מארקיש (1947)

איציק פעפער מיט זײַן פרוי (קיִעוו, 1939

פון אונדזער פאָטאָ־אַרכיוו

איציק פעפער (1938)

פון רעכטס אף לינקס: א. קושניראָוו, דער צווייטער — ניט פעסטגעשטעלט, אי. פעפער, ש. ראָסין, ש. גאָדינער (1934).

נאָטיצן אפן קאלענדאר

שרייבער און ווערק

מיט 80 יאָר צוריק, דעם 23 נאָיאַבער 1890, איז אין מאָסקווע געבוירן געוואָרן דער דיכטער און דראַמאַטורג מוישע בראַדערזאָן.

מ. בראָדערזאָן האָט געלעבט און געשאַפן דעריקער אין לאָדזש. די יאָרן פון מילכאָמע און רעוואָליוציע האָט ער דורכגעמאַכט אין מאָסקווע. אין 1918 האָט ער זיך אומגעקערט

קיין לאָדזש, נאָר אין אָנהייב פון דער צווייטער וועלט־מילכאָמע, ווען די היטלעריסטן האָבן זיך אַריינגעריסן קיין פוילן, איז ער ווידער געוואָרן א מאָסקווער.

אין 1913 האָט מ. בראָדערזאָן דעביוטירט מיט זיין ערשטן לידער־ביכל „שווארצע פליטערלעך“. פון דעמלט אָן האָט ער פארעפנטלעכט א גרויסע צאָל לידער און פאָעמעס, וועלכע זיינען מערסטנטייל אריין אין זיינע ביכער. מיר ברענגען דאָ א טייל פון זיי: „טוי“ (מאָסקווע, פארלאג „לעבן“, 1919), „פערל אפן ברוק“ (לאָדזש, פארלאג „יונג יידיש“, 1920), „באגייסטערונג“ (לאָדזש, פארלאג „יידיש“, 1920), „שווארץ־שאבעס“, „איבערגאנג“ (דאָרט, 1921). אין די יאָרן 1920—1921 איז אין לאָדזשער פארלאג „יונג יידיש“ דערשינען בראָדערזאָנס א ריי דראמאטישע ווערק אונטערן אלגעמיינעם נאָמען „פארשטעלונגען“. צווישן זיי: „א כאסנקע“, „שניי־טאנץ“, „צונגען־לונגען“, „מאלקע שוואָ“, „טכיאס־האמייסים“, „דער רויטער רייטער“, „מאנדראגארן“ און אנד.

מ. בראָדערזאָן איז איינער פון די גרינדער פון די רעוויו־טעאטערס „כאד־גאדיע“ און „אראראט“, וועלכע האָבן געהאט גרויס דערפאָלג אין ווארשע, לאָדזש, ווילנע. ער איז דער איבערזעצער פון אלעקסאנדער בלאָקס בארימטער פאָעמע „צוועלף“ (די דאָזיקע פאָעמע האָט איבערגעזעצט אין יידיש אויך אלטער קאציזנע). אין באזונדערע ביכער זיינען דערשינען פיל פון זיינע פאָעטישע ווערק פאר קינדער: „סיכאס כולן“ (מאָסקווע, פארלאג „כאווער“, 1917), „טעמערל“, מיט צייכענונגען פון י. טשייקאָוו (דאָרט) אא. בראָדערזאָנס פיעסע „ערעוו יאָמטעוו“ איז אין 1947 אופגעפירט געוואָרן אין מאָסקווער יידישן מעלוכע־טעאטער.

מ. בראָדערזאָן איז געשטאָרבן אין ווארשע דעם 17 אווגוסט 1956.

דעם 21 נאָיאַבער 1900, מיט 70 יאָר צוריק, איז אין בוטאטש, מיזרעך־גאליציע, געבוירן געוואָרן דער היסטאָריקער עמאנועל (מענאכעם) רינגעלבלום.

ע. רינגעלבלומס נאָמען אלס יידישער היסטאָריקער איז ברייט באַקאנט געוואָרן נאָכן דערשיינען פון זיין בוך „קסאָווים פון געטאָ“ (ווארשע, פארלאג „יידיש בוך“). די דאָזיקע „קסאָווים“, וועלכע שטעלן מיט זיך פאָר רינגעלבלומס „טאָגבוך פון ווארשעווער געטאָ“, האָבן זיך באוויזן אדאנק דעם אווטאָרס אונטערערדישן געטאָ־ארכיוו, וועלכן ער האָט געזאמלט דריי מיט א האלבן יאָר, אָנגעהויבן פון די לעצטע כאָדאָשים פון 1939. צוליב קאָנספיראטיווע טיימים האָט רינגעלבלום אָנגערופן דעם ארכיוו מיטן נאָמען „אוינעג־שאבעס“. וועגן דעם כאראקטער פון „אוינעג־שאבעס“ שרייבט רינגעלבלום פאָלגנדיקס: „אלץ, וואָס איך האָב זיך אין מעשעך פון טאָג אָנגעהערט, האָב

איך אין אָוונט פארנאָטירט און פארזען מיט מיינע העאָרעס“. די ארכיוו־מאטעריאלן זיינען אין מעטאלענע שאכטלעך באהאלטן געוואָרן אין דער ערד. נאָך דער באפרייונג פון פוילן האָבן די מיטארבעטער פונעם ווארשעווער יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט ארויסגענומען זיי פון דער באהעלטעניש. ווען די מאטעריאלן זיינען געבראכט געוואָרן אין אָרדענונג, האָבן זיי זיך ארויסגעוויזן אלס זעלטענער דאָקומענט ניט בלויז אין דער יידישער היסטאָריאָגראפיע, נאָר אויך אין דער וועלט־ליטעראטור וועגן געשיכטע, זייענדיק א זיכערער און אאוטענטישער מאָקער אף צו דערלערנען די געשיכטע פון די יידן בייס דער צווייטער וועלט־מילכאָמע.

ע. רינגעלבלום האָט באקומען בילדונג אפן הומאניטארן פאקולטעט פונעם ווארשעווער אוניווערסיטעט. מיט זיין פאָרשן די יידישע געשיכטע האָט אָנגעפירט דער באוווסטער יידישער היסטאָריקער ייצכאָק שיפּער. אין 1927 האָט רינגעלבלום פארטיידיקט א דיסערטאציע וועגן דער געשיכטע פון יידן אין ווארשע און באקומען דעם דאָקטאָר־טיטל.

עמאנועל רינגעלבלום איז דערמאָרדעט געוואָרן אין ווארשע דעם 7 מארט 1944, אין עלטער פון 44 יאָר. די נאציס האָבן אים מיט נאָך 37 יידן אנטדעקט אין א בונקער אף דער

„ארישער“ זײַט, דה. מיכוץ די גרע־נעצן פון דער ייִדן־געטאָ.

דעם 25 נאָיאבער ווערט 120 יאָר, זינט עס איז געבוירן געוואָרן איינער פון די גרונטלייגער פון דער ייִדי־שער וויסנשאפטלעכער שפראכפאָר־שונג, דער פילאָלאָג אלפרעד לאנדוי.

א. לאנדוי שטאמט פון בראָד, מיז־רעך־גאליציע. אין עלטער פון 15 יאָר איז ער אריבערגעפאָרן קיין ווין, ווּ ער האָט געענדיקט דעם יורידישן פא־קולטעט פונעם אוניווערסיטעט. 12 יאָר האָט ער פראקטיצירט אלס אד־וואָקאט. אין 1887 פארלאָזט ער די יורידישע פראקטיק און גיט זיך אָפּ אינגאנצן דער וויסנשאפטלעכער טע־טיקייַט אין געביט פון פילאָלאָגיע.

פיל יאָרן האָט א. לאנדוי געזאמלט מאטעריאלן פאר ייִדישער גראמאטיק און פאר א ווערטערבוך. ער האָט זיך געשטעלט די אופגאבע צו פּיק־סירן דעם מאצעוו פון דער ייִדישער שפּראך, ווי זי ווערט גענוצט אין זײַן היימשטאָט בראָד. א גרויסער קענער פון דער דײַטשישער דיִאלעקטאָלאָ־גיע, אויך פון די סלאווישע שפּראכן, פארמאָגנדיק א טיפן כוש פאר דער ייִדישער שפּראך, האָט ער אָנגע־שריבן א ריי פילאָלאָגישע מאָנאָגרא־פיעס וועגן ייִדיש. צוזאמען מיט דר. ש. ווײַסענבערג האָט א. לאנדוי פארעפנטלעכט אויך אן אָפּהאנדלונג וועגן דער ייִדישער קלעזמער־שפּראך.

צום 75־טן געבורטסטאָג פון א. לאנדוי האָט די פילאָלאָגישע סעק־ציע פונעם ווילנער ייִוואָ, בעראָש מיט מ. ווײַנרײַך און ז. רייזען, ארויסגעגעבן אין 1926 א לאנדוי־בוך.

א. לאנדויס לעבנסווערק „ווערטער־בוך פון דער ייִדישער שפּראך“ איז, ליידער, ניט פארענדיקט. דעם 27 מארט 1935 איז לאנדוי געשטאָרבן אין ווין. זײַן לינגוויסטישע ירושע איז אריבער אין רעשוס פונעם וויל־נער ייִוואָ און איז, אפּאָנעם, צוזאמען מיט אנדערע וויסנשאפטלעכע אויצ־רעס פון ייִוואָ פארניכטעט געוואָרן דורך די היטלעריסטישע אָקופּאנטן.

לאָמיר זינגען פֿײַנע לידער

דאָס ליד פון א שנײַדער

ווערטער פון אווראָם גאָנטאר

מוזיק פון לייב יאמפּאלסקי





נו, איז וואָס זשע, אז ס'איז ווינטער,
אז אין דער שטוב איז קאַלט?
ניט געזאָרגט זיך, פריילעך, קינדער!
מ'איז דאָך ניט אין וואַלד.

כ'זינג מיר סײַוויסײַ באם נייען,
זאָרגן — ניט קעדײַ!
זאָלן ווינטן הוליען, דרייען —
ס'איז שוין סײַוויסײַ.

ברויט מיט קנאָבל איז א מײַכל,
ווען עס ברענט דער פראָסט.
פרילינג טוט די זון א שמייכל,
און קיין געלט עס קאָסט.

זינג איך סײַוויסײַ באם נייען,
זאָרגן — ניט קעדײַ!
ס'וועט דער פרילינג אויך פארגייען —
אַלץ וועט גיין פארבײַ...

ס'איז דער פרילינג גיך אנטלאָפן,
זומער איז שוין דאָ.
הוליעט, קינדער, ניט געשלאָפן,
איצט איז אונדזער שאָ!

זינג איך סײַוויסײַ באם נייען,
זאָרגן — ניט קעדײַ!
כ'קען אן אוגערקע פארדייען,
שלינגען קײַ־און־שפּײַ...

הארבסט. די קינדער אויסגעגעבן,
אָפּגעטאנצט אין ראָד.
אָפּשטופּן א פינצטער לעבן
איז א גרויסער שאָד.

זינג איך סײַוויסײַ באם נייען,
וויינען — ניט קעדײַ!
זאָל דאָס רעדעלע זיך דרייען,
אַלץ וועט גיין פארבײַ.

В ПОМОЩЬ ИЗУЧАЮЩИМ ИДИШ

2. Письменно переведите указанный текст на русский язык.

3. Устно дайте полные ответы на следующие вопросы (ответы, как и вопросы, на еврейском языке):

1) ווער האָט זיך אַרייַנגעריסן אין אָדעס? 2) ווער איז עוואַקויִרט געוואָרן אין דער ערשטער רייַ? 3) פאַרוואָס האָבן זיך ניט עוואַקויִרט אַליע און לֿענע? (ווייַל — потому что), 4) מיט וועמען שטעלן זיי איין א קאָנטאַקט און דורך וועמען? 5) וואָסערע אופטראָגן האָט געגעבן די אָנפירונג פון די פּאַרטיזאַנערביידע שוועסטער? 6) וואָס האָבן געטאָן די שוועסטער אַף צו ראַטעווען יידן? 7) וויִאזוי איז אויסגעניצט (была использована) געוואָרן די שוועסטערס דירע אין קאַמף (в борьбе) מיט די אָקופּאַנטן? 8) וויִאזוי פאַרשפּרייטן (распространяют) די שוועסטער די סוואָדקעס פון דער סאָווינפאָרמביוראָ און פלוגבלעטלעך? 9) וויִאזוי ניצן אויס די שוועסטער זייער באַקאַנטשאַפט מיט די רומענישע און איטאַליענישע סאָלדאַטן? 10) וועמען העלפן זיי אַנטלויפן און וויִאזוי? 11) וויִאזוי ניצט אויס לֿענע איר אַרבעט בא א דייַטש אין זייַן קלייט?

4. Из первого абзаца текста выпишите: а) слова с немым алефом (см. № 1 за 1969 год, стр. 160, пункт г); б) слова с диакритическими знаками; объясните себе их употребление (см. № 2 за 1969 год, стр. 159); в) существительные ед. числа с указанием их формы множ. числа; г) существительные множ. числа с указанием их формы ед. числа; д) глаголы с ударной приставкой (в абзаце три таких; они даны в формах настоящего времени, и потому ударная приставка дана как отдельное слово; см. № 10 за 1969 год на стр. 159, гл. IX).

Упр. Образуйте однократные глаголы с корнями следующих глаголов: לאַכן: בייַסן (с перегласовкой) ווייַזן, (без перегласовки) שלייַדערן (швырять), דונערן (греметь), פּליִען, לויפן, טאַנצן, וואַרפן (א—אָ: с перегласовкой), קנייַפּן (щипать; с перегласовкой) פייפן (свистеть; без перегласовки).

XVIII. ОСОБЫЕ СЛУЧАИ УПОТРЕБЛЕНИЯ ВСПОМОГАТЕЛЬНОГО ГЛАГОЛА С ОСНОВОЙ זאָל

Этот глагол служит, во-первых, для образования форм условного наклонения (об этом см. гл. XV, в № 6 за 1970 год). Но помимо того, он, сочетаясь с инфинитивом другого глагола, придаёт ему различные добавочные грамматические значения, а именно:

1) значение повеления, предостережения, просьбы или совета. Примеры:

(דו) זאָלסט קומען (זאָל ער קומען, איר זאָלט קומען, זאָלן זיי קומען) וואָס פריִער! — приди (пусть он придет, прийдите, пусть они придут) чем раньше!

(דו) זאָלסט ניט קומען (זאָל ער ניט קומען, איר זאָלט ניט קומען, זאָלן זיי ניט קומען) צו שפּעט! — не приходи (пусть он не приходит, не приходите, пусть они не приходят) слишком поздно!

Так образуется **сложное повелительное наклонение**[1] в формах II лица (זאָלסט קומען!, איר זאָלט קומען!) и III лица (זאָל ער קומען!, זאָלן זיי קומען!).

2) значение действия не фактического, а желательного, требуемого, сомнительного и т. п. — в придаточных предложениях. В русском языке соответственно употребляется сослагательное наклонение с союзом **чтобы** в начале придаточного предложения. Примеры:

דער דירעקטאָר האָט געהייסן (האָט געפאָדערט, האָט געוואָלט, האָט געזאָגט, האָט געבעטן), (אַז) אַלע מיטאַרבעטער זאָלן בייַזייַן אַף דער פאַרזאַמלונג — директор велел (требовал, хотел, сказал, просил), чтобы все сотрудники присутствовали на собрании;

איך מיין ניט, אַז דער אָפּמאַך זאָל נאָך הייַנט געשלאָסן ווערן — я не думаю, чтобы договор был заключен еще сегодня.

1 О формах простого повелительного наклонения (типа (קום! קומט!) — см. гл. X в № 10 за 1969 год.

3) значение действия или состояния как предмета непроверенных слухов или предположений. В русском языке это значение обычно выражено союзом **будто** — в придаточном предложении. Пример:

וועגן אונדזער נײַעם **פאַרוואַלטער** שמועסט מען, **ער** זאָל זײַן **זייער א שטרענגער** — о нашем новом заведующем поговаривают, будто он слишком строгий.

4) значение действия, совершение которого связано с колебаниями, нерешительностью субъекта действия. В русском языке такому сочетанию соответствует форма инфинитава (неопределенная форма глагола), а субъект действия выражен дополнением в форме дательного падежа. Примеры:

ער ווייסט ניט, וואָס ער זאָל טאָן. — он не знает, что ему делать.

וואָס זאָל **איך** טאָן? — что мне делать.

5) значение действия или состояния, вызывающего удивление или возмущение. В русском языке такое значение может быть выражено различными лексическими средствами. Пример:

א באָכער זאָל **שטענדיק** טראַכטן **נאָר וועגן איין זאך — וועגן פוטבאָל!** — как это парень может думать вечно об одном — о футболе!

Или:

У этого парня всё футбол на уме!

Упр. Переведите на еврейский язык:

1. Дядя просил, чтобы вы ждали его до трех часов. 2. Мы хотели бы, чтобы сын жил вместе с нами. 3. Мало вероятно, чтобы дождь так скоро перестал. 4. Напомните дочери, чтобы она не опоздала к поезду. 5. Теперь 6-^{30}. Пусть дети еще играют на дворе.

Слова:

мы хотели бы — **מיר וואָלטן געוואָלט**; мало вероятно — **ס'איז ווייניק וואַרשײַנלעך** (также: **ס'איז קוים צו גלייבן**); напомнить — **דערמאָנען**; играть *(развлекаться)* — **שפּילן זיך.**

Работа над текстом

Прочтите отрывок из рассказа Ширы Горшман **„ווי די פֿלעדערמויז**[1] **איז א מענטש געוואָרן“** „Как летучая мышь[1] вышла в люди“ (в № 6 за 1970 год, стр. 20 от слов **„נו, און די זיבעטע טאָכטער...“** до слов **„...הערנדיק איר קלינגענדיק קאָל.“** Для этого выполните следующие работы:

1. Выпишите из отрывка все не понятные вам слова. Об их значениях спрашивайте у говорящих на еврейском языке. Здесь мы даем перевод минимального числа слов — только таких, значение которых может быть не совсем ясным и владеющим разговорным еврейским.

Слова:

1) **פלינקער,** 2) **בייגעוודיקער,** 3) **שטיפער,** 4) **אָפענער מויעד,** 5) **זײַן באהאוונט** אין עפּעס (**איז געווען באהאוונט**), 6) **בראַנד,** 7) **מעליקע וואָלקנס.**

Их перевод:

1) ловкий, шустрый, 2) гибкий, 3) шалун, сорванец, 4) *здесь:* светлая голова *(дословно:* открытый мозг), 5) хорошо знать *(что-либо)*, 6) *здесь:* огонь *(дословно.* пожар), 7) тучи муки.

Кандидат филологических наук

М. Шапиро

---

[1] Прозвище одного из персонажей (девушки), в устах родителей звучащее как ласка

צו די לייענער און געזעלשאַפטלעכע פֿאַרשפּרייטער פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד“

די בעסטע מאַטאָנע צום צעניאָריקן יובילײ פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד“ איז — אַבאָנירן אַפֿן זשורנאַל נײַע לייענער. אויב דאָס האָט זיך אײַך אײַנגעגעבן, בעטן מיר וועגן דעם מיטיילן דער רעדאַקציע.

די צאָל זײַטן אין „סאָוועטיש היימלאַנד“ ווערט פֿאַרגרעסערט פֿון 160 ביז 192. די אַבאָניר־פּרײַז בלײַבט די זעלבע, וואָס פֿריִער, — 50 קאָפּ. פֿאַר א נומער, 6 רובל פֿאַר 12 נומערן.

רעדאַקציע פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד“.

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД (СОВЕТСКАЯ РОДИНА)

Ежемесячный литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

(На еврейском языке)

Год издания десятый

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор А. Вергелис.

Редколлегия: И. Борухович, А. Гонтарь, М. Лев (ответственный секретарь), Нотэ Лурье, Б. Миллер, Г. Ошерович, И. Рабин, Р. Рубина, И. Фаликман, С. Фрай.

Адрес редакции журнала: Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны: главный редактор — 228-27-91; ответственный секретарь — 294-46-69; отделы прозы и поэзии — 228-49-42; отдел критики — 223-96-07.

Художеств. и техн. редакция: И. Шустер, С. Черняк

Корректор Х. Поташник

Подписано к печати 16/X-1970 г. Формат 70×108 1/16. Печ. л. 10+0,25 вкл. (14,35). Бум. л. 5+0,125. Цена 50 коп. Зак. 2753.

Московская типография № 7 Главполиграфпрома Комитета по печати при Совете Министров СССР Пер. Аксакова, 13.

Цена 50 коп.

70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 11

1970

В НОМЕРЕ:

По следам событий.

80-я годовщина со дня рождения Л. Квитко. Стихи поэта; Г. Ременик. О творчестве Л. Квитко.

Стихи А. Вергелиса, М. Талаевского, Г. Релеса, П. Киричанского.

Из зарубежной еврейской поэзии. Стихи И. Гольдберга, Д. Тейтельбаум.

Рассказы И. Фаликмана, М. Кобрянского, А. Леса, А. Нюренберга.

Литературная критика.
Библиография.
Вопросы искусства.

И. Серебряный. К 75-летию со дня рождения А. Гурштейна.

Литературный дневник. В. Огнев. Беседа об Александре Блоке. Глава из поэмы А. Блока «Двенадцать» (перевод М. Бродерзона).

Г. Березкин. Поэт и его время.

Наши сообщения.

Комментарии редакции.

Заметки букиниста. Библиография. Разное. Хроника. Заметки на календаре.

Из нашего фото-архива.

М. Шапиро. Беседы о еврейском языке.